STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06268

IN FARTEYDIKUNG FUN KIND

M. Bloshtein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין פארטיידיקונג פון קינד

און אריינפיר אין

פסיכאָלאָגיע, קינדער פסיכאָלאָגיע און דערציאונג

(אין דער פאָרמע פון 3 בריוו צו א מוטער)

האנטבוד פאר עלטערן און דערציער

פון מ. בלאָשטיין

הויפט־לערער און פארוואלטער פון דער וויניפעגער (קאנאדע) ארבעטער־
רינג פרייהייט־טעמפל שול, מיטלשול, פראָסעמינאר און קינדערגארטן
(1934—1921)

וויניפעג, קאנאדע, 1934

געדרוקט אין "דאָס אידישע וואָרט" 25

געווידמעט דעם הייליקן אנדיינק
פון מיין ליבי פאטער און לערער.

הרב אברהם צבי בר' דוב
בלאשטיין

במקום הקדמה

ס׳האָט זיך שוין געשאפן א מנהג אזא צו שרייבן הקדמות צו חבורים. כ׳וועל זיך מודה זיין, אז איך אליין לייען זעלטן ווען א הקדמה. כ׳וואָלט דערפאר מיט פארגעניגן אויך מיינע לעזער פארשפּאָרט די טרחה פון ניט לייענען מיין הקדמה . . . קאָן איך אָבער נישט ברעכן דעם מנהג פון שרייבן הקדמות, מחמת צוויי טעמים. ראשית, וויל איך פארשפּאָרן די קריטי־קער מיינע פון אן איבעריקער טרחה, פון געפינען אן איבער־ריקן דורכריים; נישקשה, זיי וועלן האָבן גענוג דורכרייסן צו נאָטירן. והשנית, פיל איך פאר מיין חוב צו דערמאָנען צום גוטן חברים (דאָס ווייזט משמעות, אז איך האָב פון זיי קיין סך גוטס ניט געהאט, אנדערש וואָלט איך זיי געדארפט זיין א שונא . . . אזוי פירט זיך שוין מקדמונים אין אונזער וועלטל). פיל איך, הייסט עס, פאר מיין חוב צו דערמאָנען צום גוטן די חברים, וואָס האָבן דורך זייער איינפלוס און דורך זייער מי, דערמעגלאכט די דערשיינונג פון אָט דעם בוך.

נאָך אלס שטודענט פון מעדיצינישן פאקולטעט אין רוס־לאנד, האָב איך זיך שוין אינטערעסירט מיט פסיכאָלאָגיע. דעם אמת׳ן שטוים אָבער זיך צו ווידמען דעם דאָזיקן קעגנשטאנד האָט מיר געגעבן ליבוש לערער, אפן שול צוזאמענפאָר פון ארבעטער רינג שול טוער און לערער אין פילאדעלפיע, 1921. זיין צוגאנג איז פאר מיר געווען אן אמת׳ע אנטפלעקונג. פאר־שטארקט דעם חשק מיינעם צו שטודירן פסיכאָלאָגיע האָט פּראָפ. דר. פישל שניאורסאָן דורך זיין שאפן און זיינע לעק־ציעס. זיי ביידע האָבן מיך געלערנט פארשטיין די נשמה פון קינד. דערפילן אָבער די דאָזיקע נשמה האָט מיך געלערנט דער גייסטיקער ריז און מענטשן פריינט רודאָלף ראָקער. געשאפן אין מיר א שטימונג פון הייליקייט און דערהויבנקייט האָט דר. נ. י. שטיינבערג, דורך זיינע ווערק, דורך זיינע "פרייע שריפטן", און דורך זיין לעבן.

דער אטעם פון זייער גייסט מוז זיך, אָן צווייפל, פלין אין די שורות פון דער דאָזיקער שאפונג מיינער. וויל איך טאקע אויסדריקן מיין באגייסטערונג און ליבע די דאָזיקע לערער מייַנע, כאָטש אייניקע פון זיי קאָן איך נישט פערזענלאך.

אין פלוג גענומען וואָלט איך געקענט מיט דעם פארענדיקן מיין "הקדמה", וועל איך עס אָבער ניט טאָן. איז שוין יאָ עמיצער "ארייגעפאלן", האָט זיך שוין יאָ עמיצער "ארייננעכאפט" אין דער הקדמה, זאָל ער שוין אויסטרינקען דעם בעכער ביזן דעק. זאָל ער אויך וויסן, אז א גאנצע ריי חברים און חבר'טעס האָבן מיט זייער מי און אינספיראציע געשאפן די פינאנציעלע מיטלען פאר דעם דאָזיקן בוך. מיין הארציקסטן דאנק דעם דאָזיקן קאָמיטעט, און זייער פאָרזיצער ח' פייוול סימקין, פארן געבן מיר די געלעגנהייט אויסצודריקן מיין הייליקע ליבע צום קינד, צו דער אידישער ליטעראטור און צו לעגענדעס. מיין ביינקשאפט נאָך א מענטשלאכער וועלט פון מענטשלאכע מענטשן; מיין הארציקן דאנק זיי פארן געבן מיר די געלעגנהייט ניט צו לערנען, דאָס טוען און זאָלן טאָן אנדערע, נאָר צו רעדן צו טאטעס, צו מאמעס און צו דערציער ווי א פריינט, ווי א חבר, צו טיילן זיך מיט זיי מיט מיין באשיידענעם וויסן, מיט מיין באשיידענער דערפארונג, צו וועקן און רופן זיי אינם קאמף פארן רעכט פונם קינד אויף זיין אייגנארטיקייט, אויף זיין קינהייט, און אָנצוואווייזן, צו ציען די אויפמערקזאמקייט אויף די "שדים" און "רוחות", וואָס לויערן אויפן קינדס נשמה, און אויף דאָס זוניק־הימלשע, וואָס איז פארלייגט אינם קינד; מיין הארציקסטן דאנק זיי פאר דעם.

מיט חבר'שן גרוס,

מ. בלאָשטיין.

ערשטער בריוו

"זייערע "צרות"!"

ליבע מוטער !

דאָס מאָל, טייערע מוטער, וועל איך מיך, הויפּטזאַכלאַך, אָפּשטעלן נאָר אויף איין באַמערקונג פון אייער בריוו. איך טו עס נישט דערפאַר חלילה, וואָס איך זאָל נישט האָבן דערפילט דעם שטילן צער און דעם טיפן ווייטיק, וואָס קרעכצט אַרויס פון צווישן די שורות, פון אייער שרייבן; איך טו עס אויך ניט דערפאַר חלילה, וואָס כ׳זאָל ניט האָבן באַנומען די טראַגעדיע פון אייער "צעבראָכן" לעבן, פון אייער "גיהנום" אין האַרצן; ניין, ניט דערפאַר שטעל איך מיך דאָס מאָל אָפּ נאָר אויף איין זאַץ פון אייער בריוו, און לאָז אַ גאַנצע ריי פּראָבלעמען, וואָס איר רירט זיי אָן, מיט אַזויפיל האַרץ און מיט אַזויפיל בלוט, צו ענטפערן אויף זיי, ביי אַן אַנדער געלעגנהייט; ניין, ניט דערפאַר; איך טו עס אַזוי, מחמת דעם, וואָס אייער פאַרצווייפלטער אויסגעשריי "זייערע "צרות"!" ווייזט מיר אָן אויף דער אמת׳ער צרה פון אייערע, אָבער לחלוטין נישט זייערע צרות.

דער הילך פון אייער אויסגעשריי, דער קרעכץ אייערער, וואָס באַגלייט דעם דאָזיקן אויסגעשריי, ווייזט מיר אויף דער ריכטונג, אין וועלכער איך דאַרף זוכן די סיבה פון אייערע, און נישט נאָר פון אייערע, צרות . . . אין דעם דאָזיקן אויסגעשריי אייערן, ליבע מוטער, הער איך נישט נאָר אייער קול. אַלע, כמעט, אַלע מאַמעס און טאַטעס האַלטן אין איין שליידערן אין פּנים זייערע קינדער דעם "זייערע "צרות"!". דער דאָזיקער סאַרקאַזם איז מיר גוט באַקאַנט; איך הער אים און דערפיל אים אויף יעדן שריט און טריט. גיט צו דעם "איך אין זייערע

יאָרן", דעם "עס ווערט משוגע פון וואוילטאָג", דעם "זיינע "זאָרגן"!" — און איר האָט פאַר זיך א בילד פונם בליק פון אונזערע, כמעט אלע, טאַטעס און מאַמעס אויפן לעבן פונם קינד. איר האָט זייער צוגאַנג צום קרבן פון אלע קרבנות, צו דעם אומשולדיקסטן קרבן פון אונזער איצטיקער געזעלשאַפט־לאַכער אָרדנונג, פון אונזער היינטיקער ציוויליזאַציע, איר האָט זייער צוגאַנג צום קינד. דער צוגאַנג, ליבע מוטער, דעמאָנ־סטרירט בולט ווי "טיף" מאַמעס און טאַטעס פאַרשטייען זיי־ערע קינדער, דער צוגאַנג, טייערע מוטער, סיגנאַליזירט די גרויסע סכנה פאַר קומענדיקע דורות, און וואַרפט א ליכט אויף דער סבה פון אויסעסן זיך דאָס האַרץ, אויף דער סבה פון מרה שחורה שטימונגען, פון בלוטנדיקע וואונדן אין הערצער פון א סך טאַטעס און מאַמעס פון היינט.

ש. ראָזנפעלד ברענגט אין זיין "אידישער געשיכטע" ישראל בעל שם טוב'ס אזא משל: "אמאָל האָט א תלמיד חכם גע־וואוינט אין איין הויז מיט א בעל־מלאכה. ביידע פלעגן זיי גלייך פרי אויפשטיין. איינער פלעגט אוועק אין בית־המדרש לערנען און דאַווענען, און דער אנדערער האַרעווען און אַרבעטן. אַרום האַלבן טאָג פלעגט זיך דער תלמיד חכם אומקערן אהיים א צופרידענער, מחמת ער האָט אזויפיל געלערנט, אזוי פיין געדאַוונט. דער בעל־מלאכה פלעגט ערשט קוים איצט לויפן אין בית־מדרש אריין כאַפּן א קדושה און אויף גיך אָפּצודאַוונען. אלע טאָג פלעגן זיי זיך אין דער צייט באַגעגענען. דער תלמיד־חכם פלעגט א שמייכל טאָן און זיך זאָגן: "וואָס פאַר א חילוק צווישן מיר מיט אים!" אין איין צייט זיינען זיי ביידע גע־שטאָרבן. אין הימל האָט מען געפרעגט דעם תלמיד חכם: "וואָס האסטו געטאָן אויף יענער וועלט?" — "איך האָב פיל געלערנט, פיל און מיט כוונה געדאַוונט". "און מיט בטול פלעגט ער אויסלאַכן דעם אָרימען בעל־מלאכה, וואָס ער פלעגט באַגע־גענען, גייענדיק פון בית־המדרש". — האָט צוגעגעבן דער הימלשער באַשולדיקער. און אז מען האָט אָפּ איין וואָגשאָל אַרויפגעלייגט דאָס גאַנצע לערנען און ס'גאַנצע דאַוונען פונם תלמיד חכם, און אויף דער אנדערער — דעם ביטול שמייכל,

האָט דער לעצטער אריבערגעוואויגן. האָט מען דעם תּלמיד־חכם אריינגעוואָרפן אין גיהנום. איצט האָט מען געפרעגט דעם בעל־מלאכה : "וואָס האָסטו געטאָן אויף יענער וועלט?" — "איך האָב שווער געאַרבעט, כדי צו שפּייזן מיין פאַמיליע. כ'האָב קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט ווי געהעריק צו דאַווענען. און לערנען ? לערנען האָב איך קיינמאָל ניט געקענט", — האָט דער אָרימאַן געענטפערט. — "ער האָט אָבער שטענדיק אַ זיפץ געטאָן, בעת ער האָט באַגעגנט זיין שכן, דעם תּלמיד־חכם."— האָט זיך אריינגעמישט דער הימלשער פּאַרטיידיקער. האָט מען דעם אָרימען אַרבעטער אריינגעזעצט אין גן־עדן".

יאָ, ליבע מוטער, פאַר דעם בטול שמייכל אויף די צרות פון די קינדער, טראַכט איך מיר אָפּט, פאַרדינען טאַטעס און מאַמעס זייערע גיהנומ'ס אין זייערע היימען !

ביי סענקעוויטשן איז פאַראַן אַ דערציילונג "יאַנקאָ דער שפּילער". וואו יאַנקאָ פלעגט נאָר גיין און שטיין, פלעגט ער הערן געזאַנג, פלעגט ער הערן שפּילן. די בוימער, די בלימעלאַך, דער טייך, דער ווינט, אַלץ, די גאַנצע נאַטור אַרום אים פלעגט פאַר אים זינגען און שפּילן. און געווען איז דאָס אַ שפּילן פון פרייד, אַ געזאַנג פון דערהויבונג. פאַרצאַפּלט פלעגט יאַנקאָס הערצעלע ווערן פונם גן־עדן געזאַנג, וואָס פלעגט אים איידעלען און צערטלען, וואָס פלעגט אָנפילן זיין נשמה מיט ליכט און וואַרימקייט, וואָס פלעגט אויפוועקן אין אים אוצרות פון שיינקייט, און אים באַפליגלען מיט הימלשע חלומות. יעדעס מאָל, ווען דאָס קינד פלעגט אהיימקומען פון פעלד, צי פון וואַלד, און דערציילן דער מוטער וועגן דעם געזאַנג, וועגן דעם שפּילן, וואָס ס'הערט, פלעגט די מוטער אים גוט אָנשלאָגן פאַר די "ליגנס". וואָס ס'האַלט אין איין דערציילן. "ווייסט גאָט וואָס וועט פון אים ווערן!", פלעגט זיך טראַכטן די "אומגליקלאַכע" מוטער. די מוטער האָט איר האָפנונג איינגאַנצן ניט געהאַט פאַרלאָרן, פאַרקערט, זי איז געווען זיכער, אז ס'וועט איר געלינגען "אַרויסצושלאָגן", "אַרויסצוקלאַפּן" פונם קינד די געוואוינהייט זיינע צו זאָגן ליגן. ס'האָט אָבער, פאַר יאַנקאָן,

פאַרט געזונגען. זיין אויער האָט פאַרט געהערט געזאַנג. אָבער גאָר אַן אַנדער געזאַנג כאַפּט איר, ליבע מוטער, אויף.

יאָ, נאָר אַ צאַרטע נשמה, ווי אַ נשמה פון אַ מאַמען, דער־הערט דאָס "געזאַנג" פון איר קינד, דערהערט און דערפילט. און כאָטש איר זייט ניט גערעכט, בויג איך אײַן טיפן צער און מיטגעפיל מיין קאָפּ פאַר אייך, ליבע מוטער. די הונדערטער מאַמעס, די צענדליקער — טויזנטער מאַמעס, וואָס האָבן געגנוג געדולד צען מאָל אַ טאָג אָנצוטאָן און אויסצוטאָן דאָס קינד, פירנדיק דאָס קינד אין אַ קינדער גאָרטן; די הונדערטער און טויזנטער מאַמעס, וואָס זיצן קוים מיט די כחות, מחמת, שלאָפלאָזע נעכט, מחמת שווערער האָרעוואַניע, און הערן הונ־דערטער און הונדערטער לעקציעס איבער דערציאונג; די הונ־דערטער און הונדערטער מאַמעס, וואָס פאַרטרערן זיך אַזוי פאַרצווייפלט, אַזוי בלוטיק פאַרן לערער, וואָס האָבן אַזויפיל געדולד, אַזויפיל צייט און אַזויפיל כח פאַרן קינד — אָט די הונדערטער מאַמעס, אָט די טויזנטער, די הונדערטער טויזנ־טער שטילע, גרייטע און שטומע מאַרטירער, וואָס ניט יעדערער זעט זייערע טרערן, אָט די מאַמעס שטייען פאַר מיינע אויגן, ווי הייליקע; אָט די מאַמעס דערהערן דאָס "געזאַנג", דערפילן דאָס "געזאַנג", וואָס "גרילצט" אַרויס פון דער נשמה פונם קינד. אָבער דאָך . . . דאָך, ווייטיקט די בטול באַציאונג, דער בטול שמייכל צום קינדס זאָרגן, ווייטיקן און ליידן, דאָך ווייטיקט עס אפילו דעמאָלט, ווען עס קומט פון צעבראָכנקייט און פון פאַרצווייפלונג.

יאָ, אמת, גאָר אַן אַנדער "געזאַנג" "זינגט" אַרויס פון די ווענט, פון דער סטעליע, פון זעצן זיך צום טיש, פון עפענען די טיר, פון זאָגן גוט מאָרגן, גאָר אַן אַנדער "געזאַנג" זינגט אַרויס פון יעדער היים; דאָס דאָזיקע געזאַנג איז פול מיט טרויער, פול מיט צער, פול מיט פאַרצווייפלונג און אַנטטוישונג. דאָ און דאָרטן ווערט דאָס דאָזיקע געזאַנג פאַרשטיקט אָדער גאָר פאַר־באַהאַלטן; דאָ און דאָרטן הערט מען נישט דאָס דאָזיקע גע־זאַנג, מחמת שווערער האָרעוואַניע, מחמת שווערן ביטערן לעבן, וואָס ברעכט, וואָס דערשלאָגט, און בויגט; דאָ און דאָרטן

זיינען טאטע און מאמע אפשר גאָר פארנומען מיטן לעבן פאר זיך אין אזא מאָס, אז ס'איז נישטאָ קיין צייט אף צו טראַכטן, אויף צו זען, אויף צו דערפילן; אָבער דאָרטן, וואו מען זעט, און זען זעען דאָך א סך. דאָרטן וואו מען איז נישט "פאר־שיכור'ט" פונם לעבן, דאָרטן, וואו מען איז נישט פארשקלאפט צום מעבל, צו קליידער און עטיקעטן, דאָרטן "זינגט" אייך גלייך אנטקעגן דער טרויער זיין פארצווייפלט לידל. דאָרטן באמערקט איר גלייך אין די קנייטשן פון די, נאָך גאָר, גאָר יונגע אָפּטמאָל, פנים'ער "וויינטן פון טעג"... יאָ, ליבע מוטער, ס'איז אמת, "ס'זינגט" — יאָ, ליבע מוטער, דער טרויער איז א בארעכטיקטער, די פראגע איז נאָר, צי דאָס קינד איז אין דעם שולדיק.

אין יעדן ווינקעלע פון דער היינטיקער היים קאָן מען גע־פינען א טרער. יעדער פאטער און יעדע מוטער און בכלל יע־דער אומצופרידענער, וואָס דער נייער דור איז פאר זיי א ספינקס, וואָס דאָס געזאנג פון נייעם דור גרילצט זיי אין די אויערן, יע־דער פאָטער און יעדע מוטער, וואָס פארטראכטן זיך זייער ווייניק אָדער גאָרניט וועגן אומשטענדן, צייט און אָרט, וואָס זוכן נישט קיין סבות און קאָנען ניט פארטראָגן קיין אנדער געזאנג, א חרץ זייערס, האלטן אין איין שליידערן אין פנים די קינדער און דער יוגנט דעם "זייערע "צרות"!", האלטן אין איין פארגלייכן דעם אמאָל מיטן היינט, האלטן אין איין אראָפּ־קוקן פון אויבן אראָפּ אפן יונגן דור, וואָס איז, אין זייערע אויגן נישט ווערט די טאטעס און די מאמעס, האלטן אין איין וויינען. אין יעדן ווינקעלע קאָנט איר געפינען א טרער פון פארביטערטע, פארצווייפלטע טאטעס און מאמעס. און ס'איז קיין וואונדער ניט. ווארפט נאָר א טאטע צי א מאמע דעם בליק אויף צוריק, פארטראכטן זיי זיך נאָר וועגן נעכטן, ווערט פינס־טער דער היינט און גרוי דער מאָרגן.

מענטשן בכלל, און מיר בפרט, זיינען בטבע ראָמאנטיקער, מען האָט אונז באזונגען און מען האלט אונז אין איין באזינגען אין משך פון דורות, דעם ליכטיקן, דעם ערלאכן, פול מיט פראכט און גלאנץ עבר, מען האָט אונז געהאלטן אין חדר אין

איין דערציילן וועגן דער וואונדערבאר שיינער, לויטערער און זוניקער פארגאנגענהייט, איז אונז טאקע אריין אין בלוט און אין פלייש די טבע צו גלאָריפיצירן דעם נעכטן. די נעכטנס זעען בכלל אוים ליכטיקער, זוניקער פאר די היינטן. די שאָטן זייטן פון די נעכטנס פארשווינדן דאָך פאר די היינטן. די היינטן אָבער שטייען נעבאך פאר אונזערע אויגן מיט זייערע שאָטן זייטן גרוי און ניט אָנציענד. פארגלייכן מיר די נעכטנס, וואָס שטייען פאר אונז געליטערטע און גע׳טובל׳טע, מיט די גרויע היינטן, פארלירן די לעצטע ביים פארגלייך. קומען טאקע פון דעם א סך צרות.

קומען טאקע א סך צרות (ניט אלע), קומען טאקע א סך ליידן (ניט אלע) פון אונזער ראָמאנטישקייט, פון אונזער ביינק־שאפט נאָכן געליטערטן און גע׳טובל׳טן, נאָכן אָפגעווישטן פונם שטויב פון לעבן, נאָכן צוציענדיקן נעכטן. קומען טאקע א סך צרות פון אונזער זען פאר אונזערע אויגן דעם דור פון היינט, אָבער ניט די אומשטענדן פון היינט; קומען טאקע א סך צרות און ליידן פון דעם, וואָס מיר פארגלייכן נישט די אומ־שטענדן פון היינט מיט די אומשטענדן פון נעכטן, וואָס מיר ווילן נישט פארשטיין, אז אין נייע צייטן זינגט מען נייע לי־דער; קומען טאקע א סך טרערן פון דעם, וואָס אונזער אויער וויל נישט דערהערן, אָדער קאָן נישט פארנעמען דאָס גרויסע, דאָס הערלאכע געזאנג, וואָס רייסט זיך ארויס פון צווישן דעם גערויש, פון צווישן דעם געטומל פונם היינט, וואָס אונזער אויג קאָן ניט דערזען, וואָס אונזער קאָנסערוואטיווער מח קאָן ניט פארשטיין, אז מיר לעבן אין אן ערב, אז מיר לעבן אין א צייט פון א געבורט פון א נייער וועלט. ערשט דונערט און בליצט, ערשט ווערט דער ליכטיקער הימל פארשאָטנט מיט וואָלקנס, וואָס ווארפן אָן אן אימה, וואָס ברעכן איבער די ליכטיקע זו־ניקע שטראלן, ערשט שפעטער — קוויקן זיך די בלי־מעלאך און גרעזעלאך מיט די רעגן טראָפּנס, נאָך וועלכע זיי זיינען אויסגעגאנגען אין זייער בייִנקשאפט, אין זייער דורשט נאָך זיי. ערשט טראָגט איבער די מוטער גיהנום ליידן פון ווײ־טיקן, ערשט גייט זי אָפּ מיט בלוט, און ערשט שפעטער —

באווייזט זיך איר אפן פנים דער הימל־ליכטיקער שמייכל פון פרייד און גליק. יאָ, ליבע מוטער, מיר לעבן אין אן ערב, מיר לעבן אין אן ערב פון געבורט פון א נייער וועלט. וואָלט אפשר א סברה געווען צו פארטראכטן זיך און צו פארשטיין, אז געבאָרן ווערט קיין זאך נישט שטיל, ניט אין נאטור, און ניט אין לעבן, און אז דער דאָזיקער טומל, דער דאָזיקער ערב איז אין א גרויסער מאָס שולדיק אינם "געזאנג" פון אונזערע קינדער.

י. ל. פרץ מאָלט אונז אין זיין "פאקיר" א מענטשן, מיט א גראדן רוקן, א מענטשן, וואָס קען זיך נישט חנפה׳נען, וואָס קען זיך נישט בויגן, וואָס איז אפשר געבאָרן געוואָרן צו פרי. ער וויל אנטשלאָפן ווערן, כדי אויפצושטיין ערשט דעמאָלט, ווען די וועלט וועט זיין א וועלט פון שטאָלצע מענטשלאכע מענטשן, פון מענטשן מיט גלייכע רוקנס. בעט ער דעם פאקיר ער זאָל אים איינשלעפערן. דער פאקיר דערלאנגט אים אָבער א פרעג, ווער עס וועט אים אויפוועקן. ענטפערט דער דאָזיקער מענטש, אז "וועקן וועט אים די צייט. אָבער שטיל וועט זי די דאָזיקע צייט, ניט קומען". לערנט אונז דען פרץ דורך דער דאָזיקער דערציילונג ניט, ליבע מוטער, אז צייט האָט אין זיך א גוואלדיקן כח, אז זי שאפט מענטשן שיר ניט לויט איר קאפּריז, אז יעדע צייט שאפט זיך איר מין מענטשן, און אז צייטן בייטן זיך (און גאָר ניט שטיל), און מיר מיט זיי. וואָלט אפשר געווען א סברה מיר זאָלן אונזער אויג ווארפן אויף די אומשטענדן פון אונזער צייט. אפשר וועלן מיר אויף אזא אופן נעמען פארשטיין די סבה פון אונזערע ווייטיקן און ליידן. אפשר וועט דאָס פארשטיין די סבה אונז ניט נאָר בארואיקן, נאָר אויך אויסלערנען צו פארנעמען דאָס גרויסע געזאנג, וואָס די היינטיקע צייט זינגט.

מיר לעבן איצט אין א בין־השמשות צייט. מיר לעבן אין א צייט פון אונטערגאנג פון מאָראלן, פון אונטערגאנג פון אמת׳ן פון היינט, מיר לעבן אין א צייט פון געבורטן פון נייע אמת׳ן און פון נייע מאָראלן. די לעצטע מינוט פארן זון אויפגאנג איז די פינסטערסטע. אזא מינוט מוז פארלירן אין די

אויגן אפילו פון א מענטשן, וואָס בייענקט נאָך ליכט, אָבער, וואָס קאָן זיך געדולדיק ניט אריענטירן אין דעם ארום, וואָס האלט אין איין פארגלייכן דעם היינט מיט נעכטן, מיט דעם נעכטן, וועלן פון אויבן אויף האָט געהערשט רואיקייט, מחמת די אומרואיקייט איז געווען געשמידט אין קייטן, אין קייטן פון אמונה, אין קייטן פון אבערגלויבנס, אין קייטן פון פינסטערער נוים.

קיינער וועט ניט לייקענען, ליבע מוטער, אז ס'האלט גאָר־ניט פויגלדיק מיט אונזער דור, קיינער וועט אייך ניט לייקע־נען, אז ער איז אנדערש. קיינער וועט עס ניט לייקענען. א בלינדער קאָן דערזען און דערפילן די נשמה'לאָזיקייט, די גע־פיללאָזיקייט פון אונזערע קינדער. אונזערע קינדער נעמען וועלט און מענטש פראָבלעמען שווין צו גרינג. דאָס שניידט פשוט אין הארצן. טראַכט איר זיך אָבער ניט געגוג טיף אריין אין די סבות, קאָנסטאנטירט איר נאָר פאקטן, באטראכט איר דעם ענין סטאטיש. קאָנט איר טאקע אנדערש ניט ווי נאָר פארצווייפלט ווערן. "געדיינקט איר", שרייבט איר אין אייער בריוו, "געדיינקט איר" דוד איינהאָרנס "אידיליע", געדיינקט איר די גאָלדענע ווערטער, וואָס שפיגלען אָפּ די שטימונגען פון דער דעמאָלטדיקער יוגנט, געדיינקט איר, דעם חלום פון דעם יונגן פארליבטן, וואָס וויל אז זיין ליבסטע זאָל זיין "א בלאסע, א פארקלערטע, מיט אויגן פאר'חלום'טע, אָפענע, צארטע און בלויע, אזוי ווי אין פרילינג דער הימל", " מיט שווארצע צע־וואָרפענע זיידענע לאָקן, וואָס זאָלן באזוימען איר פנים דעם בלאסן", און זיין וויל ער, "זאָל זי א טאָכטער פון יענע געבוי־גענע פינסטערע הייזלאך", און האָבן זאָל זי "אן אלטינקע מאַ־מע, מיט אויגן, וואָס וויינען און קושן צוזאמען" — נו ? פאר־גלייכט דאָס מיט די ליבעס פון היינט, מיט די ביינקשאפטן פון היינטיקער יוגנט. ווייסט איר ווי אונזער יוגנט זינגט, טאנצט, לעבט, און וועגן וואָס זי חלום'ט?"

ניין, איר זייט נישט גערעכט, נישט גערעכט, ליבע מוטער. אמת, מען מעג בייענקען נאָך אזא דור, פונקט ווי מיר קאָנען און מעגן בייענקען נאָך א לעבן, פול מיט הימל און מיט זון. איר

זייט אָבער נישט גערעכט. איר זייט נישט גערעכט נישט נאָר דערפאַר, וואָס אין דעם בילד, וועלכן איר מאָלט, האָט איר פאַרגעסן אַריינצוגעבן די שאָטן זייטן פון יענער צייט. נייט איר זייט שולדיק אין דעם, וואָס איר האָט זיי פאַרגעסן, זיי האָבן זיך פשוט "אָפּגעריבן" אין אייער זכרון, דאָס איז א געזעץ פון דער נאַטור. ניט נאָר דערפאַר זייט איר נישט גערעכט. איר זייט ניט גערעכט, ליבע מוטער, מחמת איר האלט אין איין פאַרגלייכן, פאַרגעסנדיק צייט, אָרט, סביבה און אומשטענדן. איר זייט שטאַרק אומגערעכט, מחמת איר פאַרגעסט דעם פאַקט, אַז דער היינט דאַרף געבאָרן א ליכטיקן מאָרגן, אַז דער היינט איז אַן ערב, און אַז יעדער ערב איז פול מיט אומרו, פול מיט שרעק. דאָס ווירקט אַפן קינד, דאָס צעטומלט דעם קינד. ווער קאָן עס באַגייסטערט זיין פון וואָלקנס, ניט וויסנדיק, ניט פאַרשטייענדיק זייער אומפאַרמיידלאַכקייט און זייערע אויפגאַבן. ווער קאָן עס תמיד בגייסטערט זיין פון וואָלקנס, ניט פאַרשטייענדיק, אַז זיי וועלן סוף־כל־סוף פאַרשווינדן, אַז ברענגען וועלן זיי לעבן, פרייד און וואוקס. ווער קען דאָס באַגייסטערט ווערן פון דער פינסטערניש, וואָס די וואָלקנס ברענגען ? אפשר וואָלט איך איינגעאָרדנט די נאַטור דערשיינונגען אַנדערש. כ'וואָלט אפשר געשאַפן נאָר זוניקייט, נאָר טאָגיקייט, נאָר וואַרימקייט און נאָר ליכט. די צרה איז אָבער וואָס מען האָט ביי מיר זיך דעמאָלט ניט אָנגעפרעגט. מען האָט זיך מיט מיר קיין עצה ניט געהאַלטן. אָבער פאַרשטיין די דאָזיקע דערשיינונגען מעגן מיר דאָך יאָ. און ניט נאָר דאָס. ס'איז נאָך א פראַגע, א גרויסע פראַגע צי אַזוי ליבט א פולקאָם געזונטער מענטש. צופיל גייסט, האַלטן היינטיקע קינדער־פּסיכאָלאָגן, איז אָפּטמאָל ניט קיין גוטער סימן. צופיל גייסט איז אָפּטמאָל א סיגנאַל פון א פאַרבאָרגענעם, א פאַרבאַהאַלטענעם קאָנפליקט אין נשמה.

די רעליגיעזע קולטור, פון וועלכער מיר הייבן זיך ערשט איצט אָן צו באַפרייען, פון וועלכער מיר הייבן זיך ערשט איצט אָן אַרויסצושיילן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, וועלכע מיר הייבן איצט אָן צו זען מיט אַנדערע אויגן, פון וועלכע מיר ווילן

איצט ארויסציען דאָס קערנדיקע, דאָס אייביק עכטע, דאָס אייביק גילטיקע פאַר אַלע צייטן און אַלע דורות. די רעליגיעזע קולטור האָט אונז נישט געלערנט צו פאַרבינדן דערשיינונגען מיט אַרט, מיט צייט און מיט אומשטענדן. זי האָט אונז נישט געלערנט צו זען דאָס לעבן אין איר דינאַמישקייט, אין איר געזעצמעסיקייט, אין איר אייביקער באַוועגונג, אין איר שטענדיקן בייטן זיך, האָבן מיר זיך טאַקע אויף אַזאַ אופן צוגעוואוינט סתם צו פאַרגלייכן. קומען טאַקע פון דעם סתם פאַרגלייכן אַ סך צרות, קומט טאַקע פון דעם פאַרצווייפלונג און צעבראָכנקייט.

נאָמבערג מאָלט אונז, אין איינער פון זיינע דערציילונגען, אַזאַ בילד: אָדם און חוה שטייען ביים טויער פון גן־עדן טרייסטלאָז, פאַרצווייפלט, און וויינען. מען טרייבט זיי פון גן־עדן אַרויס. אַזוי ווי זיי שטייען, קומט צו זיי צו אַ מלאך׳ל מיט ליכטיק־בלויע אויגעלאַך און קוקט זיי, מיט טיפן רחמנות אין זייערע אויגן אַריין. אָדמ׳ען און חוה׳ן ווערט גרינגער, מחמת דאָס מלאכ׳ל קושט זיי אַרויס מיט זיין אומשולדיקן, צאַרטן, פול מיט ליבע, בליק זייער צער, זייער ווייטיק. און טאַקע, יעדעס קינד איז דאָך אָט יענער, ריינער, הייליקער מלאכ׳ל, מיט די ליכטיקבלויע אויגעלאַך, וואָס קושט פון אונז אַרויס אונזער צער, אונזער ווייטיק. יעדעס קינד באַשטראַלט דאָך די היים מיט ליבשאַפט, מיט פרייד און מיט וואַרימקייט. יעדעס קינד איז דאָך פול מיט געהייליקטער ליבע, פול מיט געהויבענער שיינקייט און פריידיקן טרייסט. באַמערקן מיר אָבער, אַז וואָס עלטער דאָס קינד ווערט, אַלץ שוואַכער ווערט דאָס ליכט, וואָס לויכט פון אים אַרויס, אַלץ טונקעלער און קעלטער די שטראַלן. קאָנסטאַנטירט איר אָבער נאָר דעם פאַקט, און ניט די אומשטענדן, זייט איר אומגערעכט צום קינד. ניט דאָס קינד איז שולדיק, וואָס אַנשטאָט אַ גאָרטן, אין וועלכן ס׳זאָלן אַריינוואַקסן, אין וועלכן ס׳זאָל זיך אַריינגלידערן, געפינט עס אַ זומפּ, צוגעגרייט פאַר אים פון דורות.

איך האָב ערגעץ וואו געלייענט אַ מעשה׳לע פון אַ פאַרצווייפלטן פרינץ, וואָס ביי אים איז געבאָרן געוואָרן אַ קינד

מיט פליגעלאך. ער האָט אָנגעווענדעט אלע מיטלען די פליגע־לאך זאָלן ניט וואקסן. ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפן. האָט אים זיינער א מיניסטער אן עצה געגעבן ער זאָל זיין קינד דער־ציען אין א שטאָט צי אין א שטוב, וואו מ׳האלט זיך אין איין קריגן, וואו מען האלט אין איין זידלען זיך, וואו מען איז פאלש, וואו מען זאָגט ליגן, וואו איינער דעם צווייטן איז א שונא, וואו מען בייסט זיך, וואו מען רייסט זיך, וואו מען האסט זיך. ער האָט געפאָלגט דעם בעל־יועץ. ס׳האָט לאנג נישט גענומען די פליגעלאך האָבן אָנגעהויבן איינצוטריקענען, ביז זיי זיינען שפורלאָז פארשוואונדן. נו, ליבע מוטער! קוקט זיך צו צום ארום; קוקט זיך צו, ווי זאט, צופרידן, ווי קליינלאך דער ארום איז. קוקט זיך צו צום היינט, ווען אין אלע שטעט, און כמעט אין אלע היימען, הערשט דער גייסט פון סדום ועמורה; קוקט זיך צו, און איר וועט דערזען די סבה אי פון אייערע אי פון זייערע צרות. איז טאקע ביטער. איז אָבער נאָך ביטערער דער פאקט, וואָס מאמעס און טאטעס האלטן, אז שולדיק איז דאָס קינד, אז אין אים, אין אָט דעם "גזלן", אין אָט דעם "שד", וואָס ערשט נעכטן איז ער געווען א "מלאך", אז אין אים ליגט די גאנצע צרה און ניט אין אונזער סביבה, ניט אין אונזער ארט לעבן. האלט איך, אז די גרעסטע סכנה פארן קינד און פאר דער צוקונפט ליגט פון דער בלינדקייט, פון דער פינסטערקייט פון אונזערע מאמעס און טאטעס. האלט איך, אז די דאָזיקע בלינדקייט, די דאָזיקע פינסטערקייט איז דער קוואל פון זייערע און אייערע צרות, ליבע מוטער.

ווייטער שרייבט איר מיר, ליבע מוטער, אז דאָרטן, אין דער אלטער היים האָבן אונזערע יאָסעלאך (יעקב דינענזאָן) און אונזערע מאָטקעלאך (ש. אש) געהאט נאָר איין זאָרג — א שטיקעלע ברויט צו זאט. "דאָס דאָזיקע האָט דאָך דערשטיקט אלע זייערע פארלאנגען, דאָס דאָזיקע האָט דאָך געדריקט אזוי אומ׳ברחמנות׳דיק, דאָס דאָזיקע האָט דאָך געהאקט פליגלען, און פאר׳חושכ׳ט זייער לעבן. הונגער, וואָס פאר א חלף דו ביסט פאר דער נשמה פונם קינד! אָבער דאָך, דאָך זיינען זיי אויסגעוואקסן מענטשן, מיט פליגלען און מיט גייסט. געדיינקט

איר דעם פאַל מיט קאַליאַיעווען. די אָרגאַניזאַציע שטעלט איין לעבנס פון די בעסטע און הערלאַכסטע, זי גרייט צו אַן אַטענ־טאַט אַף אַ רשע, אַ גרויס־פּירשט. קאַליאַיעוו שטייט מיט דער באָמבע און וואַרט. די קאַרעטע באַווייזט זיך, ער לויפט צו נע־ענטער, ער הויבט אויף זיין האַנט, כדי צו וואַרפן די באָמבע, ער דערזעט אָבער אין קאַרעטע צוויי קינדער, ער קאָן נישט וואַרפן די באָמבע, ער קערט זיך אום צוריק, דער אַטענטאַט איז דורכגעפאַלן. וויפל הארץ, וויפל הייליקייט דאַרף מען פאַר־מאָגן, כדי אַזוי צו האַנדלען און ווען? ווען מ'שטייט פּנים אל פּנים מיט אַ שרעקלאַכן טויט. אָט וועט ער אויפרייסן אַ קאַרעטע מיט אַ רשע און אַליין אפשר צעריסן ווערן אויף שטיקער. ער ווייסט, אַז ער טוט אַ הייליקע זאַך. ער וועט אויפוועקן די עפנטלאַכע מיינונג צו דעם רשעות, וואָס ווערט געטאָן איבער צענדליקער מיליאָנען פאַרשקלאַפטע, צעפּייניקטע, פאַרהונגער־טע מאַסן. ער איז גרייט צו שטאַרבן, ער געזעגנט זיך מיטן לעבן, אַלץ אין אים איז שוין אַטראַפירט, אָבער דאָס הייליקע פייערל פון ליבע צום קינד לעבט נאָך אין אים! געדיינקט איר ש. אַנ—סקיס "גובערנאַטאָרס טאָכטער"? זי איז דאָך סיי־ווי־סיי אַ קריסטין. זי לעבט נאָר אָפּן פּאַס פון אַן אידישער מיידל. זי קען דאָך אַזוי גרינג זיך שמד'ן, און אויף אַזאַ אופן קריגן דאָס רעכט צו וואוינען אין פּעטערבורג, און אומגעשטערט אָנ־צופירן איר רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. ניין, זי קען דאָס נישט טאָן, זי קאָן זיך נישט שמד'ן, זי קאָן ניט קוקן גלייך אין פּנים אַריין דעם גלח, מחמת, "ביי אים איז דאָך דאָס אַ הייליקער ענין". געדיינקט איר מיט וואָס פאַר אַ גרייטקייט טויזנ־טער און טויזנטער קדושים וטהורים זיינען פאַרפוילט גע־וואָרן אין די פינסטערסטע קאַזעמאַטן, אויס ליבע צו דער מענטשהייט. וויפל קדוש השם און מסירת נפש געפילן האָבן אַרויסגעלויכטן פון די נשמות פון די דאָזיקע קעמפער?" יאָ, ליבע מוטער, און דאָך, זייט איר אויך דאָס מאָל ניט גערעכט. זיי, אָט די באמת הייליקע, האָבן דאָך אָבער געהאַט אַ סביבה, וואָס האָט געפלעגט אַזוינע שטימונגען, אַזוינע געפילן. זיי האָבן דאָך אָבער געהאַט אַ סביבה, וואָס האָט נישט נאָר ניט

געבראָכן, נאָר, פארקערט, געשטארקט פליגלען און גערופן צו הימל, צו זון און צו ליכט. און ניט נאָר דאָס. אפילו דאָס נעגאטיווע פון אמאָל, יאָ, ליבע מוטער, אפילו דאָס נעגאטיווע פון אמאָל, וואָס האָט געדריקט דעם דור פון נעכטן, האָט גע־האט געוויסע פּאָזיטיווע דערציערישע ווערטן פאר דער פּאָר־מירונג פון קינדס נשמה. דער הונגער, דיליידן האָבן פארבי־טערט די נשמה פון קינד, אָבער אויך געצערטלט. דער הונגער און די ליידן האָבן געשפּייזט די נשמה מיט האס, אָבער אויך ארויסגערופן מיטגעפיל, רחמנות, אויך גענערט דעם ווילן צו טאָן מעשים טובים, אויך צוגעגרייט א באָדן פאר קאמפּלוסטי־קייט, פאר גרייטקייט זיך איינצושטעלן פארן שוואכן, און ליי־דנדיקן. דער הונגער און די ליידן, וואָס מיט זיי איז פול געווען דאָס לעבן פון אונזערע קינדער, האָבן אויך געבאָרן הערצער, וואס האָבן געקריינקט פאר יענעם. "וואָס האָבן זיך געקאָר־טשעט פון פרעמדן שמארץ, און וואָס פלעגן פארברענט ווערן פון יענעמס גיהנום" (ביאליק). דער הונגער און די ליידן זיינען געווען אי אקער אי זאט פאר די טיפסטע מענטשלאכסטע גע־פילן, זיינען געווען אי פייער אי בראנד אָנצעצינדן הערצער. דער הונגער און די ליידן, די פינסטערע קעלערן און די קאלט־סטע בוידעמער, די בײנקשאפט נאָך אביסעלע פרייד, דאָס גאנצע אָרימע לעבן האָט אָפטמאל געצוואונגען קינדער צו זאָגן ליגן, צו — חנפה'נען, צו גנבה'נען (יאָסעלע, יעקב דינענזאָן), אָבער זיי האָבן אויך געשאפן "נשמה'ס מיט שיינע באגערן, באקרוינטע מיט שניר פון פארצויבערטע שטערן, נשמה'ס וואָס זיינען געבענטשט געווען מיט אן אייביקער בײנקשאפט" (לייב נײדום). יעדער טרער, יעדער קרעכץ פונם ארום האָט געוועקט און גערופן דאָס קינד ביז עס האָבן זיך אין זייערע הערצער צע־שאלט טענער פון שטורם ווינטן. יאָ, דער דור איז "געפּאנצערט געווארן מיט שמערץ פון ארום און פון אלע דורות" (ח. גילדין). דער ארום האָט באשאפן "באַנצע שווייגס" (פּרץ) וואָס זייער דערשלאָגנקייט, וואָס זייער געפאלנקייט ביי זיך, 'וואָס זייער ווילנלאָזיקייט קאָן ווייטיקן ביז בלוט; דער ארום האָט געשאפן דעם "הונט" (א. רייזען), וואָס זיין פארביטערטקייט, וואָס זיין

האָס וואַרפט אָן אַן אימה; דער אָרום האָט געשאַפן ווילדע "בריאות" (פּרץ), וואָס זייער שרעק שווידערט אויף די נשמה; דער אָרום האָט אָבער אויך געשאַפן גערשונים, הירש לעקערטס, נפתלי באָטווינס, מאַריאַ ספּערידאָנאָווס, פּעפּערלאַך, האָדעלס (ש. עליכם), וואָס זייער אידעאַליזם, וואָס זייער געזונטער חוש פאַר דער ווירקלאַכקייט, וואָס זייער ליכטיקייט לויכט אונז מיט אַ רעגנבויגן קאָלירן; דער אָרום האָט אויך געשאַפן טביה'ס (ש. עליכם), טרעגערס אין "שלום בית" (פּרץ), דער אָרום האָט אויך געשאַפן מענדלס, שלמה'לאַך און דבורה'ס (שלום אַש), וואָס זייער הערלאַך, מענטשלאַכער גייסט לייכט און וועט אייביק לייכטן. יאָ, ליבע מוטער, אפילו דאָס נעגאַטיווע פון אַמאָל האָט געהאַט געוויסע פּאָזיטיווע דערציאונגס ווערטן. ס'איז געווען אַן אַנדער צייט, ס'זיינען געווען אַנדערע אומשטענדן, אַן אַנדער סביבה איז דאָס געווען. ס'האָט דערשלאָגן, אָבער אויך דערהויבן; ס'האָט אָנגעוואָרפן אַ קעלט, אָבער אויך געוואַרימט; ס'האָט געפינסטערט, אָבער אויך זוניק געלויכטן. אפילו דאָס נעגאַטיווע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָזיטיווע פאַר דער נשמה פונם קינד. דער טאַטע, די מאַמע, דער לערער און די היים זיינען, מיט קליינע אויסנאַמען, געווען אַמאָל טאַטעס, מאַמעס, לערער און היימען!

אָבער היינט, ווען דער אָרום גלאַנצט מיט פאַלשן גלאַנץ, מיט געמאַטערטער פרייד, מיט צעיושעוועטע ליידנשאַפטן, וואָס בושעווען אַרום אונז, אין אונז, און אין אונזערע בעסטע, אָפּטמאָל, היימען; אָבער היינט? היינט, ווען עס פליוכעט אָפן קינד נשמה־לאָזיקייט, געפילאָזיקייט, קעלט און חושך; אָבער היינט? היינט, ווען אונזער לעבן איז געגליכן צום לעבן אין אַ ביליקן קאַפע שאַנטאַן, וואו אַלץ איז ביליק געפאַרבן, ביליק געפודערט, וואו ליבע און שמייכל ווערט געמאָסטן, געוואויגן און געפרייזט, און געשאַנקען אויף באַשטעל מיט אַ מאָס, אויסגערעכנט; אָבער היינט? היינט, ווען אונזער קינד אָטעמט גייסטיקן סם, ווען די בעסטע, וואָס רופט זיך קאַפּיטאַליסטישער גייסט, האָט זיך אַריינגעכאַפּט נישט נאָר אין די היימען, נאָר אויך אין די הערצער פון, אָפטמאָל, די בעסטע פון היינט;

אָבער היינט ? היינט, ווען אלץ יאָגט זיך נאָך געגום און רייכ־טום, אָט דעם היינט, ליבע מוטער, ווילט איר גאָר ניט זען, אָט דעם היינט ווילט איר גאָר נישט פארשטיין. מיר לעבן דאָך היינט אין דער פינסטערסטער צייט, אין דער צייט פון צונויפ־פאל פון קאפיטאליזם, אין א צייט, ווען די מכה האָט געפלאצט, ווען מאטעריע גיסט זיך ! אָבער נישט געפאלן, אויך די מאטע־ריע, אויך זי, וועט האָבן איר דערציערישן ווערט.

דאָס פאלן פון א דור דארף נישט ארויסרופן אין אונז קיין פארצווייפלונג. „ס'איז פאראן א לעבעדיקע גאנצקייט אין דער קייט פון דורות" (שניאורסאָן). מאָרים מעטערלינג לערנט אונז, אז קולטור וואקסט און אנטוויקלט זיך, לויט א זיגזאגן דרך.

פלוצלונג הויבט אָן גייסט צו גיין בארג אראָפ, מענטשן ווערן פארצווייפלט, מענטשן הערן אנטטוישט, מען הערט אויף צו לערנען, מען הערט אויף צו שאפן; אן אומרואיקייט כאפט ארום די וועלט; א ניט פארשטענדלאכע, א ניט דערקלערבארע שרעק רייסט זיך אריין אין לעבן. דער שרעק פארוואנדלט דעם מענטשן אין א חיה. דער מענטש הייבט אָן צו זאָרגן נאָר פאר זיין גוף. דאָס חיה'שע דערוואכט אין אים. ער ווערט אָבער גיך זאט. ער פארבייגקט זיך נאָך גייסט און הויבט אָן צו מארשירן צום הימל. בעת זיין פאלן, פאלט נישט דער מענטש אין גאנצן אראָפ, ער פאלט ניט צוריק אריין אין אָפגרונט, פון וועלכן ער האָט גענומען שטייגן, ער פאלט מיט א פּאָר שטאפלען נידע־ריקער, אָבער דאָך העכער פאר דער אייער נעכטיקער פּאָזיציע זיינער. אזוי, פאלנדיק און שטייגנדיק, גייט די מענטשהייט איר וועג פּאָראויס. 3 טריט אויף פּאָראויס און 2 אויף צוריק. אמת, מיר זיינען ניט ביכולת צו ענדערן די געזעצן פונם לעבן, אָבער פארשטיין דארפן מיר זיי. מיר לעבן היינט אין א טאָל, פול מיט זומפן. דאָס לעבן האָט אונז צוריקגעשליידערט אביסעלע, מיר ווילן, אָבער מאָרגן ווידער זיין אף א בארג, אויף א הע־כערן נאָך. ניטאָ וואָס פארצווייפלט צו ווערן, אָבער זען דעם היינט דארף מען און מען מוז. נאָך מער. זען, טאקע באמת זען, דעם היינט, קאָן ברייגגען גרויסן נוצן, אָבער ווען ? ווען מען פארלייגט ניט די הענט אין א מרה־שחורה, אין א קדיש־

שטימונג. וואָס מער מען זעט דעם היינט, אַלץ שאַטרקער ווערט די בייַנקשאַפט נאָך אַ שענערן מאָרגן. די בייַנקשאַפט איין און אַליין קאָן שוין דערהויבן. זע איך דען נישט דעם חושכ׳דיקן היינט. זע איך דען ניט, און פיל איך דען ניט די בייזע ווינטן, די קעלטן, וואָס טראָגן זיך אַף אונז און אַף אונ־זערע קינדער ? אָבער "דאָס פאַלן פון איין דור איז אַ ליכטיקע בשורה צו התעלות, צו דעם שטייגן פונם קומענדיקן דור" (שניאורסאָן).

דערציילט אונז די לעגענדע, אַז פּרעה האָט אין זיין צייט באַפוילן צו וואַרפן די געבאָרענע אינגלאַך אין טייך אַריין, מחמת ער האָט מורא געהאַט, דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך ניט פאַרמערן. כ׳האַלט, אַז נישט דאָס איז געווען די אמת׳ע סבה. כ׳האַלט אַז ער האָט פּשוט פאָראויסגעזען, אַז ס׳מוז געבאָרן ווערן אַ דערלייזער, אַ משה. כ׳האַלט, אַז ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ליידן וועלן מוזן געבוירן גרייטקייט זיך מוסר נפש צו זיין, זיך מקריב צו זיין פאַר דער באַפרייאונג. אַז ס׳וועט מוזן קומען אַ משה, וואָס וועט די פּראָטעסטן, וואָס יוירן אין די נשמות פון די שקלאַפן בריינגען אין אַ כלל, געבן זיי אַן אויסדרוק.

כ׳האַלט, אַז בפועל ממש אין טייך האָט ער ניט געהייסן וואַרפן, ער פלעגט נאָר הייסן "דערטרינקען" זייער גייסט, אַריינוואַרפן זיי אין טייך פון לעבן, אָפּרייסן זיי פון אָפּגעזונ־דערטקייט, אַריינציען זיי נאָר אינם "טאַנץ" פונם אָרום, אַראָפּ־ציען זיי אין דער נידער, אויסגלייכן זיי מיטן דורכשניט פון לעבן, אָפּהאַקן זיי די פליגלען. נו ? זעען מיר דען נישט היינט, אַן אמת׳ע איבער׳חזר׳ונג פון דער זעלביקער פּרעה׳שער גזירה? מאָרדעוועט דען ניט דער אַרום, דערטרינקט ער דען ניט זייער גייסט, ציט ער דען ניט אַריין די יוגנט אין זיין ווילדן טאַנץ ? מאָרדעוועט דען ניט דער אַרום, דערטרינקט ער דען ניט דאָס אמת מענטשלאַכע, דאָס וואונדערבאַר שיינע, וואָס איז פאַר־לייגט אין קינדס נשמה ? דער טייך, וואָס מיר רופן לעבן, ער בור־שעוועט ווילד, און כאַפּט אין זיין ווילדן געיעג אַריין אונזערע קינדער, אונזער יוגנט. אַ בלינדער קאָן עס אפילו זען. זיינען אונזערע קינדער אפשר אין דעם שולדיק ?

דערציילט אונז די לעגענדע, אז יצחק האָט צוגערופן עשיו׳ן און אים געזאָגט, אז ער זאָל אים צוגרייטן א זיסן מאכל, ער וויל אים בענטשן. געפעלט מיר דער סימבאָל גלאט אזוי. מען דארף, הייסט עס, זיין זאט, כדי צו בענטשן. פארן הונ־געריקן איז, הייסט עס, גאנץ נאטירלאך צו שילטן און רעוואָל־טירן . . . ווייטער דערציילט די לעגענדע, אז ווען רבקה האָט דערהערט יצחק׳ס רייד, האָט זי זיך דערשראָקן. זי האָט גיך צוגעגרייט יעקב׳ן, איר ליבלינג, ער זאָל קאָנען אָפּנארן דעם טאטן, און קריגן די ברכות. יעקב פאָלגט די מוטער, און מוז, פארשטייט זיך, אנטלויפן פון דעם. מיט רעכט דערצאָרנטן, ברודער עשיו׳ן. שפעטער דערוויסן מיר זיך, אז ווען עשיו האָט געפאָדערט זיין קרקע און ניט געלאָזן מקבר זיין יעקב׳ן אויף זיין עשיו׳ס אָרט, האָט חושים בן דן אים דערלאַנגט איבערן קאָפּ און אים דער׳הרג׳עט. געפעלט מיר די גאנצע משפחה און דער גאנצער ארום ניט. רבקה נארט אָפּ איר מאן, יעקב נארט אָפּ דעם טאטן, רבקה׳ס ברודער, לבן, נארט אָפּ יעקב׳ן. רבקה׳ס משפחה איז גאָר ניט קיין גרויסער יחוס. לייענען מיר ווייטער, דערוויסן מיר זיך, אז, ווען יעקב איז אנטלאָפן פון דער היים, בעת ער האָט געהאט שוין ארויסגענארט פונם טאטן די ברכות, האָט ער זיך געלייגט אפן וועג שלאָפן. דאָ האָט אויסגעבראָכן א מחלוקה צווישן די שטיינער. יעדער שטיין האָט געוואָלט האָבן דעם זכות צו ליגן אונטערן קאָפּ פון אזא צדיק, ווי יעקב. געהערט, א צדיק! דעם תירוץ האלט איך, געפינען מיר אין יעקב׳ס חלום. יעקב׳ן חלומ׳ט זיך א לייטער צום הימל און מלאכים, וואָס גייען איבערן לייטער.

אויב מלאכים דארפן א לייטער, כדי ארויפצוגיין אפן הימל, א פשיטא שוין אזא מענטש, אזא בשר ודם, ווי יעקב. דער חלום ווייזט אונז, ווי פארצווייפלט יעקב איז געווען אין זיין אומבאוואוסטזיין. אים ציט צו הימל, ער חלומ׳ט פון הימל, די מאמע אָבער זיינע, דער פעטער אָבער זיינער, דער גאנצער ארום אָבער זיינער, באשטייט אָבער פון קליינע מענטשעלאך, וואָס נארן זיך אזוי גרינג איינע די אנדערע, וואָס ציען אין דער נידער, איז ער טאקע דער צדיק פון דער סביבה און דערפאר

די מחלוקה צווישן די שטיינער. וויפל, ליבע מוטער, יעקב׳ס פון היינט חלומ׳ען פון הימל, פון מלאכים, וויפל יעקב׳ס פון היינט וואָלטן וועלן אנטלויפן פונם ארום, וואָס פארפירט זיי, וואָס וואולגאריזירט זיי, וואָס דעמאָראליזירט זיי און וואָס ציט זיי אין דער נידער. וויפל יעקב׳ס, היילינקע און ריינע, לערנט דאָס לעבן, דער ארום, אָפּצונארן טאטעס און ברידער ?

דערציילט אונז ווידער א מאָל א לעגענדע, אז ווען גאָט איז זיך אמאָל אזוי געזעסן, פארצווייפלט פון די מענטשן, וואָס געהאָפּט האָט ער, אז זיי וועלן טאָן נאָר גוטס, און דערווארט האָט ער זיך נאָר צרות און זינד, ווען ער איז זיך אזוי געזעסן פארצווייפלט, האָבן צוויי מלאכים אים א זאָג געטאָן "פאר־ניכט דעם מענטשן מין, זע ווי זינדיק די מענטשן זיינען און ווי שלעכט!" האָט זיי גאָט א זאָג געטאָן : "ווען איר, מלאכים, וואוינט אויף דער ערד, וואָלט איר אויך נישט געקאָנט ביי־שטיין דעם יצר הרע, און וואָלט נאָך אפשר געווען זינדיקער פון די מענטשן".

יאָ, ליבע מוטער, האָבן טענות איז גאָר נישט שווער. שטעלן פאָדערונגען אין אודאי גרינג. ס׳איז גרינג צו קריטי־קירן און באשולדיקן. דערלאנגט אָבער, זייט אזוי גוט, א קוק אויף דער סביבה, אויפן ארום, דערלאנגט, זייט אזוי גוט, א קוק אין שפיגל פון אונזער לעבן, כאפּט א קוק אויף זיך אליין, און . . . איר וועט זיך דערזען מיט אייערע חלומות פון שיינע היימען, פון ווערן רייך, פון פארגעניגנס אָן א צאָל און אָן א מאָס, פון אייער ביטול באציאונג צום חבר, און . . . איר וועט זיך דערזען אזוי פוסט, אזוי אויסגעליידיקט, אזוי ציניש זאַט, אזוי ווילד צעטאנצט אינם טאנץ פון היינטיקן לעבן. אפשר וועט איר דעמאָלט פארשטיין, אז אונזערע קינדער מעגן צו אייך האָבן מער טענות, ווי איר צו זיי, מחמת זיי זיינען דאָך נישט בלינד, זיי זעען און לערנען !

פּראָפעסאָר שניאורסאָן מאָלט אונז א נשמה פון א מלמד אין זיין "חיים גראוויצער". חיים גראוויצער, וועלכער האָט פון קינדווייז אָן גע׳שמ׳ט פאר א גרויסן עלוי, און צו 18 יאָר איז ער שוין כמעט געווען איינער פון די גדולים פון דער חבד׳ישער

וועלט. האָט זיך אלע זיינע יאָרן עקשנות׳דיק אָפּגעזאָגט פון רבנות, וועלכע מען האָט אים ניט איינמאָל פאָרגעלייגט. ער איז פון יוגנט אָן געוואָרן א מלמד, ער האָט זיך מסירת נפש־דיק געקאָכט אין זיין מלמדות. אמאָל האָט ער געזאָגט, אז גאָט אליין איז אים מקנא, וואָס ער פאָרעט זיך ארום יונגע נשמות. דער סדר פון לערנען מיט קינדער איז, ווי זיין גאנצע נאטור, געווען א דורשטיק שטרעבנדיקער, מיט א זעלטענעם חבד׳ישן ברען. די תלמידים האָבן אים היים ליב געהאט". זיין זון יאָסעלע איז אויך געווען א מלמד. "קינדער האָבן אים ליב געהאט דאָס חיות. ער האָט ניט געקאָנט קיינמאָל א קול אָף א קינד אויפהויבן, אָדער א קרום וואָרט זאָגן. קינדער פלעגן זיך צאַפּלען אויף זיין מינדסטן וואונק". האָט איר, מוטער, א סך אזוינע דערציער ? געדיינקט איר אין ש. אנ—סקי׳ס "תשובה" דעם אָרימאַן, וואָס פאסט א 10טן טאָג תשעה באב, מחמת דער קרעטשמער, וואָס האָט אים צעבלוטיקט, ווייסט נעבאך ניט, אז ער האָט געשלאָגן אן אומשולדיקן. פאסט ער, דער בעל־תשובה, כדי גאָט זאָל פארגעבן זיין "שונא" די עבירה. האָט איר, מוטער, א סך אזוינע בעל־תשובה׳ס? געדיינקט איר אין די "דריי מתנות" (פרץ), דאָס מיידל, וואָס אַט ווערט זי צוגעבונדן צום פערד און זי וועט צעשמעטערט ווערן, געדיינקט איר וואָס זי בעט ? א שפּילקע צו צעשפּיליען איר קלייד צום פלייש. געדיינקט איר דבורה׳ס טויט אין שלום אש׳ס "קדוש השם" ? האָט איר, מוטער, א סך אזוינע אין דער איצטיקער סביבה ? איר האָט זיי נישט, מחמת די סביבה איז אנדערש. די סביבה פון נעכטן איז אָבער דאָס רוב באשטאנען פון אזוינע, פון וועלכע עס האָט ארויסגעזונגען א הייליק מענטשלאך געזאנג. מיינט איר, ליבע מוטער, אז איך בין שטארק אין כעס אויף אייך ? חלילה. ווען איך קאָן עפּענען מיין הארץ וואָלט איך אייך באַוויזן וויפל ליבע און דרך־ארץ איך פיל צו אייך. און ווייסט איר פארוואָס ? ווייל איר ווינט כאָטש, ווייל איר בייינקט כאָטש. וויפל מאמעס פילן און וויינען, וויפל מאמעס ציט צום הימל ? ביי שניאורסאָן, אין זיין חיים גראוויצער, געפינען מיר אזא שטיקל פילאָזאָפיע : "אז איינער האָט פארלאָרן און ווייסט

כאַטש וואו ער האָט פאַרלאָרן, ממילא ווייסט ער וואו צו זוכן און קען גיכער געפינען. שלעכט איז אָבער, אז מען ווייסט ניט וואו מען האָט פאַרלאָרן, ממילא ווייסט מען דאָך גאַרניט, וואו צו זוכן. איז אָבער דערביי גוט, אז מען ווייסט כאָטש, ווען מען האָט פאַרלאָרן, ווייל מחמת דעם קאָן מען דאָך אויסרעכענען וואו מען איז געווען בשעת׳ן פאַרלירן און ממילא ווייסט מען שוין, וואו מען האָט צו זוכן. פיל שווערער איז אָבער, אז מען ווייסט ניט אפילו ווען מען האָט פאַרלאָרן. ווייסט מען דאָך שוין גאָרנישט וואו צו זוכן. איז אָבער דערביי נאָך נישט אַזוי שלעכט, אז מען ווייסט כאָטש ווי אַזוי מען האָט פאַרלאָרן. ווארום, אז מען איז זיך מתבונן און מען פאַרשטייט ווי אַזוי מען האָט פאַרלאָרן, ווייסט מען שוין בעסער, ווי און וואו צו זוכן. נאָר אז מען ווייסט אפילו נישט, ווי אַזוי מען האָט פאַר־לאָרן איז נאָך פונדעסטוועגן גוט, אז מען ווייסט כאָטש, וואָס מען האָט פאַרלאָרן. ווייסט מען לכל הפחות וואָס צו זוכן. ער־גער איז אָבער, אז מען ווייסט אפילו ניט, וואָס מען האָט פאַר־לאָרן, ניט מען ווייסט וואו צו זוכן און ניט מען ווייסט וואָס צו זוכן. איז אָבער דערביי נאָך נישט אינגאַנצן שלעכט, ווען מען ווייסט כאָטש, אז מען האָט בכלל עפּעס פאַרלאָרן". איר, מוטער, ווייסט כאָטש, אז איר האָט פאַרלאָרן, אז ס׳פעלט גייסט. אז ס׳פעלט אמת׳ע פרייד און אמת׳ער גליק. איר ווייסט כאָטש, דערפאַר זייט איר מיר אַזוי טייער, איר פילט כאָטש. די מערהייט אָבער איז אַזוי "צעטאַנצט", אַזוי צופרידן און זאַט, אז ס׳ברענט אַזש, אז ס׳איז בלוטיק וויטאָגדיק.

אמת, מיר דערוואַרטן, אז אין דער נייער וועלט, וואָס מיר זעען שוין אויף דעם האָריזאָנט, וועט דאָס לעבן זיין זוניק, ליכ־טיק און גייסטיק. אָבער, אָבער דאָס קינד הערט נאָר פון דעם נעכטן, עס הערט נאָר, אָבער עס פילט נאָך ניט דעם מאָרגן, און קאָן ניט פילן, דאָס איז זיין נאַטור. זאַפּן זאַפּט עס אָבער אריין אין זיך דעם היינט. דאָ איז די צרה. א קינד איז ווי א מעמברא־נאָ, עס זאַפּט אין זיך אריין אלץ, מחמת ס׳הערט אלץ, מחמת ס׳זעט אלץ. ס׳זעט און ס׳הערט אפילו דעמאָלט, ווען איך דאַכט זיך אויס, אז ס׳איז ליידנשאַפטלאַך פאַרטאָן אין זיינע

עסקים. א קינד האָט א זייער שטאַרקע באַאָבאַכטונגס קראַפט, און איז צאַרט געפילפול צו יעדן טאָן, צו יעדן קלאַנג, צו יעדן בליק, און צו יעדן אויסדרוק פון פנים. ניט אומזיסט לערנט אונז די תורה, אַז א מלמד טאָר ניט וואָך זיין ביינאַכט, מער, וויפל מען דאַרף; טאָר זיך ניט קאַרגן אין עסן און טרינקען; טאָר ניט עסן און טרינקען צופיל, מחמת ער דאַרף קומען צו די תלמידים מיט א שמייכל, מיט ליבע, מחמת ער דאַרף צו זיי קומען א רו־איקער, מחמת אפילו די שטימונג, מחמת אפילו דער אויסדרוק פון פנים פון לערער לערנט דעם קינד.

זאָגט אונז ר' רבא, אַז אויב א קינד נעמט נישט אויף תורה, אויב א קינד קאָן בשום אופן ניט פאַרשטיין, איז דאָס א סימן, אַז דער לערער טרעט צו צום לימוד ניט מיט דער מינע, ניט מיט דער האַרציקייט, ניט מיט דעם שמייכל. לילינא, די סאָוועטישע פעדאַגאָגין זאָגט, אַז א שמייכל אפן פנים פון לערער האָט דעם גרעסטן דערציערישן ווערט. יאָ, א קינד נעמט אַלץ, אפילו דאָס, וואָס מיר דיינקען, אַז ס'באַמערקט גאָרניטש. א קינד הערט פונם נעכטן, ווייסט פונם מאָרגן, אָבער זען, זעט עס דעם היינט און דאָס, וואָס עס זעט, דערצעדירט. זעען, זעט עס דאָך, ליבע מוטער, א וועלט וואָס איז פול מיט ווילדן דורשט נאָך גענוס, זעען זעט עס דאָך א לעבן, וואָס אף זיין פנים איז צעגאָסן ליידנשאַפט, שיכרות און בלוטדאַרשטיקייט. איז ווי קען מען האָבן טענות צו אונזערע קינדער ? מיר קאָנען נאָר רחמנות האָבן אויף זיי, וואָס זיי לעבן אין א צייט, ווען דער קאַפּיטאַליסטישער קערפּער צעלייגט זיך פאַר אונזערע אויגן, מיר קאָנען נאָר רחמנות האָבן אויף זייער גורל.

דערציילט מען אונז, אַז ווען ס'פלעגט אין מצרים פעלן א ציגל, פלעגט מען אַריינמויערן א קינד, אַז פרעה פלעגט זיך מאַכן וואַנעס אין בלוט פון קינדער. וואַנעס אין בלוט פון קינ־דער איז נאָך ביז גאָר נישט לאַנג געווען א סגולה קעגן געוויסע קראַנקהייטן ביי א סך פרימיטיווע פעלקער. אַריינלייגן א קינד אין א ווינקל שטיין איז נאָך ביז גאָרנישט לאַנג געווען א מנהג ביי א סך קריגערישע גערמאַנישע שבטים אין אייראָפּע. ברייג־גען קינדער פאַר קרבנות צו גאָט איז נאָך ביז גאָרנישט לאַנג

געווען א מנהג ביי א סך שבטים אין אינדיע און ניי־זעלאנד. מעגלאך אז די לעגענדע איז אָגרנישט קיין סימבאָל, אז דאָס איז געווען אזוי אָדער אנדערש א פאקט. מירן אָבער נעמען די דאָזיקע לעגענדע סימבאָליש. און ווען אזוי, מויערט דען די איצטיקע געזעלשאפטלאכע אָרדענונג, מויערט דען דאָס לעבן אונזערע קינדער נישט אריין אין דעם פינסטערן מויער, וואָס מיר רופן קאפיטאליזם ? מאכט זיך דען ניט דער אָפגאָט קאַ־פיטאל קיין וואנעס אין בלוט פון אונזערע קינדער (מלחמה) ? ווערן דען ביי אונזערע קינדער ניט אָפגעהאקט די פליגלען, ווערן זיי דען ניט צוגעפאסט צו א סדום בעטל, ווערן דען ביי זיי ניט אָפגעטעמפּט די געפילן, ווערט דען נישט דערשטיקט דאָס נשמה׳דיקע, וואָס קאָן בליען, נאָר אונטער זון, באשטראלט מיט ליכט און בלויען הימל ? די קינדערלאך, די איינגעמויער־טע אין די ווענט, דערציילט די לעגענדע, פלעגן שרייען. זייע־רע קולות האָבן עס געפירט צו דער באפרייאונג. שרייען אָבער אונזערע קינדער נאָך נישט גענוג הויך. דאָס איז די צרה. זיי וועלן זיך אָבער סוף־כל־סוף צעשרייען. ווייסט איר אָבער פארוואָס זיי שרייען ניט ? זיי שרייען ניט, מחמת מיר שרייען ניט . . . מחמת דער גייסטיקער "זאטקייט", מחמת דער "צופרידנקייט", מחמת דער "זיכערקייט" פון דער גרעסטער צאָל מאמעס און טאטעס. זאָגט ביאליק : "גיי ריים אוים פון זייער הארץ אָן אוי, שים אוים פון זייער אויג א טרער, און שווער זאָל זיין די טרער, אזוי, די וועלט זאָל טאָן א ציטער און אפטרייסלען פון זיך דאָס שלעכטס". רייסן זיך אָבער נאָך נישט גענוג טרערן ארוים פון אונזערע אויגן, רייסן זיך אָבער נאָך נישט גענוג קרעכצן ארוים פון אונזערע הערצער. מען זאָגט, אז אפן הימל איז פאראן א כוס. אין וועלכן ס׳פאלן אריין אלע הערלאכע טרערן. נו, איז דער כוס נאָך ניט פול, משמעות. זיינען דאָך אָבער אונזערע קינדערלאך זיכער ניט שולדיק אין דעם. זיינען זיי דאָך ניט שולדיק, וואָס זיי זעען ניט, אז זייערע טאטעס זאָלן וויינען און קעמפן. און אז מיר וויינען שוין יאָ פילן זיי בחוש דעם פאלשן טאָן פון אונזער געוויין. יאָ, זיי זעען אונזער "דאווננען", זיי זעען אונזער באציאונג צו דער "תורה", זיי זעען אונזער

"קעמפן"... געדיינקט איר אָבער דעם אמאָליקן מגיד, דעם אמאָליקן רבי'ן אין בית־מדרש? געדיינקט איר מיט וואס פאר א טיפן גלויבן, מיט וואָס פאר א פייער, מיט וואָס פאר א התלהבות ער פלעגט ריידן? ער איז דאָך בפועל ממש געפלויגן אין די הימלען און מיטגעריסן מיט זיך די גאנצע עדה אידן. ער האָט געצונדן הערצער מיט זיין נשמה, מיט זיין גלויבן, מיט זיין הייליקן פייער. און אז א יאנקעלע, צי א חיים'ל פלעגט זיצן דערביי, פלעגט ער דאָך מיטגעריסן ווערן מיט דער שטי־מונג. געדיינקט איר פרייטיק צונאכטס פון אמאָל, דעם יום־כפור, דעם אמאָליקן יום־טוב בכלל. געדיינקט איר ווי דאָס גאנ־צע שטעטל כמעט פלעגט אמאָל זיצן בין מנחה למעריב אין בית־מדרש און לערנען. רבי זילבערשטיין דערציילט אין זיינע זכרונות ("דאָס אידישע וואָרט"), אז יעדן אָוונט פלעגט מען אין זיין שטעטל אין בית־מדרש צעטיילן הונדערט ליכט, און ביי יעדן ליכט פלעגן לערנען צוויי אידן תורה. נאָך א שווערן טאָג האָרעוואניע פלעגט כמעט דאָס גאנצע שטעטל זיצן און לערנען. די חים'לאך פלעגן דאָך דאָס זען. דערציילט דר. יעקב זאנדערלינג, אז בעת דער מלחמה איז ער, זייענדיק אין קאָוונע, אריין אין דער סלאָבאָדקער ישיבה. די ישיבה בחורים זיינען זיך געווען צעלאָפן, אָדער האָט מען זיי געהאט צעיאָגט, צע־טריבן. ס'איז געווען א פארנאכט. דער ראש ישיבה איז זיך געזעסן איינער אליין ביי א קליין קעראָסין לעמפל און געלערנט. ער האָט זיך אפילו נישט אומגעקערט בעת דר. זאנדערלינג איז אריין. ער האָט נים געוואָלט מפסיק זיין דאָס לערנען. פלוצלונג האָט זיך דאָס פייער פארלאָשן. דער אלטער איז נאָך א לייננערע צייט געזעסן און פאַרגעזעצט מיט גרוים יראת־הכבוד דאָס לערנען אויפן אויסנווייניק. זיין שטיל שעפטשען, דער פינסטערער בית־מדרש, די ספרים, וואָס האָבן ארויסגע־קוקט פון די אלמערם און פון די פאָליצעס, דער ארון קודש, די לבנה, וואָס האָט אריינגעקוקט דורכן פענסטער, האָבן גע־שאפן א שטימונג פון דערהויבנקייט און גייסטיקייט. מיר ביינ־קען נים נאָך דער פארמע פון דער דאָזיקער גייסטיקייט, מיר מעגן אָבער בייגקען נאָך דער נשמה פון דער דאָזיקער שטימונג.

וואָס איז טיף מענטשלאַך און דערהויבן — הייליק, און וואָס קאָן צוגעגליכן ווערן צו דער הייליקייט. וואָס האָט געהערשט אין א צימער, אין א פּעטראָפּאַוולער פעסטונג, וואו מאַרטירער פלעגן זיך אויפלייזן אין זייערע הייליקע חלומות און אין זייערע הימלשע האָפנונגען.

פּראָפ. שניאורסאָן מאָלט אונז א סעודה : "פון אלע זייטן ווענדט מען זיך צו אברהם דעם חזן, "ר' אברהם־בער, ר' אברהם בער, ר' אברהם־בער, זאָגט שוין יעלה". אברהם־בער איז שוין מער ווי 20 יאָר חזן אין שטעטל און מיט יעדן יאָר ווערט מען צו אים אלץ מער צוגעבונדן. ניט וואָס ער האָט אזא שיין קול, אָדער ער זאָל קאָנען אפילו א העלפט אזוי זינגען, ווי, למשל, אייזיק דעם שוחט. נאָר אברהם־בער איז א אן אמת הארציקער ערלאכער איד, און אז ער דאַוונט פאַרן עמוד לייגט ער אריין יעדן ממש די ווערטער אין מויל אריין. ער פלעגט בשעת מעשה אריינשטעקן די לינקע האנט אין גאַרטל, אָדער פאַרנעמען מיט איר דעם טלית אונטער דער באָרד און מיט דער רעכטער האנט "דאַוונט" ער. "רייסט ער אריין הימלען". "ער טרעפט תמיד אין פּינטל. דער עולם כאַפּט אים אונטער און הונדערטער קולות גיסן זיך תפילה'דיק צעגויף". פּלוצלונג דערהערט מען א טומלען "וואו איז דאָס געהערט געוואָרן?", שרייט מענדל דער הויכער, ער איז רויט אָנגעצונדן פון כעס, קלאַפּט מיט די הענט אויפן טיש, שרייט און טענה'ט, "וואו איז דאָס געהערט געוואָרן ? — דער אויבערשטער שיינקט אונז אזא גרויסע שמחה, וואָס די גאנצע וועלט פאַרמאָגט ניט און דערפאַר זאָל ער נאָך אונז באַצאָלן מיט גן־עדן. וואָס טוט זיך דאָ?", וואָס־זשע ווילסטו ? — האָט מען פון אלע זייטן הנאה'דיק געלאַכט. "איך וויל נישט קיין גן־עדן" — האָט ער מיט כעס געשריען. "איך וויל דעם אויבערשטן אליין באַצאָלן. איך, מענדל דער קבצן, דער גאָר־נישט. אָט שיט איך אוים אויפן טיש מיין גאנצן בייטל געלט אויף אָרימע לייט, דאָס זיינען דאָך דעם אויבערשטנס קעסט־קינדער, וואָס ער דאַרף זיי האָדעווען. און אָט, די לעצטע מטבעה גיב איך אָפּ די קלעזמער, מען זאָל שפּילן און טאַנצן א ווייוואַט פאַר זיין ליבן נאָמען. פאַר דעם אויבערשטן. אידן

הויבט זיך!" זיינען טאקע די קלעזמער אין איין רגע אויפגע־שטאנען אויף דער הילצערנער בינע און א קלאפּ געטאָן א גרויסן פריילאכן וויוואט. און דער עולם, וואָס האָט זיך פון אָנ־הויב בלויז לוסטיק געמאכט פון מענדלס מאָדנע רייד און העוויות, האָט אָבער ביי די לעצטע מענדלס ווערטער פאר־גאפט א ציטער געטאָן און זיך געלאָזט מיט א ברען טאנצן. דער גאנצער איינגעהאלטענער פייער פון דעם "יעלה" האָט זיך אין דעם טאנץ נאָך תפילה'דיקער אויפגעפלאקערט. דער טאנץ האָט באלד ארויסגעשפארט פון דעם איינגן שאלאש דורך דער טיר אין דער פרייער נאכט ארײַן און, אז מען האָט זיך אומגעקערט, טאנצנדיק אין שאלאש, האָט מען שוין נישט גע־קענט און נישט געוואָלט קומען צו זיך, נאָך הארציקער האָט מען זיך אָנגענומען פאר די הענט און נאָך געשמאקער האָט מען געטאנצט". דאָס איז געווען דער כח פון א ניגון, דאָס איז געווען דער כח פון א הייליקער שטימונג, קאָן א קינד פון היינט זען אזוינס? אמת, געווען אויך שאָטן זייטן, ניט אלץ און אלע זיינען געווען הייליק. דאָס שאָטנדיקע פלעגט אָבער פארשטויסן ווערן, פלעגט זיך נישט אָנזען, בעת די שאָטן זייטן פון היינט זיינען אזוי שרייעריש און פארנעמען דעם אויבן אָן אין אונזע־רע, כמעט אלע אונזערע, אינסטיטוציעס און היימען. נישט נאָר דאָס, מען שטאָלצירט אפילו מיט דאָס שרייעריש ציניש, מען האלט עס אפילו פאר א כח, וואָס פולסירט, וואָס העלפט וואקסן.

געדיינקט איר דעם ישיבה בחור? געדיינקט איר, וואָס פאר א גייסט ער האָט אריינגעבראכט אין שטוב? מיר ביינ־קען נישט נאָך יענער צייט. ניין, אָבער נאָכן גייסט פון יענער צייט מעג מען בײַנקען. דאָס גייסטיקע, דאָס אידילישע פון יע־נער צייט איז געווען דערציעריש. אמת, דאָס אידיליש־הייליקע, וואָס האָט געהערשט אמאָל איז געווען א רעזולטאט פון אנט־לויפן פון רעאלן לעבן, פון אנטלויפן פון דער ווירקלאכקייט. די ווירקלאכקייט, דאָס לעבן האָט געצויגן אין דערנידער, האָט אָבער די אמונה, דער טיפער גלויבן צו יענער צייט, די אָרימע הונגעריקע מאסן געצויגן אויף ארויף. זיי האָבן געפונען אין דער אמונה א טרייסט, און זיך געקלאמערט אין איר, מורא

האָבנדיק, אז אויב זי וועט אָפּגעשוואכט ווערן וועלן זיי מוזן אריינפאלן אין דער ווירקלאכקייט. וואָס איז אזוי פינסטער, אזוי חושך, אזוי שרעקלאך. די מאסן האָבן ניט פארשטאנען (און מיר מעגן זיי מוחל זיין), די מאסן האָבן נישט פארשטאנען, אז די אמונה זייערע איז נאָר אָפּיום, מיט וועלכע מען שלע־פערט זיך נאָר איין, מיט וועלכן מען פארטויבט נאָר ליידן, מיט וועלכן מען דערשטיקט נאָר פיינען. אָבער וואָס קאָן נישט היילן, און קאָן זיכער נישט ברענגען קיין ישועה. די מאסן האָבן נישט פארשטאנען, אז זיי זיינען סאָציאליסטן אין גייסט, מחמת זייער בייגקשאפט נאָך א גן־עדן, מחמת זייער וועלן אנטלויפן פון גיהנום אויף דער וועלט, מחמת זייער אינטואיציון האס צו דער ווירקלאכקייט. דאָס אנטלויפן פון דער ווירקלאכקייט איז געווען א סימן פון בייגקשאפט נאָך הימל. זיי פלעגן אנטלויפן פון דער ווירקלאכקייט און זיך אויסטאָן פון דאגות פרנסה. דאָס ווייזט אונז, ווי גייסטרייך און הייליק, פול מיט התלהבות קאָן זיין א וועלט אָן ביטערן קאמף פארן שטיקעלע ברויט. אונזערע זיידעס האָבן זיך אויסגעטאָן מיט גוואלד, האָבן זיך געצוואונ־גען מיט גוואלד צו פארגעסן זאָרג, דאגות פרנסה, קאמף פאר עקזיסטענץ. אָבער תמיד קאָן א מענטשהייט דאָך ניט אנטלויפן פון רעאלן לעבן, פון הונגער, פון נויט, פון פארשקלאפונג אין דער וועלט פון חלומות. אייביק קאָן מען דאָך נישט לעבן אין חלומות. אין דער היים איז קאלט, פינסטער. אין דער היים איז מען הונגעריק, די פרוי איז קראנק, צרות. נעמט דער חסיד און אנטלויפט צום רבי'ן. ער קוויקט זיך מיטן רבי'נס תורה. ער האָט דערפילט, אז ער האלט שמאָל, די ווירקלאכקייט כאפט אים אריין אין אירע נעגל, לויפט ער צום רבי'ן. דאָס איז גע־ווען דער סוד פון דעם גוואלדיקן כח, וואָס איז געלעגן אינם רבי'ן. דאָס וואָס אין רבי'ן איז נישט געווען און האָט ניט גע־קאָנט זיין האָט דער פאר'חלש'טער, צעביינקטער, צעווייטיק־טער ארימער איד געוואָלט זען אין אים און געזען!

זיצט דער אָרימאן אָפּ וואָכן, חדשים ביים רבי'ן. מען מוז דאָך אָבער סוף־כל־סוף פאָרן אהיים. כאפט ער א פור און פאָרט מיט נאָך א צאָל חסידים אהיים. אפן וועג, אין קרעטשמע, בא־

געגנט ער א פור. וואָס פאַרט ערשט צום רבי׳ן. ער קאָן ניט ביי־שטיין דעם נסיון, די היים סקרוכט, וואָס געענטער ער קומט צום היים אלץ שטארקער דער דראנג צו אנטלויפן. כאפט ער זיך ארויף אפן פור און פאָרט צוריק . . . וואָס דאָס קינד איז געווען פאר דער מאמען, איר איינציקע טרייסט אין איר הונגער און נויט, איז דער רבי געווען פארן טאטן. דאָס ווילן אנטלויפן פון דער ווירקלאכקייט מוז סוף־כל־סוף פירן צו ווילן און גרייט זיין צו באמעמפן די ווירקלאכקייט. דער וועג פון חסידיזם צום סאָציאליזם איז א גרינגער, א נאָענטער. דער חסיד האָפט אויפן גן־עדן אויף יענער וועלט. דער חסיד אנטלויפט פונם חושך פון דער וועלט, אנטלויפט אין דער וועלט פון מיסטיק און חלומות. דער סאָציאליסט אנטלויפט נישט. דער סאָציאליסט וויל אוים־קעמפן דעם גן־עדן אף דער וועלט.ביידע זייענן נאָענט, בלוטיק קרוביש אין זייער ביינקשאפט נאָך א מענטשלאך לעבן, נאָך א גייסטיקן און גליקלאכן, ביידע זיינען אומצופרידן. אין יעדן הייליקן מארטירער, וואָס גיט אָפ זיין לעבן פאר דער נייער וועלט זע איך דאָס חסיד׳ישע, דאָס הייליקע. אָט די דאָזיקע חסיד׳ישע שטימונג, איז דאָך, ליבע מוטער, געווען אזוי מענטשלאך דערציעריש פאר דער נשמה פונם קינד.

וולאדימיר מעדעם דערציילט, אין זיינע זכרונות, ווי ער פלעגט אמאָל, אלס קינד, שמועסנדיק מיט זיין חבר וועגן גאָט, מענטש און וועלט אריין אין אזא התלהבות, אז ביידע, ער און דער חבר, פלעגן זיך ארונטערלאָזן אף די קני און פארגיין אין א התלהבות׳דיקער תפילה. עפעס וואָס האָט דאָך געמוזט זיין אין דעם ארום, וואָס האָט געקאָנט פארפלאנצן אזא עקסטאז, עפעס וואָס האָט דאָך ארויסגערופן און געהיט אין די קינדער אזא פאטעטיש הייליק פייער. די שיינבארע אידיליע ארום, די סטאטיק פון לעבן, די אויבנאויפיקע שטילקייט און רואיקייט האָט אי געשפייזט אי פארהיט אין דעם קינד די נאטירלאכע פארן קינד ראָמאנטישקייט, וואָס איז, א דאנק אומשטענדן, פארוואנדלט געוואָרן אין א פאטעטישן התלהבות. אין די קע־לערן און אויף די בוידעמער האָט מען געליטן הונגער און נויט, אין די קעלערן און אויף די בוידעמער האָט דאָס קינד אומבא־

וואוסטזיניק געפילט די שווערע האנט פון אונטערדריקונג און עקספלואטאציע, האָט דאָס קינד געזען, ווי נויט צעלייגט זיך אין יעדן ווינקעלע, האָט דאָס דאָזיקע אומבאוואוסטזיניק ארויס־גערופן אינם קינד דאָס נאטירלאכע פארן קינד געפיל פון רח־מנות, פארגעטערונג און התלהבות.

פאראן אן אבערגלויבן, אז אויב ס׳איז אין שטעטל פאראן א זינדיקער, ברעכט אוים א מגפה אויף קינדערלאך. ווי ווערט מען פטור פון דער דאָזיקער מגפה? מען קאָן די מגפה גרינג דערשטיקן, מען דארף געפינען דעם זינדיקן און אים פארטרייבן. דאָס אלץ. ווי נאָר מען פארטרייבט אים הערן אויף די לויות. ווי איז אָבער, אז מען קאָן נישט געפינען דעם זינדיקן און די מגפה ווערט פאַרגעזעצט, וואָס טוט מען אין אזא פאל? אין אזא פאל דארף מען נאָר חתונה מאכן א יתומה אויפן בית־עולם און די מגפה הערט אויף. כ׳האלט, אז פונקט ווי אין לע־גענדעס אזוי זיינען אויך אין אבערגלויבנס פארלייגט סימבאָלן און אָנדייטונגען. לעגענדעס און אבערגלויבנס זיינען נאָר פאָר־מעס פון פאָלקס שאפונגען אין א געגעבענער עפאָכע. מיר דארפן נאָר קאָנען אויסשיילן פון זיי דאָס גרויסע, דאָס סימ־באָלישע, וואָס איז פארלייגט אין זיי. א לעגענדע, אן אבער־גלויבן איז א קונסט ווערק. גלידערן מיר פאנאנדער דעם אויבן געבראכטן אבערגלויבן, פארשטייען מיר, אז די זינד אין שטעטל מוז דאָך געוועזן זיין גאָר א שרעקלאכע. אויב איר שטראָף איז א מגפה אף קינדעראלך. גאָט, ווייסן מיר, פון אן אנדער אבערגלויבן, שיקט יעדן טאָג ארונטער א מלאך חרוב צו מאכן די וועלט, מחמת זינד און רציחה. קערט זיך אָבער דער מלאך יעדן אוונט אום צוריק. ער האָט נישט געקענט חרוב מאכן די וועלט, מחמת די קינדערלאך. און אזוי בלייבט אין זכות פון די קינדערלאך גאנץ די וועלט. א מלאך ליבט אזוי שטארק קינדער, א פשיטא שוין גאָט. דאָך שטראָפט ער, דער רבונו של עולם, פאר זינד אין שטעטל מיט א מגפה אף קינ־דערלאך. יאָ, די זינד מוז געוועזן זיין פון א שרעקלאכן מין. און דאָך . . . אביסעלע גוטס, דערפרייען די נשמה פון אן אומ־גליקלאכער יתומה, א קאפיטשקע מיטגעפיל, נייטראליזירט דעם

דאָזיקן ים פון זינד. דער סימבאָל פונ דעם דאָזיקן אבערגלויבן איז, אז א שטראל ליכט, א האָרעלע גוטס, האָט מער קראפט, ווי ימים שלעכטס און זינד. זעט אָבער דאָס קינד פון היינט ימים שלעכטס ביי זיך אין שטוב און אינם גאנצן ארום.

מאקסים גאָרקי מאָלט זיין סביבה מיט אזוינע פארבן, אז עס נעמט פשוט אָן א שרעק. פול מיט בעסטיאליטעט, פול מיט "סאמאָדורסטווע", איינגעשפארטקייט און גראָבקייט איז גע־ווען זיין היים. אָבער אָט ליגט ער אפן בעט און זעט ווי זיין באבע, די איינציקע כמעט גוטע און צארטע נשמה, לאָזט זיך ארונטער אויף די קני, און פארגייט אין א תפילה. איר פנים קריגט אזא הייליקן אויסדרוק, אז ער קאָן עס זיין גאנץ לעבן נישט פארגעסן. אָט די דאָזיקע הייליקע שטימונג, וואָס איז געווען ווי א שטראל אינם ים פון חושך, אָט די דאָזיקע הייליקע שטימונג איז געווען שטארקער פאר די תמיד'דיקע קריגערייען, פאר די תמיד'דיקע געשרייען און געשלעגן. איז אויב אונזערע קינדער זיינען "שלעכט" איז עס דערפאר, וואָס די היים פון היינט, די דורכשניט היים פון היינט, האָט אפילו קיין איין שטיקעלע שטראל ניט, וואָס זאָל נייטראליזירן די ימים שלעכטס. אמת, מיר זעען קאמף, שטורם, באריקאדן, אָבער וועגן זייער ווירקונג אויף דער נשמה פונם קינד וועלן מיר רעדן שפעטער.

געדיינקט איר די הייליקע שטימונג, פון אמת'ע קנאים, וואָס האָט געהערשט אין די רעוואָלוציאָנערע, אין די סאָציאַ־ליסטישע קרייזן פון אמאָל. מיט וואָס פאר א ליבע, מיט וואָס פאר א גרייטקייט, מיט וואָס פאר א גלויבן, מען איז געגאנגען על קדוש השם. געדיינקט איר, וואָס פאר א חבר'שאפט, וואָס פאר א הייליקע נאָענטקייט עס האָט געהערשט צווישן די חברים און חבר'טעס. דאָס איז זון פאר דער נשמה פון א קינד. היינט איז עס ניט אזוי (טראָצקי־סטאלין; ברייניז־ביאליק!). יעקב פאַט האָט פאראייביקט דעם אָנדיינק פון די הייליקע קדושים (ווי מענטשן, חברים און קעמפער) אין זיין "קדוש השם". מיט וויפל ליבע און גרויסמוט, מיט וויפל הארץ און נשמה, עס אָטע־מען די העלדישע מעשים פון אָט די קדושים. וואָס פאר א יראת הכבוד עס רופן ארוים אין אייך די העלדישע מארטירער, ווי

מקנא איר זייט זיי זייער לעבן, און אפילו זייער טויט. און ניט נאָר יעקב פאַט. יעדער שרייבער, יעדער דיכטער האָט מיט בלוט פון זיין הארצן געמאָלן אָט די קדושים וטהורים. דער־ציילט אונז דוד פינסקי, פון א יונגן ארבעטער, וואָס ווערט ארעסטירט, מחמת מען האָט ביי אים געפונען א פארבאָטן ביכעלע. זיצט אָט דער בחור'ל אין טורמע און ציטערט . . . עס זאָל זיך חלילה זיין חבר נישט מעלדן, וואָס האָט אים אנטליען דאָס ביכעלע, ער זאָל חלילה ניט צונעמען ביי אים די פרייד צו ליידן פאר דער זאך. מאָלט אונז אפרים קאגאנאָווסקי א בילד, ווי עס קומען אראָפּ בונדיסטן אין א שטעטל דורכצופירן א סטרייק. דער בונדיסט גייט שלאָפן צו א חבר א שמיד אין קוזשני; די בונדיסטקע צו א חבר'טע, דאכט זיך אפן ווארשטאט טיש. וואָס פאר א הייליקע תמימות'דיקייט עס האָט געהערשט אין דער גאנצער סביבה. געווען אויך שאָטן זייטן, אָבער ווי נישטיק, ווי קליין, ווי אומזעבאר דאָס איז געווען אין פארגלייך מיט דער גרויסער זון, וואָס האָט געשטראַלט און געוואַרימט. די גאנצע סביבה, די מארטירער האָבן געלייגט זייער חתימה אף דער נשמה פון קינד, מחמת דאָס קינד האָט זיך צו דעם צוגעקוקט, האָט דאָס אַלץ געזען און פארנומען. הייליקייט, תמימות'דיקייט, מארטירערישקייט אפעלירט צום קינדס נשמה.

ביי פרץ'ן איז פאראן א דערציילונג "א גלגול פון ניגון". דער זעלביקער ניגון, וואָס ווערט געזונגען פאר א טאנץ, דער זעלביקער ניגון, וואָס דריקט אוים פרייד, ווערט פארוואנדלט אין א ניגון פול מיט וויי, פול מיט טרויער און קרעכצן, ווערט אן אל מלא רחמים ניגון. שפעטער ווערט דער ניגון פארוואנדלט אין א פארשייט ניגון, וועלכן ס'זינגען אן "ער" און א "זי", אינם ניגון פילט זיך געווים און לײדנשאפט. דעם זעלביקן ניגון זינגט שפעטער א חסיד'ישער רבי, און אין דעם ניגון פילט זיך שוין גאָר אן אנדער גייסט. ס'פילט זיך שוין אין אים הייליקייט, קדושה און התלהבות. כ'וואָלט די דערציילונג געשפונען ווייטער און דערציילט, אז שפעטער האָט מען דעם זעלביקן ניגון געזונגען ערגעץ וואו אף א "מאסאָווקע", אף א יוגנטלאכער ארבעטער פארזאמלונג, אין וואלד. אָבער דאָ האָט פון דעם זעל־

ביקן ניגון געשטורמט רעוואָלט, גרייטקייט, קאַמף. כ׳וואָלט נאָך ווייטער געשפּונען, כ׳וואָלט דערציילט, אז ביידע ניגונים, דער ניגון פול מיט התלהבות פון רעליגיעז חסיד׳ישן גייסט, און דער ניגון פון די בונדיסטן פול מיט ליבע און גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאר א נייער וועלט און נייעם לעבן, אז אָט די ביידע ניגונים, וואָס אין זיי ביידע פילט זיך היילקייט — גיבן זיך די הענט, דארטן אויבן אין די הימלען. אזוינע התלהבות־דיקע שטימונגען, אזא גייסטיק דערהויבענע סביבה לויכט אויף דעם מענטשן, מאכט אים ליכטיקער, גרעסער און העכער. צען־פאַך שטארקער ווירקט אזא שטימונג אף דער נשמה פון קינד, וואָס בייִנקט נאָך פאַטעטיש היילקעם. עליזאַבעט העריסאָן שטרייכט צענדליקער מאָל אונטער אין איר בוך ״די ניט זעבאַרע זייט פון קינדס לעבן״, אז קינדער זאַפּן איין נישט באוואוסט־זיניק די שטימונג פון דער מוטער און פון דעם גאנצן ארום און, אז אזא שטימונג קומט שפּעטער צום אויסדרוק און באַשטימט דעם גורל פונם קינד״.

וואָס קאָנען מיר אָבער פארלאנגען פון א דור, וואָס זאַפּט איין אונזערע היינטיקע שטימונגען? וואָס קאָנען מיר פאר־לאנגען פון א דור, וואָס ווערט פארפלייצט פון שונד ליטערא־טור, שפּיאָנען ליטעראטור, וואָס ווערט פארשריען פון די הורא־געשרייען פון פארשיידענע שפּילערייען, וואָס טראָגן אן אזארטן און א ליידנשאפטלאכן כאראקטער? וואָס קאָן מען פארלאנגען פון א דור, וואָס ווערט פארבלענדעט פונם לוקסוס פונם ארום און פונם רייכטום, וואָס לאָקט און וואָס איז נישט דערגרייכ־באר פאר מיליאָנען הונגעריקע? וואָס קאָן מען פארלאנגען פון א דור, וואָס ווערט דערצויגן אין אונזערע סקולס, קינאָס און אף אונזערע וויצן אָפּטיילונגען אין די צייטונגען (פאָני פּייפּערס)? די גאַס, די גאנצע שטאָט, דאָס גאנצע לאנד, די גאנצע וועלט, דאָס גאנצע לעבן שרייט מיט באנומענע קולות: ״כבוד״, ״מאכט״, ״געלט״, ״אנערקענונג״, ״רייכטום״! די גאַס לערנט, אז דאָס דאָזיקע ליגט אין די הענט, צי אין די פיס אָבער נאָר נישט אין הארצן. א העלד קאָן מען זיין, ווען מען קאָן ״אויפ־פרעסן״ 50 אייער מיטאמאָל, צי 4 דוצענט קאָרנס, א העלד קאָן

מען זיין, ווען מען קען "אויסלאַקטשן" 40 גלעזער קאַפּע מיט־אַמאָל אָן אַן אָטעם צוג, צי גאָר לויפן 3 מייל אין 10 מינוטן. וועגן אַנדערע העלדישקייטן דערמאָנט מען קוים אין דער פּרע־סע. אמת, כ'האָב אויך געזען יוגנט, וואָס פירט אַרבעטער אין קאַמף, וואָס שטעלט איין לעבנס, וואָס קריגט צעשפּאָלטענע קעפּ, אָבער וויפל זיינען זיי?

גערשוני האָט אויף זיין משפט געזאָגט אומגעפער דאָס פאָלגנדיקע: "זי, די רוסישע רעגירונג, צווינגט אויף אונז אַרויף דעם טעראָריסטישן קאַמף. אַלס דאָס איינציקע און לעצטע מיטל, וואָס עס איז איבערגעבליבן פאַר אונז, די בירגער פון אַ לאַנד. אַ סך זאַכן וואָלטן מיר אייך אפשר געקאָנט פאַרגעבן, אָבער דאָס וואָס איר נויט אונז איינצושמירן אונזערע הענט אין מענטשן בלוט, דאָס וועלן מיר אייך קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרגעסן און ניט מוחל זיין. אויף אייערע קעפּ וועט פאַלן דאָס בלוט, ניט נאָר, וואָס איר אַליין פאַרגיסט, נאָר אויך דאָס בלוט, וואָס מיר פאַרגיסן". פונקט אַזוי וואָלטן מיר געדאַרפט זאָגן צום קאַפּיטאַליזם. מיר וואָלטן אים געקאָנט מוחל זיין אַ סך זאַכן, מירן אָבער אים קיינמאָל ניט מוחל זיין פאַרן פאַר'סמ'ען די נשמות פון אונזערע קינדער. ביי אַ צווייטער געלעגנהייט, ריידנדיק אין ניו־יאָרק, ערשט פון סיביר, האָט גערשוני דאָס פאָלגנדיקע געזאָגט: "און איצט, חברים, וואָלטן מיר באַדאַרפט, נאָכן ביבלישן נוסח נאָך, זיך טובל'ען, אָנטאָן ריינע קליידער און אויסטאָן די שיך, ווייל איך וויל אייך אַריינפירן אין דעם קדשי קדשים, אין פּעטראָפּאַוולער פעסטונג, וואו ניט מיט בלוט פון אַ שעפּס האָט דער כהן גדול די ווענט באַשפּריצט, נאָר מיטן הייליקן בלוט פון אונזערע מאַרטירער די סאַזאָנאָווס, די נעטשאיעווס, די טשערנישעווסקים". וויפל הייליקייט ליגט אין אַ האַרץ, וואָס קאָן אַזוי ריידן, וואָס קאָן אַזוי פילן. איר ביינקט, ליבע מוטער, נאָך אַזאַ דור? כ'וויים. ביינק איך אָבער אויך נאָך אַ סביבה, וואָס גיט אַרוים אַזוינע הייליקע. אונזערע קינ־דער זיינען ניט שולדיק, וואָס די לופט, וואָס זיי אָטעמען איין, ציט זיי אין דער נידער.

און אויב אין דעם ארומיקן חושך מערקן זיך דאָך דאָ און דאָרטן ליכט שטראלן, זיינען זיי אָבער דערציעריש ניט אינגאנצן פּאָזיטיוו, פאר דער נשמה פונם קינד. ווי אומפארמייד־לאך, ליב, טייער און הייליק אונז זאָל נישט זיין יעדער אויפשטאנד, יעדער שטריט פון די בראווע, פון די הערלאכע, ברייניגען זיי אָבער קודם כל אריין צעטומלעניש אין די מחות פון די קינדער. יעדער בין השמשות, יעדע איבערגאנגס צייט, ווי גרייט מיר זאָלן ניט זיין זי צו באגריסן, שרעקט אָבער מיליאָנען קינדער, מחמת אזא צייט, ווי בכלל אן אָנקום, איז פארבונדן מיט בלוט, מיט גאל, מיט ווייען פון געבורט. א קינד זוכט אָבער שיינקייט, ראָמאנטישקייט, זוכט הייליקייט, שטילקייט, האָט ליב צו הערן פון העלדישקייטן פון נעכטן, אנטלויפט אָבער פון קולות, פון שרעק, פון בלוט און פון טויט, מיט וואָס דער היינט איז פול. ערשט שפּעטער קאָן א קינד אָנהייבן צו באנעמען דאָס גרויסע, וואָס וואקסט ארויס פון דעם בלוט און פון דעם טויט, פון היינט. א צווייטער דור קינדער וועט מיט א פארכאפּטן אָטעם אויסהערן וועגן די געשעענישן פון נעכטן, וואָס האָבן געבראכט ליכט, אָדער וואָס האָבן איבערגעלאָזן הייליקע זכרונות. א צווייטער דור קינדער וועלן באגייסטערט ווערן פון העלדן מוט פון נעכטן, וואָס האָט געבראכט באפרייאונג, אָדער וואָס האָט צוגעגרייט די אנטשיידענע שלאכט, אָבער זיין אן אוממיטלבארער צוזעער אָדער אן אנטיילנעמער, קאָן א קינד נישט. איר קאָנט זיי צווינגען, איר קאָנט זיי איינרעדן צו צוקוקן זיך, דער פארלאנגטער און דערוואַרטעטער דערציאונגס עפעקט קאָן אָבער זיין פונקט א פארקערטער, מחמת א קינד איז כולו גוטס, כולו יושר, כולו הייליקייט און ס׳האָט נאָר דאָס ליב.

מיכאילאָוו דערציילט אין "בוילאיע" ווי אזוי ער איז געוואָרן א סאָציאליסט. ער האָט ליב געהאַט די נאטור, דעם בלויען הימל, דעם מאָרגן־רויט, דעם זילבערנעם טייכעלע, די בלימעלאך, די פויגעלאך, די פליגעלאך און א. וו. ער האָט אָבער אויך ליב געהאַט דעם מענטשן, מחמת דער מענטש איז דאָך אויך א טייל פון דער נאטור. ליבנדיק דעם מענטש, האָט ער

געגארט צו זען אין לעבן פון די מענשן די זעלביקע הארמאָניע ווי אין דער נאטור, דאָס דאָזיקע האָט אים געבראכט צום סאָציאליזם. אזוי הייליק און גייסטרייך קאָן א דערוואקסענער פילן און פארשטיין, א קינד אָבער ניט. א קינד קאָן ביז א געוויסן גראד פארשטיין, אָבער בשום אופן ניט אזוי טיף, אז ס'זאָל באמת פילן און דורכלעבן. דער גאנצער סאָציאלזים ביים קינד קאָן זיין נאָר א רחמנות סאָציאליזם, א ראָמאנטישער סאָציאליזם, ערגעץ וואו ווייט אין די הימלען. דאָס אלץ. בשום אופן ניט מער. כ'האָט געזען "קינדער סאָציאליסטן", וואָס אין דער היים זיינען זיי געווען אמת'ע "עקספלאָאטאטאָרס"; כ'האָב געזען "קינדער־סאָציאליסטן", וואָס זיינען געווען אין זייערע האנדלונגען דורך און דורך קליינלאך. כ'האָב געזען "באוואוסטזיניקע" פארן לערער . . . און פאר די עלטערן קינדער־סאָציאליסטן, וואָס זיינען אין נשמה געווען בורזשואז, ביז אף די ביינער. זיכער זיינען די קינדער ניט שולדיק. מ'האָט דעם סאָציאליזם אויף זיי ארויפגעצוואונגען, מ'האָט אים זיי אויסגעלערנט. וואָס פאר א טיפ סאָציאליסט ס'קאָן אויסוואקסן פון אזוינע קינדער איז איבעריק צו רעדן. זיי וועלן זיין די בעסטע "פאָליטישנס", מחמת די זאך וועט זיי קיינמאָל ניט אָנגיין, ניט־אויפריכטיקייט וועט ניט זיין זייער צווייטע נאטור, זי וועט זיין די אמת'ע, די ערשטע. א סאָציאליסט דארף מען זיין ניט מיטן מח. דער מח איז דער צווייטער עטאפ. מח איז די צווייטע סטאנציע. א סאָציאליסט דארף מען זיין לויט געפילן, דער וועג צום סאָציאליזם פירט ביים קינד דורכן הארצן. געפילן זיינען דער שטארקסטער כח ניט נאָר אינם קינד. מיר מאכן בכלל א גרויסן טעות, ווען מיר האלטן, אז דער שכל שפילט א גרעסערע ראָלע אין אונזער לעבן, ווי דאָס געפיל. פונקט אזא טעות מאכן מענטשן, ווען זיי האלטן דעם באוואוסטזיין פאר א מאכט, פאר א קראפט, וואָס באשטימט און דעצעדירט האנדלונגען, בעת אין דער אמת'ן איז ער, דער באוואוסטזיין אין תמיד'דיקן שרעק, אין תמיד'דיקער גרייטקייט אויסצופירן באפעלן פונם אלמעכטיקן אומבאוואוסטזיין, מיט וועלכן ער קאָן נאָר מאכן פשרות, אָדער וועלכן ער קאָן אפשר אמאָל א צוים טאָן, אָבער דאָס אלץ, ניט

מער. אָבער וואָס איז מכה עקאָנאָמישע אומשטענדן, וועט מען פרעגן. אויך זיי ווירקן אויפן באוואוסטזיין דורכן געפיל. געפילן קאָנען באשטימען דעם גורל פון א פאמיליע לעבן, קאָנען אויפבויען אינסטיטוציעס און קאָנען זיי צעברעכן. א ענין מעג זיך זיין ווי לאָגיש, איז ער אָבער ניט באפארבן מיט געפילן, וועט זיין מזל זיין א טרויעריקער. אויב א מענטש צי א קינד געפינט זיך אין א סביבה אָדער אין אומשטענדן, וואָס זיינען אין מלחמה מיט זיינע געפילן, אויב א מענטש צי א קינד דארף תמיד טאָן זאכן, צו וועלכע ער פילט א ווידערווילן, וואָס זייגען קעגן זיינע נשמה נויגונגען, וועט עס דעם מענטשן צי דעם קינד פירן אין דער וועלט פון א נשמה קראנקהייט, וועט עס פירן צו א נערוועזן צוזאמענברוך, וועט עס זיין ווי אויל אפן פייער, וועלכע וועט שרפה׳נען און אויפרייצן די פערזענלאכקייט. פארקערט, ווען אומשטענדן וועלן זיין אזוי אָדער אנדערש צוגעפאסט צו די געפילן, צו טיף פארלייגטע נייגונגען אינם קינד, למשל, וועלן די אומשטענדן, צי די סביבה האלטן אין איין סובלימירן שטימונגען און האנדלונגען פונם קינד, וועט דאָס זיין א ברכה פארן קינד. יאָ, געפילן זיינען נישט אין אן ערך שטארקער פארן שכל. געפילן קאָן מען נאָר צוימען, און אויך פאר א צו טייערן פרייז. דער שכל איז נאָר אין דינסט ביים געפיל. געפילן רופן ארוים קערפערלאך — פיזישע ענדערונגען, מענטשן ווערן פון די גרינגסטע ארבעטן, געטאָן מיט געפיל, מער פארמאטערט ווי פון די שווערסטע ארבעטן, געטאָן אָן געפילן. געפילן באווירקן ניט נאָר דעם אופן פון דיינקען, די ריכטונג פון דיינקען, נאָר אויך דעם אינהאלט פון אונזער דיינקען. אויב דאָס קאָן פון עמיצן באשטריטן ווערן, ווען מיר העפטן דאָס אויבן געזאָגטע צום דערוואקסענעם, איז עס אָבער אן אומבאשטרייטבארער אמת, אין באצוג צום קינדם נשמה. וואו־וואו אינם סאָוועטישן פארבאנד האָט מען שוין לאנג פארשטאנען. דאָרטן, וואו אלץ און אלע שטרייגען אָן אלע זייערע כחות אויסצובויען זייער ניי לעבן אויף יסודות פון עקאָנאָמישער גלייכקייט, וואו אלץ און אלע רעדן פון מאָס, פון צאָל, פון בויען פאבריקן, פון שאפן וואָס מער קוילן — דאָרטן, וואו

דאָס גאנצע לעבן רעדט די שפראך פון עקאָנאָמיק, דארטן רעדט מען אמסענטימענטאלסטן מיט די קינדער. פּאָסטישעווס רעדע צו אוקראינער פּיאָנערן אין יאָר 1932 האָט מיך, מיך אַ דערוואקסענעם, גערירט ביז טרערן. ער האָט גערעדט פון די קדושים, וואָס האָבן זייערע לעבנס אָפּגעשמאכטעט אין די תפיסות, אין סיביר; ער האָט גערעדט וועגן די קדושים וטהורים פונם בירגער־קריג. ער האָט ראמאנטיש געמאָלן דאָס שיינע לעבן, וואָס ס'דערווארט זיי. יעדער טעקסט בוך, יעדע מעשה־לע, יעדע ניי געשאפענע לעגענדע, וואָס די מאסן שפינען ארום לענינען, זיינען ליריש־הארציק און געריכטעט צו דער נשמה פונם קינד, צו זיינע געפילן. אפילו אָלגין ווארפט זיך מיט אזוינע אויסדרוקן אין זיינעם אן ארטיקל, אין האמער, ווי: "דער מענטש לעבט ניט נאָר מיטן מח, נאָר אויך מיט עמאָציעס, מיט דעם, וואָס מען רופט נשמה". "אונזער צוגאנג צו די הערצער פון די ארבעטער", רייכער מאכן די נשמה פונם ארבעטער" — א פשיטא שוין דארף מען רעדן אזא שפראך מיט א קינד. יאָ, מענטשלאכע געפילן, אמת מענטשלאכע געפילן זיינען דער באָדן, אף וועלכן ס'קאָנען זיך צעבליען די הערלאכסטע בלומען. פּארטיי אידעאלאָגיעס און אידעאלן קאָנט איר נאָר ארויפצווינגען אפן קינד, קאָנט איר נאָר צוקלעפּן צום קינד, צו דער נשמה אָבער פונם קינד, וועט עס ניט צוקומען. א גייסטיק געזונט קינד, א נאָרמאל אנטוויקלט קינד, וועט עס נישט אָננעמען, סיידן עס וועט ברעכן אין זיך דאָס אמת געזונטע. אויסנאמען בילדן ניט קיין כלל. דערציילט אונז די לעגענדע וועגן דעם, אז אברהם האָט צעבראָכן די געטער פון זיין טאטן תרח. צי וואָס האָט די לעגענדע געדארפט, אז דוקא א זון זאָל צעברעכן די געטער פון א טאטן? עפּעס וואָס מוז אין דעם ליגן. די לעגענדע סימבאָליזירט, אז אידייעס פון טאטעס און מאמעס דארפן דוקא ניט זיין די אידייעס פון די קינדער. קינדער מעגן ברעכן געטער פון עלטערן. אברהם האָט עס געטאָן, אברהם האָט אזוי געטאָן מיט די געטער, מיט די אידעאלן פון זיינע עלטערן. גאָט האָט אים דערפאר נישט באשטראָפט, פארקערט, ער האָט פון גאָט געקראָגן א מעדאל א — "ה", מחמת פריער האָט ער דאָך גע־

הייסן אברם. אפשר ווערט צוגעשריבן אברהמ׳ען דער מאָנאָ־טעאיזם, מחמת נאָר א קינד, וואָס גייט זיך זיין וועג, וואָס ברעכט נייע וועגן, וואָס וואגט אָפצוזאָגן זיך פון דעם טאטנס אידעאלן, וואָס שרייט נישט "נעשה ונשמע", אז נאָר אזא קינד, קאָן עפענען נייע הימלען פאר דור דורות. לאָזט די קינדער פריי, זאָלן זיי טאקע ברעכן די געטער פון די עלטערן, דאָס וועט אונז פארזיכערן פראָגרעס און שטארקן די פליגלען פון אונזערע קינ־דער, וואָס וועלן דערצויגן ווערן נישט אויף געפירט צו ווערן, נאָר צו פירן. דאָס וועט זיי לערנען צו וואקסן שטאָלצע, מוטי־קע, זוכנדיקע, קעמפערישע, און לכן אויך זיגנדיקע. דערציילט אונז א צווייטע לעגענדע, אז, ווען אברהם האָט געוואָלט בריינ־גען זיין זון פאר א קרבן, האָט א מלאך, אין לעצטן מאָמענט, אָפגעשטויסן אברהמ׳ס האנט. סיגנאליזירט דען אונז נישט די לעגענדע, מיר זאָלן נישט באפעסטיקן, אָדער באשטעטיקן אונ־זער טרייקייט צו אונזערע אידעאלן, צו אונזער גאָט מיטן בלוט פון אונזערע קינדער, מחמת אפשר דיינקען, פילן די "יצחק׳ס" גאָר אנדערש, וועגן דעם גאָט, וועגן די אידעאלן פון זייערע על־טערן, אפשר קלייבן זיי זיך צו ברעכן נייע וועגן. ווי וואָלט געוועון צו אונז, ווען מיר לאָזן נישט אונזערע קינדער אָפשטויבן גראָזן, ווען מיר לאָזן זיי נישט ברעכן נייע וועגן. דעם קינד דארף געגעבן ווערן די מעגלאכקייט צו לעבן און צו וואקסן ווי א בוימעלע, ווי א בלימעלע. עס דארף קאָנען וואקסן און בלי־ען לויט זיין אייגענער נאטור, אָן צוואנג. נישט איין קינד וואָלט געקענט זיין א כבוד פאר דער מענטשהייט, נישט איין קינד וואָלט געקאָנט זיך פאנאנדערוואקסן אין א מעכטיקן שיינעם געזונטן בוים, פול מיט לעבן, פול מיט גלויבן אין אייגענע כחות, ווען מאמעס און טאטעס וואָלטן דאָס ניט געהאלטן אין איין שטאָפן מיט גייסטיקע שפייזן, וואָס זיינען נישט פאר זייערע ציינדעלאך.

עס איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן באמער־קונגען פון קינדער, וואָס פלעגן צוזען שרייק־דעמאָנסטראציעס, אז "ס׳איז נישט יושר׳דיק, הונדערט קעגן 15 שטרייקברעכער", אז "מען דארף אויסהערן זייער צד אויך", אז "זיי זיינען דאָך

געצוואונגען צו רופן פאָליציי זיך צו פאַרטיידיקן, זיי זיינען
דאָך וויניקער", אז "מען טאָר זיי ניט שלאָגן" דאָס זיי,נען גע־
ווען שטילע צווישן־רופן . . . ניט איין קינד, וואָס האָט גע'שמ'ט
פאר א באוואוסטזיניק קינד, לויט קאָמפּאָזיציעס, לויט אנטייל
אין דעבאטעס, האָט, אראָפּריידנדיק זיך פון הארצן, ארויסגע־
זאָגט ספקות, וואָס האָבן אָנגעוויזן אויף ליידן, אויף וואונדן אין
נשמה. אפשר דערקלערט זיך מיט דעם דער פאקט, וואָס
קינדער פון פירער קערן זיך גיכער אָפּ, רייסן גיכער די "קייטן",
ווי אנדערע, מחמת זיי האָט מען געשטאָפּט משמעות מיט
קאָך־לעפל . . . כ'האָב געהאט א קינד, וואָס איז געווען דאָס
בעסטע פּאָליטיש אנטוויקלטע קינד, א קינד וואָס פלעגט ארויס־
רופן באוואונדערונג מיט זיין פארשטיין פּאָליטישע עקאָנאָמיע.
אן אמת טיף אנטוויקלט קינד. 15 יאָר אלט איז דאָס בחור'ל
געווען, ווען ס'האָט אויסגעבראָכן א שטרייק אין ווערקשטוב,
וואו זיין מוטער האָט געארבעט. איר האנדלונג איז געווען אזא,
וואָס האָט ארויסגערופן אנטריסטונג ביי הונדערטער חברים,
זי איז געבליבן ארבעטן, מאָטיווירנדיק איר האנדלונג מיט דעם,
וואָס דער שטרייק איז סיי ווי סיי א פארלאָרענער. זי וויל ניט
זיין קיין איבעריקער קרבן, זי איז אן אלמנה, דער שטרייק איז
ניט לעגאל ארויסגערופן געווארן. קורץ, זי האָט געהאלטן אין איין
געפינען בארעכטיקונגען. אונטער פּאָליציי וואך פלעגט זי פאָרן
און קומען פון דער ארבעט. דאָס דאָזיקע קינד האָט אין א שמו־
עס מיר א זאָג געטאָן: "אָבער מיין מוטער קאָן דאָך נישט צו־
שטיין צום סטרייק, זי וועט דאָך פארלירן איר שטעלע". א קינד
קאָן ביז א געוויסן גראד פארשטיין, וואָס רעוואָלוציע מיינט,
וואָס סאָציאליזם מיינט, אָבער פילן ? דאָס בשום אופן נישט,
דאָס איז נישט אין נאטור פון קינד. דאָס קינד, וואָס כ'האָב
דאָ אין אויג, איז א קלאסישער ביישפּיל, מחמת עס האָט גע־
קראָגן א סיסטעמאטישע פּראָלעטארישע דערציאונג, מחמת די
עלטערן (אויך דער פאטער ביי זיין לעבן) האָבן שטארק סימ־
פּאטיזירט און זיינען געווען טעטיק אין דער ארבעטער באווע־
גונג. קיין צווייפל, אז דאָס קינד קאָן נאָך באווייזן וואונדער,
עס קאָן נאָך זיין א כבוד פאר דער מענטשהייט, מחמת ס'איז

א וואונדערבארע נאטור, א גאָלדענע נשמה און א גרויסער קאָפּ, אָבער היינט ? היינט איז עס נאָך א קינד און האָט א רעכט אויף דעם. האָט מיר א קינד, 17 יאָר אלט, א זאָג געטאָן : "איך געהער צו א פּארטיי, אָבער איך אינטערעסיר מיך א סך מער מיט אייערע לעקציעס איבער פּסיכאָלאָגיע און ליטעראטור, ווי מיט די לעקציעס איבער מארקסיזם". האָט מיר א קינד, 15 יאָר אלט, וואָס דער פאָטער און די מוטער שטאַפּן זי מיט סאָציא־ליסטישקייט א זאָג געטאָן "כ'האס" עס . . . ערנסטע, ערלאכע, אויפריכטיקע קינדער פּראָטעסטירן, אָדער ווארפן זיך אונטער דעם יאָך. קינדער אָבער, וואָס האָבן א נייגונג צו חנפה'נען די עלטערן, וואָס האָבן ליב כבוד, מחמת א סך סבות, וועגן וועל־כע מיר וועלןריידן שפּעטער, קינדער אויף וועלכע א גוט וואָרט האָט א דעצעדירנדיקע ווירקונג און מיר מעגן זיי מוחל זיין, מחמת גאָט אליין האָט ליב א גוט וואָרט, א קדושה'לע, א לויב געזאנג, אזוינע קינדער שלעפּן זיך נאָך נאָר די, וואָס זיינען אויסנאמען. יאָ, פאראן הייפעלאך, וואָס זיינען גרייט צו קעמפן, אָבער אויסנאמען בילדן נישט קיין כלל. כ'האָב געזען קינדער, וואָס זיינען געוואָרן סאָציאליסטן, לינק אָדער רעכטס אויס פּראָ־טעסט קעגן טאטן צי קעגן דער מאמען, וועמענס קעגן צד זיי פלעגן אָננעמען ביי שטרייטיקייטן אין שטוב. כ'האָב געהאט קינדער, וואָס זיינען ארומגעשפּרונגען פון רעכטס צו לינקס און פארקערט, מחמת אוועלכע עס איז באליידיקונג, אָדער מחמת אוועלכן עס איז כעס אויף א חבר. כ'האָב צו די קינדער נישט, כ'האָב זיי אמת'דיק ליב. זיי זיינען מיר איינגעוואקסן אין הארצן. מיין ביינקשאפט און ליבע צו זיי איז אן אמת פאָטער־לאכע. כ'פארשטיי זיי. אָבער די פאקטן ריידן, די פאקטן לער־נען און וואָרענען.

א. ב. זאלקינד, איינער פון די באדייטנדיקסטע געלערנטע אינם ראטן פארבאנד, טרעט ארויס קעגן די אלע פּסיכאָלאָגן, וואָס האלטן, אז "קינדער קאָנען ניט אויפנעמען קינסטלאכע רעוואָלוציאָנערע היינט־צייטיקייט, מחמת זייער נשמה איז ווייט פון דער לויפנדער ווירקלאכקייט" (פּעדאגאָגישער זשורנאל). אף וואָס בארופט זיך א. ב. זאלקינד אין זיין ווערק

"קולטור אין א רעוואָלוציאָנערער צייט?" פאַרשטייט זיך אויף רעפלעקסאָלאָגיע, הויפּטזאַכלאַך. די לערע פון רעפלעקסאָלאָגיע (ביהייוואָריזם וואָטסאָן). ווען וועלכער איר ווערט געפינען אינם צווייטן בריוו מיינעם צו אייך, ליבע מוטער, האַלט אַז סביבה, אומשטענדן, סאָציאַלע דערפאַרונג פאַרענדערט דעם מענטשנס נאַטור. וואָס מיינט עס? דאָס מיינט, אַז די סאָוועטישע ווירקלאַכקייט קאָן און וועט איבערשמידן, פאַרענדערן דעם מענטשנס נאַטור אַזוי, אַז די אַלע שטערונגען אריינצוציען דאָס קינד אין פּאָליטישן לעבן און אין קאַמף בכלל וועלן אין משך פון צייט אָפּגעטעמפּט ווערן. צוגעגעבן, אַז אין דעם ליגט א גרויסער אמת. צוגעגעבן אפילו, אַז דאָס דאָזיקע איז אפילו חול אויף די לענדער וואָס יאָכן אונטערן רעזשים פון דער בורזשואַזיע. און טאַקע. האָט דען דער קריזיס 1929-1934 ניט ראַדיקאַליזירט די מאַסן. האָט דען דער קריזיס ניט אויפגעוועקט מיליאָנען און צענדליקער מיליאָנען מענטשן און זיי געבראַכט צום סאָציאַליזם? ריכטיק, ווי גאָלד. אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט א 10-12-14 יאָריק קינד? אויסלערנען, ווי די רעפלעקסאָלאָגן באַהויפּטן, קאָן מען יעדן און אַלץ. לערנט מען דאָך אוים טאַנצן אפילו א בער, אפילו א בער טאַנצט פאַר אונז. אָבער ווי טאַנצט ער? אַז אָך און אַז וויי וואָלט געוועזן צו אונז, ווען אונזערע קינדער הייבן אָן צו "טאַנצן" גייסטיקע טענץ מיט דער קונסט (אויסגעלערנט!), מיט וועלכער ס'טאַנצט א בער. א קינד אין דעם איבנגעבראַכטן עלטער זעט הונגער און נויט, זעט ליידן און פּיין, זאַפּט עס איין (געדיינקט, זאַפּט עס איין), וועט עס פאַרדייען (ס'וועט דויערן יאָרן), ס'וועט אים אריין אין בלוט און פלייש און ס'וועט אויסוואַקסן א קעמפער, ווער לייקנט עס אָפּ? דער שטרייט גייט דאָך אין דעם, צי ס'איז נאַטירלאַך פאַר א 10-12-14 יאָריק קינד, און אינגער, צו האַלטן רעדעס, צו רופן, וועקן, צו רעדן מיט הארץ, צו וועלן קעמפן צו ווערן באַגייסטערט פון לעניג'ען און פון דיקטאַטור, צו האַסן "סאָציאַל-פאַשיסטן", די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע? וועגן דעם גייט עס. וואָס פאַר א סאָציאַלע כחות קאָנען האָבן אַזאַ כישוף, זיי זאָלן פאַרענדערן די פיזישע און פּסיכישע נאַטור

פונם קינד? וואָס פאר סאָציאלע כחות קאָנען פסיכיש ווירקן אפן קינד, בעת עס לעבט דאָך ניט סאָציאל. "קינדערשע זעלבסט־אקטיוויטעט (פּאָליטיש לעבן און אויפקלערונג מ. ב.) קאָן ניט זיין קיין קאָפּיע פון פאָרמען פון פּאָליטישן לעבן פון דערוואקסענע, מחמת אין לעבן פון קינדער איז ניטאָ קיין קלאסן קאמף, ניטאָ קיין קלאסן הערשאפט. די שול דארף בעסער זיין אן עמ־בריאָ, א סימבאָל פון דער קומענדיקער געזעלשאפט אָן קלאסן" (קרופסקאיא, ניו־ערא). וועט עס אפשר ירשנ'ען פון די עלטערן און אור־עלטערן? וואָלט א. ב. זאלקינד צוגעגעבן אזא זאך, וואָלט עס געבראכט צום ריינסטן פאטאליזם. קינדער ירשנ'ען א סך און א סך, סביבה און אומשטענדן ענדערן, טעמפּן אָפּ, אָדער רופן ארויס טיף פארלייגטע נייגונגען, אָבער א קינד וועט אייביק בלייבן א קינד. אייביק וועט פון א ווייץ קערנדל וואקסן ווייץ און ניט קיין ארבעס. אייביק וועט א ווייץ קערנדל דארפן זון, ליכט (מעג זיין קינסטלאך געשאפן), אייביק וועט א קינד דארפן דרכמאכן נאטירלאכע פארן קינד פעריאָדן, אייביק וועט א קינד זיין א קינד. קעמפן מיר דאָך, גיסן מיר דאָך בלוט דאָס קינד זאָל פריי זיין, קעמפן מיר דאָך פאר א וועלט פון אמת'ער אינדיווידועלער פרייהייט, וואו, לעבנדיק עקאָנאָמיש גלייך און סאָציאל פריי, וואו, לעבנדיק אין א וועלט פון איינער פאר אלע און אלע פאר איינעם, וועט יעדער מענטש דאן טאַקע באמת פריי זיך אנטוויקלען, טאקע באמת פריי וואקסן און בליען. די אייגנארטיקייט, די נאטירלאכקייט פון דער קינדער־שער נשמה איז אן אוצר, א ריינער קוואל, וואָס איר קאָנט אים קיינמאָל ניט פארשיטן, עס פליסט זיך, עס ברעכט זיך דורך זיין וועג, פונקט אזוי נאטירלאך, ווי די זון, ווען זי הייבט אָן צו טאָגן.

ווי קראנק און נערוועז מיר ווערן, ווען אונז קומט אוים צו לעבן אין א סביבה, וואָס איז אין קעגנזאץ צו אונזער בליק אפן לעבן, וואָס איז אין קעגנזאץ צו אונזערע מנהגים, צו אונ־זערע אופנים פון פארברייגען און א. וו. מענטשן מאכן אונז מיד, טוים מיד, ווען זיי האלטן אין איין רעדן וועגן זאכן, וואָס אינטערעסירן אונז ניט, וואָס גייען אונז ניט אָן, און וואָס רירן

אונז נים. נאָך שווערער ווערט אונז, ווען דער דאָזיקער מענטש רעדט מיט הארץ, פארטרערט זיך, בעת אונז גענעצט זיך. און טאקע, דאָס הינטעלע איז ביי דעם דאָזיקן מענטשן א טייל פון זיין לעבן. נו ? האלט ער אין איין דערציילן פון זיינע חכמות, האלט ער אין איין באשרייבן דאָס לעבן פון דעם דאָזיקן הונט. א צווייטער האָט הנאה צו דערציילן וועגן זיך. א קלייניקייט ! א דריטער האָט א סכסוך מיט א שכן — פארדולט ער אייך דעם קאָפּ מיט דעם ענין, אזש צום שטארבן. ווי קראנק און מיד מיר ווערן פון אינטערעסן, וואָס זיינען אונז פרעמד, וואָס געפי־נען נים קיין אָפּקלאנג אין אונזער נשמה.

א פשיטא איז אזוי מיט א קינד, ווען איר שטאָפּט עס מיט אייערע אינטערעסן, מיט אייערע אידייען, קאמפן און מחלוקת. עס נעמט אָן, מחמת ס'קומט פאר אים "מן השמים", פון די עלטערן, אָדער ס'מוז, אָדער ס'טוט א טובה, ס'נעמט אָן, אָבער ס'מאכט דעם קינד מיד, טויט מיד.

האָט זיך א קינד פאר מיר באקלאָגט, אז זי קאָן אהיים נים ברענגען אירע פריינט. מיט א צוויי יאָר צוריק האָט מען געפייערט איר געבורטסטאָג. זי האָט גערופן אירע פריינט צו זיך. אלץ איז געווען אין דער בעסטער ארדנונג, אָבער דער טא־טע . . . ערשטנס האָט ער פאַרגעלייגט, אז ער וועט מיט זיי זינגען דעם אינטערנאציאָנאל, א חוץ דעם האָט ער ביי דער געלעגנהייט געהאלטן פאר די 12 יאָריקע "חברים און חבר'טעס, צוקינפטיקע קעמפער קעגן דער אָרדנונג פון בלוט, מלחמות, האס, שנאה, עקספלואטאציע, נויט און הונגער (ביי רייך גע־דעקטע טישן פון בא'טעמ'טע זיסקייטן) א רעדע, גערעדט מיט הארץ און הויך (דער דאָזיקער פאָטער האָט דוקא צום מזל א נישקשה'דיקע געמבע) און צעהיצט . . . פאטענטירטע פאר־טייער וועלן אויפהויבן א געשריי "איר זעט, איר זעט, ער בא־דויערט א קינד, וואָס קען נים ברענגען אירע פריינט צו זיך, וואָס זיינען פון אן אנדער וועלט, מחמת דעם פאָטער וועלן זיי נים געפעלן ווערן, און מחמת ער וועט איר פארשטערן איר פרייד; איר זעט ! מענטשן הונגערן, מענטשן ליידן, פאלן אָפּ באריקאדן און ער . . ." — קודם האנדלען אזוי טאטעס (און

דער טאַטע בתוכם) וואָס זיינען נאָר מקיים די מצוה פון סאָ־ציאַליזם, וואָס זוכן נאָר אַ קורצע ברכה, עסן, עסן זיי ניט, לעבן, לעבן זיי ניט לויט דער ברכה . . . אַזוינע זיינען דאָס רוב פּרו־מער פאַרן פּאַבסט, און צווייטנס דערלויבט מיר אייך "פּאַטענ־טירטע" צו זאָגן, אַז גיכער פאַר אייך וועט אפשר דער שריי־בער פון די שורות פאַלן אויף באַריקאַדן, אַז טיפער פאַר אייך, אַז בלוטיקער, אפשר, פאַר אייך האַסט ער די געזעלשאַפטלאַ־כע אָרדנונג, אַז צוליבן קינד וואָלט ער גרייט געווען אָפּגעבן זיין לעבן פאַר אַ וועלט, וואו קינדער זאָלן ניט דאַרפן "גע־שאַכטן" ווערן גייסטיק, איידער ס'הייבט זיך אָן זייער לעבן. און ווייל ס'טוט אים וויי, און ווייל דער סאָציאַליזם איז דער ציל פון זיין לעבן און שטרעבן, רעדט ער אַזוי, מחמת דער וועג, פון איגנאָרירן דעם קינדס נשמה, גרייט צו געוואַלטיקער, גרייט צו קראַנקע, צעבראָכענע, מיט מינדערווערטיקייט געפילן, מענטשן, וואָס וועלן נאָך פרייהייט ניט בענקען, וואָס וועלן דעם ווערט פון פרייהייט ניט פילן, און וועלן פון דער פרייהייט מאַכן אַ קאַריקאַטור!

די קינדער פון ראַדיקאַלע, פון סאָציאַליסטישע, אין בריי־טערן זין פון וואָרט, פון וועלטלאַכע עלטערן, בענקען נאָך יום־טוב'דיקייט, בענקען, מחמת ס'איז אַ נאַטירלאַכער, אַ געבאָ־רענער דראַנג אינם מענטשן בכלל נאָך יום־טוב, נאָך פרייד, נאָך פאַרכאַטקייט, נאָך התלהבות'דיק אויסלעבן זיך. דאָס קינד פון רעליגיעזע עלטערן פון היינט פילט ניט די וואַרימקייט און דעם גייסט פון אַ פּסח, פון אַ סכות, פון אַ פרייטיק צו נאַכט, וואָס מיר האָבן געפילט אין אונזער צייט. קאַלט און בלאַס זעט אויס אַ ראש השנה, קאַלט און בלאַס אין גייסט איז היינט אַ סדר, אָבער דאָך, דאָך איז דער טאָג אַנדערש, דאָך איז יום־טוב'דיקער. מען האָט זיך געגרייט, מען האָט אָנגעטאָן נייע מלבושים, מען האָט אַנדערש געגרייט צום טיש. אמת, ס'איז ניט אַזוי וואַרים דער יום־טוב, ער פאַרכאַפּט ניט אַזוי שטאַרק אָבער ס'איז אויך ניט וואָך, דאָס איז אויך אַ געוויסע דערהוי־בונג, אַ געוויסע אַנדערשקייט, וואָס "שמעקט" כאָטש מיט יום־טוב.

פארן קינד פון סאָציאַליסטישע, פון ראַדיקאַלע מענטשן איז פסח, איז סכות, איז פרייטיק צו נאַכט, פונקט אַזוי וואָך ווי א מיטוואָך. דאָס רוב איז אַזוי. פעלט טאַקע וואַרעמע פרייד, פעלט יום־טוב׳דיקייט. אמת, פאַראַן שול יום־טובים, פאַראַן שול קאָנצערטן, פאַראַן ערשטער מאַי. אמת דאָס זיינען אַלץ יום־טובים, אָבער אָן דער פרייד, וואָס וואָלט זיך אַריינגעגאָסן אין דער נשמה פון קינד, ווען דער גאַנצער אַרום, די גאַנצע היים יום־טוב׳ט, ווען דער יום־טוב איז טיף, פול מיט קינדישן התלהבות, מיט וועלכן ס׳פלעגט פול זיין א סדר, א סוכה בויען, חנוכה ליכט בענטשן, צי צו הקפות גיין מיט א פאָן . . .

אמת, וועט מען מיר זאָגן, אמת, אָבער דער ערשטער מאַי איז דאָך דער יום־טוב, וואָס סימבאָליזירט שלום און ברידערשאַפט צווישן אַלע ראַסן און אַלע פעלקער. ווער ווער, מיר אידן, האָבן געמעגט מאַכן דעם דאָזיקן יום־טוב פאַרן יום־טוב פון אַלע יום־טובים. אמת, גערעכט. און ניט נאָר דער ערשטער מאַי. פאַריזשער קאָמונע, ווען די אַרבעטנדיקע און פאָלקסמענטשן האָבן צום ערשטן מאָל געמאַכט א פּראָבע איינצופירן עקאָנאָמישע גלייכהייט, האָט געמעגט געפייערט ווערן ווי גאָר א גרויסער יום־טוב. דער גייסט פון ירמיהו, פון עמוס שוועבט דאָך איבער די מאַרטירער, וואָס האָבן געקעמפט ווי גבורים, העלדן און זיינען געשטאָרבן ווי מאַרטירער ! און ניט נאָר פאַריזשער קאָמונע, דער יאָר־טאָג פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט געמעגט און איז טאַקע פון די הערלאַכסטע יום־טובים. א קליינינקייט, בויען א לאַנד, וואו דאָס לעבן זאָל געבויט זיין אויפן באַזיס פון ברידערלאַכער אַרבעט. ישעיהו מוז דאָך דאָרטן אויבן, אין גן־עדן, שפּרינגען פאַר פרייד. און אפשר בראָט זיך דאָרטן דער אַלטיטשקער גאָר אין גיהנום, צוזאַמען מיט די ישעיהו׳ס, מיט די ירמיהו׳ס און ספּעציעל מיט די מאַרטירער גדליה׳ס פון היינט ! אפשר זיצן אויך דאָרטן, אין גן־עדן, דוקא די, וואָס לעבן ווי אין א גן־עדן דאָ. ווער ווייסט ! און פאַרוואָס נאָר די רוסישע סאָוועטישע רעוואָלוציע, דער יאָרצייט נאָך די שיקאַגער מאַרטירער, נאָך סאַקאָ און וואַנזעטי וואָלטן געמעגט פאַרוואַנדלט ווערן אין הערלאַכע דעמאָנסטראַציעס, וואָס זאָלן

אריינגיסן גרויסן יראת הכבוד אין די נשמות פון אונזערע קינ־דער. און וואָס איז מכח דעם פאַלן פון דער באַסטיליע? מירן אמאָל האָבן און האָבן שוין היינט הערלאַכע יום־טובים, אָבער זיי זיינען נאָך ניט אריין אין בלוט און אין פלייש פון אונזער לעבן. פאַרן קינד, אפילו פאַרן 14־15יאָריקן אפילו, קאָנען זיי נאָך ניט זיין די יום־טובים, וואָס זאָלן אויספילן יום־טוב, וואָס זיי זאָלן קאָנען אָנקוועלן די קינדערשע הערצעלאַך מיט שמחה און מיט התלהבות. דער אומגליק מיט אונז איז, וואָס מיר האָבן א צו קורצן זכרון. פלעגן מיר דען ניט "זיך ארויסדרייען" פונם שטיין מיטן טאַטן דעם גאַנצן טאָג, צי דעם האַלבן טאָג ביים דאַווענען, פלעגן מיר זיך דען ניט "ארויסדרייען" און כאַפּן א שטיף אַפן שול הויף? ווער געדיינקט ניט ווי יעדע ווילע פלעגן טאַטעס אין די טליתים זיך ארויסכאַפּן פון בית־מדרש און אריינשלעפּן דעם "שגץ" אין שול אריין. זעט איר אָבער צום סדר, צום גיין צו הקפות מיט דער פאָן, צום זיצן אין סוכה, זעט איר, צו די זאַכן פלעגן אונזערע טאַטעס אונז ניט דאַרפן שלעפּן פאַר די אויערן . . .

נו? טאָמער איז פאַרבליבן א סוראָגאַט פון א יום־טוב, א סעודה, א געבורטסטאָג יום־טוב, קומט דער טאַטע אין זיין "טלית" און וויל דעם "שגץ" אריינשלעפּן פאַר די אויערן אין "שול" אריין. לא זו הדרך. לאָזט זיי שפּילן, ווען זיי שפּילן, לאָזט זיי זיך פרייען ווען זיי ביינקען נאָך פרייד, לאָזט זיי אויסוואַקסן געזונטע, נאָרמאַלע מענטשן, זאָלן זיי זיין נאָרמאַלער פאַר אונז.

"אַי, ווײ, איר הערט וואָס פאַר א קאָנטער־רעוואָלוציאָנער ער איז", וועלן זיך צעשרייען דוקא די, און דאָס רוב איז אזוי, וואָס אויף א גוט אויסגעפּרעסטן אנצוג איז פאַראַן, וואָס אויף א קינאָ טעאַטער מיט א מיידל איז פאַראַן, אָבער פאַר דער באַ־וועגונג איז ניט אַלעמאָל פאַראַן . . . דאָס רוב יוגנטלאַכע "קעמ־פער" פון היינט ווערן אזוי דערצויגן. אָפּט ווערט די נשמה פאַרגאָסן מיט בלוט, ווען מען זעט א מיידל, וואָס אָנגעטאָן איז זי, און צוגעפאַרבן איז זי, און צוגעפּוצט (און אויסגעצופּט די ברעמען) איז זי ניט ערגער פאַר יעדער דורכשניטלאַכער מיידל און . . . און דאָך "שפּייט" זי אויף יעדן, וואָס האָט די "חוצפה"

צו דיינקען אנדערש, צו וויטיקן אנדערש. אמת, פאראן אויך אנדערע, אָבער די "שרייען" ניט, די הערן אוים, די האָבן א סאָ־ציאליסטישן געוויסן!

כ'וויל ניט, און וועל ניט לאָזן, ניט פון מיין קינדס און ניט פון אנדערע קינדערשע נשמות ארויסרייסן זייערע געפילן, זייערע נאטירלאכע דראנגען, כ'וויל ניט, און וועל ניט לאָזן דערציען פארקריפלטע נשמות, פארפינסטערטע, פאר'חושכ'טע, אָן ליכט, אָן א שטראל זון, און אָן הימל. מאכט נאטירלאכער דעם סאָציאליזם, מאכט ניט פון אים קיין דאָגמע, לערנט ניט מקיים זיין קיין מצוות — וועלן אויסוואקסן סאָציאליסטן־קעמ־פער ענלאך צו די זשעליאבאָווס און לעקערטס.

הערט זיך צו ווי קארל ליבקנעכט רעדט צו זיין קינד, ווי ווילהעלם ליבקנעכט, ווי ראָזע לוקסנבורג רעדט און ווי לענין לערנט!

ווען די "קליינע" קעפ וואָלטן ניט פרעטענדירט צו זיין גרויסע פירער, נאָר גוטע תלמידים פון די אמת גרויסע נשמות און גייסטער, וואָלטן זיי ניט גערעדט פון קלאסן דערציאונג האָבנדיק אין זינען פארטיי דערציאונג. קלאסן דערציאונג מיינט א דערציאונג אין גייסט פון די אידעאלן פון א נייער וועלט, פון א וועלט פון עקאָנאָמישער גלייכהייט און ברידערלאכער ארבעט; קלאסן דערציאונג מיינט א דערציאונג אין גייסט פון די אידעאלן וואָס באפליגלען דעם ארבעטער קלאס. קלאסן דער־ציאונג מיינט טאָלעראנץ צו אנדערש דיינקענדיקע קעמפער, מיינט מיטן פנים צום ציל. אזא דערציאונג איז א דערציאונג אין גייסט פון די אידישע נביאים, אין גייסט פון די הערלאכסטע גייסטער, בעלי־חלומות און קעמפער פאר א מענטשלאכער וועלט און א מענטשלאך לעבן. פארטיי דערציאונג מיינט א דערציאונג אין גייסט פון שנאה און האס קעגן אנדערש דיינקענדיקע אר־בעטער קעמפער און אנדערש גלויבנדיקע סאָציאליסטישע עלע־מענטן. קלאסן דערציאונג פארן קינד וואָלט געמיינט א דערצי־אונג, וואָס וואָלט געוועקט אינם קינד דרך־ארץ און באגייס־טערונג צו אלע די, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאר סאָציא־ליזם, וואָס וואָלט געוועקט און געפלאנצט אינם קינד מענטש־

לאכקייט אין א געווייסן עלטער, און שפּעטער וואָלט אזא דער־ציאונג צו א געוויסן עלטער פונם קינד געדופן אין דער ארמיי, וואָס שטייט און ברעכט די וואנט (אמת די ברעכער דארפן צוציען דאָס קינד ניט נאָר מיט זייער ברעכן, נאָר הויפּטזאכ־לאך מיט זייער מענטשלאכקייט). זינגט מען דאָך, אז פייער קאָן מען לעשן מיט פייער, אז ליידן קאָן מען לינדערן דורך ליידן, אָבער מען טאָר ניט פארגעסן, אז מען קעמפט "פארן לאנד פון די שטרויענע דעכער", אז די דערפער דארפן שיינען און בליען און וויסן, אז ניט אומזיסט האָבן ווינטן געריסן דעם דאך פון די הייזקעס, דעם שלאָף פון די דעכער (פעפער).
א קינד קאָן ארייננעצויגן ווערן דורך דעם שיינעם פּראָצעס פון עפּעס וואָס, אָבער ניט דורכן ציל אליין. און מעג מען ווארפן שטיינער — דער אמת, אז צום קינד טאָר מען ניט קו־מען מיט פארטייאישקייט, וועט אויפלויכטן דאמאָלט, ווען די "קליינע" קעפלאך וועלן זיך מער צוהערן צו זייערע אמת'ע פירער.

ווענען־וועמען, לעינען קאָן מען ניט חושד זיין, אז ער האָט ניט געוואָלט צוציען צו זיך די יוגנט, שרייבט ער וועגן דערציאונג פון דער יוגנט (וועגן קינדער איז אָפּגערעדט!) אז, "אויב דער לימוד פון קאָמוניזם וואָלט באשטאנען בלויז אין איינ'חזר'ן נאָר דאָס, וואָס שטייט אין קאָמוניסטישע ספרים (ספרים — ווערק, הייסט עס!) און בראָשורלאך, וואָלטן מיר צו גרינג געקאָנט באקומען קאָמוניסטישע בטלנים און בארי־מער. דאָס וואָלט אונז אף יעדן שריט און טריט געבראכט שאָדן און היזק, ווייל אזוינע מענטשן, אָנגעלייענטע מיט אלץ, וואָס ס'שטייט אין קאָמוניסטישע ספרים (ספרים!) און ביכלאך וואָלטן באוויזן, אז זיי קאָנען ניט פאראייניקן אָט די אלע קענ־טעניש און קאָנען ניט טאָן אזוי ווי דער קאָמוניזם פאָדערט אין דער אמת'ן". "נאָך מער געפערלאך וואָלט געווען, ווען מיר זאָלן נעמען איינ'חזר'ן בלויז קאָמוניסטישע לאָזונגען. אויב מיר וואָלטן צו דער צייט ניט באנומען די דאָזיקע סכנה און ניט געוועגט אונזער גאנצע ארבעט דערויף, מען זאָל די דאָזיקע סכנה אויסמיידן, וואָלט א האלב מיליאָן אָדער א מיליאָן יונגע

בחורים און מיידלאך, וואָס וואָלטן זיך גערופן נאָך אזא לימוד "קאָמוניסטן", געבראכט פיל שאָדן דער זאך פון קאָמוניזם". "מיר וואָלטן געמאכט א גרויסן טעות, ווען מיר וואָלטן פרואוון מאכן אן אויספיר, אז מען קאָן ווערן א קאָמוניסט, ניט באַנע־מענדיק דאָס, וואָס עס איז אָנגעזאמלט דורך דער מענטשלאכער קולטור. א מוסטער דערפון ווי אזוי קאָמוניזם איז א סך הכל פונם סוכום מענטשלאכע קענטעניש איז דער מארקסיזם". (אף די וועגן צו דער נייער אידישער שול, מאָסקווע).

ווי ס'גרילצן אין די אויערן פון א פארטייאישן דערציער פון היינט לענינס געבאָטן איבער דערציאונג, ספּעציעל די אויבנגעבראכטע געדאנקען זיינע, איז איבעריק צו רעדן. נאָך מער דארף זיך אזא דערציאונג אָפּקערן פון דעם געבאָט פונם גרויסן ליכט פון 20טן יאָרהונדערט, פון לענינען, ווען ער זאָגט, אז מען דארף א יוגנט "זי זאָל קיין זאך ניט גלויבן אפן וואָרט, קיין איין וואָרט ניט זאָגן קעגן איר געווויסן, ניט מורא האָבן מודה צו זיין זיך אין קיין שום שוועריקייט, ניט אָפּשרעקן זיך פאר קיין שום קאמף אף צו דערגרייכן אן ערנסט געשטעלטן פאר זיך ציל".

כ'האָב ערגעץ וואו געלייענט א קורץ קינדער־ליד, וואו א קינד באקלאָגט זיך אפן פאָטער, וואָס מושטירט, וואָס מוסר'ט, וואָס דערגייט די יאָרן דעם קינד. "די באָבע האָט מיר דערציילט אז ווען ער, מיין פאָטער, איז געווען א קינד, פלעגט ער אויך זיין אזוי"... "כ'וועל עס אָבער אים ניט זאָגן, כ'האָב מורא". אָ, ווען כ'זאָג ... וואָלט ער מיר דערלאנגט ... ס'דערמאָנט מיך אין דעם דאָזיקן ליד, ווען כ'לייען "זיי זאָלן ניט מורא האָבן מודה צו זיין" — "זיי זאָלן ניט זאָגן קיין איין וואָרט קעגן זייער געוויסן". אנו, זאָלן זיי נאָר פּרובירן! מען וועט זיי א שליידער טאָן, אז קלייבן די ציינער וועלן זיי דארפן אינם לאגער פון די "פארביסענע שונאים פונם ראטן פארבאנד" — "פון דעם ארבעטער קלאס" פון די "רענעגאטן", "פאררע־טער" אלא טראָצקי און זיינס גלייכן ...

אף איין פערדעלע רייטן די דאָזיקע דערציער יאָ ארויס, און דאָס איז אפן פערדעלע פון פּראקטיק. לענין האָט געהייסן

פארבינדן טעאריע מיט פראקטיק. אבער אין וואס באשטייט די פראקטיק דארטן אינם סאוועטן פארבאנד ? העלפן די פויערים אין זייער ארבעט, דורכצופירן סטאטיסטיק, מיט וועלכע א שטעטעלע קאן זיך באנוצן, אויפפאסן אויף די ברונים'ער, קאאפעראטיוו צווישן שול קינדער, ריינקייט קאמפאניע, העלפן דעם לערער און א. וו. דא אבער ווערט די פראקטיק פארוואנדלט אין דורכפירן דעבאטן (אן א זין, מחמת מען מוז גיין אין דער ליניע . . .) אין פארקויפן בילעטן, און אין דורכפירן טענץ, די יוגנט איז דערפאר א בלאסע און איז נאר אין דינסט ביי דער פארטיי.

געפינען מיר אין די בריוו פון קארל ליבקנעכט, אז ווען ווילהעלם ליבקנעכט, זיין פאטער, האט דערהערט, אז זיין 19 יאריקער בחור'ל, קארל, וויל ווידמען זיין לעבן דעם מארקסיזם, איז ער אן אויפגעזאדענער געווארן און אויסגעשריען : "ווי אזוי קאן מען זיך דאס אפזאגן פון גייסטיקער זעלבסטשטענדיקייט . . . און זאגן אף פאראוים" און א. וו. ווילהעלם ליבקנעכט, דער גייסטיקער ריז און העלד, וואס האט שוין אין 1870 געשטימט אין פארלאמענט קעגן מלחמה־קרעדיטן, וויל ניט, אז זיין זון, קארל, זאל צו 19 יאר זיין א פארטיקער סאציאליסט. און די היינטיקע "פרעגלען" זיך פון נחת ווען זייער באוואוסטזיניקער 9 יאריקער בחור שווערט געטריישאפט סטאלינס פירערשאפט.

וואס עצה'ט קארל זיין קינד צום לייענען ? "ראשית געשיכטע פון ליטעראטור שילערן, קלייסטן, קערנערן, געטע, שעקספירן, סאפאקלעסן, האמער, נאש פון אומעטום".

און "דו דארפסט ניט אוועקמאכן מיט דער האנט דיינע ספיקות, דו דארפסט מיך ניט פאלגן — דו מוזט עס איבערארבעטן איינער אליין, פון אנהויב אן —דורכקעמפן מיט זיך!" אזוי הייסט ליבקנעכט און ווען ? אין 1919, ווען די רעוואלוציע איז אפן וואג־שאל; אזוי לערנט קארל זיין זון פון תפיסה ! און אייך, פועלי־ציון, זאגט ד־ר. קויפמאן, אז "די קינדער האבן נאך נישט קיין באקאנטשאפט מיט העכערע באגריפן, ווי פאלק, נאציע, געזעלשאפט, שטאט אינסטיטוציעס, געזעצן, אייגנטום,

קלאס, פאמיליע, וויסנשאפט, קונסט, כחות,אידייעס, אידעאלן, שטרעבונגען, האָפנונגען, איבערצייגונגען, גלויבונגען און א. וו. ניט אומזיסט האָט דזשאָן דזשאק רוסאָ געזאָגט, אז געשיכטע דארף מען אָנהייבן צו 18 יאָר. אויך די מאָדערנע דערציער האלטן ערשט דאָס 14 יאָר פאר דעם יאָר ווען דער לימוד פון געשיכטע קאָן אָנגעהייבן ווערן".

אויב געשיכטע דארף מען ניט לערנען מיט א קינד פון פאר 14 יאָר אלט, א פשיטאָ שוין פאלעסטיניזם, פועלי־ציוניזם, קאָמוניזם.

פארטייאישע דערציאונג איז ניט נאָר דערפאר שלעכט, וואָס עס לייגט אריין אין די מיילעכלאך פון קינדער זאצן און אויסדרוקן, וואָס זיינען ניט אין הארמאָניע מיטן קינדס נשמה; ניט נאָר דערפאר וואָס די שארפקייט, שרייערישקייט, "פאטע־טישקייט" און באָמבאסטיק צעפרעסט די נאטירלאכע נאאיווי־קייט, ערלאכקייט, צארטקייט, שטילקייט און אויפריכטיקייט אינם קינד; ניט נאָר דערפאר, וואָס ס'לערנט קינסטלאך דעם קינד פיינט צו האָבן זאכן, וועלכע ס'וויל ניט, קאָן ניט, דארף ניט און ווייסט ניט פארוואָס ס'זאָל עס פיינט האָבן, ניט נאָר דערפאר, וואָס אויף אלץ זיינען פאראן פארטיקע אמת'ן און דאָס קינד געוואוינט זיך אָפ צו טראכטן, צו זוכן, צו פאָרשן, ניט נאָר דערפאר, וואָס דער "נעשה ונשמע", מירן תימד פאָלגן, וואָס מ'הייסט אונז איז א רויטער "מודה אני", א רויטער "אני מאמין באמונה שלמה" דינסטאָג דאָס און מיטוואָך דאָס, ניט נאָר דערפאר, וואָס עס געוואוינט צו האָבן א קופערנעם שטערן, וואָס ס'לערנט צו ארגומענטירן מיט "הילצערנע" און "גלעזער־נע" ארגומענטן, וואָס ס'לערנט אז די פארטיי, אי דער פירער איז א גאָט "און קיין אנדערע געטער זאָלסטו ניט האָבן", ניט נאָר דערפאר, וואָס ס'ווייזט, אז פאר בעסער פאָלגן קריגט מען שענערע "הקפות" און בעסערע "עליות", ניט נאָר דערפאר, וואָס עס שלעפט קינדער קעמפן קעגן דער בלוטיקער פינסטע־רער מאכט, בעת זיין פינסטערע מאכט איז גאָר דאָס אינגע־רע ברידעל אָדער עלטערע שוועסטערל; ניט נאָר דערפאר, וואָס לערנט ניט זוכן, לערנען, פארשן, דורכליידן, דורכווייטיקן אמת'ן,

נאָר אויך דערפאַר, וואָס עס שלעפּט צו פרי אַריין אין דער באַ־וועגונג, וואָס וואַרפט אָפּטמאָל אָן אַפן יונגן קינד אַ סקרוך, מחמת איר "ריינקייט", מחמת איר "ערלאַכקייט", מחמת איר "פּרינציפּן אויסגעהאַלטנקייט", מחמת קליינלאַכקייטן און קנאה שנאה. אַזאַ לופט איז אַ סם פאַר אַ קינד און אפילו פאַר אַ יוגנטלאַכן.

כ'האָב געהאַט אַ קינד, 15 יאָר אַלט איז עס געווען, וואָס פלעגט אַרויסווייזן אַזויפיל ליבע צו די לימודים, אַז ס'פלעגט מיך פּשוט אָנצינדן מיט פרייד און התלהבות. אַ מיידל איז עס גע־ווען. זי פלעגט אָפט, זייער אָפט נאָכן לערנען בלייבן זיצן אין קלאַס, כדי מיטצולערנען מיט אַ צווייטן קלאַס. ניט נאָר דאָס. זי פלעגט מיטהאַלטן מיט זיך נאָך חברים און חבר'טעס. אַז קינדער זאָלן בלייבן לערנען מיט אַ צווייטן קלאַס, זיצן מיטן אייגענעם ווילן פון 5 ביז 8 אין אָוונט, אין די קלאַסן, איז ביי מיר געווען אַ געוויינטלאַכע דערשיינונג. געווען אַ קינד, איצט איז עס פון די אָנפירנדיקע חברים אין דער יוגנט באַוועגונג אין שיקאַגאָ. וואָס איז יאָרן אָפּגעזעסן אין די קלאַסן פון 5 ביז 8, מיטגעלערנט מיט אַלע קלאַסן... כ'האָט געהאַט אַ קינד, שפּעטער איז עס צו 19 יאָר אַלט, געווען לערער פון שיקאַגער 1טער "פריי־הייט שול", סעקרעטאַר פון לערער פאַרבאַנד און געזאַנג פאַראיין, וואָס האָט פאַרלאָרן זיין יונג לעבן, בעת, ס'האָט זיך אין אַ קעמפּ אין טייך געוואָרפן, כדי צו ראַטעווען צוויי קינדער, וואָס האָבן זיך געטרונקען (איצט טראָגט זיין נאָמען די שיקאַגער מיטל־שול ביים אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן — הערשל עסטרין). וואָס פלעגט אַרויסווייזן פאָטערלאַכע באַציאונג צו קינ־דער און איז באמת פאַרליבט געווען אין שול און אין דער באַ־וועגונג. געווען אַ קינד וואָס פלעגט דאַרפן מיט אַ טאָג פריער וויסן, וואָס דער יענער אָדער קלאַס וועט לערנען, מחמת טאָ־מער לערנט מען אַ געוויסן קעגנשטאַנד וועט עס מקריב זיין דאָס גליטשן זיך. געווען אַ קינד, וואָס פלעגט זיך צוהערן צו אַלע מיינע אַרויסטרעטונגען און ניט דורכלאָזן איין לעקטאָר, מחמת ס'פלעגט קלייבן שיינע זאַצן, שיינע געדאַנקען, נייע ווערטער, העברייאישע עלעמענטן. געווען אַ קינד, וואָס פלעגט

לערנען פּאָליטישע עקזאַמענס מיט אַלע קלאַסן, עס האָט גע־
וואוסט דעם קעגנשטאנד אזוי גוט, אז ס׳האָט א גאנצן זומער
געלייענט נאָר איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. אזוי ליב האָט
עס געקראָגן דעם קעגנשטאנד, אָבער דאָס מיידל, וועגן וועלכן,
כ׳רעד דאָ, האָט ארויסגעוויזן א סך מער ווי ברענענדיקן אינ־
טערעס, עס פלעגט ארויסווייזן אָן גרעניצן פרייד, באגייסטע־
רונג און ליבע צו לימודים. און געוואוסט האָט זי די לימודים !
געזאָגט געוואָרן אויף א סך יונגע לערער — און אפשר . . .
עס פלעגט לייענען די פּרעסע און איז געווען אמת־סאָציאַליס־
טיש געשטימט. די קאָמפּאָזיציעס, וואָס דאָס דאָזיקע קינד
פלעגט שרייבן, פלעגט זיין אָריגינעל און שעפעריש, און געזונ־
גען, און דעקלאמירט האָט עס מיט אזויפיל הארץ, אז ס׳פלעגט
תמיד אויפשטורעמען. און . . . אין דער היים ? פרעגט שוין
גאָרניט. כ׳קום אמאָל אריין, זי וואשט גרעט. ״זע ווי רויט, ווי
פארשוויצט דו ביסט, ס׳איז דיר שווער?״ כ׳מאך דער מוטער
א באמערקונג : ״אפשר ניט פאר אירע כחות״ — ערשט כ׳דער־
הער א קול — ״מיין ברודערס העמדער איז ניט שווער צו וואשן״.
די 15 יאָריקע ״כלה־מויד״, — וואָס איז געווען א פרייד
פאר דער שול, פאר דער ענגלישער סקול, און נאָך מער פאר
די עלטערן, וואשט די דילן, געפּעס, העלפט ארום די שוועס־
טער, חבר׳טעס אין זייער היים־ארבעט און געפינט צייט צו
״דיזשורירן״, צו בלייבן מיט קליינע קינדערלאך אין די אוונטן
ביי שכנים, וואָס דארפן אמאָל, וואו עס איז, אין אָוונט, ארויס.
דער פאָטער פלעגט אין די בעסטע יאָרן פארדינען קוים צום
לעבן. געוואוינט האָט מען 6 נפשות אין 2 צימערן מיט א
קיך . . . דאָ האָט איר אָן ארים, ארבעטזאם, פול מיט התלהבות,
פאראנטווארטלאכקייט און ליבע, קינד. — עס האָט האָלט גע־
האט דעם שול־קרייז, עס האָט געהאט א גוואלדיקן אינטערעס
צו די קאמפן פונם ארבעטער קלאס, עס וואָלט, ווי איר זעט,
געווען אַן אויסגעצייכנט מאטעריאל פאר א פּארטיי מענטש,
אָבער . . .

כ׳האָב געהאט 2 קינדער, ברידער זיינען זיי געווען. שטי־
פער — ״פּערווי סאָרט״. פון קינדער־גאָרטן אָן זיינען זיי אין

שול געגאנגען. ס'זיינען אוועק יאָרן. זייער חבר'ישקייט, ער־לאכקייט און באשיידנקייט האָט צו זיי צוגעצויגן אי אלע קינ־דער, אי דעם לערער. כאָטש זיי האָבן ניט "געבלישטשעט" מיט וויסן, מיט קאָמפּאָזיציעס, כאָטש קיין גרויסן אינטערעס צו לי־מודים האָבן זיי ניט ארויסגעוויזן, כאָטש קיין רעדעוודיקע זיינען זיי ניט געווען—אָבער פון יעדן זאץ פון זייער אויפנעמען נייעסן האָט מען געזען זייער קרובה'שאפט צו דער ארבעטער באַוועגונג. א וואונדערבארער מאטעריאל אין אן ארמיי קעמפער, אָבער . . .

כ'האָב געהאט א קינד. קיין פאטער האָט עס ניט געהאט. די מוטער, אן אלמנה, האָט געהאט א קרעמל, וואו זי פלעגט זיצן אָוונט־איין, אָוונט־אויס ביז 1-2 אין דער נאכט און קוים פארדינען צום לעבן. דאָס איז נאָך געווען גוט. פריער איז די לאגע געווען נאָך ערגער. מען האָט געהאט א קרעמל, וואָס האָט אויך געדינט פאר אן עס־צימער, מחמת געשלאָפן האָט מען אי־בערן קרעמל אין א צימערל, וואָס וואָלט געווען א פאסיקער פלאץ אָפּצואווארפן ליידיקע קעסטלאך, אָדער צו האלטן בול־בעס . . . ס'גייען אוועק יאָרן. דאָס קינד ווערט שוין 18 יאָר אלט. עס ווערט אָנגעשטעלט אלס געהילף־לערערן אין שול. עס ווארפט זיך אריין אין דער שול ארבעט מיט אזויפיל ליבע, מיט אזא ברען, אז ס'גייט אהיים נאָר שלאָפן, און דאָס אויך אביסע־לע צו שפּעט. צו 20 יאָר אלט ווערט זי פארוואלטערן און הויפט־לערערן פון שול. זי צוזאמען מיט נאָך 5 קינדער, געענדיקטע דעם קורס פון שול, מיטל־שול און פראָסעמינאר, נעמען איבער די שול. דער ערשטער פון דעם מין עקספּערימענטן, וואָס א שול האָט ווען דורכגעמאכט. איר (און זייער אלעמענס) פאראנט־וואָרטלאכקייט צו דער ארבעט און ליבע צו די קינדער גיסט אריין אזויפיל פרייד און התלהבות אין דעם קרייז ארום דער שול, אז טאטעס פארטרערן זיך אזש, ווען זיי הערן אוים דעם באריכט פון דער אינגסטער, אפשר אויף דער וועלט, פארוואל־טערן פון א שול פון 150 קינדער. און ערלאך איז עס, און גראד־ליניק, און אמת'דיק אויפריכטיק, און געדולדיק און . . . זי וואָלט זיך מיט פרייד אריינגעווארפן אינם שטורם פונם קאמף פונם ארבעטער קלאס. אין איר לערנען ביאָגראפיעס פון קעמ־

פער האָט זי אריינגעלייגט אזויפיל הארץ און ליבע, אז נאָר א לערער וואָלט עס געקאָנט אָפּשאצן און דערפילן דורכן וויסן פון דעם קעגנשטאנד. וואָס אירער א קלאס האָט ארויסגעוויזן. און . . . איז דאָ שכירות איז גוט, איז ניטאָ — דארף מען ניט . . . איז דאָ צייט צו עסן וועטשערע איז גוט — ניטאָ דארף מען ניט.

כ'האָב געהאט א קינד, 18 יאָר אלט איז עס געווען, דער אינטערעס צו דער באוועגונג איז געווען אזוי שטארק, אז ס'האָט אליין דורכגעשטודירט דאָס לעבן, שאפן און קאמף פון ראָזע לוקסנבורג, קארל ליבקנעכט און אלץ, וואָס האָט א שייכות צו דערציאונג פון לענינען. עס האָט סיסטעמאטיש געלייענט די וועלט פרעסע, געהאט גוואלדיקע ליבע צום ארבעטער קלאס און געווען גרייט, בפועל ממש גרייט, אויסצוברענען דאָס ליכט פון לעבן פאר די אידעאלן פון קאָמוניזם, אָבער . . .

כ'האָב געהאט א קינד, 19 יאָר אלט איז עס געווען, עס האָט א וועלט שוין געהאט אויסגעלייענט. עס האָט אפילו געלייענט די ארבעטער פרעסע, וואָס דערשיינט אין ענגלאנד, עס האָט געהאט גוואלדיקן אינטערעס צו דער ארבעטער באוועגונג. און ערלאך, מענטשלאך איז עס געווען, ווי אלע, דאָס רוב, אמעריקאנער קינדער זיינען, — און געברענט האָט עס מיט די קאמפן פונם ארבעטער קלאס, און פארצווייפלט פלעגט עס ווערן פון דורכפאלן און באגייסטערט פון זיג פונם וועלט־פראָלעטאריאט.

כ'האָב געהאט א קינד, וואָס איז געווען אָריגינעל און פּעאיק, וואָס האָט דורכגעלייענט, ניט מגזם צו זיין, א ביבליאָטעק, וואָס האָט געהאט אונטערנעמונגס גייסט, איניציאטיוו, וואָס איז געווען ארבעטזאם, ערלאכער פאר רבונו של עולם און גע'טענה'ט, אז ס'מוז ווערן אַן ארבעטער, כאָטש ס'האָט מעגלאכקייט און חשק צו שטודירן, מחמת ס'וויל גיין אין פאָלק, אָבער . . . כ'האָב געהאט קינדער, וואָס זייער ערלאכקייט, גוטמוטיקייט, וואָס זייער ליבע צו די אידעאלן פונם ארבעטער קלאס, וואָס זייער בענקשאפט עפּעס וואָס צו טאָן, וואָס זייער גרייטקייט איז געווען אין לשער ואין לספר, אָבער —

כ'האָב געהאַט אַ קינד, 20 יאָר אַלט, עס האָט געזוכט, בפועל ממש געזוכט זיך פּאָליטיש אויסצולעבן. וואו זי האָט זיך נאָר געקערט, און געוואונדערט האָט זי געקראָגן "קלעפּ"... און ענערגיע, און ווילן, און וויסן האָט זי געהאַט פאַר צען. איצט האָט זי געפונען אַ מקום־מנוחה אין שטורם און אין אויפ־בוי אַרבעט, — זי איז די סעקרעטאַרן און איינע פון די וויכ־טיקסטע טוערן אין דער קאָאָפּעראַטיווער, אויף אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישע יסודות, קאָמונע "סאָנרייז" — (לעבן דעטראָיט).

כ'האָב געהאַט אַ קינד... ווער קאָן זיי אויסרעכענען...
איצט וואַקסט שוין אַ נייער "דור", אינגערע, מחמת די, וואָס כ'האָב אַ כאַפּ געטאָן זיינען שוין מענטשן, איצט וואַקסט שוין אַ צווייטער, אַ דריטער "דור", און וואו וועלן זיי לאַנדן ? דאָס לעבן וועט זיי ברענגען צום סאָציאַליזם, אָבער דער גייסט, וואָס הערשט איצט אין די פּאַרטייען איז אַזאַ, אַז ס'איז אַ ווייטיק פאַר די נעכטיקע און היינטיקע (אויך היינט זיינען פאַראַן אַ סך) הירש לעקערטס, נפתלי באַטווינס, בער באָראָכאָווס, ליט־וואַקס, אָלגינס, ווערא פינגערס, העסיע העלפמאַנס און אַנדע־רע, אָבער דער גייסט, וואָס הערשט היינט אין די פּאַרטייען איז אַזאַ, וואָס שטויסט אָפּ, פאַרטרייבט און פאַריאָגט. אמת, ער פאַרטרייבט ניט אינגאַנצן. די פאַרשטויסענע און אַנטלאָ־פענע גייען ניט אַוועק — זיי זיינען אָבער אויך ניטאָ...

כ'האָב געהאַט אַ קינד, 18 יאָר איז עס אַלט געווען, — אַ קינסטלערישע נאַטור איז עס געווען און אַ גאָלדענע. האָט גוט געקאָנט די באַוועגונג. נאָך מער, ער איז כמעט מיט אַלץ אין דער פּאַרטיי מסכים געווען — אָבער דאָך צעוווייטיקט מיט ספקות — אָבער דאָך — קיין צוטרוי ניט צו פּאַרטייען... מחמת דאָס יאָגן זיך נאָך באַלדיקע דערפאָלגן, מחמת דער אומ־וויסנהייט אין וועלכער מען האַלט שיר ניט אַבזיכטלאָך די מאַסן. שטעלט זיך פאַר אַ אידישער אַרבעטער קולטור צענטער, און... קיין סיסטעמאַטישע קורסן אין פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אַרבעטער באַוועגונג, מאַרקסיזם, סאָוועטישע ליטעראַטור ! פון צייט־צו־צייט פלעגט מען אָנהויבן אַ וועלכן עס איז קורס און עס פלעגט אָפּשטאַרבן. שטעלט זיך פאַר אַן אַרבעטער ביבליאָ־

טעק אין א געביידע פון אזא ארבעטער ארגאניזאציע און . . . ביכער פלַיגן כמעט ווי פוילן . . . שטעלט זיך פאַר אן ארבעטער "קולטור" צענטער ! און זאט איז מען געווען און פארטרייבן פלעגט מען, און ניט צולאָזן פלעגט מען, און אָפּשטויסן פלעגט מען אזוינע. וואָס וואָלטן אריינגעבראכט אן אנדער גייסט. זשאנדארמיש, "פריים-אפיש" (מיט א קונץ) און מיט רציחה פלעגט מען פארטרייבן אזוינע, וואָס האָבן געוואגט, אָדער וואָס ס'איז געווען צו דערוואַרטן, אז זיי וועלן וואגן צו אָנפרעגן צי אלץ, וואָס די פארטיי דענקט היינט איז קדש-קדשים . . .

ווי ווייטיקדיק דאָס דאָזיקע פילן און וועלן דערפילן די הונדערטער איבער לאנד, וואָס האָבן אויף זייער קערפּער "געפילט" דעם בייטש. און שמייסער זיינען עס דאָס רוב געווען, הלואי וואָלטן זיי געווען אינם לאַגער פונם שונא, מחמת דער ארבעטער קלאס דארף אנדערע קעמפער. אָבער דאָך וועט דער ארבעטער קלאס זיגן. יאָ, ער וועט זיך נאָך באפרייען פון די וואָס שענדן זיינע געבאָטן. יאָ, ער וועט זיגן מיטן וועג פון אמת — אָדער ער וועט ניט זיגן !

איז דען מעגלאך אויסצורעכענען, צו דערמאָנען א צענטל פון די, וואָס וואָלטן געווען בלב ונפש מיט אַק אין דער באַוועגונג ?

כ'האָב געהאַט א קינד, וואָס ווען כ'קאָן פארעפנטלאכן, כאָטש פארשטעלטערהייט, זיינם א האנדלונג (א האנדלונג וואָס נאָר א מלאך קאָן זיך אפשר אזוי מקריב זיין!) וואָלט עס געגעבן א באגריף וויפל פּראכט, וויפל דערהויבנקייט, וויפל גרייטקייט א קינד קאָן ארויסווייזן, ווי רייך און הימלש א קינדס נשמה איז, ווי צארט און געפילפול ס'איז. דאָס דאָזיקע קינד איז גאנץ נאָענט צו דער באוועגונג, אָבער . . .

אמת, אויב א קינד האלט זיך פון ווייטן, טרעט ניט ארוין אין דער באוועגונג, איז ניט אלעמאָל, און ניט איין און אליין דער גייסט פון דער באוועגונג אין דעם שולדיק. אמאָל איז דער טעמפעראמענט פונם קינד ניט צוגעפּאסט צו פּאָליטישע טעטיקייטן, אמאָל איז דאָס קינד צו סענסיטיוו, אמאָל ניט גענוג

פּאָליטיש געניינגט — צענדליקער סיבות פאראן, אָבער, אז דער "גייסט" פון די פּאַרטייען שטויסן אָפּטמאָל אָפּ די בעסטע, זעען מיר אף יעדן שריט און טריט.

כ'האָב געהאַט א גאנצע משפּחה, וואָס, אָנהויבנדיק פונם זיידן, איז די גאנצע משפחה אזוי אָדער אנדערש פארבונדן געווען מיט דער באוועגונג. דער פאָטער איז, מיט יאָרן צוריק, אנטלאָפן פון רוסלאנד, וואו ס'האָט אים געדראָעט טויט־שטראָף פאר פּאָליטישער טעטיקייט אין דער ארמיי. און קינדער זיינען עס געוועןְ! אי גוטמוטיק, אי ערלאכער פארן רבונו של עולם, אי מענטשלאך ריין, מוסטער מענטשן. האָבן זיי אָבער צופיל "הינטער קוליסן" זאכן געוואוסט פון דער באוועגונג. די מוטער, זייער טעטיק, פלעגט "טעג" אָפּשטיין ביים טעלעפאָן . . . האָט עס די קינדער פּאָליטיש "רואינירט". ווער ווייסט ווען זיי וועלן פּאָליטיש קומען צו זיך. האָט דאָך דער גייסט, די סביבה פון דער באוועגונג געדארפט אריינציען, אָבער ניט אָפּשטויסן . . .

כ'האָב געהאַט א קינד, 18 יאָר אלט איז עס געווען, וואָס פלעגט פשוט חלומ'ען טעטיק צו זיין אין דער באוועגונג, — וואָס איז געווען פול מיט ענערגיע און האָט גוט געקאָנט די באוועגונג. אָבער "ניטאָ קיין סאָציאליסטיש געוויסן אין דער באוועגונג פון היינט". אָבער "די קליינלאכקייט פון די פירער, דאָס יאָגן זיך נאָך קליינטשינקע "דערפאָלגעלאך", דער פאנאטיזם, דאָס ברוטאלע אָפּרעכענען זיך מיט די, וואָס גייען ניט הונדערט פּראָצענט אין דער ליניע, דער טאָן, די שפּראַך, די פלאכקייט, די שרייערישקייט שטויסט מיך אָפּ". אָבער "ווער קאָן עס צוזען אין וואָס פאר א אומוויסנהייט מען האלט די מאַסן. ווער קאָן עס צוזען ווי מען "העצט", ניט מען קלערט אויף, ווער קאָן עס צוזען, ווי מען איז עס תמיד די זיגער, תמיד גייסטיק זאַט, צופרידן און זיכער . . ." צווישן די פּאָר קינדער, וואָס כ'האָב אזוי ווי א כאָפּ געטאָן, א כאראקטעריזיר געטאָן, זיינען אויך פאראן אזוינע, וואָס גייען אין דער "ליניע" — וואָס זיינען אין דער פּארטיי, אָבער . . . הגם זיי ווייזן ארויס אז זיי זיינען צופרידן, אז זיי האָבן זיך איינגעלעבט, אז די זאך איז הייליקער, אז די מעלות וועגן ניט אן ערך אריבער די חסרונות,

הגם זיי ווייזן אַפּטמאָל ארוים "שטאָלץ" — פיל איך און ווייס, אז אינם אומבאוואוסטזיין פילן זיי זיך אַפּטמאָל שווער, גרוי און מיד. ניטאָ די פרייד, דער ברען, די הימלשע התלהבות . . . דאָס מוזן תמיד מסכים זיין, דאָס שרעקן זיך ניט געשטרויכלט צו ווערן איין און אַפּנויג (און מען איז דאָך ניט מער ווי א מענטש . . .) מוז מיד מאכן דעם גרייטסטן.

און אויב א קינד האָט אמאָל א זאָג געטאָן אויף אן אר־טיקל אין א קאָמוניסטישער צייטשריפט, וואָס איז פול געוועזן מיט גאַל, רציחה, ליגנס און רכילות, אז "ס׳איז א גוטער אר־טיקל", האָב איך אפן קינד קיין פאראיבל ניט געהאט (כאָטש ס׳האָט מיך, ווי מיט א מעסער, געשניטן). דאָס קינד האָט מען פשוט אָנגערייצט, מחמת אָנפירנדיקע חברים, אין ניו־יאָרק האָבן שפּעטער געשטוינט און מסכים געווען, אז אזוינע ארטיק־לען דארפן ניט דערשיינען, אז זיי דארפן צוריקגערופן ווערן . . . א פשיטא האָט עס געמעגט פילן א קינד, א הי־דערצויגענער און געבאָרענער.

אייניקע ווערן אויפגערייצט, אייניקע, וואָס גייען אין דער "ליניע", העלפט ארוים די גוטמוטיקייט זייערע. כ׳האָב געהאט אזא קינד. איצט איז עס א לערערן אין א פּארטיי שול. שווער, דאָס קינד זאָל קאָנען ארונטערשלינגען דעם גייסט וואָס הערשט היינט אין יענע קרייזן (און מעג זי אפילו פּראָטעסטירן, קלאפּן זיך אין הארצן, אז אני מאמין באמונה שלמה . . . אָדער זיך אָפּ־קערן פון מיר פאר חושד זיין זי אין אפיקורסות) — כ׳קאָן זי, כ׳קאָן איר גוטמוטיקן שמייכל און פארשטיי, אז באשיידנקייט און גוטמוטיקייט העלפט איר צו ליידן און שווייגן. —

ניין, און טויזנט מאָל ניין. דער גייסט, וואָס הערשט היינט אין די פּארטייען איז סם פאר דער נשמה פון דער יוגנט, א פשיטא שוין פאר דער נשמה פונם קינד. דער גייסט אין די פּארטייען איז עס שולדיק (ביז א געוויסן גראד), וואָס, דווקא אין אזא בלוטיק־טראגישער, שווערער צייט פארן ארבעטער־קלאַס, וואקסן ניט סאָציאליסטישע און קאָמוניסטישע פּארטיי־ען. פאראן טיפערע סיבות אויך, אָבער אין דער טראגישקייט פון פאלן און ניט שטייגן, איז אין א גרויסער מאָס שולדיק דער

גייסט וואָס הערשט אין די פּאַרטייען. כ׳געהער צו די וואָס האָבן פאַרלאָרן דעם צוטרוי צו די פּאַרטייען. ניט דעם גלויבן, נאָר דעם צוטרוי. כ׳גלויב נאָך היינט, אַז נאָר אָרגאַניזירטער־הייט וועט דער ארבעטער קלאַס אויסקעמפן ברויט און פריי־הייט, גליק און לעבן. אָבער ווען? ווען די ערלאַכע און בראַווע וועלן פאַרטרייבן פון זיך די קליינע מענטשעלאַך, די שאַרפּצייניקע, די שפּל׳ע, וואָס פליוכען מיט גאַל און זיינען די ערשטע צו שפּייען, אָבער ניט צו ליידן און קעמפן. מען וועט זיך כאַפּן — שפּעט וועט עס קיינמאָל ניט זיין — אָבער היינט? היינט איז דער גייסט סם פאַר דער נשמה פון קינד!

די יונגע קינדער, די 12-13-14 יאָריקע ווערן פאַרכאַפּט פון א רויטער טיכל, פון זיין א "מיטגליד" פון א. א. וו. — די 17-18 יאָריקע גייען שוין ארום מיט וואונדן, וואָס דער "גייסט" פון די היינטיקע פּאַרטייען רופן ארויס אין זייערע נשמות...

עקאָנאָמישע סיבות, נייגונגען צו פּאָליטישע טעטיקייטן, פּאָ־ליטישע באוואוסטזיניקייט, גרייטקייט קאָנען אריינציען, דאַרפן צוציען, אָבער אָנהאַלטן אין דער באוועגונג דאַרף דער גייסט פון חבר׳שאַפט, דערהויבנקייט, דאַרף ווארימקייט. איז דאָס אָבער ניטאָ — טויג טאַקע ניט. ניט די קינדער זיינען שולדיק. נאָר שולדיק זיינען די, וואָס באַהויכן די באוועגונג מיט שנאה, רציחה, גאַל און אינסינואַציעס.

לייען איך אין בונדישער "פאָלקסצייטונג, אַז "נאָכן ערשטן מאַי האָט "דאָס וואָרט", פּועלי־ציון אָרגאַן, געשריבן וועגן די "ריזיקע" מאַניפעסטאַציעס פון די פּועלי־ציון (רעכטע) און די "שיטערע" מאַי־צוגן פון "בונד". מאַכט זיך אַ מעשה, אַז דעם 27טן מאַי קומען פאַר שטאָט־ראַט וואַלן, און די רעזולטאַטן פון די וואַלן, זיינען אַן אויסגעצייכנטע אילוסטראַציע צו די "רי־זיקע" און "שיטערע" צוגן פון 1טן מאַי. מיר וועלן ברייננען א פּאָר ביישפּילן: 1) לובלין — אין באַריכט וועגן 1טן מאַי שרייבט "דאָס וואָרט" (104 פון 4טן מאַי) ... דער צוג (פון פּועלי־ציון), וועלכער איז געווען זייער גרויס און אימפּאָזאַנט, האָט געמאַכט א גוואַלדיקן רושם. דער בונדישער צוג איז גע־ווען זייער "שיטער"...

דער וואל אויסגאנג פון 27טן מאי? דער "בונד" האָט באקו־
מען אין לובלין ביז 5,000 שטימען, רעכטע פועלי ציון 176 שטי־
מען. אָדער ווייניקער וויפל זיי האָבן געהאט אונטערשריפטן
אויף די ליסטעס ! וואו זיינען אהינגעקומען די מאסן פון "רי־
זיקן אימפּאָזאנטן צוג?" פון וואנען האָט דער "שיטערער" צוג
פון "בונד" גענומען 5,000 שטימען ? — בלייבט א קשיא.

ב י א ל י ס ט אָ ק — אויך וועגן ביאליסטאָק האָט געשריבן
"דאָס וואָרט", אז דער צוג פון "בונד" איז געווען בלאס און
מאָגער, און פון פּ.צ. ריזיק און אימפּאָזאנט. און דעם 27טן מאי?
העכער 5.000 שטימען פאר "בונד" און 6 מאנדאטן. פּועלי־ציון
האָבן אפילו אויף איין מאנדאט נישט אָנגעצויגן קיין שטימען.

ק ר י נ ק י — אין זעלבן נומער פון 4טן מאי שרייבט "דאָס
וואָרט" : "קרוב 500 ארבעטער, פאָלקס מענטשן און יוגנטלא־
כע האָבן זיך באטייליקט אין צוג פון ארבעטנדיקן ארץ־ישראל
אונטער די פענער פון פּ. צ. העובד און א. וו. דאקעגן איז גע־
וועג דער "חוזק" פון טאָג די דעמאָנסטראציע פון "איינציקן
פאָרשטייער", וואָס האָט געציילט 90 מאן, דערונטער מער ווי
א העלפט שול־קינדער און סקיפּיסטן". . . דעם 28טן מאי, נאָכן
ציילן די שטימען האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער "בונד" האָט
באקומען 600 שטימען און 3 מאנדאטן און די רעכטע פּ. צ.
האָבן קוים אָנגעצויגן שטימען אויף איין מאנדאט.

נ אָ ו ו י ד ו ו אָ ר — "דאָס וואָרט" פון 7טן מאי דערציילט,
אז די פּ. צ. האָבן געהאט א גראנדיעזע מאי פייערונג, אויפן
מאי־מיטינג — אן עולם פון 500 מאן; דאקעגן דער "בונד" האָט
זיך כמעט נישט אָנגעזען, אזוי קליין איז ער געווען. נאָך די
וואלן : 761 שטימען פארן "בונד" — 4 מאנדאטן. די פּ. צ. בא־
קומען אזויפיל שטימען, אז זיי בלייבן אָן "איין מאנדאט".

וועמען זאָל מען גלויבן ? ס'איז איבעריק צו זאָגן, אז דאָס
אויבנגעבראכטע איז נאָך נים קיין פּערל פונם אמת'ן גייסט
וואָס הערשט אין דער באוועגונג — ווי דאָס ווירקט אויף יוגנט
און קינדער קאָנט איר זיך משער זיין. זיי הערן און זעען
היינט צו טאָג לערנען פּארטייען, אז פאר דער פּארטיי,
(נים חלילה פארן סאָציאליזם, מחמת יעדערער זאָרגט פארן

פרעסטיזש פון זיין פארטיי — דער אידעאל איז פארגעסן . . .) אז פאר דער פארטיי מעג מען אלץ טאָן, ביז . . . מען קאָן אלץ טאָן אויך ניט פאר דער פארטיי . . .

ריידן וועגן נשמה, אמת, עטיק אין פארטיי קרייזן מיינט ריידן צו טויבע ווענט אין בעסטן פאל וועט מען אייך באזייטיקן, מחמת איר זייט ניט אויסגעהאלטן. און אומעטום און איבעראל איז אזוי. איז א פארטיי אינגער, איז זי וויניקער פארפוילט — פארלאָזט זיך אָבער. זי וועט אָניאָגן! ווען מען נעמט צונויף די ענערגיע, וואָס פארטייען פארנוצן אויף צו באקעמפן זיך קעגנזייטיק, אויף פערזענלאכע רייסערייען צווישן זיך אליין . . . ווען מען נעמט צונויף די ענערגיע און מען פארגלייכט עס מיט דער ענערגיע, וואָס די פארטיי גיט אָפּ דער "הייליקער זאך", דעם אידעאל, וואָלט מען גרוי געווארן פאר שרעק!

אמת, פארטייען האָבן פארדינסטן. זיי זיינען א וויכטיקער פאקטאָר אין לעבן געווען, אָבער ניט היינט. היינט לעבן זיי פון קצבה, היינט לעבן זיי אויף דער גלאָריע פון אמאָל. היינט קערן זיך אָפּ טויזנטער פון די "אויסגעהאלטענע". דער שטראָם גייט פון די פארטייען און ניט אין די פארטייען. לייענט באריכטן, פארעפנטלאכטע און "דערשטיקטע", און איר וועט זען, ווי מען "וואקסט" . . . און גיין אויף צוריק גייט מען צוליב דער ניט מענטשלאכער שטימונג, וואָס ס'האָט זיך געשאפן אין און ארום די פארטייען.

ווען די לענינס, די מארקסעס, באָראָכאָווס, הערצלס שטייען אויף תחית המתים, וואָלטן זיי אנטלאָפן צוריק, — זיי וואָלטן ניט דערקאָנט זייערע "תורה'ס". א פארטיי פון היינט (מעג זי אלט זיין צענדליקער יאָרן) פענטעט די פליגלען, אטראָפירט דעם מארך און קופערט דעם שטערן. דאָס "ווארפן, ארונטערווארפן און ארויסווארפן פירער", וואָס ווערן נעבאך געשטרויכלט (און די זיינען די באמת בראווע, ערלאכע, וואָס וואגן), די "חרטה" בריוועלאך, וואָס "נעכטיקע געטער" דארפן שרייבן, ברענגט אריין דעמאָראליזאציע, אומצוטרוי און שווערע שטימונג אין די רייען פון די גרויסע, א פשיטא אין די רייען פון דער יוגנט און פון קינדער.

ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס מיר האָבן שוין איצט 18־19 יאָריקע ברורים'לאַך און מיידלאַך, אַנטוישטע. געהאַט "פּוי־ערשע קעפּ" — ניט געקאָנט פאַרשטיין די "תורה"... געזען שוין דעם "קדשי קדשים"... האַלט איך אָבער, אַז וואָס ווייטער דאָס קינד וועט זיין פון פאַרטייאישקייט, אַלץ געזינטער און אַלץ זיכערער, אַז ס'וועט'אַמאָל יאָ זיין אין אַ פאַרטיי, ווען די פאַרטייען וועלן געלייטערט ווערן.

אונזערע פאַרטייען (אַלע) זיינען דורכגעזאַפּט און דורכגעפלאָכטן מיט אַ שווידערלאַך גרויסן פּראָצענט רכילות, ליגנס, אינסינואַציעס, פאַרלוימדונגען, פּערזענלאַכע וואַקכאַנאַליעס. אונזערע פאַרטייען (אַלע) טראָגן נאָר די נעמען און די פּאָנען פון אַמאָליקער הייליקייט, אָבער אין דער אמת'ן זיינען זיי אָנגעפילט מיט פאַר'סמ'טער (פאַרן קינד זיכער) לופט, מיט האַס, רציחה, שנאה, אכזריות ניט נאָר צו אַנדערש דיינקענדיקע, נאָר צו אייגענע חברים אַליין. לאָמיר זיך ניט נאַרן, דער אמת רייסט די אויגן: די שכינה האָט זיך אָפּגעטאָן פון די פאַרטייען. דער פאַרטיי מענטש אַמאָל איז געווען אַ העכערער מין מענטש, אָבער ניט היינט. ווי מען זאָל זיך ניט פּוצן אין די פעדערן פון הירש לעקערט, מאַריא ספּירידאָנאָוואַ, פּרונזע, גערשוני, טרומפּלדאָר און אַ. וו. עטיק, אמת און נאָך אַזוינע "שטערונגען" באַזייטיקט מען מיט אכזריות און רציחה.

סטאַלין — היינט, טראָצקי — מאָרגן, זשאַבאָטינסקי — היינט, וויצמאַן — מאָרגן, סאָציאַליזם, ציוניזם, בלייבט אָבער, ענדערט זיך ניט. דערפאַר איז אַ סך געזינטער צו קומען צום קינד מיט דאָס פּאָזיטיווע, דאָס קאָנסטרוקטיווע, דאָס מאַרטירערישע, דאָס אידעאַלע פון דעם אָדער יענעם אידעאַל.

אַ שול טאָר ניט זיין געבונדן מיט פאַרטיי ליבשאַפטן, באַציאונגען, אַ פּשיטאַ טאָר מיט דעם ניט זיין געבונדן אַ לערער. דאָס וואָלט אים געבונדן די פליגלען, געפּענטעט זיין פאַנטאַזיע, זיין פרייהייט. און אַ לערער טאָר ניט זיין דער, וואָס דאַרף תמיד געפינען אַ תירוץ, אַ באַרעכטיקונג פאַר דעם אָדער יענעם צוג פון דער פאַרטיי. קומען צום קינד מיט אַ ברייטן בליק, מיט אַ פרייען בליק, מיט דער גאַנצער זון (סאָציאַליזם, ציוניזם

און א. וו.) איז א ברכה. קומען מיט שטיקלאַך דאָגמעס, מיט ברעקלאַך זון — מיינט צוימען און פּענטען די אינדיווידואַלי־טעט פונם קינד.

כ׳צווייפל ניט, אַז די ערלאַכע כוונות פון די אָנהייבער פון פּאַרטיי שולן. איך ווייס, אַז זיי מיינען גוט. איך גלויב אָבער ניט, אַז ס׳איז געזונט פאַרן קינדס נשמה פּאַרטייאיש־קייט, אָפּגעגרעניצקייט, ספּעציעל היינט צו טאָג.

וואָס איך באַדויער יאָ איז די זיכערקייט, מיט וועלכער די אַנהייבער גייען צום ציל. כ׳באַוואונדער און בין מקנא.

דערציילט פּרץ אין זיין "8טער אָפּטיילונג פון גיהנום" וועגן א פאַרזוך צו דערהויבן, צו מאַכן פאַר שטיקלאַך מענטשן א צאָל הינט. מען האָט געהאַלטן אין איין רעדן צו זיי, אין איין רופן און וועקן. ס׳האָט גענומען ווירקן. די הינט האָבן גענומען בייטן זייער "הינטישע נאַטור"... איינציקע הינט האָבן גענו־מען זיך אויפפירן אזוי איידל, אזוי "מענטשלאַך", אַז דער דער־ציער האָט זיך דערפילט אין די העכסטע הימלען פאַר פרייד. איין הונט האָט שוין זיך געהאַט אויף אַזויפיל "אויסגע־מענטשלט", אַז ער האָט איינמאָל אויפגעהויבן זיינע פאָדער־שטע פיס ("הענט") צום הימל אין א תפילה׳דיק־הייליקער שטי־מונג. איז דאָך גוט! דאַרף מען דען בעסער? דאַרף אָבער מעשה שטן פאַרביי דעם דרעסירונג גאָרטן פאַרבייגיין א מענטש. וואָלט דאָס אויך ניט געווען קיין גרויסער אומגליק, ווען דער דאָזיקער מענטש וואָלט ניט געהאַט דאַמאָלט געגאַנגען דווקא פון יאַטקע, וואו ער האָט איינגעקויפט פלייש און ביינער. גייט זיך אזוי פאַרביי דער מענטש און זעט א גאָרטן פול מיט הינט. צי ער איז זיך מרחם געווען אויף די הינט, צי ער האָט לויט דער מענטשלאַכער נאַטור זיינער געוואָלט צוזען ווי אויך הינט, ניט ערגער חלילה פאַר מענטשן, רייסן זיך, דאָס ווייס איך ניט. דער אומגליק איז אָבער געשען. ווי נאָר ער האָט אריינגע־וואָרפן דעם ביין — איז פאַרגעס שוין גאָרנישט — זיי האָבן פאַרגעסן די גאַנצע "תורה", די גאַנצע "עברי", די "סלאָוועסט־נאָסט" — מען האָט זיך, לויט זייער נאַטור, געריסן און געביסן,

און בלוט האָט זיך געגאָסן, ווי וואסער, און ציינער האָבן גע־קריצט, און רציחה האָט געפליוכעט . . .

האָט אפשר פּרץ דאָס מעשה׳לע אָנגעשריבן מחמת ער איז געווען א גרויסער אָנהייבגער פון ירושה׳שאפט. א גרויסער מאמין אין פארלייגטע אין יעדן לעבעדיקן וועזן שטריכן, וואָס איר וועט מיט פייער ניט אויסברענען? אפשר. אפשר האָט גאָר פּרץ געוואָלט זאָגן, אז "רייסט ניט קיין גרינס!" דעם מענטשנס נשמה איז פול מיט רציחה, מיט גאל, דורות פון שקלאפעריי האָבן עס אָנגעקוואָלן, עס דארף איצט נעמען דורות און דורות ביז דאָס וועט אויסגעברענט ווערן . . . אָדער, אפשר האָט ער געוואָלט זאָגן, אז אזוי לאנג ווי דער ארום וועט "וואַרפן ביינער", וועט אויפוועקן דעם שד אין מענטשן, אין וועלכן מען קאָן וועקן דעם מלאך נאָר דורך ווערטער, אָבער ניט דורך ביי־שפּילן פון לעבן, אזוי לאנג ווי דער ארום וועט האָבן פארהונ־גערטע מענטשן, אזוי לאנג ווי דער ארום וועט זיין געבויט אויף הונגעריקע און ביינער צוואווארפער — וועט אונזער וועקן דאָס מלאכי׳שע זיין א ברכה לבטלה . . . אפשר. און אפשר האָט ער געוואָלט דעמאָנסטרירן וואָס פאר א ווערט עס האָט רעדן און וועקן אין באשעפענישן אידעאלן, וואָס זיינען קעגן זייער נאטור. ווער קאָן וויסן. ס׳קאָן אויך געמאָלט זיין, אז זיין גאנצע כוונה איז געווען צו ווייזן, אז אידעאלן דארף מען ניט דירעקט פלאנצן, ניט סתם קומען מיט אידעאלן און בעט זיך רחמים, זיי ארויפצווינגען, אז זיי דארפן ארויסוואקסן, זיי דארפן זיין א פועל־היוצא פון א לאנגער סיסטעמאטישער אויפקלערונג, פון וועלכער ס׳זאָל נאטירלאך ארויסשפּראָצן דער אידעאל. פּרץ׳ס אמת׳ע כוונה איז זיך שווער משער צו זיין, אָבער איינס איז קלאָר — א צוגעקלעפּטער, אן איינגערעדטער אידעאל פאר־שווינדט פונם קלענסטן ווינטעלע. אפשר דערקלערט זיך מיט־דעם דער פאקט, וואָס הונדערטער טויזנטער, וואָס האָבן באַ־זוכט די סאָציאליסטישע "סאָנדיי סקולס" שטימען אפילו ניט סאציאליסטיש, בעת די, וואָס האָבן באזוכט א שול, וואו מ׳האָט ניט געשטאָפּט, ניט ארויפגעצוואונגען קיין סאָציאליסטישקייט, זיינען אין זייער גרעסטער מערהייט גאָר נאָענט, נאָענט, צו ווינ־

ציקסטן סימפאטיש, צום קאמף פון דעם ארבעטער קלאס. די פארטיי שולן זיינען די "סאָנדיי סקולס" אויפגעשטאנענע תחית המתים. יענע האָבן געהאט א געווויסן פאָרצוג. זיי זיינען גע־ווען געווענדט קעגן דער בורזשואזיע, בעת די זיינען געווענדט מער פאר אלץ קעגן די אנדערש דיינקענדיקע סאָציאליסטישע עלעמענטן.

קומט צו מיר אמאָל צו איינער פון די אפּאָסטאָלן פון פאר־טייאישער דערציאונג און זאָגט: "זעט, כ'בעט אייך, רעדט זיך דורך מיט מיין פרוי. זי איז צו שטריינג מיטן קינד. וויל עפּעס וואָס אונזער קינד ניט טאָן, וויל עפּעס וואָס אונזער קינד ניט עסן, ס'האָט עס ניט האָלט. — גלייך געשרייען, גלייך ימים מוסר לעקציעס. דאָס מאכט דעם קינד און מיך בפועל ממש קראנק. אן אנדער צוגאנג דארף דאָך זיין צום קינד. ניט אמת? מען קאָן דאָך ניט גיין קעגן דער נאטור פון א קינד, א קינד פארשטייט דאָך זאכן אנדערש; אז עס האָט דאָך ניט האָלט די אָדער יענע שפּייז! ס'וויל פון דעם מאכן א דערוואקסענעם, סך הכל איז עס 10 יאָר אלט. מיט גוטן קאָן מען דאָך פיל מער פועלן".
— ס'האָט נאָר געפעלט כ'זאָל אים לאָזן רעדן און רעדן. ער וואָלט זיכער זיך דעררעדט, אז "א קינד האָט ליב גוטסקייט, איידלקייט. אז א קינד קאָן ניט פארטראָגן, אז מען "שלעפּט עס" מיט גוואלד. אז מען וויל עס איינריידן זאכן, וואָס דער קינ־דערשער מח קאָן נאָך ניט פארנעמען און א. וו."— צו זיין קינד, וואָלט ער משמעות וועלן, זאָל מען צוגיין מיט ליבע, זאָל מען רעדן מיט א פארשטענדלאכער פאר א קינד שפּראך. מיט א באַ־ציאונג, וואָס זאָל זיין אין הארמאָניע מיט דעם קינדס נשמה. מיין קינד אָבער, אָדער אנדערע קינדער זאָל מען "פּלעטן מחות", און ארייַנשטופּן אהין די לעצטע דעקרעטן און באַ־שלוסן. אמת, מען זאָל דעם געפלעטן מח ניט פארנייען, מען זאָל אים אָדער לאָזן אָפּן, אָדער מאכן "א טירעלע", מהמת יעדן טאָג דארף מען דאָך בייטן די באשלוסן . . .

רופט א קאָמוניסטישע יוגנט אָרגאניזאציע מען זאָל דעם ערשטן מאי די קינדער ניט שיקן אין דער ענגלישער שול. גאנץ לאָגיש. פורים מעגן קינדער בלייבן אין דער היים, יאָ? שבועות,

סוכות, מעגן זיי דורכלאָזן די שול ? פאַרוואָס זאָלן אַרבעטנדיקע און פאָלקסמענטשן, וואָס דער ערשטער מאַי איז פאַר זיי אַ גרויסער יום־טוב, ניט טאָרן לאָזן די קינדער בלייבן אין דער היים אינם טאָג פון דעם דאָזיקן יום־טוב ? דער 1טער מאַי איז דאָך דער יום־טוב, וואָס סימבאָליזירט ברודערשאַפט צווישן אַלע ראַסן און פעלקער, אַ שיינער יום־טוב, זיכער אַזוי שיין ווי פּורים . . . אמת, דער טאַטע אַרבעט, ביים טאַטן איז עס ניט קיין יום־טוב, אַרבעטן דאַרף אַ סך טאַטעס פּסח אויך, און אפילו ראש השנה . . . גאָר ניט קיין עולה אָנצוהויבן איינצופירן אַ מנהג אַזאַ, דעם ערשטן מאַי צו פייערן.

קומען אַרויס אייניקע לערערינס און פּרינציפּאַלן פון די ענגלישע שולן מיט אַ התראה, אַז זיי וועלן די קינדער, וואָס וועלן פייערן דעם ערשטן מאַי שטרענג באַשטראָפן. ווערן טאַטעס און מאַמעס אויפגעבראַכט. און מיט רעכט. די ענגלישע פאָלקס שול דערציט ניט אונזערע קינדער, זי גיט נאָר נויטיקן וויסן. דאָס אַלץ. ווען מען זאָל דאַרפן רעדן וועגן דעם דערציערישן גייסט פון די שולן וואָלט געווען אויף וואָס זיך בלוטיק צו באַקלאָגן. יאָרן און יאָרן גייט אָן אַ וועלט באַוועגונג צו ענדערן די דערציאונגס מעטאָדן אין די פאָלק־שולן. די גרעסטע דיינקער, קינדער פּסיכאָלאָגן און וויסנשאַפטמענטשן אויפן געביט פון דערציאונג גיבן אַרויס אַ זשורנאַל "ניו־ עראַ", וועלכער ווערט געדרוקט אין 10 שפּראַכן. קליינטשינקע מלוכה׳לאַך, ווי שוועדן, שווייצאַריען, נאָרוועגיען הערן זיך צו צו די קעפּ פון דער וועלט, אפילו דער ראַטן פאַרבאַנד, וואָס איז אין פראַגן פון דערציאונג די גרעסטע און וויכטיקסטע וועלט לאַבאָראַטאָריע, אפילו זי הערט זיך צו און רעכנט זיך מיט דער דאָזיקער "געזעלשאַפט פאַר נייער דערציאונג" — אונזער אַמעריקע אָבער האָט אירע "קעפּ" . . . דוקא דאָ, וואו ס׳וואָלטן געקענט געמאַכט ווערן די געוואַגסטע עקספּערימענטן, מחמת מיטלען וואָלטן ניט געפעלט, דוקא דאָ האָבן מיר נאָר קליינע גרופּעס קעמפער און עקספּערימענטאַרער. יאָ, ס׳וואָלט געווען אַ סך צו רעדן וועגן דעם גייסט פון דער פאָלק שול, וואָס איז נאָך פאַרליבט אין קאַזאַרמע דיסציפּלין. אין געבן מיט דער ווירע

איבערן האנט, אין שטעלן אין ווינקל, אין לאָזן "זיצן" נאָכן לערנען . . . דאָס סטראשען מיט קאָנסעקווענצן האָט אויפגע־בראכט א גרויסע צאָל טאטעס. אזא שטעלונג פון דער שול איז דאָך פאשיזם! דאָס פּראָבלעם גיין אָדער ניט גיין ווערט אוים פּראָבלעם. די קינדער וועלן ניט קיין סך סאָציאליזם "געווי־נען", ווען זיי גייען ניט אין שול, און וועלן ניט קיין סך פאר־לירן ווען זיי גייען יאָ. דאָ רעדט זיך אָבער וועגן א פארזוך צו צוגעבן מער געוויכט א שיינעם אינטערנאציאָנאלן יום־טוב. א סך עלטערן האָבן אויסגעפּאָלגט דעם רוף פון דער יוגנט אָרגא־ניזאציע, ניט געקוקט אויף התראות פון לערער. א סך עלטערן האָבן זיך אָדער דערשראָקן, אָדער אפשר דעם ענין ניט גע־האלטן פאר א וויכטיקן, און יאָ געשיקט די קינדער אין שול. קינדער פון א סך "רענעגאטן" זיינען אנשטאט אין שול, גע־גאנגען יום־טוב'ן דעם יום־טוב מיט דער יוגנטלאכער אָרגאני־זאציע, אָבער דאָס קינד פון איינעם פון די אויסגעשפּראָכנסטע קעמפּפער פאר דער "ליניע", פאר פארטייאישער דערציאונג, זיין זון, א שילער פון הײ־סקול איז יאָ געגאנגען אין שול . . .

האלט א דריטער אפּאָסטאָל אזא, א הײם־רעוואָלוציאָנערע רעדע אינם ארבעטער רינג און "וואשט" די טאטעס, וואָס שיקן זייערע קינדער אין די רעאקציאָנערע אוניווערסיטעטן. ס'לויפן אוועק צוויי יאָר. זיין זון ענדיקט הײ־סקול און הייבט אן אין אוני־ווערסיטעט!

האָט מיר א קינד, וואָס איז מיט א יאָר פריער געווען א דעלעגאט פון די קאנאדער פּיאָנערן צום ראטן פארבאנדישן פּיאָנערן צוזאמענפאָר, וואָס האָט געמאכט א קליינעם טור, נאָכן קומען פונם ראטנפארבאנד, אין שטעטלאך ארום, אָפּגע־בנדיק א גרוס, אויף מיין פראגע, פארוואָס ער איז איצט ניט טעטיק אין דער פּיאָנערן באוועגונג אן ענטפער געטאָן "איטס טו דריי", ס'איז צו טרוקן. דער פעטער, אן אָנפירנדיקער חבר, דעמאָלט אן אָפּאָזיציאָנער, האָט מיט א כיוון צוגעבראכט דאָס קינד צו מיר, כדי צו דעמאָנסטרירן די טעות'ן פון די אָפּיצי־עלע פירער. היינט וואָלט ער עס ניט געטאָן. ער האָט זיך שוין

געשלאָגן "חטאתי", ער האָט שוין אָנגעשריבן זיין חרטה־ברי־וועלע . . .

מיינט איר חלילה, אז ער האָט זיך אנטוישט אינם ראטן פארבאנד? חלילה, וואָס ווייסט אזא "פערזענלאכקייט" (געווען ארום 12־13 יאָר אלט, דיינק איך) פון סאָוועטש פארבאנד? ס'איז אים געווען "טרוקן" (ווי אלע פיאָנערן) די גאנצע צייט, האָט ער "געליטן און געשוויגן", ביז ס'האָט געפלאצט ביי אים ס'געדולד!

שפילט מיין מיידעלע מיט אירער א חבר'טע, יהודית'ל, א שפיל. יהודית'ל, 7 יאָר אלט, איז די לערערקע, מיין מיידעלע איז די תלמידה. "געדיינק זשע און לערן גוט אויס, חנוכה עסט מען לאטקעס, פורים עסט מען המן־טאשן, פסח עסט מען מצה". די קליינע געהאָרכזאמע תלמידה חזר'ט איבער. זי איז א ברי־ליאנטענע "תלמידה" פון א נאָך מער בריליאנטענער "לערע־רין". אין א שעה ארום פירט די לערערין דורך די עקזאמענעס. מיין קליינע דערלאנגט א זאָג אויף די אויפגאבע, זיכער און שטאָלץ: "פסח עסט מען המן טאשן, פורים לאטקעס" און א. וו. די לערערין איז פארצווייפלט. די גרויסע יהודית'ן פארשפאָרן זיך דעם הארצווייטיק. זיי קלאפן אזוי שטארק אריין אין קאָפ פון א 10־12 יאָריק קינד טראָצקים "רענעגאטאסטוואָ", ברייניגנם "פאררעט" צום ציוניזם, זשאבאָטינסקים "פארברעכנס", אז ס'וועט קיין טעות ניט מאכן, "פורים וועט מען שוין עסן המן־טאשן און פסח מצה". . . א זאָרג עס האָט, אז דעם לערער איז דאָס אזוי ליב, "אז אים איז עס רעכט איז מיר ניחא" . . .

האָבן זיך די פיאָנערן אין א שטאָט אין מערב קאנאדע, דערטראכט צו א מיטל, ווי "נאס" צו מאכן די טרוקנקייט, מען פלעגט זיי פירן דריי מאָל א וואָך אין א קינאָ טעאטער. וועגן דעם דערציערישן ווערט פון אזא "פיראכץ" וועט איר געפינען אין אן אנדער פלאץ פונם בוך.

האָב איך צענדליקער מאָל באזוכט א קעמפ (א קינדער זומער קאָלאָניע). די שפראך און דער טאָן, וואָס די קינדער (8־13 יאָריקע) פלעגן באנוצן פלעגט מיך צעברעכן. פארן אי־דעאליזם פון די "לערער", פארן מסירת נפש פון די טוער בויג

איך מיין קאָפּ — זייער צוגאַנג צום קינד איז אָבער געווען אמת'ער סם־המות!

יעדע דעקלאַמאַציע איז געווען אין גייסט פון געוויינלאַכע פלוג בלעטלאַך, יעדע שפּיל האָט געשריען מיט אַזוינע זידלער־רייען און מיט אַזאַ שפּראַך, מיט אַזויפיל האַס, רציחה און באָמ־באַסטיק, אַז קינדער פלעגן זיך אַליין אין די שפּאַנענדיקסטע מאָמענטן צעשמייכלען. ווי לאַכט מען אָפּ פון אמונה? ״אַ גלח״ (11 יאָר אַלט) שטעלט זיך אוועק אויף די קני, דאַוונט און בעט גאָט אויף ״פּרויען״ און ״קאַבאַרע״. ווי לאַכט מען אָפּ פון אַ קאַפּיטאַליסט? מען לייענט אַ מעשה'לע ווי דיק, ווי שווער־וואָגיק זיי זיינען (לייענען לייענט עס דווקא אַזאַ קינד, וואָס וועגט אַרום 125 פונט און לעבט אין אַ שיינער באַנגאַלאָ...) כ'רעד שוין ניט פון דעם מנהג פון אַראָפּלאָזן זיך אויף די קני און שרייען ״לענין, לענין, תמיד גרייט!..״ ווי באַציט מען זיך צו אַזאַ גייסט אין סאָוועטן פאַרבאַנד? שרייבט י. נוסינאָוו אין ״אויף די וועגן צו דער נייער שול״ (מאָסקווע), אַז ״צווישן די פּיאָנערן־זאַכן אינם ״פּיאָנער״ זיינען פאַראַן אייניקע אַזעלכע, וואָס שאַפן די געפאַר פון קולטיווירן ביי די עלטערע קינדער גראַפאָמאַ־ניע״. אַ 14 יאָריק אינגל שרייבט ״אונזער לענין״, ״מעכטיקע געדאַנקען״, ״גרויסער דיינקער״, ״לענינס האַריץ״, ״גרויסער שמאַריץ״. דאָס רייסט נוסינאָוון ביים אויער. ״מען טאָר עס ניט דרוקן״, שרייט אויס נוסינאָוו. ס'איז צו פּרעטענציעז! ווילן עס אָבער אונזערע ״דערציער״ ניט פאַרשטיין.

האָב איך בייגעוואוינט אַ משפּט וואָס איז דורכגעפירט גע־וואָרן אין אַ קאָמוניסטישן קעמפּ, נאָכן מיטאָג עסן. אַזוינע מש־פּטים זיינען געווען אַ מנהג אַזאַ, צו געבן אַ געלעגנהייט קינ־דער זיך צו באַקלאָגן אויף עוולות, וואָס זייערע חברים'לאַך פלעגן קענען זיי באַגיין. ס'איז איבעריק איבערצוגעבן די ״עוולות״. ווייסט איר דען ניט איבער וואָס ס'קענען אַנטשטיין סכסוכים צווישן 7-8-9 און אַפילו 10 און 11 יאָריקע ״מענטשן״.

שטייט אַזוי אַ קינד און קלאָגט אָן אַ חבר'טע. ס'טרעט אַרויס אַ פּראָקוראָר, אַ פאַרטיידיקער, דער ״פאַרברעכער״ קריגט דאָס לעצטע וואָרט. די פירערין פונם קעמפּ האַלט אַ

רעדע, מוסר׳ט, ווייזט אָן אפן בלוטיקן גערענגל, וואָס דער אַר־בעטער קלאס און א. וו. ווי לעכערלאך אזא רעדע איז פאר 9-8 יאָריקע ! — און טראָגט ארוים א פסק. אין 5 מינוטן ארום שפילן זיך שוין די "שונאים", ווי עס וואָלט גאָרנישט ניט פּאַר־געקומען צווישן זיי. קינדערשע נאאיווקייט.

קינדערשע גוטסקייט ! איז דען דאָ א גרעניץ אין דעם ? כ׳גיי צו און כאפּ מיט זיי א שמועס. "ווי קומט עס, דו זאָלסט מסר׳ן אויף דיין חבר׳טע ? און ווי קומט עס, אָט אקאָרשט . . . און ווי עס וואָלט גאָרנישט ניט געטראָפן צווישן אייך?". "דאָס איז גאָרנישט", ענטפערט איינע פון זיי. "נו, וועל איך גיין מיט א שעה פריער שלאָפן, מאָרגן וועל איך אויף איר עפּעס וואָס געפינען". "ווּעסט ניט קאָנען געפינען, וועסט זען", ענטפערט די צווייטע. "נו, וועלן מיר זען!" און מען שפּילט זיך מיט שטיינדעלאך ווייטער. נו, טראכט איך מיר, נו פלאנצט איין אין די דאָזיקע 10 יאָריקע "קעמפער" — קלאסן האס, אז האס בכלל איז פרעמד א קינד, סיידן ס׳איז קראנק. מיט א פּאָר זונ־טיקן שפּעטער. כ׳בין ווידער אין קעמפּ. איינע פון די "שונאים" דעקלאמירט. ווי עס שרייט, ווי עס שטרייכט אונטער "דעם אנטשיידענעם קאמף", "אויף לעבן און טויט". . . וואָלט דען ניט געווען א סך בעסער, ווען מען לאָזט אָפּ די גאנצע "עברי" און מ׳לאָזט זיין לעבן... און ארבעטן, לעבן און ארבעטן, ווען מען לאָזט זיי געניסן די פרייד פון פרייען הימל, פון בלימעלאך, פון פויגעלאך, ווען מען גיט זיי קאָנסטרוקטיווע טעטיקייטן, ווי בויען וועגן, זייען בלומען, בויען א דענקמאָל, אויפפאסן אויף די הינער און א. וו., ווען מען פלאנצט דורך ארבעט און פרייד מענטשלאכקייט און מען ברעכט ניט זייער נאאיווקייט, זייער נאטירלאכע קינדישקייט, ווען מען לערנט זיי ניט "פאל־שעווען" און "גראמאפאנעווען" אז זיי זיינען "די בויער פון נייעם לעבן, און שמידער פון שטאָל און אייזן". . .

יאָ, ארבעט, קאָנסטרוקטיווע ארבעטן וואָלט מער באַ־וואוסטזיין ארייַנגעבראכט ווי די "ארייַנגעפּאָמפּעטע" עברי.

האָט מען אין סאָוועטן פארבאנד יאָרן לאנג זיך ניט גע־קאָנט קיין עצה געבן, וואָס צו טאָן מיט די פארוואָרלאָזטע

קינדער, מיט די קינדער, וואָס האָבן אין דער מלחמה, אינם בירגער קריג און אינם גרויסן הונגער פון 1921 פארלאָרן די עלטערן. די דאָזיקע פארוואָרלאָזטע קינדער פלעגן ארומוואנ־דערן איבער גאסן, איבער וועגן, איבער וועלדער און צינדן, רא־בעווען און באפאלן. זיי זיינען געווען אין די צענדליקער טויזנ־טער און אפשר אין די הונדערטער טויזנטער. זיי פלעגן אָנ־ווארפן א שרעק אויף שטעטלאך און דערפער. די רעגירונג האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט ספראווען מיט זיי. פאר זיי האָבן ניט עקזיסטירט קיין געזעצן און קיין מאָראל. זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט א מחנה צעווילדעוועטע פאר'חיה'טע, גע־זונקענע און געפאלענע קינדער, דורכגעפרעסענע פון ווענערישע קראנקהייטן און לייז. מען פלעגט זיי טרייבן, יאָגן, שטראָפן, ס'האָט אָבער גאָרנישט ניט געהאָלפן. זיי פלעגן פארוואנדלען די טורמעס אין אזוינע גיהנום'ס, אז כאָטש נעם און אנטלויף, אָדער צינדט זיי אונטער. ביז ס'איז אויסגעארבעט געווארן א פלאן צו היילן די דאָזיקע אומגליקלאכע קינדער דורך ארבעט.

די געשיכטע וויסט ניט פון די העלדן, פון די קדושים־יוגנטלאכע, וואָס האָבן זיך אוועקגעלאָזן וואנדערן מיט די פאר־וואָרלאָזטע, וואָס זיינען "געגאנגען אין פאָלק" כדי אויסצונוצן א מאָמענט און א פיר טאָן די מחנות אויף ארבעט. דער עקספע־רימענט האָט זיך איינגעגעבן. פון די פארוואָרלאָזטע קינדער זיינען פאראן טויזנטער און טויזנטער, וואָס זיינען איצט א כבוד פארן לאנד.

יאָ, די ארבעט, די קאָפעראציע ביי דער ארבעט, האָט אויפגעוועקט אין די אויסערלאך פאר'חיה'טע דאָס אמת מענטשלאכע, וואונדערבאר גרויסע וואָס איז געווען פארליגט אין זיי.

אין "ארבט שול" פון וו. ק. איוואנאָוו (סאָוועטן פארבאנד), געפין איך אזא זאץ: "פרייע שפילערייען צווישן קינדער עפע־נען זיי זייערע פארבאָרגענע, אייגנארטיקע אוצרות פון זייער קינדערשער נשמה, וואָס האָט זיך אירע ספעציפישע געזעצן אָן פאָדערונגען". — ווען אונזערע פארטיי דערציער וואָלטן גע־פאָלגט זייערע פירער!

זאגט דזשאן דיואי אין זיין בוך "שול און געזעלשאפט", אז "נאָענטע אינטימע, באקאנטשאפט מיט דער נאטור, מיט פאר־שיידענע מאטעריאלן, וואָס מען נוצט, כדי עפּעס וואָס צוזאמען מיט די קינדער צו שאפן, אז ארבעט בכלל האָט דעם גרעסטן דערציערישן ווערט", אז "א דערציאונג געבויט אף די דאָזיקע פרינציפּן אנטוויקלט אינם קינד באָבאכטונגס קראפט, אונ־טערנעמונגס־גייסט, שעפערישקייט, א סיסטעמאטיש לאָגישן ארט דיינקען, פאראנטוואָרטלאכקייט. געדולד אויסדויער, גע־זונטן ווילן, מוט און די געוואוינהייט אויסצוארבעטן פּלענער און דורכצופירן זיי". — וואָס פאר געזונטע פירער וואָלטן עס געוועז !

"די נאטור ברויזט אויף מיין נשמה מיט דער פרייד פון דערהויבענע געדאנקען.

"די נאטור איז דער אנקער פון די ריינסטע און הייליקסטע געדאנקען, די פלעג־מוטער, די פירערן, דער שומר פון דער נשמה, פון אלץ, וואָס איז מענטשלאך־מאָראליש אין דעם מענטשן", זאָגט וו. וואָרדסוואָרט.

צום גליק איז דער דאָזיקער קעמפ געעפנט געוואָרן אין א שטאָט, וואָס פארמאָגט א שול טראדיציע, וואָס פארמאָגט די בעסטע שולן איבערן לאנד. האָבן די רויטע "בר־מצוה׳ס", די רויטע "דרשות" אויפגעשטורעמט די ערלאכערע און טיפערע. די בעסערע עלעמענטן, וואָס וויסן וואָס קינד מיינט, וואָס האָבן א לעניניסטישן קוק אויף דערציאונג, האָבן געזיגט. היי־יאָר הערשט דער סאָוועטיש דזשאן־דיואיש־פּעסטאָלאצים גייסט אין קעמפּ. ווי מיט א מעסער האָט מען אָפּגעשניטן דעם שעדלאכן פארן קינד גייסט, אָבער ווער ווייסט ווי לאנג די "פירער" וועלן שווייגן, ווער ווייסט.

האָב איך בייגעוואוינט א סימפּאָזיום פון גראדואירטע פון א שול. די שול געהערט צו דעם מין שולן, וואָס לערנען ניט קינדער, אז זיי זאָלן "דאווגען" דווקא מיט צוויי פּאָר תפילין ... די שול געהערט צו דעם טיפּ שולן, וואָס האלט ניט פון "רויטע בר־מצוה׳ס", שטייט אזוי א פּועלי־ציוניסטקע "א סאָזנאטעלנע

שוין", א באוואוסטזיניקע שוין, הייסט עס, און טענה'ט, אז די שול לערנט צו וויניק פועלי־ציוניזם.

שטייט דאָס מיידל (דווקא א גאנץ שיינע מיידל, מען זעט, אז זי ווייסט, אז זי איז א שיין מיידל, זי ווייסט אפילו, אז גאָט האָט איר געבענטשט מיט א זיסן שמייכל און מיט קלאָרע שיינע אויגן, זשאלעוועט זי ניט פון גאָטס מתנות, און ס'איז קיין וואונדער ניט, דער זאל איז פול מיט יוגנט) שטייט דאָס מיידל און . . . שיך, זאָקן, קלייד און אפילו דאָס בענדל ארום די האָר (דאכט זיך אזוי) זיינען פון איין קאָליר (דאָס איז שיין, און פארוואָס ניט?) די האָר, האָב איך מורא, האָבן פון דער פארטייאישער, וואָס האָט שוין געפונען איר לעבנסוועג, צוגע־נומען פונקט אזויפיל צייט, וויפל עס האָט איר גענומען גרייטן זיך צו דער לעקציע; שטייט אזוי דאָס מיידל (דווקא פון זייער א וואוילער און ערנסטער מוטער און אן אמת (אָן געגנזנפיסלאך) באוואוסטזיניקן פאָטער א פועלי־ציון) און גיט א נאָטאציע די לערער און שול טוער, פארוואָס מען האָט וויניק ארץ־ישראל איר געגעבן (ס'איז דאָך . . . דאָ שטרייכט זי מיט הארץ אונ־טער . . . ס'איז דאָך און א. וו.) פארוואָס מען האָט וויניק העב־רייאיש איר געגעבן, (די שטימע ווערט אויסגעשפראָכענער), פארוואָס מען האָט וויניק צייט אָפגעגעבן דעם לימוד פון גע־אָגראַפיע פון ארץ־ישראל, דעם פּראָבלעם חלוציזם און א. וו.

כ'האָב ניט צו דער פועלי־ציוניסטן. כ'ווייס אז דאָס, וואָס זי האָט גערעדט זיינען געווען דברים היוצאים מן הלב, ווער־טער פון הארץ, אזוי האָט מען זי באאיינפלוסט. וואָס עס לאָזט מיך ניט רוען, איז דער ווייטיק, וועלכן כ'פיל, ווען כ'פארגלייך די יוגנט פון אמאָל מיט דער יוגנט פון היינט. אמת, אומ־שטענדן, צייט, אָרט, די היינטיקע יוגנט איז נעבאך ניט שול־דיק. אמאָל פלעגן פארטייען צווישן זיך אזוי ניט קאָנקורירן, אזוי ביליק ניט קאָנקורירן צווישן זיך, אמאָל פלעגט מען ניט "שטאָפּן" און ניט "שלעפּן" די קינדער. מען האָט ניט געדארפט וויזן "ווי גרויס" און "מעכטיק" מען איז, דעם "שונא". . . (מיינט איר, דעם קאפּיטאליסטישן קלאס ? חלילה, דער קעגנע־

רישער פּאַרטיי ! . .) איז טאַקע די יוגנט געווען טיפער און העכער.

כ׳צווייפל ניט אין דער אויפריכטיקייט פון דער באוואוסטזיניקער מיידל. אָבער מיר ווייסן מער, מיר די צוהערער, מיר ווייסן מער, מיר ווייסן ווי טיף דאָס איז. און ס׳איז נאַטירלאַך עס זאָל אַזוי זיין. — אמת, דאָס איז א דערגרייכונג, הלואי האלט איך מיט מיין קינד אזוי וויט. ס׳איז דאָך בעסער, ווי סתם טאַנצן, ווי נאָר זוכן פאַרגעניגן אין לעבן. ס׳איז אָבער ניט געזונט, דאָס קינד איז אַן ערנסט קינד, און ווען מען לאָזט עס פריי — וואָלט עס נאַטירלאַכער געפונען, מעג אפילו זיין, דעם זעלביקן וועג.

ס׳רעדט א קאָמוניסט. ער רעדט זייער גוט. די פּועלי־ציוניסטקע האָט אויך שיין גערעדט, זייער שיין, א מחיה געווען צו הערן דעם אידיש. יאָ, ס׳רעדט א קאָמוניסט. קאָמוניסטן האָבן משמעות מער מזל ווי שׂכל. דאַרף די פאַרטרעטערן פון דעם דאָזיקן צד דוקא זיין יענעם אָוונט פאַרנומען, קומט אַן אנדערער חבר, דער חבר איז שוין אָבער קיין קינד ניט. ער האָט שוין דורכגעמאַכט קאַמפן, ער האָט גראַדואירט מיט 9 יאָר צוריק, און ווייסט די שטעלונג פון זיין פּאַרטיי אין דער פראַגע פון דערציאונג. מיר רעדן דאָך אָבער דאָ וועגן קינדער, אפילו אינם עלטער פון 17־18 יאָר, אָבער ניט וועגן דער וואַקסענע.

ס׳האָט אויך גערעדט א לינקער פּועלי־ציון. צו דער גרעסטער פאַרצווייפלונג פון א פּאַרטיי חברה, איז ער ניט פּעסט געווען אין דער ״ליניע״. כ׳קאָן דעם בחור. ער געהערט צו די געציילטע צוקונפט־קינדער, דאָ אין אמעריקע. א בחור, וואָס זוכט, לערנט, פאָרשט, אַזא איינער קאָן אין שפּאַן ניט גיין . . . בעת ער האָט גערעדט, און ״אויך געמוזט האָבן טענות״ איז דאָס ״מוזן״ ביי אים ארויסגעקומען, ווי ער וואָלט זאָגן ״חברים, כ׳האָב ליב די שול בלב ובנפש, די שול האָט אויפגעעפנט אין מיר א קוואַל, זי האָט מיך באַגייסטערט און אָנגעוויזן אַפן הימל. איצט זוך איך און געפין אַזויפיל שיינקייט, אַזויפיל פרייד. כ׳בין גליקלאַך, וואָס די שול האָט מיר ניט דערלאַנגט א פאַרטיקע פלעשעלע, מיט א פאַרטיקן רעצעפּט און

אַנגעזאָגט טרינק נאָר פון דעם פלעשעלע און שפּיי אין אנדע־רע, מחמת יענע, די אנדערע, זיינען, אלץ "וואָס שטייט אין קאָרט". אָבער ער איז אַ צו גוטער אין נאַטור. ער האָט גע־פאָלגט און גערעדט אין דער ליניע. גערעדט ווי אַ פאַרליבטער, וואָס דאַרף געפינען, מוז געפינען אַ פּגימה אין זיין היים־געליב־טער כלה. אין זיין וועג צו געפינען זיך, ווײַלט ער איצט ביי די לינקע פּועלי־ציון, האָבן זיי אים אָנגעטשעפּעט זייער עטיקעט, האָט ער געמוזט נעבאַך האָבן "טענות". נו, זיינען דאָס געווען טענות פון אַ פאַרליבטן.

בעת ער האָט גערעדט האָב איך מיך דערמאָנט די ווער־טער פונם באַוואוסטן סאָוועטישן דערציער ס. ל. שאַצקי, וואָס זאָגט, קינדער זיינען אַ סך ערנסטער, אַ סך קליגער, ווי מיר שטעלן זיך זיי פאָר. וואָס ווייניקער פאַרטיקעס, זאָלן זיי מאַכן טעות'ן, זאָלן זיי אליין געפינען זייער וועג. לאָמיר זיי נאָר העלפן, — יאָ נאָר די וואָס זוכן אליין וועלן געפינען זייער וועג.

שרייבט אַ לערער פון אַ שול, אַז ער האָט געמוזט אַנט־לויפן פון די רעכטע שולן, זיי האָבן אים ניט געלאָזן דערמאָנען לענינס נאָמען אפילו (אַ ליגן), שרייבט ער, אַז ער האָט פאַרגע־לייענט די קינדער לאסאלס ביאָגראַפיע, (געפונען וואָס פאַרצו־לייענען ! מיכאַלעוויטשעס, ברעשקאָ־ברעשקאָווסקים, דעבסעס, נח'ס פּאַסט אים ניט, צו קאָנטער־רעוואָלוציאָנער) און הערט :
"די אויגעלאך האָבן געגומען ברענען, די בעקעלאך זיך רויטלען, די הענטעלאך זיך פויסטן, כאָטש פיר זיי אויף באַריקאַדן" — אומגעפער אזוי האָט ער געשריבן אין אַן אָפיציעלן שול ביולעטין און . . . איז גיך אנטלאָפן צו די רעכטע . . . ווען אידישע מאסן האָבן געלייענט די דערקלערונג פונם לערער האָבן זיי דאָך גע־גלויבט, ווי ס'וואָלט געווען תורת משה !

כ'האָב באַגעגנט לערער פון פאַרטיי־שולן, וואָס האָבן נאָך אין זייער לעבן ניט געזען קיין סאָוועטישן טעקסט־בוך, וואָס לייענען ניט די אידישע סאָוועטישע פּרעסע און וואָס האָבן נע־באַך קיין צייט ניט צו לייענען . . . צו פאַרנומען מיטן איקאָר, מיט אַ קולטור צענטער, מיט סי. על. די. על, מיט מאַכן הויך־פּאָליטיק. אַף "לערנען" מיט די קינדער "רייסן" דאָס רוב אזוי־

נע לערער אָפּ א שטיקל צייט. שווייגן, זאָגט איר ? — ס׳וואָלט געווען א בלוטיק־קרימינעלער פארברעכן צו שווייגן. עס גייט דאָך אין לעבן און אין גייסט פון א דור פונם ארבעטער קלאַס.

— קיינער האָט ניט קיין אויסשליסלאכע רעכט אפן ארבעטער קלאַס, קיין פארטיי ניט.

אמת, ניט אלע לערער זיינען פון דעם מין. חלילה. די מינ־דערהייט איז אזוי, אָבער ״שרייען״ שרייט זי העכער. אמת, די לערער פון די פּארטייאישע שולן זיינען דאָס רוב אידעאַ־ליסטן. (ניט אלע, אָבער גאָר א גרויסע צאָל פון זיי), וואָס זיינען זיך בפועל ממש מקריב, וואָס קריגן א הונגער לוין (און אפט־מאָל גאָר קיין לוין ניט). וואָס גלויבן באמונה שלמה, אז זיי טוען א הייליקע ארבעט. (כ׳בויג מיין קאָפּ פאר זיי). הייליק און ערלאך זיינען זייערע כוונות, נישטיק זיינען און וועלן מוזן זיין די רעזולטאטן פון זייער שווערער מי, פון זייער געזונט און פון זייער בלוט, (ס׳טוט וויי) מחמת דאָס, וואָס ווערט געבויט ניט אין הסכם מיט דער נאַטור, אָן א וויסנשאפטלאכן צוגאַנג. איז א ״אמונה״, וואָס, ווי הויך און הימליש זי זאָל ניט זיין, איז זי א מיראַזש.

ס׳וואָלט קיינמאָל ניט גענומען קיין סוף, ווען כ׳זאָל דארפן ברייינגען אלע עפּיזאָדן, אלע לעבעדיקע פאקטן, וואָס טוען אזוי ווי . . . כ׳ברייינגט די דאָזיקע פאָר אָפּגעריסענע פאקטן, כדי צו וואָרענען די ערלאכע (און אזוינע זיינען פאראַן א סך), וואָס פאר א סכנה עס דראָעט זיי מצד זייערע ״פריינט״, וואָס רינגלען זיי ארום, וויפל ערנסטקייט, ערלאכקייט עס ליגט אין דער אוים־געשפּראָכנקייט פון ״מיטלויפער״, וואָס שרייען דאָס רוב אויף א צענפאך העכערער אָקטאַווע, ווי די לויפער אליין, כדי צו וואָ־רענען ניט אָנצונעמען פערזענלאכן האַס, שרייערישקייט, אמ־ביציעס פאר רעוואָלוציאָנערן כח . . . די דאָזיקע פאקטן ברייינג איך ניט אין קאַמף קעגן דער אידייע פון פארטייאישער דערצי־אונג, נאָר קעגן די, וואָס אינספּירירן די אמת אויפריכטיקע און שאפן א וואַנט פאר די ערלאכע און בראווע נים צו צולאָזן זיי — צאָלן אָבער צאָלט ליידער די באוועגונג און די אומשול־דיקע קינדער.

אמת, פאראן אויסנאמען, און היוצא מן הכלל, שולן לייען איך אין אונזער שול (ארגענטינע), אז "ווען דער לע־רער טראַגט צו דעם קינד אלע ידיעות אין א פארטיקער, צוגע־גרייטער פאָרם און א. וו. פארלירט דאָס קינד דעם אינטערעס צום לימוד, ווערט דאָס קינד פארטעמפּט און אומפעאיק, אליין דורכצוטראכטן". אגב ווערט דער אויבנדערמאָנטער זשורנאל ארויסגעגעבן פון א טיפּ שולן, וואו די פירער זיינען אידעאלאָ־גישע ברידער מיט די פירער, וואָס זיינען ביי אונז די אפּאָס־טאָלן פון פארטייאישער דערציאונג. דאָרטן, אין ארגענטינע, פירן די זעלביקע חברים אָן, ווי מען זעט פון דעם גייסט פון דעם זשורנאל, א קלאסן שול און ניט קיין פארטיי שול. "דאָס שפּילן, וואָס די קינדער אליין אָרגאניזירן זענען אָן ספק קאָלעק־טיוויסטישער ווי די, וואָס דער לערער דיקטירט". לייען איך דאָרטן.

כ'לייען אויך אז מען לערנט דאָרטן אידישע געשיכטע, קול־טור געשיכטע, געשיכטע פון דער אידישער ליטעראטור, אידי־שע ליטעראטור (סאָוועטישע אריינגערעכנט), ארבעטער באַ־וועגונג, געשיכטע פון אמונות, מנהגים, יום־טובים (רעליגיעזע נאציאָנאלע און פאטריאָטישע) געשיכטע פון רייזעס און אנט־דעקונגען, נאטורוויסנשאפט, פּאָליטישע עקאָנאָמיע און א. וו.

דאָ אָבער ביי אונז איז פון אונזערע "פירער" פארערכנט געוואָרן א שול, וואו מען פלעגט לערנען אידישע און אידיש־סאָוועטישע ליטעראטור, אידישע און וועלט געשיכטע, פּאָלי־טישע עקאָנאָמיע, מארקסיזם, געשיכטע פון ארבעטער באווע־גונג, ביאָגראפיעס פון קעמפער, יוניאָניזם, דאָס געזעלשאפט־לאכע לעבן צווישן פרימיטיווע פעלקער און חיות, געשיכטע פון סאָציאליסטישן געדאנק. א שול, וואָס דער גייסט אירער איז געווען סאָציאליסטיש־פּעדאגאָגיש־דערציעריש, מיטן פּנים צום קינדס נשמה און זיין אייגנארטיקייט. וואָס דער גייסט פון דער שול איז געווען קעגן רעפאָרמיזם, קעגן קאָאליציע, פאר סאָווע־טיזם, אינטערנאציאָנאליזם, אָבער פּאָזיטיוו אָן נעגאציעס. דאָ ביי אונז איז אזא שול פארערכנט געוואָרן פאר קיין ניט געגוג פּראָלעטארישער שול . . . וואָס איז א מצוה זי צו צעברעכן.

אָפּן איז מען נאָר אינם סאָוועטן פאַרבאַנד. מען שעמט זיך ניט צו קאָנסטאַנטירן דעם פאַקט, אַז "די פּיאָנערן באַוועגונג אין דער אידישער סביבה איז אַ זייפן בלאָז" (אַף די וועגן צו דער נייער שול, מאָסקווע), אַז שולדיק אין דעם איז געווען "דער עם־הארצ׳ישער צוואַנג צום קינדם נשמה". מען שעמט זיך דאַרטן ניט צו פאַרעפנטלאַכן אַ סטאַטיסטיק און אָנווייזן, אַז גאָר אַ גרויסער פּראָצענט קינדער האָבן 8 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע ניט געהאַט קיין אַנונג, וואָס אַ קאָמוניסט איז. (אויף די וועגן צו דער נייער אידישער שול, מאָסקווע), מען שעמט זיך ניט צו באַשרייבן אַ פאַקט מיט אַ 15 יאָריקן בחור, אַ טעטיקער מיטגליד פון אַן אַטעאיסטישן קלוב (בעזבאָזשניק), וואָס האָט, בעת אַ מינדלאַכן עקזאַמען געהאַלטן דעם קנעפּל אין האַנט, ווי אַ סגולה אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען, מען שעמט זיך נישט אָנצואַווייזן אויף טעות׳ן, ווי געזונט אַזאַ ניט שעמען זיך איז!

די פראַגע פון דערציאונג איז אַן אָנגעווייטיקטער ענין איבער גאָר דער וועלט. מען זוכט אינם ראַטן פאַרבאַנד וועגן צו היילן די וואונד. וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט איבערגעלאָזט, מעגן מיר אויך פאַרוואַרפן אונזער "זאַטקייט", "צופרידנקייט", "זיכערקייט" און "סנאָבישקייט" און זען היילן די וואונד. מעגן מיר דאָך זיין אַנדערש פון די ציוניסטן, וואָס ווילן איינפלאַנצן אין דעם יונגן דור דאָ, אין "גלות", ליבע צו ארץ־ישראל און אין ארץ־ישראל פלאַנצט מען האַס, שנאה, גרינגשעצונג, פאַראַכטונג צום גלות־אידנטום. דער אמת רעכנט זיך האַרב אָפּ מיט פאַרגוואַלדער. ער רעכנט זיך אָפּ דאָ מיט קאָמוניסטישע טאַטעס, וואָס דווקא, דאָס רוב, זייערע קינדער האָבן די באַוועגונג און אַנטלויפן פון איר . . . ער וועט זיך אָפּרעכענען מיט די, וואָס לערנען אין ארץ־ישראל אין זייערע שולן ענגליש אָבער ניט אידיש, חלילה . . . ליידער וועלן פון דעם ליידן ווי געווינלאך די אומשולדיקסטע — די קינדער!

די דערציאונג דאַרף זיך אָנהייבן פון קלייניקייטן. לערנט ניט די קינדער ראַטעווען די וועלט, ס׳איז צופיל מיט אַמאָל. לערנט זיי טאָן מעשים טובים, לערנט זיי זיין מענטשן, אַנדערש

שאפט זיך אין מח פונם קינד די וועלט ווי אן אבסטראקציע, אפגעריסן פון מענטשן און פון לעבן.

"לערנט זיך פון קלייניקייטן", זאגט טראצקי. "ס'איז מיר זייער וויכטיק צי א סאלדאט וועט אוועקוואַרפן אפגערויכערטע שטיקלאך פאפיראסן אפן דיל, צי ער וועט שפייען אפן דיל, צי ער וועט זיך זידלען, מיט גראבע רייד צי ניט" — דאס מענטש־לאכע אפילו אין רויטן סאלדאט איז פון דער גרעסטער וויכטי־קייט.

דערציילט מען, אז אמאל איז ישראל בעל־שם־טוב פאר־פארן ערם יום־כפור אין א שטעטל. ס'איבעריק צו מאלן די פרייד, וואס זיין קומען האט ארויסגערופן. מען שטעלט זיך דאווענען מנחה — ישראל בעל־שם־טוב איז ניטא. מען דארף זיך שוין שטעלן זאגן כל נדרי — ער איז נאך אלץ ניטא. מען לויפט אוועק אף דער אכסניה — ניטא. ס'ווערט א מהומה. מען לויפט ארום איבערן שטעטל, איבער די פעלדער. אין וואלד זוכן דעם רבי'ן — ניטא, ביז מען געפינט אים אין א גארטן. ער שטייט און האלט צוויי ציגן פאר די הערנער און קאן זיך פון ארט ניט רירן. וואס פארשטייט איר דא ניט. ער איז געגאנ־גען אין בית המדרש. אפן וועג דערזעט ער, אז צוויי ציגן זיינען פארקראכן אין א גארטן וואס געהערט צו א קריסט. זיי וועלן דאך אנמאכן הזק. א רחמנות. מ'וועט דאך קאנפיסקירן די ציגן. די קינדערלאך וועלן דאך בלייבן אן א טראפן מילך. ראטעווען צוויי אידן פון היזק, מיטפילן איז א סך וויכטיקער ווי זאגן כל־נדרי... האט דאך יהודה, דער ראש ישיבה פון פומפדסא, אמאל געזאגט, אז ער האט ניט קיין צייט צו דאווענען, אזוי פארנומען איז ער מיטן לערנען גוטע מידות זיינע תלמידים. דערציילט מען וועגן א רבי'ן, וואס פלעגט נאכן טויט קומען צו חלום דעם שמש פון שטעטל, אז ער איז געבליבן שטייןביים טויער פון גן־עדן... א מהומה, א שרעק. מ'זאגט תהילים. א קליינקייט אונזער רבי, אונזער צדיק. קומט דער רבי דעם שמש ווידער צו חלום און זאגט אים: "הערט אויף צו זאגן תהילים, איינצולייגן וועלטן. איך קאן, אויב איך וויל נאר, אריין אין גן־עדן. כ'וועל אבער ניט אריין. כ'סטרייק". כ'וויל ס'זאל זיין אוים גיהנום. אלעמען זאל מען

אריינגעמען אין גן־עדן . . . ווי קאָן מען עס זיצן אין גן־עדן בעת אנדערע און א. וו.

דערציילט מען, אז ישראל בעל שם טוב איז אמאָל געקומען אין א שטעטל, ארויף אויפן שוועל פון שול און זיך אומגעקערט. לויפן ארויס די אידן "גוואלד רבי, וואס איז דאָס?" — "ביי אייך איז צופיל אָנגעדאוונט. איר דאוונט ניט לשמה, איר דאוונט ניט מיטן גאנצן הארצן, מיט דער גאנצער נשמה. אזוינע תפילות ווי אייערע גייען ניט ארויף אפן הימל. איז פול, אָנגעדאוונט, ניטאָ קיין אָרט פאר מיר", האָט ער געזאגט. — פון דאָרטן, הייסט עס, וואו עס הערשט פאלשקייט אנטלויף, מחמת דאָרטן איז איינג. ברייט, און ליכטיק, און גוט איז נאָר דאָרטן, וואו מען לעבט ווי ברידער, וואו מען איז ערלאך און א. וו. — כ'זע שוין, ווי מען שרייט אויס: "איר זעט מיט וואָס פאר א שימל ער אָפערירט", הלואי דער דאָזיקער שימל אין די הערצער פון אונזערע קינדער! שיילט אָפּ דעם שאָלאכץ פון דעם, שארט אראָפּ דעם שטויב און איר געפינט אזא געזונטן קערנדל, אז הלואי געזאָגט געווארן אויף דורות. זעט אָבער, ליבע מוטער, ווי די געבראכטע לעגענדעס און חסיד'ישע מעשה־לאך רעדן וועגן קלייניקייטן, וועגן ראטעווען א אידן זיין ציג, וועגן איינשטעלן זיך פאר "רשעים" און א. וו. אָבער וויפל הארץ, וויפל ליכט, וויפל גרויסקייט, וויפל הימל עס ליגט אין אזוינע שמועסן מיט קינדער, יאָ מיט קינדער! דאָס לערנט זיי ווי גרויס ס'זיינען קליינע מעשים, דאָס לערנט זיי קאָנקרעט ווי מען קאָן זיין א מענטש. שרייט אויס ז. ט. לילינא (א באַוואוסטע סאָוועטישע פעדאגאָגן), אז "זיין א קאָמוניסט, זיין א סאָציאליסט מיינט ליבן דעם מענטשן". . . אמת, דאָס דאָזיקע דארף באפעסטיקט ווערן מיט היים סביבה. און ניט נאָר דאָס. דאָס לעבן און שטרעבן, די קאמפן און שלאכטן, וואָס די גערשונים, וואָס די פרונזעס, וואָס די ליבקנעכטס, לוקסנבורגס האָבן דורכגעמאכט איז פונקט אזוי וויכטיק און הייליק, אָבער ראָמאנטיש, הייליק און ריין געגעבן, ראָמאנטיש, הייליק און ריין אין הארמאָניע מיט קינדס נשמה. ניט ראטעווען די גאנצע וועלט, ס'איז צופיל, צו אבסטראקט פארן קינד. זאפן אין זיך

ליבט און לויכטן, ווען דאָס מענטשלאַכע — דאָס איז דער וועג!
דאָס מענטשלאַכע אינם קינד איז דער הערלאַכסטער אוצר. פלאַנצן מענטשלאַכקייט אינם קינד איז דער רוף פון דער צייט, מחמת מענטשלאַכקייט איז אין אַקאָרד מיטן קינדס נשמה, מיטן חנ׳עוודיקן פונק פון זיין נאַאיוויקייט, צוטרוי און דער־וואַרטונג.

וואָס פאַר א צעטעלע איר וועט צוקלעפּן צום קינד, וואָס פאַר א שילד (וויוועסקע) איר וועט צו אים צושלאָגן, וואָס פאַר אַן עטיקעט עס וועט זיך אליין אויסקלייבן, וועט עס לויכטן און שטראַלן און שיינען, נאָר דעמאָלט, ווען איר וועט פאַרהיטן דאָס גרויסע און אייביקע אינם קינד, ווען איר וועט עס לאָזן זיך נאַ־טירלאַך צעוואַקסן און צעבליען, ווען איר וועט ניט רייסן קיין גרינס, ווען איר וועט ניט באַצווינגען צו וואַקסן און שטייגן, ווען איר וועט ניט אָוועקרויבן פונם קינד דאָס רעכט צו זיין א קינד, דאָס רעכט אויף פרייד און פרייהייט, דאָס רעכט איבערצולעבן נאַטירלאַך אַלע פריידן. וועט איר עס טאָן אזוי, וועלן אפילו אונ־טער די היינטיקע אומשטענדן זיך פאַנאַנדערוואַקסן קינדער מיט דערהויבענע חלומות, מיט מוטיקע פליגלען צו פליען אין די העכסטע הימלען, וועט געבאָרן ווערן דער מענטש, וואָס וועט באַזייטיקן אַלע שטיינער, וואָס שטערן דער פרייער פּער־זענלאַכקייט, וועט די דאָזיקע פּערזענלאַכקייט זיין א פרייער גייסט, וואָס וועט דיינקען זעלבסטשטענדיק, הערשן איבער זיך אליין, קאָנען זיך צוימען, האָבן א דראַנג צו א קולטור און אינהאַלטספולן לעבן, רייך זיין מיט געפילן, האָבן א ברייטן בליק אויפן לעבן, פילן און מיטפילן, האָבן א אידעאַל אין לעבן, פילן דעם וועלט שמערץ ניט זיין זאַט צופרידן, ניט לעבן פאַר זיך אליין, און קעמפן צוזאַמען מיט די, וואָס שטייען און ברעכן די וואַנט פאַר אַלע דורות און אַלע צייטן.

"יראת הכבוד צו אַלץ, צו אַלעמען און צו זיך אליין, וויסן, דערוואָרבן דורך אייגענער מי און ליבע, און זעלבסטקאָנטראָל" (טעניסאָן) — די דריי זיילן — זיינען די יסודות, אויף וועלכע די נייע דערציאונג דאַרף באַזירט ווערן.

דערציען מיינט אָנרעגן, ארויסרופן, אָבער ניט געבן, געבן אָבער פּאַרטיקע ידיעות איז סם פאַרן קינדס נשמה. כ׳האַלט, אַז מען מעג און מען זאָל מיט קינדער ריידן וועגן העכערע ענ־ינים, קינדער האָבן עס גוואַלדיק ליב. קינדער האָבן אָבער פיינט, און מיט רעכט, פּאָליטיק (פּאָליטיקאַנטסטווע). כ׳האָב אַמאָל געהאַט אַ קלאַס, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו מיר נאָכדעם, ווי אין משך פון אַ יאָר צייט האָט מען זיי געשטאָפּט מיט פּאָ־ליטישן וויסן. זייער באַציאונג צו לימוד איז געווען אַ שרעק־לאַכע. קינדער זיינען עס געווען אינם עלטער פון 14־15 יאָר. כ׳האָב געהאַט אויפגעגעבן אַלע האָפנונגען. האָב איך באַשלאָסן אויסצואַרבעטן אַ הויכן לימוד. כ׳האָב באַשלאָסן צו צוגרייטן זיך צו די לעקציעס, זאָרגעוודיק מיט אַ סך ביישפּילן פון פי־לאָזאָפיע, פּסיכאָלאָגיע, נאַטור־וויסנשאַפט. ס׳האָט ניט לאַנג גענומען. כ׳האָב דעם קלאַס ניט דערקענט. די נעכטיקע "פאַר־לאָרענע"... זיינען געלאָפן, בפּועל ממש געלאָפן, אין שול. די גרעסטע מערהייט פון זיי האָט ארויסגעוויזן אַזאַ אינטערעס, אַז ס׳פלעגט פשוט ציינדן פאַר פרייד.

קינדער פלעגן זיין אַזוי פאַראינטערעסירט אינם לימוד, אַז ווען כ׳פלעג זאָגן: "נו, איצט קאָנט איר שוין גיין אהיים", פלעגן אָפטמאָל אייניקע, אנטטוישנדיק, באַמערקן, "אַך שוין"? זיי וואָלטן נאָך געוואָלט לערנען און לערנען. אַזוי פלעגן אָפּט־מאָל קינדער פון אַ העכערן קלאַס (פון מיטל־שול), איבערבלייבן אין קלאַס, כדי צו לערנען מיטן נידעריקערן קלאַס. כ׳האָב געהאַט קינדער, וואָס פלעגן חדשים און אפילו יאָרן, טאָג־איין טאָג־אויס זיין געסט אין קלענערע קלאַסן. צענדליקער און צענדליקער אַזוינע קינדער האָב איך געהאַט אין משך פון מיין לערערישער קאַריערע. דאָס האָט מיך איבערצייגט, אַז וואָס העכער דער לימוד איז, וואָס טיפער, מיט וואָס מער התלהבות און וואַרימקייט דער לערער לערנט, אַלץ מער ציינדט עס אָן קינדער. זאָרגפול און מיט גרויסן אחריות צוגעקליבענע מעשה־לאַך, ברייט און טיף צוגעגרייטע לעקציעס איבער אידישער גע־שיכטע, וואָס מער קינסטלערישע ליטעראַטור, וואָס וואַרימער, ראָמאַנטישער דער פּאָליטישער לימוד איז, וואָס פאַרכאַפּנדי־

קער נאַטור־וויסנשאַפט, אַלץ טיפער דרינגט אַריין, אַלץ מער פאַראינטערעסירט עס און ציט צו אַפילו די "קאַלטסטע" קינ־דער. דאָס זאָרגפולע און מיט ליבע צוגרייטן זיך צו די לימודים, דעצעדירט אָפטמאָל דעם גורל פון דער באַציאונג פון קינדער צום לערער און צו דער שול. קומט מען אָבער מיט די פלאַכע לימודים פון פּאָליטישן קאַמף צווישן פּאַרטייען, מיט פלאַכער זיכערקייט, פלאַכער "זאַטקייט" מיט פלאַכן אָפּטימיזם און מיט דער "מאַניע פון גרויסקייט" ווערט עס דעם קינד גאָר שווער, ווערט דאָס קינד און אַפילו די יוגנט גיך מיד און פאַרמאַטערט.

אַפילו אינם סאָוועטן פאַרבאַנד, וואו מען האָט די ערשטע צייט אָף דעם געביט אַביסעלע געזינדיקט, האַלט מען איצט אין איין אונטערשטרייכן, אַז מען דאַרף וואָס מער אַזאַ קינדער ליטעראַטור, וואָס איז צוגעפּאַסט צום קינדס נשמה, אַ קינסט־לערישע און אַ פאַרכאַפּנדיקע, אַז דער איז אַ לערער וואָס הערט אַליין ניט אויף צו זוכן, צו לערנען, וואָס טרעט צו צום לימוד מיט ליבע און וואַרימקייט (שטערן).

אַ קלאַס, וואָס ס'איז געווען צו דערוואַרטן, אַז ער זאָל קוים מיט צרות גראַדואירן, האָט מיך אַלס לערער, איבעראַשט און געבראַכט אַ סך פרייד. כ'פלעג פאַר פרייד זיך בלוטיק פאַר־טרערן, טראַכטנדיק, וואָס פון אונזערע קינדער וואָלט געקאָנט ווערן, ווען מיר זאָלן אַפּעלירן צו דער נאַטור פון קינדס נשמה, וואָס בוינקט, לעכצט פשוט נאָך גייסט, וואָס קאָן פאַר־כאַפּט ווערן, וואָס מען קאָן אין זיי יאָ אויפוועקן התלהבות. כ'וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די יוגנט אין אַ ווייטער מערב קאַנדער שטאָט. כ'וועל ניט פאַרגעסן זייער באַגייסטערונג און פרייד, מיט וועלכע זיי פלעגן צוהערן זיך צו לעקציעס איבער אידישער געשיכטע און ליטעראַטור. אונזערע קינדער האָבן ליב טיפן לימוד, האָבן ליב הימל. כ'האָב אַמאָל, אין מיטן פון אַ לעקציע איבער נביאים, אין אַ קלוב פון 14־15 יאָריקע קינ־דער, אין דער זעלביקער מערב קאַנאַדער שטאָט, פּלוצלונג אי־בערגעריסן און אַ זאָג געטאָן — "נו, פאַרגלייכט עס, מיטן "גייסט", מיט דער "טיפקייט" פון דער וויצן אָפּטיילונג (פּאָני פייפער) פון דער פרעסע". — ווי פון הימל זיינען זיי אַראָפּגע־

פאלן . . . און שפּעטער האָט מיר א קינד געזאָגט — דעם אי־בערברוך וועל איך קיינמאָל ניט פארגעסן . . . יאָ, מיט אונזע־רע שטיפער קאָן מען אויך א פּלי טאָן אין די הימלען!

לערנען סאָציאַליזם? זיכער! ארויסצורופן אינם קינד יראת־הכבוד פאר העלדישקייטן, פאר העראָאישקייטן, פאר מסירת נפש, דאָס זיכער! וועקן דאָס מענטשלאכע וואָלט דאָס געמיינט. דער עצם קאַמף אָבער ווירקט אפן קינד נעגאטיוו. דער סאָציאַליזם איז די איינציקע האָפנונג, אז ס'וועט אמאָל קומען א וועלט פון גליק און פרייד, אז ס'וועט אמאָל קומען א מענטשלאכע וועלט. די דאָזיקע וועלט דארף אויסגעקעמפּט ווערן. אינם קאַמף פאלן די הערלאכסטע גייסטער. "אף די באַ־ריקאדן", זאָגט הוגאָ, "הערן זיך יובל געזאנגען פון ליבע". סאָ־ציאַליזם דארף פארנעמען דעם אויבן אָן אין אלע לימודים. ניט נאָר, מחמת ס'איז אונזער חוב צו צוגרייטען אונזערע קינדער צו דער נייער וועלט, וואָס קומט אָן, נאָר, מחמת דעם, וואָס סאָציאַליזם איז אונזער שענסטער חלום, וואָס סאָציאַליזם דער־הויבט, באַווארימט, מחמת סאָציאַליזם איז א וואונדערבארער מאטעריאל פאר דער נשמה פון קינד. ניט אָפּצושאצן דעם גוואַלדיקן איינפלוס, וואָס דער ראָמאַנטישער סאָציאַליזם, דער הייליקער, דער נביא'שער האָט אויפן קינד. ניט נאָר דאָס. יעדער קעגנשטאנד דארף באהויכט ווערן מיטן גייסט פון סאָ־ציאַליזם, מחמת ער און נאָר ער פלאנצט אינם קינד די הער־לאכסטע בלומען, בלומען פון האָפנונג, בלומען פון פרייד, בלו־מען פון ליכט, בלומען פון מענטשלאכקייט.

און ניט נאָר דאָס. אלץ, וואָס איז פּאָזיטיוו און גרויס, יע־דער קאַמף, יעדער געראַנגל פון היינט, דארף געגעבן ווערן דעם קינד, אָבער פּעדאַגאָגיש־דערציעריש מיטן פּנים צו דער גאַנ־צער זון, צום סאָציאַליזם. פון די קלענסטע קלאסן אָן מעגן דער־ציילט ווערן זייט ביי זייט מיט לעגענדעס, מעשה'לאך, וואָס וועקן דאָס געפיל צו יושר, גלייכקייט, דאָס געפיל צום סאָציאַ־ליזם. מעשה'לאך און ביאָגראַפיעס, קאָנען אויפטויכן אינם קינד דעם דראַנג צו לעבן ווי אמענטש צווישן מענטשן, קאָנען און דארפן געגעבן ווערן פון די קלענסטע קלאסן.

שפעטער דארף געלערנט ווערן א סך ליטעראטור, געשיכטע, פאָליטישע עקאָנאָמיע, געשיכטע פון סאָציאליסטישן געדאנק, געשיכטע פון דער ארבעטער באוועגונג, אידישע סאָוועטישע ליטעראטור, פסיכאָלאָגיע, סאָציאלאָגיע. וואָס ברייטער דער לימוד איז, און וואָס טיפער ער איז, אלץ טיפער, סיסטעמאטישער, שטאָלענער וועט דאָס קינד שפעטער זיין אלס פירער, אָדער געפירטער. ניט האס, ניט רציחה, ניט "פאטריאָטיזם" צו דער פארטיי, ניט אויפגעהעצטקייט דארף זיין "די קייט וואָס בינדט", נאָר טיפער וויסן, אלזייטיק וויסן, באהויכט מיט דערהויבענע געפילן, באהויכט מיט אויפגעוועקטער, איינגעפלאנצטער און דערוואכטער גרייטקייט דארף זיין די זון, וואָס ווארימט, גיט כח און ציט צו. פרייד דארפן מיר פילן אינם קאמף !

עקאָנאָמישע סיבות שטויסן דעם ארבעטער קלאס זיך צו אָרגאניזירן. אָבער דער אמת־מענטשלאכער גייסט פון דער ארמיי פארצענפאכט די כחות, שמידט די מאסן מיט מוט און גלויבן. "היי, מיין ברייט צעוויגטער האמער (די ארבעטער באַוועגונג) שטורמיש פליגט מיין געמיט (נשמה) אינם הילך פון דיינע קלאנגען (קאמפן) הער איך רוישן פעטע זאנגען פון א וויטן שניט" (חיים גאָלדין). יאָ, דער האמער, די ארבעטער באוועגונג דארף באפליגלען אָבער ניט בינדן אין קייטן און האלטן אויף טעראָר. און אלץ דארף געלערנט ווערן. לעניו הייסט אזוי. מחמת אנדערש "וועלן מיר דערציען בארימער און בטלנים" (פלאפעלר). גערעכט איז אָלגין, וואָס האלט, אז אפילו פיינטלאכע פארן ארבעטער קלאס ליטעראטור דארף געלערנט ווערן, מחמת דאָס וועט דעם ארבעטער קלאס מאכן אימיון צו די סמ'ען פונם קאפיטאליסטישן קלאס (האמער, 1926).

אָבער וואָס ווייטער פון קאמף, פונם אוממיטלבארן קאמף, מחמת קאמף בכלל און דער קאמף פון היינט בפרט איז סם פאר דער נשמה פונם קינד.

דערציילט מען מיר, אז די שיקאגער שולן ביים אינטערנאציאָנאלן ארבעטער ארדן האָבן אָרגאניזירט שול־קינדער אינם קאמף פאר געבן זיי ווארימע פרישטיקן אין שול, פאר פארמאכן

פאר אוטאָמאָבילן די שול גאס, אז די שולן פלעגן אָרגאניזירן קינדער אין קאמף קעגן לערער, וואָס פלעגן שלאָגן, דערנידער ריקן און א. וו. אזוינע קאמפן געפירט דורך פּעדאגאָגן איז א ברכה פארן קינדס נשמה. — אָבער פירן קינדער אויף א פּיקעט, בעת א סטרייק, ארייננציען קינדער אין דעמאָנסטראציעס און אין קאמף קעגן אנדערש דענקענדיקע סאָציאליסטן, באוועגן קינדער שרייבן בריוועלאך אין קינדער ווינקל, אז דער ארבעטער רינג איז א שונא פונם ארבעטער קלאס (און מאָרגן אים רופן צו א פאראייניקטן פראָנט קעגן געמיינזאמען שונא . . .); לערנען קינדער, אז דער אונטערשייד צווישן אינדוסטריעלע יוניאָנס און די, וואָס זיינען פארקניפּט אינם אמעריקאנער פעדעראציע פון ארבעט איז, וואָס די צווייטע זיינען תמיד אונטערגעקויפט פון דער בורזשואזיע, אנשטאט אָנצואווייזן אויף די פרינציפּיעלע חלוקי דעות — איז מער ווי א פארברעכן.

וואָס וויל איך מיט דעם זאָגן ? כ'וויל מיט דעם זאָגן, אז דאָס נעגאטיווע פון אמאָל, האָט געהאט געוויסע פּאָזיטיווע ווערטן, בעת דאָס פּאָזיטיווע פון היינט, דאָס רעוואָלוציאָנערע, האָט א נעגאטיוון עפעקט אף דער נשמה פונם קינד. דעם צווייבער פון רעוואָלוציאָנערער סיטואציע אויף דער נשמה פונם קינד האָט די סאָוועטישע ווירקלאכקייט אָפּגעלייקנט. צענדליקער ארטיקלען, בראָשורן און ביכער שפּיגלען אָפּ די צעטומלעניש, די שוואכע פּאָליטישקייט פון מיליאָנען קינדער. די פּאָזיטיווע יוגנט, דאָס פּאָזיטיווע אין קינד געהערט צום צווייטן פעריאָד פון דער רוסישער רעוואָלוציע, צום פעריאָד פון אויפבוי פונם לאנד. צו דעם אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע, אָבער ניט צו דער רעוואָלוציע גופא.

אמת, פון די היימען, וואו עס סווישטשעט דער דלות, וואו נויט און הונגער האָט זיך איינגעבירגערט, פון אָט די היימען איז צו דערוואַרטן אַן אנדער דור. נויט, הונגער, דלות וועקן און רופן. אָבער ווידער אמאָל, ניט דער קאמף. דער קאמף שרעקט נאָר. האלטן אָבער אונזערע מאמעס און טאטעס, אז קינדער דארפן ניט וויסן, ווי שווער זיי, די עלטערן, קעמפן מיט די לעבנס תנאים. אזוי טראַכטן און האנדלען איז דער צוויי-

טער עקסטרעם. ניט מיטשלעפּן מיט זיך אין קאַמף, אָבער אויך נישט פאַרבאַהאַלטן נויט. קינדער שרעקן זיך פאַר געשרייען, פאַר געליאַרם, פאַר געטומל, פאַר קאַמף, נויט אָבער און ליידן צערטלען די נשמה פונם קינד.

מיר לעבן אין א צייט, ווען מענטש און וועלט פאַרקירעווען אף נייע וועגן. הערט זיך טומל פון פאַקן זיך, פון סאָרטירן, פון צוגרייטן זיך צום וועג. פילט זיך דער כאַאָס פון א ערב, פון צעוואַרפענע שמות און אידעאַלן, וואָס וואַלגערן זיך דאָ און דאָרטן. מען לופטערט, מען שטויבט, מען זוכט וועגן, מען שפּאַנט פערד, מען בלאָנדזשעט, מען פאַרקריכט אין זומפּן, אין בלאָטעס, מען שלעפּט זיך אויף צוריק — די גאַנצע וועלט גייט אויף רעדלאך. מיר לעבן איצט אין א צייט, ווען ס׳ווערן געהאַקט נייע וועגן. ווער ווייסט, ווי לאַנג דער וועג וועט זיין, און וואוהין דער וועג וועט פירן. ווער ווייסט, וויפל קאַטאַסטראָפעס שטייען אונז נאָך פאָר, וויפל מאָל מען וועט זיך איבערקערן אין גראָבנס. מיר זעען פאָר זיך דעם ציל, אָבער קיינער קאָן קיין נביא נישט זיין, קיינער קאָן נישט וויסן, וויפל איבערראַשונגען און צופאַלן ס׳קענען זיך נאָך טרעפן אין וועג. ס׳איז א בין השמשות צייט. ס׳איז אן איבערגאַנגס צייט. אזא צייט איז תמיד פול מיט אומרו, מיט ציטער. אייניקע פרייען זיך, וואָס מען קלייבט זיך שוין אין וועג. דאָס איז דאָך געווען זייער חלום, דאָס איז דאָך געווען דער זין פון זייער לעבן. ביי אייניקע פלאַקערט דאָס האַרץ מיט פלאַמיקן פייער אין דערוואַרטונג. אנדערע ווידער באַוויינען די אַלטע היים, קלאַמערן זיך נאָך אין איר. אמת, קינדער האָבן דווקא ליב צו פאָרן, קינדער האָבן דווקא יאָ ליב אריבעצוציען זיך אין א נייער שטאָט, צי אין א נייער דירה, אָבער, אז זיי דערזעען בלוט, אז זיי דערזעען טויט, און דאָס איז דאָך אומפאַרמיידלאך אין דעם כאַאָס, וועלכן מיר האָבן דאָ אין זינען; אָבער, אז זיי דערפילן שרעק, אנטלויפן זיי, באַהאַלטן זיי זיך, ציטערן זיי. ווען מיר רעכענען זיך מיט דעם, וואָלטן מיר דאָך אָפּגעשטעלט דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, אָבער רעכענענדיק זיך מיט דעם פאַקט, כדי ניט צו פאָדערן פון אונזערע קינדער דאָס ניט מעגלאַכע, איז

אונזער מענטשלאכער חוב. אָפּשטעלן דאָס שלעפּן דעם קינד אין פּארטייען, וואו די "אלטע" יאָכן און פּילן זיך מיד, מאַט און אמת׳דיק שלעכט. אָפּשטעלן קריפּלען אונזערע קינדער, דארף ווערן דער חוב פון יעדן סאָציאליסט מיט א סאָציאליסטישן געוויסן.

דאָס פייער, וואָס האָט אָנגעצונדן די וועלט, וועט אויסגליען א נייע וועלט. אָבער היינט שטורמט עס נאָך, היינט בליצט עס נאָך, היינט האָגלט עס נאָך, היינט ברענען נאָך שלאכטן, היינט ווערן נאָך קעפּ געשפּאלטן, היינט ווערן נאָך מענטשן געשאָסן און געהאנגען, היינט גיסט זיך נאָך בלוט און קינדער האָבן א טבע ניט צו זען קיין ווייטן ציל. היינט שטייען די אומשולדיקע קינדער, וואָס קאָנען זיך ניט פאנאנדערקלייבן אין די געשעענישן, מחמת דאָס איז קעגן זייער נאטור, היינט שטייען אונזערע קינדער צעטומלטע, אָדער זיי אנטלויפן גאָר ערגעץ וואו, וואו עס דונערט נישט און וואו עס בליצט נישט.

הערלאך, פול מיט פראכט און גייסט (אמת, פון אויבנאויף נאָר) איז געווען דער עבר, דער ניט לאנגאָניקער נעכטן. פול מיט קאפּיטאליסטישן סם, פול מיט אומרו און שרעק פארן קינד איז דער היינט. הערלאך און פרעכטיק וועט זיין דער מאָרגן. שווער איז אונז איבערצולעבן דעם היינט, אָבער נאָך שווערער איז עס דעם קינד. דאָס קינד צאָלט, ליבע מוטער, צאָלט טייער פאר קאטאסטראָפעס, פאר איבערלעבונגען. אויב ס׳רופט זיך אפּן קינד אפשר די אָדער יענע קאטאסטראָפע גלייך נישט אָפּ, קאָן זי זיך אָבער אָפּרופן שפּעטער און ברייינגען אומגליק אפן גאנצן לעבן. פראָפ. שניאורנאָן זאָגט אין זיין בוך "די קאַטאסטראָפאלע צייט און די וואקסנדיקע דורות", אז "סאָציאלע קאטאסטראָפעס ברייינגען אומגינסטיקע סאָציאל פּעדאגאָגישע פארענדערונגען, שאפן אן אומגינסטיקע אטמאָספערע פאר דער דערציאונג פון דער קינדהייט. סאָציאלע קאטאסטאָרפעס קאָנען אומזיכטבאר איינקלעמערן די אנטוויקלונג פון קינדער, וואָס ווערן דערצויגן — און נאָכמער פון די וואָס ווערן געבאָרן — אין דער צייט פון אזוינע קאטאסטראָפעס. די דערוואקסענע קאָנען איבערלעבן, באהערשן, אפילו אויסנוצן די קאטאסטראָ-

פּע, וועלכע לייגט אָבער אַ טראַגישן שטעמפּל אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם אונטערוואַקסנדיקן דור". "פאַר קינדער טראָגט אַ קאַטאַסטראָפאַלע צייט שווערע אַנטוויקלונגס שטערונגען און שאַפט אַ דערציִעריש אומגינסטיקע אַטמאָספערע". "די רוסישע רעוואָלוציע האָט אין די שווערסטע צייטן אירע געהאַט אין זינען די סכנה, וואָס דראָעט איר, אויב זי וועט נישט אָפּטעמפּן די שווערע ווירקונג וואָס קאַטאַסטראָפאַלע געשעענישן האָבן אויפן קינד. דער לאָזונג "אַלץ פאַרן קינד", אין די סכנה'דיקסטע צייטן פאַר דער רעוואָלוציע, ווייזט אויפן געזונטן חוש, פון די, וואָס האָבן געפירט די גרעסטע און די טיפסטע רעוואָלוציע פון אַלע צייטן און אַלע דורות". ניט נאָר וועלט־לאַנד־שטאָט קאַטאַסטראָפעס, נאָר היים קאַטאַסטראָפעס, פון אויבנאויף אומשולדיקע, ווירקן שאַרף אויף דער נשמה פונעם קינד.

און איר, ליבע, מוטער, ווילט זיך גאָרניט רעכענען מיט צייט, מיט סביבה, און מיט אומשטענדן. ווען איר רעכנט זיך מיט דעם, וואָלט איר פאַרשפּאָרט צו שליידערן די קינדער דעם "זייערע" "צרות", וואָלט איר פאַרשפּאָרט צו ווייטיקן און ליידן, און וואָלט גרינגער געמאַכט דעם קינד איבערצולעבן די אומפאַרמיידלאַכע, היסטאָריש־העראָאישע צייט, פאַר אים, פאַרן קינד, אָבער אַ שווערע צייט.

ביי נאָמבערגן איז פאַראַן אַ דערציילונג, "דער רב און דעם רב'ס זון". דער רב און די רבי'צן האָבן אַ זון אַן עלוי, וואָס שמ'ט אין דער גאַנצער געגנט אַרום מיט זיין לומדות. יעדן שבת נאָכן עסן זאָגט דער רב ביים טיש תורה. איינמאָל האָט ער אין זיין דרשה אַריינגעפלאָכטן די לעגענדע איבער משה'ס טויט. משה האָט בשום אופן ניט געוואָלט שטאַרבן. ער האָט געהאַט טענות צו גאָט. מען איז סוף־כל־סוף דורכגעקומען. גאָט איז אַראָפּ און מיט אַ קוש האָט ער אַרויסגעצויגן פון משה'ן די נשמה. גלייך נאָכן עסן שרייבט שוין דער זון אַ העברייאיש ליד איבער דער טעמע "אַ קוש". דער פאָטער, דער רב, געפינט אים, שרייבנדיק אום שבת, ער איז דערשטוינט. זיי ריידן פון הארץ צו הארץ. דער זון האַלט נישט אויס און דערלאַנגט אַ זאָג דעם פאָטער: "טאַטע דו ביסט שולדיק, און

ניט איך, שולדיק איז די צייט". צייט! וואָס פאַר א כישוף ליגט אין דיר! וואָס פאַר א קראַפט! ווי זיכער דו שפּאַנסט, ווי אַלץ בויגט זיך און שמעלצט פאַר דיר. צייט! ווי קומט צו דיר אַזאַ ברוטאַליטעט, פאַרוואָס האָסטו אַזוי וויניק איינזעעניש? איז דאָס אפשר דערפאַר, וואָס דו שפּאַנסט נאָר פאָראויס, וואָס דו זעסט נישט דעם עבר, וואָס דו זעסט נישט דעם נעכטן. אפשר ליגט די סיבה פון אייערע ליידן, ליבע מוטער, וואָס איר, מוטער, איר זעט, פאַרקערט, דווקא נאָר דעם נעכטן.

יאָ, שולדיק איז די צייט. די צייט ברעכט, די צייט קנעט, און בויט. די צייט רופט ארויס א שריפה, אין דער שריפה ווערט פאַרברענט דאָס אַלטע און אויסגעגליט דאָס נייע. די צייט ברענט און גליט, ברעכט און שאַפט, דאָס איז איר נאַטור. מענטשן זיינען נאָר פּראָדוקטן פון דער צייט, אין וועלכער זיי לעבן און אין וועלכער זיי ווערן דערצויגן. די צייט קאָן צעשטויבן, קאָן פאַרמינערן גרויסע און טיף פאַרבאָר־גענע אין זיך גייסטער. די צייט קאָן אויך אויפוועקן אַזוינע. לענין איז א קינד פון די 80קער יאָרן, פון די יאָרן פול מיט העראָ־איִשקייט, מאַרטירערישקייט און אידעאַליזם. לענין איז נישט געווען קיין אוממיטלבאַרער צושויער פון קאַמף, און אפילו ווען יאָ, איז דער קאַמף אין זיין צייט געווען פון אַן אַנדער גייסט. וויניק בלוט, וויניק שטורם — אָבער א סך ראָמאַנטישעס, הייליקעס. לענין האָט געזען דאָס מאַרטירערישע, דאָס גרויסע, דאָס ראָמאַנטישע ווען ער איז א קינד געווען. אין די יונגע יאָרן האָט ער שוין געקומען דערפילן ניט נאָר זען דאָס העראָאיש־פּאַטעטיש־העלדישע. די רעוואָלוציאָנערן צו יענער צייט זיינען געווען הייליקע מענטשן און קעמפער. היינט אָבער, ליבע מוטער, איז ניט יעדער רעוואָלוציאָנער א מענטש. פאַרן קינדס נשמה אָבער ווירקט פאַטאַל א רעוואָלוציאָנער, וואָס איז נישט מער מענטש ווי רעוואָלוציאָנער. יאָ, לענין האָט זיך אויסגעהאָדעוועט און האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך ניט קאַמף, נאָר ראָמאַנטישקייט פון די 80קער יאָרן. קראָפּאָטקין איז געווען א קינד פון די 60קער יאָרן, פון די יאָרן, פון גיין אין פאָלק זיך מקריב צו זיין, פון די יאָרן, בעת דער סאָציאַליזם איז געווען א ראָמאַנטישער.

העלדן קאָנען נאָר ארויסוואקסן פון א הערהאָישער וועלט סבי־
בה. היים־סביבה איז נאָך נישט אלץ. היים־סביבה איז זייער
וויכטיק, אָבער וועלט־סביבה, צייט, איז א סך וויכטיקער און
דעצעדירנדיקער. וועלט־סביבה, דאָס איז דאָס הארץ פון דער
וועלט. דאָס איז די נשמה פון דער צייט. איר ווירקונג איז
שטארקער און מעכטיקער. יאָ, הירש לעקערט איז געווען א
קינד פון דער הערהאָישער עפּאָכע פונם "בונד". לייוויק איז
געווען א קינד פון דער צייט, ווען די שכינה האָט געטומען שיי־
נען אין די קעלערס און אויף די בוידעמער. גערשוני, א קינד
פון א סביבה, וואו דאָס מענטשלאכע און קעמפערישע איז גע־
ווען אזוי צונויפגעפלאָכטן, אז מען האָט נישט געקאָנט זען, וואו
ס'ענדיקט זיך דאָס מענטשלאכע און וואו עס הויבט זיך אָן דאָס
קעמפערישע און פארקערט. מיר האָבן אויך היינט קדושים
וטהורים, אָבער זייער אידעאליזם ווערט באגלייט מיט באַרי־
קאדן, מיט קוילן ווארפער. דאָס שרעקט קינדער. דער אידעא־
ליזם פון די גערשונים איז באגלייט געווען מיט דער וויזיע פאר־
פוילט צו ווערן אין די טורמעס, אין די קאזעמאטן, אין די סי־
בירער טונדרעס. דאָס דאָזיקע איז ווי זוניקע וואַרימע שטראלן
פארן קינדס נשמה. דער היינטיקער אידעאליזם, וועט ערשט
ווירקן שפּעטער. פּאראדאָקסאל וועט דאָס דאָזיקע אפשר קלינ־
גען פאר א סך — אָבער ס'איז א שטיק אמת ! בלוטיק שווער
איז אונז צוצוזען, ווי אונזערע קינדער פילן ניט מיט מיט אונז
אין אונזער גערעכטן קאמף קעגן דער וועלט פון בלוט און אכ־
זריות; בלוטיק שווער איז צוצוזען זייער גלייכגילטיקייט צו
דער גרעסטער רעוואָלוציע פאר אלע צייטן און אלע דורות;
שווער צוצוזען זייער "קאלטקייט". אָבער אפשר ליגט אין דעם די
נאטירלאכע פאר אלע באשעפענישן טבע זיך צונויפצוקנוילן
בעת א סכנה. אפשר זיינען אונזערע קינדער אזוי פארשטיינערט
צום רוף פון דער צייט, מחמת זייער נאטירלאכן דראנג צו פאר־
היטן אין זיך דאָס אייגנארטיקע און הייליקע. דער גע־
ליארם, דער געטומל פון ארום איז סם ?

יעדער בארג ארויף און בארג אראָפּ פון דער מענטשהייט
רופט זיך קודם־כל אָפּ אויף דער יוגנט. זי, די יוגנט, איז די

ערשטע צו שטייגן העכער פאר די איבעריקע, זי איז אבער אויך די ערשטע צו זינקען נידעריקער פאר די איבעריקע. דאס דערקלערט זיך מיט דעם צארטן אויער, מיט דער סענסיטיוו־קייט פון דער נשמה, מיט דער צאפלדיקייט, מיט וועלכער די יוגנט אונטערשיידט זיך פון די עלטערע.

די מענטשהייט גייט איצט בארג אראפ. זי מאכט אירע צוויי טריט אויף צוריק, זי זאמלט, אזוי צו זאגן, אן כחות ווי־דער צו מאכן די דריי שריט פאראויס. אזא טבע האט שוין די מענטשהייט. מען קאן זי אפשר צוגלייכן צום געוועט־לויפער, וואס מאכט אינסטינקטיוו א פאר שריט אויף צוריק, כדי זיך צו צעיאגן; מען קאן זי אפשר צוגלייכן צום געוועט־שפרינגער, וואס טרעט אפ אויף צוריק אויף א פאר שריט, כדי מיט מער שוואונג א לויף צו טאן צום שטריקל, איבער וועלכן ער דארף אריבערשפרינגען. יא, די מענטשהייט גייט איצט אויף צוריק, בארג אראפ. קוקט זיך צו, ווער זיינען עס די ערשטע צו לויפן אף צוריק. ווער איז אין אריערגארד? צום באדויערן — די יוגנט. און ווער שפאנט מיט פעסטע טריט אין אוואנגארד? — די קאמוניסטישע און די סאציאליסטישע יוגנט. ווידער אמאל די יוגנט. פירט דורך א סטאטיסטיק צווישן מיטגלידער פון די צוויי עקסטרעמע ריכטונגען, היינט צו טאג, איר וועט שטוינען — יוגנט, יוגנט און יוגנט.

ווער זיינען עס געווען די, וואס האבן אויפגעשטורעמט דאס צארישע לאנד אין די 80קער יארן? די יוגנט. און ווער זיינען עס געווען די, וואס האבן דורכגעמאכט די עפאכע פון "סאניג־שטשינע", גלייך נאך דער רעוואלוציע פון 1905, ווידער אמאל די יוגנט. זי איז דאס הארץ פון דער וועלט. נעמט מיר פירן זי, האלט איך, נאר זי, די יוגנט, איז אפשר דער באראמעטער, דער נאטירלאכער סיגנאל, וואס זאגט אן א עפאכע, כדי מיר, על־טערע, זאלן פארשטיין אין צייט צוצוגרייטן צוריקטריט פא־זיציעס, כדי צו מאכן א געזונטן צוריקטריט. א געזונטער, נאר־מאלער צוריקטריט איז פונקט אזוי וויכטיק, ווי א מעכטיקער מארש פאראויס, און אפשר נאך וויכטיקער. איז אויב יוגנט איז אזוי געפילפול, א פשיטא געפילפול זייענן די צארטע בלימע־

לאך פון אונזער לעבן, די זינגעוודיקע מלאכים׳לאך, אונזערע קינדער.

אין "דר. קערקאָווען" דערציילט אונז וואסערמאַן, וואָס פאר א שטארקע ווירקונג אוירווין האָט געהאט אויף דר. קערקאָווען. אוירווין וועקט אין אים אויף שעפערישקייט, גיט אים א זין, אן אידעאל אין לעבן. אָפט אַטמאָן אָבער, אָפט אַטמאָן, אָפט וועלכן אוירווין, גייט אוים, ער וויל האָבן א ווירקונג, אָפט אַטמאָן האָט אוירווין קיין שום ווירקונג נישט. יאָ, יעדער מענטש איז א שליסל נאָר צו א געוויסן שלאָס, און א שלאָס נאָר צו א געוויסן שליסל. צו דער נשמה פון יעדן מענטשן פירט אן אנדער וועג. יאָ, טיף און קאָמפליצירט איז די נשמה פון דעם מענטשן און דער וועג צו איר. צענפאך קאָמפליצירטער אָבער איז דער וועג, וואָס פירט צו דער נשמה פונם קינד. טיף ווי דער ים, ברייט ווי דער הימל, און ליכטיק ווי די זון איז דעם קינדס נשמה. איר קאָנט, ווען איר האָט נאָר דעם שליסל, אויב איר האָט נאָר דעם וועג, עפענען אוצרות פון שיינקייט און פראכט, א וועלט קאָנט איר געפינען אין דער נשמה פונם קינד. אָבער דער שליסל דארף ארייגעפאסט ווערן אין הארמאָניע מיטן קינדס נשמה. יעדער פארזשאווערטער שליסל פאסט אפילו נית צו יעדן איי־זערנעם שלאָס . . . א פשיטא צו א נשמה, וואָס האָט אירע געד־זעצן. די דאָזיקע געזעצן דארפן אָפגעהיט ווערן, מחמת דאָס אייגנארטיקע אינם קינד איז צענמאָל ווייטיקער ווי דאָס גע־געבענע אים. דאָס אייגנארטיקע אינם קינד דארף אָפגעהיט ווערן מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט, מחמת איין שטראל ארויסגערופן פון דעם קינדס נשמה איז טויזנט מאָל מער ווערט, ווי ימים "ארייגעגראמאפאָנעוועט" אינם קינד. ווער איז שול־דיק, וואָס מיר האָבן נאָך אפילו נישט דעם שטויבעלע פונם שליסל צום קינדס נשמה. דארף דען פון דעם געדרונגען ווערן, אז מען מעג קריכן אין קינדס נשמה מיט גרויסע פארזשאווער־טע שליסלען. אך, ווען דאָס קינד וואָלט געקאָנט עפענען ס׳הארץ!

ווען א קינד וואָלט געעפנט דאָס הארץ, וואָלט אזא הארץ אייך דערציילט וועגן ליידן און פיינען, וועגן וועלכע מיר טראכטן אפילו נישט, וועגן וועלכע מיר ווייסן אפילו נישט, וועגן וועלכע

מיר קאָנען זיך שווער אפילו אָנשטויסן. ווען א קינד עפנט דאָס הארץ, וואָלט אזא הארץ אייך דערציילט פון אזויפיל ליידן, פון אזויפיל פיינען, אז מאמעס און טאטעס וואָלטן פארשפּאָרט סארקאסטיש צו חוזק'ן פון זייערע "צרות" און פון זייערע ""זאָרגן".

אזא קינד וואָלט אייך, למשל, דערציילט, וואָס עס האָט אויסצושטיין פון געבאָרענע "פירער" פון אזוינע קינדער־חברים, וואָס האָבן ליב צו הערשן, צו "טעראָריזירן", וואָס פארוואַרפן זיך, וואָס הערן אויף צו ריידן, וואָס זאָגן אויס סודות, וואָס זוכן תמיד "קרבנות". די דאָזיקע "פירער", די דאָזיקע "הערשער" זיינען אויך נעבאך ניט שולדיק. די הנאה, וואָס זיי האָבן פונם הערשן, פון פארשאפן שמערצן, די נאטור זייערע צו "פארגיסן בלוט", צו "דערגיין די יאָרן", איז אפשר א סיגנאל פון א פאר־ביטערטקייט, וואָס ווערט אין זיי געשפּייזט פון א פארבאהאל־טענער פיזישער קראנקהייט. אמאָל איז דאָס פונם נאטירלאכן פארן קינד סאדיסטישן געפיל, וואָס יעדעס קינד פארמאָגט און מוז דאָס נייטראליזירן. אמאָל איז דאָס גאָר א רעזולטאט פון דעם, וואָס זייער "איך", ווערט ברוטאל אונטערדריקט אין דער היים פונם טאטן, צי פון דער מאמען, צי גאָר פון אן עלטערן ברודער, צי פון אן עלטערער שוועסטער. אויך "געבאָרענע פי־רער", אויך "געבאָרענע הערשער". אמת, פאראן פירער, וואָס ברייננען לעבן, פרייד. פאראן אויך אזוינע פירער. פאראן אבער "פירער", וואָס "פירן" צום אומגליק, וואָס זייער "פירערשאפט" קאָסט לעבנס.

מרים וואן וואטערם בריינגט ביישפילן פון אזוינע "פי־רער", וואָס נעמען ניט זייערע "אונטערטאנען" דורך טעראָר, נאָר וואָס נעמען זיי דורך זייער איינפלוס אויף זייערע "קרב־נות", דורך א נישט פארשטענדלאכער פאר אונז מאגנעטישער קראפט, וואָס דער דאָזיקער מין "פירער" פארמאָגט.

אזוי גייט די 15 יאָריקע עליזא דזשאנסאָן, למשל, מיט בערטאן אפילו אין האָטעל, וואו מען הוליעט מיט בחורים, כאָטש דאָס דאָזיקע איז אפשר קעגן איר כאראקטער, כאָטש זי לעבט אפשר דאָרטן איבער גיהנום ליידן, מחמת אין נאטור איז

בערטאַ אַ ריינע נשמה. עליזאַס עלטערן, הערן שפּעטער דער־שטוינט אויס אַזוינע מעשיות וועגן זייער טאָכטער, באַשיידע־נער טאָכטער, וואָס האָבן זיך זיי אַפילו נישט געקאָנט חלומ׳ען. זיי קאָנען אָבער עליזאַן נישט אָפּרייסן פון בערטאַן. זיי קאָנען זי נישט אַרויסרייסן פון בערטאַס נעגל. עליזאַן ציט צו בער־טאַן. עליזאַ קוקט בערטאַן אין די אויגן אַריין. עליזאַ איז גרייט, און ניט נאָר גרייט, זי איז גליקלאַך אויסצופאָלגן בערטאַס משוגנה׳דיקסטע באַפעלן. אַזוי האָט זיך פאַר מיר פאַרטרויט אַ מיידל, 17 יאָר אַלט, כיענאַ, אַז זי ליידט שווידערלאַך פון איר חבר׳טע. איר חבר׳טע האַלט אין איין ריידן וועגן אינגלאַך, זי האַלט אין איין פאַרפירן רכילות׳ן, אין איין פאַרראַטן זי אויף יעדן שריט און טריט. און . . . דאָך קאָן זי זיך נישט אָפּרייסן פון איר. ווי נאָר זיי באַקאָנען זיך מיט אַ אינגל, ווייסט שוין כיענאַ, אַז ער וועט שוין וויסן אַ סך פון אירע סודות, אמת׳ע און צוגעטראַכטע. דאָס טוט איר חבר׳טע, כדי אָפּצורייסן אים פון כיענען, וואָס איז אַביסעלע שענער פאַר איר. און . . . דאָך . . . פאַרגיט זי איר גרינג, מחמת "כ׳האָב זי אַזוי ליב. ווען זי איז גוט, איז זי ווי אַ מלאך. זי איז גרייט אָפּצוגעבן איר לעבן, זי לויפט פאַר מיר, כאָטש אין פייער, כ׳האָב זי שטאַרק ליב. לעצטנס האָט זי מיר פאַרטרויט, אַז אַ אינגל האָט זיך דערלויבט מיט איר צופיל. "ס׳איז אָבער געווען אַזוי גוט, אַזוי אַנגענעם" זייער אַנגענעם האָט זי מיר געזאָגט. כ׳ווייס, אַז דאָס שפּילט זי פאַר מיר אַ פּאָסטקע. כ׳זאָל "פאַלן". דאָס וועט זיין איר גרעסטער טריאומף. און דאָך . . . האָב איך זי ליב. און קאָן מיט איר מיין חבר׳שאַפט נישט איבעררייסן. כ׳טראַכט אַפילו אַמאָל, אַז איר גוטסקייט צו מיר איז אַן אויס־גערעכנטע. זי וויל מיך שטאַרק אַריינגעמען אין די הענט און מיך "הרג׳ענען", בפועל ממש "הרג׳ענען". ווען ס׳פאַלט מיר איין אַזאַ מחשבה, קוק איך אויף איר, און וואָלט זי דורכגע־שטאָכן, און . . . און שפּעטער בין איך ווידער איר שקלאַף. זי האַלט מיר אין איין דערציילן אַזוינע "מעשיות", אַז ס׳פלאַמט מיר פשוט ס׳פּנים. אַלץ ווייסט זי, וועגן אַלע לינקע ליבעס ווייסט זי. זי ווייסט זיי אין די אינטימסטע פּרטים. זי דערציילט

די דאָזיקע פּרטים אַזש מיט ברען, זי לאַכט פון מיין אָפּגעשטאָ־
נענקייט, פון מיין שרעקן זיך. כ'הער אוים און פיל, אַז דאָס
איז אַלץ פאַנטאַזיע, אַז זי אַליין איז ריין ווי אַ מלאך, אַז דאָס
שפּינט זי פאַר מיר "תכריכים". און דאָך האָב איך זי ליב. וואָס
פאַר אַ קראַפט ליגט אין איר ? "דו ביסט אפשר, קינד מיינס,
מער שולדיק ווי דיין חבר'טע", האָב איך געפּרואווט אויפקלערן
כיענען, "מעגלאַך, אַז איר "קראַפט" ליגט נישט אין איר שטאַר־
קייט, נאָר אין דיין שוואַכקייט. דו האַלטסט זיך צו קליין, דו
שרעקסט זיך צו בלייבן אָן אַ חבר'טע. איר כוונה איז אפשר
טאַקע דיך צו רואינירן, זי פירט אָן איר פלאַן ענערגיש און
סיטעמאַטיש. פאַראַן גענוג אַזוינע פאַלן צווישן חבר'טעס. דיין
חבר'טע האָט משמעות פאַרגעניגן פון יענעמס ליידן, פון יע־
נעמס ווייטיקן און טרערן. איך זע איר כוונה, פון די אַלע
פאַקטן, וואָס דו דערציילסט מיר, איר כוונה איז צו זיין ריינער
פאַר דיר, צו וויסן דיינעם אַ סוד, כדי דיך צו קאָנען "טעראָ־
ריזירן". פאַראַן אַ סך סבות פאַר אַזוינע שטימונגען אין דער
נשמה פון אַ מענטשן. דו דיינקסט, אַז דו האָסט זי ליב, אָבער
אין דער אמת'ן ביינקסטו נאָך אביסל ליבע און זי גיט עס דיר
מיט איר אַרויסווייזן נאָענטקייט, מיט איר זיסן שמייכל און
חניפה. דו ביסט שענער און אין דעם ליגט אפשר דער גאַנצער
קוואַל פון איר "ענערגיע". מיינע שמועסן האָבן נישט געהאָלפן.
געהאָלפן האָט אַ צופאַל.

א יונגער בחור האָט זיך אין "מיין" מיידל פאַרליבט און
איר אָנגעשריבן אַ ליבעס בריוו. מיט וועמען טיילט מען זיך
אַזאַ פרייד, אויב נישט מיט דער חבר'טע. דאָ האָט די "חבר־
טע" זיך אַליין פאַראַטן. זי האָט זיך נישט געקאָנט קאָנטראָ־
לירן און גענומען שפּינען אַזוינע אינטריגעס. אַז איר כוונה
האָט זיך שוין צו בולט אַרויסגעוויזן. "מיין" מיידל האָט מיר
מיט טרערן דערציילט די פּאַסירונג. זי האָט אַזש געציטערט
פאַר ווייטיק, און קראַנק געוואָרן. זי איז אָפּגעלעגן צוויי וואָכן
אין בעט. געהאָט היץ. די עלטערן זיינען אַזוינע, וואָס מען האָט
זיי נישט געקאָנט דערציילן, וועגן דעם ענין. פון דעמאָלט אָן

האָט אַ סוף געגומען צו דער מאַגנעטישער קראַפט פון כיענעם חבר׳טע.

מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן צי די מאַגנעטישע "קראַפט" איז טאַקע אַ קראַפט. צי ליגט דער סוד פון דער דאָזיקער "קראַפט" אין דער בענקשאַפט פונם "קרבן" נאָך עפּעס וואָס, וואָס דער "פירער" צי די "פירערן" באַפרידיקט, אויף אַוועלכן ער איז אופן. ראָזעס עלטערן ווערן, למשל, דערשטוינט, ווען זיי דערוויסן זיך, אַז זייער אינטעליגענטע, גוטמוטיקע, שטילע און "הייליק־ריינע" טאָכטער רויכערט, טרינקט, ווייסט שוין "אַלץ" און איז אַוועק צו ווייט . . . ראָזעס עלטערן ווערן דער־שטוינט ווען זיי דערוויסן זיך, אַז אין משך פון יאָרן גנבה׳ט זיך ראָזע נאַכט־איין נאַכט־אויס, פון שטוב אַרויס און "לעבט" גאָר אַן אַנדער לעבן. ווען מען פרעגט איר, ווי קומט דאָס צו איר, דערציילט, זי, אַז איר לעבן איז געווען אַזוי מאָנאָטאָן, אַזוי גרוי, אַז איר איז נעווען אַזוי לאַנגווייליק, אַז זי האָט גע־פילט, אַז דאָס וועט איר פירן אָדער צו זעלבסטמאָרד, אָדער אין אַ משוגעים הויז; זי האָט געזוכט אַן ענדערונג אין לעבן, ס׳האָט זי פשוט געריסן צום לעבן. דאָ האָט זיך אונטערגערוקט פלאָרענס . . . און . . . "ניטאָ אַזאַ כח וואָס זאָל זי קאָנען אָפּ־רייסן פון פלאָרענס׳ן". אַזוינע "פירער" קומען אָפּטמאָל פונקט אין צייט. אמת, דאָס זיינען עקסטרעמע פאַלן, אָבער וויפל מא־מעס און טאַטעס זיינען אפילו ניט חושד, אַז אויף זייער קינד רוקט זיך אָן אַ פינסטערער וואָלקן. וויפל מאַמעס און טאַטעס שלאָפן רואיק מחמת, זיי זעען ניט, אָדער מחמת זיי זעען נאָר פון אויבן. ניט איין פאָטער וואָלט גרוי געוואָרן, ווען ער דער־ווייסט זיך אונטער וועמעס איינפלוס זיין קינד געפינט זיך.

פאַראַן אינגלאַך "פירער", וואָס, אַז זיי לייגן זיך אָן אויף אַ "קרבן" — אַ מיידל, וועלן זיי זייערס דערגרייכן. אַזוינע בחורים׳לאַך זיינען אָפּטמאָל אמת׳ע "קינסטלער" אויף דעם גע־ביט. די אמת׳ע יסורים ליידט ערשט דאָס מיידל שפּעטער, ערשט נאָכדעם, ווי זי האָט זיך שוין געהאַט "פאַרלאָרן", אָדער, ווען זי האָט זיך שוין געלאָזט איינריידן. זי האָט "געשפּילט" אַ ליבע, אָבער ער ? ער איז סיסטעמאַטיש געגאַנגען צו זיין

ציל. פאר איר איז עס געווען ביינקשאפט נאָך חבר׳שאפט, נאָך היילוקן גליק, פאר אים איז עס אָבער געווען אַן עפּיזאָד, אַ צום צענטן מאָל אפשר איבערגע׳חזר׳טער וועג... איצט איז ער שוין זאט, ווארפט ער שוין אן אויג אויף אן אנדער ״קרבן״. דאָס מיידל באמערקט עס שוין. זי זעט שוין . . . זי ליידט שוין טאָפּל־טע גיהנום־יסורים. ראשית, געפעלט איר אינגאנצן דער עסק נישט, ראשית געפעלט איר אינגאנצן דער ״סוד״ נישט, ראשית וואָלט זי וועלן זיך באפרייען פון דער ״פאסירונג״, פונם עפּי־זאָד, וואָס דריקט זי, וואָס שטיקט זי און ווערגט זי. ראשית וואָלט זי וועלן ״דאָס״ זאָל זיין געווען אַ חלום, אַ קאָשמאַר־חלום, אָבער נאָר אַ חלום. צווייטנס, קריגט זי דעם ערשטן בלוטיקן, ברוטאלן קלאַפּ אין איר לעבן. און דוקא פון איר ״מלאך״, און דוקא פון איר ״גאָט״. זי הייבט אָן צו דערזען דאָס לעבן. אָ ! דער עפּיזאָד לערנט איר אַ סך. זי וועט שוין אין נשמה זיין ריינער פאר גאָט אליין, אויב די ליידן, אויב די אנטטוי־שונג, וועט זי נאָר נישט צעברעכן, וועט זי אויסוואקסן אַ מוס־טער מענטש, אַ היילוקע נשמה. אָבער די וועלט, די וועלט איז דאָך אזוי געמיין, די וועלט קוקט אויף אזא איינער, ווי אויף אַ געמיינער מיידל, בעת זי איז אינערלאך אַ סך ריינער פאר מיליאָנען, אפשר מיט ״זינדיקע״ מחשבות ! וואָס זיינען עס בכלל פאר ״זינדיקע״ מחשבות? ניט זינדיק זיינען אזוינע דראנ־גען, זיי זיינען נאטירלאך און מענטשלאך. ווי געמיין עס איז די באהויפּטונג, אז נאָר דאָס מיידל דארף היטן איר ריינקייט, אָבער ניט ער, דער בחור. דאָס הייטל, וואָס ווערט אָנגענומען, אז די נאטור אליין האָט געוואָלט פארזיכערן די ריינקייט פון דער מיידל, אז די נאטור אליין, ניט האָבנדיק קיין צוטרוי, האָט געוואָלט ארויפלייגן אזוי צו זאָגן אַ שלאָס, דאָס הייטל איז גע־שאפן געוואָרן מיט היגיעניש׳ע כונות, אָבער לחלוטין ניט צוליב באוואָרענישן . . . דאָס הייטל קאָן איבערגעריסן ווערן פון אַ צו הויכער טעמפּעראטור, פון אַ קראנקהייט, פון אַ געוואוינ־הייט קינסטלאך צו באפרידיקן דעם געשלעכטלאכן דראנג פון אנאניזם, וועגן וועלכן מירן רעדע שפּעטער. ניט אויסגעשלאָסן פאלן וואו דאָס הייטל איז בכלל ניט געווען, געבאָרן געוואָרן

אַנם הייטל. וויפל טראַגישע לעבנס זיינען א רעזולטאַט פון אונזער צוגאנג צום פּראָבלעם ריינקייט און ערלאכקייט, וואָס מיר פאָדערן מיט אזא חוצפה פון דער פרוי. מיין הייליקסטן גרוס און ליבע טאקע אָט די, וואָס זיינען צענפאך הייליקער פאר די, וואָס ווארפן אין זיי שטיינער. יאָ, אזוינע בחורים קינסטלער־פירער רייסן זיך אריין דאָס רוב אין היימען, וואו טאטעס און מאמעס זיינען פארטאָן אין זייער ארט לעבן, אָדער זיינען פויל צו ווערן די פריינט פון זייערע קינדער. דער "פּי־רער" אָבער פוילט זיך נישט. אין אים איז פארלייגט א כח, וואָס לאָזט אים נישט רוען. דער פירער נוצט אוים די אָנגעזאמלטע ענערגיע פונם "קרבן" און פירט עס אין א ריכטונג וואָס איז טויט סכנה'דיק פארן קינד. ס'איז ווייניק צו באזאָרגן א קינד מיט א ווארימער, מיט א זאטער, מיט א שיינער היים, מיט א פּאָר סענט אין קעשענע, מיט א דיפּלאָם, מיט שיינע קליידער. דאָס איז ווייניק, א מאמע און א טאטע וואָלטן באדארפט קודם־כל באזאָרגן זייער קינד מיט א מאמען און מיט א טאטן . . . א מאמע און א טאטע וואָלטן קודם־כל באדארפט זען אויפצו־פּאסן אויף אלע נייגונגען וואָס וואקסן זיך, וואָס בליען זיך פאַ־נאנדער אינם קינד, אויף דער ענערגיע, וואָס צעוויגט זיך אינם קינד, און וואָס זוכט אן אָנווענדונג אין לעבן. גערעכט איז א. ב. זאלקינד, דער מחבר פון "קולטור אין רעוואָלוציאָנערער צייט", וואָס זאָגט, אז "רייצבארקייט, געשלעכטלאכע אויסגע־לאסנקייט, פארברעכערישקייט איז א ניט ריכטיקע אויסנוצונג פון קינדס ענערגיע".

יאָ, ליבע מוטער, פאראן "פירער", וואָס נעמען א דאנק דער שוואכקייט פונם "קרבן". פאראן אָבער אויך "פירער", וואָס נעמען דורך טעראָר. די צרה ליגט אָבער דאָס רוב ניט אין דעם פירער אליין, ס'ליגט ניט ווייניקער שולד אינם "קרבן", וואָס געוויסע אימפּולסן, געוויסע כחות צווינגען אים צו "זוכן" א "פירער". גערעכט איז עלענאָר קעמפּ, וואָס זאָגט, אז נאָר די קינדער זיינען גליקלאך, וועמעס עלטערן און לערער קענען אויפכאפּן אינסטינקטיווע אימפּולסן אין צייט און זיי געבן א גוטע ווענדונג. אנדערש רוקט זיך אונטער דער "פירער" און

„פירט" אין אן אנדער ריכטונג. פאראן, ווי איר זעט, פארשיידענע „פירער". פאראן „פירער", וואָס „צינדן" אָן „שריפות" אין דער נשמה פון קינד. דאָס קינד „ברענט", און ס׳וואָלט אפשר גליקלאך געווען אין דער אמת׳ן פארברענט צו ווערן, כדי איינמאָל פאר אלעמאָל זיך צו באפרייען פון דער שריפה, פונם „פירער", פון דער טייוולשער מאכט זיינער.

פאראן נאָך א מין „פירער", וואָס איז אין דער אמת׳ן גאָר קיין „פירער" נישט, אָבער וואָס מאכט שווער דאָס לעבן פון זיין „קרבן", אין וועמעסליידן ער איז נעבאך גאָרנישט שולדיק, כאָטש ער איז דער פאראורזאכער פון די דאָזיקע ליידן. אזוי האָט זיך צו מיר מאָל געווענדעט א מיידל, 16 יאָר אלט, מיט דער בקשה אויפצוקלערן איר א מאָדנע דערשיינונג. זי האָט א בחור׳ל, וואָס קומט צו איר אין שטוב אריין. זיי חבר׳ן זיך שוין א פאָר יאָר. זיי גייען אומעטום צוזאמען — מיידלאך, חבר׳טעס רייצן זיך מיט זיי, איר איז דאָס ליב. אָבער ווען ער קומט צו איר אהיים, ווערט ער איר גיך לאנגווייליק. זי גארט ער זאָל שוין וואָס גיכער אוועק. טרעפט אָבער אמאָל, אז ער קומט נישט א פאָר טעג, ווערט זי נערוועז, טעלעפאָנירט און רופט אים. קומט ער, דארף דאָך שוין זיין גוט. ווערט ער אָבער איר גיך ווידער שווער. „ווען איך וויים, אז כ׳זאָל מוזן מיט אים חתונה האָבן, כ׳זאָל דארפן מיט אים אָפלעבן א גאנץ לעבן, וואָלט איך בעסער באגאנגען זעלבסטמאָרד. דאָך האָב איך ליב מיט אים צו גיין צו א סעודה, צו א טאנץ און א. וו."
כ׳האָב דערקלערט דער „אומגליקלאך פארליבטער", אז די אמת׳ע סיבה פון איר „ליבע" ליגט אפשר אין איר מורא צו בלייבן חלילה אָן א בחור׳ל, מחמת אלע חבר׳טעס האָבן „אוכאזשאָרן".
„ס׳איז אויך מעגלאך, אז דו ווייסט, אז עמיצער פון דיינע חבר־טעס האָבן אים אמת׳דיק ליב האלטסטו אים דערפאר „אָפן קייט" אין דער אמת׳ן ליבסטו אים נישט, דערפאר איז ער דיר אזוי לאנגווייליק. מעגלאך, אז דיין מאמע איז דיין „געשעפטס־פאר־וואלטערן"... מאמעס האָבן דאָס ליב. זיי האָבן ליב אָנצו־פירן, זיי האָבן ליב צו דירעקטירן מיט די ליבעס פון זייערע טעכטער. מעגלאך, אז דיין מאמען אליין געפעלט דער בחור,

ער געפּעלט איר זייער שטאַרק, און זי רעדט דיך דערפאַר צו ארומצוגיין מיט אים. נישט איין מאַמע, האָט "אומגליקלאַך" געמאַכט איר קינד, לערנענדיק פאַרשיידענע קונסטן אריינצו־כאַפּן דעם בחור, צו וועלכן די מאַמע אליין האָט געהאַט גע־פילן און זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, אַז פאַר איר טאָכטער זאָל דער בחור קיין בחור נישט זיין. אַזאַ מוטער וועט זיך שווערן מיט כל־השבועות, אַז ס'איז ניט אמת. גלויבט איר, מחמת זי ווייסט ניט, אָבער דער אומבאַוואוסטזיין ווייס און ווירקט . . . מעגלאַך, אַז דעם בחור'ס מאַמע בלוטיקט, וואָס איר זון גייט שוין ארום מיט אַ מיידל. דיין מאַמע, האָט אָבער נחת פון דעם. זאָל איר פריינדין, די שכנה, פּלאַצן . . . ס'זיינען מעגלאַך, קינד מיינס, זייער אַ סך וואַרשיינלאַכקייטן, אָבער איין זאַך איז זיכער, זיכער איז, אַז דו ליבסט אים נישט. ליבע איז דאָס הייליקסטע, דאָס וואַרימסטע, דאָס זוניקסטע אין לעבן, קריגט מען עמיצן באמת ליב, פאַרגעסט מען אַלץ און אַלעמען, אפילו אַ מאַמען. ער, דער אָביעקט פון ליבע, איז דער קוואַל פון פרייד און גליק און לעבן. אַזאַ ליבע אָבער, ווי דו פּירסט מאַכט מיד און קראַנק. שטעל זיך, קינד מיינס, האָב איך איר געזאָגט, שטעל זיך פאָר, אַז אַזוי, ארומגייענדיק מיטן בחור'ל, האָסטו דאָך מיט אים סוף־כל־סוף חתונה. דו וואָלסט דאָך פאַרפינס־טערט זיך דאָס גאַנצע לעבן. שטעל זיך פאָר, אַז ער, ער דווקא ליבט דיך יאָ, דיין אויפמערקזאַמקייט קאָן דאָך שטאַרקן זיין ליבע, און שפּעטער קאָן ער דאָך באַצאָלן מיט לעבן, מיט בלוט, ווען דו באַשטימסט צו מאַכן אַ סוף צו דיין "ליבע". ליבע איז אַזאַ הייליקער ענין, אַז מען טאָר מיט אים זיך ניט "שפּילן", און זיכער נישט נוצן ווי אַ מיטל פאַר אינטריגעס, מען קאָן פאַר דעם צו טייער צאָלן".

"מיין" מיידל האָט צוערשט ניט געוואָלט צוגעבן. ביי אַ דריטן אָדער ביי אַ פערטן שמועס, וועגן דעם זעלבן ענין, האָט זי זיך מודה געווען, אַז אומבאַוואוסטזיניק, האָט זי טאַקע אַזוי געפּילט. כ'האָב באמת מיטגעפילט און מיטגעליטן מיטן קינד, וואָס איז געשטאַנען ביי אַזאַ שווערן פּראָבלעם. און איר, ליבע

מוטער, מיינט, אַז דאָס קינד האָט גאָר קיין פּראָבלעמען ניט, אַז קינדער האָבן גאָר קיין צרות ניט.

וויפל לײדן לעבט איבער אַ קינד ווען עס דערזעט, אַז עס האָט נישט קיין דערפאָלג צווישן פרײנט. ווי שטאַרק דאָס דאָזיקע בויגט, פּייניקט און דערשלאָגט. ווי פל לײדן לעבט איבער אַ קינד, ווען עס דערזעט, אַז ס'איז נישט אַזוי שיין, נישט אַזוי קלוג, נישט אַזוי פעאיק ווי אַנדערע, נישט אַזוי געזעלשאַפט־לאַך. יאָ, זיי האָבן זיך זייערע צרות, וואָס טוען זיי ניט ווייניקער ווײ, ווי אונזערע צרות. ווען אַ קינד דערציילט אייך, למשל, ווי עס דריקט אים דער ניט שלום־בית צווישן טאַטע־מאַמע, ווי דאָס דאָזיקע עסט זיך, ווי אַ זשאַווער, אַריין אין נשמה פונם קינד. ווען אַ קינד וואָלט אייך קאָנען ווייזן, ווי עס לײדט פון דערנידעריקונגען פון לערער, ווי עס ווערט פאַרביטערט פון עלטערן, וואָס זײַנען תמיד אומצופרידן, קאַלט, וואָס האַלטן אין איין מוסר'ן, וואָס האַלטן אין איין שטעלן אַנדערע קינדער אַלס ביישפּילן. צענדליקער קינדער פּסיכאָלאָגן ברענגען הונדערטער און הונדערטער פאַלן פון קינדער, וואָס האָבן געליטן פון נאַכטשרעקן, וואָס זײַנען געווען אַבנאָרמאַל, וואָס פלעגן גנבה'נען, וואָס פלעגן שלאָגן, וואָס פלעגן רײדן גראָבע רייד, וואָס פלעגן מוזן אַרײַנגעגעבן ווערן אין רעפאָרם הײַזער, און וואָס די סיבה איז געווען פאַוואָריטיזם, וואָס די מוטער אָדער דער פאָטער פלעגט אַרויסווייזן אַ ברודערל אָדער אַ שוועסטערל. דאָס צעפּלאַקערטע אינם קינד געפיל פון אייפער־זוכט, קאָן צעברעכן לעבנס. ווען איר ווייסט אויך וויפל גאַל ס'קלייבט זיך אין נשמה'ס פון קינדער פונם טאַטנס שפּאַסן, "דזשאָוקס", פונם טאַטנס "פעפערדיקע" וויצן, פון מאַמעס פלירטעווען, פון איר פוצן זיך, פון איר געוואוינהייט צו זײַן גאָר אַנדערש פאַר פרעמדע, פון איר געוואוינהייט תמיד אַרויסצושטעלן פאַר יעדן נייעם מענטשן דאָס רייצבאַרע, דאָס שיינע אין איר. ווען איר האָט אַ באַגריף, וויפל עקל און האַס ס'רופט אַרויס אין קינד אומפאָרזיכטיקייט פון אַ ברודערל, צי פון אַ שוועסטערל, מיט זייער נאַקעטקייט. ווען איר ווייסט !

וואָלטן קינדער געקאָנט אויפעפענען זייערע בלוטנדיקע וואונדן, כדי צו ווייזן זיי דער וועלט, וואָלטן מיר פאַרשפּאָרט צו חוזק׳ן פון זייערע "צרות". ווען מען שטעלט אוים מיליאָנען קינדער און מען לאָזט זיי ריידן, וואָלט איר דערהערט, וויפל צער עס טראָגן אריבער אָט די אומשולדיקע, אָקאָרשט געקער־מענע ראָמאַנטיש געניגטע, שיינקייט און הייליקייט זוכנדיקע "קרבנות" פון אונזער איצטיקער וועלט, וואו אויף אלץ איז פאראן געלט, אָף אלץ איז פאראן צייט, נאָר נישט פאר דאָס טייערסטע פון אונזער לעבן, פאר דאָס הייליקסטע, פאר אונזע־רע קינדערלאַך.

אזוינע קינדער וואָלטן גענומען אויסלייגן טענות, און אוים־רעכענען אייך, וויפל שמערצן עס פאַרשאַפט זיי, למשל, חניפה פון ברידערלאך און שוועסטערלאך צו זייערע עלטערן, וויפל פיין עס פאַרשאַפן זיי ליגנס, רכילות׳ן, פאלשקייטן פונם גאנצן ארום, און ספּעציעל פון זייערע עלטערן, וואָס ערשט אקאָרשט האָבן זיין אין זיי געזען געטער, מלאכים און אמת׳ע מוסטער מענטשן. ווי מיד, ווי טויט מיד אונזערע קינדער ווערן פון דער מאָנאָטאָנקייט פון סקול. זאָגט טאקע אָפנהיים, אז די סקול "צערייצט די נערוון, ברעכט פליגלען, שטערט דער נאָרמאלער אנטוויקלונג פון קינד". ווי מיד, ווי טויט מיד אונזערע קינדער ווערן פון פארשיידענע פארדרוסן, פון שרעקן און פון די קלענ־סטע טעות׳ן, וואָס זיי מאכן. די גאנצע באַקאַנטשאפט מיטן לעבן איז דאָך פארן קינד, נאָר א רייע פון קלעפּ, וואָס עס האלט אין איין קריגן אין לעבן, און צו וועלכע עס מוז זיך צוגעוואוינען.

קינדער ליידן, און ליידן זייער א סך אויך פון דעם, וואָס זיי קומט אָן אזוי שווער צו צוקלייבן זיך אן אמת׳ן מוסטער, נאָך וועלכן זיך אויפצובויען זייער וועלטל. עס ליגט אין דער נאַטור פונם קינד נאָכצומאכן און צו זיין, ווי דער פאָטער, צי ווי די מוטער, צי ווי עמיצער אנדערש. דער לעבנס באַנעם און אופן פון לעבן פונם פאָטער איז אָבער אָפטמאָל דיאמעטראל קעגנגעזעצט צום לעבנס באַנעם פון דער מוטער, און פאַרקערט. האלט דאָס קינד אין איין "שפּרינגען", אין איין וואקלען, אין איין פאלן פון איין עקסטרעם צום צווייטן. ס׳זיינען פאראן זיי־

ער ווייניק היימען, וואו איר זאָלט קענען געפינען א קאָנקרעט־דורכשניטלאכן לעבנס באנעם, א קאָנקרעטן אידעאל אין לעבן. איר מעגט דעם קינד מאָלן אייערע אידעאלן און די שענסטע פארבן, איר מעגט וועגן אייערע אידעאלן ריידן פארן קינד מיט ברען, עס וועט נישט ווירקן, אזוי, ווי עס ווירקט אייער ארט לעבן, ווי עס ווירקן די ניט זעבארע, די אָפטמאָל ניט באמערק־בארע האנדלונגען אייערע אין שטוב. אמת, ניט אלע קינדער נעמען דעם פאָטער, צי די מוטער פאר זייער מוסטער. פאראן קינדער, וואָס זוכן און געפינען שיינע מוסטערן אויסער זייער היים, וועלכע זיי קאָפּירן, וועלכע זיי מאכן נאָך — אָבער וויפל ליידן פארשאפט דעם קינד די אנטטוישונג, די בארעכטיקטע צי ניט בארעכטיקטע, ווי פארמאטערט מיד ווערט דאָס קינד פונם "ארומשפרינגען", פונם וואקלען פון פאָטער צו דער מוטער און פארקערט.

א קינד נויטיקט זיך אין א חבר. וויפל קאטאסטראָפעס קע־נען אויסגעמיטן ווערן, וויפל וויינטן, וואָס קאָנען צעבלאָזן דעם גרעסטן פייער, קאָנען געווענדט ווערן אין א נוצבארער ריכ־טונג, קאָנען אויסגענוצט ווערן צום געזונט פונם קינד און ניט פארקערט, ווען דער פאָטער, צי די מוטער זאָל נאָר קאָנען ווערן דער חבר, צי די חבר'טע פונם קינד. און ניט נאָר דאָס. פאראן נאָך א געביט, גאָר א ברייטער געביט, וואָס פארשאפט דעם קינד זייער א סך ליידן און פיין. א סך טאטעס און מאמעס פארשטייען נישט אָדער ווילן בכלל נישט פארשטיין, אז אין עצם איז א קינד קיינמאָל נישט שלעכט, ס'קאָן נאָר קראנק זיין, אָבער נישט שלעכט. עפּעס וואָס שטערט, רעגט, רייצט דעם קינד, דאָס מאכט דעם קינד מיד און אומרואיק. ס'וויל אנט־לויפן פון זיך אליין, פּראָטעסטירט עס אויפן קינדישן אופן דורך קאפריזן, דורך איינעגשפארטקייט, דורך נערוועזע אויסברוכן. אויף אונזער לשון הייסט דאָס, אז דאָס קינד איז שלעכט. אפילו אזא אומשולדעקע פאסירונג, ווי צופיל קראָכמעל אינם מאָגן פונם קינד, ווי צו ווייניק זויער שטאָף, ווי צופיל גאזן אינם מאָגן פון קינד, אפילו אזוינע אומשולדיקע זאכן קאָנען אויפ־הויבן די גאנצע שטוב אויף די פּיס. דאָס קינד וויינט, שרייט,

די מאמע שרייט אפן קינד, פארוואָס עס שרייט, דער טאטע ווארפט אָן א מרה שחורה שטימונג מיט זיין פארביסענעם, פול מיט כעס און ברענשטאָף, שווייגן. די געשאַפענע שטימונג גיסט עמערוויי אויל אפן פייער. אלע ווינטשן זיך דעם טויט. דאָס קינד עסט וועטשערע אין א צערייצטן צושטאנד, פארדייט עס שלעכט, שלאָפט עס שלעכט די נאכט, ח'זר'ט זיך אויף מאָרגן איבער די זעלביקע סצענע. די עלטערן זיינען אנטוישט אין זייער "שד", וואָס ערשט נעכטן איז ער געווען א מלאך. די עלטערן זיינען אנטוישט און זוכן מיטלען אויסצובעסערן זיין כאראקטער. גוט, ווען ביי דעם ענדיקט זיך. די שריפה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין שטוב, צוליבן ביסל קראָכמעל אינם מאָגן פונם קינד, קאָן זיך צעפלאקערן נאָך שטארקער. ס'קאָנען אנטשטיין ווייסנשאפטלאכע רעפליקעס וועגן ירושה'שאפט, וועגן דעם, אז ער וואקסט "דער טאטע אויג אין אויג", אז ער איז "פּונקט דיין מאמע" און אזוי פארשפרייט זיך די שריפה אויסער די גרעניצן פון די פיר ווענט פון שטוב. איבעריק צו דערמאָנען, וואס פאר א נחת דאָס קינד האָט פון אזא שטימונג אין שטוב. איבעריק צו ריידן, ווי דאָס דאָזיקע ווירקט אויף אים. נאָך ווייטערדיקער איז פארן קינד, ווען מען שטעלט נאָך ארוים א ברודערל אָדער א שוועסטערל אלס א ביישפיל. דאָס רופט ארוים אינם קינד א געפיל פון קריינקלאכן איפערזוכט.

מערי סיילס ברענגט אזא פאל: הערי העגעמאן איז אן אמת'ער טיראן, ער טוט אלץ, וואָס ס'פאלט אים נאָר איין. ער רעכנט זיך מיט קיינעם ניט. ער האלט אין איין שרייען. זיינע כעס־אָנפאלן ווארפן אָן א שרעק. אין סקול לערנט ער זיך זייער שלעכט. ביי דער אונטערזוכונג האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז אן אמת קלוג און פארשטענדלאך קינד. הערי באקלאָגט זיך, אז זיין ברודער פרידריך איז דער מוטערס ליבלינג, אז ער פירט ביי איר אלץ אוים. פרידריך איז לעצטנס קראנק געווארן. ער באקלאָגט זיך אויף פארשיידענע ווייטיקן. קיין דאָקטאָר קאָן נישט אויסגעפינען זיין קראנקהייט. פארשטייט זיך, אז די עלטערן גיבן אים אין א סך זאכן נאָך. ער איז דאָך קראנק. הערי טענה'ט אָבער, אז פרידריך שפילט נאָר, אז ער פארציט

זיך נאָר. דער פאָטער, זאָגט הערי, האָט אים, הערי'ן הייסט עס, א סך מער ליב, ווי די מוטער, אָבער ביידע, אי די מוטער אי דער פאָטער טענה'ט הערי, ליבן פרידריכ'ן שטארקער ווי אים. אין סקול לערנט ער זיך נישט גוט, מחמת ער האָט פיינט די לערערן. זיין כעס אויף דער מוטער טראָגט ער אריבער אויף דער לערערן. וואָלט ער גליקלאכער געווען אין דער היים, זאָגט ער, וואָלט ער בעסער געווען אין סקול. ביי א שמועס מיט פרידריכ'ן האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער האָט פיינט הערי'ן, אז ער איז אייפערזיכטיק. די מוטער זאָגט, אז הערי ווייזט איר נישט ארויס קיין ליבע. דער פאָטער זאָגט אז ער ליבט מער הערי'ן, מחמת ער איז ענלאך צו אים. אין דעם פאל זען מיר א סך סבות פאר אנטאגאָניזמען צווישן די צוויי קינדער. הערי איז אינגער, הערי איז דאָך געקומען ווי א ניט געבעטענער גאסט און האָט אָנגעהויבן צו צונעמען פון אים, פון פרידריכן, די אויפמערקזאמקייט פון די עלטערן. פרידריך, דערציילט דער פאָטער, איז טאקע איינמאָל באפאלן דעם אומגעבעטענעם גאסט, הערי'ן, און צעקראצט אים זיין פנים. פרידריך באַמערקט, אז הערי נעמט מער אוים ביים פאָטער. זאמלט זיך ברען שטאָף ביי פרידריכן. פראָטעסטירט ער, שפילט ער א קראנקהייט און רייצט זיך מיט הערין, פילנדיק, אז הערין דארף ווי טאָן דער פאקט, וואָס די עלטערן זיינען תמיד פארנומען, וואס זיי דארפן אים תמיד נאָכגעבן, אים, דעם "קראנקן". הערי ליידט אויך און פראָטעסטירט דורך טיראנעווען, דורך פאר־פאשן צרות. אזוי צאָלן ביידע קינדער א טייערן פרייז און וועלן נאָך צאָלן פארן זאָל זיין אומבאוואוסטזיניקן, ארויסרופן אין קינדער געפילן פון אייפערזוכט. אפילו אזא אומשולדיקער ענין, ווי אביסעלע צופיל קראָכמעל אינם מאָגן פונם קינד קאָן ארויס־רופן צענדליקער קאָמפליקאציעס. ווען מען ווייסט ניט פון אזוינע פאלן, אָדער ווען מען מיינט, אז מען "ווייסט" א סך...

מיר שטאָלצירן מיט אונזער אינטעליגענטישקייט, מיט אונזער אלץ וויסן. מענטשן האלטן זיך גרוים, מיט זייער באַוואוסטזיין, מיט זייער שכל. מענטשן האלטן, אז זיי אונטער־שיידן זיך פון ווינטן און פון כוואליעס מיט זייער וויסן דעם

"פאַרוואָס". ס'וועט אָבער אַמאָל קומען א צייט, ווען מירן פאַר־שטיין, אז אמווינציקסטנס איז עס דער באַוואוסטזיין, וואָס שמעלצט אונזער לעבן. אונזער זיכער זיין! אונזער וויסן! דאָס דערמאָנט מיך אין דער פליג (באַנזלס "די בין מאַיאָ"), וואָס דערציילט איר חבר'טע, אז "אין "מיין" צימער וואוינט אַן על־טערער מענטש, וועלכער האַלט אונטער די פאַרבן פון זיין נאָז דורך אַן אייגנאַרטיקן געטראַנק, וואָס שטייט פאַרבאָרגן אין א ווינקל פון שראַנק. דאָס שמעקט פאַר'שיכורנ'דיק און זיס. ווען ער גייט עס נעמען, שמייכלט ער, און די אויגן ווערן אים קליין. ער גיסט זיך אַן א גלעזעלע, און אז ער טרינקט, קוקט ער צו דער סטעליע, צי איך בין שוין דאָ. איך ווינק צו אים און ער פירט דורך די האַנט איבערן שטערן, נאָז און מויל, כדי מיר אָנצואַווייזן, וואו איך זאָל זיך שפּעטער אַוועקזעצן. דאַן גיט ער א פינטל מיט די אויגן, צעעפנט דאָס מויל, ווי ברייט ער קאָן נאָר, און טרינקט אויס דאָס געטראַנק. דאַן פאַרציט ער אויפן פענסטער די פאָרהאַנגען, כדי די מיטאָג זון זאָל אונז ניט שטערן. ענדלאַך לייגט ער זיך צו אויף א רו־בעט, וועלכע ווערט אָנגערופן קאַנאַפּע, און אין א ווײַלע אַרום הייבט ער אָן אַרויסצוגעבן פאַרשטיקטע, קרעכצנדיקע קלאַנגען, וואָס ער האַלט זיי פאַר גאָר שיינע. דאָס איז דעם מענטשנס שלאָף גע־זאַנג. פאַר מיר איז דאָס א צייכן זיך צו דערנעענטערן. קודם־כל נעם איך מיר פון גלאָז מיין טייל, וועלכן ער האָט איבער־געלאָזן פאַר מיר. דאַן פלי איך צו און פאַרנעם מיין אָרט אפן שטערן פונם שלאָפנדיקן אַלטן. דאָס אָרט ליגט צווישן נאָז און די האָר און ווערט באַנוצט צום דיינקען. דאָס לאָזט זיך דער־קאָנען לויט די לאַנגע פאַלדן, וועלכע ציען זיך פון רעכטס אויף לינקס און וועלכע מוזן באַוועגט ווערן ביים דיינקען, אויב מען וויל, אז ס'זאָל עפּעס וואָס אַרויסקומען דערביי. ווי נאָר כ'זעץ מיך אַוועק און הויב אָן אַרומצולויפן איבער די קנייטשן הין און צוריק, הויבט דער מענטש אָן צו וואַרפן מיט דער האַנט אין דער לופטן. ער מיינט, אז איך געפין זיך דאָ ערגעץ וואו, צוליב דעם וואָס איך זיץ אויף זיינע דיינק־קנייטשן, קען ער זיך אַזוי שנעל ניט כאַפּן וואו איך בין. אָבער ענדלאַך דערגייט

ער מיין אָרט. ער ברומט און וויל מיך כאפּן. דאָ מוז מען זיין פאָרזיכטיק. איך זע ווי די האנט דערנעענטערט זיך, אָבער איך ווארט ביז דער לעצטער רגע און דאן טו איך געשיקט א פלי אָן א זייט. זעץ זיך אנידער און קוק זיך צו, ווי ער טאפּט אָן, צי איך בין נאָך דאָ. אזוי שפּיל איך זיך מיט אים אָפט א האלבע שעה נאָכאנאנד. איר האָט קיין באגריף נישט, וואָס פאר א עקשנות דער מענטש באזיצט. ענדלאך שפּרינגט ער אויף און לאָזט פאלן אזעלכע ווערטער, וואָס זאָגן עדות אויף זיין אומדאנקבארקייט. אָבער וואָס מיינט איר? אָן איידל הארץ ווארט ניט אויף קיין דאנק. איך זיץ מיר שוין ווידער אויבן אויף דער סטעליע און הער צו, ווי ער איז אומדאנקבאר". — ס'דערמאָנט מיך אָן דער פליג ווי זי פארשטייט אלץ און ווייסט אלץ . . .

עס דערמאָנט מיך אָן דער פליג, וואָס האלט א לעקציע פאר דער חבר'טע. ווען איך הער מאמעס און טאטעס ריידן מיט דער פאָזע פון מענטשן, וואָס האָבן א סך וויסן און דערפארונג אין פראגן פון דערציאונג, אין פראגן פון פארשטיין די נשמה פון קינד. חנה איז קראנק. ס'קומט דער דאָקטאָר. ער קאָנסטאטירט א געוויסע קראנקהייט. פּעשי, די שכנה, שמייכלט . . . זי דיינקט אנדערש. מילא, זי איז גענוג "אינטעליגענט" זיך ניט צו מישן . . . זי וועט שווייגן, זאָגט זי. פּעשי ווייסט בעסער, מאלע וואָס דער דאָקטאָר זאָגט . . . שטעלט זיך פאָר, אז די קראנקע נעמט די רפואות א פּאָר טעג און עס זעט זיך נאָך נישט קיין בעסערקייט. פּעשי שמייכלט ווידער . . . זי ווייסט! ווען איר ווייסט, מאמעס, וויפל מאָל עס פּלאצט די גאל ביי א לערער פון מאמעס, וואָס "וויסן", וואָס "שמייכלען", וואָס קאָנען דאָס קינד בעסער!

אנשטאט דעם אויבנגעבראכטן "וויסן" וואָלט א קינד א סך געוואונען, ווען מאמעס און טאטעס וואָלטן פארשטאנען, וויפל ליידן א קינד האָט פון פארשיידענע חולאת'ן און פיזישע דעפעקטן, וועגן וועלכע נישט נאָר דאָס קינד, נאָר אפילו דער דאָקטאָר, קאָן אָפטמאָל שווער חושד זיין. פיזישע דעפעקטן פארשאפן גענוג צרות און ליידן די קינדער, איידער מען אנטדעקט זיי, אויב מען אנטדעקט זיי בכלל ווען עס איז. שוואכע אויגן,

מאנדלען (טאנסלם), קראנקע ציינער, ניט נאָרמאל פונקציאָ־נירנדיקע דריזן, זיינען זייער אָפט סבות פון אָפּגעשטאנענקייט, פון נערוועזיטעטן, פון פארשיידענע קאפריזן ביי קינדער. געגוג צו דערמאָנען די דערקלערונג פון דר. שוטלוואָרט, וואָס האָט אָפּגעגעבן 25 יאָר לעבן אויף צו שטודירן און פאָרשן דעפעק־טיווקייט ביי קינדער, אז פיזישע חסרונות און אָפּגעשוואכט־קייטן ברעכן קינדערשע נשמות, שטעלן אָפּ קינדער אין זייער אנטוויקלונג, מאכן זיי מיד און שווער דאָס לעבן. אפילו א חלום, אין וועלכן דאָס קינד רעכנט זיך אָפּ מיט אלץ, וואָס דריקט אים, צערייצט דאָס קינד.

גיט צו דעם צו די שווערע האָרעוואניע, אָפּטמאָל איבער די כחות, כדי צו זיין די ערשטע אין קלאַס, כדי צו פאסיפיצירן די עלטערן, זיי זאָלן ניט האָבן קיין טענות, זיי זאָלן ניט האלטן אין איין מוסר׳ן, וואָס מאכט דעם קינד טויט מיד. אמת, אמאָל שטריינגט זיך אָן דאָס קינד צו זיין פון די ערשטע אין קלאַס, מחמת דעם דורשט אנערקענט צו ווערן, געליבט צו ווערן, וואָס איז אויך א סך מאָל א רעזולטאט, פון זוכן קאָמפּענסאציע אפן חשבון פון דערנידעריקונגען אין דער היים. מאכט מען אויפ־מערקזאם א מוטער אויף פאטאלע רעזולטאטן פון דערנידעריקן א קינד, דערשרעקט זיך די מוטער פאר דעם און בויגט אי־בער דעם שטעקן, און הויבט אָן צו צעפּעשטשען דאָס קינד. טויג דאָס ווידער ניט. ליידן פון דעם ווידער די קינדער. צאָלן פאר דעם קינדער שפּעטער מיט א סך ליידן.

פאראן מאמעס און טאטעס, וואָס איבערטרייבן אָפּטמאָל זייער ליבע צום קינד, מחמת זייער "צעבראָכן" לעבן. וואָס אנט־טוישטער די מוטער איז אינם פאָטער און פארקערט, אלץ שטארקער נייטראליזירט די מוטער צי דער פאָטער זיין אָדער איר ביינקשאפט נאָך ליבע, דורך דער ליבע צום קינד. עלטערן, אנטטוישטע אין זייערע יוגנט חלומות, שניידן זיך אָפּטמאָל אין האלדז, זיינען זיך ביז אויף דאָס לעצטע מקריב, כדי דאָס קינד זאָל דערגרייכן דעם מצב, וואָס פאר זיי איז ער געווען נאָר א חלום. קינדער, וואָס זייער מזל איז נעבאך אזא, אז זיי זיינען געצוואונגען צו פילן א צו שטארקע ליבע, מחמת זיי ווערן דער

אָביעקט, אויף וועלכן די מוטער נייטראַליזירט איר וויטיק, איר ביינקשאַפט, איר אַנטוישונג, אויף וועלכן זי היילט איר וואונד. אַזוינע קינדער צאָלן שפּעטער אַ טייערן פּריז פאַר דער טובה פון דער מוטער, צי פון דעם פאָטער, וואָס האָט דורך ליבע צום קינד נייטראַליזירט דעם וויטיק פון אַן אומגליקלאַכן פאַמיליע לעבן; אַזוינע מאַמעס אָדער טאַטעס רעדן ביי אונטערזוכונג מיט דרך־ארץ וועגן זייערע פרויען אָדער מענער, אָבער דערקלערן, אַז זיי ליבן זיי ניט; אַזוינע עלטערן פירן אַ ניט נאָרמאַלן סעקס לעבן; אַזוינע עלטערן שרעקן זיך פאַר פאַמיליע צואוואוקס; אַזוינע עלטערן קאָן זיין ליידן אפשר פון אַ פיזישער קראַנקהייט, אַ נאָך ניט אַנטדעקטער אפשר. יאָ, די עלטערן זיינען ניט שולדיק, אָבער דאָס קינד ליידט, צאָלט און וועט צאָלן. אַ קינד דערצויגן אין אַזאַ אַטמאָספערע איז אונטערוואַרפן אַ סך סכנות. עס קאָן זיך אַזוי צוגעוואוינען צו איינעם פון די עלטערן, אַז ס'וועט נישט קאָנען אוועק פון שטוב אפילו אויף אַ וואָך, אַזאַ קינד קאָן אַזוי צוגעוואוינט ווערן צו איינעם פון די עלטערן, אַז די צוגעבונדנקייט קאָן פירן, צו האָמאָסעקסואַליטעט. אַ אינגל קאָן אַזוי ליב האָבן די מוטער, אַזוי זיך אידענטיפיצירן מיט דער מוטער, אַז ער הייבט זיך אָן פילן ווי אַ מיידל און האָט געפילן צו אַ אינגל, כאָטש ער אליין איז אַ אינגל. אַזאַ קינד קאָן קלאַסיפיצירט ווערן מיט אבן־יחיד אָדער אַ בת־יחידה־קינד, וועגן דעם כאַראַקטער פון אַזוינע קינדער וועט איר געפינען אין אַן אַנדער פלאַץ פון דעם בוך. פון אַזאַ קינד וועט אויסוואַקסן אַן אומגליקלאַכער מענטש.

גיט צו דעם צו די איבערלעבונגען, וואָס אַ קינד האָט אין דער צייט פון רייף ווערן. דאָס איז דאָך די שטורמדיקסטע צייט, די פאַטאַלסטע צייט, וואָס דאַרף באַשטימען דעם גורל פון קינד אַפן גאַנצן לעבן; דאָס איז דאָך די צייט, ווען עס קומען פאַר אַלע נערוועזע צוזאַמענברוכן; דאָס איז דאָך די צייט, ווען אַלע חלומות זיינען פון אַ סעקסועלן כאַראַקטער; דאָס איז דאָך די צייט, ווען קינדער ווייזן אַרויס נייגונגען צו אוואַנטיוריסטישקייט, צו גנבה'נען, צו הרג'ענען, מחמת זייער פאַרלאַנג צו

אנטלויפן פון זיך. "די מערסטע נשמה קאָנפליקטן, די מערסטע אבנאָרמאַליטעטן הייבן זיך אָן מיט סעקס" (דר. טאָם). און ס'איז קיין וואונדער נישט. ביי חיות, למשל, ווערט דער סעקס אינסטינקט דערוואכט, נאָר אין סעזאָן צייט. ביי מענטשן אָבער שלאָפט דער דאָזיקער אינסטינקט קיינמאָל נישט. ביי חיות דערוואכט ער פּלוצלונג, מיט א שטאַרקער קראַפט און ווערט שפּעטער ווידער אנטשלאָפן, ביים מענטשן איז עס א לאַנגער פּראָצעס פון ווילדן, ניט פארשטענדלאכן, גיגאנטישן און מעכ־טיקן פאנאנדערשטורמען זיך. וויפל ליידן און אומרו פארשאפט דאָס דעם קינד. נו ? און וויפל צרות פארשאפן מיר אונזערע קינדער מיט אונזער פאָדערונג פונם קינד זאכן, וואָס עס איז נים ביכולת צו טאָן. שוין אין דעם 17טן יאָר־הונדערט, האָט דזשאן לאק געזאָגט, אז מענטשן אונטערשיידן זיך אין טעמ־פּעראַמענט און פעאיקייטן פונקט ווי אין אויסזען. ניט אלע קינדער האָבן איינע און די זעלבע פעאיקייטן. טאטעס און מא־מעס אָבער מיינען, אז אויב יענעמס קינד קאָן, פארוואָס זאָל עס זייער קינד ניט קאָנען ? א צארט פילנדיק קינד ליידט זיי־ער שטארק פון די "בייזע" בליקן פון דער מוטער, ווען א שכנ'ס א קינד צייכנט זיך אויס אין עפּעס וואָס. ספּעציעל ליידן קינ־דער גיהנום ליידן פון מאמעס נאָך שול קאָנצערטן. א קלייני־קייט, דעם "נחת" וואָס איר שכנה האָט געהאט, בעת איר טעכ־טערל האָט דעקלאמירט. א טייערע מעשה ! האָט פאר מיר זיך טאקע ניט איין קינד פארקלאָגט, און בלוטיק פארקלאָגט אף מאמעס, וואָס שטופּן זיי זיי זאָלן ווערן "קינסטלער", בעת זיי, די קינדער אליין, אנערקענען, אז קיין קינסטלער זיינען זיי נישט. וויפל קינדער, וואָס האָבן א נייגונג צו שעמען זיך, אָדער וואָס שרעקן זיך ארויסצוטרעטן, פלעגן פאר און נאָך אזוינע קאָנצערטן בפועל ממש ווערן קראנק, קריגן היץ. וויפל לערער האלטן אין איין באקלאָגן זיך אויף דער מגפה פון הויכע טעמ־פעראטורן, וואָס זייערע "קינסטלער" קריגן דוקא אין טאָג פון קאָנצערט, ניט חושד זייענדיק, אז דער קאָנצערט איז דאָס טא־קע שולדיק אין דער דאָזיקער מגפה . . . דאָס קינד פארגעסט אָבער גיך, וועט איר מיר זאָגן. אמת, ס'פארגעסט, אָבער דער

אומבאוואוסטזיין פארגעסט שוין גאָרנישט. ער "פאַרשרייבט" און פאַרוואַנדלט עס אין בּרענשטאָף, וואָס וועט אַמאָל עקס־פּלאָדירן.

פאַראַן ווידער היימען, ליבע מוטער, וואו די מאַמע, די הערשערן פירט איר מלוכה ביד חזקה, פירט דעספּאָטיש, מיט אַן אייזערנער האַנט און דערשלאָגט דאָס קינד מיט אירע סימ־טעמאַטישע און באַפעלערישע "ניינען" יאָ, אַ סך מאַמעס האָבן זייער דיסציפּלין "געבאָרגט" אין דער קאַזאַרמע . . . כ׳קריג איינמאָל אַזאַ צעטעלע : "האָט רחמנות, קומט גלייך צו, אָבער טאַקע גלייך, אַנדערש באַגיי איך זעלבסטמאָרד". כ׳קום צע־לויפן. וואָס איז די מעשה ? הערט, יאַנקעלע האָט אָן עפן געטאָן די טיר אין אַ קראָם, מיטאָג צייט, בעת אַלע זיצן אין עס צי־מער. ווי אַ קאַץ האָט ער אַ שפּרונג געטאָן הינטערן טאָם־באַנק, איידער עמיצער האָט נאָך צייט געהאַט אַ הויב צו טאָן זיך פון ביינקל, צו זען, ווער עס איז אַריין אין קראָם. "קיינער איז נישטאָ, עמיצער האָט משמעות אָן עפן געטאָן די טיר און חרטה געקראָגן". האָט אַ זאָג געטאָן די קרעמערקע. אין אַ 5 מינוטן אַרום האָט עמיצער ווידער אַמאָל אַזאַ עפן געטאָן די טיר. וואָס פאַרשטייט איר דאָ נישט ? יאַנקעלע האָט גוט אויסגעאַרבעט זיין פּלאַן צו צוקומען צום טאָם־באַנק, צום געלט קעסטעלע און "נעמען" אַ פּאָר דאָלאַר. איינמאָל איז דאָס יאַנקעלען געלונגען, דעם צווייטן מאָל האָט דער קרעמער דעם חברה׳מאַן געכאַפּט. יאַנקעלע ליגט איצט אין שלאָפצימער אויף דער ערד אַ צע־ממית׳טער, אַ צעשלאָגענער, מיט צעריסענע, צעפליקטע היי־זעלאַך, און אין שטוב איז ווי תשעה באב, אָדער ווי נאָך אַ פּאָג־ראָם. די מאַמע, זי האָט אפילו קיין כח נישט מיט מיר צו ריידן, זי ליגט אויף דער קאַנאַפּע אין גרויס פאַרצווייפלונג. דער טאַטע קוקט מיך אָן ווי אַ גזלן. פון די אויגן זע איך זיין פאַרוואָורף : "דאָס איז אייער לערע, דאָס איז אייער דערציאונג, ס׳האָט מיך געקאָסט גענוג געלט". ווען איך קאָן דעמאָלט ריידן, וואָלט איך אַזוי געענטפערט : "ניין, גאָט איז גאָר קיין גאָט נים. ווען איך וואָלט געווען אַ גאָט, וואָלט איך צוגעטראַכט אַזאַ גיהנום, אַז דער אמת׳ער גיהנום וואָלט געווען אַ גן־עדן אין פאַרגלייך מיט

אים. אין דעם גיהנום וואָלט איך אייך אריינגעוואָרפֿן. כ׳וואָלט דאָן צונויפֿגענומען דעם גאַנצן האַס, די גאַנצע פֿאַראַכטונג פֿון דער וועלט און אַריינגענומען אין מיינע אויגן. כ׳וואָלט מיט פֿאַרשטשירעטע ציין געשטאַנען ביים גיהנום און געפֿרעסן נקמה מיט פֿאַרביסענע סמ׳יקע ליפּן. ניין, גאָט איז גאָר קיין גאָט נישט. ווען איך וואָלט געווען אַ גאָט, וואָלט איך אייער "קרבן, אייער יאַנקעלען אָפּגעגעבן די גאַנצע וועלט, די וואַרי־מע זון, די שטערן, דעם בלויען הימל. ווען איך קען, וואָלט איך איצט, עלטערן, אַ וואָרף געטאָן די טיר מיט אַזאַ קלאַפּ, אַז די וועלטוואָלט זיך אַ טרייסל געטאָן. כ׳וואָלט אַזאַ אויסגעשריי געטאָן, "אײ", אַז די וועלט וואָלט פֿאַר שרעק אויפֿגעציטערט. גזלנים, וואָס איר זייט, רוצחים, וואָס איר זייט, ווער האָט אייך געגעבן דאָס רעכט, צו שלאָגן און אָנצווואַרפֿן אויפֿן קינד אַזאַ שרעק, פֿאַר וועלכן נישט נאָר ער, נאָר זיינע קינדס קינ־דער וועלן אפֿשר דאַרפֿן צאָלן. וויפֿל מאָל האָב איך אייך גע־וואָרנט, ברעכט נישט דעם ווילן פֿון אייער קינד, שלאָגט דאָס נישט, ממית׳ט דאָס נישט, רופֿט נישט אַרויס דאָס חיה׳שע, דער־נידעריקט דאָס נישט. קלעפּ, האָב איך געהאַלטן אין איין אַריינ־טענה׳ן אין אייך, קלעפּ רופֿט אַרויס האַס. האַס איז שרעק, מחמת מיר האַסן נאָר דאָס פֿאַר וואָס מיר שרעקן זיך. מעג עס זיין אַפֿילו אומבאַוואוסטזיניק. שרעק איז דער גרעסטער אומ־גליק פֿאַר דער נשמה פֿון קינד. אייער שטוב איז געווען אַ גיה־נום פֿאַר אייער קינד, האָט עס געמוזט זוכן אַ גן־עדן. מיט אַ חדשים צוויי צוריק, האָב איך געהאַט אַזאַ פֿאַל. ס׳קומט צולויפֿן אַ מוטער און שרייט אויס: "ראַטעוועט, מיין אינגל וועט מאָרגן אַרעסטירט ווערן, האָט רחמנות; איר, נאָר אַליין, קאָנט העלפֿן. מר. עקס וועט אים פֿאַרגעבן, אויב איר וועט אים בעטן". דאָס בחור׳ל האָט זיך דערטראַכט צו אַזאַ "שפּיל". ער האָט "צוגע׳גנב׳עט" ביי אַ חבר׳ל אַ וועלאָסי־פּעד, אים צענומען, איבערגעפֿאַרבן און . . . "פֿאַרדינט" אַ פּאָר דאָלאַר. די מעשה איז אָבער אַנטדעקט געוואָרן. מר. עקס קאָן נישט פֿאַרגעבן. זיין קינד האָט נעבאַך אַזוי געליטן, עס האָט אָפּ־געוויינט אַ וואָך צייט. מילא, אידישע גזלנים. מען איז דורכ־

געקומען, אָבער "וואָס זאָגט איר צו מײַן תכשיט?" וואָס זאָל איך זאָגן? האָב איך ניט אויסגעהאַלטן, און אַ וואָרף געטאָן אַ באָמבע, " אַז דער טאַטע האַלט אין אײן באַרימען זיך, ווי גרינג ער "שאַרט" צענויף אַ פּאָר דאָלאַר, לערנט ער אויס דעם זון נאָכצופאָלגן זײַנע געניאַלע אײַנפאַלן". אמת, איר האָט קײן דירעקטן "בײַשפּיל" דעם קינד ניט געגעבן, האָט איר אָבער מיט אײַער דערציאונג געפירט דעם קינד אײַערן אַזוי צו האַנדלען...

יאָ, איר אַלײן, מיט אײַערע הענט, האָט געבראַכט דעם קינד אַזוי צו האַנדלען, און איצט, איצט האָבן די זעלבע הענט, וואָס האַלטן אין אײן שפּילן אין קאָרטן . . . איצט האָבן אָט די הענט געממית'ט מיט רציחה אַ קינד, וואָס בענקט נאָך ליבע, נאָך זון, נאָך גוטסקײט". מײַנע וואַרימסטע גרוסן דעם "קרבן", וואָס רופט נאָך הײַנט, מיט יאָרן שפּעטער, אַרויס אין מײַן נשמה אַזויפיל מיטגעפיל, אַזויפיל ליבע.

יאָ, ערשט האַלטן מיר אין אײן "פּריקאַזעווען", אין אײן באַפעלן, אין אײן צונעמען פון קינד דעם קלענסטן שטראַלכעלע פון פרײד, ערשט גרײַטן מיר צו דאָס קינד ס'זאָל מוזן זוכן פרײד, אויסער די גרעניצן פון שטוב, און אויסער די גרעניצן פון "געזעץ", און שפּעטער שלאָגן מיר עס! אַך, אָט די "נײנען", וויפל צער זײ ברענגען! די "נײנען" קאָסטן דעם קינד ימים טרערן און צער. קינדער האָבן ליב גוטסקײט, װײכקײט, צאַרטקײט, נשמה'דיקײט, האָבן ליב אַ שמײכל. דער ערשטער שמײכל פון קינד צו דער מוטער איז דער ערשטער סימן פון הײליקער קרובה'שאַפט צווישן מוטער און קינד. קינדער, וואָס דערוואַרטן פון לעטערן ליבע און האַרציקײט ווערן נאָך טיפער דערשיטערט ווען זײ הערן, אַנשטאָט דעם, שאַרפע "קאַזאַרמע" באַפעלן; קינדער, וואָס האָבן ליב מען זאָל זײ אַמאָל אַ פּעשטשע טאָן, אַ קוש טאָן, אַ גלעט טאָן; קינדער, וואָס האָבן ליב, זײ זאָלן זיך אָנזען אין שטוב; קינדער, וואָס האָבן ליב, אַ גוטוואָרט, — ווערן שרעקלאַך דערשלאָגן, ווען זײ באַגעגענען, אַנשטאָט דעם, אַ שטרײַנגען "ניט צערעמאָניען זיך מיט זײ". אַ קלײן קינד פון חדשים ווײַזט אַרויס אַזויפיל פרײד פון פּליושקען זיך אין וואַסער, פון געפינען ס'פּיסעלע אין וואַנע, פון װעלן

כאפּן ס׳פֿייגעלע. ווערט עס עלטער זוכט עס אנדערע פֿריידן. ווי דערשיטערט ווערט עס, ווען עס האלט אין איין אָנשטויסן זיך אָן „קאַטאַסטראָפֿעס“. א קינד נעמט אלץ בוכשטעבלאך. ווען עס הערט אז „כ׳וועל דיך באלד צעשניידן אף שטיקער“, ווערט עס פֿאַרציטערט פֿאַר שרעק, מחמת ס׳איז נאָך נישט באַקאָנט מיט דעם, אז פֿון זאָגן און טאָן איז א ווייטער מהלך. די אומשולדיקסטע „קאַטאַסטאָרפֿעס“ קאָנען ווירקן פֿאַטאַל אף דער נשמה פֿונם קינד. אזוינע „קאַטאַסטראָפֿעס“ ווירקן אפֿשר נישט גלייך, ווירקן אפֿשר ניט גלייך אפֿן אָרט. טלייען זיי אָבער אין משך פֿון יאָרן, און רייסן זיך, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, אויפֿן אויבערפֿלאך ארויף. „קאַטאַסטראָפֿעס“ בלייבן ניט אָן פֿאָלגן. ניט ווייניק לעבנס ווערן צעבראָכן פֿון דיסציפּלין, פֿון גייסטיקע „שטעקנס“, וואָס ווירקן פֿאַטאַל אף דער נשמה פֿונם יונגן בוימעלע, וואָס ס׳הערצעלע זיינס ציט זיך צו זון, וואָס ס׳הערצעלע זיינס בייינקט נאָך וואַרימקייט, נאָך הימל. יעדער געשריי, יעדע קללה, יעדער שרעק, יעדער סטראַשונאָק, קאָן ווירקן פֿאַטאַל. גערעכט איז דר. קויפֿמאַן, וואָס זאָגט, אז אף א אידיש קינד טאָר מען קיינמאָל ניט שרייען, מחמת דער געשריי קאָן אויפֿוועקן אינם קינד א שרעק פֿון אן עלטער־עלטער־עלטער זיידן, בעת א פּאָגראָם. פּראָפֿ. אנדזשעלאָ מאַסאָ וואָרנט, אז „יעדע מיאוס׳ע זאך, וואָס ווערט דערציילט דעם קינד, יעדער קלאַפּ, יעדע שווערע איבערלעבונג, יעדער שרעק, בלייבט אינם קינד און מאַטערט אים דעם גאנצן לעבן“. מאַמעס און טאַטעס האָבן דאָס געמעגט זיך פֿאַרשרייבן און געדיינקען.

פּראָפֿ. שניאורסאָנס בוך „די קאַטאַסטראָפֿאַלע צייט און די וואַקסנדיקע דורות“, האלט איך, איז פֿון די וויכטיקסטע בייטראגן אינם פֿעלד פֿון קינדער פּסיכאָלאָגיע. ספּעציעל איז דאָס בוך וויכטיק פֿאַר דער אידישער סביבה. און טאַקע. ווער, א חוץ אונז, האָט דורכגעלעבט אזויפֿיל טראַגישע קאַטאַסטראָפֿעס; ווער א חוץ אונז, צאָלט און וועט נאָך צאָלן דעם שרעקלאכן פּרייז פֿאַר די דאָזיקע איבערלעבונגען. די אידישע געשיכטע, פֿאַר די לעצטע טויזנט יאָר, איז דאָך א קייט פֿון „קלעפּ“, פֿון ווילדע, בלוטיקע קאַטאַסטראָפֿעס און פֿון האַרץ רייסנדיקסטע

סצענעס. ווען פראָפ. שניאורסאָן, וואָלט געהאַט אָנגעשריבן נאָר דאָס דאָזיקע ווערק אליין, וואָלט ער מיט דעם אליין פארדינט אומשטערבלאכקייט. יאָ, פאר אונז, אידישע עלטערן, איז דאָס דאָזיקע בוך פון א גאָר גוואלדיק גרויסער וויכטיקייט. יעדער אידישער פאָטער און יעדע אידישע מאמע דארף שטודירן די ווירקונג פון סאָציאלע קאטאסטראָפן אויף דער פסיכיק, פון נאָרמאלן און אבנאָרמאלן קינד צוליבן פאָלגנדיקן טעם : יעדע קאטאסטראָפע, וואָס מיר האָבן דורכגעמאכט, מיט הונדערטער יאָרן צוריק, קאָן זיך אָפרופן, קאָן זיך "אָפשלוקערצן", קאָן זיך אויפטויכן אין דער נשמה פון קינד. א אידישע היים דארף זיין וואָס שטילער, וואָס איידעלער, וואָס מענטשלאכער, וואָס וואָרימער, מחמת יעדער געשריי, יעדע שרעק, יעדע "קאטאסטראָפע" קאָן אויפוועקן אין דער נשמה פונם קינד א דרעמלנדיקע קאטאסטראָפע, אָן אמת'ן "שד", וואָס שווער, זייער שווער איז פאָראויסצוזאָגן זיין צעשטערנדיקע קראפט. מער פאר אלע, זיינען די ארמענער אונזערע ברידער אויפן געביט פון פארזוכן דעם טעם פון שחטות, פון פאָגראָמען. אמת, "דער פראָנט פון פאָגראָם זיינען הויז און פאמיליע, וואו ס'שפילן זיך אָפ די שוידערלאכסטע סצענעס פון ווילדן אכזריות", אמת, ס'וואָלט אָבער געווען א גרויסער און פאטאלער טעות צו דיינקען, אז קאטאסטראָפעס פארן קינד זיינען נאָר פאָגראָמען, נאָר רעוואָלוצעס, נאָר מלחמות, נאָר מאָרדן, נאָר איבערפאָלן, ס'איז א טעות אזוי צו דיינקען. יעדער סטראשונאָק איז פארן קינד א קאטאסטראָפע. "יעדע אומשעדלאך איבערגעלעבטע קאטאסטראפאלע געשעעניש לאָזט איבער אינם קינדס נשמה, מער אָדער ווייניקער, געשלאָסענע קאָמפלעקסן פון דעראינערונגספאָרשטעלונגען. אָט די קאָמפלעקסן בלייבן ניט אומפארענדערט אין דער נשמה, נאָר פארקערט, זיי וואקסן און פארענדערן זיך צוזאמען מיטן קינד און פארוואנדלען, אזוי ארום, זיי, אומבאמערקט, אין די שפעטער יאָרן אין א מקור פון פארשיידענע פסיכישע שטערונגען. דאָס איז דאָס געזעץ פון שפעט ווירקונג" (שינאורסאָן). און ניט נאָר דאָס.

קינדער קומען ניט מיט ליידיקן צו אונז. זיי טראָגן מיט זיך מיט געירשנ׳טע נערוועזיטעטן, פונקציאָנעלע חולאת׳ן, פאַר־לייגטע פיזישע קראנקהייטן, וואָס נערווירן און שטערן דער נאָר־מאלער אנטוויקלונג פון קינד אפילו אזוינע "אומשולדיקע" זאכן, ווי ניט צוגעפּאסטע שפּייז, אָדער גאָר צו רעדעוודיקייט, אָדער צו פאמעלאכדיקייט, צו שוויגעוודיקייט פון א טאטן, אָדער פון א מאמען, אפילו אזוינע אומשולדיקע זאכן, בלייבן נישט אָן זייער ווירקונג אפן קינד, אפילו אזוינע אומשולדיקע פארן קינד אומשטענדן, ווי ביטערע נויט, ארבעטסלאָזיקייט, אומעטיקייט און פארצווייפלונג אין שטוב. וואָס וועקן צארטקייט, וואָס וועקן גרייטקייט, לייגן זיך שווער אף דער נשמה פון קינד.

די קולטור ליגע אין ליטע האָט דורכגעפירט אן אנקעטע צווישן די קינדער, וואָס איז זיי ליב צו טאָן אין שטוב. 31 פּראָ־צענט (אזא גרויסער פּראָצענט) האָט געענטפערט "גאָרנישט". אויף דער פראגע, וואָס האָט מיט זיי פּאסירט די לעצטע צייט, האָבן 82 פּראָצענט געענטפערט, אז "גאָרנישט". זיינען דען אזוינע ענטפערס, וואָס כאראקטעריזירן גרויקייט, מאָנאָטאָנ־קייט, מידקייט, זיינען דען אזוינע ענטפערס נישט קיין סימן פון ליידן און פיינען אין די טיפענישן פון דער נשמה פון קינד?

שלמה׳לע (שלמה ר׳ חיים׳ס, מענדעלע מוכר ספרים) "איז שוין צו 7 יאָר געווען אין כנען, אין מצרים, אין פרס ומדי, אין שושן הבירא און אין נאָך מדינות פון הודא ביז כוש. שלמה׳לע האָט געוואוסט אלע דרכים אפן הימל, אלע דינים. שלמה׳לע איז אָבער אויך געווען אן אמת׳ער טאלאנט. זיין נאָכמאכן, זיין שפּילן, איז געווען צו באוואונדערן, אָבער שלמה׳לעס סביבה האָט דאָס דאָזיקע געדארפט אונטערדריקן, און שלמה׳לע שטיקט אין זיך און דערפאר איז ער געווען "אי איינגעשפּארט, אי הארט ווי א שטיין, אי ווייך, ווי טייג, לאָזנדיק זיך פירן אמאָל ביי דער נאָז, אי בייז, אי מילד, אי גוט ווי די וועלט; אי ביטער גאל, אי צוקער זיס; אי ערנסט, אי א קאטאָוועס טרייבער; אי אומעטיק־פארטראכט, אי לוסטיק־פריילאך. שלמה איז בטבע געווען א היים בלוטיקער, אָנצינדנדיק זיך ווי א שוועבעלע, ווי־באלד נאָר עפּעס האָט אים געטאָן א ריר". דאָס קומט דאָס רוב

פון דעם, וואָס אונזערע קינדער לעבן ניט לויט זייער קינדישער נאַטור. מחמת אויף זיי ווערן א סך זאכן ארויפגעצוואונגען, מחמת אין זיי ווערן א סך נייגונגען דערשטיקט. דאָס קינד ווערט פון דעם נערוועז, קראַנק און איינגעשפּאַרט. איר זאָלט זיך גאָר ניט איינריידן, אז שלמה'לע (דאָס מעסערל ש"ע) איז שפּעטער געזונט געוואָרן. זיין איבערלעבונג האָט אים זיכער שפּעטער דעם גאַנצן לעבן געשטערט און פאַרטרויערט. "שווער צו זיין א איד", זאָגט שלום-עליכם. ניין, ס'איז גאַרניט שווער. שווער איז צו זיין ביי אונזערע אומשטענדן א קינד. שווער איז צו זיין א קינד און ביטער, מחמת מען מוז זיין גוט. גוט לויט די באגריפן פון די עלטערן. אזוי גוט, אז דאָס גוט זיין גייט להיפוך צו דער קינדערשער נאַטור, צו דאָס גע'ירשנ'טע.

האָט זיך א מוטער צו מיר געווענדעט מיט דער בקשה, איך צו געבן אַן עצה, וואָס זאָל זי טאָן מיט דעם אומגליקלאכן קינד אירן, זי איז אויסער זיך. איר מיידל איז 15 יאָר אַלט, זי איז אַן אינטעליגענט קינד, לייענט, איז באַשיידן, זי פילט מיט דער מוטער, זי קאָן זיך אָבער בשום אופן נישט צוקלייבן קיין חבר'טע. און נישט נאָר דאָס. זי מיידט אוים געזעלשאַפטלאך צו פאַרברייינגען, זיצט תמיד אין שטוב. וואָלט דער אומגליק אָבער ניט געווען אזוי גרוים, ווען איר קינד וואָלט ביים קלענסטן ריר, ביי דער קלענסטער אויפרעגונג ניט גיסן קיין טרערן. נאָר זי וויינט. ביי א לייענגערן אינטימען שמועס, ווייזט זיך אַרוים, אז דעם קינדס פאָטער איז אין ניו-יאָרק. די מוטער איז מיט דער טאָכטער נאָך מיט 7 יאָר צוריק פון אים אוועק. ער איז דווקא א גוטער מענטש. ער האָט אָבער האָלט צו לעבן, צו שפּילן אין קאָרטן, צו פאַרברייינגען, צו טרינקען און א. וו. זי וואָלט אים דאָס אַלץ פאַרגעבן, האָט ער זיך אָבער גענומען אריינפּלאָנטערן אין לינקע ליבעס. אמת, זי איז אוועק פון אים, אָבער זי האָט אים נאָך איצט ליב. זי ארבעט שווער און ביטער און פאַרדינט צום לעבן. זי שיקט פון צייט צו צייט אים א פּאָר דאָלאַר. דאָס קינד איז איר איינציקע טרייסט. דאָס קינד ווייסט פון אַלץ. אפשר בייַנקט עס גאָר נאָכן פאָטער? דאָס מיידל האָט מיר געזאָגט, אז זי קען נישט גיין צווישן מענטשן, זי ציי־

טערט אויסצורײדן א וואָרט. הײבט זי אָן וואָס צו זאָגן, פאַר־פלאָנטערט זי זיך און בלײבט צעטומלט. זי קאָן גלאַטיק ניט זאָגן קײן דרײ ווערטער. עפּעס ברעכט זיך איבער אין איר אי דער געדאַנקען גאַנג, אי דער זאַץ, עפּעס פילט זי א ניט זיכער־קײט אין יעדער זאַך, וואָס זי האָט בדעה צו טאָן, אָדער וואָס זי טוט. כ׳האָב דער מוטער דערקלערט, אַז זי זאָל ניט וואַרטן אויף קײן נסים, אַז דאָס וועט סתם ניט איבערגײן, אַז ס׳וועט ניט העלפן מײן רײדן, אַז דאָס קינד איז קראַנק. ס׳דאַרף א דאָק־טאָר, א פּסיכאָלאָג. זי איז אַוועקגעפאָרן מיטן קינד אין א גרויסער שטאָט צו א פּסיכאָאַנאַליטיקער. כאָטש זי האָט געהאַלטן, אַז דער חולה איז קײן חולה ניט. פּונקט ווי מיר האָבן מאַמעס, וואָס איבערטרײבן, האָבן מיר אָבער אויך מאַמעס, וואָס זײנען עקשנות׳דיק אײנגעשפּאַרט, און ווײסן תמיד מער. ס׳איז אַוועק א יאָר צײט. פּלוצלונג קריג איך פון דער מײדל א בריוו, אַז זי פילט זיך שוין א סך בעסער און ״אפשר בין איך אינגאַנצן געזונט״. די מוטער האָט מיר געשריבן, אַז ס׳איז איר דער־קלערט געוואָרן, אַז דעם קינדס גוטסקײט איז געווען די סבה פון אַלע צרות. דעם קינדס גוטסקײט איז אין משך פון יאָרן ״אַרויפגעצוואונגען״ געוואָרן אויפן קינד, מחמת דער ספּעצי־פישער לאַגע פון דער מוטער. ס׳האָבן אין איר געקעמפט צוויי כחות : אײן כח האָט איר געהאָלפן זײן גוט און פרום, מחמת איר ליבע, מחמת איר מיטגעפיל צו איר מאַרטירערן מוטער, א צווײטער כח האָט איר געצווינגן צום לעבן פון איר פאָטער. דאָס דערשטיקן אין זיך דעם רוף פון לעבן, איז דער מײדל אָנ־געקומען גרינג אַזוי לאַנג, ווי זי איז נאָך געווען גאָר יונג, שפּע־טער אָבער האָט דער ויתרוצצו אָנגעהויבן זיך צו פאַרשאַרפן. די ניט זיכערקײט, דאָס תמיד׳דיקע ווײנען האָט סיגנאַליזירט א קאָנפליקט, פּונקט ווי די אײנגעשפּאַרטקײט און די קרײנק־לאַכע ״שפּרונגען״ פון שלמה׳לען (מענדעלע מוכר ספרים), זײ־נען געווען א צײכן פון א מלחמה, וואָס איז משמעות, אָנגע־גאַנגען אין זײן נשמה.

און איר, ליבע מוטער, האַלט, אַז ״אונזערע קינדער ווערן משוגע פון וואָוילטאָג״, אַז ״זײער לעבנסוועג איז אויסגעפּלאַס־

טערט מיט בלומען", אז "זייערע "צרות"!", "זייערע זארגן"!
יא, ליבע מוטער, זיי ווייסן ניט פון זארגן פארן מארגנדיקן טאג. זיי ווייסן ניט פון קיין שרעק, פאר עקזיסטענץ, מיט וועלכע עס איז פול אונזער לעבן . . . זיי ווייסן טאקע ניט פון די דאזיקע שרעקן, ווייסן זיי אבער דערפאר, און ס'לייגן זיך זיי גוט אין די ביינער אנדערע שרעקן. וואס נעמען אוועק פון זיי זייער רואיקייט און פארפינסטערן זיי זייער לעבן. וועלכע מאמע האלט עס נישט פאר דערציעריש צו שרעקן, צו סטראשען דאס קינד מיט מתים, מיט שדים, מיט רוחות. ווי לאנג צוריק האט מען נאך געהאלטן פאר א סגולה אנצורירן מיטן האנט פון א מת דאס הערצעלע פון קינד, ווי לאנג צוריק האט מען עס גע־האלטן פאר א סגולה דאס קינד זאל געזונט און שטארק זיין?

וועלכע מאמע האלט עס ניט פאר איר הייליקן חוב צו ברעכן דעם קינדס מורא האבן צו שלאפן אין דער פינסטער, וועלכע מאמע סטארעט זיך עס ניט צו צעברעכן שעמעוודיקייט, צי א נייגונג צו פוצן זיך, וואס איז אזוי נאטירלאך פארן קינד אינם עלטער פון 4־5 יאר. מאמעס און טאטעס ווייסן נעבאך נישט וויפל דאס קינד וועט שפעטער אין לעבן דארפן צאלן פאר יעדן זיג, וואס זיי האלטן אפ איבער זייער קינד. דאס ארונ־טערדרוקן זיך אונטער דער קאלדרע, דאס ציטערן פאר שרעק און זיין שטיל, מחמת אנדערש וועט די מאמע צעפאסן דאס לייב, האט געפירט נישט איין קינד אין אנשטאלטן פון גייסטיק קראנקע. מאמעס און טאטעס ווייסן אויך נעבאך נישט, אז שע־מעוודיקייט איז א נאטירלאכער שטריך פון קינדס כאראקטער, ווען עס הויבט אן צו וועלן זיין שענער, דערפאלגרייכער, ווען עס הויבט אן וועלן אויסנעמען, ווען עס הויבט אן צו ציטערן פאר א דורכפאל, ווען עס הויבט אן מורא צו האבן, עס זאל חלילה ניט אנטפלעקן א וועלכן עס איז חסרון, וועלכער מא־טערט שוין דאס יונגע הערצעלע פון לאנג. מאמעס און טאטעס ווייסן נעבאך נישט, אז פוצן זיך איז פונקט אזא נאטירלאכער דראנג אינם קינד, ווי דער דראנג געליבט צו ווערן. א קינד בענקט ניט אזוי געליבט צו ווערן, ווי עס שרעקט זיך צו בלייבן אליין, ניט ליבן אים מיינט פאר אים, אז מען וועט עס

לאָזן אליין, וואו וועט עס אהין קומען, וואָס וועט עס טאָן? ווען א קינד קאָן דערקלערן דאָס קלעמעניש פון הערצעלע, דעם טרויער, וואָס זינגט ארוים פון אָט די לײדן, וואָלט נישט איין מאמע, וואָלט נישט איין טאטע אויפגעציטערט געוואָרן.

וויפל לײדן האָט דאָס קינד פון דעם, וואָס מאמעס און טאַ־טעס שרעקן עס, אז זיי וועלן דאָס אָפּגעבן צוריק צום שטאָרך, אז זיי וועלן דאָס ארויסווארפן אפן גאַס. דאָס קינד פילט אין אזא פאַל א שטארקן ווייטיק, ס׳בענקט נאָך קרובה׳שאַפט, ס׳וויל געהערן צו דער מאמען בלב ונפש. די פרעמדקייט, די איינגעבעטנקייט, וואָס דאָס קינד דערפילט, דערשלאָגט און דערנידעריקט. א סך ליבער, וואָלט געווען דעם קינד, ווען עס ווייסט, אז ס׳איז אויסגעוואַקסן אינם קערפּער פון דער מוטער, אז ס׳איז פון דער מוטער אויסגעווארימט געוואָרן, אז ס׳איז בלוט און פלייש פון דער מוטער. אָבער, אז ס׳פילט זיך תמיד ווי אן איינגעבעטענער גאַסט, אָבער אז נעכטן האָט מען עס געקושט און געהאלדזט און אָנגערופן "לעבן מיינס", "גליק מיינס", און היינט וויל מער עס גאָר צוריק אָפּטראָגן, ווערט עס צעטומלט, דערשלאָגן און דערשראָקן.

גיט צו דעם צו די לײדן, וואָס א קינד לעבט איבער פון פאמיליע צוּוואוקס, א קינד איז שטענדיק קעגן דעם. ס׳פילט, אז ס׳וועט פארלירן געוויסע פריווילעגיעס, צוליב דעם נייעם גאַסט. איידער דער גאַסט קומט און די ערשטע וואָכן, ווען דער גאַסט איז שוין געקומען, קוקט דאָס קינד אויף אים ווי אויף א שפילצייג, און ס׳איז גליקלאך, אָבער שפּעטער, אז דער ניי־ער נפש׳ל ווייזט ארוים סמנים, אז עס איז געקומען ניט אויף שפּאַס; שפּעטער, אז דאָס נפש׳ל הייבט אָן צו צוציען צו זיך אויפמערקזאמקייט, "נעמט" צו די מאמען, האָט דאָס קינד חרטה אויפן גאנצן עסק און לײדט. ס׳וועט ווינטשן דעם נייעם גאַסט דעם טויט. ס׳וועט אָפּט זוכן מיטלען, וועט צוטראכטן מיטלען ווי פּטור צו ווערן פון דעם נפש׳ל, שפּעטער וועט זיך עס פילן שולדיק פאר די זינדיקע מחשבות, שפּעטער וועט עס פארציטערט ווערן, ווען דאָס קינד ווערט קראנק, מחמת אפשר ווערט מקוים זיין זינדיקער וואונטש, קורץ, דאָס קינד לײדט.

פאראן קינדער, למשל, וואָס האָבן א שטארקע לײדנשאפט צו ריידן, אָפט וועט איר הערן, ווי טאטעס שפאסן, זאָגנדיק, אז זיי וועלן אין אָוונט צולייגן א קאָמפרעס צום צינגעלע. אזא קינד ווי אלע אנדערע קינדער, מוז אָבער שווייגן, מוז שווייגן אין סקול, שווייגן אין שול, שווייגן ביים טיש אומעטום מוז עס שווייגן. די דאָזיקע שווייגעניש פארשאפט זיי ניט ווייניק לײדן.

פאראן קינדער, וואָס מאמעס גיבן שוין צופיל נאָך, וואָס מאמעס האלטן אין איין קושן און האלדזן, און האלטן אין איין סמאָטשקען, האלטן אין איין צעפּעשטשען. וויפל לײדן לעבט אָבער שפּעטער איבער אזא קינד, ווען די מוטער הייבט אָן "אויסצוקאָריגירן" אויסצוואוואָרצלען, אויסצוריסן די "קרא־פּיווע", וואָס זי אליין האָט פארפלאנצט, וויפל לײדן פילט דאָס קינד, ווען עס דערזעט, אז ס'מוז ווערן אוים פּרינץ, אָדער אוים פּרינצעסן. א קינד לײדט אויך זייער א סך פון דער נערוועזיטעט פון דער מוטער, וואָס איז אָפטמאָל צערייצט, בעת מענסטרו־אציע אָדער שוואנגערשאפט.

דאָס גאנצע לעבן איז פאר אונז, דערוואקסענע, א רייע פון קאמפן פאר עקזיסטענץ, א רייע פון קאמפן צו צופאסן זיך צום לעבן. דאָס גאנצע לעבן איז א רייע פון פאלן און אויפהייבן זיך, פון ירידות און עליות פון זיגן און דורכפאלן, פון טאָג־טעגלאכן גערანגל. פארוואָס זאָלן מיר אָבער ניט וועלן פארשטיין, אז אויך דאָס קינד מאכט דורך פונקט אזוינע פּראָצעסן. שוין ביי דער מוטער אין קערפּער, שוין דאָרטן אפילו, דארף דאָס קינד זיך האלטן אין איין צופאסן זיך צו די קראנקהייטן פון דער מוטער, צו אירע שטימונגען און ניואנסן פון איר נשמה. די לע־גענדע דערציילט אונז, אז ווען רבקה פלעגט פארבייגיין א גאָטס הויז, פלעגט יעקב נאָך אין קערפּער ביי דער מוטער, אָנהייבן זיך צו צאפּלען פארפרייד, בעת זי פלעגט אָבער פארבייגיין א הויז פון אן אָפּגאָט פלעגט זיך עשו אָנהויבן צו צאפּלען. ווי נאאיוו די דאָזיקע לעגענדע זאָל ניט זיין, סיגנאליזירט זי אָבער דעם געדאנק, אז קינדער לעבן שוין איבער שטימונגען פון דער מוטער, זייענדיק נאָך אין דעם קערפּער פון דער מוטער. זיכער

האָט רבקה׳ס שטימונג באַאיינפלוסט די קינדער. שוין אין דעם קערפּער פון דער מוטער פילט דאָס קינד, אז מען זאָרגט פאַר אים. שפּעטער לאָזט מען אים שוין זיך שפּילן מיט די פיסעלאך, מען לאָזט אים פּליוסקען זיך אין וואַנעלע, דאָס קינד באַמערקט און דערפילט דעם נחת רוח, וואָס די מאַמע האָט בעת זי שטייט אין אַזאַ מאָמענט איבערן קינד, אַ מחיה. בּיסלאַכווייז אָבער שטויסט זיך דאָס קינד אָן אויף זאַכן, וואָס עס וויל, אָבער וואָס עס קאָן נישט דערגרייכן, וואָס עס מוז דערשטיקן אין זיך, וואָס עס מוז פאַרשווייגן, ס׳מוז זיך צוגעוואוינען צום לעבן . . . נאָך שפּעטער קומען צו נייע צרות, עס הייבן אָן אויפצוטויכן רעזולטאַטן פון קלעפּ. וואָס עס האָט געקראָגן פון די ערשטע טעג פונם לעבן אָן, אָדער נאָך אין קערפּער פון דער מוטער. — אַ, זאָרגלאָזע קינדהייט ! . . אַ, גליקלאַכע ״קינדהייט״, זינגען פּאָעטן.

מיר קאָנען שוין שאַפן פון לופט ניטראָגן צו באַפרוכפּערן די פעלדער; מיר קאָנען שוין קאָנדענסירן זויערשטאָף און שמעלצן אייזן און שטאָל; מיר פליען שוין ביז 13 מייל אין די הימלען; מיר קאָנען שוין חרוב מאַכן אַ שטאָט אין 5 מינוטן; מירן שוין באַלד איינשפּאַנען די זון שטראַלן, זיי זאָלן אונז פּוצן די שטיוול, מיר האָבן נאָך אָבער אפילו נישט דאָס שטויבעלע צום שליסל פון קינדס נשמה. מיר ווייסן שוין די סודות פון יעדן בלימעלע; מיר קאָנען שוין יעדן גרעזעלע; אָבער די נשמה פון דאָס טייערסטע און הייליקסטע אין אונזער לעבן, די נשמה פון קינד איז אונז פרעמד. לייגן מיר צו דעם אויער צום טרייבל, הערן מיר שוין וואָס עס טוט זיך פאַר טויזנטער און טויזנטער מיילן, אָבער צו דערהערן די קרעכצן, און דערפילן די ליידן פון דעם בלוטיקסטן קרבן פון אונזער געזעלשאַפט, זיינע ליידן, זיינע קרעכצן דערטראָגן זיך נאָך גאַנץ שוואַך צו אונזער אויער. ״טאַטעס און מאַמעס האַלטן נאָך אַלץ, אַז אַ קינד איז נאָר אַ ניט־דערוואַקסענער מענטש, אָבער אַ מענטש. איז וואָס איז דאָ נויטיק ספּעציפישע שליסלען, ספּעציפישע וועגן, איז וואָס איז דאָ נויטיק אַן אַנדער צוגאַנג. טאַטעס און מאַמעס ווילן נאָך אַלץ ניט וויסן, אַז דעם קינדס פריידן זיינען ניט די זעלביקע ווי

אונזערע פריידן, אז זיינע ליידן, זיינען ניט ווי אונזערע ליידן, אז דאָס קינד דיינקט אנדערש, און פילט אנדערש" (אנדזשעלאָ פאטרי). קומען טאקע פון דעם ארויס א סך צרות. ווען דאָס קינד זאָל קענען אונז רופן צום משפט, וואָלט די וועלט אויפגעציטערט געוואָרן פון זייער אַנקלאגע, פון זייער אן איין און איינציקער טענה אפילו, פון זייער טענה, ווי ווייניק געדולד מיר האָבן צו זיי. ווי מיט ווייניק דרך־ארץ מיר באציען זיך צו זייער פערזענלאכקייט, בעת מיר אליין פאָדערן פון זיי ימים דרך־ארץ און אפילו ליבע.

ווילט זיך, למשל, משה'לען זיצן לעבן שרייב טיש, בעת דער פאָטער שרייבט. וואו איז דאָ דאָס פארברעכן ? דער פאָטער איז אָבער היינט ניט אויפגעלייגט, ער איז אין כעס. צו וועמען זאָל ער אויסלאָזן זיין כעס, אויב נישט צום קינד . . . דאָס אומגליקלאכע נפש'ל איז אזוי ווי געשאפן געווארן נאָר דערפאר, מיר זאָלן עס האלטן אין איין סמאָטשקען, ווען מיר זיינען געשטימט, און אין איין שלאָגן און שרייען, בעת מיר זיינען נישט געשטימט. דער פאָטער טרייבט משה'לען אוועק פון טיש. ער דערקלערט ניט דעם קינד פארוואָס עס דארף דווקא היינט ניט זיצן לעבן שרייב טיש, ער שטופט אים גראָב אָפ. דאָס קינד וויל אָבער נישט אוועק. און טאקע, פארוואָס ? דער טאטע ווערט נערוועז, שלאָגט אָן דאָס קינד. "א קינד זאָל האָבן א טבע צו קריכן וואוהין עס דארף נישט". דאָס קינד דערזעט, מעגלאך צום ערשטן מאָל, אז קראפט איז רעכט, עס מוז אוועק. עס פילט זיך פארביטערט. זאָרגט זיך ניט, דער טאטע האָט אים איצט געגעבן א "לעקציע". עס וועט שוין איצט וויסן, צו הערשן איבער די שוואכערע פאר אים, עס וועט שוין איצט זוכן צו נוצן קראפט. אָבער איצט איז עס פארצאָרנט. עס גייט שלאָפן. ביינאכט טרייבט דאָס קינד, יאָגט דאָס קינד דעם טאטן פון טיש. און ניט נאָר דאָס, דאָס קינד שליידערט דעם טאטן אין פנים אריין זיינע ביכער. דאָס קינד איז איצט דער פריץ, עס זיצט איצט ביים טיש מעשה העלד, און רעכנט זיך אָפ מיטן טאטן. משה'לע ברעכט, און שטעכט, און צערייסט אלע פאַפירן, און טוט אים עפעס. שרעקט זיך אָבער נישט, אלץ איז

אַף מאָרגן אינדערפרי אַף אַן אָרט. אַלץ איז גאַנץ, נאָר נישט גאַנץ איז דאָס הערצעלע פון קינד. עס פילט זיך שולדיק, עס ווייסט אפילו ניט פון דעם, אָבער דער אומבאַוואוסטזיין ווייסט. עס בלייבן שפורן אין דער נשמה פונם קינד, ניט נאָר פון דער ברוטאַלער האַנדלונג פונם טאַטן, נאָר אויך פונם "ברוטאַלן" חלום. דאָס קינד רעאַליזירט זיין אומשולדיקן פאַרלאַנג. עס איז געזעסן ביים טיש, אָבער די רעאַליזירונג קאָסט אים שפּעטער צו טייער.

זיץ איך אַזוי אינדערפרי און שרייב. איך דערהער, אַז אויבן איז עפּעס ניט גלאַט, ס'האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקה צווישן מיינע צוויי טעכטערלאַך. איך קום אַרויף. יעדע איינע וואַרפט די שולד אַף דער צווייטער, און האָט אַ ים מיט טענות. ניין, קינדערלאַך, זאָג איך, איך קאָן מיך דאָ ניט פאַנאַנדערקלייבן אין דעם סכסוך. ווי עס שיינט קאָנט איר זיך ביידע צוזאַמען ניט שפּילן, איר קאָנט ניט דורכקומען צווישן זיך. קום פייגעלע אין דיין בעט און שפּיל זיך אַליין, און דבורה'לע וועט זיך שפּילן אַליין. איר וועט פאַרשפּאָרן צו קריגן זיך און איך וועל פאַר־שפּאָרן צו האָבן פאַרדרוס. אין אַ 5 מינוטן אַרום, איז מען שוין ווידער צוזאַמען, אָבער דאָס מאָל הערשט שלום ושלוה. מען שפּילט זיך אַזוי ליב, אַזוי ווי שוועסטערלאַך דאַרפן זיך צווישן זיך שפּילן. מאַמעס און טאַטעס דאַרפן זען וואָס מער אויסצו־מיידן שטראָפן וואָס ווייניקער אַריינצומישן זיך אין מחלוקת. זייער אָפט קומען אַרויס גרויסע צרות פון עלטערנס אַריינמישן זיך אין מחלוקת צווישן קינדערלאַך. וואָס אָט קריגן זיי זיך און אָט קושן זיי זיך. אַלע קינדער זיינען אַזוי. "פּראַלט" די שכנה אויף די טיר און עפנט "אַ מויל" אַפן 6 יאָריקן גזלן, וואָס האָט אַקאָרשט שיר "אַן אויג ניט אַרויסגענומען", "שיר ניט דער־הרג'עט אויף טויט", "שיר ניט אויסגעבראָכן אַ האַנט", שיר ניט — דאָס קינד האָט "שיר ניט גע'חלש'ט אויף טויט" — די מאַמע פונם 5 יאָריקן "גזלן" פאַרשווייגט ניט די גוזמאות" און ס'אַנטשטייט די אמת'ע מלחמה (אָן געזונפיסלאַך). פאַרשטייט זיך, אַז יעדע איינע האַלט אין איין שרייען, אין איין אויספיינען זיך און אין איין מאַכן צו בלאָטע די צווייטע. ס'שאַדט ניט,

ביידע רעדן אויף א היבשלאך הויכן טאָן, אזוי, אז יעדע איינע הערט נאָר זיך — (דאָס איז א גליק, אז ניט, ווען זיי הערן חלילה איינס דער צווייטער, וואָלט משמעות דערגאנגען צו היסטעריקעס און צו קלעפּ . . .). טרעפט אָבער, אז נאָכדעם ווי די צוויי פּארטיידיקערנס פון זייערע קינדער הויבן אָן זיך צו בארואיקן, פאנאנדערצוגיין, דערזעען זיי, אז די "שונאים", די קינדער, שפּילן זיך ווידער, ווי גאָר נישט וואָלט געווען. זיי הערן זיך אפילו ניט צו צו די געשרייען פון זייערע מוטערס, מחמת זיי מאכן ווי געוויינלאך גרינג שלום. קינדער!

ווען עלטערן וואָלטן וואָס וויניקער זיך אריינגעמישט אין מחלוקת פון זייערע קינדער . . .

מען דארף די קינדער לערנען, אז זייער גליק ליגט אין זיי־ערע אייגענע הענט, אז זיי דארפן זען צווישן זיך דורכצוקומען. מען דארף זיי ווייזן ווי שיין ס'איז און ווי הערלאך עס איז שלום. פון קליינקייטן קאָן מען זיי לערנען זיך ניט צו פארלאָזן אויף א גאָט, ניט צו זוכן קיין יושר און צדק, ארויפגעצוואונגען פון א העכערער מאכט, אז צדק און יושר קאָנען זיי שאפן, טאָקע זיי אליין, צווישן זיך אליין. אנדערש קומען טראגעדיעס, קומט גע־ווייין, קומען צרות, און פארוואָס? מחמת, מען לערנט אונז שרייבן, לייענען, נאָר דערפאר, ווייל א שקלאף, וואָס קאָן לייע־נען און שרייבן, ברענגט מער נוצן. מען לערנט אונז לאָיאלי־טעט צום פאָלק, צום לאנד, צום קעניג, נאָר דערפאר וואָס דאָס לוינט זיך די הערשנדיקע קלאסן; מען לערנט אונז א שמעק ליטעראטור, א לעק כעמיע, אָבער די קונסט צו לעבן און ליבן, דאָס ניט. און פארוואָס? ווייל ניט מענטשן דארף די איצטיקע געזעלשאפטלאכע אָרדנונג, זי דארף פלייש פאר מלחמות, זי דארף הענט צו שאפן אמוניציע און רייכטום, ניט קיין מענטשן דארף די איצטיקע געזעלשאפטלאכע ארדנונג, זי דארף שקלאפן.

ביי אָלגין איז פאראן א מעשה'לע וועגן א זומפּ. האָבן מענטשן געלעבט אפן גרינעם בארג, געאָטעמט די פרישע בארג לופט און אריינגעזאפט אין זיך די ליכטיקע זון שטראלן. ביים בארג איז געווען א טיפער פינסטערער טאָל, פול מיט זומפּן. האָט זיך פון די זומפּן געטראָגן א לופט, וואָס האָט גע'סמ'ט די

באפעלקערונג פון טאָל. זיינען די מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אפן בארג געווען פרישע, לעבנסלוסטיקע און געזונטע. זיינען די מענטשן וואָס האָבן געלעבט אין טאָל געווען שוואכע, קראנקע און בלייכע. וויפל די טאָל מענטשן האָבן זיך ניט געבעטן ביי די בארג מענטשן זיי זאָלן זיי ארויפלאָזן אפן בארג, ס׳איז דאָך דאָרטן פאראן אזויפיל פלאץ, ס׳האָט ניט געהאלפן. "איך איז באשערט צו לעבן אין טאָל, אזוי מוז עס זיין. דערפאר וועט איר זיצן אין גן־עדן. איר טאָרט ניט אפילו פראָטעסטירן, דאָס איז קעגן גאָטס דרכים, איינגעפירט מקדמונים". לעבן נאָך היינט די טאָל מענטשן אין טאָל פול מיט זומפן. די גייסטיקע זומפן, אָבער זיינען נאָך געפערלאכער פאר די נאטירלאכע. האָבן נאָך היינט די בארג מענטשן גענוג מיטלען צו פירן ווילדע מלחמות, אָבער נישט גענוג אויף צו פאָרשן די נשמה פון קינד. גענוג צו ציטירן דעם פאקט, וואָס מ. סארדזשענט ברענגט, אין זיין אדרעס פאר דעם קארנעגי אינסטיטוט אין 1925, ער ווייזט אָן, אז אין משך פון 35 הונדערט יאָר האָט די מענטשהייט געלעבט אין שלום נאָר 227 יאָר. פאר אונז וועט נאָך כאראקטעריסטישער זיין די "סטאטיסטיק", וואָס די ספארטאקאָווצעס האָבן פארעפנטלאכט וועגן מלחמה. "ווען מען לייגט אוים די קעפ פון די הרוגים פון דער וועלט מלחמה קאָן מען איבער זיי פירן וועגן, אין דערברייט און אין דער לייִנג איבער גאנץ דייטשלאנד. ווען מען נעמט צענויף דאָס בלוט, וואָלט ניאגרא וואסערפאל געקאָנט פליסן 24 שעה. געלט ? נאָך אין 1922 זיינען מלוכות שולדיק געווען אמעריקע אליין 11 ביליאָן דאָלאר מלחמה חובות, וואָס דורות און דורות וועלן דארפן צאָלן, אויב זיי וועלן נישט האָבן קיין שכל אויפצוהערן צו צאָלן. אויף בילדונג אָבער, אויף צו שטודירן די נשמה פון קינד, ווערן צוגעווארפן ברעקלאך און שטיקלאך, ווערן צוגעווארפן ביינדלאך פון טיש, און פראָבלעמען זיינען פאראן אזויפיל. קירצן זיך טאטעס און מאמעס די יאָרן, שלאָפן טאטעס און מאמעס נישט קיין נעכט, וויטיקן זיי טאקע, ליידן זיי און גיסן טרערן. אָבער וואָס פאר א ווערט האָט דאָס אלץ אין פארגלייך מיט די נישט אויסגעוויינטע טרערן, מיט די נישט אויסגעקרעכצטע

קרעכצן פון מיליאָנען און מיליאָנען אומשולדיקע קרבנות, וואָס צאָלן פאר דעם פארברעכן פון דער געזעלשאפט קענען זיי מיט זייערע ליידן אין דער קינדהייט און מיט זייערע צעבראָכענע לעבנס ביים "לעבן". די בעסטיאליטעט, דעם "קאזארמע" גייסט דעם מלחמה גייסט פונם ארום ברענגען מיר אַבער, א דאנק אונזער אומוויסנהייט, אריין אין שטוב. און ליידן ליידט דאָס קינד.

יאָ, אויף אלץ איז דאָ אין דער געזעלשאפט, אויף אלץ, אָבער ניט פארן קינד. זיינען אָבער מיר, מיר אליין די ארבעטנדיקע און פאָלקס מאסן, נישט בעסער. מיר זיינען גרייט אויפצוהויבן א ויצעקו, ווען א שטאָט פארוואלטונג שניידט דעם בודזשעט פאר בילדונג, און אליין? . . שניידן מיר דען ניט אליין אונזערע בודזשעטן פאר קינדער דערציאונג גזלנ׳יש? קארעלאך ווילט זיך אונז און מיר קריגן זיי; שיינע "באַנגעלאך", הייזעלאך גלוסט זיך אונז און מיר קריגן זיי; אָבער שולן, אין שוים פון וועלכע מיר טרויען אָן אונזערע קינדער, שולן אָבער ווערגן זיך פינאנציעל, און ליידן פון א כראָנישן, פינאנציעלן גוסס׳ן. ווען מיר גיבן פאר די שולן אָפּ כאָטש א פערטל פון דעם, וואָס מאמעס פארנוצן אָף פוצן זיך, אָף פודער און אויף ליפּן פּאָמאַדע; ווען מיר גיבן אָפּ די שולן כאָטש א פערטל פון דעם, וואָס טאטעס פארשפּילן אין קאָרטן, וואָס טאטעס גיבן אוים אויף זאכן, אָן וועלכע זיי וואָלטן געקענט גוט אויסקומען, וואָלטן אונזערע שולן געבליט. אונזער באציאונג צו שול סימבאָליזירט אונזער געדולד, באציאנג, אנזער גרייטקייט פארן קינד און אונזער"פארשטיין" דאָס פּראָבלעם קינד. דערפאר אזוי ווייניק איינזעעניש צום קינד און אזויפיל ברוטאליטעט, אזויפיל שטראָפן, כעס׳ן, געשרייען און פארליבטקייט אין דיסציפּלין.

מיר האָבן געמעגט זיך צוקוקן צום לעבן פון חיות, צום לעבן פון די באשעפענישן, וואָס לעבן פונקט ווי מיר א געזעלשאפטלאך לעבן, אָבער אָן מיינס און דיינס. מיר האָבן געמעגט זיך צוקוקן צום לעבן פון די חיות, וואָס מיר האלטן זיי נידעריקער פאר אונז, אָבער פון וועלכע מיר וואָלטן געמעגט א סך לערנען. מיר וואָלטן געמעגט זיך לערנען פון זיי, ווי זיי, די

חיות, לעבן צווישן זיך, ווי זיי דערציען זייערע קינדערלאך, ווי זיי לעבן קאָמוניסטיש, מענטשלאך, וואָס פאַר א פריינטשאַפט עס הערשט צווישן זיי און ווי פול מיט גליק און פרייד איז דער־פאַר זייער לעבן. אונזער לעבן איז אָבער פול מיט האַס, קנאה, שנאה און קאָנקורענץ. אפילו די שפילערייען, וואָס אונזערע קינ־דער שפילן זיינען פול מיט דעם מין גייסט. אפילו די לימודים אין די סקולס און אין די אוניווערסיטעטן זיינען ניט פריי פון קאָנקורענץ, פון ווערן אריבעריאָגן, אריבערשטייגן, ארויסכאַפּן. פון דעם דאָס ניט פארגינען, פן דעם די חלומות צו זיין רייכער און מעכטיקער, פון דעם צעבראָכנקייט, אנטטוישונג, נערוועזיטעטן און קראנקהייטן.

קוקט זיך צו ווי די חיות עסן. ווערט א וואָלף עפּעס וואָס כאַפּן, וועט ער זיך ניט אוועקשטעלן עסן איינער אליין. ער וועט גלייך געבן א צייכן, אָן אויסגעשריי צו זיינע נאָענטע און פרעמ־דע. ס'קלייבן זיך אמאָל צענויף 10, 15 און אמאָל מער וועלף און מען עסט רואיק, איידל (אָן דיסציפּלין), ניט געכאַפּט, כאָטש מען איז הונגעריק ווי וועלף . . .מיר אָבער ווייזן אָפּטמאָל אַף באַנקעטן ארוים אזויפיל מיאוס'ע שטריכן, אז ס'נעמט אָן א שרעק. מיר כאַפּן א בעסערן ביסן צו, מיר הייבן אָן צו "שטאָפּן" אין מויל אריין, איידער די רעדנער ענדיקן נאָך זייער רעדן. מיר בייטן טעלער, מיר! און אויף מאָרגן גייען מיר ארוים פון די כלים, שלאָגן מיר אונזערע קינדער פאַר אזא איידלקייט. און אין דער היים? אלע סקאַנדאַלן, אלע געשרייען, אלע כעס'ן און אלע "מענטשלאכקייטן" קומען פאָר דווקא בעת'ן מאָלצייט. א סימן, אז ווי מיר טרעפן זיך נאָר ביים טיש, אלע צוזאמען, דער־וואכט אין אונז דער "ציוויליזירטער" מענטש.

קוקט זיך צו ווי די זשוקעס ליגן זייערע אייעלאך אין פוילנדיקע טויטע קערפּערס פון קעץ, מייז, פרעש אָדער פיי־געלאך. אָן קריגערייען, אָן ווערן אויסכאַפּן, אָן וועלן לייגנער פארבלביין אפן קערפּער, אָן זוכן פאַר זיך מער באקוועמלאכ־קייטן (און אָן קלעפּ, און דיסציפּלין), ווארט זיך יעדעס זשו־קעלע זיין ריי רואיק, שטיל, געדולדיק און חבר'יש, ניטאָ קיין

געפינען תירוצים פאַרוואָס דעם אָדער יענעם געהערט מער, צי פאַרוואָס דער אָדער יענער דאַרף עס קריגן פריער.

קוקט זיך צו ווי די לאַנד־קרעבסן וואַנדערן צום ים אין די מיליאָנען. קוקט זיך צו און איר וועט באַוואונדערן זייער פריינטשאַפט, קעגנזייטיקע הילף און קאָאָפּעראַציע. וועגן מחלוקת איז אָפּגערעדט, זיי זיינען דאָך נישט קיין מענטשן!

קוקט זיך צו צום לעבן פון די מוראַשקעס, קוקט זיך צו צו זייער לעבן אין גייסט פון איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם, קוקט זיך צו צו זייער פריינטשאַפט, חבר׳שאַפט און שטילקייט. זיי ווייסן נישט פון קאָנקורענץ, פון שנאה, פון האַס, פון אַריבעריאָגן. גייט אַ ריי צו דער אַרבעט, וועט קיין מוראַש־קע נישט וועלן קומען פריער, וועט קיין מוראַשקע נישט וועלן זיך פאַרלאָזן אויף דער צווייטער, וועט קיינער נישט אויסזוכן קיין גרינגערע אַרבעט. זיי ווייסן פון דעם נישט, פונקט ווי זיי ווייסן נישט פון קיין פוילקייט. אָפּטמאָל, אַז מען קוקט זיך צו צו זייער לעבן, פרעגט מען זיך, וואָס פאַר אַ קללה ליגט עס אויף דעם מענטשן מין?

דערציילט סעווערצעוו ווי די אָדלער "די ווילדסטע", רופן אַנדערע אָדלער צו מאָלצייטן, ווי רואיק פריינטלאַך זיי עסן זייער מאָלצייט, ווי איין טייל היט זיי, בעת זיי עסן, שפּעטער וועלן זיי היטן די אַנדערע פון אָנפאַלן.

קראָפּאָטקין דערציילט פון צענדליקער פאַלן פון פויגלען, וואָס פאַראייניקן זיך אין יאָגד, ווי חבר׳יש און ווי שיין זיי באַציִען זיך איינס צום צווייטן. וואָס פאַר אַ קאָנצערטן, פאַר־ווײַלונגען און שפּילערייען זיי פירן דורך צווישן זיך, אָן דעם סמ׳יקן עלעמענט פון קאָנקורענץ, האַס און קנאה, וואָס איז אַזוי אין בלוט און פלייש אינעם מענטשן אַ דאַנק דער געזעל־שאַפטלעכער אָרדנונג.

אַ מוטער פייגל, אַ מוטער מוראַשקע, אַ מוטער קו זאָל שלאָגן בריקעווען אַ קינד זייערס — ניין. דאָס קאָן נאָר טרעפן אין אויסנאַמפאַלן, אין זעלטענע אויסנאַמפאַלן.

און נישט נאָר צום לעבן פון די חיות, צום לעבן פון די פּרימיטיווע פעלקער, וואָס אונזער ציוויליזאַציע איז צו זיי נישט

דערגאנגען, וואָלטן מיר באַדאַרפט זיך צוקוקן און לערנען. מיר וואָלטן גלייך דערזען, אַז אין אונז, אין אונזער אַרט לעבן, אין אונזערע באַציאונגען צווישן זיך, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון אונזער געזעלשאַפטלאַכער אָרדנונג, ליגט די צרה פון אַלע צרות, וואָס מיר "האָבן" פון אונזערע קינדער.

באַשרייבט קאָלבן די האָטענטאָטן, אַז אַ וואָרט ביי זיי איז הייליק, אַז זיי זיינען זייער פריינטלאַך און תמיד גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר אַ נאָענטן פריינט, צי פאַר אַ שכן, אַז די גרעסטע שמחה, די גרעסטע פרייד איז ביי זיי, ווען זיי קאָנען טאָן עמיצן גוטס, ווען זיי קענען אויסטיילן מתנות, אַז זייערע ריינע מדות און גערעכטיקייט איז פשוט צו באַוואונדערן. האָבן זיך טאַקע זייערע קינדער פון וועמען צו לערנען.

באַשרייבט דזש. ל. בינק די פאַפּואַסן, אַז זיי לעבן צווישן זיך אין וואַרימסטער פריינטשאַפט, אַז זיי זאָגן קיינמאָל, אונטער קיינע אומשטענדן נישט קיין ליגן, אַז זיי ווילן קיינמאָל אונטער קיינע אומשטענדן ניט צוזאָגן קיין זאַך, וואָס זיי פילן, אַז זיי וועלן ניט קאָנען מקיים זיין, אַז זיי זייען אַלע צוזאַמען און טיילן זיך דעם קראַפּ, אַז זיי ווייסן ניט פון קיין מחלוקת. און אַ קינדער שלאָגן ? — ניט געהערט אַזוינס. בינק האָט מיט די דאָזיקע פאַפּואַסן געלעבט 12 יאָר צייט און מעקליי 3 יאָר.

באַשרייבט פּעטער קראָפּאָטקין אויפן סמך פון אַ סך פאָרשונגען פון קאַפּיטאַן האָלם, דר. רינק, דאָלל, אַז די עסקימאָסן, וואָס לעבן אַ קאָמוניסטיש לעבן, לעבן צווישן זיך אין גרויס פריינטשאַפט, אַז לעבנדיק אין די אַזוי־גערופענע "לאַנגע הייזער", אַ סך פאַמיליעס צוזאַמען, קומען צווישן זיי קיינמאָל ניט פאָר קיין מחלוקת, קיין סכסוכים, אַז זיי ווייסן ניט וואָס מיינט זידלען עמיצן, וואָס מיינט זאָגן אַ שלעכט וואָרט, און פונקט אַזאַ באַציאונג איז צו קינדער, אַז דער איינציקער שופט, דער איינציקער ריכטער, איז די עפנטלאַכע מיינונג און די האַרבסטע שטראָף איז, ווען נויטיק, פאַרשעמען אין פנים פון שבט.

צווישן די עסקימאָסן רייסט זיך אַריין דאָ און דאָרטן די אינסטיטוציע פון פּריוואַטער אייגנטום. ווערט אָבער איינער רייך, רופט ער צונויף זיינע לאַנדסלייט, מאַכט אַ גרויסן יום־

טוב, טוט זיך אָן אין שיינע קליידער און צעטיילט צווישן זיי זיין גאנצן פארמעגן.

נאָכן יום־טוב, אויף וועלכן ער שיינקט אפילו אוועק די יום־טוב קליידער, איז ער דער אָרימסטער און דאן דערקלערט ער, אז ער איז רייך, מחמת דער פריינשאפט און חבר'שאפט פון זיינע לאנדסלייט. דאָס איז ביי אים דער גרעסטער אוצר. זייער ערלאכקייט, געטריישאפט, גרייטקייט און אויפריכטיקייט איז נאָר צו באוואונדערן.

פאראן צווישן די עסקימאָסן שבטים, וואָס א מיטגליד פון דעם שבט, וועט דירעקט קיינמאָל קיין זאך ניט פארקויפן. ער שעמט זיך פשוט צו האנדלען. ער וועט עס אפשר טאָן אין נויט, נאָר דורך א דריטן פערזאָן. פאראן שבטים, וואָס ווייזן ארויס א געזונטע, ביז צו באוואונדערן באציאונג צו קינדער. זיי וועלן ניט קושן, ניט האלדזן, ניט גלעטן, ניט שמאָטשקען דאָס קינד. זיי וועלן פון דער צוויטער זייט ניט שטראָפן, ניט שלאָגן חלילה, זיי וועלן אָבער ארויסווייזן איינזעעניש, דרך־ארץ צום קינדס פערזענלאכקייט. זייער איידלקייט, גראדליניקייט, אמת־דיקייט אין באצוג צו פריינט און שכנים איז נאָך אויסגעשפראָ־כענער אין באצוג צו קינדער. נו ? איז דען א וואונדער, וואָס זייערע קינדער זיינען אנדערש ? אונזערע קינדער זיינען קר־בנות פון אונזער ארום, פון אונזער סביבה, פון אונזער געזעל־שאפטלאכער ארדנונג און פון אונז אליין.

ביי פראנציסקא פ. א. ארסואגא האָב איך, צווישן זיינע דער דאָזיקער באלאדע דערציילט ער אונז א מלחמה עפיזאָד. "פרעלודיעס פון קאמף" געפונען א באלאדע "דיסציפלין". אין "די ארמיי קומט אריין אין א דאָרף : די איינוואוינער — רעשט־לאך — ווייבער, קינדער און זקנים — שיצן זיך אין אן אלטער געביידע". "שעכט אוים". באפעלט דער קעניג. "די אלע, וואָס האָבן זיך אין דער חורבה פארקליבן". פלוצלונג טרעט ארויס א סאָלדאט פארן קעניג און זאָגט : "פארשפאָר אונז דעם פיין אזויפיל בלוט (פון אומשולדיקע) צו פארגיסן מיט אונזערע הענט", לאָמיר זיי אויפרייסן מיט פולווער. דער דאָזיקער סאָל־דאט רופט זיך ארוים אָנצוצינדן דעם קנויט, וואָס וועט אויפ־

רייסן די חורבה, די מענטשן און דעם סאָלדאַט, דעם פּולווער
אָנצינדער. דער סאָלדאַט זאָגט דעם קעניג : "דאָס איז מיין גע־
בורטס שטעטל. אין דעם דאָזיקן הויז געפינען זיך מיין טאַטע־
מאַמע און מיינע ברידער־שוועסטערלאַך. איך וויל זיי איינשפּאָרן
דעם גרויל פון א שחיטה, און באַגלייך מיט זיי וועל איך אויך
פון א שנעלן טויט געניסן". פון דערווייטנס דערקאָנען פאָטער־
מוטער זייער זון, ברידער־שוועסטערלאַך זייער ברודער —
ס'איז א שמחה, א פריידי. דער סאָלדאַט "גייט" א וויינענדיקער,
ווישט זיך די טרערן אוים מיט דעם אויבערפלאַך פון האַנט,
האלט אין איין שלוכצן, הויבט זיין בליק אויף צו דער מוטער
זיינער און צו זיינע ברידער־שוועסטערלאַך, און מיט א ביטערן
שמייכל אף די ליפּן (א צעריסענער פון גיהנום ליידן), לייגט ער
צו דעם ברענענדיקן פאַקל צו איינעם פון די פּולווער פאַסן".
א שוידערלאַכער קראַך, רויך, פייער, שטיקער געביידע, הענט,
פים, שטיקער קערפּער פליען אין דער לופטן. דעם סאָלדאַטס
קערפּער ווערט אָפּגעשליידערט ביז צו די פים פון דעם קעניג.
דער קעניג הייסט צום טויטן קערפּער פון דעם סאָלדאַט צו־
טשעפּען דעם העכסטן מעדאל . . . ליגט אזוי דער "העלד" מיטן
מעדאל און מיט א פאַרגליווערטער טרער נאָך אפן פּנים . . .
און מיט א קללה אף די ליפּן, וואָלט איך פאַרענדיקט די באַלאַדע.

יאָ, ער האָט געוואָלט פאַרגרינגערן זיינע נאָענטסטע זייער
טויט, ניט פאַלנדיק אפילו, אז ווען ער און זיינס גלייכן צינדן
אָן א פּולווער פאַס קעגן די, וואָס ברייינגען צו אזוינע "קידוש
השם'ען", צו אזוינע דיסציפּלינען, וואָלט ער און זיינס גלייכן
ניט פאַרגרינגערט זייערע נאָענטע דעם טויט, נאָר באַפרייט
זיי זייער לעבן.

און כאָטש ס'איז א גרויסער פאַרברעכן אין אלץ צו באַ־
שולדיקן די איצטיקע געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג, און כאָטש
ס'איז מער ווי א פאַרברעכן צו פאַרלייגן די הענט און וואַרטן
ביז משיח וועט קומען — וועט דאָס מענטשלאַכע אין דעם
מענטשן פולקאָם אויפבליכטן, נאָר דעמאָלט, ווען א מענטש
וועט א מענטשן ניט זיין קיין וואָלף, ווען מענטשן וועלן צוריק
קריגן זייער צלם אלהים, ווען דער מענטש וועט זיך אזוי דער־

הויבן, אז אַף יעדערן וועט שיינען די שכינה. דערפאַר זאָלן צענפאַך געהייליקט ווערן די, וואָס האָבן אין צייט, אין אָרט און אין דער אמת׳ער ריכטונג געצונדן קנויטן און אויפגעריסן שטיקער אלטער וועלט. זאָלן זייערע נעמען געהייליקט ווערן און זאָלן געהייליקט ווערן די, וואָס וועלן נאָך צינדן, מחמת יעדער אויפרייס, אין דער אמת׳ער ריכטונג, זאָגט אָן די בשורה פון באַפרייאונג, זאָגט אָן די בשורה, אז ס׳איז נאָענט די צייט, ווען דאָס קינד וועט קאָנען אריינגעגלידערט, אריינגעפלאנצט ווערן אין א גן־עדן גאָרטן, עס זאָל שיינען, עס זאָל בליען, עס זאָל וואקסן! עס זאָל ניט דארפן פאר׳סמ׳ט ווערן פון די גייס־טיקע סמ׳ען פונם ארום עס זאָל ניט דארפן ליידן פון די קאַ־זארמע דיסציפלינען, וואָס דערשטיקן מיט גוואלד שטימונגען און געפילן און דראנגען, וואָס דער ארום רופט ארוים, וואָס דערשטיקן מיט גוואלד פּראָטעסטן, אומרואיקייטן, וואָס זיינען א רעזולטאט פון תמיד׳יקן שטיקן און ווערגן אין זיך אמת מענטשלאכע געפילן.

דערפאר האלט איך, אז די פראגע פון בייטן די ארדנונג איז נישט נאָר א פראגע פון פארניכטן די וועלט פון הונגער, די וועלט פון נויט, די וועלט פון מלחמות; דערפאר האלט איך, אז די פראגע פון בייטן די אָרדנונג איז נישט נאָר א פראגע פון צעברעכן די בייטש, וואָס יאָגט און פלאָגט, איז נישט נאָר א פראגע פון באפרייען די ארבעט און, אז די ארבעט זאָל זיך ניט איינעסן, ווי א זשאווער אין די ביינער, און די רו זאָל זיין אזוי פריי, אז דער מענטש זאָל קאָנען פארנעמען דאָס געזאנג פון די פייגעלאך און דעם גערויש פון די גרעזעלאך. ניין, די פראגע פון בייטן די ארדנונג איז נישט נאָר א פראגע פון דעם, אז אר־בעט זאָל נישט געיאָגט ווערן פונם בייטש פון הונגער. די פראגע פון בייטן אונזער געזעלשאפטלאכע אָרדנונג דארף ווערן א פראגע פון אויפוועקן דאָס מענטשלאכע אין אונז, דערהויבן זיך אליין, כדי צו באפרייען אונזערע קינדער פון זייערע צרות, פון זייערע זאָרגן, וואָס דריקן זיי, און שטיקן זיי, און ברעכן זיי די פליגלען פון גייסט.

קאָלעקטיוויזם, קאָמוניזם לערנט מען אונז איז א אידייע פון ברידערלאכער ארבעט און פון עקאָנאָמישער גלייכהייט. כ'האלט, אז נישט דאָס דארף זיין דער צוגאנג, ניט דאָס דארף זיין די דערקלערונג. קאָלעקטיוויזם, קאָמוניזם מיינט די אידייע פון א געאייניקטער מענטשהייט, וואָס האָט איין מענטשלאכן ציל אין לעבן. וואָס מיינט עס א געאייניקטע מענטשהייט, אן אינערלאך געאייניקטע ? אז עס קומט דער ווינטער און די פויגעלאך פליען אין די ווארימערע געגנטן, פליען אין די ווארימע לענדער, הערשט, בעת'ן אריבערפליען ימ'ען, א רירנדיקע ברידערשאפט און חבר'אשפט אפילו צווישן אזוינע פויגלען, וואָס פרעסן זיך איינע די אנדערע. אלץ ווערט פארגעסן, איין געאייניקטע פויגלשאפט, מיט איין ציל צו דערגרייכן דאָס לאנד פון זון, דאָס לאנד פון טאָגיקייט. נישט נאָר דאָס. די פויגעלאך וואָס ווערן אָנגפעשוואכט פון פליען, ווערן ארויפגענומען אויף די פליגלען פון זייערע נעכטיקע אפשר שונאים. יאָ, איין ציל פאראייניקט און רופט ארויס די הערלאכסטע און שענסטע געפילן. קאָמוניזם, קאָלעקטיוויזם איז די אידייע פון א וועלט, פון א מענטשהייט מיט איין ציל, פון א לעבן פון איינער פאר אלע און אלע פאר איינעם. אין דעם ליגט דאָס גרויסע, דאָס הערלאכע. דאָס איז דער קוואל, וואָס פרישט אָפּ די שענסטע געפילן, און וואָס וואשט אָפּ דאָס קליינלאכע, דאָס מיאוס'ע. איך האלט, אז אברהם אבינו האָט מיט זיין מאָנאָטעאיזם, מיט זיין אידייע פון איין גאָט, פון איין אידעאל פאר אלץ און פאר אלעמען, געהאט אין זינען אָט דעם קאָלעקטיוויזם, האָט פארויסגעזען דעם פראכט פון א לעבן, ווען א מענטשהייט האָט איין ציל, איין אידעאל, ווען א מענטשהייט לעבט אין גייסט פון איינער פאר אלע און אלע פאר איינעם. וואָס פאר א הערלאכע וועלט, וואָס פאר א זוניקע סביבה דאָס וואָלט געוועזן, פאר אונזערע בלימעלאך פון לעבן, פאר אונזערע קינדערלאך ! דערפאר האלט איך, אז די פראגע פון בייטן די געזעלשאפטלאכע אר־דנונג איז א פראגע פון ראטעווען דאָס קינד. קופערניק האָט געשאפן א גאנצע רעוואָלוציע אין אונזער לעבן, מיט זיין אנט־דעקן, אז נישט די ערד איז דער צענטער פון דעם אוניווערס,

נאָר די זון. אזוי מוז און דאַרף ווערן דער צענטער פון אונזער לעבן, דער צענטער פון אונזער שטרעבן — דאָס קינד. דאָס ליכטיקע, וואָס מיר ווילן ס'זאָל אויפשטראַלן, וואָס מיר ווילן ס'זאָל אויפטויכן אינם קינד, און דאָס פינסטערע, וואָס שלאָגט ארויס פון אים, וואָס צעברעכט אונז, קאָן ווערן דער גרעסטער כח, וואָס זאָל פירן די מענטשהייט אין קאַמף פאַר א נייער וועלט.

די נייע געזעלשאַפט וועט נישט לעבן פאַרן קינד, זי וועט אָבער לאָזן דעם קינד לעבן! אין טויזנטער ביכער, אין טויזנטער ספרים פון די עלטסטע צייטן, געפינען מיר צעוואָרפן פערלען פון געבאָטן, בריליאַנטענע אָנווייזונגען און אָנדייטונגען, ווי צו צוקומען צום קינדס נשמה. אָבער ווי נאָר א געוויסע עפּאָכע פלעגט זיך א נעם טאָן ערנסט צו דעם ענין, פלעגט זייער אָנהייב איבערגעריסן ווערן פון "וויכטיקערע אויפגאבן". די "וויכטיקערע אויפגאבן" זיינען עס אין א גרויסער מאָס שולדיק פאַר דער אומוויסנהייט פון אונזערע מאַמעס און טאַטעס אין פראגן פון דערציאונג. אך, ווען מאַמעס וואָלטן געוואוסט, ווי פאַטאַל די קלענסטע, די אומשולדיקסטע פון אויבן אויף פאַסירונגען און האַנדלונגען רופן זיך שפּעטער אָפּ אָף דער נשמה פון קינד! יאָ, קלייניקייטן, וואָס ברענגען אָפט מאָל א סך צרות, וואָלטן געוואוען געקאָנט גרינג אויסגעמידן ווערן, ווען מען איז נישט אזוי פינסטער, ווען מען לערנט, ווען מען פאָרשט, ווען מען שטודירט די נשמה פון קינד. כאָטש מיט דער אינטערעס, מיט וועלכן מען באַציט זיך צו א נייעם טאָרט־רעצעפּט, צו א נייעם לעקאַך רעצעפּט, צי גאָר צו א נייעם פאַסאָן פון א קלייד . . .

יאָ, פון קלייניקייטן קומען ארויס א סך צרות. ־אָט וויל, למשל, א קינד בשום אופן נישט עסן, די מוטער איז פאַרזאָרגט, דער טאַטע פרעגט, די ערשטע זאַך ביים אריינקומען אין שטוב, צי דאָס קינד האָט געגעסן. דער קליינער קאַראַפּוזיק, עסט נישט, עס פירט אָן זיין הונגער שפּיל ווייטער. עס האָט פון דעם דאָזיקן ענין א סך פאַרגעניגן. מען האַלט אין איין ריידן וועגן זיין נישט עסן. עס איז דער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט. אים געפעלט דער עסק. אמת, עס צאָלט א טייערן פּרייז

פאַר די דאָזיקע פאַרגעניגנס, עס צאָלט מיטן הונגער, אָבער ס׳לוינט זיך. צאָלן מיר דען נישט, מיר די "חכמים", "די קלוגע", די "אלץ ווייסער", צאָלן מיר דען ניט פאַר אונזערע פאַרגעניגנס מיט יאָרן לעבן, מיט יונג גרוי און אלט ווערן ? וויפל מאמעס פאַרשטייען דאָס דאָזיקע, וויפל מאמעס פאַרשטייען אזא האנד־לונג, אזא שפיל פונם קינד ? מען שלאָגט אים, מען באשטראָפט אים, מען שלאָפט ניט קיין נעכט, מען פאַרפינסטערט זיך דאָס לעבן, דאָס קינד אָבער פירט דעם דאָזיקן שפיל עקשנות׳דיק ווייטער און האָט נחת פון דער אויפמערקזאמקייט, וואָס מען טיילט אים צו. דאָס קינד ווייסט נעבאך נישט, אז עס וועט טייער באצאָלן פאַר דעם דאָזיקן שפילן, אז עס צערט זיך אָפּ, דווקא דעמאָלט, ווען זיינע פיזישע כחות דאַרפן זיך פאנאנדער־וואקסן. האָט מיר א מוטער דערציילט, אז זי האָט יאָ פאַרשטאַ־נען איר קינדס שפיל און האָט אזוי געהאנדלט : זי פלעגט אוועק־שטעלן דאָס עסן לעבן דעם קינד און, אויב עס האָט ניט געגעסן, פלעגט זי עס צונעמען צוריק. זי האָט בשום אופן ניט געגעבן קיין עסן דעם קינד אין דער צווישן צייט, צווישן מיטאָג, ווע־טשערע און א. וו. פאָטער און מוטער פלעגן צווישן זיך האלטן אין ריידן, אין קעגנווארט פון קינד, אז משמעות וועט ער שוין זיין אזא קליינער עסער. ניט געפערלאך. ס׳איז אוועק א קורצע צייט און דער בחור האָט אויפגעהערט צו שפילן דעם שפיל, מחמת עס האָט אים מער נישט אריינגעבראכט דעם פאַרגעניגן. עס האָט אָנגעהויבן עסן און טאקע ווי נאָך א הונגער. אמת, א מאמע טאָר עס אליין נישט טאָן. זי דאַרף זיך האלטן אן עצה מיט א דאָקטאָר, מחמת דער שפיל קאָן אמאָל קיין שפיל ניט זיין, דער שפיל קאָן זיין א רעזולטאט פון א וועלכער ס׳איז קראנקהייט.

דער ענין הויז־דאָקטאָר איז ביי אונז אוועקגעשטעלט אין זייער א נישט ריכטיקן ליכט. אויף אלץ איז דאָ. אויף קאָסט־בארע סעודות, כדי אויסצופיינען זיך פאַר שכנים, אויף א קאַר פאַר פאַרגעניגנס, אויף אלץ איז דאָ. קומט אָבער צום דאָקטאָר, ווערט מען אליין פראָפעסאָרן און פראָפעסאָרשעס. האָבן א באשטענדיקן הויז דאָקטאָר, וואָס לערנט זיך אוים אין משך

פון יאָרן צו קענען יעדן אָדערל, יעדן קנייטש אין קינדס קערפּער איז אָפּטמאָל א פּראַגע פון לעבן און טויט, טאַקע בפועל ממש, ניט גייסטיקן נאָר, נאָר אויך פיזישן. האָב איך אַמאָל געהערט ווי א פרוי טענה'ט צו איר מאַן צו וואָס ער דאַרף דעם שותּף זיינעם. "דער שותּף מיינער", האָט א זאָג געטאָן דער מאַן, "ווען ער זיצט אפילו אין קאַבינעט און רויכערט נאָר פּאַפּיראָסן, פאַרדינט ער זיין חלק". דער דאָקטאָר, וואָס "קאָסט אָפּ" נעבאַך "אַזויפיל", דער דאָקטאָר, ווען ער קומט אפילו אריין אין שטוב דעמאָלט, ווען מען וואָלט געקאָנט אויסקומען אָן אים, פאַרדינט פאַר זיין טרחה — ער מיידט אויס א סך צרות און א סך אומגליקן. ווען וועלן מיר דאָס אַמאָל פאַרשטיין. זיינען אָבער פאַראַן פּראָבלעמען מיט קינדער, וואָס מיר אליין קאָנען לייזן, מען דאַרף נאָר זיך אביסעלע אריינטראַכטן, טראַכטן מיר אָבער זייער ווייניק. די איצטיקע געזעלשאַפטלאכע אָרדנונג האָט אונז אויסגעלערנט, אַז מען וועט שוין פאַר אונז טראַכטן, און אַזוי קאָנען מיר אָפּטמאָל ניט דערטראַכטן, קאָנען מיר זיך אָפּטמאָל ניט כאַפּן אויף דאָס קלענסטע.

אָט כאַפּט זיך אויף דאָס עפּה'לע און מאַכט קולות. מען לייגט אים א קאָמפּרעס, מען שמירט אים איין דאָס בייכעלע, מען נעמט אים אויף די הענט, ס'העלפט נישט. דאָס קינד וויינט. לויפט דער טאַטע מיט אים אַרום איבער דער שטוב, אונטערטאַנצנדיק. די מאַמע קלאַפּט אין טאַצן, ביז דאָס קינד שלאָפט איין. ביידע זיינען גליקלאַך, איבערגעגאַנגען. אויף מאָרגן ביינאַכט ווידער די זעלביקע געשרייען, ווידער א קאָמפּרעס, ווידער א וואַרימע פלאַש צום בייכעלע, מען גיט עס עסן, מען הוידעט עס, עס העלפט נישט. וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט ? דאָס קינד וויל דעם נעכטיקן "ספּעקטאַקל". דער טאַטע זאָל אַרומלויפן, די מאַמע זאָל קלאַפּן אין די טאַצן, דעמאָלט וועט עס "איבערגיין". פאַראַן קינדער וואָס האַלטן אין איין ברעכן, מחמת דאָס ציט צו אויפמערקזאַמקייט. מעגן דאָס מאַמעס פאַרשטיין, פאַראַן אָבער פאַלן, וואו דינסטן רייבן די געשלעכט אָרגאַנען אָדער דעם אַנוס ביים קינד, כדי אים צו באַרואיקן, כדי אים איינצושטילן. שפּעטער "פּלאַצט" עס שרייענדיק, פאָדערנדיק,

פאַרשטייט זיך אַן ווערטער, און מ׳קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס דאָס קינד וויל. עס זיינען פֿאַראַן פאַלן, וואו מאַמעס גיבן דעם קינד אביסעלע בראַנפן, כדי עס איינצושלעפערן, מחמת מען מוז וואָס גיכער פּטור ווערן פון קינד. מחמת געסט קומען, אָדער מען דאַרף זיך צואיילן צו א קאָרטן שפּיל, צי אפשר גאָר צו א פאַרזאַמלונג. מען איז דאָך עפּעס וועלט פאַרזאָרגער. שפּעטער "פּלאַצט" דאָס קינד שרייענדיק און מ׳קאָן זיך ניט אָנשטויסן, וואָס דאָס קינד פאַרלאַנגט. אזוי געוואוינען מאַמעס און טאַטעס צו קינדער, אפילו אין די שפּעטערע יאָרן, צו געוויסע געוואוינהייטן פון וועלכע די קינדער ליידן, פאַר וועלכע די קינדער צאָלן. און וועלכע די טאַטעס ווילן אויסוואָרצלען מיט דער זעלבער "אינטעליגענץ", מיט וועלכער זיי האָבן דאָס "אריינגעקלאַפּט" אינעם קינד . . .

אמת, ס׳זיינען פאַראַן אַנדערע מאַמעס, א סך אַנדערע מאַמעס. זיינען אָבער פאַראַן מאַמעס, וואָס זיינען שוין צופיל מאַמעס. דאָס טויג אויך נישט. ליבע איז געזונט פאַרן קינד, אויפמערקזאַמקייט איז ליב דעם קינד, אָבער ווען? ווען מיט א מאָס, ווען מיט א וואָג, מיט שכל, ווען מיט פאַרשטענדניש, און מיט וויסן. כדי צו וויסן די מאָס, דאַרף מען לערנען, דאַרף מען לייענען, דאַרף מען זיך צוהערן צום דאָקטאָר, צום לערער, דאַרף מען באַזוכן לעקציעס, דאַרף מען שטודירן, דאַרף מען אויפמערקזאַם באַאָבאַכטן דאָס קינד, דאַרף מען פאַרשטיין, אַז א קינד איז באַרעכטיקט צו זיין א קינד. פלעגן אַמאָל אונזערע באַבעס איבערקייען ברויט מיט זייערע אפשר "פּייאָריע", צייגער און עס אריינשטאָפּן דעם קינד אין מויל אריין. אונזערע "מאָדערנע" מאַמעס וועלן דאָס זיכער נישט טאָן. פלעגן אַמאָל אונזערע באַבעס געבן דעם קינד אין מויל אריין א שמאַטקעלע מיט א שטיקעלע צוקער עס זאָל סמאָטשקען, אונזערע "מאָדערנע" מאַמעס וועלן דאָס ניט טאָן. גייסטיקע שפּייז אָבער גיבן אונזערע טאַטעס און מאַמעס זייערע קינדער "צעקייטע", מחמת זיי ווייסן, אין דורכשניט, ניט קיין סך מער פאַר זייערע באַבעס און זיידעס. ווייל תמיד האָט די וועלט געהאַט וויכטיקערע פּראָבלעמען פאַר זיך. אונזערע טאַטעס טראָגן נאָר מאַ־

דערנע קליידער, שערן זיך און פוצן זיך מאָדערנער. דער צוגאַנג אָבער צום קינד איז נישט ווייט פון דעם צוגאַנג, וועלכן אונזע־רע זיידעס און באָבעס האָבן געהאַט. הייבט אָבער אָן דאָס קינד צו "זינגען" לידער, וואָס וואַרפן אָן א שרעק, הייבט אָבער אָן דאָס קינד צו "טאַנצן" טענץ, וואָס וואַרפן אָן א גרויל, באַשול־דיקט די מאַמע ניט זיך חלילה, ניט איר היים חלילה, ניט איר אומוויסנהייט חלילה, ניט די געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג חלילה, ניט די צייט חלילה! נאָר דעם קינד. דעם אומשולידקן קרבן. פאַראַן מאַמעס, וואָס ווײנען, זעענדיק פאַר זייערע אויגן נאָר דעם "שיינעם" נעכטן, פאַראַן מאַמעס, וואָס באַשולדיקן נאָר דעם היינט, נאָר די איצטיקע צייט, די געזעלשאַפטלאַכע אָרד־נונג. ווי אומגערעכט די ביידע זאָלן ניט זיין איז אָבער צענפאַך אומגערעכטער צו באַשולדיקן דאָס קינד.

ווען דעם נעכטן האָבן מיר שוין א סך גערעדט. דערלויבט מיר אייך, ליבע מוטער, צו זאָגן, אז אויך די, וואָס וואַרפן די גאַנצע שולד, איר הערט, די גאַנצע שולד אויף דער קאַפּיטאַ־ליסטישער געזעלשאַפט, זיינען אויך ניט גערעכט. אמת, די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט. אין וועלכער "מענטשן לעבן שוין לאַנג ניט לויט זייערע איבערצייגונגען, די מאָדע איז דער אָפּגאָט, די עפנטלאַכע מיינונג די בייטש" (עלן קי), אמת, די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז סם המות פאַרן קינד, אָבער דאָך קאָנען שאַרפקייטן אָפּגעטעמפּט ווערן, קאָנען א סך צרות פאַרמידן ווערן.

דאָך קאָן דער גייסט פון ליבע און שלום, דער גייסט פון פריינטשאַפט און מענטשלאַכקייט אריינגעבראַכט ווערן אין די היימען אפילו פון היינט. האָבן מיר דאָך געהאַט און מיר האָבן נאָך היינט קראָפּאָטקינס, אנס—קים, נפתלי באָטווינס, דעבסעס, זשעליאַבאָווס, פינגערס, לייוויקס, פרצ'עס, כאַראַכאָווס, וואָלי־שעס, לענינס, שטיינבערגס וואָס אלס מענטשן זיינען זיי געווען און זיינען א כבוד פאַר דעם מענטשלאַכן מין. ליבע און פרייהייט זיינען מאַגנעטישע כחות וואָס וועקן אין קינד דאָס טיף פאַר־באָרגענע, מענטשלאַכע. דעם קינדס גייסט, קאָן געשפּייזט ווערן, נאָר מיט ליבע. און ליבע איז מעגלאַך, אפילו אין די

היימען פון נויט. מען דאַרף זיך נאָר היטן פון איבערגעטריבע־נער ליבע, איבערגעטריבענע ליבע איז פונקט אזוי שעדלאַך, ווי טעראָר און אונטערדריקונג. ליבע מיינט דערמוטיקונג, אויפ־מערקזאמקייט, ווארימע באציאונג און דרך־ארץ צו דעם קינד ווי צו א פערזענלאכקייט. שטריינג זיין מיטן קינד מיינט עס זאָל פארשטיין, אז אלע מענטשן זיינען מענטשן, אז פרייהייטן מעג מען זיך דערלויבן, אָבער ניט אויפן חשבון פון צווייטן, אז א מענטש זאָל מען זיין. זאָגט קאסאנדרא די לערערן — דער־ציערן — בין צו מאיאַ, דעם עופה'לע בין, אז "דער ערשטער כלל, וועלכן א יונגע בין מוז גוט געדיינקען, איז דער, אז אין אלץ, וואָס זי טראכט און טוט מוז זי גלייך זיין צו אנדערע בי־נען" (די בין מאיאַ, וו. באנזעלס). דרך־ארץ צום קינד, וועט אויסלערנען דעם קינד צו האָבן דרך־ארץ צו אלעמען און צו זיינס גלייכן. שטריינג זיין פון צייט צו צייט מיטן קינד, מעג מען, אָבער אויסגעהאלטן, לאָגיש און שכל'דיק, דער סוף פון דער דאָזיקער שטרייגנקייט, מוז אָבער תמיד זיין ליבע און שלום, מחמת איין שמייכל איז גענוג, צו פארהיילן א וואונד, מחמת, איין שמייכל, אָבער א הארציקער, א איניק הייליקער איז גענוג ס'זאָל צעשמאָלצן ווערן די נשמה פון קינד. דאָס קינד ווארט נאָר אויף א שמייכל. יעדע שטריינגקייט מוז זיך ענדיקן מיט שלומאון ליבע, מיט דערמוטיקונג און טאָר ניט נאָכלאָזן קיין פארביטערטקייט. יאָ, דורך ליבע און נאָר דורך ליבע. אפילו חיות דרעסירט מען דאָך איצט דורך ליבע, ניטאָ מער די ברוטאלע אונטערדריקונג און שרעק.

ז. א. לילינא שרייבט אין דער זאמלונג "זומער שול", מאָס־קווע: "איך זע פריילאכע, לעבעדיקע און לאנגווייליקע, איך זע שיינע און ניט שיינע, גרויע און ליכטיקע מענטשן. וואס טוט מען, אז אלע זאָלן לויכטן און שיינען"?

"מיר דארפן", זאָגט זי, "מיר דארפן זיך באציען צום קינד ווי צו א בלום. א בלום שטעלן מיר אפן זון, א בלום באגיסן מיר יעדן טאָג, פון א בלום ווישן מיר אָפּ דעם שטויב, אזוי דאַרף מען זיך באציען צום קינד". ווי איז אָבער, אז ס'איז ניטאָ קיין זון פארן קינד אין לעבן, אז דער ארום איז נאַס, קאלט און פינס־

טער ? טויג טאקע נישט, אָבער נאָך ערגער איז ווען מיר שטעלן פאָדערונגען צום קינד, צום ארום און ניט צו זיך אליין. יעדער איינער קאָן, ווען ער וויל נאָר און פארשטייט נאָר, יעדער איינער קאָן ביי די שווערסטע באדינגונגען, און אין דער שווערסטער געזעלשאפטלאכער ארדנונג, יעדער איינער קאָן דאָך שאפן פארן קינד אזא גייסטיקן גן־עדן ביי זיך אין שטוב, אז דער דאָזיקער גן־עדן זאָל, אונטער די אומשטענדן, קאָנען אָפּטעמפּן א טייל שארפקייטן פונם ארום, דער דאָזיקער גן־עדן זאָל העלפן דעם פאָטער אויסצונוצן די פינסטערניש און ברוטאליטעט פונם ארום צום געזונט פארן קינד, ער דארף נאָר וועלן און פארשטיין. שרייבט גוטמאנס זון צום פאָטער (דאָס קליין מענטשעלע, מענדלע מוכר ספרים), אז "אמת, דער פאָטער וועט אים, דעם זון, זיכער ניט איבערלאָזן קיין אוצרות, אָבער ער איז גליקלאך מיט דער ליבע, וואָס דער פאָטער האָט איינגעפלאנצט אין אים. דאָס איז דער גרעסטער אוצר זיינער". האלטן אין איין באשולדיקן דעם ארום, קאָן זיך פארוואנדלען אין א גרויסער סכנה. עס קאָן פארוואנדלט ווערן אין א מין פאטאליזם, זע די סיבה פון אלע כמעט צרות אין דער געזעלשאפטלאכער אָרדנונג, דאָס יאָ, אָבער פארלייגן די הענט אין פארצווייפלונג, דאָס ניט. ווארטן ביז מיר וועלן פטור ווערן פונם שוידערלאכן ארום איז א פארברעכן קעגן קינד. זייער א סך שארפקייטן קאָנען אָפּגעטעמפּט ווערן שוין גלייך איצט.

אמת, דער ארום איז שרעקלאך, דער ארום ווערגט, שטיקט און סמ'ט. דאָס איז אמת. אָט דערציילט אונז י. ל. פּרץ אין זיין "אכטער אָפּטיילונג פון גיהנום", וועגן א מענטשן, וואָס האָט באשלאָסן, צו שאפן פייגעלאך פון ליים. זיינע פייגעלאך האָבן אָבער נישט געקאָנט פליען. זיי פלעגן זיך קוים, קוים אויפהויבן און גלייך א פאל טאָן צו דער ערד צוריק. ער פלעגט זיך ביי זיי בעטן, זיי זאָלן פליען צום הימל, צו זון, ער פלעגט זיך בעטן ביי זיי, אָבער, די פייגעלאך, נישט פון אָרט. די פליגעלאך זיינען געווען ביי זיי ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. שטייט אזוי דער מענטש ביז איבער די קני אין ליים, אין בלאָטע, און וויל זיינע פייגעלאך זאָלן פליען צום הימל. אזוי לאנג ווי אונזער לעבן

איז פול מיט גייסטיקע זומפן, אַזוי לאַנג ווי מיר אַליין שטייען ביי זיך אין די היימען (יאָ, ביי זיך אין די היימען, דאָס איז די הויפּט־צרה), ביז איבער די קני אין זומפּ, וועלן אונזערע פייגע־לאך און יאַנקעלאך ניט פליען. דאָך קאָנען מיר ניט נאָר פאַר־היטן זיי פון טיפן זינקען, מיר קאָנען אַ סך מער. אָבער ווען? ווען מירן זיך נאָר ניט האַלטן אין איין באַקלאָגן זיך אויף אונ־זער "מזל", אויב מירן נאָר ניט אָפּלייגן דערציאונג ביז "משיח" וועט קומען . . .

כ׳האָב ערגעץ וואו געלייענט וועגן אַן עקספּערימענט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין שולן פון פאַרשיידענע לענדער. מען האָט צעטיילט צווישן קינדער אין קלאַסן בויגעלאך פּאַפּיר, אויף וועלכע ס׳זיינען געווען אָנגעדרוקט צו 30 קייקעלאך. מען האָט די קינדער געהייסן פאַרמאַכן די אויגן, נעמען אַ בלייער אין האַנט, און שטעלן בלינד פּינטעלאך אין די קייקעלאך. ווער ס׳וועט טרעפן די גרעסטע צאָל קייקעלאך קריגט אַ מתנה. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז קינדער אין אַ שול, ערגעץ וואו אין אינדיע, למשל, פלעגן העכסטנס טרעפן אין 7-8 קייקעלאך, בעת זייער אַ סך קינדער אין ציוויליזירטע לענדער פלעגן טרעפן אַלע 30 קייקעלאך. קינדער פון גאַנצע קלאַסן פלעגן טרעפן צו 30 קייקעלאך . . . קאָמענטאַרן זיינען דאָ איבעריק. אַ קינד, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אונזער ציוויליזאַציע פון "כאַפּן", פלעגט צוליב דער מתנה אַ פּינטל טאָן מיטן אויגל . . . מיט איין אויגל כאַפּן אַ קוק אָפן פּאַפּירל . . . יאָ, אונזערע קינדער זיינען שלעכט שרייען מיר, און בלייבן ביים שרייען. צום גליק זיינען, אָבער דאָ און דאָרטן שוין פאַראַן מענטשן, וואָס בלוטיקן וואָס ווייטיקן, וואָס זוכן און פאָרשן סבות פון שלעכטע האַנד־לונגען צווישן קינדער. ניט אַלעמאָל איז די סיבה די צייט, ניט אַמאָל איז די סיבה אומוויסנהייט, אומשטענדן אָדער געזעל־שאַפט, אָפטמאָל איז די סיבה נישט נאָר אַ פאַרגרייזטע דער־ציאונג, אָפטמאָל ליגט די סיבה לחלוטין נישט אין דעם אַרום, אָפטמאָל ליגט די סיבה גאָר אין פיזישע דעפעקטן.

געפינען מיר, למשל, אין "פּסיכאָלאָגיקאַל קליניק", אַ באַ־שרייבונג פון דר. העגרי ס. האַפּסאָן וועגן אַ יונגן בחור, וואָס

איז ביז 16 יאָר אלט, געווען א קינד. פּלוצלונג איז אין דעם על־טער פון 17–18 יאָר פאָרגעקומען אין אים א גאנצע איבערקער־רעניש. ער איז געוואָרן א גנב, א באנדיט. ער איז פאר׳משפּט געוואָרן אף א לאנגן טערמין טורמע. נאָך א לאנגער אונטער־זוכונג האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די גאנצע איבערקערעניש אין אים איז פאָרגעקומען צוליב זיינע קראנקע ציינער. היינט איז ער פריי פון טורמע און איז א מאָראליש־עטישער מענטש. די ניו־יאָרקער משוגעים הויז פאר קינדער, באריכטעט לעצטנס וועגן 21 קינדער פון א גרופּע דעגענעראטן, וואָס זיינען געזונט געוואָרן נאָכדעם, ווי מען האָט אויסגעפונען ביי זיי פיזישע חסרונות.

די קינדער הילף געזעלשאפט אין ניו־יאָרק באריכטעט, אז פון איין אָפּטיילונג פון זייער קליניק זיינען פון קינדער וואנדע־רער, גנבים, מערדער, אונטערצינדער און א. וו. אין משך פון 50 יאָר ארויס : 1 "סופרים־קאָרט" ריכטער, 2 קאָנגרעס־לייט, 20 גלחים, 19 דאָקטוירים, 61 זשורנאליסטן, 29 באנקירן, 35 אד־וואָקאטן, 7 פרינציפּאלן פון שולן און הונדערטער, און הונדער־טער ארבעטנדיקע עלעמענטן, וואָס זיינען א כבוד פאר דער געזעלשאפט. די סבות פון דער פריערדיקער פארברעכערישקייט זיינען געווען דאָס רוב פיזישע. איז אויב פיזישע חולאת׳ן, טיו־מערס, אויגן, ציינער, קענען פירן קינדער אין דער וועלט פון פארברעכנס, איז וויפל בלוט גיסט זיך אין זייערע הערצעלאך, איידער זיי גייען אזוי ווייט אוועק, וויפל כחות בושעווען אין זייערע נשמות, וויפל ברען־שטאָף רייסט זיך אויף ארויף, איי־דער ס׳קומט דער קריזיס, איידער ס׳קומט דער אויסברוך ! און איר זאָגט נאָך "זייערע צרות". פּראָפ. דזש. א. וואליים וואָלין, פון סט. לואיס, האָט דעמאָנסטרירט 27 קינדער פון קליוולאנ־דער פּאבליק סקול, וואָס זיינען געווען אָפּגעשטאנען אין לימו־דים און אין אנטוויקלונג, אָבער, וואָס האָבן גענומען גיך פּראָ־גרעסירן, גיך זיך אנטוויקלען, וואָס האָבן אָנגעיאָגט די חברים און אריבערגעיאָגט, נאָכדעם ווי מען האָט זיי אויסגעהיילט זייערע קראנקע ציינער.

יעדער דעפעקט מאכט דעם קינד מיד. כדי צו אנטלויפן, כדי צו באפרייען זיך פון דער דאַזיקער מידקייט, קאָן דאָס קינד אוועק גאנץ ווייט. ווייזן מיר, למשל, אויך, אז געוויסע פארבן קאָנען פאר געוויסע קינדער ווירקן אויפלעבנד. קאָנען גוט ווירקן אפן גייסט פון קינד און געוויסע פארבן קאָנען ווירקן פאטאל, קאָנען מאכן מיד דאָס קינד, קאָנען מאכן מיד, נער־וועז און קראנק. די דאַזיקע נערוועזקייט ווערט אויסגעטייטשט אז דאָס קינד איז שלעכט. און נאָך וואָס.

זייער א סך צרות האָט נעבאך א קינד פון זאָגן א ליגן. די מאמע ווערט פארצווייפלט, זי שטראָפט, זי שלאָגט, ס'העלפט נית. ליגנס אָבער, לערנט אונז פרויד, זיינען נישט קיין פאר־ברעכנס. א קינד האָט א וועלכן עס איז פארלאנג, ס'וויל געפינען חן, ס'וויל דערציילן א נייעס, ס'וויל אז די לערערקע זאָל עס א לויב טאָן, ס'וויל דער שכן זאָל זאָגן א גוט וואָרט, דערציילט עס "מעשיות", און בארואיקט דעם דורשט, נייטראליזירט די בענק־שאפט נאָך דעם, וואָס קומט אים דערפאר?

האלטן אָבער אונזערע מאמעס אזא קינד פאר א פארדארבן קינד, און ווייסן נישט, אז דאָס דאַזיקע איז א נאטירלאכע דער־שיינונג, אז ליגנס זיינען קינדערשע טאָג־חלומות.

"דאָס קינד מיינס", קלאָגט זיך אן אנדער מוטער, "דאָס קינד מיינס איז א עגאָאיסט". די מאמע ווייסט נעבאך נישט, אז א קינד איז א געבאָרענער נעמער און נישט קיין געבער און, אז ס'מוז דורכלעבן אויך דעם דאַזיקן פעריאָד. ברעכט איר איבער אינם קינד דעם נאטירלאכן פארן קינד אויסלעבן זיך אין עגאָאיזם, וועט עס שפעטער, אומבאוואוסטזיניק, דעם גאנצן לעבן זיך האלטן איך איין קלאמערן אָן דעם דאַזיקן געפיל. די נאטור האָט געשוואָרן, אז א קינד דאַרף קודם־כל, טראכטן וועגן זיך אליין. אויב א קינד איז אלטרואיסטיש, איז דאָס א סימן פון פאלשקייט, פון חנפה'ן זיך צו עמיצן, פון וועלן געפעלן ווערן, פון ביינקען נאָך לויב געזאנגען, נאָך ליבע, נאָך אנערקענונג, איז דאָס א סימן פון וועלן זיין דער צענטער פון אויפמערקזאמ־קייט, וואָס איז נאָך א שארפערע פארמע פון עגאָאיזם, מחמת

דאָס קינד טוט גוטס, כדי צו קריגן א גוט באצאָלטן פרייז, כדי ארויסצוקריגן א גרעסערן ווערט, אזוי צו זאָגן.

ווײַנט אן אנדער מוטער אף דעם, וואָס זי זעט ניט ארויס קיין ברעקל ליבע פון קינד. די מוטער פארשטייט נעבאך ניט, אז ליבע ווערט געשאָנקען ווייטער, פאָראויס, אז א מוטער ליבט איר קינד, א באָבע דאָס אייניקל, אָבער ניט פארקערט, אז א קינד קאָן נאָר דאנקבאר זיין, מחמת עס איז הילפלאָז און נויטיקט זיך איזא מאמען. דערפאר איז אזוי נאטירלאך די פרייד פון שיינקען, פון געבן עפּעס דעם קינד. דערוואַרט ניט קיין ליבע פון קינד, איר קאָנט נאָר איינפלאנצן גרויס דרך־ארץ, וואָס גרעניצט זיך מיט ליבע, אָבער, אויב אויך דאָס איז נישטאָ, איז באשולדיקט זיך אליין, אָבער נישט דאָס קינד. ליבע דארף א טאטע מאמע פארדינען, אנערקענונג קומט זיי, אָבער נישט מער. וויפל איר זאָלט ניט ארײַנ׳טענה׳ן אינם קינד, אז עס דארף אייך ליב האָבן, וועט דאָס ניט העלפן, וועט עס ניט פארשטיין. אויב ס׳וועט שוין יאָ פארשטיין לאָגיש, אז איר זייט גערעכט, וועט עס אָבער נישט פילן, מחמת, ליבע קאָן מען מיטן שכל ניט ארויסרופן. ניט אומזיסט זאָגט מען, אז ליבע איז בלינד, ליבע זעט ניט, ליבע פילט נאָר, ליבע מוז ארויסוואקסן, ווי א בלום, און ווי א בלום דארף זי גענערט און געשפּייזט ווערן.

פון דעם וואָס מיר פארשטייען ניט די געזעצן פון פּסיכישן לעבן קומען אונזערע צרות, וואָס זיינען אָבער א טראָפּן אין ים אין פארגלייך מיט די צרות און ווייטיקן, וואָס דאָס קינד האָט. יאָ, פון דעם, וואָס מיר פארשטייען ניט די נאָענטע שייכות צווישן פּסיכישן און פיזישן לעבן, קומען ארויס א סך צרות.

דר. אָפּנהיים, למשל, לערנט אונז, אז אונזער פיזיש קערפּערלאכער צושטאנד האָט א סך צו טאָן מיט אונזער נשמה, מיט אונזער כאראקטער. אויב דעם קינדס נאָז, אָדער האלדז איז אין אזא צושטאנד, אז דאָס קינד קאָן נישט גענוג פריי אָטעמען, קריגט דער קערפּער ניט גענוג זויערשטאָף, דאָס דאָזיקע שאפט א פיזיש קערפּערלאכן צושטאנד, וואָס ווירקט שלעכט אף דער גייסטיקער אנטוויקלונג פון קינד. דאָס קינד

ווערט מיד פון מידקייט־סמ׳ען. די דאָזיקע מידקייט פאַרבי־טערט דאָס קינד, דאָס לאָזט אים נישט זיך קאָנצענטרירן און אַרבעטן רואיק. אויב א קינד קריגט, למשל, נישט גענוג צוקער פאַרמירנדיקע פערמענטן, אָדער די סעקרעציע, דער פלוס פון זאַלץ־זויערע איז נישט קיין גענוגנדיקער, איז די פאַרדייאונג נישט נאָרמאַל, פון דעם קלייבן זיך אָן סמ׳ען אין מאָגן און אין די בלוטן. אָפטמאָל איז עס די סיבה פון אַפּאַטיע, פלעגמאַטיש־קייט, שוואַכער אויפנאַמספעאיקייט און אפילו פאַרברעכעריש־קייט. ווען א קינד האָט א האַרץ, וואָס אַרבעט צו שווער, קומט פון דעם פּאָר א שטערונג אין דער צירקולאַציע פון די בלוטן, א נישט נאָרמאַלע צעטיילונג פון די נאַרהאַפּטע שטאָפן. דאָס דאָזיקע נערוווירט דאָס קינד. אויף אונזער לשון הייסט עס, אַז דאָס קינד איז שלעכט. טענות פון עלטערן אין אַזוינע פאַלן זיינען, ווי אויל אפן פייער, מחמת זיי מאַכן נאָר שווערער דעם קינד.

פאַראַן מיליאָנען און מיליאָנען סבות פאַר קינדערשער צע־רייצטקייט. פאַראַן אַזאַ זאַך, למשל, ווי שנאת־חינם, אומזיסטע שנאה, וואָס נערוווירט דאָס קינד. א קינד איז, למשל, מלא חמה אַף א חבר צי אויף א חבר׳טע, וואָס האָט אים געטאָן א סך שלעכטס. יעדעס מאָל, ווען דאָס קינד זעט זיין "מערדער", ווערט דאָס קינד אויפגעברויזט, צינדט זיך אָן א פייער, ווערט א חורבן אין זיין נשמה. זוכט דאָס קינד אויסצומיידן, ניט צו באַגעגענען דעם שונא. קומט אָבער אין שטוב אריין א בעקער. זיין נאָז איז ענלאַך צו דעם "שונא׳ס" נאָז. טויכט טאַקע אָט דער נאָז, דער אומשולדיקער נאָז, אויף אין אַזאַ פאַל די שנאה וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט, און וואָס שרפה׳ט אין דער נשמה פון קינד, די שנאה טראָגט זיך אריבער אויפן בעקער. וועקט דער בעקער נישט נאָר אויף די בלוטנדיקע וואונד, נאָר ער רופט אויך אַרויס אין קינד א געפיל פון שולד.

דאָס קינד שרעקט זיך פאַר זיין ניט יושר׳דיקער שנאה צום בעקער. "פאַרוואָס האָב איך אים אַזוי פיינט?" א קינד ליידט זייער א סך פון געפילן פון שולד. האָט זיך אַמאָל ביי מיר פּלוצלונג צעוויינט א קינד אין קלאַס. ס׳איז געווען פאַר מיר א

גרויסער וואונדער, כ׳האָב געגומען אויסגעפינען די סיבה, ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ס׳וויינט, מחמת די מאמע אירע איז שטארק ניט געזונט. ס׳האָט מיך גערירט. כ׳האָב באשלאָסן אויף מאָרגן צו ברייגגען דער מוטער דעם דאָזיקן שיינעם עפּיזאָד. דאָרטן געפין איך אויס, אז דאָס קינד איז א נערוועז קינד. ס׳האָט א טבע צו שרייען, און אפילו צו שלאָגן און שילטן די מאמען. איר מאמע איז קראנק געווארן און א זאָג געטאָן דעם קינד: ״אָט בין איך איצט קראנק, כ׳וועל שטארבן, דו האָסט מיך געשאָלטן״. די מאמע האָט געהאלטן איר האנדלונג פאר זייער דערציעריש. דאָס קינד האָט זיך משמעות אין קלאָס דערמאָנט, אָדער האָט עפּעס וואָס אין קלאָס דערמאָנט דעם קינד איר מאמעס באמערקונג, האָט זיך דאָס צעוויינט. דאָס געפיל פון שולד האָט געפּייניקט דאָס קינד. אויב א קינד שרייט, וויינט, שילט, איז עס ניט שלעכט, איז עס קראנק. מירן שפּעטער ברייטער ריידן וועגן דעם, א באמערקונג אזא, ווי די אויבנדערמאָנטע, פון א מאמען, איז צו ברוטאל פאר דער נשמה פון א קינד. אזא באמערקונג קאָן אָנטאָן א חורבן דעם קינד. מחמת דאָס געפיל פון שולד און שרעק איז דאָס געפערלאכסטע געפיל פארן קינדס נשמה.

פאראן נאָך א ווינקל, וואָס פארשאפט צרות דעם קינד. איר וועט באמערקן אזא דערשיינונג; א קינד, וועלכן מען האָט אָנגעזאָגט אזויפיל מאָל, ס׳זאָל ניט טשעפּען דאָס בילד, קאָן בשום אופן ניט ביישטיין דעם נסיון. ״ספּעציעל טוט מיר ווייי, וואָס עס האָט דווקא געטשעפּעט דאָס בילד, בעת איך האָב געהאלטן אין .איין אָנזאָגן, בעת איך האָב געהאלטן הונדערטער מאָל אין וואָרענען, אן איינגעשפּארט קינד אן עקשן״. די מאמע פארשטייט גאָרניט, די מאמע איז גאָרניט חושד, אז דווקא איר אָנזאָגן אזוי שטארק, אז דווקא דאָס האָט פּראָוואָצירט דאָס קינד צו דעם. שלום־עליכם האָט בחוש פארשטאנען אזא פּסיכאָלאָגישע סיטואציע. אין זיין ״טויטן אתרג״ מאָלט ער אזא מין ״פּראָוואָקאציע״, וואָס האָט געבראכט דעם קינד צו זינד און צו צרות. ״מיך לאָזט מען אפילו נישט צו, איך זאָל נישט שטיין צו נאָענט, איך זאָל גאָרניט קוקן אפילו. שוין איז ער דאָ, אָט לאָז אים נאָר צו. בייסט ער באלד אָפּ דעם פּטום פון

אתרג״. . . ״איך האָב מורא דער ווייסער חברה׳ניק זאָל זיך ניט דאביוּוען צו דער שאפע חלילה, און ניט אָפּבייסן דעם פּטום פון דעם אתרג״. ״אין חדר איין, דו שגץ איינער, ניט געדאכט זאלסטו ווערן״. ״פון יענער צייט אָן האָט זיך דער פּטום פון דעם אתרג באזעצט ביי מיר אין מח. ניט ארויסגעקראָכן פון מיינע געדאנקען אויף קיין מינוט; ביינאכט געקומען צו חלום, געטאָרעט מיך, געשלעפּט פארן האנט, ״דו האָסט מיך ניט דער־קענט, נארשון, דאָס בין איך, איך!״ איך קער זיך איבער אויף דער אנדערער זייט, קרעכץ און ווער אנטשלאָפן, ער טאָרעט מיך ווידער, שטיי אויף, נארשון! גיי און עפן אויף די שאפע, נעם ארויס דעם אתרג און ביים מיך אָפּ, וועסטו זיך מחיה זיין״. און אזוי איז דער אומגליק געשען.

פאראן נאָך א ווינקל, וואָס פארשאפט צרות דעם קינד. בא־קלאָגט זיך, למשל, אמאָל א מאמע, אז איר קינד האָט גע׳גנב׳עט 10 מענט. אז איר קינד האלט אין איין גנב׳ענען געלט. אז ס׳וואקסט א ״סיבירניק״. ביי וויטערדיקער אונטערזוכונג ווייזט זיך ארויס, אז דער סיבירניק צעטאכלעוועט דאָס געלט אָט אזוי: אָדער ער צעטיילט דאָס געלט צווישן חברים, אָדער ער קויפט איין א צאָל זאכן און צעשיינקט זיי. ווי איר זעט איז די גנבה׳ש־קייט געוועז אָדער א רעזולטאט פונם דורשט צו טאָן גוטס, אָדער פונם דורשט נאָכן פרייד פון געבן, אָדער איז דאָס געוועזן א רע־זולטאט פון געצוואונגען זיין אונטערצוקויפן א ״פירער״, אָדער איז דאָס געוועזן א רעזולטאט פון לעבן אין דער וועלט פון פאנ־טאזיע: ער איז א סוחר, ער קויפט איין סחורה, ער זעצט אָפּ די סחורה, ער נויטיקט זיך אין סחורה, קורץ, א מענטש טוט געשעפטן. ס׳האָט אויך געקאָנט געוועזן זיין, אז די סיבה פון זיין גנבה׳שקייט איז געלעגן אין א קראנקהייט, אָדער אין א פראָטעסט קעגן דער מאמען אָדער טאטן ״כ׳וועל זיי אָרים מאכן״. מיט פארברעכערישקייט, מיט ״סיביר״ אָבער, האָט עס לחלוטין נישט געהאט צו טאָן! זאָל דער פאָטער, אָדער די מוטער, וואָס האָט קיינמאָל ניט געזינדיקט ווארפן א שטיין אינם קינד. דער אומגליק מיט אונז איז, וואָס מיר האָבן א קורצן זכרון. יעדער פון אונז האָט אמאָל פארבויגן אין אונזער קינדהייט דעם

"לא תגנוב" און דאָך האָט דאָס אונז נישט געבראַכט אין דער וועלט פון פאַרברעכערישקייט. אלנפאלם מיט כעס, מיט גע־שרייען, מיט חוזק׳ן, וועט איר גאָר ניט העלפן. פאַראַן טיפערע סבות. אויסגעפינענדי די סבות, אַפּווענדן דעם קינדס ענערגיע אין א געזונטער ריכטונג איז דער אמת מענטשלאכער, און מוטער־לאַך דערציערישער אויסוועג.

אָדער זעט אזא פאַל:

"זעט, וואָס פאַר א טעמפּער עס האָט, א שוועבעלע! קאַכט ער זיך אויף, וואַרפט עם אן אימה, א שרעק. איך האָב פשוט מורא פאַר אים. ער ברעכט און שטעכט אין שטוב און וואָס פעלט אים? עסן? טרינקען? ריינע וועש? א צוקערקע? איינגע׳עקשנ׳ט איז דאָס ביז משוגעת. שפאַרט זיך דאָס איין, וועט איר עס נישט רירן פון אָרט. האָט זיך אים פאַרוואָלט שפּילן גראַמאָפאָן, האָט ער אַרויפגעלייגט די האַנט זיינע אויפן גראַמאָפאָן, וועט אייך נישט העלפן, סיידן איר וועט אָפּהאַקן די האַנט". לערנט אונז די וויסנשאַפט, און די אלטע גריכן האָבן שוין פון לאַנג פון דעם געוואוסט, אז טעמפּעראַמענט איז נישט נאָר א רעזולטאַט פון קאַפּריזן, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין משך פון יאָרן, אז טעמפּעראַמענט אויסברוכן זיינען אויך טע־אַטער שפּילן, וואָס קינדער האָבן ליב צו שפּילן, און האָבן פון דעם געוואַלדיקן פאַרגעניגן, אז דאָס קינד אימיטירט אין טעמ־פּעראַמענט אויסברוכן אָפּטמאָל די מאַמען אליין, ניט אויסגע־רעדט זאָל זיין . . . אָבער נישט נאָר דאָס, טעמפּעראַמענט אויס־ברוכן זיינען אויך א רעזולטאַט פון כעמישע איינפלוסן. וואָס ווירקן, אמת, אַף יעדן קינד פאַרשיידן, אויף איין קינד גאָר באַ־רואיקנד, אָבער אויף א צווייטן קאָנען זיי ווירקן אויפבראַוזנד. בראַנפן, למשל, ווירקט אויף איין מענטשן אזוי, אז ער שטומט, ער זיצט אָנגעכמורעט. ער איז אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט, ער זיצט ווי א סאַרנע. פאַראַן אָבער מענטשן, וואָס דער זעלביקער כעמישער שטאָף, אלקאָהאָל, ווירקט אויף זיי פאַר־קערט, זיי ווערן אמת׳ע מלאכים, זיי האַלטן זיך אין איין קושן און האַלדזן. אזוי פאַרשיידן ווירקן אויך אַפן קינד פאַרשיידענע כעמישע פּראָדוקטן פון שפּייזן. נישט איין קינד ווערט פאַרבי־

טערט, דערשלאָגן פון קלעפּ, וואָס עס קריגט פאר געוויסע חס־רונות, פאר טעמפּעראַמענט אויסברוכן, וואָס זיינען גאָר א רעזולטאט פון געוויסע שפּייזן, וואָס ווירקן אזוי אָדער אנדערש אויף דער נשמה פון קינד. מאמעס האָבן דאָס געמעגט וויסן.

מאמעס האָבן אויך געמעגט וועסן, אז קינדער קאָנען צערייצט ווערן און ענטפערן אפילו אָף מאָרגן מיט טעמפּעראַמענט אויסברוכן, ווען מען קיצעלט זיי צופיל, ווען מען האלט דאָס אין איין דריקן צום הארצן, ווען מען הוידעט דאָס קינד, ווען עס טראָגט צו שמאָלע, צווישן די פּיסעלאך הייזעלאך, ווען מען לאָזט דאָס קינד אויף עפּעס וואָס רייטן, אזוינע זאכן רופן ארויס, עראָטישע רייצבארקייט, פון דעם מידקייט און פּראָטעסטן אין דער פאָרמע פון טעמפּעראַמענט אויסברוכן. מעגן מאמעס אויך וויסן, אז שטאָפּן דאָס קינד מיט צופיל גייסטיקע שפּייז, וואָס עס קאָן נאָך נישט פארדייען, צערייצט אויך ניט ווייניק דאָס קינד. א טעמפּעראַמענט אויסברוך איז ניט קיין סימן פון פארדארבנקייט, פון ניט דערציערישקייט. מעגן מאַמעס דאָס וויסן.

יאָ, דערציען איז א קונסט, א וויסנשאפט און ווי צום קינד, ווען די עלטערן זיינען קאַליקעס־"קינסטלער". א שניידער קאָן איבערפּירן א רעקל, א דאָקטאָר קאָן אמאָל דורך א טעות אוועקשיקן א מענטשן אויף יענער וועלט, א מאמע און א לערער קאָנען אָבער איבערפירן א מענטשן, וואָס פון אים וועלן שפּעטער ליידן הונדערטער און הונדערטער מיטמענטשן.

וואָלטן כאָטש מאמעס און טאטעס געוואוסט, אז זיי וויסן נישט, וואלטן זיי כאָטש געווען פאָרזיכטיקער, וואָלטן זיי כאָטש ווייניקער זאכן ארויפגעצוואונגען אפן קינד און געלאָזן עס פרייער זיך אנטוויקלען. א קינד האָט זיך זיין וועלטל, זיין וועלט באַנעם, זיינע אינטערעסן, און זיין "פארשטיין" זאכן, אויף זיין קינדישן אופן. א קינד קאן בכלל נישט פארשטיין, ס'קאָן נאָר פילן. ווען מיר וואָלטן אביסעלע פרייער געלאָזן קינדער, ווען מיר וואָלטן זיי געלאָזן לעבן, ווי ווייט מעגלאך, לויט זייערע געפילן, גאָר אנדערע קינדער וואָלטן עס אויסגעוואקסן. יעדע קינדער גאָרטן לערערן, וואָלט אייך דערציילט פון צענדליקער פאלן,

וואָס ווייזן די דערשלאָגנקייט, די ארויפגעצוואונגענקייט און דעם איינפּלוס פון שטוב, וואָס לייגט זיך ווי א זשאַוור אין זייערע הערצעלאך. אָט איז חנה'לע פיר יאָר אלט, נאאיוו, ריין, אן אמת'ע אומשולד. ס'באצויבערט אייך. ס'פילט זיך נאָך די פרייקייט, די נישט געבראָכענע. ס'האָט זיך נאָך נישט אויס־געלערנט צו זיין פאלש, אָפּצונארן. דאָס קינד ווערט עלטער און די לערערן הייבט אָן צו באמערקן, ווי ס'וואקסן זיך פאנאנדער די "הערנער", וואָס די היים־סביבה זייט און אנטוויקלט, וואָס פארלייגטע קראנקהייטן רופן עס ארויס, נערן און פלעגן. אָבער נישט אלץ, וואָס ס'געפעלט נישט די עלטערן זיינען שטעכיקע "הערנער". ניט אלץ וואָס דער מאמען געפעלט נישט איז שלעכט.

מיין קינד, קלאָגט זיך פאר מיר א מוטער, מיין קינד איז איינגעשפּארט. כ'וויל גיין מיט אים צום דאָקטאָר, אים אויס־היילן פון שטאמלען, ס'איז אָבער ניט אויסצופירן ביי אים. כ'האָב אים שוין נישט איינמאָל געשלאָגן. קלאָגט זיך א צווייטע מוטער, אז איר קינד וויל בשום אופן נישט גיין צום דאָק־טאָר, ס'פירט איבער די אויגן. די דאָזיקע מאמעס ווייסן ניט, אז די סיבה פון דער עקשנות איז אפשר א פּסיכישע, די קינדער שרעקן זיך אפשר, אין דעם פאל, ניט דווקא פארן דאָקטאָר.

זיי האָבן פּשוט מורא, דער דאָקטאָר קאָן נאָך, חלילה, טאקע אין דער אמת'ן, זיי אויסהיילן. דאָס ווילן זיי ניט. זייער חולאת נוצט זיי זייער שטארק. זיי פילן זיך מינדערווערטיק, זיי ווייסן, אז זייערע חברים און חבר'טעס זיינען פעאיקער, גע־זעלשאפטלאכער פאר זיי, פארדעקן זיי זייער "צרה" מיט דער "קראנקהייט". ווען ניט זייער שטאמלען, ווען ניט דאָס, טענה'ן זיי, וואָלטן, זיי די חבר'טעס זייערע פארשטעקט אין ארבל, יעדן איינציקן. קומט די מאמע און וויל דווקא זיי אויסהיילן, וויל דווקא אוועקנעמען פון זיי אזא אוצר. אזוינע קינדער באַ־שטימען, אז ס'מעג זיי קאָסטן מי יודע וואָס, זיי וועלן זיך ניט לאָזן אנטפלעקן. זיי קלאמערן זיך אין זייער קראנקהייט ווי אין א רעטונגס פלאץ. זיי זיינען נעבאך געשטראָפט מיט שוואכע אויפנאמס פעאיקייט. דער ברודערל האלט אין איין אריבעריאָגן,

אין איין איינגעמען איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער, קעמפן זיי מיט אים מיט זייערע חולאת'ן. "ווען נישט מיינע אויגן", "ווען ניט מיין שטאמלען, וואָס מאַכט מיך נערוועז", ווען ניט מיין נעצן זיך אין בעט", "ווען ניט מיין אָפּט ברעכן". "ווען איך האָב אפּעטיט צום עסן, וואָלט איך געקראָגן העכערע צייכנס פאר דיר. א גאנצענער "יא טעבע דאם". אים איז גוט, ער איז געזונט". און אזוי פארטיידיקט זיך דער שטאמלער, דער "ברע־כער", דער "נעצער" מיטן "אוצר", וואָס פארדעקט זיין דורכ־פאל. אומבאוואוסטזיניק, ווייסן אזוינע אָבער, אז זיי נארן יע־נעם, ליידן זיי דאָפּלט. מיר זעען נאָר פון אויבן. מיר באשטימען שוין אביסעלע צו גרינג דעם גורל פונם קינד און כאראקטערי־זירן עס גיך און גרינג אלס שלעכטן, אלס כעס'ן, אלס עקשן. ביי אונז גייט עס איינס, צוויי, דריי . . . מיר זוכן ניט קיין טיפערע סבות, ווען מיר וואָלטן וויסן, ווי ווייניק כעס עס איז פאראן אין דעם כעסן, ווי ווייניק עקשנות אין דעם עקשן !

דעם קינדס שלעכטקייט אפילו קאָן אמאָל זיין א רעזול־טאט פון צארטער גוטסקייט, פון ביינקשאפט. פון פּראָטעסט קעגן ניט יושר. ביי ברילן איז פאראן אומגעפער אזא פאל. א קינד האלט אין איין ברעכן און שטעכן זאכן אין שטוב, וויפל מען רעדט צום קינד, עס העלפט ניט. ווי נאָר מען האָט אויסגע־קלעפּט די ווענט מיט נייע טאפּעטן, האָט עס גליך געכאפּט א טינטער מיט טינט און א שליידער געטאָן מיט אזא כח, אז ס'האָט אָנגעמאכט אָן אמת'ן חורבן אויף די ווענט. דאָס קינד האָט געהאלטן אין איין אָנטאָן שאָדן, ס'האָבן ניט געהאָלפן קיינע טענות, קיינע שטראָפן. ביי א סיסטעמאטישער אונטער־זוכונג האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס קינד געדיינקט, ווי פאָ־טער און מוטער פלעגן פּלאַנעווען אויסצובויען זיך א נייע היים, א גן־עדן. זי פלעגט מיט א פארכאפּטן אָטעם, זיך צוהערן צו די שמועסן און שטראלן פאר פרייד אין דערוואַרטונג. איר מוטער איז אָבער פּלוצלונג געשטאָרבן. דער פאָטער האָט דאָך בא־שלאָסן אויסצוריכטן פאר די קינדער א שיינע היים. אָבער . . . "פארוואָס האָט די מאמע ניט דערלעבט דעם נחת? איז זאָל עס ברענען". איר ווייטיק און פּראָטעסט האָט זיך ארויסגעוויזן

פאר דער סיבה פון אירע האנדלונגען. וויפל טאטעס וואָלטן געהאַלטן אזא קינד פאר א מרשעת? וויפל מאמעס פארשטייען שוין, אז יעדע שלעכטע האנדלונג פון קינד איז אָדער א פּראָ־טעסט קעגן עפעס וואָס, איז אָדער א רעזולטאט פון א פארבאָר־גענער אפשר קראנקהייט. ווי קליין און נישטיק די דאָזיקע קראנקהייט זאָל ניט זיין?

אָפט פּראָטעסטירט דאָס קינד סתם אזוי. וואָס מיינט עס, ווערט איר פרעגן, גאָר פּשוט. דאָס קינד געפינט זיך תמיד צווישן גרויסע, ספּעציעל ווען ס'האָט ניט קיין ברידער־שוועסטערלאַך. עס האַלט אין איין פארגלייכן זיך מיט די עלטערן און ס'מוז נאַטירלאַך פארלירן. ווערט עס פון דעם נערוועז, געפאַלן ביי זיך, ס'ווערט אומגעדולדיק, ס'קאָן ניט איינזיצן אַף אן ארט, ס'וואָרפט זיך, ס'שליידערט זיך, ס'טוט אָן צרות. ס'פּראָטעס־טירט. נעמט אן אנדער פאַל. א קינד האָט, למשל, א שטאַרקן דראנג צו וויסן. פון דעם קומט, וואָס קינדער קאָנען אייך פאַר־מאַטערן מיט פראגעס. אקינד האָט ליב אליין צו פאָרשן, צו זוכן. ס'קאָן אמאָל צען אין טאָג אראָפּשלעפּן די שיכעלאַך און זוכן עפּעס וואָס דאָרטן. „גוואַלד, וואָס זוכסטו דאָרטן?" די מאַמע פּאַטשט אָן, די מאַמע דיינקט, אז דאָס קינד טוט עס איר אויף צו להכעיס. שפּעטער זוכט דאָס קינד אין קאַסטן, די מאַ־מע „טראַסקעט" עס אָן, „א קינד זאָל האָבן א טבע אומעטום צו שטעקן דעם נאָז". די מאמע פארשטייט ניט דעם קינדס נאַטירלאַכן דראנג צו וויסן, צו זוכן און צו פאָרשן. די מאמע שטערט, דאָס קינד בלייבט נישט באַפרידיקט און פּראָטעס־טירט דורך קאַפּריזן. איז אויב שטערן איז שלעכט, טוען מאַ־מעס פונקט פארקערט. זיי פאַלן אריין אין א קעגנגעזעצטן עקס־טרעם. טויג עס טאַקע ווידער ניט. טויג עס טאַקע ווידער אויף כפּרות. זיצט דאָס עופה'לע־קינד אויף א קאָלדרע, אויפן דיל, און שפּילט זיך. די מאַמע באַמערקט, אז דאָס קינד וויל עפּעס וואָס מיט די הענטעלאַך דערגרייכן, אז דאָס קינד ציט זיך צו א צאַצקע, צי עס רייסט א פאָדים, צי עס וויל ארויפשלעפּן אויף זיך א ברעטעלע. די מאַמע לויפט גלייך צו און העלפט דעם קינד. ס' קאָן דאָך חלילה האָבן פארדרוס, ס'קאָן דאָך חלילה זיך

צעשרייען. ווייסט ניט א מאמע, אז שרייען איז בכלל געזונט פארן קינד. אז דאָס קינד דאַרף זיך לערנען צו זיין זעלבסט־שטענדיק, אז די גרעסטע פרייד פארן קינד איז, ווען עס האָט עפעס וואָס אליין אנטדעקט, עפעס וואָס אליין דערגרייכט. אז דאָס גאנצע שפיל, וואָס א קינד שפּילט איז זיך צו לערנען קעמפן, שטרעבן און דערגרייכן. געוואוינט אָבער א מאמע דעם קינד פון קליינוווייז אויף, אז מען דאַרף אים העלפן, געוואוינט זיך דאָס קינד צו עקספּלאָאטירן. ווייסט דאָס קינד, אז ס׳דאַרף נאָר וויינען, שרייען, ווערן שלעכט, וועט עס דערגרייכן דעם ציל, אזוי אז דאָס שלעכט זיין איז פארן קינד נאָר א מיטל, דאָס אַלץ.

און, אז דאָס קינד ווייזט שפּעטער ארום שטריכן, וואָס איר קאָנט בשום אופן נישט דערקאָנען, וואו האָט עס זיך געלערנט? (מחמת, ווער זעט אויף זיך חסרונות?), און אז דאָס קינד ווייזט שפּעטער ארום נייגונגען און טענדענצן, וואָס געפעלן אייך, ליבע מוטער, נישט, שלאָגט איר דאָס קינד, זייט איר אויפגעבראכט אויפן קינד, בעת איר אליין האָט עס אים אויסגעלערנט.

ווייטער פרעגט איר, ווי איר זאָלט דערקלערן אייער קינד דעם ענין גאָט. די פראגע אייערע, ליבע מוטער, פריידט מיך זייער שטארק. ס׳טוט מיר שטארק הנאה, מחמת פריידיינקער האַלטן דאָס רוב, אז דער ענין גאָט איז גאָר קיין ענין נישט. ניטאָ קיין גאָט און א סוף, און עק. אָבער דאָס קינד הערט דאָך וועגן גאָט ביי שכנים, פון חברים און חבר׳טעס, דאָס קינד זעט דאָך קלויסטערס, בתי־מדרשים, זעט, און הערט, און מאכט דאָך מיט רעליגיעזע מנהגים. דאָס קינד זעט, אז דער פאָטער ארבעט ניט ראש־השנה, יום־כיפור, זיין באלעבאָס איז א פרומער, ער האַלט פון יום־כפור. די גאס טומלט דאָך נאָך אזוי שטארק מיט אמונה, אונזער לעבן איז דאָך נאָך געננוג פול מיט אבערגלויבנס, איינרעדענישן, מיט "אם ירצא השם", מיט "גאָט צו דאנקען", מיט "אז גאָט וועט לאָזן לעבן" מיט . . . און מיט . . . און ס׳איז קיין וואונדער ניט. אפילו אין בירא־בידזשאַן האָבן די עלטערע אידן זיך אויסגעבויט א בית־מדרש. א פארברעכן

אוועקצומאכן מיטן האנט. און וואָס זאָל איך אייך זאָגן, אז איך דערמאָן זיך אין מיין שטעטעלע, אושפּאָל, דערמאָן איך זיך ניט אינם טייכל סוויאנטי, אינם וואלד, אינם וואסערפאל — ספּוסק, ניין ניט אָן זיי דערמאָן איך זיך. וויפל מאָל בין איך געווען אין וואלד? וויפל מאָל האב איך זיך געבאָדן? ווער האָט געטראכט פון דעם? א גאנצע וואָך אין חדר, היינט א מנחה און מעריב, היינט דער יום־תהילים, ווער האָט געלעבט אין וואלד צי ביים טייך? אז דעם רבי'ן פלעגט שלעפערן, און ער פלעגט א זאָג טאָן: "קינדערלאך, כ'וועל מיך צולייגן אביסעלע, מיין קאָפּ שפּאלט מיר". פלעגן מיר, אינגלאך, דאנקען און לויבן גאָט פארן "שפּאלטן" דעם רבי'ן דעם קאָפּ, בעטן עס זאָל וואָס לייגנער "שפּאלטן" און . . . ארויסכאפּן זיך צום טייך. דער חדר איז געווען דריי הייזער פון טייך. אז דער רבונו של עולם פלעגט אין אזא מאָמענט צולייגן זיין אויער און עפּעס ניט קאָנען דער־הערן די זיסע ניגונים . . . און פלעגט ארונטערשיקן א מלאך א קוק טאָן, וואָס טוט זיך עס ביי אברהם'ען דעם מלמד, פלעגט אים, דעם מלאך, משמעות ווערן ביטער און פינסטער אפן הארצן (און גוט אויף אים, אים לעבט זיך דאָרטן אזוי גוט, דאָרטן אויפן הימל, זאָל ער פילן דעם טעם פון אונזער לעבן . . .) ער פלעגט געפינען דעם רבי'ן כראפּנדיק. די אינגלאך מיט פאר־קאשעטע העמדלאך (אויסטאָן האָט מען ניט געקאָנט, מאמעס פלעגן צונייען די קאָלנערס, מען זאָל ניט קאָנען זיך אויסטאָן און באָדן זיך . . .), פלעגט ער, הייסט עס, געפינען די חדר־אינגלאך בראָדיענדיק איבערן אושפּאָלער "ים־סוף", וועלכן מען האָט געקאָנט אין געוויסע ערטער אריבערשפּאנען . . . איז וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ניט דער טייך, און דער וואלד, און ניט דער ספּוסק שטעלט זיך פאר מיינע אויגן אוועק, ווען כ'דערמאָן מיך מיין שטעטעלע (איר קאָנט ניט דאָס שטעטל, ס'מעג אייך פארדריסן!). פאר מיינע אויגן שטעלט זיך קודם־כל אוועק דער בית־המדרש, דער מנין, גלייך אנטקעגן דעם מנין, דער ארום־געצאמטער גאָרטן. ווענן וועלכן מען דערציילט א סך לעגענ־דעס, דער פּריטיק צו נאכטס, ווען פון אלע פענסטער לויכטן ארויס "געבענטשטע" ליכט און דער עולם גייט פון מנין יום־

טוב׳דיק און ״רואיק״. מחמת טיפן בטחון אין דעם, וואָס ״זאָרגט פאַר אַלעמען און פאַר אַלץ״.

כ׳וועל קיינמאָל אין לעבן ניט פאַרגעסן מיין זעלבסטשוץ דערפאַרונג אין ראָסטאָוו, אַפּן דאָן. כ׳וועל קיינמאָל אין לעבן ניט פאַרגעסן די איבערלעבונג מיינע אין דער באַריקאַדן־שלאַכט צווישן נאַכיטשעוואַן און ראַסטאָוו. כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן מיינע מלחמה־איבערלעבונגען. כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווען די שוואַרצע (מען האָט זיי דאַמאָלסט גערופן ווייסע) זיינען אַרומגעגאַנגען פון הויף־צו־הויף זוכן סימפּאַטיקער מיט דער רעוואָלוציע, כדי זיי צו צעשניידן מיטן שווערד . . . כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די פרייד, ווען ס׳האָט זיך דערהערט ס׳געזאַנג פון דער אַריינמאַרשירנדיקער רויטער אַרמיי (מיר, וואָס האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן, האָבן מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם זיך צוגעהערט צו דער קאַנאָנאַדע פון די האַרמאַטן און צו די שלאַכט אויסגעשרייען, ניט וויסנדיק ווער־וועמען יאָגט). יאָ, כ׳וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. דאָס אַלץ געהערט צו די ליכטיקסטע דעראינערונגען מיינע. פאַרגלייך איך אָבער זיי מיט דער ליבע מיינער, מיט דער בענקשאַפט מיינער נאָך מיין שטעטעלע, וואָס איז איינגעהילט אין רעליגיעזיטעט און טראַדיציע, ווי פריי כ׳זאָל ניט זיין פון אמונה, ווי פריי פון בטחון, ליגט דאָס אידילישע, דאָס הייליקע אַמטיפסטן אין מיין נשמה, מחמת כ׳האָב עס איינגעזאַפּט, מחמת כ׳האָב עס איינגעאָטעמט ווען א קינד נאָך.

אין אונזערע אויגן, זעט דאָס אַלץ אויס אַנדערש אין די אויגן פון אונזערע קינדער. זיי זעען עס, און מחמת זיי זעען עס, און מחמת מיר קאָנען ניט וויסן ווי טיף זיי דערפילן עס, און מחמת אמונה איז אַנטי־דערציעריש, און מחחמת זי גייט אין קעגנזאַץ צו דעם רוף פון צייט און פון לעבן צו דערציען פריי, שעפערישע מענטשן, מענטשן מיט א ברייטן בליק און טיפן גלויבן אין זייערע כחות, מיט הויכע פליגלען, טאָר מען אמונה ניט אוועקמאַכן מיטן האַנט.

דערציילט מעדעם, וואָס איז זיכער פריי געווען פון ״זיין״ אמונה, אַז ווען ער פלעגט פאַרבייגיין א קלויסטער, פלעגט ער

זיך אהין ארײַנכאַפּן, אַזױ שטאַרק פּלעגן אים צוציִען די רעליגיעזע ניגונים — אפשר איז עס נאָר געװען א בענקשאַפט נאָכן אמאָל. אפשר פלעגן אים די ניגונים זײַן אַזױ זיס, מחמת זײ פּלעגן אין אים טױכן דערינערונגען פון זײַן קינדהײט . . .

אין מיליאָנען אידישע הײמען פון הײַנט, פון װעלכע דער רבונו של עולם קאָן "פּעט" ניט װערן . . . פון װעלכע דער רבונו של עולם האָט װײניק נחת, פילט זיך דער אמונה גײַסט, לעבן נאָך א סך מנהגים, װאָס אין דער אמת'ן זײַנען זײ נאָר א רעזולטאַט פון ניט װעלן איבערנײַסן דעם גאָלדענעם פאָדים, װאָס בינדט זײ צו צו זײער שטעטעלע, װאָס דערמאָנט זײ אָן זײער שטעטעלע, װאָס שטילט די בענקשאַפט זײערע נאָכן אמאָל. אמת, קאַלט איז אַזא אמונה, קאַלט און בלאַס, אמת, זי קאָן װײניק װאָס װירקן אויפן יונגן דור, װאָס האָט זײַנע געטער, לעבעדיקערע און פאַרכאַפּנדיקערע פאַרן טאַטנס גאָט, זײ האָבן זיך זײער "מיקי מאוז" — מאַט און דזשעף, טשאַרלי און אפילו קלערא באָו און און און . . . איר זעט ס'אַרא מומחה כ'בין . . . כ'האָב זײערע פאָטאָגראַפישע בילדער געזען בײ א סך קינדערלאַך, און אפילו בײ קינדער פון קאָמוניסטן, ציוניסטן און, װאָס זײַנען קאָמוניסטישער פאַר סטאַלינען און ציוניסטישער פאַר אוסישקינען . . . אמת, די אמונה פון הײַנט קאָן װײניק װאָס װירקן אויף דעם הײַנטיקן דור, אָבער זײ זעען, הערן און מאַכן מיט, מעגן זײ װיסן װעגן דעם. און ניט נאָר זײ. אפילו די הײמען, װאָס זײַנען פרײ אפילו פון אַזא אמונה־גײַסט זעען, הערן און מעגן װיסן. דערפאַר האָט מיר, ליבע מוטער הנאה געטאָן די דאָזיקע פראַגע אײערע.

יאָ, דער ענין איז שױן אײנמאָל א ענין, װאָס מען טאָר אים ניט איגנאָרירן, װאָס מען טאָר אים ניט אװעקמאַכן מיט דער האַנט, װאָס מען דאַרף אים אױפקלערן אונזערע קינדער װיסנשאַפטלאַך און פּעדאַגאָגיש־דערציִעריש. אמת, אמונה דאַרף ניט געפלאַנצט װערן אין קינדער, אָבער לערנען אמונה קולטור־געשיכטלאַך איז װיכטיק, מחמת צװײ טעמים. קודם, מחמת דאָס איז נאָך א טײל פון אונזער לעבן, והשנית, מחמת אוים־שײלנדיק דאָס אָנגעװאַקסענע אין משך פון דורות, "אראָפּ־

סקראַבנדיק" די שאַלאַכץ, קאָן מען אינם קערנדל געפינען א סך דערציערישעס. קאָן מען דורכן קערנדל ווייזן די געזעצן פון עוואַ־לוציע, קולטור־געשיכטלאַד.

אמונה, וואָס געבאָרן געוואָרן איז זי פון דער בענקשאַפט נאָך גליק און פרייד, וואָס צעוואַקסן האָט זי זיך פונם זוכן, פונם פרימיטיוון מענטשן, וואָס טויט איז, האָט אונז ניט ווייניק צרות געבראַכט, אָבער אין עצם אמונה ליגט בענקשאַפט נאָך א סאָציאַליסטישער וועלט. די אמת'ע קעמפער פאַר דער ריינער אמונה זיינען געווען די נביאים, וואָס מיר רעכענען זיי היינט צו צו די ערשטע אוטאָפּיסטן־סאָציאַליסטן. אין יעדן פסוק זייערן אין יעדן זאַץ זייערן ליגט דאָך רוף צו א לעבן, וואָס זאָל געבויט זיין אויף ארבעט, אויף יושר, אויף צדק און שלום. רעדט דאָך היינט נאָך יעדער זאַץ פון לענינען, פון קראָפּאָטקין, פון ראָזע לוקסנבורג, פון באָראָכאָוו, פון מיכאַלעוויטש, זינגט דאָך היינט נאָך ארוים פון יעדן זאַץ פון א ראָקער, פון א דר. שטיינבערג, פון א דימטראָוו, פון גאָרקי, פון איציק פעפער און דר. זשיטלאָווסקי דער ניגון און דער גייסט מיט וועלכן ס'האָט גערעדט ישעיהו, עמוס, ירמיהו, אליהו און אנדערע. האָבן אָבער אמאָל געברומט, און ברומען לוידער נאָך היינט, די קאַנאָנען שטאַרקער, האָט פאַרשריען און פראַשרייט נאָך היינט דאָס בעסטיאַלישע אינם מענטשן, וואָס די הערשער האָבן קולטיווירט פאַרשרייט נאָך היינט דאָס חיה'שע — דאָס אמת־מענטשלאַכע, וואונדערבאַר־שיינע און הייליקע אינם מענטשן.

די "וואונדער", וואָס די אינדישע פאַקירן ווייזן, האָט ניט איינמאָל געצויגן אויפמערקזאַמקייט מצד די וויסנשאַפטמענטשן פון גאָר דער וועלט. קומט ארוים א פאַקיר מיט זיינעם א געהילף, ארום אים, אין א קרייז, שטעלן זיך אוים אלע די, וואָס ווילן זען זיינע "נסים". ער זעצט זיך אוועק אויף דער ערד, די פים אונטער זיך, די הענט צענויפגעלייגט און "ברומט" א תפילה. ער דאַוונט זייער א לאַנגע צייט. אמאָל דויערט די תפילה א שעה און אמאָל נאָך לייגגער. אלע שטייען אָנגעשטריינגט אין דערוואַרטונג. שפּעטער שטעלט ער זיך אויף און זאָגט, אָנווייזנדיק אויף א שטריקעלע, אז זיין געהילף וועט באלד זיך

אנהענגען אַן איין ברעג פונם שטריקעלע און אזוי ארויפציען זיך אויפן הימל. דער טאָן פון זיין רעדן, זיין אַנקוקן יעדן צושויער ווארפט אַן א שרעק. ס׳דויערט ניט קיין מינוטן און . . . די מענטשן זעען, זעען טאקע בפועל ממש דעם געהילף זיינעם פליען און קומען צוריק . . . אַן אנדער פאקיר שיט אַן אביסעלע זאמד אפן האנט, גיסט ארויף וואסער און . . . ס׳הייבט אַן וואקסן א בוים, אפן בוים פרוכט אלע זעען עס, ער טיילט, ער דערלאנגט יעדן צושויער אין האנט די פרוכט, מען פילט עס אין די הענט . . . א דריטער גיסט פון איין קאַקאָ־נוס שאַלעכץ ארוים אזויפיל וואסער, אז ס׳קלעקט אויף צענדליקער עמער . . .

האָט זיך א וויסנשאפט מענטש באהאלטן אויף א בוים, ניט ווייט פונם פלאץ, וואו מען ווייזט דעם סעאנס און . . . גאָרנישט ניט געזען, בעת זיין חבר, וואָס איז געשטאנען אין דער ריי, האָט יאָ געזען און געפילט!

אזא קראפט איינצורעדן, צו באאיינפלוסן מענטשן, פארמאָגן אין זייער טאָן, אין זייערע אויגן די דאָזיקע אינדישע פאקירן. איז עס כישוף? ניין, מענטשן זיינען סוף־כל־סוף קינדער. מען קאָן זיי איינרעדן, מען קאָן זיי באאיינפלוסן. ספעציעל קאָן עס טאָן א מענטש מיט א געטלאכן כח צו באאיינפלוסן, ספעציעל איז עס גרינג צו טאָן מיט מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין שטארקן ווידערשטאנדס כח. פלעגן טאקע אמאָליקע פאקירן און מכשפים האָבן א גרויסע ווירקונג אויף מענטשן. די דאָזיקע פאקירן, וואָס פלעגן אויסגענוצט ווערן פון רייכע, פון די הערשער, פלעגן פאראומרייניקן די אמונה מיט פארשיידענע אבערגלויבנס, מחמת די ריינע אמונה איז דאָך געוועז א רעזולטאט פון מענטשנס בענקען נאָך הימל, נאָך זון, נאָך גליק, נאָך פריינטשאפט, נאָך גלייכהייט און נאָך פרייד. אזא גייסט האָט זיך קיינמאָל ניט געלוינט, און לוינט זיך אויך היינט ניט, די הערשער.

יאָ, אמונה, וואָס געבאָרן געוואָרן, ליבע מוטער, איז זי פון דער בענקשאפט נאָך גליק און פרייד. וואָס צעוואקסן האָט זי זיך פונם זוכן פונם פרימיטיוון מענטשן, וואָס טויט איז, האָט אונז געגוג צרות געבראכט. זי, אַן אמת פארקריפלטע פון די

מאכט האָבער, זי האָט עס געשפּייזט, און גענערט, און גע־פלעגט דעם שרעק־קאָמפּלעקס, דעם מינדערוואַרטיקייט געפיל אין אונז, מחמת אזוי האָט זיך געלוינט — די הערשער, די באַ־דריקער און רויבער. מיר האָבן געצאָלט, מיר צאָלן און וועלן נאָך דורות און דורות לאַנג צאָלן מיט אונזערע "נערוון", מיט אונזערע לעבנס פאַר דער "אמונה", וואָס האָט ניט נאָר פאַר־פינסטערט אונזערע לעבנס, נאָר אויך אָפּגעשוואַכט אונזער גייסט. די "אמונה", וואָס איז געבויט אויף שכר ועונש (לוין און שטראָף), אויף מורא און ניט אויף ליבע, אויף טאָן גוטס, מחמת מען וועט דערפאַר האָבן א גוטן שכר; די "אמונה", וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט אומטאָלעראַנץ, פאַנאַטיזם און פאַטאַליזם האָט געבראַכן פליגלען, און געצוימט מוט און גרייטקייט. און ווייל אזוי, איז זי א וואונדערבאַרער מאַטעריאַל אין דערציאונג. צו ווייזן די קינדער זיי זאָלן זען, מיט זייערע אויגן, אז דער בעסטער גלאָק איז א גלאָק "ניט צו שרעקן, נאָר צו וועקן" (רייזען), אז אייביק און אלעמאָל האָבן די בעסטע און הער־לאַכערע, די שקלאַפן (לוין אָדער לייב־שקלאַפן), גע'חלומ'ט פון א סאָציאַליסטישער וועלט. אז דער וועג פירט פאָראויס צו ליכט, צו הימל און צו זון, אז מיטן זעלביקן כלי־זין, מיט וועלכן די הערשער האבן געפינסטערט, וועלן מיר, צופּאַסנדיק צו צייט, אָרט און אומשטענדן, דורכלאָזנדיק דורכן פּראָזשעקטאָר פון וויסנשאַפט, געבן דער אמונה איר אמת'ע נשמה. וועלן מיר זי באַפרייען פון קייטן זי זאָל דינען ניט א גאָט, נאָר דאָס געט־לאַכע אין יעדן מענטשן.

יאָ, מיר האָבן פון "אמונה" גענוג געהאַט, גענוג און גענוג. גענוג שרעק קאָמפּלעקסן, גענוג האָט דער פאַנאַטיזם און דער דאָגמאַטיזם, אין וואָס די הערשער האָבן די אמונה פאַרוואַנדלט, געדריקט, און געשטיקט, און געוואָרגן, און געפינסטערט יעדן שטראַל ליכט, און געטריבן פון לעבן יעדן שפּור פרייד און גליק. די אמונה, וואָס האָט געדאַרפט ווערן די קולטור־זון פאַרן לעבן, וואָס האָט געדאַרפט נערן און פלעגן, ס'זאָל וואַקסן און בליען, האָט געריסן און געפליקט יעדע שפּראָצונג. יאָ, ווי נאָר דער מענטש האָט גענומען בלאָנדזשען אין פינסטערע זומפּן פון

מיינס און דיינס, האָבן די הערשער אפילו די דאָזיקע קולטור־זון פאַרוואַנדלט אין אַ מיטל צו זייער ציל.

דאָס נייע לעבן מעג אָבער איר גייסט, איר נשמה איינטונקען אינם צויבער ליכט פונם קערנדל פונם אַלטן גלויבן — מיר וואַרפן איצט אַוועק דאָס אַלטע, וואָס שרעקט און פינסטערט און שאַפן אַ נײַ ליכט, אַ נײַעם גלויבן, וואָס האָט אין זיך דעם מעכטיקן רוף, די גלוטיקע בענקשאַפט נאָך באַנייאונג, וואָס פון איר זינגט אַרויס אַ הימלשער ניגון, וואָס וועקט אינם מענטשן, קידוש השם, גרייטקייט זיך מקריב צו זײַן פאַר אַ וועלט פון ברידערלאַכער אַרבעט און מענטשלאַכן צוזאַמענלעבן.

יאָ, פאַראַן אַ בריק, צווישן דעם ריינעם, דעם עכטן (ניט חלילה אין אַ גאָט אין הימל, וואָס אין איין האַנט האַלט ער אַ זאַק מיט גליק און אינם צווייטן אַ חלף . . .) גלויבן און דעם ריינעם, עכטן סאָציאַליזם. ספּעציעל איז דערציִעריש דער דאָזיקער בריק פאַרן קינד.

צום פּראָבלעם אמונה דאַרף מען אָבער צוטרעטן מיט דער זעלביקער פאָרזיכטיקייט, מיט וועלכער מען טרעט צו צום פּראָבלעם סעקס. האָט מיך טאַקע זייער געפרייט, ווען כ'האָב געלייענט קלימאָוויטשעס אַרטיקל אינם סאָוועטיש־פּעדאַגאָגישן זשורנאַל "זומער שול" פון 1924 (איר הערט, 1924, — 7 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע), אַז "וואָס אַנבאַלאַנגט אונזער קאַמף מיט אמונה, טרעטן מיר צו צו דעם דאָזיקן ענין זייער פאַרזיכטיק (קראַינע אָסטאָראָזשנע), אויסערגעוויינלאַך פאָרזיכטיק. דאָס רוב, צופעליק, אגב־אורחא'דיק, פאַרבײַגייענדיק אַזוי צו זאָגן, מיר באַמיִען זיך אַרײַנצוציִען אין אַזאַ שמועס אויך די גלויביקע. זומער טוען מיר עס, ליגנדיק ביים ברעג טײַך אא. וו. דורך שמועסן איבער נאַטורוויסנשאַפט". אפילו פאַרן סאָוועטן פאַרבאַנד, וואו מען ברעכט אום'ברחמנות'דיק (און זאָלן די הענט געבענטשט ווערן) דאָס אַלטע, דאָס אָפּגעלעבטע, וואו 150 מיליאָן מענטשן ברענגען איבערמענטשלאַכע קרבנות, כדי אײַבערצובויען זייער לעבן אויף מענטשלאַכע יסודות, אפילו דאָרטן, וואו מיר האָבן געקאָנט דערוואַרטן אַן אַנדער צוגאַנג

צום פּראָבלעם אמונה, אפילו דארטן, טרעט מען צו צום דאָזיקן ענין "אויסערגעוויינלאך פּאָרזיכטיק".

האָט מיך אויך געפרייט, וואָס אין די ארגענטינער ארבעטער שולן, וואָס ווערן אָנגעפירט פון ברידער אָרגאניזאציעס צו די, וואָס פירן ביי אונז די שולן ביים אינטערנאציאָנאלן ארבעטער ארדן, לערנט מען געשיכטע פון אמונות און מנהגים, יום־טובים, רעליגיעזע, כדי "דאָס קינד זאָל ניט בלינד זיין און פארשטיין די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט, עס זאָלן וויסן דעם שורש און דעם מקור פון קולטור" ("אונזער שול", ארגענטינע). ווי געבענטשט אזא צוגאנג איז פאר דער נשמה פון קינד! ס'האָט מיך אויך באמת געפרייט צו לייענען אין "ניו־ערא" דעם ענטפער, וואָס איינע פון די וויכטיקסטע סאָוועטישע פעדאגאָגן האָט געגעבן א פאָרשטייער פון "ניו־ערא", אויף דער פראגע, צי לערנט זי די קינדער, אז ס'איז קיין גאָט ניטאָ. "ניין", האָט זי מיט הארץ א זאָג געטאָן, "מיר זאָגן ניט די קינדער אז ס'איז ניטאָ קיין גאָט. פאראן פארשיידענע אָרגאניזאציעס וואָס פירן אנדערש אָן א קאמף מיט גאָט. מיר אָבער זיינע [פּעדאגאָגן], מיר לערנען די קינדער אזויפיל נאטור וויסנשאפט, אזויפיל עוואָלוציע (צוגענגלאך פאר קינדער), אז דאָס קינד וועט שפּעטער סאי ווי פארשטיין, אז ס'איז ניטאָ קיין גאָט". ווי אונזערע אבות האָבן זיך אים פאָרגעשטעלט.

א לערער, א פאָטער, מוז תמיד גרייט זיין, ברייט און אלזייטיק דערקלערן א קינד א פראגע. מאכט איר ניט אוועק מיטן האנט, לערנט זיך דאָס קינד פון אייך זיך צו באציען צו פראגן ערנסט, לערנט זיך דאָס קינד סיסטעמאטיש, אלזייטיק טיף און עקזאקט זיך צו דערגרונטעווען אין פראגן בכלל. פאראן פראגן, וואָס מען קאָן אויף זיי ניט ענטפערן מיט איין מאָל, די פראגע גאָט פאָדערט אפשר יאָרן אויפקלערונג.

קינד, מיינס, וואָלט איך אָנגעהויבן א געמיטלאכן שמועס מיטן קינד; קינד מיינס, מיט טויזנטער, טויזנטער יאָרן צוריק האָבן די מענטשן ניט פארשטאנען וואָס לעבן און טויט איז. זיי האָבן ניט געקאָנט פארשטיין, אז א מענטש מוז סוף־כל־סוף שטארבן. זיי האָבן געזען, אז א מענטש ווערט צעריסן פון

א זומפ. און שטארבט. דאָס מיינט אז א מענטש קאָן שטארבן. א חיה, פאלט אראָפּ פון א בוים, אז א מענטש פאלט אריין אין אָבער אז א מענטש מוז שטארבן האָבן זיי ניט געקאָנט פאר־שטיין. זייער לעבן איז געווען אזוי פול מיט סכנות, און ווי אָפּ־צוהיטן זיך, ווי אויסצומיידן זיי האָבן זיי משמעות ניט גע־וואוסט, איז יעדער טויט געווען אן אומגליקס פאל. אפילו פאר־קילאכץ, אויב אזוינס איז געווען, האָט געקאָנט רעדוצירט ווערן צו אן אומגליקספאל . . .

אָבער וואונדער איבער וואונדער, אז א מענטש שטארבט הערט אויף צו קלאפּן דאָס הארץ. פון דאָרטן, משמעות מוז עס די נשמה ארויספליען. אָבער ווי אזוי פליט זי ארויס. זיי האָבן געזען, אז מענטשן שטארבן אָפּטמאָל נאָך דעם, ווי זיי זיינען אָפּגעלאָפן מיט א סך בלוט. א סימן, אז מיטן בלוט פליט ארויס די נשמה.

האָט אָבער איינער, למשל, באמערקט, אז בעת א מענטש איז לעבעדיק זעט מען א "מענטשעלע" אין די אויגן, בעת ער איז טויט זעט מען דעם מענטשעלע ניט — א סברא, אז די נשמה איז אין די אויגן.

אָבער, אז דער מענטש האָט א נשמה, אז דער מענטש זעצט פאָר א לעבן נאָכן טויט, אן אנדער לעבן אפשר, אָבער א לעבן, איז קיין צווייפל ביי זיי ניט געווען. אָט קומט דער מת צו חלום, דער חבר רעדט מיט אים, גייט אויף יאגד מיט אים, ער, דער מת, לעבט, הייסט עס. דאַרף מען אים געבן צו עסן. באגיסט מען דעם שטיין, דעם קבר מיט בלוט — פאר־שווינדט דאָס בלוט, א סימן ער האָט עס געטרונקען, לייגט מען אוועק א שטיק פלייש, ווערט עס ווייניקער (ס'דארט איין . . .) א סימן ער, דער מת, עסט און א. וו.

האָט איינער, למשל, אויפגעגראָבן א קבר און האָט דעם מת ניט געפונען (אין משך פון יאָרן ווערט דער מענטש פאר־פוילט — דער קערפּער לייזט זיך אויף אין דער ערד ווי צוקער אין וואסער) — איז ער גלייך געפאלן אויף דער המצאה, אז ער מוז ערגעץ וואו פארשווינדן. וואו ? פייער גייט אויף ארויף, רויך אויף ארויף, פארע אויף ארויף — אָט דאָרטן,

דאַרטן אהין אפן הימל מוז ער עס אוועק. דאָ הויבט אָן די פאַנ־טאַזיע זיך צו צעשפּילן, ווי ער לעבט דאַרטן. דער מענטש פאַר־מאָגט גוואַלדיקע פאַנטאַזיע פליגלען. האָט עמיצער בײַנאַכט באַמערקט פליגעלאַך, וואָס ס׳לויכט פון זייערע בײַכעלאַך ארוים א פײַערל — האָט עמיצער בײַנאַכט געזען א פײַערל אויפן פאַרפוילטן בוים — איז דאָך אָפּגערעדט אז דאָס זײַנען גייסטער, נשמות פון פאַרשטאָרבענע. קומט א צרה אפן שבת איז עס משמעות א שטראָף פון די גייסטער, וואָס זײַנען אין כעס. זײַנען משמעות פאַראַן אזוינע גייסטער, וואָס טוען נאָר גוטס, דאַרף מען זיי בעטן, דאַרף מען באַרואיקן די בייזע. אנטשטייען פאַמיליע גייסטער, שבט גייסטער ביז מען קומט צו דער אידייע, אז ס׳מוז זײַן איין גייסט איבער אלע גייסטער — איין גאָט.

געדיינקסטו, קינד מײַנס, דאָס מעשה׳לע מיטן ווינט? סאַרא שלעכטער דער ווינט איז — ער האָט אראָפּגעוואָרפן די וועש, וואָס די אלטיטשקע האָט קוים מיט די כחות אויסגע־האנגען .סאַרא גוטער דער ווינט איז — ער האָט מיט זײַן ניגון פאַרווײַגט דאָסקינד, וואָס האָט זיך מחיה געווען, ס׳האָט זיך אויסגעשלאָפן. סאַרא שלעכטער דער ווינט איז — ער האָט אראָפּגעריסן דעם לאָדן פון פענסטער, אויפגעוועקט און דער־שראָקן דאָס קראַנקע קינד. סאַרא גוטער דער ווינט איז — ער האָט געבלאָזן און גיך אויסגעטריקנט די וועש. איידער נאָך ס׳איז ארוים א רעגן. סאַרא גוטער דער ווינט איז — עס איז אזוי היים, בלאָזט ער און קילט, א מחיה. סאַרא שלעכטער דער ווינט איז — ער צעבלאָזט דעם פײַער און די שריפה פלאַקערט מיט רציחה, ווער ווייסט צי מען וועט אלע מענטשן קאָנען ראַטע־ווען. סאַרא גוטער דער ווינט איז — ער צעבלאָזט דאָס פײַערל, ס׳וועט באַלד פאַרטיק ווערן א גלעזעלע טיי פאַרן קראַנקן קינד. ניין ,קינד מײַנס. דער ווינט איז ניט קיין שלעכטער און ניט קיין גוטער. זײַן נאַטור איז צו בלאָזן — בלאָזט ער, דאָס אלץ.

יעדע זאַך האָט זיך איר נאַטור. פויגעלאַך, בלימעלאַך, פלי־געלאַך אפילו א שטיין. ווי בלאָס און קראַנק א בלימעלע וואָלט געוואַקסן אין א קעלער, ווי אומעטיק און טרויעריק ס׳זינגט

אַ פייגעלע אין שטייגעלע. און ניט נאָר דאָס. פאַראַן קעגנזייטיקע הילף באַציאונגען צווישן אַלץ און אַלע אין נאַטור. די לופט, וואָס מיר אָטעמען אויס — איז לופט פאַר די בלימעלאַך, און די לופט, וואָס זיי אָטעמען אויס — איז פאַר אונז לופט. פאַראַן אַ אייביקע האַרמאָניע אין לעבן. אָט זע, קינד מיינס: זינג אַ לידעלע, איך וועל זינגען די צווייטע שטים. זעסט ווי שיין! איצט הער, ווי כ׳וועל זינגען מיט דער מאַמען אין צוויי שטימען. זעסטו סאַרא האַרמאָניע, הער, ווי אין טאַקט. אומעטום אין נאַטור וועסטו געפינען האַרמאָניע. איינס גיסט זיך אַריין אין דאָס צווייטע. איינס גיט לעבן דאָס צווייטע.

די זון וואַרימט מיט אירע שטראַלן דאָס בוימעלע. זאַלצן, וואָס אונטער דער ערד, "פירן אַרום" שפייזן צום בוימעלע. ס׳בוימעלע לעבט. געניסט פון לעבן און האָט הנאה. דאָס בוימעלע גיט אונז פרישע לופט און שפייזט אונז מיט אירע פרוכט, אָדער שפייזט אינסעקטן און אַנדערע באַשעפענישן.

ווילסטו וויסן דעם גייסט פון דער נאַטור, איר נשמה? הער, קינד מיינס, קוק זיך צו צו דער ראַזקייט פונם שניי. דו קאָנסט די דאַזיקע ראַזקייט ניט אַוועקנעמען פונם שניי. דאָס איז זיין שיינקייט, וואָס ער קריגט, ווען די זון שעמערירט, שפיגלט זיך אָפּ אין אים און שפילט מיט אים. דאָס האָט די זון אויפגעוועקט און אונז באַוויזן די נשמה פון דעם שניי.

קוק זיך צו, קינד מיינס, צו גלאַנץ פון טייך. דער גלאַנץ — דאָס איז די נשמה פונם טייך, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אין זיין פולער פּראַכט, אַ דאַנק דער זון, וואָס שפיגלט זיך, וואָס טאַנצט איצט זיין טאַנץ, וואָס שטראַלט מיט זיין רעגנבויגן קאָלירן אויפן טייך. אָן דעם טייך, אָן דער זון קאָן ניט זיין קיין גלאַנץ. אָן דעם שניי, אָן דער זון קאָן ניט זיין קיין ראַזקייט אין שניי. קאָנסטו זיך פאָרשטעלן, קינד מיינס, קיילאַכדיקייט אויסער דעם קיילאַכדיקן טיש, למשל?

נשמה איז אַ פונקציע פונם קערפּער. די נשמה פון יעדער מאַטעריע איז דאָס געטלאַכע פון דער מאַטעריע. דערפאַר האָבן די חסידים געלערנט, אַז גאָט איז פּראַכט, שיינקייט, פיינקייט, גוטסקייט, האַרציקייט. פאַרמערן מיר דאָס גוטע, פאַרמערן מיר

דאָס געטלאכע. דערפאר, קינד מיינס, האָט שפּינאָזע געזאָגט, אז "אויסער גאָט קאָן קיין סובסטאנץ (קאָן קיין מאטעריע) ניט זיין. גאָט איז אין דער מאטעריע. גאָט איז דאָס גרויסע, דאָס הערלאכע, דאָס אמת מענטשלאכע און אמת נאטירלאכע. גאָט דאָס איז דאָס גרויסע ליכט, וואָס האָט געלויכטן, וועט אייביק לויכטן, וועט אייביק ארויסלייכטן פון יעדער מאטעריע, פון יעדער נאטור, פון יעדן מענטשן — און ארויסשטראלן פון יעדער דערשיינונג און האנדלונג. ברענגט עס אלץ צום קינד, גיט עס אים צו פארשטיין, עס וועט דאָס באנעמען און דערפילן די איינזיקייט און נאטירלאכע קרובה'שאפט פון אלץ און אלע. יאָ, ברענגט עס דעם קינד.

ברענגט דעם קינד די השערה, אז אמונה איז ארויסגע־וואקסן פון דער בענקשאפט נאָך א שענערן, רואיקערן לעבן. ווייזט דעם קינד דעם אמת'ן זין פון די עשרת הדברות, ווייזט דעם טיפן זין פון דעם ואהבת לריעך כמוך, ציטירט פסוקים פון נביאים.

ברענגט וואודסוואָרט ליבע צו דער נאטור. ברענגט די לעגענדעס און ווייזט וויפל שיינקייט, חכמה און וואָס פאר א הערלאכע סימבאָלן זיי זיינען (איר געפינט זיי אין די צענדלי־קער אינם בוך). ברענגט די מנהגים, וואָס זיינען ארויסגעוואקסן פון דער אמת'ער אמונה, ווייזט דעם קינד וואָס פון דער אמונה איז געווארן, ווען די הערשער האָבן זי גענומען אויסנוצן פאר זייערע צוועקן.

פארוואָס זאָל מען ניט קאָנען לערנען מיט א קינד, אינם עלטער פון 15-14 יאָר, שפינאָזע, צוגעפּאסט פאר קינדער? מארקסיזם טאקע ניט, ס'איז צו פרי (ביאָגראפיעס פון קעמפער, דאָס גרויסע ראָמאנטישע פון סאָציאליזם, מארטירערטום און א. וו., טאקע יאָ, מחמת דאָס אפעלירט צום קינד). אָבער דורך שפינאָזע קאָן מען דאָך לייגן אינם קינד א געזונטן פונדאמענט פאר וועלטלאכקייט, פאר מארקסיזם און פאר דיאלעקטישן ארט דענקען. אריסטאָטל האָט א קלאפּ געטאָן דעם דואליזם אין באַ־צוג צום מענטשן (נשמה איז א פונקציע פון קערפער), שפינאָ־

זע האָט א סוף געמאכט צום דואליזם אין דער וועלט (גאָט איז די נשמה פון דער נאטור).

פארוואָס זאָלן קינדער ניט זען די אמת'ע עוואָלוציע, וואָס ציט זיך טויזנטער יאָרן ביז אריסטאָטל און שפּעטער — אריס־טאָטל ־ רמב"ם ־ דעקארט ־ שפּינאָזע ־ ראַציאָנאַליזם ־ השכלה אונזער וועלטלאכקייט און א. וו. ?

איר געפינט דאָך ביי שפּינאָזען אזויפיל געדאנקען, וואָס זיינען ווי וואָרצלען, פון וועלכע ס'זיינען ארויסגעוואקסן אונזערע היינטיקע באגריפן פון דיאלעקטיק, עוואָלוציע, מארקסיזם און וועלטלאכקייט. ווען איר הויבט אָן א קינד צו דערציילן פאר־שיידענע לעגענדעס און קאפּיטלאך געשיכטע הייבט דאָס קינד אָן צו דערפילן די צוויי ריכטונגען, אזוי צו זאָגן, אין דער רע־ליגיעזער קולטור, וואָס האָבן תמיד אָנגעפירט א קאמף צווישן זיך. די ריכטונג פאר פארפלאכן די אמונה, פון פארוואנדלען זי אין א געצייג, פון ארומרינגלען זי מיט מיסטעריעס, מיט אבערגלויבנס, מיט שרעק, און די ריכטונג, וואָס איז דער אמת'ער זין פון אמונה געווען. די ריכטונג וואָס רייסט זיך תמיד ארויס פון די הענט פון די פארפלאכער, וואָס האָט אויס־געדריקט די בענקשאפט נאָך עפּעס הייליקעס, גרויסעס, שיי־נעס, אין לעבן, די בענקשאפט נאָך א גן־עדן אף דער וועלט און אין יעדן מענטשן, די בענקשאפט נאָך גלייכהייט, נאָך שלום און ליבע.

ווען א קינד באקאנט זיך מיט דעם אלץ, הייבט עס אָן צו פילן וויפל הארץ, נשמה, מיט וויפל רוף צו א סאָציאליסטישער וועלט איז דורכגעדרונגען די אמונה. און ווי גרויס, ווי ליכטיק און הייליק־מענטשלאך דאָס אלץ איז אין פארגלייך מיט דער אידייע פון א גאָט, וואָס זיצט מיט א בייטל גאָלד אין איין האנט און מיט א חלף און מיט צרות אין דער אנדערער האנט.

אָט זאָגסטו, קינד מיינס, אז די באָבע האָט דיר דערציילט וועגן גלגולים, וועגן מכשפים און מכשפות. ווייסטו, ווי די מענטשן זיינען דערגאנגען, האלט מען, צו דעם ? שטעל זיך פאָר, אז דער מענטש, וואָס האָט זיך געפילט ארומגערינגלט פון גייסטער, פון שלעכטע און פון גוטע, האָט זיך געיאָגט,

לאָמיר זאָגן, נאָך א פוקס. יאָגנדיק זיך אזוי אין דעם געדיכטן וואלד האָט עס געהאלטן, אז אָט־אָט כאפט ער דעם פוקס. שפרינגט אָבער פלוצלונג ארויס א שלאנג, דער מענטש דער־שרעקט זיך און אנטלויפט. אים פאלט ניט איין, אז דעם פוקס איז געלונגען ארייננצושפרינגען אין אזא געדיכטעניש, אז ער האָט אים פארלאָרן פון די אויגן. אים פאלט עס גאָרניט איין. ער איז אין טויט־שרעק פאר נאטור דערשיינונגען, וועלכע ער פארשטייט ניט, און ווייל ער פארשטייט זיי ניט, איז ער זיכער, אז אין דעם פוקס ליגט א כח מגולגל צו ווערן אין אן אנדער חיה. איז אויב א חיה קאָן עס, דארפן עס דאָך אויך קאָנען גע־וויסע מענטשן מכשפים און מכשפות. און ניט נאָר דאָס, זיי קאָנען משמעות אויך ווייזן נסים און א. וו. אָבער וואָס מער דער מענטש הייבט אָן צו פארשטיין נאטור־דערשיינונגען, אלץ מער און מער הערט אויף דער מענטש צו גלויבן אין נסים ונפלאות . . . אָבער דאָס איז נאָך ניט אלץ, קינד מיינס. אָט די אלע נסים ונפלאות זיינען פאָלקס שאפונגען. דעם מענטשנס פאנטאזיע איז זייער א רייכע. פוצט דער מענטש צו די "נסים". מאָלט ער זיי לויט זיין פאנטאזיע און ניט איין דערציילונג פון "א נס", האָט געמעגט אריין צווישן די פערלען פון לי־טערטור.

איך קום צום סוף פון מיין ערשטן בריוו צו אייך. כ׳האָף, ליבע מוטער, אז איר האָט פארשטאנען, אז אויב מיר האָבן ביז איצט געהאלטן, אז מיר דארפן באפעלן און דאָס קינד פאָלגן, אז מיר דארפן געבן און דאָס קינד נעמען — דארפן מיר איצט באנעמען, אז די אמת׳ע דערציאונג, אז דאָס אמת׳ע וויסן דער־ווערבט א קינד דורך אקטיוויטעט, אז אויפוועקן אינם קינד שע־פערישקייט איז דער פאָרבאדינג אין דערציאונג; אז דעם קינדס נשמה האָט זיך איר וועג, אירע געזעצן; אז וואָס מער רואיקייט, שטילקייט, הייליקייט זי זאפט אין זיך איין, אלץ העכער און ליכטיקער איז איר הימל; אז דאָס קינד קומט צו אונז נישט אינגאנצן פריי, עס ברענגט מיט זיך גענוג מיט פונם ירושה פאָנד; אז פרייהייט און ליבע זיינען די זוניקסטע שטראלן, וואָס צעבליען אין קינד די הערלאכסטע געפילן; אז ארויפגע־

צוואונגענע דיסציפלין זייט נאָר האס און שרעק. בעת פאַר־פלאנצטע דורך דרד־ארץ צום קינדס פערזענלאכקייט און דורך ליבע צו אים, זעלבסטרעספעקט און זעלבסטקאָנטראָל איז ניט אָן אָן ערך א שטארקערער כח אים צו פארהיטן פון קלעפּ פון לעבן; אז קלעפּ וועקן נאָר גראָבקייט און ברוטאליטעט; אז דאָס קינד האָט זיך זיינע לײדן, זיינע ווייטיקן, זיינע פיינען, זיינע בלוטנדיקע וואונדן, וואָס מאטערן אים שטארקער, ווי עס מאטערן אונז אונזערע לײדן, מחמת דאָס קינד קאָן ניט אזוי גרינג געפינען קיין טרייסט; אז סביבה, צייט, אומשטענדן, דע־צעדירן מער דעם גורל פונם קינד, ווי אונזערע חלומות, ווי אונזער ווילן. כ׳האָף, ליבע מוטער, אז איר האָט עס פארשטאַ־נען, מירן נאָך ברייטער וועגן דעם שפּעטער רעדן. יאָ, כ׳קום צום סוף פון מיין ערשטן בריוו צו אייך. דערלויבט מיר צו פאר־ענדיקן אים מיט א פאָר הארציקע ווערטער. כ׳טו עס דערפאַר, מחמת כ׳פיל, אז כ׳האָב אויפגעוועקט אין אייך א סך בענק־שאפט און זיכער ארויסגערופן א סך טרערן. כ׳שעם מיך ניט צו זאָגן, אז דער בריוו איז אויך נישט איינמאָל דורכגעזאַפּט געווארן מיט א טרער. ס׳איז דאָך פאראן אזויפיל גוטס, אזוי פיל גליק, אויף דער וועלט, צו וואָס די לײדן, די שמערצן און די ווייטיקן. פרייד קאָן דאָך זיין אזויפיל. פארוואָס זאָל מען ניט קאָנען ארייינגלידערן אונזערע קינדער אין א לעבן פול מיט זון און מיט הימל? מר. סטאָן (טויט־אורטייל, ש. אש), ווארטנ־דיק אויפן טאָג, ווען ער וועט פארברענט ווערן אויפן "עלעק־טריק שטול", שטייט אזוי איינמאָל ביי א פענסטער פון זיין טויטן קאמער און טראכט: "דאָס לעבן האָט דאָך צו פארטיילן אזויפיל גליק, דאָס לעבן איז דאָך אזוי רייך אין גליק. עס וואָל־גערט זיך דאָך ארום דאָס גליק איבער דער ערד, און איך האָב דאָס ניט געוואוסט, און איך האָב עס געזוכט אויף אזוינע פאר־פלאָנטערטע געפערלאכע וועגן". פארוואָס לערנען זיי ניט די מענטשן, וואו עס געפינט זיך דאָס אמת׳ע גליק?

יאָ, מיר האלטן אין איין זוכן גליק אויסער אונז, בעת פול מיט גליק און ליכט איז אונזער נשמה. אמת, די איצטיקע וועלט איז א פינסטערע, אָבער איר קאָנט געפינען, אפילו אין איר,

עמערווייז ליכט און גליק, איר דאַפט נאָר קאָנען זוכן. גליקלאַך איז דער, וואָס קאָן ארויסרופן א שמייכל, א שטראַל פון פרייד ביי א מענטשן, מיט א צעוואונדעטער נשמה. גליקלאַך איז דער, וואָס קעמפנדיק פאַר א נייער וועלט, זעט ער שוין אין זיין ווי־זיע א באַפרייטע, א צעשטראַלטע און א צעבליטע מעטנשהייט. גליקלאַך איז דער, וואָס פאַרשנדיק און זוכנדיק, דערגרייכט זיין חלום, וואָס קאָן וואַרימען הערצער און שטילן צער. אמת, עקס־פּלואַטאַציע, מלחמות, נויט, הונגער, פאַרביטערט און פאַרפינס־טערט אונזער לעבן. דאָך, קאָן מען געפינען פרייד און גליק און רואיקייט אפילו אינם שטורם; דאָך קאָן מען אויפטויכן אין דער נשמה פון מענטשן אזויפיל הימל, דאָך קאָן מען אָנצינדן הערצער מיט אזויפיל ליבע, אז פונם פאַרביטערטסטן אפילו קאָנען ארויסשפּראָצן די הערלאכסטע בלומען. זאָל נאָר יעדע־רער זוכן דאָס זוניקע, דאָס וואַרימע אין זיך. וואַקסט דאָך דווקא פון די אָרימסטע, דווקא פון די באַליידיקטסטע ארוים די הער־לאַכסטע בלומען, בלומען פון בענקשאַפט, פון טיפן גלויבן און פון גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאַר דער מענטשהייט.

יאָ, כבודו מלא עולם . . . יאָ, מיט דאָס ליכטיקע, הערלאכע און געטלאכע איז פול די גאַנצע וועלט. ווען מיר זעען מיט וואָס פאַר א מסירת נפש יונג און אלט גייט אָף קידוש השם, זאָגן מיר, אז דער כח, וואָס באַוועגט זיי זיך מקריב צו זיין, ווערט גענערט און געפלעגט פון א קוואַל, וואָס איז לויטער, וואָס איז ליכטיק און הייליק. ווען מיר זעען, מיט וואָס פאַר אן אימפּעט, מיליאָנען אַרבעטנדיקע און פאָלקס מאסן שמידן זייער צו־קונפט, וואָס זאָל געבויט זיין אויף יושר און צדק זאָגן מיר, אז דאָס פייערל, וואָס רופט זיי, וואָס וועקט זיי, וואָס מוטיקט זיי, וואָס שטאַרקט זיי, ווערט גענערט און געפלעגט פון דעם זעל־ביקן הייליק מענטשלאכן קוואַל.

יאָ, כבודו מלא עולם. מיט דאָס ליכטיקע, הערלאכע און געטלאכע איז פול די גאַנצע וועלט. אומעטום קאָנט איר גע־פינען ליכט, זון, וואַרימקייט און הימל. אומעטום. מען דאַרף נאָר האָבן אויגן דאָס צו דערזען, א האַרץ צו דערפילן, א נשמה וואָס זאָל דאָס זוכן.

און ווי שוואך א ליכט זאָל ניט ברענען, ברענט עס דאָך, שטראַלט עס דאָך מיט ליכטיקייט און מיט וואַרעמקייט. די גאַנצע וואַרעמקייט, די גאַנצע יום־טוב׳דיקייט, די גאַנצע גוטס־קייט פון דער וועלט, ווערט צענויפגעשטעלט פון אָט די קליינ־טשינקע שטראַלכעלאַך ליכט. וואָס יעדעס באַזונדער ברענט באַשיידן און אַפּטמאָל ניט אָנזעבאַר. אָבער ווי באַשיידן דער אָדער יענער מענטשלאַך הייליקער שטראַל זאָל ניט זיין, איז ער דאָך א טייל פון דעם גרויסן ליכט, וואָס שטראַלט אַרויס פון דער מענטשלאַכער נשמה. איז ער דאָך א טייל פון דעם גרויסן ליכט, וואָס לויכט אייביק.

יאָ, כבודו מלא עולם. מיט דאָס ליכטיקע, הערלאַכע און געטלאַכע איז פול די גאַנצע וועלט. מיר דאַרפן נאָר ניט זוכן דאָס דאָזיקע אויסער אונז. מיר דאַרפן עס נאָר קאָנען אַרויפ־טויכן פון די טיפענישן פון אונזער נשמה. יאָ, אין אונז זיינען פאַרלייגט אוצרות פון גוטס, וועלטן פון ליכט, אין אונז אליין. מען דערציילט וועגן א מענטשן, וואָס איז אויסגעוווען די גאַנצע וועלט זוכן ליכט, פרייד און גליק. אַן אַנטטוישטער האָט ער זיך צוריקגעקערט אהיים. ווי איבערראַשט איז ער אָבער גע־וואָרן, ווען ער האָט אויפן שוועל פון זיין היים געפונען דאָס גליק, וואָס האָט זיך קוים דערוואַרט אויף אים . . .

יאָ, נישט געקוקט אויף די שטורעמס, וואָס בושעווען אין אונז, אַרום אונז און ביי אונז, ניט געקוקט אויף דעם חושך מיט וועלכן עס איז פול אונזער לעבן, נישט געקוקט אויף הונ־גער און אונטערדריקונג קאָן א מענטש דאָך אַרומרינגלען זיך מיט א סך ליכט און מיט א סך גליק.

די גרויסע אַרבעטער מאַרטירערן און גרויסער גייסט, ראָזע לוקסנבורג, שרייבט פון טורמע צו אירער א חבר׳טע אזא בריוו : "ס׳איז דאָך מערקווירדיק, איך לעב תמיד ווי אין א פריי־לאַכער שכרות, אָן קיין שום באַזונדערן גרונט. כ׳ליג דאָ איצט, למשל, אין דער פינסטערער קאַמער אויף א מאַטראַץ, וואָס איז האַרט ווי שטיין; אינגאַנצן הויז אַרום איז שטיל, ווי אַף א בית־עלמין, עס דאַכט זיך דיר אויס, אז דו ליגסט ווי אין א קבר; פונם פענסטער שיינט אויף דער קאָלדרע דער רעפלעקס פון

א לאמטערנע, וואָס ברענט פאַר דער תפיסה די גאַנצע נאַכט. פון צייט צו צייט הערט מען פון דער ווייט, איינגאַנצן פאַר־דומפּט, דעם געדודער פון אַן אייזנבאַן צוג. און איך ליג זיך דאָ שטיל, איינער אַליין, איינגעוויקלט אין שוואַרצע טיכער פון פינסטערניש, לאַנגווייליק, אומפרוי, — און מיין האַרץ קלאַפּט מיט אַזאַ אומבאַגרייפלאַכער, אומבאַקאַנטער, אינווייניקסטער פרייד, איך שמייכל אין דער פינסטער צום לעבן. איך פרעג זיך אַליין פון וואַנען עס נעמט זיך צו מיר די דאָזיקע פרייד. איך מיין, אַז דער סוד איז דאָס לעבן אַליין, די טיפע פינסטערקייט פון דער נאַכט איז שיין און ווייך, ווי סאַמעט — אויב מען זאָל נאָר ריכטיק קוקן. אינם קנאַקן פונם פּייכטן זאַמד, אונטער די פּאַמעלאַכע טריט פון דער וואַך, זינגט זיך אויך אַ קליין שיין ליד פון לעבן, אויב מען ווייסט נאָר, ווי צו הערן. אין אַזוינע מאָמענטן קלער איך וועגן אייך, און כ׳וואָלט אייך גרייזלאַך גע־וואָלט איבערגעבן דעם דאָזיקן כשוף שליסל, איר זאָלט תמיד, און ביי אַלע אומשטענדן (איר הערט, ראָזע לוקסנבורג זאָגט, ביי אַלע אומשטענדן) אויפנעמען די שיינקייט און די פרייד פונם לעבן, איר זאָלט אויך זיין פאַר׳שיכור׳ט פונם לעבן, און גיין ווי איבער אַ בונטער לאָנקע״. יאָ, נישט געקוקט אויף די שטורעמס, וואָס בושעווען אין אונז, אַרום אונז און ביי אונז, קאָן אַ מענטש אין זיך אויפטויכן, אוצרות פון פרייד, און גליק, און לעבן.

אין פּרצ׳ס ״לאָמפּן מוסר״, זאָגט דאָס גרויסע פייער פונם גרויסן לאָמפּ צום קליינעם פייערל, זיין קינד, אַזוי: ״פיר זיך בדרך הישר, ברען ווי אויפן מזבח, ברען גלייך צום הימל אַרויף און פאַראייניק זיך מיט יענע גרויסע ליכט, וואָס ברענען איי־ביק״. — ווען יעדע מוטער און יעדער פאָטער וואָלטן פאַר־שטאַנען, אַז די היים איז דער קדשי קדשים פון בית־המקדש פאַרן קינד, ווען יעדער פאָטער און יעדע מוטער וואָלטן ״גע־ברענט״ אויפן מזבח, וואָלטן אונזערע קינדער גרינגער געקאָנט ביי־קומען די שדים און רוחות, וואָס לויערן אויף זייערע נשמות, וואָלטן אונזערע קינדער ניט געדאַרפט איבערלעבן גיהנום יסור־רים. די תורה לערנט אונז, אַז אויף עופה׳לאַך יתומים איז דער

גרעסטער רחמנות, ווייל זיי ווייסן נעבאך ניט, ווי אומגליקלאך זיי זיינען. יאָ, אונזערע קינדער ליידן אומוויסן נעבאך ניט פאר־וואָס, זיי ווייסן נעבאך נישט פארוואָס ס'ווייגט זיך זיי, פאר־וואָס זיי קאָנען ניט איינזיצן, פארוואָס עס ברענט אין זיי א פייער. כ'האָב ערגעץ וואו געלייענט א פאל מיט א קינד, וואָס פלעגט זיך פון צייט צו צייט אין משך פון טאָג, אָן א פארוואָס צעוויינען. מען איז אויסגעווען ביי צענדליקער דאָקטוירים און ניט געקאָנט אויסגעפינען די סיבה. דאָס קינד פלעגט, למשל, זיצן ביים טיש נאָכן עסן און פלוצלונג, אָן א פארוואָס זיך צע־כליפען. שפעטער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס קינד האָט זיך אין דער פריסטער קינדהייט געהאט אמאָל דערשראָקן פאר וואסער. דאָס גערויש פון וואסער פלעגט אויפטויכן אינם קינד די דאָזיקע שרעק. נאָכן עסן, צי פארן עסן פלעגט די מוטער וואשן דאָס געפעס, און איז גאָרניט חושד געווען, אז דאָס דאָ־זיקע פלעגט אויפטויכן דעם ווייטיק, דעם שרעק אינם קינד. אויב א קינד וויינט קאָן עס אמאָל זיין א גאנץ ערנסטע סיבה. יאָ, צענפאך ווייטיקדיק איז אונז און דעם קינד, וואָס דאָס קינד ווייס אפילו נישט אמאָל פארוואָס עס פילט אזוי שלעכט.

אָרים קינד, וואָס פאר א קרבן דו ביסט ! דו ביסט ניט נאָר א קרבן פון דער פינסטערער געזעלשאפטלאכער ארדנונג, דו ביסט נישט נאָר א קרבן פון דער צייט, דו ביסט אויך א קרבן פון אונזער אומוויסנהייט און פון אונזער גרינגער באצי־אונג, דער אויבנאויפיקער, צו דיין לעבן. דאָס קינד ! דאָס איז דאָך נישט קיין וואָרט, דאָס איז דאָך ניט קיין נאָמען פון עפעס א זאך, וואָס האָט א קעפעלע און אפן קעפעלע הערעלאך, וואָס האָט ציינדעלאך, וואָס האָט צוויי בלויע אויגעלאך "ווי בלויע הימעלאך", "וואס דער בויגעוודיקער קערפערל איז, ווי א פריי־לינג בוימעלע" (ליב ניידוס). ניין, דאָס קינד איז דאָך די פאר־קערפערונג פון אלץ, וואָס איז הייליק און געטלאך אויף דער וועלט.

דאָס קינד ! דאָס קינד, איז דאָך געגעבן געוואָרן דעם מענטשן עס זאָל ווארימען זיין לעבן, עס זאָל אָנפילן זיין נשמה מיט צארטקייט, מיט ליבע און מיט זון. א קינד איז דאָך דאָס

מלאכ׳ל, וואָס רופט אַרויס אַ שמייכל פון איניקער פרייד אפילו ביי מענטשן, מיט הערצער פון שטיין. אַ קינד איז דאָך דער הערלאַכער גייסט, וואָס פלאַנצט ווייכקייט און נשמה׳דיקייט. אַ קינד איז דאָך די פאַרקערפּערונג פון די ליכטיקסטע, זוניק־סטע שטראַלן, וואָס זיינען פון הימל אַראָפּגעריסן געוואָרן און אין מענטשלאַכן חושך געוואָרפן געוואָרן.

ס׳איז אַ טעות צו דיינקען, אַזמיר זיינען גרייט אָפּצוגעבן אונזער לעבן אונזערע קינדער, מחמת דעם, וואָס אין זיי ליגט אונזער צוקונפט, מחמת דעם, וואָס זיי וועלן ירשה׳נען אונזער אידעאַל, מחמת דעם, וואָס זיי וועלן עס פאַרווירקלאַכן אונזערע האָפנונגען, אונזערע חלומות, מחמת דעם, וואָס זיי וועלן עס פאָרזעצן אונזער מאַרש צו אַ נייער וועלט. ס׳איז אַ טעות אַזוי צו האַלטן. יחידים קאָנען אַזוי טראַכטן און פילן, אָבער ניט די מאַסן. מאַסן דיינקען אַנדערש, מאַסן פילן אַנדערש. אויב אַזוי, איז וואָס איז עס דער צויבער כח, וואָס רעגט אונז אָן זיך מקריב צו זיין פאַר אונזערע קינדער, איז וואָס איז עס דער כישוף, וואָס וועקט אין אונז געדולד, וואָס רופט אַרויס אין אונז שמייכל, גוטסקייט, גרייטקייט און וואַרימקייט צום קינד. איז וואָס איז עס פאַר אַ ניט זעבאַרע קראַפט, וואָס שטראַלט אויף זון, אפילו דאָרטן, וואו עס וואויען ווינטן, וואו עס הערשט די נאַכט?

דאָס איז אונזער ליבע צום קינד, דאָס איז זי, אונזער מתנה פון דער נאַטור, דאָס איז זי די ליבע, וואָס שטראַלט מיט אַ רעגנבויגן קאָלירן; דאָס איז דאָס פייערל, דאָס הייליקע און ריינע, דאָס איז דאָס הייליקע ליכט, דאָס איז דאָס צאַרט בלי־מעלע, וואָס וואַקסט און בליט אין האַרצן פון יעדן מענטשן, דאָס איז דער זיסער ניגון, וואָס זינגט פון אונז אַרויס הייליק און צאַרט, דאָסאיז אונזער ליבע צום קינד. דאָס איז זי, זי איינע און אליין.

טונקט עמיצער אַריין זיין נשמה אין דעם דאָזיקן צויבער־ליכט פון ליבע, וועט זיך שוין אין זיין האַרצן צעוואַקסן דער כח, וואָס וועט אים טרייסטן אין די מרה־שחורה׳דיקסטע מאָמענטן. פאַר אַזא איינעם וועלן די שטימונגען פון קינד, וועלן דעם קינדס געפילן זיין אַ ליכט טורם, וועט דאָס מענטשלאַכע אינם

קינד זיין זיין ציל אין לעבן. יאָ, דאָס קינד איז כולו פּראכט, כולו שיינקייט, כולונשמה. הלואי וואָלטן מיר אלע געקאָנט פאַר־בלייבן אויף אייביק קינדער. וואָלטן מיר אפשר זיך אויסגע־לערנט צו פליען אין די הימלען, ווי הייליק און ליכטיק וואָלט די וועלט דאַן געווען.

אָבער היינט, ווען דאָס קינד הויבט אָן צו זינגען זיי ני־גונ'דל פון זיין ווינקעלע ארויס; אָבער היינט, היינט, ווען דאָס קינד הייבט אָן צו זינגען זיינע הימלשע געזאנגען ווערן זיי, די דאָזיקע געזאנגען, פאַרשריען פון דער שרייערישקייט, פון די קולות, פונם רעש, פונדי שטורם ווינטן, די בייזע און וויסטע, וואָס רייסן זיך פון לעבן.

טרינקט דאָס קינד אוים יעדן טאָג, יעדע שעה,
זיין בעכערל סם.
זאפּט דאָס קינד איין יעדן טאָג, יעדע שעה,
זיין טייל פינסטערניש.
צעבלים זיך אינם קינד יעדן טאָג, יעדע שעה,
זיין טייל קראַפּעווע.
טריקענען אינם קינד יעדן טאָג, יעדע שעה,
זיינע פליגעלאַך אין הארצן.

"אָבער וואָס לייגער דאָס דויערט און וואָס מער דאָס פינס־טערע שטייגט אריבער, טאָג־איין טאָג־אוים, אלע גרעניצן און מאָסן, אלץ שטארקער און פעסטער ווער איך ביי זיך; מען קאָן דאָך נים אָנווענדן דערביי קיין שום מאָראלישע מאסשטאבן: פונקט אזוי ווי מען קאָן דאָס נים טאָן בנוגע צו דער סטיכיע, צו א שטורם, צו א מבול, צו א ליקוי חמה — מען קאָן זיי נאָר באטראכטן ווי עפּעס אזוינס, וואָס איז פאראַן ווי א זאַך, וואָס מען דארף זי פאָרשן און דערקענען. אפנים, דאָס זיינען די וועגן פון געשיכטע. איך שפּיר ביי זיך, אז אָט דער גאנצער מאָראַ־לישער זומפּ, דורך וועלכן מיר בלאָנדזשען, אָט דאָס גרויסע דולהויז, אין וועלכן מיר לעבן איצט, קאָן זיך אָבער, היינט מאָרגן ווי דורך א כישוף שטעקעלע מיט אמאָל א קער טאָן אין א פאַרקערטער ריכטונג, זיך א בייט טאָן אף עפּעס אומגע־הויער גרויסעס און העלדישעס" (ראָזע לוקסנבורג).

געטע לערנט איינצופלאנצן אין קינדער דאָס געפיל פון הייליקייט. עס זאָל תמיד "ברענען ווי אפן מזבח". עס זאָל תמיד זוכן צו פאַראייניקן זיך מיטן "אייביקן ליכט, וואָס לויכט אייביק". עס זאָל צוטרעטן צו יעדער סיטואַציע, צו יעדער לאגע, צו יעדער אונטערנעמונג מיט א הייליקן געפיל פון אחד־ריות, ווארים און מיט התלהבות. יאָ, אמת, כ'האַלט, אז דאָס הייליקסטע, וואָס מיר דארפן געפינען, איז דער וועג, ווי אויפצוּוועקן אין אונזערע קינדער אַן אייביקע בענקשאַפט צו הימל און צו זון און א ליכטיקע האָפנונג אים זיג פון אמת, פון גערעכטיקייט, און פון א וועלט פון אייביקן זומער, פון אייביקן טאָג.

ביי גאָרקין איז פאַראַן א דערציילונג — "טשיזשיק". דער טשיזשיק רופט די פייגעלאך צו פאַרלאָזן דאָס ענג וועלדל. ער זאָגט זיי, אז "אָט דאָרטן, ווייטער איז אזוי זוניק, אזוי שיין! דאָרטן זיינען אַלע גליקלאך. דאָרטן איז רחבות, פרייד און לעבן!" קענען אים אָבער טרעט ארוים דער האָלצפּיקער, דער "פּראַקטיקער" און "ליבהאָבער פון אמת". און טענה'ט, אז "הינטערן וועלדל איז די זעלביקע ענגע וועלט, אז ס'האָט ניט קיין זין צו זוכן נייע וועלטן". זיי קערן זיך אָפּ פונם טרוימערישן טשיזשיק און צעפליען זיך אין אַלע עקן. אָט אקאָרשט זיינען זיי, די פייגעלאך געשטאַנען פאַרגאַפט, אָט אקאָרשט זיינען זיי "געפלויגן אין די הימלען"— נו, איז געקומען דער האָלצפּיקער מיט זיין "אמת" און . . . אוועק איז דער יום־טוב, צעבראָכן די האָפנונג, איבערגעריסן איז געוואָרן דער חלום . . . ס'איז ווידער וואָך!

זיצט אזוי דער טשיזשיק און רעדט צו זיך אליין: "יאָ, כ'ווייס, אז כ'האָב זיי געזאָגט א ליגן איך ווייס דאָך אויך ניט, וואָס עס איז דאָרטן, הינטערן ענגן וועלדל. אָבער גלויבן און האָפן איז דאָך אזוי גוט. איך האָב דאָך מער ניט געוואָלט, ווי אויפוועקן אין זיי דעם גלויבן און די האָפנונג".

יאָ, די האָפנונג אָבער אויך א בענקשאַפט, מחמת בענקשאַפט שטאַרקט דעם ווילן. און ניט נאָר צוליב דעם; בענקשאַפט איז וואַרימקייט, בענקשאַפט איז האַרציקייט, בענשאַפט איז צי־

טער, אָבער ניט מורא; בענקשאַפט איז שטילער תפילה־אוים־
גוס, אָבער ניט טרויער; בענקשאַפט דערהויבט; בענקשאַפט
איז טרערן, אָבער טרערן, וואָס זיינען זיס און מענטשלאַך וואָ־
רים. דער אָטעם פון בענקשאַפט און האָפנונג וועט סוף־כל־סוף
באַהויכן אונזערע קינדער. אָבער ווען?

ווען מיר אַליין, ליבע מוטער, מיר אַליין, וועלן אויפהערן
צו זיין פּראַקטיקער, ווען מיר אַליין וועלן חלומ'ען און זיך נעמען
אונזערע חלומות צו פאַרווירקלאַכן. אָבער, אַז אונזערע מאָר־
גאַנס, ראָקפעלערס, גרויסע און קלענערע, האָבן צוגעטראַכט אַ
גיהנום, וואָס שטייגט איבער דעם גיהנום ביים רבונו של עולם,
אָבער, אַז אונזער לעבן איז פול מיט סם און גייסטיקער מאַטע־
ריע טויג טאַקע ניט. דר. ג. י. שטיינבערג מאָלט אַזאַ בילד פונם
אַמעריקאַנעם אַרבעטער: "אַז ער, דער אַרבעטער, גייט אַרויס
אין אָוונט פון דער אַרבעט, האָט ער פאַר אַנדערע גייסטיקע
אַרבעטן מער ניט קיין צייט. ער האָט אויך מער נישט קיין
אויפמערקזאַמקייט, ווייל ער איז טויט פאַרמאַטערט, זיין טויט
פאַרמאַטערטער מח און זיינע אָפּגענוצטע חושים קאָנען זיך
נישט פאַרנעמען מיט אַן אַרבעט, וואָס פאַרלאַנגט גייסטיקע מי.
דעמאָלט ווערט זיין טעגלאַכע גייסטיקע שפּייז די פרעסע. די
מאַרק־שרייערישע, די דורך און דורך ליגנערישע פרעסע. פון
איר קריגט ער טאָג־טעגלאַך די סענסאַציאָנעל־נאַרישע ידיעות,
די צוגעפּוצטע, קרימינעלע געשיכטן, די שמוץ פון דער שטאָ־
טישער סעקסואַליטעט, דאָס הכנעה'דיקע באַוואונדערן די גבי־
רישע וועלט. די פרעסע דערציט. און אַזוי בויט ער פאַר זיך
אוים קרעמערישע יוניאָנס, ער פילט נישט קיין פאַרבונדנקייט
מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער מענטשהייט. דער גייסטיקער
חנוך פון קאַפּיטאַליזם שאַפט אַזאַ מיט טיפּ אַרבעטער" (דר.
שטיינבערג "פריי שריפטן").

איז דען אַ וואונדער, וואָס אונזערע קינדער "ריידן אַלע
מיטן לשון פון די עלטערע, גייען אַלע אין די אויסגעטראָטענע
דרכים, לעבן ניט נאָר בשלום מיט די עלטערע, נאָר זיינען ביי
זיי אין דינסט, אויף שליחות. דער לערן אינגל אין וואַרשטאַט
איז אויף שליחות ביי זיין מייסטער, דער לערן־אינגל אין יוגנט־

אָרגאַניזאַציע איז אויף שליחות ביי זיין עלטערן פּאַרטיי־מיים־טער!" (דר. ישראל רובין, "פרייע שריפטן"); איז דען אַ וואונדער, וואָס אונזער יוגנט חזר'ט ביז טעמפּקייט איבער דעם ניגון, ווי אין חסיד'ישע קלייזלאך "דער רבי האָט געהייסן פריילאך זיין", — דער רבי, דאָס איז די פּאַרטיי פון די דערוואַקסענע, וואוהין דער יוגנטלאכער וועט זוכה זיין אריינגענומען צו ווערן נאָך פּאַרטייאישער "בר־מצוה" (י. ר.).

די פּאַרטיי איז אַזאַ סדום בעטל, וואָס דאַרף אפילו ניט צופּאַסן, דאָס לעבן פּאַסט אריין אין די דאָזיקע פּאַרטייען, וואָס זיינען "אונטערשטע שטאָקן ביי די אלגעמיינע פּאַרטייען" (י. ר.), אָבער אַ יוגנט דאַרף דאָך זיין דער פּולסירנדיקער, ברויזנדיקער כח, וואָס רייסט צו די הימלען, וואָס פאַכט מיט די פליגלען !

בלאַס, קאָלירנלאָז און גייסטלאָז איז אַזאַ יוגנט. פאַראַן אָבער, נאָך ערגער ! פאַראַן טאַנצזאַלן, פאַראַן ביליאַרדן, פאַראַן רעפּאָרם־הייזער, פאַראַן תפיסות, פאַראַן תליות, פאַראַן שפּיטאָלן פאַר גייסטיק קראַנקע, פאַראַן ! איז ווען און ווי אַזוי וועט קומען די ישועה ?

אָט דעמאָלט, ווען פון אונזער הארצן וועט זיך "ארויסרייסן אַן אוי", ווען פון אונזער אויג וועט "אויסשיסן אַ טרער" (ביאַליק), פאַרן גורל פונם קינד; ווען ס'וועט זיך פאַנאַנדערפלאַקערן אַ פייער אין אונזערע נשמות, קעגן דער איצטיקער געזעלשאַפטלאַכער אָרדנונג; ווען שוין איצט, ביי די איצטיקע אומשטענדן וועלן מיר פאַרשטיין, ווי צו ראַטעווען די נשמה פון קינד; ווען אַלץ פאַרן קינד, אָבער דעם קינד, דעם קינד צו־ליב קיין זאַך ניט; ווען אַלץ אין הארמאָניע מיט דער נאַטור פונם קינד; ווען, וואָס ווייניקער טענות צום קינד און וואָס מער צו זיך אליין; אָט דעמאָלט וועלן מיר פאַרשפּאָרן צו הערן ביטערע רעד פון אַ ירמיהו ווי די פאַרטריבענע אידן אַמאָל. אַז "הימל און ערד זיינען עדות, אַז ווען איר ווייגט אַזוי כאַטש איין מאָל אין ציון, וואָלט איר איצט ניט פאַרטריבן געוואָרן".

אַ טרער אין צייט איז קאָנסטרוקטיוו. אַ פאַרשפּעטיקטע טרער איז ביטער, איז גאַל, איז חושך און טויט !

יאָ, כ׳גלויב באמונה השלמה, אז די צייט וועט קומען.

יאָ, ס׳וועט קומען די צייט, ווען אין אלץ און אין אלעמען וועט זיך צעפּלאקערן די בענקשאפט נאָך א ליכטיקן הימל, ווען יעדער פאָטער און יעדע מוטער וועט קודם־כל זען אריינצו־ברענגען א טייל פונם דאזיקן הימל צו זיך אין שטוב אריין, ווען יעדעס קינד וועט קאָנען, כאָטש אין שטוב, אָטעמען גייס־טיקייט און הייליקייט; יאָ, ס׳וועט קומען אזא צייט!

יאָ, ס׳וועט קומען א צייט, ווען א קינד וועט פילן, אז "יע־דעס אָרט, וואו א מענטש הייבט פון אים אויף דעם בליק צום הימל, איז קדשי־קדשים; אז יעדער מענטש, וועלכן גאָט האָט באשאפן בצלמו וכדמותו, איז א כהן גדול; יעדער טאָג פון א מענטשנס לעבן איז יום־כפור און יעדעס וואָרט, וואָס א מענטש רעדט ארויס מיט תמימות, איז א שם הויה" ("דיבוק" ש. אנסקי.)

ביי נאָמבערגן איז פאראן א דערציילונג, "דאָס בלימעלע". יעדן באגינען איז צרות מיט דער זון זי וויל בשום אופן ניט ארויס שיינען און לייכטן. וויפל דער רבונו של עולם צע׳טענה׳ט ניט, ס׳העלפט ניט. מיט שטעקנס קומט אים ארויסצושטופּן די זון צו דער ארבעט. יעדן אינדערפרי פלעגן זיך די גוואלדן און די געשרייען איבער׳חזר׳ן. איין מאָל, שטייט אזוי דער אל־מיטשקער אויף און גרייט זיך מיטן שטעקן צו דער ארבעט, ערשט, וואָס, ער זעט: די זון "טוט זיך אָן". נעמט מיט די "מכשירים" און אָן א וואָרט צו זאָגן, לאָזט זי זיך אוועק צו דער ארבעט. וואָס פארשטייט איר דאָ ניט? די זון פלעגט ניט קאָנען צוזען רציחה, האס, מאָרד, פאלשקייט, קנאה, בלוט, ליידן, הונגער און נויט, מיט וואָס די וועלט איז פול. "כ׳קאָן ניט באלייכטן, באווארימען און באשיינען אזא מיאוס׳ע וועלט", פלעגט זי שרייען. נאָר איינמאָל האָט זי דערזען א בלימעלע. צווישן שטיינער (יאָ, צווישן שטיינער) איז זי ארויסגעוואקסן, אזוי ווי מיט גוואלד האָט זי זיך געריסן צום הימל, צו זון און צו ליכט. צוליב אָט דעם בלימעלע האָט עס די זון געקאָנט "ארונטערשלינגען" בלוט, רציחה, גאל, מאָרד און ליידן, זי איז מיט פרייד ארויס שיינען און לייכטן. "און אזוי וועט עס זיין. ערשט וועט געבאָרן ווערן א קינד מיט פליגלען און אזוי וועט

עס ווערן א וועלט מיט באפליגלטע קינדער״ (פרץ) — וואָס מער בלימעלאך, וואָס ס׳ציט זיי צו הימל צוליב די בלימעלאך שיינט די זון, וואָס מער אזוינע בלימעלאך, אלץ מער ליכט און זון . . .

יעדע רעוואָלוציע איז פארבונדן מיט בלוט, מיט גאל, מיט הונגער און ליידן. יעדע רעוואָלוציע, אפילו אין נשמה פון א מענטשן, קומט אָן נים אָן פיין. יעדער געראנגל, יעדער קאמף איז נים קיין חתונה, איז נים קיין טאנץ. אָבער כדי אונזערע קינדערלאך, די בלומען פון אונזער לעבן, זאָלן זיך קאָנען דורכ־רייסן דורך די שטיינער פון לעבן צו זון, און קאָנען פארוואנד־לען די וועלט פון טרערן אין א וועלט פון זון און פרייד, מעג יעדער פאטער און יעדע מוטער גרייט זיין צו ליידן. אָבער אפי־לו פאר דעם ציל זאָלט איר אייערע קינדערלאך נים געבן — זיי דארפט איר זען אָפצוהיטן אין זיי זייער ריינקייט, זייער צארט־קייט, זייערע פליגלען, מיר מיט אונזערע דערוואקסענע קינדער, מיר (יעדערע לויט זיינע פעאיקייטן, מעגלאכקייטן און לויט זיין פארשטיין דאָס פראָבלעם). מיר מיט אונזערע דערוואקסענע קינדער פאָראויס, אין דער ארמיי פון קעמפער און בויער פאר א נייער וועלט, און א ליכטיקן לעבן, און פאר א גליקלאכער קינדהיים.

צווייטער בריוו

טייערע מוטער! דאָס מאָל וועלן מיר זיך אביסעלע דורכ־שמועסן וועגן דעם ענין נשמה בכלל, מחמת, כדי צו פאַרשטיין די נשמה פון קינד, דאַרף מען קודם כל פאַרשטיין אונזער אייגענע נשמה. כ׳וועל זיך אָף דעם לאַנג ניט אָפּשטעלן, מחמת דעם, וואָס דער שמועס וועגן דער נשמה פון אונז, דערוואַקסענע, וועט דינען, נאָר ווי א הקדמה צו דעם ענין, וואָס אינטערעסירט אונז אמשטאַרקסטן און וועגן וועלכן איך האָב גערעדט אין דעם ערשטן בריוו וועגן, דעם ענין קינד. אין דעם ערשטן בריוו צו אייך, ליבע מוטער, האָב איך אייך געשריבן וועגן האַנדלונגען, וועגן שטימונגען, קאַפּריזן, צער׳ן, כעס׳ן, פאַרדרוסן, ליידן, פּיינען, ווייטיקן, באַגערן און ליידנשאַפטן פון קינדער, וואָס די סבות פון זיי זיינען אָפטמאָל גאָר פּיזישע. איך האָב אויך געשריבן, וועגן האַנדלונגען פון טאַטעס און מאַמעס, וואָס נערן, און פלעגן, און רופן די דאָזיקע שטימונגען ארויס, וועגן סביבות, סיטואַציעס, וואָס גיסן נאָך אויל אויפן פייער, און וועגן סבות, וואָס פאַרוואַנדלען דאָס קינד, וואָס איז א ״מלאך״ אין א ״שד״. דאָס מאָל וועלן מיר זיך דורכשמועסן וועגן אונזערע פּיינען, וועגן אונזערע ווייטיקן און באַגערן, וועגן אונזערע ליידנשאַפטן און האַנדלונגען.

״אָבער וואָס איז עס אַזוינס די נשמה פון קינד, צי פון דעם דערוואַקסענעם, וואָס געוויסע סבות קאָנען זי ציען אין דער הויך, צום הימל און, פאַרקערט, געוויסע סבות קאָנען זי ציען אין דער נידער, אין זומפּ אריין?״ פרעגט איר. אין אייער ענטפער, אויף מיין ערשטן בריוו. גוט. וועלן מיר דאָס מאָל ריידן וועגן דעם דאָזיקן ענין, ריידנדיק וועגן דעם ענין פּסיכאָלאָגיע בכלל. וועט איר, ליבע מוטער, תמיד האַלטן אייער אויג אָפן קינד. דאָס וועט אייך העלפן זיך אָנצושטויסן אָף שטריכן, וואָס ציען זייער אָנהייב פון די פריסטע יאָרן פון קינדהייט, מחמת יעדער דער־וואַקסענער איז דאָך סוף־כל־סוף אמאָל אליין געווען א קינד.

ער איז נאָר היינט אַ פּאַנאַנדערגעוואַקסן קינד. אַ גרעסער קינד, אָבער אַ קינד. ער האָט נאָר היינט מער פּראָבלעמען, ער דאַרף נאָר היינט ביישטיין מער נסיונות, דאָס אַלץ. אַזוי, אַז ריידנדיק וועגן דער שוויגער וועלן מיר גרינג קאָנען פאַרשטיין, אַז מען מיינט די שנור. אַ דערוואַקסענער איז פּלוצלונג פון הימל ניט אַראָפּגעפאַלן. ער איז ניט "אַריינגעשפּרונגען" אין זיין דער־וואַקסנקייט. עס איז פאָרגעקומען אַ לאַנגער פּראָצעס פון ענ־דערונגען, פון וואוקס. אַ דערוואַקסענער איז נאָר אַ צעבליטער בוים. וואָס האָט גישט איבערגעריסן זיין פאַרבינדונג מיטן שטאַם, וואָס איז אַמאָל געווען אַ קליינטשיק קערנדל, אין וועלכן ס'זיינען פאַרלייגט געווען אַ סך פון זיינע שטריכן און פון זיין אויסזען. אַ סך טרויערדיקייטן און פאַרצווייפלונגען, אַסך גע־פילן פון היינט קאָן מען אַנטדעקן אין דעם שטאַם פונם מענטשן

"איז פון וואַנען און ווי אַזוי קומען זיי, און וואָס זיינען זיי עס אָט די טרויערדיקייטן, אָט די פאַרצווייפלונגען, פאַרבי־טערטקייטן, מרה־שרורה שטימונגען, זעלבסטמאָרד ניגונגען, מאָרד נייגונגען, נייגונגען צו זאָגן ליגן, צו גנבה'ען, צו טעראָ־ריזירן, צו שלאָגן, צו פוילן זיך? פון וואַנען, און ווי אַזוי קומען זיי, און וואָס זיינען זיי עס אָט די צאַרטקייטן, ווייכקייטן, גרייט־קייטן זיך מקריב צו זיין פאַרן צווייטן, ליבשאַפטן, מיטגעפיל און רחמנות שטימונגען? פון וואַנען און ווי אַזוי קומען זיי, און וואָס זיינען זיי?" פרעגט איר מיך אין אייער בריוו.

יאָ, מוטער, מיר האָבן שוין איינגענומען וועלטן אין נאַטור וויסנשאַפט, דעם מענטשן אין דעם מענטשן אָבער קאָנען מיר נאָך ניט. מיר פליען שוין אין די הימלען פון גייסט, אָבער צו־גרייטן דאָס קינד, עס זאָל פאַרנעמען דאָס געטלאַכע געזאַנג, וואָס זינגט אַרום פון אים, און פון דער נאַטור אַרום אים, קאָ־נען מיר נאָך נישט. מיר קאָנען זיך אַליין נישט און קענען נאָך נישט דאָס מענטשלאַכע, וואונדערבאַר שיינע. וואָס איז טיף פאַרלייגט אין קינדס נשמה. "דאָס קלענסטע גרעזל, וואָס איז אויפן אויג אַזוי נישטיק און איינפאַך, באַווייזט אונטער דעם מיקראָסקאָפּ גוואַלדיק קאָמפּליצירטע סטרוקטורן, פאַרשיידנ־אַרטיקע געוועבן, אין יעדן געוועב אומציילקע קעמערלאַך און

אין יעדן קעמערל אומצייליקע פּראָצעסן" (שניאורסאָן). יאָ, דאָס זעען מיר אונטערן מיקראָסקאָפּ. האָבן מיר אָבער נאָך ניט קיין מיקראָסקאָפּ, מיט וועלכן מיר זאָלן קאָנען אריינקוקן אין די דינאמיש קאָמפּליצירטע נשמה טיפּענישן פונם מענטשן. אָבער וואָס זיינען זיי עס אָט די גוואַלדיק קאָמפּליצירטע סטרוקטורן און די פאַרשיידנאַרטיקע געוועבן פון דער נשמה פונם מענטשן?

קוקן מיר זיך צו נעענטער צום לעבן, צו מענטשלאַכע האַנדלונגען, בלייבן מיר אָפּטמאָל שטיין פאַרגאַפט. מענטשלאַכע נטיות, האַנדלונגען זיינען אָפּטמאָל אַזוי סתירה'דיק און אומבאַגרייפלאַך, אַז ס'באַפאַלט אונז א צווייפל, צי מיר וועלן זיך בכלל אַמאָל דערגרונטעוועט צו די טיפסטע טיפּענישן, צו די תהומות, וואו דער מענטשלאַכער פּסיכישער שטראָם פליסט, ברויזט און שטורמט. אין זיין "מענטש ווּיסנשאַפט" לערנט אונז שניאורסאָן, אַז א גייסט קראַנקהייט, אָדער אַן אויסבּרוך פון פּרימיטיוו־פאַרברעכערישער לײדנשאַפט, קאָן עפענען אין דעם מענטשן גאַנצע תהומות פון א פּרימיטיווער חיה'שקייט, פון אומגעצאַמטן רשעות, בלוטדורשטיקייט, טייוולשעס און וואָס ניט . . . פאַרקערט, פון דער אַנדערער זייט, קענען טראַגישע מאָמענטן אויפלויכטן אינם זעלביקן מענטשן (איר הערט, אינם זעלביקן מענטשן) עפּעס גרויסעס, אורשעפערישעס. אין אַזוינע מאָמענטן קאָן דער מענטש עפענען גאַנצע אוצרות פון הייליקייט און פּראַכט. ניט נאָר יעדער מענטש, נאָר איין און דערזעלביקער מענטש (איר הערט, איין און דערזעלביקער מענטש!). יעדער מענטש, הייסט עס, איז אומבאַגרעניצט אין זיין פאַלן און אומענדלאַך אין זיין שטייגן. און טאַקע, ווי אָפט קומט אונז אויס צו שטוינען, ווען מיר זעען איין און דעם זעלביקן מענטשן, דאָ האַנדלענדיק ווי א "מלאך" און דאָ ווי א"שד". איז וואָס זיינען דאָס פאַר א כחות, וואָס שטאַרקן דעם "מלאך" און רופן ארויס דעם "שד" אין אונז.

י. ל. פּרץ מאָלט אונז אין זיין "א נאַכט פון שרעק", א מענטשן, א פּעדאַנט, א "סאַמאָדור", א מענטשן, אַן געפילן, א מענטשן, וואָס איז גרייט צו שפּרייזן איבער ימים טרערן אי־

בער טויטע קערפּערס אבי צו דערגרייכן זיין ציל. פּונקט דער פּאַטער זיינער, אויג אין אויג. פּלוצלונג אָבער ווערט ער א קאָ־פּיע פון זיין צאַרטער, שטילער, גוטהאַרציקער און נשמה׳די־קער מוטער. א "שד" און א "מלאך" אין איין און דעם זעלביקן מענטשן. אָט דערציילט אונז ש. אַנ־סקי אין זיין "טאָג און נאכט" וועגן א רב, וואָס זיצט יומם ולילה און לערנט, וואָס לייזט זיך פּשוט אויף אין זיין ליבשאַפט צו גאָט און . . . אין די נאכטיקע חלומות זיינע "לעבט" ער מיט זיין יונגער שיינער פּלימעניצע, וואָס וואוינט ביי זיי אין שטוב. עס ברעכט אויס א קינדער מגפה אין שטעטל. מען זוכט דעם זינדיקן. דער רב פּאַסט, פּייניקט זיך, וויל ברעכן די מגפה, אָבער ערגעץ וואו, דאָרטן אין שטעטל שטייט א חרוב׳ע מיל און . . . רעדט שוין גאָרניט, וואָס דאָרטן טוט זיך צווועלף אזייגער ביינאכט אָפּ. דער רב האָט ערשט אקאָרשט געכאַפּט א דרעמל איבער זיין ספר, דורכגעזאָפּט מיט טרערן פון זיינע אבות און פון אים אליין. דער זייגער איז אָבער פּונקט 12 . . . דער רב דרעמלט, זיצנדיק איבערן ספר, אָבער . . . ווער וועט אים חושד זיין, אז אין חלום איז ער גאָר דער הויפּט מחותן אויף דער ווילדער הוליאַנקע מיט פאַרשייטע פּרויען אין מיל . . .

אפשר סיגנאַליזירט ש. אַנ־סקי, פון זיין דראַמע אַרויס, דעם "טאָג" און די "נאכט" אין אונזערע נשמות, אפשר סיגנאַ־ליזירט ער דעם געראַנגל צווישן "טאָג" און "נאכט", צווישן "מלאך" און "שד" אין יעדן מענטשן, אפשר סיגנאַליזירט ער דעם שטייגן און פאַלן אין איין און דעם זעלביקן מענטשן. איז פאַרוואָס זשע זאָלן מיר נישט פאַרשטיין דאָס דאָזיקע.

י. ל. פּרץ פילאָזאָפירט אין זיין "עולם הבא" אומגעפער אזוי : "די וועלט איז גאָר קיין וועלט נישט. עס צינדט זיך אָן א ליכט, עס ברענט העלער אָדער טונקעלער, לויטן חלב; עס ברענט לייגער אָדער קורצער, לויט דער ליינג און דיק פון דער ליכט; עס ברענט, צאַנקט און ווערט פאַרלאָשן, און שוין ! פּרעגט א קינד, וואָס ווערט פון אן אויסגעברענט ליכטל, עס וועט אייך זאָגן, אז עס איז נישט סתם פאַרשוואונדן, עס וועט אייך גלייך אויפווייזן מיט אותות ומופתים, אז די נאַטור איז א

ווירטשאפט, אין וועלכער עס ווערט גאָרנישט ניט פאַרלאָרן, קיין שטויבעלע, קיין האָר ניט. פון אַן אויסגעבערענטן ליכטל ווערן גאַזן, מען זעט ניט די גאַזן, נאָר פאַראַן זיינען זיי, זיי שוועבן אַרום אין דער לופטן. אַ חלב ליכטל ווערט אין דער נאַטור ניט פאַרלאָרן, נאָר "איך" מיט מיין שכל, מיט מיין יושר, מיט מיין צער, מיט מיינע טרערן, "איך", מיין "איך" ווערט פאַרלאָרן, פון מיין "איך" ווערט גאָרנישט. איז וואָס איז דאָס דער דאָזי־קער "איך"? איז וואָס זיינען זיינע דרכים, זיינע געזעצן? איז וואָס איז עס דער "איך", מיט זיין רעגנבויגן קאָלירן, מיט זיי־נע תהומות פון געטלאַכקייט און רציחה, מיט זיינע באַגערן, וואָס דערלאַנגען אַזש ביז די הימלען און מיט זיינע פאַרצווייפ־לונגען, וואָס זיינען חושכ'דיקער פאַר דער פינסטערער נאַכט?

"קאָנט איר זיך פאָרשטעלן", פילאָזאָפירט ווייטער פרץ, "קאָנט איר זיך פאַרשטעלן, אַז יושע דער זייגערמאַכער זאָל שאַפן אַ זייגערל, וואָס זאָל יעדע רגע צעזעצט, צעקלאַפּט און צעשפּרונגען ווערן? וואָס זאָל האָבן אין זיך אַן אייביקע, באַ־שטענדיקע מלחמה? איין רעדל זאָל רייבן, שלייפן, דריקן דאָס צווייטע; איין צינגל זאָל צוקן, רייסן און בייסן דאָס צווייטע, עס זאָל שטיקן און ווערגן? איז וואָס זיינען דאָס אָט די מלחמות, די ביטערע שלאַכטן, די בלוטיקע קאָנפליקטן, וואָס קומען פאָר אין מיין "איך" טאָג און נאַכט? וואָס פאַר אַ כחות זיינען זיי עס? ווי, ווער און וואָס באַאיינפלוסט אָדער רופט זיי אַרויס. און טיף, און שטורמיש, און קאַפּריזנע איז דער ים אין דעם מענטשנס נשמה. איז פאַרוואָס זאָל מען זיך ניט קאָנען דער־גרונטעווען צו די כחות, צו די שטימונגען, וואָס גריבלען און ווייבלען טיף אין אונז. און פון וועלכע מיר אליין ווייסן נישט, וועלכע מיר אליין פאַרשטייען ניט און איבער וועלכע מיר אליין האָבן נישט קיין קאָנטראָל? שטיל און רואיק איז דער ים, פּלוצ־לונג באַווייזט זיך פון ערגעץ וואו אַ שוואַרץ פינטעלע אויפן הימל. דאָס פינטעלע וואַקסט און ווערט גרעסער. די ווינטן טרייבן צענויף פון די ווייטסטע ווייטן נאָך פינטעלאַך. דער הימל ווערט שוין פאַרוואָלקנט, ס'ברעכט אויס אַ שטורם מיט דונערן, מיט בליצן, וואָס פאַרוואַנדלט דעם רואיקן טאָג, דעם

שטילן, רואיקן, בלויען הימל אין א גיהנום. אזוי איז אויך מיט דער נשמה פון דעם מענטשן. טיף אין אונז זיינען פארלייגט גע־ווייסע דיספּאָזיציעס, נייגונגען. קומט נאָר א ווינטעלע, דאָס ווינ־טעלע קאָן זיך זיין זייער א קליינס. אָבער פון דעם קלענסטן ווינטעלע קאָן זיך צעבלאָזן די גרעסטע שריפה! פּלוצלונג קומט א ווינטעלע און צעבלאָזט די דאָזיקע נייגונגען אין א שטורם, וואָס קאָן דעם מענטשן ברייגנען דעם גרעסטן חורבן. דער מענטש האָט זיך, מיט צען מינוטן צוריק, ניט פאַרגעשטעלט אפילו, אז ער קען אזוי יפלן, אזוי שטורמען און אזוי ברענען.

מאָלט אונז ש. אנ־סקי, אין איינעם פון זיינע טיפּן, א מלמד, וואָס איז אָפּגעווען א גאנצן זמן ביי א ישוב'ניק אין שטוב, אָפּ־געזעסן יומם ולילה על תורה ועל עבודה, און געלערנט מיט די קינדער פונם ישוב'ניק. די באַלעבאָסטע פלעגט באוואונדערן דעם הייליקן מענטשן. איצט פאָרט ער אויף יום־טוב אהיים, צו זיין פרוי און קינדערלאך, נאָך וועלכע ער בענקט אזוי שטארק. פאָרט ער אזוי אין וואָגן מיט זיין בעל־עגלה, און באגעגנט אויפן וועג א יונגע פויערטע, פול מיט בלוט און פלייש, וואָס בעט זיך אונטערצופירן זי איייניקע מייל. זי זיצט שוין אין וואָגן. פּלוצלונג הייבט זי אָן צו "רופן" דעם מלמד צו זיך. זי "זאָגט אים צו" עקסטאז פון גליק, פון פרייד און גענוס. ער פירט אין זיין נשמה א ביטערן קאמף. ער רופט ארוים צו הילף זיינע אבות, און . . . ער לעבט שוין איבער ווילדע סצענעס, ער ברענט שוין און זי נאָך מער. פּלוצלונג כאפּט ער זיך אויף, ס'איז גע־ווען א חלום, נאָר א דרעמל געטאָן . . . איז וואָס פאר א כחות האָבן געשאפן, האָבן ארויסגערופן דעם דאָזיקן חלום? וואָס האָט געבראכט דעם פרומען אידן, דעם למדן, וואָס לעבט אין דער וועלט פון יוחנן בן זכאי, פון שמאי, וואָס לעבט אין דער וועלט פון אר"י הקדוש, פון רמב"ם און רמב"ן, וואָס האָט גע־בראכט אָט דעם דאָזיקן הייליקן צו אזא חלום?

איז דאָס ווייבלאכע אין דער פאסאזשירקע געווען דאָס ווינטעלע, וואָס האָט צעבלאָזן געוויסע נייגונגען און דראנגען אינם למדן אין א שטורם, וועלכן ער האָט בארואיקט און נייט־ראליזירט דורכן חלום?

מיר איז אויסגעקומען אמאָל צו לייענען א יאפּאניש מעשה־לע אין "מאָמענט" (פּוילן), וואָס מאָלט דעם טויט פון א קראַנקען וואָס איז אָפּגעלעגן אין בעט איבער א האלב יאָר צייט. שטייט אזוי די יונגע פרוי איבערן בעט פון איר גוסס'דיקן מאן פארצווייפלט, און האלט אין איין חלש'ן. דער איינציקער חבר זייערער טרייסט זי. נאָך האלבער נאכט דעקט מען שוין צו דעם פארשטאָרבענעם מיט א ליילאך. און די יונגע אלמנה פאלט אוועק, א טויט מידע, שלאָפן. דעם ערשטן מאָל נאָך זעקס חדשים שלאָפלאָזע נעכט. באגינען כאפּט זי זיך אויף מיט א געוויין. דער איינציקער חבר האלט זי אין איין טרייסטן און, טרייסטנדיק, עפנט ער איר זיין הארץ, דערציילט ער איר פון זיינע געפילן צו איר. און זי . . . עפּעס פילט זי, אז זיינע ווערטער זיינען איר אזוי נאָענט, אזוי באקאנט, ווי זי וואָלט זיי שוין פון אים, טאקע פון אים אליין, נישט איינמאָל געהערט, אָבער ווען ? איז עס אפשר געווען אין די נאכטיקע און אפשר טאָגיקע חלומות ? און אזוי טרייסטנדיק זי, אויפלייזנדיק זיך אין ליבע, פארגעסן זיי זיך . . . און כאפּן זיך אויף ערשט דער מאָלט, ווען עס דוכט זיך זיי אוים, אז זייער נעכטיקער פריינט, וואָס ליגט נאָך מיט א ליילאך איבערן פנים האָט דערוואכט. ניין, נישט ער האָט דערוואכט. נאָר דערוואכט האָט מיט שטורמישן כח אין זיי געפילן, וואָס האָבן שוין אין זיי לאנג געשלומערט. איז וואו דרעמלען עס, איז וואו צעבליען זיך עס, איז וואו צעוואקסן זיך עס, איז פון וואנען רייסן זיך עס ארוים אויף ארויף אָט די דאָזיקע געפילן ?

ביי ראָמען ראָלאָן, אין זיין "דזשאן קריסטאָף" געפינען מיר א טיפּ פון א פרוי, א צנועה, אננא. זי איז א קלויסטער זינגערן, א מוסטער פרומע, שטילע פרוי. שטיל, באשיידן און פרום לעבט זי זיך איר לעבן מיט איר מאן, דעם דאָקטאָר. פלוצלונג קומט צו זיי דזשאן קריסטאָף, זי דערזעט אים און עס ברענט שוין אין איר א העלישער פייער. אָט די אננא, וואָס פלעגט תמיד ארומגיין מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, זינקט שוין אין תהומות פון ליידנשאפטן. עפּעס וואָס האָט דאָך געמוזט זיין אין איר, עפּעס וואָס האָט דאָך געמוזט טלייען אין איר, וואָס האָט

געקאָנט אָנגעצונדן ווערן. אומבאוואוסטזיניק האָבן דאָך געמוזט ארומשטראָמען אין איר כחות, וואָס זי אליין האָט זיי נישט געקאָנט פארשטיין. האָט זיי נישט געקאָנט דערקלערן, און וואָלט זיי נישט געקאָנט געבן קיין נאָמען.

ביי יואל סלאָנים געפינען מיר א באלאדע, דער "חזן". אין א קליין שטעטל, אין ליטע, האָט געלעבט א חזן. א וואונדערבארער חזן איז ער געווען. "הויבט אָן לכה דודי דער חזן — הויבט אָן גלייך די שכינה צו זינגען אליין"... "אָבער זאָנדערבאר איז ער געווען". "איין טאָג לוסטיק, פריילאך, א צווייטן טאָג פארכמורעט, אזוי ווי זיין הארץ וואָלט געווען א קבר פון לייד"... "איין טאָג איז ער געווען פול מיט הימל־חלומות, א צווייטן טאָג האָט ער זיך לוסטיק געוויצלט, געשפיצלט אין קינדערשן לייכטזין געשוועבט". דער חזן איז געווען "שיין, מיט אויגן צוויי הייליקע ליכט". די חזנ'טע "צנועת'דיק שטיל, ווי א שניי ווייסע טויב" און "לויטער, אזוי ווי א תפילה צו גאָט איז ביי איר די נשמה געווען". געלעבט האָבן זיי ווי צוויי טויבן, גליקלאך און צופרידן. "נאָר איין מאָל — ס'איז פרייטיק צונאכטס דאן געווען, דער טיש איז געגרייט אזוי שיין, די חזנ'טע זיצט און ווארט אויף איר חזן, דער חזן, ער קומט ניט צוגיין"... זייער שפעט האָט יענעם פרייטיק צו נאכט דער חזן אריינגעטאנצט אין שטוב אריין. ער מאכט קידוש, זי באמערקט און דערפילט. אז "עפּעם פארשייטעס, אומערלאכעס ברענט מיט תאווה אויף זיין מילד געזיכט". פון יענעם פרייטיק צו נאכטס אָן פלעגט דער חזן נאכט־איין נאכט־אויס קומען שפעט. ער פלעגט אזוי ווי אריינטאנצן לוסטיק, פריילאך און . . . דאן וויינען און זיפצן. קלאנגען זיינען דערגאנגען צו איר, אז ער פארשווינדט יעדן אָוונט אין וואלד, אז ער זינגט דאָרט שטילע, בענקנדיקע נגונים, אז מיט אים דאָרטן טרעפט זיך א מיידל, און, אז זיי האלטן זיך דאָרטן אין פלאמיקן קושן און טאנצן, אָן זין. אן אלטע באבע אין שטעטל האָט דערציילט דער חזנ'טע, אז אין וואלד איז פאראן א גאָלדענער פאלאץ, אז אין פאלאץ קומען די ניט־גוטע, נאקעט און פארשייט, און אז דער, וואָס פאלט אריין אין זייערע הענט, קאָן

זיך פון זיי שוין מער קיינמאָל ניט באפרייען. איין מאָל, פסח צום סדר, ווען דער חזן האָט מיט א זיסן ניגון געמאכט קידוש, האָט די טיר זיך געעפנט פון אויפהער עפענען און פארמאכן. ס'האָט זיך געהערט א געוויין אין שטוב, שפעטער א געלעכ־טער. זי האָט שוין אמאָל דאָס דאָזיקע געלעכטער געהערט, אָט דעמאָלט, ווען דער חזן איז צום ערשטן מאָל שפעט אהיים גע־קומען. דער חזן הערט דאָס וויינען און דאָס לאכן און שטאמלט אין קדוש מאכן... ער גנבה'ט זיך גיך ארויס פון שטוב. זי כאפט זיין משניות און לויפט אים נאָך. זי לויפט דורך געסלאך, פאר־ביי דעם בית־עולם, זי שפרינגט איבער פארקנס, איבער טייכ־לאך, זי איז שוין אין וואלד, טיף אין וואלד.

זי איז שוין ביים פאלאץ. "זי זעט און זי הערט, ווי עס רוישט אן אָרקעסטער גלוט — ווילדע תאווה מוזיק, און ווייבער מיט ווייס בלויע לייבער, זיי לאכן און טאנצן אום הין און צוריק". "זי קוקט און זי זעט אויף א סאמעטענער סאָפע, מיט גאָלד און מיט זילבער באשיינט, מיט דימענטן באקרוינט, זיצט רייצנד א מיידל מיט פלאמנדע לאָקן, די ליפן אזוי ווי פון קארשן די סאָקן". "און צוגעדריקט צו איר ברוסט ליגט געבויגן איר חזן, איר מאן, ווי אין שלומער פארזונקען, אין תאווה און טמאה פארטרונקען, און האלדזט איר און קושט אזוי היים". . . די חזנ'טע פאלט און שטארבט. כ'וואָלט מיך דערלויבט צו פאר־ענדיקן די באלאדע אביסעלע אנדערש. כ'וואָלט פארענדיקט זי, ווי דער חזן שטייט אויף אין פרימאָרגן, און נעמט זיך דער־מאָנען די נאכטיקע נגונים . . . דעם גאנצן חלום זיינעם . . . אין וועלכן ער האָט נייטראליזירט אזויפיל ליידנשאפטן, אין וועלכן ער האָט "געלעבט" דאָס לעבן, צו וועלכן אים ציט. ער הייבט אָן צו פארשטיין אומבאוואוסטזיניק די כחות, וואָס האָבן אים דאָ געמאכט פריילאך און דאָ מרה־שחורה'דיק. ער הייבט אָן צו פארשטיין פארוואָס נאָכן חלום, אין וועלכן ער עפנט א פענסטערל דעם יצר הרע, פילט ער זיך ווי אן אנדער מענטש, א בארואיקטער, א פריילאך־לוסטיקער. איז וואָס זיינען עס פאר איבערלעבונגען, איז וואָס זיינען עס פאר חלומות, וואָס ענדערן דעם מענטשנס שטימונגען, ניואנסן ? וואו געפינען זיי זיך, אַט

די געפילן, וואָס אַט צעשטורעמען זיי זיך, און אַט דרעמלען זיי איין? וואָס פאר א ווירקונג האָבן זיי אויף אונזער געדאנקען־גאנג, אויף אונזער וועלט־באַנעם?

ביי פּרצ'ן איז פאראן א דערציילונג "אראָפּגעלאָזטע אויגן". לעבט זיך א קרעטשמער אויף א ישוב. פּרנסה איז פאראן בשפע. האָט ער אָבער צרות פון דער אינגערער טאָכטער זיינער. די עלטערע איז א גאָלד, א מלאך, א צנועה. דער אינגערער אָבער ציט אין שענק אריין, צו די פּריצ'ישע בחורימלאך. ניט איין־מאָל האָט ער זי שוין פארן צאָפּ ארויסגעשלעפּט פון שענק. מען עצה'ט אים זי חתונה צו מאכן, ער פאָלגט און מאכט איר חתו־נה פאר א ישיבה בחור, א למדן. די עלטערע ווערט איינמאָל פלוצלונג פארשלעפּט אין פּאַלאַץ און פארגוואַלדיקט. זי קאָן שוין פון דאָרטן ניט אוועק. יעדעס מאָל ווען דער פּריצ'ל נעמט זי ארום "נעמט עם ניט ער זי ארום, נאָר די הייליקע מוטער אירע". די אינגערע גייט ארום מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן. די שטובּיקע האַלטן זי פאר א מלאך. יעדעס מאָל אָבער, ווען דער מאַן נעמט זי ארום "נעמט עם ניט ער זי ארום, נאָר אַט יענער, דער פּרצ'ל, דער יונגינקער, אַט דער, וואָס פלעגט קומען אין שענק". — יענע איז ביי די מענטשן א מרשעת, די אָבער איז א צנועה, זי קאָן אפילו די אויגן ניט אויפהויבן, גייט ארום א פאר'חלום'טע, ווי א מלאך, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן . . . יאָ, מיר זעען ניט טיף, מיר זעען נאָר פון אויבן איז וואָס איז עס פאר אזא קראַפט, וואָס קאָן אזוי ווייט אוועקטראָגן, איז וואָס פאר א פליגלען האָבן די חלומות?

בענקט אַן אלמנה נאָך אביסעלע פרייד, נאָך אביסעלע לי־בע. גרוי און מאָנאָטאָן, פול מיט אומעט און טרויער איז איר לעבן. זי האָט א גאסט, א פּלימעניק. ער וועקט אין איר אויף א העלישן פייער. זי "לעבט" שוין, אין אירע חלומות, מיט אים. ס'גייט אוועק א שטיקל צייט, זי איז שוין אין דער אמת'ן מיט אים, אָבער זי עפענט נישט די אויגן, ניין, זי וועט זיי בשום אופן נישט עפענען. דער חלום איז איר זיסער.

דיקטירט א נאָסן פרוי הארציקסטע בריוו צו איר "גע־ליבטן", וועלכן זי קאָן נישט, און וועלכן זי האָט גאָר ניט. דיק־

טירט די זעלביקע גאסן פרוי ענטפערס פון דעם אויסגע׳חלומ׳טן, אויסגעטרוימטן "געליבטן" (מ. גארקי).

מאלט אונז טאלסטאי אין זיין "טייוול" א פרוי, וואס פלוצ־לונג פלעגט זי אוועקפארן קיין אויסלאנד. און פלוצלונג פלעגט זי צוריקקומען, א פרוי, וואס האט געהאט א שם פון א לייכט־זיניקער קאקעטקע. זי פלעגט מיט באגייסטערונג זיך אפגעבן צו אלערליי תענוגים, זי פלעגט טאנצן ביז אנידערצופאלן. זי פלעגט לאכן ביז א היסטעריקע. זי פלעגט מאכן וויצן מיט יונגע לייט און . . . ביינאכט . . . ביינאכט פלעגט זי וויינען און דאור־נען, און נישט געפינען קיין רו. זי פלעגט זיך ארומווארפן ביז פרימארגן אין בעט, זי פלעגט ארומלויפן איבערן צימער, ברע־כנדיק די הענט, זי פלעגט זיצן, אינגאנצן בלייך איבערן תהילים. ווי נאר דער טאג פלעגט אנקומען, פלעגט זי ווידער ווערן די פריילאכע, די טאנצנדיקע, די טאגיקע. איז וואס איז דאס גע־ווען פאר א כח, וואס האט אומ׳ברחמנות׳דיק, ווילד און שטור מיש געפלאקערט אין איר נשמה, איז וואס איז דאס געווען פאר אן אומרו, וואס האט פארפינסטערט איר פרייד? איז וואס זייַ־נען עס פאר חלומות, וואס זיינען זיסער פארן וואר, פאר דערווירקלאכקייט?

באשרייבט ז. סעגאלאוויטש, אין זיין "תפיסה", ווי גייציק, ווי קליינלאך, ווי חיה׳ש מענטשן זיינען אפטמאל אין א תפיסה. יעדערער זוכט "צו פארכאפן א פלאץ, וואו צו שלאפן" אין דעם איינגען קאמער. וויפל אוממענטשלאכקייט ס׳ווייזט אפטמאל ארויס א פארשפארטער, ווען "די טיי גלאז" (און גלעזער צום טרינקען טיי זיינען אויף 20 מענטשן פאראן נאר 3), ווען די טיי גלאז פאלט אריין צו אזא מענטשן, "וואס איילט זיך ניט, וואס טרינקט א טראפן נאך א טראפן און פאסמאקעוועט זיך נאך פון יעדן זופ". די איבעריקע שטייען ארום מיט צארנדיקע אויגן, מיט פארביסענע ליפן, "מחמת" אין האלדז איז ביטער. אין מויל זויער פון דער נאכט לופט, מען איז שרעקלאך דור־שטיק. קריגט איינער א פעקלע פאמעראנצן, זעצט ער זיך אוועק און "פרעסט" זיי אלע אויף מיט אמאל, ניט געבנדיק קיינעם אפילו "צו צוהאלטן". . . אבער דאך, דאך באגעגנט מען

דאָרטן אויך ליכט־שטראַלן. אַזוי איז אין דער דאָזיקער תּפֿיסה געזעסן איינער אַ גרינעוויטש. ער איז געווען אַ גנבֿ. ער איז געווען אַ קאַסע איינברעכער און . . . איר האָט פֿון אים קיינמאָל קיין שלעכטן, אָדער גראָבן, וואָרט ניט געקאָנט הערן. ער האָט קיינמאָל ניט דערלאָזן איינער זאָל ביים צווייטן גנבֿ'ענען אין קאַמער, אַ שטאַרקערער זאָל באַליידיקן אַ שוואַכערן. אָן אויפֿגעקאָכטער איז ער אַמאָל געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט אַ קללה: "זאָלסט פּאַרפֿוילט ווערן דאָ אין טורמע". הגם דאָס האָט מען ניט צו אים געזאָגט, האָט ער דאָך זיך ניט געקאָנט בארויִקן. "דער'הרג'ע אים, באַגראָב אים, אָבער "פֿאַרפֿוילט ווערן אין תּפֿיסה", דאָס טאָר מען קיינעם ניט ווינטשן, דאָס טאָר מען ניט . . . איינמאָל דערהערט ער ווי מערדער־גנבֿים דערציילן ציניש, גראָב און בעסטיאַליש וועגן זייער מלאכה אַ יונגן בחור'ל, אַ קינד נאָך, וואָס איז פֿאַר עפּעס אַ קליינעם חטא אַריינגעפֿאַלן אין תּפֿיסה. גרינעוויטש ווערט אָן אויפֿגעזאָדענער. "דערציילן אַזוינע זאַכן קינדער!" ער נעמט אַ שטיוול און דערלאַנגט יענע חבֿרה'לייט. זיי זאָלן וויסן אַ צווייטן מאָל אַזוינס ניט צו טאָן. פֿלעגט ער דערזען, אַז ס'האַלט ביי אַ געשלעג, פֿלעגט ער זיך גלייך אַריינמישן און ניט דערלאָזן. "דאָ זיינען אַלע גלייך, פֿלעגט ער זאָגן, אַלע האָבן קיין לופֿט ניט און דער ריבער זאָל זיין שטיל און שלום". אַז ער פֿלעגט באַמערקן גייציקייט, אַז ער פֿלעגט באַמערקן, אַז עמיצער עסט אַליין אַלץ אויף, וואָס מען שיקט אים צו, פֿלעגט ער אַרויס פֿון די כּלים און שרייען: "אין תּפֿיסה, מוז מען זיין אַ מענטש, גיכער ווי אויף דער פֿריי, דאָרטן איז עס לייכטער". — יאָ, אַ גנבֿ, אָבער ווי סימפּאַטיש אַזאַ נאַטור איז, און ווי מענטשלאַך!

געפֿינען מיר ביי ברוך גלאַזמאַן, אין זיין "משפּחה פּקודא", אַ פֿאָטער, אַ קרייגקלאַך מרה־שחורה'דיקן, פֿאַרביטערטן שווייגער. ער פֿלעגט מיט זיין שווייגן, מיט זיין אַרומוואַנדערן נעכט און טעג איבערן שטוב, אַנוואַרפֿן אַזאַ פּחד אויף זיין פֿרוי, אַז זי פֿלעגט ציטערן מיט אַ דראָבנעם דראַזש. "די בלייך געוואָרענע, אַנטבלוטיקטע ליפּן פֿלעגט זי שטאַרק פֿאַרבייסן, כּדי ס'זאָל זיך ניט הערן, ווי עס קלאַפּט איר אַ צאָן אָן אַ צאָן". גע־

האָט האָט ער א שוועסטער. האָט זי זיך איין מאָל באַליידיקט
אויף איר מאַן, וואָס ער האָט איר געזאָגט אַן אומאיידל וואָרט.
"זי האָט אים אויף דעם גאָרנישט ניט געענטפערט. נאָר א
שטיל בליצל, ווי דער שאַרף פון א שטאָלענעם מעסער, האָט
זיך באַוויזן אויף אירע אויגן, זי האָט שנאה'דיק א שמייכל גע־
טאָן מיט אירע שמאָלע ליפעלאַך. און "פאַרשריבן" עס אין
האַרצן. מיט א צייט שפּעטער, ווען איר מאַן איז איין מאָל אין
הויז נישט געווען, צוליב זיינע געשעפטן, האָט זי אזוי געטאָן:
צוערשט האָט זי פאַר'סמ'ט דאָס קינד. און אזוי ווי מער קיין
קינדער זיינען ביי איר נישט געווען, האָט זי זיך טאַקע גלייך
נאָכדעם גענומען צו זיך. זי האָט זיך אָנגעגאָסן זייער א הייסע
וואַנע, איז אַריינגעגאַנגען אין זודיקן וואַסער, און זיך איבער־
געשניטן די וויכטיקסטע אָדערן אף די אָרעמס און אף די פיס.
איז שטאָט איז אף איר אַרומגעגאַנגען אזא געשיכטע, אז איי־
דער וואָס ווען, האָט זי פּאָרזיכטיק איבערגעלייענט דאָס קאַפּיטל
איבער דעם בלוט־אָדערן־סיסטעם אין א פיזיאָלאָגישן טעקסט־
בוך". האָט איר שוין דעם פאַרביסענעם שוויגער און די פאַר־
ביסענע ביז גאַל שוועסטער זיינע. א ברודער האָבן זיי געהאַט,
האָט ער אמאָל געהאַט א סכסוך מיט זיין פרוי קומענדיק פון
א באָל. אויף מאָרגן האָט דאָס ווייב אים געפונען ביי זיך אין
צימער, נאָך אַן אָנגעטאָנענעם אין דעם פראַנטישן באָל קאָס־
טיום, פון דער לעצטער נאַכט. ער איז זיך אזוי געזעסן פאַרן
שפּיגל־טישל, דעם קאָפּ אביסל אָנגעבויגן אויפן לינקן אַקסל,
ווי ער וואָלט זיך בעסער געוואָלט אָנזען אינם שפּיגל. זיין ווייסע,
ברייטע זשילעטן מאַנישקע איז געווען פאַררונען מיט אזעלכע
רויטע ריטשקעלאַך, אין וועלכע דאָס פרימאָרגן ליכט האָט שי־
מערירט, ווי אין א רויטן ווייַן. מיט א גאָל מעסער האָט ער זיך
דאָס האַלדזש עטלאַכע מאָל צעפּאַסט". האָט איר שוין צוויי
ברידער און א שוועסטער. ווי איז דאָס טעכטערל? "דאָס פּנים
אירס איז געווען ענלאַך צו יענע פּנים'ער, וואָס קוקן אַרונטער
פון די איטאַליענישע געמעלן פון גאָטס מוטער, פון דער היי־
ליקער דאַמע. אזוי שטיל, איידל און פרום פאַרטראַכט איז גע־
ווען דער אויסדרוק פון איר פּנים. אָבער אַן אַנדערש מאָל פלעגט

איר פּנים קריגן א שעלמישן אויסדרוק פון א דורכגעטריבענער ציגיינערקע, מיט א גנבה׳שן וואונק. אויגן האָט זי געהאַט, וואָס פלעגן זיך אין מינוטן פאַרציען מיט א מילדער פאַר׳חלום׳טקייט, אָבער אַן אנדערש מאָל פלעגן זיי ווערן גרין פלעמלדיק, ווי די אויגן פון א קאץ ביי דער נאכט, ווען זי גייט אויף געיעג. די גרינע אויגן פון א סארנע". איז וואָס איז דאָס געווען אין די בלוטן פון דער דאַזיקער פּקודא משפחה, וואָס אין יעדן מיט־גליד אירן געפינען מיר שפּורן, וואָס גייען איבער פון דור צו דור, וואָס ווערן משמעות איבערגעגעבן בירושה ?

ביי פּרצ׳ן איז פאַראַן אומגעפער אזא דערציילונג : זיצן צוויי חברים און שווייגן. ס׳איז זיי מאַנאָטאָן און גרוי דאָס לעבן. איינער באַשליסט זיך אריינצוואוואַרפן אינם קעסל פון לעבן. ער גייט אוועק פונם חבר. ער גייט גלייך דעם זעלביקן אוונט צו א טאַנץ. ער באַקענט זיך מיט א מיידל, פאַרליבט זיך אין איר און מאכט איר א פאָרשלאַג, זי זאָל מיט אים חתו־נה האָבן. אויף מאָרגן אין דער פרי האָבן זיי חתונה. ער קומט אָנזאָגן דעם חבר די בשורה. דער חבר ליגט נאָך אלץ, ווי ער האָט אים איבערגעלאָזן אויף דער קאנאפּע און טראכט. אז ער דערציילט דעם חבר פון זיין גליק, ענטפערט אים דער חבר — "און דאָס אלץ ? כ׳האָב שוין פאַר דער צייט חתונה געמאכט און באַגראָבן אור־אייניקלאך" . . .

איז וואָס זיינען עס פאַר פאַנטאַזיע פליגלען, וואָס טראָגן דעם מענטשן אזוי וויט און גיך ?

ביי טאָמאַס האַרדי איז פאַראַן א דערציילונג "פאַר פראָם מעדינג קראַוד". לעבט זיך א פּריץ, אַן אלטער בחור, זיין לעבן רואיק באשיידן און אָן זאָרג. חתונה האָבן ? ער וועט שוין קיינ־מאָל ניט ליבן. אזוי ווי טויט אָפּגעשטאָרבן זיינען אין אים אלע געפילן און פאַרלאַנגען. ער האָט זיך שוין אזוי צוגעוואוינט צו זיין מאָנאָטאָנעם גרויען לעבן, אז ער זעט קיינעם ניט. ער דאַרף קיינעם ניט, און וויל פון קיינעם ניט וויסן. בת־שבע באַשליסט אָפּצוטאָן אים א שפּיצל. זי וועט אים אריינשיקן א וואַלענטיין קאַרטל, א מין שנה־טובה־קאַרטל, אָן אַן אונטערשריפט. ער קאָן שוין ניט רוען, ער קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען — ווער

האָט עס אים געקאָנט שיקן ? ער געפינט אוים און דערלאַנגט "א גוטן קוק", צום ערשטן אפשר מאָל פאר די לעצטע 20 יאָר, אויף א פרוי. ער פארליבט זיך. די ליבע צעשטורעמט זיך אין אים מיט אזא קראפט, אזוי ווילד און היים, אזוי ווי פאר אלע יאָרן, אז דאָס ברענגט אים צו א מאָרד, פאר וועלכן ער באצאָלט מיטן לעבן.

וואו און ווי האָט עס געקאָנט אזויפיל יאָרן שלאָפן אזא לײדנשאפטלאכער כח ?

יאָ, א וואונדערבארע באשעפעניש איז דער מענטש, א בריאה, וואָס וויפל מען זאָל זי נישט פאָרשן און שטודירן בלייבט זי אלץ א רעטעניש. מאָלט אונז, למשל, שלום אש א בילד פון אן אורח, איז געקומען אין שטעטל אן אורח, קיינער קען אים נישט. קיינער ווייסט נישט פון וואנען ער שטאמט. ווייסן ווייסט מען נאָר, אז ער זיצט יומם ולילה און לערנט, אז ער פאסט, אז ער קומט אָפּ, אז ער פייניקט זיין גוף, אז ער רעדט כמעט מיט קיינעם נישט. אזוי האָט ער זיך אָפּגעלעבט, ריכטיקער געזאָגט, זיך אָפּגעפייניקט עטלאכע יאָר. מען האָט זיך שוין צו אים צוגעוואוינט. ער איז שוין געוואָרן אן אייגע־נער. אלע פלעגן זיך צו אים באציען, ווי צו א הייליקן. די לעצ־טע צייטונגען מען אים שטארק באזאָרגט, צעטומלט און נער־וועז. ער האָט אָנגעפאנגען ריידן. "די גויאים האָבן פארגעסן אין גאָט, זיי גייען נים אין קלויסטער, זיי זיצן אין שענק, זיי שיכור'ן און סטראשען די אידן מיט א פאָגראָם, שלעכט אידן, זייער שלעכט". און טאקע, שוין נים איינמאָל האָבן די מאמעס אריינגעכאפט זייערע עופה'לאך אין שטוב אריין און פארקלאפט טיר און טויער. שוין נים איינמאָל האָט דאָס שטעטעלע איבער־געלעבט פאָגראָם שרעקן. פלוצלונג פארשפרייט זיך א קלאנג, אז די גלחים קלייבן זיך אין א געוויסן זונטאָג, דורכצופירן א רעליגיעזע פראָצעסיע. ס'איז א גרויסער יום־טוב ביי זיי, זאָגן זיי, נאָר א גרויסער יום־טוב. א רב, אן אמת'ער רב וואָס האָט זיך איבערצייגט, אז זייער אמונה איז די אמת'ע אמונה, שמד'ט זיך. ווי דערשטוינט זיינען די אידן געוואָרן, אז זיי האָבן דער־קאָנט, בעת דער פראָצעסיע, אין דעם גע'שמד'טן — זייער

אורח. די גויאים האָבן אויפגעהערט גיין אין די שיינקען, זיי פלעגן זיך קוויקן מיט די רייד פון דעם געוועזענע רב. וואָס פלעגט, אין זיינע דרשות אין קלויסטער, רופן צו שלום, צו אחדות און צו ליבע. וואָס פארשטייט איר דאָ ניט? דער אורח האָט מקריב געווען זיין גאַנצע עולם הבא, פאר וועלכן ער האָט מיט טיפן בטחון זיך אָפּגעפייניקט זיין גאַנץ לעבן, דער אורח האָט מקריב געווען זיין עולם הבא זיינע מיטברידער, וועלכע ער האָט געראַטעוועט פון טויט שרעק און פּאָגראָמען. זייער אומרו, זייער טויט־שרעק איז עס געווען דער כח, וואָס האָט אים געפירט צו דעם אָריגינעלן קידוש השם.

וויפל מענטשן ליבע האָט באדארפט פארמאָגן דער אורח, כדי בכח צו זיין צו ברענגען אזא קרבן. ווי שווער עס זאָל ניט זיין דער טויט דעם רעוואָלוציאָנער, שטארבט ער מיט דעם באוואוסטזיין, אז דער איבערגאנג איז נאָר שווער, אז מען גוסס'ט נאָר מינוטן, אז נאָכן טויט איז מען נאָר א שטיק מאַטעריע. ווי שרעקלאך דער טויט זאָל אים ניט זיין, האָט ער זיך צו אים געגרייט אין משך פון יאָרן, מחמת ער האָט געוואוסט, אז דאָס איז דער סוף פון זיין קאמף. אז נאָר דאָס דערווארט אים. דער טויט איז אים געוואָרן אין משך פון יאָרן נעענטער, און האָט פארלאָרן זיין גרויל. אמת, מען דארף פארמאָגן אוצרות פון מענטשן ליבע צו ווערן גוט־ברודער מיטן טויט. מען דארף האָבן געגנוג מארטירעריש בלוט אין זיך, אויסצוקלייבן אזא לעבנס וועג, אָבער קומענדיק צום טויט, פּנים־אל־פּנים, פארלירט דער טויט א סך פון זיין גרויל, א סך פון זיין שוידער. ווי שווער עס זאָל נישט זיין דער טויט דעם אידן, וואָס אָט אקאָרשט האָט ער זיך אריינגעריסן, בעת א שריפה, אין בית־מדרש, כדי צו ראַטעווען די ספר־תורה'ס, ווי שווער אים זאָל זיין דער טויט, שטארבט ער מיט דער וויזיע פון אן עולם הבא, פון שכר אף יענער וועלט. נישט איין איד איז אים מקנא זיין טויט, ריכטיקער געזאָגט, זיין נאָכן טויט. ווי נישטיק זיינען אים די אגאָניעס אין פארגלייך מיט דעם, וואָס אים דערווארט אין גן־עדן. ווי שווער עס זאָל נישט זיין דער קינדבעטאָרן צו שטארבן, וואָס אָט אקאָרשט האָט זי באשלאָסן, אז אויב איי־

נער מוז אוועק פון דער וועלט, זי אָדער איר קינד, וועלכן זי האָט נאָך אפילו ניט געזען, צו זיין דער קרבן. ווי שווער איר זאָל נישט זיין צו שטארבן, שטארבט זי מיט דער פרייד פון ראטעווען דאָס לעבן פון איר קינד. זי זעט אפשר אין איר ווייזיע, ווי פארהייליקט זי איז פון איר, אומבאקאנטן פאר איר, קינד, אויפן גאנצן לעבן. דאָס פארזיסט איר דעם ביטערן פיל, דאָס פארגרינגערט איר דעם ביטערן מזל. ווי שווער עס זאָל זיי אלער מען נישט זיין צו שטארבן, איז אָבער דער גייסטיקער טויט, דאָס שמד׳ן זיך פונם אורח, דער העכסטער אידעאליזם, מחמת פאר אים, דעם פרומען און גלויביקן, איז דער עולם הבא, דער גרעס־טער קרבן, וואָס אזא איינער קאָן ברענגען. און געבראכט האָט ער עס אוים ליבע און מיטגעפיל. ער שטארבט שפעטער אין גרויסן שרעק, ער ווייסט, וואָס אים קומט פאר אריינמישן זיך אין גאָטס דרכים. ער ווייסט, אז ער האָט געקאָנט אומברייינגען א גאנצע עדה אידן, זיי האָבן דאָך געקאָנט נאָכפאָלגן זיין בייי־שפיל. די ליבע אָבער צום מענטשן, זיין מיטגעפיל צו זייערע לײדן און צו זייערע שרעקן האָט פארנומען זיין גאנצן "איך". ער טראכט נאָר וועגן די אומגליקלאכע און ראטעוועט זיי.

פארגלייכט די נשמה פון אזא מענטשן מיט דער נשמה פון אזא איינעם, וואָס איז גרייט צו גיין איבער קערפערס, אבי צו דערגרייכן זיין ציל (ריטשאַד דער דריטער — "שעקספיר). פאר־גלייכט זי מיט דער נשמה פון א גרויסן גביר, וואָס "געבנדיק" א נדבה, גיט ער א פאלשן האלבן רובל און נעמט ביים אָרימאן 49 קאָפּיקעס אויסגאָב . . . פארגלייכט זי צו שיינדעלען ("יאָסע־לע" י. דינעזאָן), וואָס זאָגט, אז פאר איר לייבעלעס נאָגל מעגן איינגעזונקען ווערן הונדערטער יאָסעלאך; פארגלייכט זי צו דער נשמה פון קאנטעמירס העלד, וואָס שרייט אוים פארן טויט אז "אַך, ווען איך קאָן צעשמעטערן, צעקוועטשן די גאנצע וועלט"; פארגלייכט זי מיט יענע און איר וועט מוזן שטוינען, וואָס זיינען דאָס געווען פאר זון וויטאמינען, וואָס האָבן גע־שפייזט די נשמה פון אזא אורח?

ס׳איז תשעה באָב. ס׳קומט אריין אן ארימאן צו א ישוב־ניק, ער בעט א נדבה. די באלעבאָסטע האלט אין ארויסנעמען

פון אויוון ברויט. זי גייט אריין אין א צווייטן צימער, נעמט א גראָשן און דערלאַנגט דעם אָרימאַן. שפּעטער כאַפּט זי זיך, אַז ס'פעלט איר א ברויטעלע. קיינער איז דאָ א חוץ דעם אָרימאַן ניט געווען. דער מאַן אירער ווערט אַן אויפגעקאָכטער — גנב'ענען אום תשעה־באָב. ער יאָגט אָפּן שאָסע וועג אָן דעם אָרימאַן. ער געפינט ניט דעם לעבעלע ברויט ביי אים. אהא, אי גע'גנב'עט, אי געגעסן אום תשעה באָב . . . ער שלאָגט אים, ער צעבלוטיקט און צע'ממית'ת אים. אויף מאָרגן פאַסט דער ארימאַן א צען טאָג" (ש. אנסקי). דער ישוב'ניק ווייסט דאָך ניט, אז ער האָט געזינדיקט, אז ער האָט געשלאָגן אָן אומשול־דיקן (דאָס לעבעלע ברויט איז אראָפּגעפאַלן געווען פון דער לאָפּעטע און האָט זיך אריינגעקייקלט אין פּאַפּעטשעס, וואו די הינער האָבן, ניט ווייסנדיק ווי ס'קומט צו זיי אזא יום־טוב, אים פאַרצוקט...) פאַסט ער, אז גאָט זאָל אים, דעם ישוב'ניק, פאַר־געבן. וויפל האַרץ און מיטגעפיל מען דאַרף האָבן אזוי צו פילן און האַנדלען, איז איבעריק צו רעדן.

וואָס זיינען געווען די וויטאַמינען פון זיין נשמה?

מיר האַלטן אין איין אייננעמען וועלטן, אין איין "באַזיגן" פעלקער, אין איין שפּאַנען ווינטן, אין איין צוימען ימים, אָבער זיך, אונזער אייגן וועלטל קאָנען מיר נישט אייננעמען, צו איר קאָנען מיר אפילו נישט צוקומען. ווי גרינג איז אונז צו משפּט'ן יענעם, ווי גרינג איז אונז צו פאַרשטיין יענעמס כוונות, ווי גרינג איז אונז אויסצוטייטשן יענעם, ווי שווער אָבער איז אונז צו דערקלערן די טיפע אָפּגרונטן פון אונזער אייגענעם נשמה־לעבן. איז וויען, איז ווי אזוי וועט קומען די אמת'ע ישועה? אמת, א וועלט פון עקאָנאָמישער גלייכהייט, א וועלט אין וועל־כער מענטשן וועלן ניט דאַרפן זיך קאַרטשן אין ליידן פון נויט און הונגער; אמת, א וועלט, וואָס דאגות פּרנסה וועט די מענטשן ניט דעמאָראַליזירן, וואולגאַריזירן, בויגן און ברעכן; אמת, א וועלט פון עקאָנאָמישער גלייכקייט איז א פאָרבאַדינג פאַר דער אמת'ער ישועה. אָבער ווי וועט די עצם ישועה קו־מען? וועלכער וועג פירט צו איר? צו איר פירט נאָר איין וועג, דער וועג פון פאַרשטיין און דערפילן די נאַטור. אמת מיר

ווייסן נאָך נישט קיין איין טויזנטל פון דעם גרויסן קאָנצערט פון דער גרויסער סימפאָניע אין דער נאַטור און אין לעבן. אָבער ס'באווייזט זיך שוין דער מאָרגן־רויט. די ישועה איז אין דעם באוווּסטזיין, וואָס דרינגט אריין, וואָס ווייטער אלץ מער און מער, אין די הערצער פון די מענטשן, אז ס'איז פאראן א הייליקע קרוב'עשאפט צווישן אלץ און אלע. (דר. קערקאָווען — יעקב וואסערמאַן). דער טאָג פון אלע טעג, דער יום־טוב פון אלע יום־טובים וועט קומען, ווען דער מענטש וועט דערפילן די הייליקייט פון אלץ און אלע, ווען דער מענטש וועט דערפילן די הארמאָניע, ווען ער וועט דערזען, אז א מענטש איז נאָר א טייל, פון דער נאטור, אז אלץ ארום אונז, און אין אונז איז אין אן אייביקער אייניקייט. וואָס זינגט די אייביקע סימפאָניע פון שלום, פון ליבע און קרובה'שאפט. פארשטיין די דאָזיקע פיל געשטאלטיקע אייניקייט איז דער מאָרגן־רויט, איז דער פאָרבאַדינג. איז דער אָנזאָג פונם ליכטיקן פרימאָרגן פאר דער מענטשהייט. דער וועג, וואָס פירט צו דעם דאָזיקן טאָג, איז דער באוואוסטזיין, אז מיר קאָנען פארשטיין זיך, אלץ ארום זיך, די גאנצע דינאמישקייט אין זיך ניט דורך אנטפלעקונג, ניט דורך מיסטיק, ניט דורך סתם השערות, נאָר דורך וויסנשאפטלאכער פאָרשונג. אויב ס'זיינען פאראן געזעצן אין דער נאטור, וועלכע מען נוצט אוים אין אזא גרויסער מאָס, מוזן דאָך אויך זיין, משמעות, געזעצן אין דעם טייל פון דער נאטור, וואָס מיר רופן מענטש.

דער וויסנשאפטלאכער צוגאנג צו זאכן קאָן אונז פארהיטן פון מגזם זיין, פון בלאָנדזשען, פון ספעקולאציעס, וואָס קאָנען צעפאלן ביים ערשטן אָנריר. "די עלעקטרישע קראפט, למשל, באווייזט זיך אין דער נאטור סטיכיש אין דערשיינונגען פון דונער און בליץ. די וויסנשאפטלאכע קולטור האָט, דורך סיסטעמאטישע פאָרשונגען, פאמעלאך אָנגעהויבן צו דערקאָנען און באהערשן די געזעצן פון עלעקטריע אזוי, אז איצט קאָן יעדער איינער, לויט ווילן און באדערפעניש, אָנווייזן די דאָזיקע געזעצן, באנוצן און באקומען די דאָזיקע קראפט. אָט אזוי בעאָבאכטן מיר אויך אין נשמה לעבן, אין פסיכישן לעבן שעפערישע

כחות, וואָס באווייזן זיך אָדער סטיכיש בליצארטיק, אלס אָפּטערע התעלות דערשיינונגען ביי אויסנאַם מענטשן, אין מאָמענטן פון שעפערישער באַגייסטערונג. אָדער אלס אויסנאַם דערשיינונגען ביי געוויינטלאכע מענטשן אין זעלטן עקסטאַטישע און טראַגישע מאָמענטן פון אינדיווידועלן און סאָציאַלן לעבן" (שניאורסאָן). זייער אָפּט קומט אונז אויס אָף פּראַזאַמלונגען צוצוזען, ווי א מענטש דונערט, בליצט, שיט מיט פייער און פלאַם. דער מענטש האָט אין אזא מאָמענט זיך פארגעסן, ער האָט פארגעסן די גרויע טאָג־טעגלאכקייט, ער האָט פארגעסן, אז נעכטן האָט ער געהאַנדלט פונקט אין היפוך פון דעם, וואָס ער פּריידיקט היינט, מיט אזא ברען. דאָס האָט זיך אָנגעצונדן אין אים א פייער, וואָס האָט געטלייעט אין אים, אָבער וועלכן דאָס לעבן האָט געהאַלטן אין איין פארשטויבן און לעשן. דאָס האָט ער זיך בליצארטיק א הויב געטאָן העכער, א וואַקס געטאָן העכער. "אָט זעט איר ווי אָט יענער קאַלטער גזלן, וואָס האָט א הארץ פון א שטיין, האָט זיך עס פארלאָרן בעת דעם אומגליק. ווי עס האָט זיך בליצארטיק ארויסגעריסן פון אים אזויפיל געפילן, אזויפיל הארץ, אזויפיל טרויער, און אזויפיל גרייטקייט", קומט אייך אָפּטמאָל אויס צו הערן פון א זייטיקן. איז וואָס זיינען עס אָט די געזעצן, אָט די בליצן, אָט די שטורמס, אָט די פייערן און שריפות?

דער געדאַנק, דער באַוואוסטזיין, אז דער מענטש איז א טייל פון דער נאַטור, וואָס איז אונטערוואָרפן געזעצן, פונקט ווי א בוים, פונקט ווי א בלימעלע, פונקט ווי א שטיין, ווי א פייגעלע, ווי פייער, ווי וואַסער, דער באַוואוסטזיין, אז ניט מן השמים קומט דאָס אַלץ אז עס איז פאַראַן אַן אייביקע פארבינדונג אין דערשיינונגען, אז ס'איז פאַראַן אַן אייביקע קייט, אז יעדע דערשיינונג איז א רעזולטאַט פון א געוויסער סיבה, און א סיבה פאַר א געוויסן רעזולטאַט. דער דאָזיקער באַוואוסטזיין לערנט דעם מענטשן, אז, אויב ס'זיינען פאַראַן רוחות און שדים זיינען זיי אין אונז און נישט אויסער אונז. אז די דאָזיקע כחות צו שטודירן, פאָרשן, בעאָבאַכטן וויסנשאַפטלאַך איז דער רוף פון דער צייט. אמת, מיר הייבן ערשט אָן. מיר זיינען נאָך נישט

וויט אָפּגעשוואומען פון דעם ברעג, וואָס מען רופט נשמה־ים. אָבער מיר שטייען שוין נישט ביים סאמע אָנהייב. אפילו אין דער אלטער קולטור, קאָנען מיר געפינען טויזנטער סימבאָלן, אָנדייטונגען, וואָס ווייזן אָן אָף פאַרשיידענע פאַרזוכן און דער־גרייכונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין משך פון דורות און דורות. מיר וועלן די דאָזיקע אָנדייטונגען אויסנוצן, איבער־פורעמען, איבערזיפּן, איבערגיסן אין אמת׳ן, וואָס וועלן קאָנען דינען ווי מאַטעריאַלן. אלץ, וואָס מיר ווייסן און האָבן געוואוסט ביז איצט, וועלן דיינקער און פאַרשער דורכלאָזן דורך א פּראָ־זשעקטאָר פון עקזאַקטער וויסנשאַפט, און באַגייסטערט, און מיט טיפן גלויבן אינם כח פון מענטשנס מעגלאַכקייטן, וועלן מיר דאָך אַמאָל קומען אין דעם זוניקן לאַנד, אין דעם לאַנד פון דעם אייביקן טאָג, אין דעם לאַנד פון וויסן "וואָס בין איך" און "ווער בין איך".

דאָס ערשטע וואָס אינטערעסירט אונז, ווען מיר טרעטן צו צום פאָרשן דעם מענטשנס פּערזענלאַכקייט וויסנשאַפטלאַך, איז די פראַגע, וואָס האָט א גרעסערע און וואָס האָט א קלענערע באַדייטונג אין דער פאָרמירונג פון נשמה, — ירושה׳שאַפט צי סביבה. קומען מיר אויף דער וועלט ווי א ריינער בלאַט פּאַפּיר, וואָס דאָס לעבן שרייבט אויף אים אָן, וואָס עס וויל ? קומען מיר אויף דער וועלט, ווי א ווייכע גראַמאַפאָן פּלאַטע, וואָס נאָר דאָס לעבן זינגט אריין, וואָס נאָר דאָס לעבן קריצט אריין אין איר אלץ, וואָס עס וויל ? זינגט פון דעם מענטשן ארויס, שטראַלט פון דעם מענטשן ארויס, פינסטערט און שאָטנט פון דעם מענטשן ארויס נאָר דאָס, וואָס דאָס לעבן האָט אריינגע־געבן ? צי קומט דער מענטש מיט א ירושה פאָנד, וועלכן ער נעמט, אזוי צו זאָגן, מיט זיך מיט ביים געבורט, און צו וועלכן ער וועט עפּעס וואָס צוטראָגן פאַר די קומענדיקע דורות ? איז דאָס אלץ, וואָס אין אונז איז פאַראַן, נאָר רעזולטאַט פון אומ־שטענדן, פון סביבה, צי האָט די סביבה נאָר דעם כח אָפּצוטעמפּן געוויסע שאַרפקייטן, אָנצושאַרפן געוויסע אָפּגעטעמפּקייטן, איז די סביבה אלץ, איז די סביבה עפּעס וואָס, אָדער גאָרנישט ? איז פאַראַן אזא זאַך ווי ירושה׳שאַפט, צי איז דאָס אַן איינרעדעניש ?

ס. דזש. האַלמס ציטירט אין זיין: "די טרענד אַף די רייז", קארל פארסאַנס א מיינונג, אז מיר ירשה'נען אונזער עלטערנס טעמפעראמענט, באוואוסטזיניקייט, געוויסנהאפטיקייט, שעמעוודיקייט און ווילן פונקט ווי וואוקס און פאַרם". זאָגט אַבער הענרי דזשאַדזש, אז "די ווירקונג פון ירושה'שאפט קאַן לחלוטין ניט פארגליכן ווערן מיט דער ווירקונג פון לעבן, מיט דער ווירקונג פון דער סביבה, וואָס שמעלצט דאָס מענטשלאכע אין דעם מענטשן, נאָכדעם, ווי ער קומט אויף דער וועלט". האלט וואטסאַן, אז מיר ירשה'נען בכלל נאָר פעאיקייט צו גיין, צו זויגן און מער כמעט גאָרנישט. אז מיר קומען נאָר מיט געפילן פון שרעק פאר טומל און פאר אראָפּפאלן. אלע אנדערע שטימונגען, האלט ער זיינען נאָר ענטפערס אויף געוויסע אָנרעגונגען, אויסגעלערנט פון דערפארונג. האלט אַבער גאלטאָן פארקערט, אז געוויסע מעלות, פעאיקייטן און חסרונות "לויפן" אין פאמיליעס, אז דאָס דאזיקע איז שוין פארלייגט אין דעם "זוינאט", אין דעם ערשטן קעמערל. וואָס ווערט געשאפן פון דעם ערשטן צענויפגוס פונם מענלאכן און פונם ווייבלאכן געשלעכט קעמערל. די ירושה'שאפט אָנהייבנגער באהויפטן, אז אינם "זויגאט" זיינען פארלייגט אלע ירושה'שאפט טענדענצן.

די מענטשלאכע עמבריאָ (אָנהויב), באהויפטן זיי, אנטשטייט, ווען דאָס ווייבלאכע איי־קעמערל ווערט באפרוכפערט פונם מענלאכן קעמערל — ספערמאַטאַזויד. אין יעדן קעמערל, סיי אין דעם ווייבלאכן, סיי אין דעם מענלאכן, געפינען מיר א קערנדל און אין יעדן קערנדל — קליינטשינקע פעדימלאך "כראָמאָזאָמען". דאָס זיינען 24 פאָר פעדימלאך "שטריקעלאך מיט פאטשערקעס" די צאָל פון די "כראָמאָזאָמען" אין יעדן קעמערל פון קערפער פון א פרוי איז 48, אינם קערפער פון א מאן 47. אַבער אין יעדן געשלעכט קעמערל פון דער פרוי געפינען זיך נאָר 24 פעדימלאך. דער מאן אַבער, האָט צוויי מינים געשלעכט קעמערלאך. אייניקע פון זיי פארמאָגן 24 פעדעמלאך "כראָמאָזאָמען", און אייניקע 23. פונם צופעליקן צענויפפלוס פון א מענלאכן געשלעכט קעמערל פון 24 "שנירעלאך" מיט א ווייבלאכן געשלעכט קעמערל שאפט זיך אן עמבריאָ, וואָס אנטהאלט 48

"כראָמאָזאָנס" — ס'ווערט געבאָרן א מיידל. פונם צענויפגוס פונם מענלאכן געשלעכט קעמערל, וואָס אנטהאלט 23 "כראָמאָזאָנס" מיט א ווייבלאכן געשלעכטס קעמערל ווערט געבאָרן א אינגל.

די מענטשלאכע עמבריאָ, דער "זייגאָט", דאָס ערשט אנטשטאנענע קעמערל פונם צענויפגוס פונם מענלאכן קעמערל "ספערמאטאָזויד" (ריכטיקער געזאָגט, פון דעם ספעמאטאָזויד אָן דעם עקעלע, וואָס האָט דעם קעמערל געדינט נאָר פאַר א באוועגונג אפאראט) און פון ווייבלאכן קעמערל (ריכטיקער געזאָגט, נאָר פונם קערנדל פונם ווייבלאכן קעמערל) הייבט גלייך אָן, גלייך ביים צענויפגוס, דאָס ניי אנטשטאנענע קעמערל, צו טיילן זיך. ס'טיילט זיך אויף צוויי טיילן, יעדער טייל ווידער אויף צוויי, האָבן מיר שוין פיר. יעדער פון די פיר ווידער אויף צוויי, האָבן מיר שוין אכט. יעדער פון די אכט ווידער אויף צוויי, האָבן מיר שוין 16 און א. וו. אמת, זיי טיילן זיך, אָבער זיי טיילן זיך נישט אָפּ. די טיילן בלייבן פארבונדן צוזאמען אין א קנויל, ביז ס'שאפט זיך א קנויל מיט א ליידיקן פלאץ אינווייניק — דאָס איז דער אינווייניק פון דעם קומענדיקן באשעפעניש. שפּעטער נעמען זיך די קעמערלאך טיילן אין געוויסע ריכטונגען, כדי צו שאפן די טיילן פון מענטשלאכן קערפער. כאראקטעריסטיש זיינען די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין יעדן קעמערל ביים טיילן זיך. ערשט שאפט זיך פונם "כראָמאַטין" (פון די פעדימלאך, וואָס, ווען מען פארבט זיי מיט א געוויסן קאָליר, נעמען זיי אָן די פארב. דערפאר רופט מען זיי מיטן נאָמען כראמאטין, מחמת כראָם איז אין גריכיש פארב. אלע אנדערע סובסטאנצן (מאטעריעס) אין קערנדל נעמען נישט אָן קיין פארב). ערשט שאפט זיך פון כראמאטין, הייסט עס, א קנויל פון פעדימלאך, שפּעטער צעפאלט דער דאָזיקער קנויל אָף קליינטשינקע באזונדערע שטריקעלאך, כראָמאָזאָנען. פון קעמערל טיילט זיך ביי דעם דאָזיקן פּראָצעס אוים א בלישטשענדיק קערפּערל ווי א שטערנדל, וואָס צעפאלט גלייך אין צוויי קיילעכדיקע, בלישטשענדיקע קייקעלאך, ווי שטערנדלאך, וואָס גייען זיך פאנאנדער אין צוויי קעגנגעזעצטע ריכטונגען, און

פארנעמען די פּאַליוסן פונם קעמערל. ווי נאָר די צוויי נייע שטערנדלאַך (צענטראָזאָמען), וואָס האלטן זייער וועג צו די פּאַליוסן לאָזן זיך אין וועג אריין, הייבט אָן איין העלפט פון די כראָמאָזאָמען צו ציען זיך צו איין "צענטראָזאָם" (שטערנדל) און די צווייטע העלפט צום צווייטן "צענטראָזאָם". ווען די צעטיילונג פון די כראָמאָזאָמען אױף צוויי "ארמייען" איז שוין א פולקאָמע, הייבט זיך אָן צו שאפן א מין עקוואטאָר, א מין גארטעלע, וואָס שניידט, אזוי צו זאָגן, איבער דאָס קעמערל אויף צוויי טיילן. אזוי האָבן מיר שוין צוויי קעמערלאַך. יעדעס קעמערל הייבט אָן פון דאָס ניי פּאַרצווזעצן ווידער אמאָל דעם זעלביקן פּראָצעס.

דאָס מענטשלאכע אויג, און דאָס מענטשלאכע וויסן איז טיף אריינדרינגען אין די סודות פון דעם דאָזיקן פּראָצעס. נאָך נישט אויסגעפאָרשט, נאָך נישט גענוג און ניט זיכער איז דער ווימנשאפט באקאנט, די קראפט און די אויפגאבן פון די צוויי בלישטשענדיקע, קיילעכדיקע, שטערנארטיקע קערפּערלאַך, וואָס צעפאָרן זיך צו די פּאַליוסן פונם קערנדל. זאָל זייער אויפגאבע ליגן אין זייער מאגנעטישקייט, אין אָפּציען די כראָמאָזאָמען פון זייער פּאָזיציע אין מיטן פון דעם קערנדל צו די פּאַליוסן צו, כדי דורכצופירן די צעטיילונג פונם קעמערל, צי פארמאָגן אפשר גאָר די דאָזיקע סודות׳פולע "שטערנדלאַך" אזא קראפט, וואָס וועט אפשר אמאָל אומווארפן א סך השערות און עפענען נייע האָריזאָנטן צו דערקענען און צו דערגרונטעווען זיך אין די סודות פון ירושה׳שאפט.

די קעמערלאַך פון מיליאָנען פארשיידענע באשעפענישן זיינען אזוי ענלאַך, אז עס איז אָפטמאָל אוממעגלאַך זיי צו אונטערשיידן. דאָך וועט פון אן איי־קעמערל פון א הינדעלע ניט אנטשטיין א גאנז און פארקערט, דאָך וועט פון אן איי־קעמערל פון אן אָדלער אנטשטיין נאָר אן אָדלער. און ניט נאָר דאָס. דאָס קינד־קעצעלע אָדער דאָס קינד־הינטעלע, וואָס די איי־קעמערלאַך, פון וועלכע זיי זיינען אנטשטאנען זיינען אזוי ענלאַך, ניט צו אונטערשיידן, דאָס קינד־קעצעלע אָדער דאָס קינד־הינטעלע איז אין אויסערלאכן אויסזען ענלאַך צום טאטן, צי

צו דער מאמען, צי צום זיידן. וואו ליגט דער סוד פון איבער־געבן פון עלטערן צו קינדער אויסערלאכע און אינערלאכע כאַ־ראַקטער שטריכן, וואו ליגט דער סוד פון ירושה־שאפט? ניט שווער זיך אַנצושטויסן, אז ערגעץ וואו אין דעם קערנדל פונם קעמערל, פון וועלכן ס׳אנטשטייט דאָס קינד, מוז ליגן דער דאָ־זיקער כח. ס׳איז ניט שווער צו פארשטיין, פארוואָס קאָן אן איין קעמערל באשעפעניש (א באשעפעניש, וואָס דער גאנצער קער־פער זיינער באשטייט פון איין קעמערל, וואָס איז אָבער אזוי קאָמפליצירט, אז עס פירט דורך אלע לעבנס פּראָצעסן פון דעם באשעפעניש. כאראקטעריסטיש איז די לעבעוודיקייט, רירעוו־דיקייט, באוועגעוודיקייט און אמת׳ע פריידיקייט פון אָט די גרויסע העלדן. פשוט מקנא צו זיין) ס׳איז ניט שווער צו פאר־שטיין, אז אן איין־קעמערל באשעפעניש גיט איבער בירושה אלע אירע כאראקטער שטריכן איר קינד. אזוינע חיה׳לאך "גע־בוירן" קינדערלאך אויף אן אייגנארטיקן אופן. דאָס קינד, ערשט געבאָרן, למשל, צעוואַקסט זיך ביז ס׳דערגרייכט א געוויסער גרוים, ביז ס׳ווערט א דערוואקסן חיה׳לע. דעמאָלט טיילט זיך דאָס איין־קעמערל חיה׳לע אין דער מיטן. פון דער מאמען אָדער טאַטן (ניטאָ ביי זיי קיין טאטע מאמע באזונדער) שאפן זיך צוויי טעכטערלאך, און אזוי ווידער פון דאָס ניי. פארשטענדלאך, אז אזוינע טעכטער זיינען פונקט ווי די מאמע. זיי ירשנ׳ען אלץ פון זייערע עלטערן, זיי זיינען סוף־כל־סוף זייערע עלטערן אליין. זיי שטארבן קיינמאָל נישט, זיי לעבן אייביק, סיידן אן אומ־גליק געשעט און זיי ווערן צעקוועטשט. פון דער אלטער מאמען ווערן צוויי טעכטערלאך. ס׳ווערט גאָרנישט פארלאָרן. פון די צוויי טעכטערלאך, ווען עס וועט קומען די צייט, ווען זיי וועלן ווערן עלטער, וועלן ווערן פיר טעכטערלאך און א. וו. ס׳איז ניט שווער צו פארשטיין דאָס פּראָבלעם פון ירושה־שאפט ביי אזוי־נע באשעפענישן.

אָבער, וואָס פאר א כח ליגט אין א סך קעמערלאך באשע־פענישן (מענטש, הונט, מויז, בהמה, פערד, פויגל און א. וו.), וואָס פאר א כח ליגט אין אן איי־קעמערל (ווייבלאך) און אין א ספּעמאטאזויד (מענלאך), אז, ווי זיי טרעפן זיך נאָר אינם קער־

פער פון דער מוטער (און אפילו אויסער דעם קערפער פון דער מוטער, ווי ביי געוויסע פישן, פרעש און א. וו.), הייבן זיי גלייך אָן דורכצומאכן געוויסע פּראָצעסן, ביז ס'ווערט געשאפן א באַשעפעניש, וואָס איז תמיד ענלאך צו דער מוטער, אָדער צום פאָטער. דאָס נייע באשעפעניש טראָגט שוין אין זיך, אמת, נאָך נישט אנטוויקלטע, איי־קעמערלאך אָדער ספּערמאטאָזאָידס, וואָס אקאָרשט זיינען זיי, טאטע־מאמע, אליין דאָס געווען, און פון וועלכע ס'וועלן זיך שאפן קינדערלאך, וואָס וועלן ווערן טאטעס און מאמעס. אונז אינטערעסירט נישט נאָר, וואו ס'ליגט דער כח פון רעפּראָדוקציע, נאָר הויפּטזאכלאך, וואו ליגט דער סוד פון ענלאבקייט, פון פאַר'ירשונג ביי חיות און פלאנצן, וואָס זייערע קערפּערס באשטייען פון א סך קעמערלאך ?

דער פראנצויזישער באָטאניקער, באָניער, האָט צעטיילט א לעווונצאָן (דענדעליין — אדואוואנטשיק) אויף צוויי טיילן. איין טייל האָט ער פארפלאנצט אויף א בארג און דעם צווייטן טייל אין א טיפן טאָל. ס'זיינען אויסגעוואקסן פארשיידענע לעווונצאָנען, נים זייער שטארק ענלאך איין פלאנץ צום צווייטן. ביים איבערפלאנצן א טאָל בלימעלע אויף א בארג און פארקערט, האָבן די בלימעלאך געביטן זייערע פאָרמעס . . .

וואָס ווייזט עס ? דאָס ווייזט, אז סביבה, אומשטענדן האָבן א שטארקע ווירקונג, פארענדערן אין א געוויסער מאָס באשעפענישן און פלאנצן. האָט מען, למשל, גענומען א רויט בלימעלע און א ווייס בלימעלע, פון איין און דעם זעלביקן מין בלימעלאך, און דורכגעפירט מיט זיי אזא מין עקספּערימענט. דאָס רויט בלימעלע האָט מען פארפלאנצט אין א הייסער הויז, האָט עס ביי א געוויסער טעמפּעראטור גענומען ארויסגעבן ווייסע בלימעלאך, נים קיין רויטינקע, נאָר דווקא ווייסינקע. דער קאָליר, הייסט עס, האָט זיך געביטן. האָט מען די קערנדלאך פון אזא ווייס בלימעלע פארזייט אין א פלאץ מיט א נאָרמאלער פארן בלימעלע טעמפּעראטור האָבן צוריק גענומען וואקסן רויטע בלימעלאך. די בלימעלאך האָבן צוריק געקראָגן זייער נאַטירלאכן קאָליר. האָט מען, הייסט עס, פארפלאנצט אזא רויט בלימעלע מיט א נייעם מין ווייסע בלימעלאך, וואָס זייערע בלע־

מעלאך וואקסן ווייסינקע, אונטער אלע טעמפּעראַטורן. פאַר־פלאַנצט האָט מען זיי אין אַ הייסער טעמפּעראַטור. זיינען אַלע בלימעלאַך פון ביידע מינים געוואָרן ווייסינקע. אמת, אַלע בלי־מעלאַך זיינען ווייסינקע, אָבער אין קערנדל פון איין מין בלי־מעלע, איז פאַרלייגט אַ נייגונג, ביי אומשטענדן צו וואַקסן רויט. די נייגונג גיט זי איבער אירע קינדערלאַך. זאָלן מיר איבער־פלאַנצן די בלימעלאַך אין געוויינטלאַכער טעמפּעראַטור, וועט איין מין אָנהויבן וואַקסן מיט רויטע בלעטעלאַך, מחמת אין זיי איז פאַרלייגט די נייגונג. וואָס לערנען אונז די דאָזיקע עקספּערימענטן? די דאָזיקע עקספּערימענטן לערנען אונז, אַז סביבה האָט אַ גרויסע באַדייטונג, אָבער נאָר אַ גרויסע באַדייטונג, נישט מער און נישט ווייניקער. אַז נישט אין איר אַליין, אין דער סביבה, ניט אין איר אַליין, ליגט די סיבה פון דעם, וואָס קינדערלאַך (בלימעלאַך, אינסעקטן, חיות, מענטשן) זיינען ענ־לאַך צו עלטערן. טיף אין די בלימעלאַך זיינען פאַרלייגט פאַר־שיידענע כחות וואָס רופן זיך אָפּ, און ווערן איבערגעגעבן דעם נייעם דור.

דער נאַטור וויסנשאַפט פאָרשער, דער גלח מענדל, האָט באַוויזן, אַז ווען אַ ווייס בלימעלע און אַ רויט בלימעלע, פון איין און דעם זעלביקן מין, ווערן געפּאָרט, וועלן די קינדערלאַך בלי־מעלאַך זיין ניט רויט און ניט ווייס, נאָר ראָזאָווע. אַ צווישן קאָליר, צווישן רויט און ווייס. ווען אַזוינע צווייַ ראָזעווע בלי־מעלאַך־קינדערלאַך, פונם רויטן טאַטן און פון דער ווייסער מאַ־מען, ווערן געפּאָרט וועלן פון יעדע פיר קינדערלאַך בלימעלאַך געבאָרן ווערן צוויי ראָזעווע, איין ווייס בלימעלע און איין רויט בלימעלע. ווען די רויטינקע ווערן געפּאָרט מיט רויטינקע, קו־מען ארויס אלע בלימעלאַך־קינדערלאַך רויטינקע. ווען ווייסינ־קע ווערן געפּאָרט צווישן זיך, וועלן אלע קינדערלאַך זיין ווייַ־סינקע. ווען די ראָזעווע פון צווייטן דור ווערן געפּאָרט צווישן זיך, וועלן ווידער אַמאָל פון יעדע פיר קינדערלאַך־בלימעלאַך געבאָרן ווערן צוויי ראָזעווע, איין ווייס בלימעלע און איין רויט בלימעלע. אַזוי געזעצמעסיק גייט עס פון דור צו דור. די דאָ־זיקע געזעצן זיינען אויך געגוי פאַר קאָלירן פון אויגן און האָר.

פארן וואוקס, פאר פלעקן אויפן הויט אפילו, פאר די קאמען ביי העגער און א. וו. פונקט ווי עס זיינען פאראן שטארקע דאמינירנדיקע גענען (כאראקטער שטריכן) זיינען אויך פאראן רעצעסיווע שוואכערע, נאכגיביקע גענען. געוויסע שטריכן ווערן, אזוי צו זאגן דערשטיקט אבער "זיי בלייבן". אזוי קאן מען אמאל ניט געפֿינען באשטימען דעם קאליר פון אויגן פון א מענטשן, עפעס איז עס בלוי און נישט בלוי. מעגלאך, אז די טונקעלע אויגן (דאמינירנדיקער פאקטאר) פונם טאטן דאמינירן איבער דעם קאליר פון דער מוטערס אויגן.

עס איז כמעט ווי זיכער, אז די פאר'ירשונג ווערט איבערגעגעבן דורך די איי־קעמערלאך און ספערמאטאזאיד. וועגן וועלכע מיר האבן פריער גערעדט. קיין צווייפל, אז אויב ס'וועט נאך אמאל ווען עס איז נישט אפגעלייקנט ווערן די גאנצע טעאריע פון ירושה'שאפט, וועט באשטעטיקט ווערן, אז נאר דורך די דאזיקע סעקס קעמערלאך גיבן די עלטערן איבער די נייגונגען, די שטימונגען, דעם אויסזען זייערע קינדערלאך. די פראגע איז נאר ווי ? וואס פאר א ראל עס שפילן, אין דעם דאזיקן פראצעס, די כראמאזאמען, די צענטראזאמען אדער גאר אנדערע פעדימלאך, וואס מיר זעען זיי נאך אפשר איצט נישט, אפילו אונטערן מיקראסקאפ.

פאראן פארשיידענע טעאריעס, וואס זוכן צו דערקלערן דעם פראצעס פון פאר'ירשונג. שוין דעמאקריטוס און שפעטער דארווין, האבן ארויסגעבראכט אזא טעאריע : בעת דער באפרוכפערונג, און בכלל בעת'ן וואוקס, גיט אפ יעדער קעמערל פונם גאנצן קערפער א טייל פון זיך (דער גאנצער קערפער פון יעדן באשעפעניש באשטייט פון מיליאנען קעמערלאך. א קערפער איז א קאלאניע פון קעמערלאך. אפילו בלוט באשטייט נאר פון קעמערלאך). די דאזיקע "מתנה'לאך" שאפן עס, לויט דער דאזיקער טעאריע, די סעקס קעמערלאך. ווען דער צענויפגוס פון דעם מענלאכן און ווייבלאכן קעמערל געשעט און דער זייגאט, דער עמבריא, דאס ערשטע קעמערל, הייבט אן צו וואקסן, וואקסן זיך אין דער אמת'ן פאנאנדער די טיילכעלאך, וואס האבן זיך אפגעטיילט פון די קעמערלאך פונם גאנצן קערפער. אזוי

צעוואקסן זיך די "מתנה'לאך" פון יעדן קעמערל. וואָס זיינען געקומען פון דער האַנט, אָדער פון דער פוס אין פּיסעלאַר אָדער העַנטעלאך. דאָס דאַזיקע וואָלט באַשטעטיקט אין א געוויסן זין די טעאָריע, אַז אויך אין א סך — קעמערלאך באַשעפעניש, ניט נאָר אין איין קעמערל באַשעפעניש, קומט פאַר א טיילן זיך "אויף העלפט". . . איר מוזט געדיינקען, מיר האָבן פריער גע־רעדט וועגן דעם, אַז ירושה'שאַפט ביי די איין־קעמערל באַשע־פעניש איז גרינג צו פאַרשטיין. פון דער מאַמען ווערן צוויי טעכטערלאך און פאַלגלאַך ירשה'נען זיי אַלץ פון דער מאַמען. זיי קריגן נאָר צו שטימונגען און געפילן פון דער סביבה זייע־רער. דאָס אַלץ. אויב מיר זאָלן אָננעמען היפּאָקריטוסעס און דאַרווינס טעאָריע וועגן דעם, אַז יעדער קעמערל פון אונזער גאַנצן קערפּער גיט אָפּ א טייל פון זיך אינם סעקס קעמערל און פון סעקס קעמערל צעוואַקסט זיך דאַך, ווי מיר ווייסן שוין, דאָס נייע באַשעפעניש, וואָלט עס געמיינט, אַז אויך אין א סך־קע־מערלאך באַשעפענישן שטאַרבט דאָס באַשעפעניש קיינמאָל נישט, זי גיט איבער אירע כאַראַקטער שטריכן דעם צווייטן דור, מחמת אויך דאָ קומט פאַר א צעטיילונג. יאָ, ווערט אָבער די דאַזיקע טעאָריע ניט פון אַלעמען אָנגענומען. דר. אווגוסט ווייסמאַן דיינקט, אַז דער דזשערם־פּלאַזם (סעקס קעמערל שטאָף) ווערט נישט אינגאַנצן אויסגענוצט צו שאַפן א נייע באַשעפע־ניש, אַז א טייל פונם דזשערם־פּלאַזם ווערט איבערגעגעבן דעם קינד, כדי עס זאָל זיך פאַנאַנדערוואַקסן א נייער דזשערם־פּלאַזם, א ניי געשלעכט קעמערל, אַזוי, אַז דער דאַזיקער טייל שטאַרבט קיינמאָל נישט און איז אַלט ווי דאָס לעבן אַליין. די דאַזיקע מיינונג זיינע וואַרפט א ניי ליכט אויף דעם פּראָבלעם פון פאַר־ירשונג. די דאַזיקע מיינונג זיינע ווייזט אונז דעם סוד, פאַר־וואָס קינדער זיינען אַזוי ענלאַך צו עלטערן. עס נעמט דאָך איבער א טייל דזשערם־פּלאַזם, א טייל געשלעכט קעמערל פון זיין טאַטן, דורך זיין טאַטן אָדער מאַמען פון די זיידעס און באָ־בעס, דורך די זיידעס און די באָבעס פון עלטער זיידעס און עלטער מאַמעס און צו "איינס געטיילט אַף 1024" טיילכעלע פון 10טן דור צוריק. זאָלן מיר אָננעמען די דאַזיקע טעאָריע,

וועט עס מיינען, אז אין יעדן מענטשן פון היינט איז פאראן אביסל שטאָף אין זיין אָדער איר געשלעכט קעמערל, וואָס איז געווען מיט צענדליקער טויזנטער יאָרן צוריק ביי זיין אדעה אירן אן אור־אור־אור טאטע אָדער מאמע. ווען די דאָזיקע קר־מען חלילה . . . ארוים פון קבר, וואָלטן מיר משמעות נישט וועלן אנערקענען זיי פאר פריינט. ס'וואָלט אונז, משמעות, ניט אָנגעשטאַנען דער יחוס . . . אָבער אזוי שיינט עס צו זיין, מיר טראָגן אין זיך עפּעס לעבעדיקס, וואָס האָט אין יענעם "פריינטל" געלעבט . . .

אז פיזישע אייגנארטיקייט ווערן גע'ירשנ'ט קאָנען מיר אָפּטמאָל זען מיט אונזערע אויגן. קינדער און אייניקלאך נע־מע איבער אָפּטמאָל אפילו א פּינטעלע אפן באק. די פראגע איז נאָר צי מיר נעמען איבער גייסטיקע אייגנשאפטן פון אונזערע עלטערן. דאָס איז די פראגע. פלאָרינסקי זאָגט, אז "די מענטש־לאכע טיפן זיינען פארענדערלאך און ניט באשטענדיק, זיי גע־פינען זיך אונטער דעם איינפלוס פון קרייצונג, פון פאָרונג און אונטער דעם איינפלוס פון דער סביבה".

מען האָט דורכגעפירט עקספערימענטן איבער מייזעלאך. מען האָט געפּאָרט פארשטענדלאכע מייזעלאך, פעאיקע מיי־זעלאך, קלוגינקע מייזעלאך מיט פארשטענדלאכע, פעאיקע און קלוגע. די קינדערלאך מייזעלאך האָבן ארויסגעוויזן פעאיקייט און פארשטענדלאכקייט. זיי פלעגן אויסלערנען זאכן גרינגער ווי אנדערע, זיי פלעגן פאלן אף וואונדערבארע איינפאלן, כדי צו דערגרייכן שפּייז. האָט מען געפּאָרט נארישע מייזעלאך, מיי־זעלאך מיט "גראָבע קעפּלאך", האָבן די קינדערלאך גע'ירשה'נט די "מיניסטערשע קעפּ" פון זייערע עלטערן. נישט געווען מענ־לאך ארייננצוקלאפן זיי, אין קאָפּ אריין, דאָס גרינגסטע, דאָס איינפאכסטע.

אן אנדער עקספערימענט האָט דורכגעפירט ספּאלדינג. ער האָט גענומען אקאָרשט געבאָרענע פייגעלאך און האָט זיי פאר־שלאָסן אין באזונדערע שטייגעלאך, ווייט פון הימל, ווייט פון פויגעלאך. ווען די צייט איז געקומען זיינען זיי געפלויגן. הייסט

עס, אז גיין און פליען לערנט מען זיך נישט אויס דורך אימי־טאציע, מען מאכט נישט נאָך, הייסט עס, נאָר מען ירשה׳נט. נו, איז דאָס דאָזיקע א פיזישע ירושה. האָט מען דורכגעפירט אזא מין עקספערימענט, מען האָט גענומען זינג פייגעלאך גלייך ביים געבורט, און זיי אָפגעזונדערט פון אלץ, וואָס דאַרף זיי אויסלערנען זינגען, זיי האָבן אָבער דאָך געזונגען. אמת, אנ־דערש געזונגען, אנדערש ווי די עלטערן געזונגען, דאָס איז גע־ווען אן אייגנארטיק געזאנג, אָבער ענלאך צום געזאנג פון די עלטערן. ווייסן מיר פאלן פון בושמענער, געניאלע זינגער, ווייסן מיר א פאל פון א האלב אידיאָטיש און פרימיטיוון מענטשן, וואָס איז געווען א געניאלער מאטעמאטיקער. עפעס וואָס האָט דאָך געמוזט זיין אין זיי פארליינגט, מחמת די סביבה האָט זיי גאָרנישט ניט געקענט געבן. ס׳אנטשטייט די פראגע, וואָס ירשה׳נען מיר, ספעציפישע פעאיקייטן, אָדער פעאיקייטן בכלל? אווגוסט וויסמאן דיינקט, אז מיר ירשה׳נען סתם פעאיקייטן (ניט נייגונגען, נישט דיספּאָזיציעס. דווקא צו מאטעמאטיש־קייט, דווקא צו מוזיקאלישקייט און א. וו.) אז מיר ירשענען, הייסט עס, סתם פעאיקייטן, וואָס ביי געוויסע גינסטיקע אומ־שטענדן, בליען זיי זיך פאנאנדער, אויף דעם געביט, וואָס די סביבה פלאנצט. מיר האָבן פּאָעטן, וואָס זיינען גאנץ פיינע מאלער; מיר האָבן מוזיקער, וואָס זיינען גאנץ גוטע מאטעמא־טיקער. ס׳ווענדט זיך אָפטמאָל וועלכע ריכטונג אין קונסט האָט געהאַט א גינסטיקע סביבה, גינסטיקע אומשטענדן, וועלכע ריכטונג האָט נישט באגעגנט אפן אנטוויקלונגס וועג קיין שטער־רונגען, אָדער וועלכע שטערונגען האָט מען געקאָנט גרינג ביי־קומען. מיר האָבן אין דער פאמיליע מענדלסאָן א גרויסן מוזי־קער און א גרויסן פילאָזאָף. צווישן א מוזיקער און א פּאָעט איז נישט אזא מהלך, ווי צווישן א מוזיקער און א פילאָזאָף. מיר האָבן אין דער פאמיליע פייערבאך א גרויסן פילאָזאָף און א גרויסן ארטיסט. יאָ, די סביבה קאָן אויפוועקן, און קאָן ריכטן די פעאיקייט אין דער אָדער יענער ריכטונג. יאָ, די סביבה און די צייט. פאראן צייטן, ווען פילאָזאָפן "בליען", פאראן צייטן ווען מיר האָבן א "הצלחה" אף פּאָעטן און פארקערט, פאראן

צייטן, ווען מוזעס שטומען און די היטלערס "זינגען", קוקט זיך נאָר צו, צו דער געשיכטע.

טאָם ברייננגט אונז אזא ביישפיל: סעם און פעטער זיינען א צווילינג. סעם איז תמיד פארנומען, אקטיוו פאראינטערע־סירט, אויפמערקזאם צו אלץ, פריינטלאך, לעבעדיק און טעמ־פעראמענטפול. פעטער איז אָבער, פארקערט, שעמעוודיק, שטיל, האָט האָלט צו זיין אליין, אָפּזעונדערט, און אָפטמאָל טרויעריק־פארטראכט. סעם האָט פריינט, קריגט גרינג פריינט, איז באליבט, דערגרייכט זיין ציל. פעטער איז אָנגעצויגן, ברוגז, האָט תמיד מיסדערפאָלג. אמת, איין טאטע־מאמע, איין היים, איין און די זעלביקע סביבה. מעגלאך אפילו, אז ביידע האָבן גע'ירשנ'ט איין און די זעלביקע פעאיקייטן. אָבער איינער האָט משמועת צוגע'ירשנ'ט א געוויסע דאָזע עקסטראווערטיזם (דר. יאָנג). ס'מיינט די פעאיקייט גרינגער אויסצודריקן געפילן, זיין ניט פארשלאָסן אין זיך. פעטער האָט משמעות צוגע'ירשנט א געוויסע דאָזע "אינטראָווערטיזם" (דר. יאָנג), א נייגונג צו זיין פארשלאָסן אין זיך, צו דריקן אין זיך געדאנקען און דאָס דאָזי־קע מאכט זיי פאר פארשיידענע טיפּן, דאָס דאָזיקע שאפט א לאגע אז ביידע, וואָס טראָגן אין זיך אפשר איינע און די זעלבי־קע ירושה שטריכן, פאָרן זיך אין משך פון לעבן גייסטיק אזוי פאנאנדער, אז ס'איז נישט צו דערקענען, אז טאטע־מאמע האָט זיי געהאט. אויך מעגלאך, אז איינער פון די קינדער האָט אריינ־געכאפט א "מציאה", א געוויסן שטריך פון אן עלטער זיידן, אז דער שטריך איז אפשר א דאָמינירנדיקער, א שטארקער, וואָס גייט להיפּוך אלס "מציאה" אלע אנדערע שטריכן. מעגלאך אויך, אז איין ברודער האָט איבערגעלעבט א שרעק, ער האָט אים שוין לאנג פארגעסן, אָבער די נשמה האָט א שטארקערן זכרון, זי "פארשרייבט" און דאָס דאָזיקע פירט אוועק איין ברו־דער פונם צווייטן אזוי ווייט, אז ס'איז נישט צו דערקאָנען, אז זיי האָבן זיך דערצויגן אין איין היים, אז איין טאטע־מאמע האָט זיי געהאט.

האָב איך ערגעץ וואו געלייענט א לעגענדע פערסעאוס. הרג'עט דאָרטן א העלד א מיידל — א מכשפה דאכט זיך. ער

לייגט דעם קאָפּ אירן אין זאק אריין און פליט אהיים. עס קאַפּעץ פונם זאק ארונטער טראָפּנס בלוט. אפּן בלוט וואָס פאלט אויף דער ערד, וואקסן גלייך אוים שלאנגען. און ניט נאָר דאָס. יע־דער איינציקער, וואָס דערזעט דעם טויטן קאָפּ, ווערט פאר־שטיינערט. א סביבה פון בלוט געבוירט שלאנגען, הייסט עס, טויט, פארניכטונג ״פארשטיינערט״ מענטשן. די לעגענדע האלט איך סימבאָליזירט די ווירקונג פון סביבה אפּן מענטשן. א סביבה פון בלוט און טויט ״פארשטיינערט״, ״פארשלאנגט״, פאר׳סמ׳ט דעם מענטשן, הייסט עס.

מען דערציילט פון אזא פאל: צוויי חברים האָבן זיך אריינ־געכאפּט אין א גאָרטן ״גנב׳ענען״ עפּל. דער גערטנער האָט די לעצטע צייט געהאט באמערקט, אז עמיצער כאַפּט זיך סיסטע־מאטיש אריין אין זיין גאָרטן און טוט אים אָן היזק.

די צוויי בחורים׳לאך זיינען ניט געווען די שטענדיקע ״געסט״ אויף וועלכע דער גערטנער האָט ארויסגעקוקט. איינער פון די צוויי בחורים׳לאך פאלט אריין, מען כאפּט אים. ער ווערט פארשפּארט אין תפיסה. דאָרטן זיצט ער מיט ״גוטע לערער״, וואָס פארכאפּן זיין פאנטאזיע מיט א לעבן פול מיט שטארקע איבערלעבונגען. ס׳זיינען אוועק יאָרן און יאָרן. מען משפּט א מערדער. מען פאר׳משפּט אים צום טויט. דער ריכטער, וואָס לייענט פאָר דעם פּסק, קוקט זיך גוט צו צום פאר׳משפּט׳ן און חלש׳ט — ער האָט דערקאָנט זיין חבר . . . ווידער אמאָל סביבה!

מען טאָר אָבער ניט מגזם זיין די ווירקונג פון סביבה. קוקט זיך צו צו מאָטקען (מאָטקע גנב, שלום אש). וואָס פאר פארברעכנס איז מאָטקע ניט באגאנגען? און דאָך, דאָך זינגט פון אים ארוים אזויפיל שיינקייט, אזויפיל הייליקייט, אזויפיל בענקשאפט נאָך א דערהויבן לעבן. קאָן מען זיך פאר־שטעלן נאָך נידעריקערע סביבות ווי די, אין וועלכער מאָטקע איז אויסגעוואקסן? און דאָך, האָבן זיי ניט געבראָכן זיינע פליגלען צו ציען זיך צו הימל און צו זון.

איך האלט, אז דעם ענין ירושה׳שאפט וואָלטן מיר באַ־דארפט אָננעמען אזוי, ווי דער ערד ארבעטער נעמט אָן זריעה און באָדן. גוטע זריעה (ירושה) און גוטער באָדן (סביבה) גיט

ארוים גוטע גרינס, גוטע זריעה אין א שלעכטן באָדן אָדער שלעכ־טע זריעה אין א גוטן באָדן גיט קיין גוטע גרינס ניט ארוים.

שווער, שטארק קאָמפּליצירט איז דער וועג, וואָס פירט צו דעם מענטשנס נשמה. שווער און קאָמפּליצירט איז די עקספּע־דיציע, וואָס פירט אונז צום פאר׳כישוף׳טן פּאַלאַץ, וואו מיר וועלן עס דארפן געפינען דעם שליסל צום שלאָס פון דעם מענטשנס נשמה. שווער און קאָמפּליצירט, אָבער ניט פאר־צווייפלט! איידער מיר לאָזן זיך אין וועג אריין דארפן מיר זיך אויך פארשטיין וועגן אייניקע פראגן, וואָס מיט זיי וועט אונז גרינגער און זיכערער זיין דער וועג, צום פאר׳כישוף׳טן פּאַלאַץ, וואו ס׳ליגט דער שליסל צום קינדס נשמה.

די שפּראך ווי־סנשאפט, למשל, האָט אונז באַזאָרגט מיט נעמען פאר אלץ, וואָס אונזער אויג זעט. מעלקן מיר אוים א בהמה זאָגן מיר, אז מיר האָבן איצט מילך. שטעלן מיר דאָס מילך אוועק אויף עטלאכע טעג אין א צימער, מיט א דורכשניט־לאכער טעמפּעראטור, זאָגן מיר, אז פון אויבן האָט זיך געשאפן סמעטענע און אונטן האָבן מיר זויער מילך. פון סמעטענע קאָ־נען מיר אויסקלאפּן אזא מין זאך, וואָס מיר רופן עס אָף אונזער מאמע לשון, פּוטער. פונם זויער מילך האָבן אפילו אונזערע עלטער־באבעס געמאכט א זייער וויכטיקן פּראָדוקט, וואָס מיר רופן דאָס נאָך ביז היינט מיטן נאָמען קעז. אך, ווי רייך מיר זיינען דאָס מיט ווערטער! פאראן שפּראכן, וואָס זיינען אזוי רייך, אז פאר יעדן קנייטש אין מעבל פאר יעדן טיפן גראָבן האָבן זיי נעמען, האָבן זיי ווערטער. פאר די קנייטשן און גראָבנס, פאר גריבער און טיפענישן, אָבער, אין מענטשנס נשמה, האָבן מיר קיין נעמען נישט, האָבן מיר קיין ווערטער נישט. דאָס וואָרט געפיל איז פאר אונז גענוג פאר מיליאָנען ניואנסן, און שטימונגען, און נייגונגען, און דראנגען, און לײדנשאפטן. אזוי זיינען פרייד, פארדרוס, כעס, אנטטוישונג, נייגעירקייט, אזוי זיינען דורשט, מידקייט, הונגער, אויך געפילן בעת די ער־שטע (פרייד, פארדרוס, כעס, אנטטוישונג, נייגעריקייט) קאָנען ביי אונז ניט לאָקאליזירט ווערן, די אנדערע (מידקייט, דורשט, הונגער) קאָנען יאָ לאָקאליזירט ווערן. וואו די ערשטע זיינען,

פון וואנען זיי קומען ביי אונז אין קערפּער ווייסן מיר נישט, וואו און פון וואנען די צווייטע קומען ווייסן מיר יאָ. הונגער און דורשט פילן מיר אין מאָגן, מידקייט אין די מוסקולן. אייניקע קומען דורך אָרגאַניש קערפּערלאַכע סיבות. דורשט פון שוויצן, פון עסן עפּעס געזאַלצענעס, שווער פאַרדייענדיקעס; הונגער פון אָנהייבן פאַרצערן פאַרטיקע קעמערלאַך. פון אָנהייבן עסן זיך אליין. אָבער פרייד, פאַרדרוס, נייגעריקייט, אַנטטוישונג, וואו זיינען זיי ביי אונז אין קערפּער? מיר האָבן געוויסע עפעקטן פון געוויסע דריזן דורך געפילן. בעת פאַרדרוס הייבן אָן סעקרעטן די טרערן דריזן, בעתן כעס מערקט זיך פאַרקערט אַן אָפּשטעל פון סעקרעטן מאָגן זאַפט אין מאָגן. א קלאַפּ קאָן ארויסרופן א שטראָם פון געפילן, נישט נאָר פון ווייטיק, נאָר פון פאַרדרוס און כעס. ביי אונז זיינען עס אַלץ געפילן און פּטור א מעשה. נישט נאָר זיינען די וועגן פונם מענטשנס נשמה און צו דעם מענטשנס נשמה נישט אויסגעפאָרשט נאָך, נאָר מיר האָבן אפילו נאָך נישט קיין נעמען פאַר געפילן, וועגן וועלכע מיר ווייסן און וועלכע מיר קלייבן זיך צו פאָרשן. לאָמיר דאָס ווּיסן, לאָמיר דאָס געדיינקען, כדי צו פאַרשטיין, ווי שווער דער וועג איז, ווי קאָמפּליצירט ער איז.

א צווייטער ענין. ראָבערט וואודסוואָרט זאָגט אין זיין "פּסיכאָלאָגיע", אז ס׳איז זייער מעגלאַך, אז כעמישע שטאָפן, וואָס ווערן ארומגעטראָגן אין די קערפּער פליסיקייטן, האָבן א סך צו טאָן מיט טעמפּעראַמענט. היינט איז שוין אַן אנערקענטער פאַקט, אז די סעקרעציעס, די זאַפטן, פון די אינערלאַכע דריזן, וואָס גיסן אוים זייער פליסיקייט דירעקט אין בלוט אריין, באווירקן דאָס מענטשאלע לעבן פונם מענטשן. אזוי האָט, למשל, די פליסיקייט פון דעם אדרענאַל דריז, וואָס געפינט זיך לעבן די נירן אסך צו טאָן מיטן געפיל פון כעס. בעת׳ן כעס קומט צו זייער א סך צוקער אין די בלוטן. די פיס און די הענט האָבן ליב צוקער, זייערע מוסקולן ווערן אָנגעקוואָלן, אָנגעפילט מיט ענערגיע, מיט דעם דערקלערט זיך די גרינגע באוועגונג מיט די פיס און הענט בעת׳ן כעס. פאַרשטאַרקטע צירקולאציע ברענגט צום קערפּער צו א סך זויערשטאָף און דערפאַר אַן אינ־

טענסיווערע אקטיוויטעט. און נאָך וואָס. שטימונגען, געפילן און נשמה קראַנקהייטן האָבן מיר ערשט ניט לאַנג אָנגעהויבן צו באַטראַכטן און צו פאָרשן ערנסט און וויסנשאַפטלאַך. א גייס־טיקע קראַנקהייט האָט ביי אונז אַמאָל געמיינט א קללה פון גאָט, אַז א דבוק האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם מענטשן. די ערשטע באַשרייבונג פון א גייסטיקער קראַנקהייט, ווי א קראַנקהייט געפינען מיר שוין מיט 2400 יאָר צוריק ביי היפּאָ־קראַטוס. ער האָט דאָס צוגעשריבן צו אַבנאָרמאַלן צושטאַנד פון מאַרך. מיט 1700 יאָר צוריק האָבן מיר נאָך באַשרייבונגען פון גייסטיקע קראַנקהייטן, ווי קראַנקהייטן. אין מיטלאַלטער האָט מען היפּאָקראַטוסעס צוגאַנג צום ענין פאַרוואָרפן. מען פלעגט אין מיטלאַלטער משוגעים שמידן אין קייטן, שלאָגן, הרג'ענען, מחמת מען פלעגט זיי האַלטן פאַר פאַרברעכער און דעמאָנען. ערשט אין 1792 האָט פיליפּ פיינעל (פּאַריזש) אויסגעקעמפט מען זאָל אַראָפּנעמען פון די קראַנקע די קייטן. ער האָט גע־לערנט, אַז משוגעת, ווי בכלל יעדע גייסטיקע ניט גלייכגעוויכט, איז נישט קיין רעזולטאַט פון וועלכן עס איז דבוק, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט און אַריינגעכאַפּט אין דעם מענטשנס נשמה, נאָר, אַז משוגעת איז א קראַנקהייט, ווי אַלע קראַנקהייטן, וועל־מען דאַרף היילן. שפּעטער, אַז מענטשן פלעגן זיך קלאָגן אויף האַרץ, אויף פיס, אויף ציינווייטיק, אויף שמערצן אין זייט, און מען פלעגט אָרגאַנישעס גאָרנישט ניט געפינען, פלעגט מען זאָגן, אַז די נערוון זיינען קראַנק — נעוראַסטעניע. געווען א צייט, ווען מען פלעגט היילן נערוועזע מענטשן, מענטשן מיט פונקציאָנעלע קראַנקהייטן דורך עלעקטריציטעט. דאָס איז גע־ווען העניריך סערבס (איידלבערג), מעטאָד. אין די יאָרן אַרום 1800. מען פלעגט דורכן מענטשן דורכלאָזן א געוויסן סכום עלעקטריציטעט. ס'פלעגט טאַקע אויף א געוויסער צייט העלפן. איצט פאַרשטייען מיר, אַז העלפן פלעגט דער צוטרוי און גלויבן. קאַרקאָט (פּאַריזש), פלעגט נערוועזע קראַנקע היילן דורך היפּ־נאָז. ער איז צו זיין מיטל געקומען אָט אויף וואָס פאַר אן אופן. ער האָט אייניקע מאָל היפּנאָטיזירט א פּאַציענט און אַריינגע־זאָגט אים, אין אַזאַ צושטאַנד, א וועלכע עס איז קראַנקהייט.

וואונדער איבער וואונדער. דער פאציענט פלעגט טאקע שפע־ טער ארויסווייזן סימפטאָמען פון דער דאָזיקער קראנקהייט. אויב מען קאָן איינריידן א קראנקהייט, האָט געטראכט קאר־ קאָט, פארוואָס זאָל מען נישט קאָנען באזייטיקן א געוויסע קראנקהייט, א געוויסע פונקציאָנעלע חולאת דורך היפנאָז. מיט מענטשן, וואָס האָבן א שוואכערע רעזיסטענץ, א שוואכערן ווי־ דערשטאנדס כח, א שוואכערע ווילנס קראפט, פלעגט ער טאקע האָבן א גרויסן דערפאָלג. קארקאָט האָט באאיינפלוסט א סך פסיכיאטאָרן פון זיין צייט. די ערשטע צייט האָט' זיך אפילו פרויד באנוצט מיט היפנאָז.

דר. שטילמאן דערציילט אונז א פאל, וואָס דעמאָנ־ סטרירט די פראָצעדורע פון היפנאָז. "דר. נאָרמאן ווײנער, א באוואוסטער נערוון ספעציאליסט און פסיכיאטאָר, האָט פאָר־ געשטעלט א יונגן מאן, פון א גאנץ פיינעם אויסערלאכן אויס־ זען, און האָט וועגן אים דערציילט די פאָלגנדיקע געשיכטע.

"דער קראנקער איז מיט א קורצער צייט צוריק געקומען אין דעם נערוון שפיטאָל, אין א צושטאנד פון א פולשטענדי־ קער פאראליזירונג פון רעכטן העלפט, פון העכערן טייל פון קערפער. דאָס געזיכט איז געווען אויסגעקרימט. דער רעכטער אקסל אָפגעצויגן, און דער רעכטער ארעם פון דער האנט צו־ זאמענגעבויגן זייער שטייף. דער פאראליזירטער טייל פון קער־ פער איז אויך געווען אמנעסטיזירט, דאָס הייסט, דער קראנקער האָט נישט געפילט קיין ווייטיקן, אז מען האָט אים אפילו גע־ שטאָכן מיט נאָדלען אין די טיפענישן פון דעם לייב. גלייכצײ־ טיק האָבן כמעט אלע פאראליזירטע מוסקולן געהאלטן אין איין ציטערן און טרייסלען זיך.

"דער פאל האָט אויסגעזען צו זיין זייעראינטערעסאנט. מען האָט אָנגעהויבן פאָרשן, כדי צו שטעלן די ריכטיקע דיאג־ נאָזע. נאָך מערערע אונטערזוכונגען און דיסקוסיעס צווישן פאר־ שיידענע אויטאָריטעטן אף דעם דאָזיקן געביט איז מען געקומען צו דער השערה, אז עס האנדלט זיך דאָ וועגן אן ערנסטער אומ־ אָרדנונג אין א באשטימטן טייל פון כח, וועלכער האָט פאר־ אורזאכט דעם אומגליקלאכן צושטאנד פון קראנקן".

לויט דר. וויינערס מיינונג זייענען געווען בלויז צוויי סימפּטאָמען, וועלכע האָבן אים אויסגעזען צו זיין היסטעריש, דאָס הייסט, אזעלכע וועלכע קומען נישט פון א קערפּערלאכער באַטייליקונג פון אָרגאניזם. נאָר פון א מין גייסטיקן צושטאנד, וואָס ווירקט בלויז אָף דער פונקציאָנירונג פון געוויסע אברים, די דאָזיקע צוויי סימפּטאָמען זיינען געווען — די שטייפקייט און שטענדיקע טרייסלען זיך פון די פּאראליזירטע מוסקולן.

דר ווײנער האָט דעריבער באשלאָסן צו ווירקן אָף דעם גייסטיקן צושטאנד פון זיין קראנקהייט דורך היפּנאָטיזם. ער האָט עס מיט אים געטאָן אין שפּיטאָל, און האָט אים אויסגעהיילט צוערשט פון דער שטייפקייט, דערנאָך פון דעם גרעסטן טייל פון טרייסלען, און צו זיין גרויסער איבערראשונג האָט ער זיך איבערצייגט, אז נית נאָר די צוויי דערמאָנטע סימפּטאָמען, נאָר די גאנצע פּאראליזירונג איז א היסטערישע. עס איז אים, דעריבער, געלונגען אויסצוהיילן דעם קראנקן פון זיין פּארקריפּלטקייט דורך מערערע סעאנסן פון היפּנאָטיזם.

נאָך דער דאָזיקער געשיכטע האָט דר. וויינער דורכגעפירט פאר דאָקטוירים א סעאנס פון היפּנאָטיזם אָף זיין קראנקן. אויסגעטאָן ביז האלב, און ליגנדיק אָף א טיש, האָט דער קראנקער זיך געלאָזט באווירקן פון דר. וויינערס היפּנאָטיזירנדיקן כח. מיט קלאָרע, רואיקע ווערטער האָט דער דאָקטאָר צו אים גערעדט:

„דו וועסט איינשלאָפן אין א שווערן שלאָף און וועסט פאָלגן מיינע באפעלן. איך וועל דיך צוריק קראנק מאכן . . . פּונקט ווי דו ביסט געווען איידער דו ביסט געקומען אין שפּיטאָל: און בלייבן זאָלסטו זיכער, אז איך וועל דיך צוריק געזונט מאכן . . . שלאָף איין . . . שלאָף איין . . . ווען איך וועל אָפּציילן ביז 10 וועסטו שוין זיין אין א טיפן שלאָף" . . .

ווען דר. וויינער האָט אָפּגעציילט ביז 10, איז דער קראנקער טיף געשלאָפן, און האָט ווי א מאשין אויסגעפירט אלע באפעלן פון דאָקטאָר.

צוערשט האָט דר. וויינער באפוילן זיינע גלידער צוריק קראנק צו ווערן, און עס האָט זיך אין א פּאָר מינוט פּארענ־

דערט דאָס גאַנצע אויסזען פון קראַנקן. ער איז פולשטענדיק פּאַראַליזירט געוואָרן אױף דער רעכטער העלפט פון געזיכט, און דער רעכטער אַקסל, אָרעם און האַנט האָבן באַקומען אַ מורא־דיקע שטײפקײט, אויסגעקרומטקייט און אַ טרייסלעניש.

ווען דאָס איז דערגרייכט געוואָרן האָט דר. ווײנער באַפוי־לן יעדן אבער צו קומען צו זיין נאָרמאַלן צושטאַנד: — איך וויל דו זאָלסט אויסגלייכן דיין אָרים... לאָז נאָך די שטײפקײט... מען דאַרף דאָס נישט... גלייך אוים דיין מויל. דו קענסט ריידן... דו שלאָפסט, אָבער איך הײם דיר ריידן... ווי אַלט ביסטו? וואו וואוינסטו? וואָס איז דיין באַשעפטיקונג?

און שלאָפנדיקערהייט ענטפערט דער קראַנקער מעכאַניש אויף אַלע פראַגן. ווען דער קראַנקער האָט שוין ווידער אויס־געזען נאָרמאַל און באַפרייט פון זיין פּאַראַליז, האָט דר. ווײ־נער צו אים געזאָגט:

— דו וועסט פאַרגעסן... און גאָרנישט געדיינקען פון אַלץ, וואָס איך האָב דיר דאָ באַפוילן... איך וועל דיך באַלד אויפ־וועקן... 30 סעקונדן נאָך דיין אויפוואַכונג זאָלסטו גיין צום עק פון זאַל... דאָרט זיצט אַ מאַן אין אַ גרויען אַנצוג, זאָלסט פאַרנעמען זיין פּלאַץ און בעטן ביי אים אַ ציגאַר... אָבער זאָלסט נישט וויסן פאַרוואָס דו טוסט עס. טו אַזוי, ווייל איך באַפעל דיר... נישט געדיינק און נישט וויים פאַרוואָס און צוליב וואָס... איצט שטײ אויף... וואַך אויף... ביסט שוין כמעט וואַכעדיק עפן אויף די אויגן, ביסט פולשטענדיק וואַכעדיק.

דער קראַנקער האָט געעפנט די אויגן און אויסגעזען פאַר־מאַטערט און גאָרנישט געדיינקט... ער האָט זיך אָנגעהויבן אָנטאָן. אַרום האָט געהערשט אַ טויט־שטילקייט. צו די 30 סעק־קונדן האָט דער קראַנקער אָנגעהויבן, נישט וויסנדיק פאַרוואָס, ווי אַוטאָמאַטיש, אַרומגיין איבער דעם זאַל, געקומען צו דעם דאָקטאָר אין גרויען אַנצוג, פאַרנומען זיין פּלאַץ, און גענומען דעם סיגאַר.

דער קראַנקער האָט זיך אָנגעטאָן און געדאַנקט דר. ווײ־נערן פאַר זיין וואונדערלאַכער אַרבעט פון ראַטעווען זיין לעבן.

עס פארשטייט זיך, אז היפנאָטיזם איז נישט קיין מיטל צו היילן יעדעס מאָל פאראליז. דאָס איז אָנווענדבאר בלויז אין פאלן פון היסטעריע, אָדער ביי א נישט רעגלמעסיקע פונקציאָנירונג פון אן אבר, אונטער דער ווירקונג פון א גייסטיקער אומאָרדנונג.

איבעריק צו זאָגן, אז דער דאָזיקער עקספערימענט, וואָס דר. וויינער האָט דורכגעפירט אף זייער א שיינעם און פיינעם אופן האָט געמאכט א שטארקן איינדרוק אף אלע אנוועזנדע". („פרעסע" ארגענטינע דר. שטילמאן).

יאָ, אפילו פרויד האָט זיך די ערשטע צייט באנוצט מיט היפנאָטיזם.

זיגמונד פרויד; דער שאפער פון פסיכאָ אנאליז, האָט פאראייביקט זיין נאָמען מיט דער אידייע זיינער, אז קערפערלאכע און פיזישע סימפטאָמען פון א קראנקהייט קאָנען אויך זיין פון א פסיכישער סיבה, און נישט דווקא פון אן אָרגאנישער; דאָס מיינט, אז א מענטש קאָן האָבן אלע סימפטאָמען פון א וועלכער עס איז קראנקהייט און דאָך זיין פיזיש געזונט. עמיצן טוען ווי די ציינער. עקסריי און אנדערע מיטלען, מיט וועלכע דער דאָקטאָר וועט אונטערזוכן די ציינער, וועלן באווייזן, אז די ציינער זיינען פולקאָם געזונטע. אָבער זיי טוען דאָך ווי, דער מענטש קריכט פשוט אויף די ווענט. פסיכאָאנאליז לערנט, אז טיף, טיף אין דער נשמה פון א מענטשן מוז זיין א געוויסע פסיכישע סיבה, וואָס האָט ארויסגערופן די דאָזיקע ווייטיקן. אז א געוויסער נשמה קאָנפליקט, א נשמה ווייטיק איז שולדיק אין דעם ציין ווייטיק. דאָס האָבן די ציין, דאָס האָט דער קערפער איבערגענומען א טייל פון די ליידן פון דער נשמה. א צארטע, רירנדיקע חבר'שאפט, צארטע רירנדיקע קעגנזייטיקע באציאונגען עקזיסטירן צווישן דעם קערפער און דער נשמה. א נשמה קראנקהייט קאָן ארויסרופן אן "אָרגאנישע" קראנקהייט. דאָס מיינט, אז דער קערפער האָט איבערגענומען די ווייטיקן, איז געקומען צו הילף. ביי א געוויסער אויספאָרשונג, וועט זיך ארויסווייזן פארוואָס דער מענטש האָט אין דעם פאל געהאט דווקא ציין ווייטיק און ניט קאָפ ווייטיק, צי גאָר ווייטיקן אין

זייט. מעגלאך, אז דער פאציענט לעבט איצט איבער א שווערע טראגעדיע. זיין טאָכטער קאָן בכלל מיט קיינעם נישט דורכקרמען, קאָן בכלל מיט קיינעם נישט צוזאמענלעבן. פון קינדוויז אָן האָבן די עלטערן גרויסע צרות פון דער טאָכטער. דער גליקלאכסטער טאָג אין דעם לעבן פון די עלטערן איז געווען, ווען די טאָכטער האָט חתונה געהאט. איצט האָט זי אָבער פארלאָזן איר מאן, ווייל ער לייענט ביכער, ער אינטערעסירט זיך מיט געזעלשאפטלאכע ענינים, ווייל ער איז ניט גענוג געזעלשאפטלאך אין איר קרייז, וואו מען פארברייננגט ביי קאָרטן טישלאך, אָדער אין טענץ ביז פריען טאָג אריין. דער פאָטער ליבט זיין טאָכטער. אים טוט אויך ווי פארן איידעם, דאָך איז ער אין כעס, מחמת ער 'וויל", אז דער איידעם זאָל עס זיין דער שולדיקער אין זיין טאָכטערס האנדלונג. ער האָט זי באדארפט לערנען, ער האָט זי באדארפט באהאנדלען ווי א קינד. אמת, ער ווייסט, אז דער איידעם האָט גענוג געטאָן, אז ער האָט ארויסגעוויזן גענוג ליבע, געדולד. אז ניט איינמאָל פלעגן טאטעמאמע באוואונדערן אים, און זען אין אים אן אמת'ן מלאך. דאָך וואָלט ער וועלן, אז דער איידעם זאָל עס זיין דער שולדיקער, מחמת ווען דער איידעם וואָלט געווען דער שולדיקער, וואָלט ער געקענט האָפן, אז אמאָל וועט זיין טאָכטער דאָך מיט עמיצן קאָנען לעבן. ער איז אין כעס אויף דער טאָכטער און ליבט זי דאָך. ער ליבט דעם איידעם און איז דאָך אף אים אין כעס. דער פאָטער האלט פאר שכנים אין איין שיטן פעד און שוועבל אפן איידעם. ער האָט אפן לעבן קיין ליגן נישט געזאָגט. דאָ אָבער האָט זיך געעפנט א קוואל אין אים, מחמת "פארשיטנדיק" דעם איידעם פילט ער, אז ער "ראטעוועט" די טאָכטער. קורץ ער "פארשרייט" אין זיך זיין אומגליק, זיין שרעק פאר דער צוקונפט פון זיין טאָכטער. סטוט אים אויך ווי פארן איידעם, פאר וועלכן ער פילט זיך אזוי בלוטיק שולדיק. ס'שאפט זיך א גאנצער קאָמפלעקס אין זיין נשמה. ער "כאפט זיך פאר די ציין", פארוואָס עפעס דווקא פאר די ציין? פאראן א געוויסע פארבינדונג. דער איידעם האָט "פערל ציינער", אלע פלעגן באוואונדערן זיינע שיינע ציין. דעם פאָטערס ליידן סיגנאליזירן

איצט, א דאנק דער דאָזיקער פארבינדונג, דורך די ציין, זיינע נשמה ליידן האָבן פונקט אזוי געקאָנט סיגנאליזירן דורך אנדערע ווייטיקן, ווען ס׳שאפט זיך נאָר אוועלכע עס איז פארבינדונג, א בריק, אזוי צו זאָגן צווישן זיינע גייסטיקע ליידן און עפעס וואָס אין קערפער ביי דער טאָכטער, ביים איידעם אָדער ביי אים. ווען האָט די קראנקהייט זיך אָנגעהויבן? ניט וויכטיק ווען. די ציין ווייטיק האָט דער פאָטער געקאָנט קריגן, ווען ער איז געקומען פון א לעקציע, דער איידעם איז א גוטער לעקטאָר געווען. פון דעם לעקטאָר דורך די ליידן, דורך די פערל ציינער האָט געקאָנט גיין דעם וועג צום ציין ווייטיק. יעדע פונקציאָנעלע קראנקהייט איז נאָר אן אָנזאָג, א סיגנאל פון וועלכע ס׳איז פסיכישע קאָנפליקטן, וואָס סיגנאליזירן דורך דעם אָרגאן, וואָס האָט אוועלכע עס איז פארבינדונג מיט דעם אָדער יענעם קאָנפליקט.

דר. יאָנג ווייזט אָן אַף פאלן פון דעמענטיא פרעקאָקס (אָנהייב פון משוגעת), וואָס זיינען געקומען פון פסיכישע סיבות, און וואָס זיינען אויסגעהיילט געוואָרן דורך פסיכישע איינווירקונגען. דר. פאָרסייט ברענגט אזא פאל פון דימענטי פרעקאָקס: ״קלאוד איז 7½ יאָר אלט. ער איז דעפרעסט, וויינט, ווערט אין כעס אָן וועלכער עס איז סיבה, ער איז שרעקלאך גלייכגילטיק צו אלץ, ער באפאלט אָפטמאָל מענטשן, ער רעדט צו זיך אליין, ער שפילט זיך מיט זיין אייגענעם אָפפאל און מיט זיינע געשלעכט אָרגאנען״. ביי לאנגע אונטערזוכונגען האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס קינד איז געווען שרעקלאך אייפערזיכטיק צום ברודער. ער האָט אים געוואונשן דעם טויט. דארף דווקא דער ברודער פלוצלונג קראנק ווערן און שטארבן. קלאוד דערפילט אומבאוואוסטזיניק, אז ער איז עס שולדיק אין דעם ברודערס טויט. ער האָט עס ביי גאָט אויסגעבעטן. דאָס דאָזיקע צעברעכט אים. אזוי קען א קינד דערגיין צו דעמענטי־פרעקאָקס דורך פסיכישע סיבות און קאָן אויסגעהיילט ווערן דורך געווינען צוטרוי, דורך בארואיקן דעם געוויסן. מחמת די שרעקלאכסטע ליידן, וואָס קאָנען צעברעכן א קינד, קומען פון געפילן פון שולד.

ווילהעלם שטעקל ברענגט א סך פאלן, א סך ביישפילן פון זיין אייגענער פראקטיק פון "פיזישע" קראנקהייטן, וואָס זייַנען געקומען פון פסיכישע סיבות, און וואָס האָבן נאָר געקאָנט אויסגעהיילט ווערן דורך פסיכישע איינווירקונגען. ער ברענגט א פאל פון א בחור, וואָס האָט פארלאָרן די פעאיקייט צו שרייבן, ער פלעגט קריגן קרעמף אין די הענט, ביים ערשטן פארזוך צו שרייבן, מחמת... זיין פאָטער איז געווען פויל און האָט זיך אָנגעווארפן אויף אים, ער זאָל אים אויסהאלטן. דער בחור האָט געפילט די אומגערעכטיקייט און "פראָטעסיטרט" אומבאוואוסטזיניק דורך דער דאָזיקער קראנקהייט. ער פלעגט אפילו שפעטער פארגעסן פרייזן, פארגעסן נעמען פון קונים, ער האָט פארלאָרן דעם זכרון, כדי צו פארלירן די שטעלע, דער פאָטער זאָל אויפהערן צו פארלאָזן זיך אויף אים. נאָר אויפקלערונגען קאָנען ראטעווען דעם קראנקן פון אזוינע זאָנדערבארע "קראנקהייטן", וואָס ווייזן ארויס סמנים פון אן אָרגאנישער קראנקהייט, בעת דער פאציענט איז פיזיש פולקאָם געזונט.

א פרוי פלעגט ביים טאָג האלטן אין איין ברעכן. 12 אזייגער ביי טאָג פלעגט זי קריגן היסטערישע ברעך־אָנפאלן. זי פלעגט האלטן אין איין שרייען, מען זאָל דעם מאן אירן ברייגגען. ווי נאָר איר מאן פלעגט קומען צולויפן פון דער ארבעט, פלעגן די אָנפאלן גלייך נאָכלאָזן. ביי א לייגגערער פאָרשונג האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי האָט פארדעכטיקט איר מאן אין באציאונגען מיט זיין סעקרעטארשע. די היסטעריקעס פלעגן פאָרקומען פונקט צוועלף אזייגער, ווען אלע גייען אוועק פון געשעפט, מחמת "מעגלאך, אז איצט בלייבן זיי אליין". פלעגט זי טאַקע אים אומבאוואוסטזיניק "איבעררייסן".

פראָפ. פישער ברייגגט א ביישפיל פון א מענטשן, וואָס פלעגט טויט אנטשלאָפן ווערן, ווען ער פלעגט זיך אין לעבן באגעגענען מיט עפעס ניט אנגענעמעס. ווען נאָך א קליין קינד, האָט ער אמאָל דערלאנגט א חבר'ל א קלאפ. דער חבר'ל האָט געהאט אזא בלוט, וואָס איז שווער געווען אָפצושטעלן, און ס'איז געשטאָרבן. א דערשראָקענער איז ער פון שרעק אנטשלאָפן געוואָרן און פון דעמאָלט אן די דאָזיקע געוואוינהייט. באגעגנט ער נאָר

אין לעבן עפּעס וואָס, וואָס טויכט אויף, דורך וועלכער עס איז פאַרבינדונג, אומבאוואוסטזיניק דעם דעמאָלטדיקן שרעק, ווערט ער אנשלאָפן.

די אנטדעקונג, אז פונקציאָנעלע חולאת׳ן ווייזן פיזיש־אָרגאנישע סימנים געהערט צו פרוידן. פּראַקטיש איז פּסיכאָאנאליז א מעטאָד צו היילן געוויסע נשמה קראנקהייטן. טעאָרעטיש איז דאָס א געוויסע שול אין פּסיכאָלאָגיע צו דערקלערן דעם מענטשנס "איך", די דינאמישע כחות, וואָס פירן אָן מיט אַלע שטראָמען פון מענטשנס פּסיכישן לעבן. פרויד אליין דערציילט אונז פון א פאַל, וואָס האָט אים געבראַכט צו זיינע טעאָריעס. דר. ברויער האָט אים איבערגעגעבן א פּאציענטקע אננא, וועלכע ברויער האָט בשום אופן נישט געקאָנט אויסהיילן. דאָס איז געווען א אינטעליגענטע מיידל, 21 יאָר אלט; די רעכטע פוס און די רעכטע האנט זיינען ביי איר געווען פּאראליזירט. די לינקע פוס און די לינקע האנט פלעגן פּאראליזירט ווערן נאָר פון צייט צו צייט; זי האָט געהאַט א שעטרונג אין דער באוועגונג מיט די אויגן און אָן אָפּגעשוואַכטע זע קראַפט; זי פלעגט אויך שווער קאָנען האַלטן דעם קאָפּ גלייך; זי איז א חוץ דעם געווען שטענדיק דורשטיק און נישט געקאָנט טרינקען. אָרגאניש (מארך, נירן, לונגען, הארץ און א. וו.), אָרגאניש איז זי געווען פולשטענדיק געזונט. פון דער געשיכטע פון איר קראנקהייט דערוויסן מיר זיך, אז דאָס אלץ איז איר פּלוצלונג געקומען, בעת׳ן אויפּפאַסן אויף איר קראנקן פאָטער, וועלכער איז שפּעטער געשטאָרבן. פון איר מורמלען אין א באוואוסטלאָזן צושטאנד, אונטער היפּנאָז, און פון די שמועסן מיט איר האָט מען ארויסגעקראָגן, אז איין מאָל, בעת זי איז געזעסן ביים בעט פון איר טויט־קראנקן פאָטער און איז געווען שרעקלאַך מיד פון א גאנצער ריי שלאָפלאָזע נעכט, האָט זי א דרעמל געטאָן; אין חלום האָט זי געזען א שווארצע שלאנג, וואָס איז ארויסגעקראָכן פון וואנט ארויס און האָט איינגעביסן דעם פאָטער; זי האָט געוואָלט אוועקטרייבן די שלאנג, זי האָט עס אָבער נישט געקאָנט טאָן; זי האָט געוואָלט שרייען, רופן הילף, זי האָט עס אָבער אויך נישט געקאָנט טאָן; זי ווערט צעריסן

פון שרעק; זי כאַפּט זיך אויף און קאָן זיך נישט רירן פון אָרט. זי האָט אַזוי ווי זי איז געזעסן, נישט געקאָנט אויפהויבן זיך פון ביינקל. אזוי ווי זי איז געזעסן, די רעכטע פוס איבער דער ליגקער, די רעכטע האנט איבערן אָנשפּאַר ברעטל פונם ביינקל, דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דעם אָנשפּאַר ברעטל פונם ביינקל, אזוי איז זי פּאַראַליזירט געוואָרן. זייער אויפפאַלנד איז געווען פרוידן דער פאַקט, וואָס אַז זי פלעגט האַלטן אין איין דערציילן, אין איין איבערחזר'ן דעם גאַנצן עפּיזאָד א סך מאָל, פלעגט איר אזוי ווי גרינגער ווערן. דאָס איז זייער אויפפאַלנד געוואָרן פרוידן. די היילבאַרקייט פון אַראָפּריידן זיך פון האַרצן, האָט פרוידן דערשטוינט. ס'פלעגט דער קראַנקער, נאָכן שמועסן, נישט נאָר גרינגער ווערן, נאָר אפילו דער פּאַראַליז פלעגט שוואַכער ווערן. דער דאָזיקער פאַל האָט געפירט צו דער אידייע פון "אַבּרעאַקציע", פון דער אידייע, אַז אַראָפּריידן זיך פון האַרצן קאָן דינען, ווי א הייל מיטל. פרויד פלעגט דורך שמועסן, אין דער ערשטער צייט דורך היפּנאָז, אַרויספּאָמפּען ביי די קראַנקע זאַכן, וועגן וועלכע זיי האָבן אפילו נישט געוואוסט, אַז זיי ווייסן, און אַזוי פלעגט ער זיך דערשלאָגן צום ערשטן פאָדים, וואָס האָט געפירט צו א קאָנפליקט, צום אָנהויב אזוי צו זאָגן. אמת, דער וועג איז א שווערער, מחמת א קאָנפליקט פאַרבאַריקאַדירט זיך אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז נישט אַזא גרינגער ענין אַרויסצושלעפּן אים אויף דער פרייער וועלט. אָבער די היילבאַרקייט פון אַרויסשלעפּן דעם "שד" אויף דער ליכטיקער וועלט פלעגט פרוידן דערשטוינען. דאָס דאָזיקע איז געוואָרן איינע פון די זיילן פונם פּסיכאָאַנאַליז.

דר. פּפיסטער שרייבט אין זיין פּסיכאָאַנאַליטישן מעטאָד, אַז "אויב א אידייע ווערט אונטערדריקט, ווערט זי ניט געטויטעט, זי בלייבט באַגראָבן און ווירקט. ווען מען גראָבט עס אָבער אויף דורך אַראָפּריידן זיך פון האַרצן, ווערט די דאָזיקע אידייע אויפגעלייזט, צעפאַלן אַזוי צו זאָגן. דער באַוואוסטזיין איז א מין ליכט אַזא, א מין זון שטראַל, וואָס האָט אַן אַנטיסעפּטישע קראַפט, וואָס נעמט אַוועק די שאַרפקייט פונם ווייטיק, וואָס קומט פון האַלטן א געוויסע אידייע, א געוויסן אינסטינקט

אויף קיימן״ שלעפּט מען נאָר דורך דעם מיטל פון אראָפּריידן זיך פון הארצן דעם קאָנפליקט פון דעם אומבאוואוסטזיין ארויס. שלעפּט מען נאָר אים ארײַן אינם באוואוסטזיין, אנטלויפט ער, ווי פאר א שם המפורש. ביי די שמועסן, ביי די סעאנסן פלעגט פרויד ארויסשלעפּן עפּיזאָדן, וועלכע דער פאציענט האָט לאנג פארגעסן. א מענטש האָט א טבע צו פארגעסן, ער וועט זיך אייך שווערן, אז ער ווייסט פון גאָרנישט. איר מעגט אים טאקע גלויבן, מחמת ער ווייסט אליין נישט, אז ער ווייסט. יאָ, ער האָט פארגעסן, ניט פארגעסן האָט אָבער דער אומבאוואוסטזיין. אמת, מען דארף קאָנען ארויסציען פונם פאציענט דאָס, וואָס ער ווייסט ניט, אז ער ווייסט. ציט מען ארויס דעם שד, פאר־שווינדט ער. פרויד פלעגט זיך דערקונדיקן א סך אינטימע זאכן און, אזוי ריידנדיק, פלעגט ער דעם קראנקן אויפלעבן די סיבה, דעם אָנהייב, און אזוי פלעגן ביסלאכווייז פארשווינדן די סימפּ־טאָמען, וואָס זיינען תמיד א קאָמפּראָמיס פון צוויי פּסיכישע שטערונגען, פון א קאָנפליקט צווישן צוויי אידייען.

פרויד האָט גיך אויפגעגעבן היפּנאָז, ווי א מיטל אויפצור־טויכן אינם מענטשן טיף פארלייגטע געפילן. ער פלעגט עס טאָן דורך אברעאקציע.

אז פון אראָפּריידן זיך פון הארצן ווערט גרינגער אפן הארצן איז קיין נייעס נישט. אָבער, אז אראָפּריידן זיך פון הארצן, קאָן אזוי היילבאר ווירקן, אז דאָס דאזיקע קאָן נייטראליזירן טיף ליגנדיקע קאָנפליקטן אין דער נשמה פון א מענטשן, געהערט צו פרוידן. פרויד האָט גענומען היילן חולאת׳ן מיט אָרגאנישע סמנים, וואָס קומען פון פּסיכישע סיבות דורך אברעאקציע, דורך לאָזן דעם פאציענט אזוי לאנג און אזויפיל ריידן ביז דער פאציענט פלעגט אליין דערזען, אז די ״אָרגאנישע״ קראנקהייט זיינען איז נאָר א פארקליידעטע פּסיכישע קראנקהייט. יאָ, אז פון אראָפּריידן זיך פון הארצן ווערט גרינגער אפן הארצן איז קיין נייעס נישט. אפשר האָבן אונזערע עלטער, עלטער, עלטער זיידעס בחוש געפילט די היילבארקייט פון אברעאקציע און דערפאר געשאפן דעם מנהג פון מבקר חולה זיין, פון מנחם אבל זיין. אין דעם ערשטן פאל האלט דער קראנקער אין איין

ריידן פון זיין קראנקהייט, האלט דער קראנקער אַף אזא אופן אין איין היילן זיך א דאנק די צוהערער. אין צווייטן פאל, מיידט אוים דער פארטרויערטער דורך ריידן עס זאָל זיך שאפן א קאָמ־פלעקס אין זיין נשמה.

„דאָס אראָפריידן זיך פון הארצן", זאָגט פראָפ. שטעקל, „דאָס מתודה זיין זיך פאר זיך אליין, ווערט אויך דורכגעפירט, נישט באוואוסטזיניק פארן מענטשן, דורך לייענען צייטונגען, ליטעראטור, דורך טעאטער, דורך מוזיק, דורך סקולפטור. די שטארקע ווירקונג פון א דראמאטישער פיעסע איז א פועל יוצא דערפון, וואָס זי באפרייט אונז פון אפעקטן, וועלכע זיינען לאנג נישט געקומען צום אויסדרוק. ניט אומזיסט ווערן מענטשן מיטגעריסן פון א דראמע, ביי וועלכער זיי קאָנען אויסוויינען זייערע אייגענע צרות. אלעמען דאכט זיך, אז זיי פארגיסן טרערן אויפן דערשיטערנדיקן גורל פונם טעאטראלן העלד בעת, אין דער אמת'ן וויינען זיי אוים זייער אייגענעם טרויער".

א חוץ דעם געדאנק וועגן פסיכישע קראנקהייטן מיט אָר־גאניש־פיזישע סימנים, א חוץ דעם מיטל צו היילן פסיכישע קראנקהייטן דורך אויפגראָבן דעם אָנהייב פון פסיכישע קאָנ־פליקטן, א חוץ דעם מיטל פון אבּרעאקציע, דעם מיטל פון אראָפ־ריידן זיך פון הארצן, כדי גרינגער צו מאכן די ליידן און געבן א געלעגנהייט צו צוקומען צו דער סיבה פון אלע סיבות, צום אָנהויב פון דער צרה, לערנט אונז פרויד, אז דער יסוד פון אונ־זער נשמה לעבן, אז די טרייב קראפט איז דער פארלאנג. און מחמת מיר קאָנען זיך שווער דערגרונטעווען צו דעם אמת'ן פארלאנג, צו דעם אָנהייב, אזוי צו זאָגן, איז עס א אומבא־וואוסטזיניקער פארלאנג, וואָס טליעט אין דעם מענטשן. מיר קאָנען די פארלאנגען אונטערדריקן, פארטרייבן און פארזאָגן אין דעם אומבאוואוסטזיין, אָבער גלייך שאפן זיך כחות „מע־כאניזמוסן" אזוינע, וואָס העלפן אָט דעם דאָזיקן פארלאנג ארויסצורייסן זיך אַף דער וועלט פארקלוידעט. ס'זיינען פאראן צוויי מעכאניזמוסן א העכערער און א נידעריקער. לייבוש לע־רער ברייגנט אונז א ביישפיל, ווי א „נידעריקערער" מעכאניזם ארבעט. „א קינד וויל, למשל, ניט גיין אין שול. דאָס קינד קאָן

דאָס אָבער אָפּן ניט אויסדריקן, דער סאָציאַלער ווידערשטאַנד לאָזט נישט, קריגט ער קאָפּווייטיק". "דער אומבאַוואוסטער פּסי־כישער דראַנג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א סימפּטאָם פון א קראַנקהייט. דורך דער קראַנקהייט האָט דער נישט דערלויב־טער פאַרלאַנג זיך אַרויסגעריסן פון זיין אומלעגאַלער עקזיס־טענץ. דאָס איז די אַרבעט פון א נידעריקן מעכאַניזם" (לייבוש לערער).

פאַר א ביישפּיל, ווי א העכערער סובלימירטער מעכאַניזם, וואָס העלפט א נישט דערלויבטן פאַרלאַנג פאַרקליידן זיך און אַרויסצורייסן זיך אויף דער ליכטיקער וועלט, קאָן זיין דער פאַל פון א כבוד־זוכער, וואָס גייט על קדוש השם, כדי צו דערגרייכן, כדי צו נייטראַליזירן דעם דאַרשט זיינעם נאָך לויב־געזאַנגען. ניט איין פירער, וואָס "ברענט" און "צינדט" אָן הערצער, ווייס נעבאַך נישט, אַז דאָס אַרבעט אין אים א מעכאַניזם, וואָס דער־מעגלאַכט אים צו דערגרייכן זיין ציל — כבוד.

א פּאָר ביישפּילן וועלן אונז קאָנען קלאָרער מאַכן, ווי אזוי קאָנפליקטן צעוואַקסן זיך אין דער נשמה פון א מענטשן. דער חזן מ. און דער חזן ב. אַפּעלירן פאַר א געוויסער פּאָזיציע. מר. מ. איז זיכער, אַז ער וועט קריגן די שטעלע. ער איז א למדן, האָט א קלינגענדיקן קול, און בכלל ווייסט ער, אַז אין פאַרגלייך מיט ב. איז ער א סך פּאַסיקער פאַרן אַמט. די שטעלע קריגט אָבער ב.. מ. ליידעט, אין זיין באַוואוסטזיין שאַפט זיך א קאָמ־פּלעקס פון אידייען; פון איין זייט איז ב. זיינער א פריינט, ס'פּאַסט נישט, ס'איז נישט שיין צו זיין אין כעס, צו פּראָטעס־טירן, אויסצוגיסן וואָס "ס'באַקט" זיך אָפּן האַרצן; פון דער צווייטער זייט איז ער אָבער דעם חבר זיינעם שטאַרק מקנא, ס'טוט אים שטאַרק ווײ, זיין שטאָלץ איז בלוטיק געשלאָגן. גיט ער זיך אָבער די גרעסטע מי צו אונטערדריקן, צו פאַרשטופּן דאָס געפיל פון קנאה אין זיין אומבאַוואוסטזיין. מעשה דזשענ־טלמאַן גיט ער אָפּ מזל טוב זיין קאָנקורענט און ס'איז כשר וישר. אָבער ער באַמערקט די לעצטע צייט, אַז זיין קול האָט עפּעס א מאָדנעם, הייזעריקלאַכן ביי־קול געקראָגן. ער האָט עס פריער קיינמאָל נישט געפילט. ער באַמערקט אויך, אַז די לינקע

זיך האלדז ווערט ביי אים פון צייט צו צייט געשוואָלן. ער קריגט פון דעם שטאַרקע קאָפּווייטיקן. ער איז שוין אויסגעווען ביי צענדליקער דאָקטוירים. זיי היילן אים. יעדער דאָקטאָר געפינט אן אנדער סיבה. אייניקע קענען גאָר קיין סיבה נישט געפינען. ער אָבער "ווייסט שוין" פאַרוואָס מר. ב. האָט געקראָגן די פּאָזיציע און נישט ער. זיי, די "מבינים", האָבן משמעות דערהערט די הייזעריקייט. איצט האָט זיך די קראַנקהייט אַנטוויקלט אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז גרינג צו זען, אַז ער איז "קראַנק". ער פּלאַצט טרינקענדיק מילך מיט האָניק, ער שלינגט פּילן, ער ווייסט נעבאך נישט, אַז זיין גאַנצע הייזעריקייט איז אַ רעזולטאַט פון קאָנפליקט אין זיין נשמה, אַז די הייזעריקייט דעקט זיין געשלאָגענעם שטאָלץ. אָ, ווען נישט די קראַנקהייט, וואָלט ב. קיינמאָל נישט געקאָנט אים באַזיגן.

ערגעץ וואו האָב איך געלייענט אַ פאַל פון צוויי חבר'טעס. חנה האָט זיך געליבט מיט מעקסן. פּלוצלונג זיינען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. מעקס האָט אָנגעפאַנגען ארומצוגיין מיט העניען. ס'האָלט שוין ביי חתונה. חנה ליידט גיהנום ליידן. לעצטנס אָבער באַמערקט חנה, אַז מעקס ווערט אין איר קעגנוואַרט זייער טרויעריק. אין אַ געוויסן אָוונט ראַמט מעקס איר איין אַ סוד, אַז ער וויל זיך מיט איר טרעפן, אַז ער האָט עפּעס וואָס זייער וויכטיקעס איר צו זאָגן. די גאַנצע נאַכט איז שוין חנה נישט געשלאָפן. גיין, צי נישט גיין. ניין, זי וועט נישט גיין; זי וועט עס נישט קאָנען טאָן איר חבר'טע. זי ליבט אָבער אַזוי שטאַרק מעקסן, אַז זי מוז, זי וועט נישט אויסהאַלטן, זי וועט מוזן גיין. זי ליידט. זי ווינשט זיך דעם טויט און חלש'ט נאָכן לעבן. דאָ זיגט אין איר די ליבע צו מעקסן, דאָ די געטריישאַפט צו העניען. אַן אויסגעמאַטערטע, אַ דורכגעווייטיקטע לאָזט זי זיך אין וועג . . . און . . . חלש'ט אַריינגייענדיק אין אַ גאַסן־באַן. מען האָט זי געבראַכט אַהיים. זי איז אָפּגעלעגן אַ לאַנגע צייט קראַנק

יאָ, דער באַוואוסטזיין איז אַ סך שוואַכער פאַרן אומבאַוואוסטזיין. אינם אומבאַוואוסטזיין קומען פאָר אַלע קאָנפליקטן, דאָרטן ווערן אויסקעקעמפט אַלע שלאַכטן, אַלע רעוואָ־

לוציעס. אין באוואוסטזיין געפינען מיר נאָר שטיקלאך און ברעקלאך פון אונזער אמת׳ן נשמה לעבן. אָבער גאָר אוועק־מאכן דעם באוואוסטזיין טאָרן מיר נישט. ער האָט זיך זיין ארבעט. ביי זיין טיר שטייט א צענזאָר, וואָס צענזורירט א סך באַפעלן פונם אומבאוואוסטזיין. דאָס איז דער עגאָ, די קראפט פון לאָגיק, וואָס האלט אָפּט אָפּ קיישן די ״שדים״ און ״רוחות״, וואָס רייסן זיך, ווי ווילדע, פונם אומבאוואוסטזיין. דאָ דארף דער עגאָ פירן א גרויסע מלחמה מיטן ליבידאָ, מיט דער טרייב־קראפט פון די אינסטינקטן, פונם ״יד״, ווי פרויד רופט זיי אָן. יאָ, האָט אָבער דער אומבאוואוסטזיין א גאנצן מיניסטאָרן קאַ־בינעט, וואָס האָבן ״באדינער״ מעכאַניזמוסן. דער אומבאַ־וואוסטזיין קאָן א דאנק אָט די מעכאַניזמוסן, וועגן וועלכע מיר האָבן פריער גערעדט, דער אומבאוואוסטזיין קאָן א דאנק אָט די מעכאַניזמוסן אריינגארן דעם באוואוסטזיין אין זאק אריין. פארקליידעט, רייסט זיך דער פארלאנג, דער ״שד״, ארויס אזוי, אז דער צענזאָר פון באוואוסטזיין לאָזט אים דורך, נישט דער־קענענדיק אים. דאָס קינד האָט נישט געוואָלט גיין אין שול און האָט דערגרייכט דעם ציל. דער כבוד זוכער האָט געוואָלט כבוד און האָט עס, דער חזן האָט געהיט זיין כבוד, זיין שטאָלץ זאָל נישט אָנגערירט ווערן און ער דערגרייכט עס. אזוי ארבעטן די מעכאַניזמוסן.

פאראַן, לערנט אונז פרויד, דריי ״באוואוסטזיינס״ : א פאָר־באוואוסטזיין, א באוואוסטזיין און אן אומבאוואוסטזיין. אין דעם פאָר־באוואוסטזיין זיינען פארלייגט פארלאנגען, בילדער, אימפּולסן, פאסירונגען, וואָס זיי קאָנען גרינג אריינכאַפּן זיך אינם באוואוסטזיין. פאראן אָבער בילדער, פארלאנגען, אימ־פולסן, וואָס ווערן פונם באוואוסטזיין ארונטערגעשטופּט אינם אומבאוואוסטזיין. דאָרט טליען זיי, דאָרטן ברענען זיי, דארטן אָרגאַניזירן זיי זיך, דאָרטן רייסן זיי זיך אויף ארויף, דאָרטן פארקליידן זיי זיך, דאָרטן מאכן זיי אויפשטאנדן און א. וו.

לאָמיר קלאָרער מאכן דעם ענין דורך א ״לעגענדע״. דער רבונו של עולם, דערציילט מען אונז, האָט באשאפן הימל און ערד, זון און שטערן. ווי גיך און ווי גרינג ער האָט עס באשאפן

אזא מעכטיק־מואימדיקע, גרויסע וועלט, סך־הכל אין משך פון זעקס טעג. דער רבונו של עולם האָט אָבער גלייך פארשטאנען, אז ווי גרויס, און מאסיוו, און מעכטיק, און ליכטיק די וועלט זאָל נישט זיין, וועט עס קיין וועלט נישט זיין, אויב ער וועט נישט אריינברענגען אין איר קיין לעבן. האָט ער באשאפן די פלאנצן, דעם מענטשן און אלע באשעפענישן ארום אים. האָט אָבער, משמעות, עפּעס וואָס געטראָפן דאָרטן אויבן, אפן הימל, מיט אונזער רבנו של עולם. צי האָט אויסגעבראָכן א מחלוקה צווישן צוויי גרופּעס, צווישן צוויי כיתות מלאכים, צווישן "רעכטע" און "לינקע", רחמנא לצלן; צי האָט זיך עמיצער אריינגעמישט אין גאָטס דרכים. צי האָט זיך אפשר דער אל־טיטשקער שטארק אָנגעשטריינגט און איז מיד געווארן, עפּעס וואָס האָט געטראָפן דאָרטן אויבן, אפן הימל, מיט אונזער רבונו של עולם. די ארבעט זיינע האָט זיך אזוי ווי פלוצלונג אָפּגע־שטעלט, איז אזוי ווי פלוצלונג איבערגעריסן געווארן מיט אמאָל, אזוי זעט עס אויס. א סך ארבעטן זיינען איבערגעבליבן נישט פארענדיקטע. די זון, למשל, האָט דער רבונו של עולם נישט גע־נוג אָפּגעפּאָלירט, געבליבן א סך פלעקן אויף איר. ווער־ווער, דער רבונו של עולם וואָלט קיינמאָל אין לעבן ניט "אָפּגעטראָגן" אזא שטיקל ארבעט, ווען, צוליב וועלכער עס איז ניט פאר־אויסגעזעענער און נישט דערקלערבארער סיבה, וואָלטן די הימלשע כחות נישט פאראליזירט געווארן. די שטערן, למשל, האָט ער נישט גענוג זיכער צוגעבונדן, ניט גענוג שטארק בא־פעסטיקט, פאלן טאקע אָפטמאָל ווי פון דער סטעליע שטוקא־טור, אראָפּ שטיקער שטערן. די חיות האָט ער, למשל, געלאָזן אָן לשון. די ים׳ען און ווינטן האָט ער קיין צייט ניט געהאט ארויסצוקלאפּן פון זיי זייער ווילדקייט. און דעם מענטשן? דעם מענטשן? פרעגט שוין גאָר ניט. מיט דעם מענטשן האָט גע־טראָפן א צופאל: דווקא דעמאָלט, ווען דער רבונו של עולם האָט געהאלטן אין פאָלירן דעם מענטשן, דווקא דעמאָלט האָט משמעות געטראָפן דער אומגליק. דווקא דעמאָלט האָט דער אויבערשטער משמעות דערפילט, אז ער האלט שמאָל, אז ער וועט נישט קאָנען פארענדיקן זיין מייסטערשטיק, האָט ער א

כאָפּ געטאָן אַ שטיק מענטשלאַכקייט, אָבער נאָך נישט קיין אָפּגערייניקטע פון רשעות, פון קנאה, פון שנאה, פון פאַלש־קייט, פון רציחה, פון ליידנשאַפטן, און עס אַ שליידער געטאָן, מיט די לעצטע כוחות, דעם מענטשן אין נשמה אַריין. פון איי־לעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס. ווי נאָר די דאָזיקע "מתנה" איז אַריין אין מענטשנס נשמה, האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה. גנבה'ישקייט, ליגנערישקייט, שנאה האָבן גענומען טענה'ן, אַז זיי, זיי זיינען עס די מאַטעריע, וואָס גאָט האָט אין זינען גע־האַט. מענטשלאַכקייט האָט גע'טענה'ט פאַרקערט. היינט גייט פרעגט אים, דעם אַלטיטשקן. פון דעמאָלט אָן קומען פאָר בלוי־טיקע מחלוקת, שרעקלאַכע מלחמות אין דער נשמה פון מענטשן. אָבער ווי לאַנג קאָן מען זיך אַזוי אַרומרייסן. ווי לאַנג קאָן מען לעבן אויף מעסערס. האָט מען זיך געשפּאַלטן, זיך געשפּאַלטן אויף דריי גרופּעס, אויף דריי אָפּטיילונגען. אויף אַ פאַרבאַ־וואוסטזיין, אויף אַ באַוואוסטזיין, און אויף אַ אומבאַוואוסטזיין. מיינט איר דאָך, אַז די שפּאַלטונג איז געווען אַ גענויע. חלילה. איר האָט געקאָנט אין דעם אומבאַוואוסטזיין געפינען גענוג שטימונגען, וואָס וואָלטן זיך גוט אַריינגעפּאַסט אין באַוואוסט־זיין און פאַרקערט. אָבער פון דעמאָלט אָן, אַז ס'אַנטשטייט אַ סיטואַציע, אַז ס'שאַפט זיך אַ לאַגע, אַז דער מענטש שטייט ביי אַ וועלכער ס'איז פראַגע, אַז ס'אַנטשטייט אַ פאַרלאַנג, אַ ליידנ־שאַפט גייט עס קודם־כל צום פאַרבאַוואוסטזיין, צום סאָרטירונג צימער. אַמאָל בלייבט עס דאָרטן ליגן. דאָס רוב אָבער שיקט דער פאַרבאַוואוסטזיין עס אַריבער אָדער צום באַוואוסטזיין, אָדער צום אומבאַוואוסטזיין. דאָס וואָס עס איז נישט קעגן דער אָנגענומענער מאָראַל, דאָס וואָס עס איז אין אָנקלאַנג מיט דער עפנטלאַכער מיינונג, שיקט ער אַריבער אין דעם באַוואוסטזיין. דאָס אָבער, וואָס עס פּאַסט נישט, וואָס מען טאָר נישט, דריקט ער אַרונטער, אָפּטמאָל מיט גוואַלד, אינם אומבאַוואוסטזיין.

שטייט ביים טויער פון באַוואוסטזיין אַ שומר, אַ צענזאָר, וואָס היט, וואָס דערלאַנגט אַ "בוכץ" אין דער זייט אַריין, וואָס דערלאַנגט אין די ציין אַ "חוצפּה'ניק", וואָס וויל זיך אַריינ־רייסן אינם באַוואוסטזיין אַריין. אַזוי היט דער צענזאָר די גרע־

ניק. איז אָבער דער אומבאוואוסטזיין אויך נישט קיין אינגעלע. ער האָט א קראפט, די ליבידא, וואָס העלפט די אינסטינקטן, דעם — יד — אין זייער קאמף. גייט נישט מיט קראפט, נוצט ער שכל. פארקליידעט זיך א וועלכער עס איז פארלאנג און כאפט זיך אריין, ווי ניט אים מיינט מען עס, אינם באוואוסט־זיין. ניט אלעמאָל געלינגט עס. גאנץ זעלטן געלינגט די כחות פונם אומבאוואוסטזיין ארייננצורייסן זיך אינם באוואוסטזיין, אָבער דאָך אמאָל געלינגט עס. ברענט און שרפה'ט דאָרטן, אינם אומבאוואוסט, טאָג און נאכט. מיליאָנען געפילן רייסן זיך אויף ארויף. טומלט און שטורמט דער אומבאוואוסטזיין אָפט־מאָל אזוי שטארק, אז דער באוואוסטזיין ווערט פשוט צעטומלט. א טייל געפילן דערשטיקטע, פארשטויסענע, צעביילטע רייסן זיך מיט א טייוולשער קראפט. א טייל, וואָס זיינען טויט־מיד דערלאנגען זיך פון צייט צו צייט א הויב און העלפן. א טייל, א כלומרשט אנטשלאָפענע, כאפט זיך אויף פון דרעמל און . . . און אזוי אנטשטייט פון צייט צו צייט א גענעראל שלאכט אויף לעבן און טויט. ניט יעדע גענעראל שלאכט האלט דער צענ־זאָר אויס, ער ווערט צעטומלט, ער איז נישט בכח אָפצושלאָגן די אטאקע, ער פאלט, דעמאָלט רייסט זיך דער גאנצער אומבא־וואוסטזיין, אין אזא פאל, מיט א הורא געשריי אינם באוואוסט־זיין אריין. אויף אונזער לשון מיינט עס, אז דער מענטש איז אראָפּ פון זינען.

דר. גארדנער מאָרפי און פרידריך דזשענסאָן ברייגנגען אזא בילדלאכן ביישפיל : "לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז אונזער פסי־כיש לעבן איז אן אפארטמענט (א גרויסע דירה מיט א סך צי־מערן). דער באוואוסטזיין איז אין זאל, דער אומבאוואוסטזיין איז אין א גרויסן פינסטערן קעלער. דער פאָרבאוואוסטזיין איז דער פאָרצימער. די נישט געבעטענע געסט אינם קעלער, אָדער נאָך נישט אראָפּגעשיקטע פונם פאָרבאוואוסטזיין (אלע פאר־לאנגען, אימפולסן, ציאכצן, נייגונגען, דראנגען, ליידנשאפטן) ווילן זיך ארייגרייסן אין זאל אריין. אייניקע, "נישט געבעטענע געסט", רייסן זיך ווי עס איז דורך, ווערן זיי אָבער גלייך צוריק־געשטויסן. דער צענזאָר ביים טיר לאָזט זיי נישט אריין, אָדער

שטויסט זיי גלייך צוריק ארויס. טומלען זיי אַבער, שרייען זיי אַבער, שטופּן זיי זיך און באַאומרואיקן די געסט אינם זאַל, דעם באַוואוסטזיין. די אומגעבעטענע געסט צעטומלען פּשוט די מחנות פון די געבעטענע געסט. פון דעם שרעק, פון דעם טומל, וואָס הערט זיך פונם קעלער, ווערן די געבעטענע געסט אַזוי צעטומלט, אַז זיי טוען זאַכן, וואָס איז נישט אין אַנקלאַנג מיט זייער לאָגיק. זיי ווייזן ארויס סימפּטאָמען פון א נעווראָז.

אויסגעפינען די סיבה פון די געשרייען אין דעם אומבאַוואוסטזיין, וואָס האָט געבראַכט צו טומלעניש, קאָן מען דורך פאַרשיידענע וועגן. איין וועג, למשל, לערנט אונז, אַז אין שמועסן מיטן פּאַציענט דאַרף דער דאָקטאָר זען צו געפינען וועלכן עס איז אָנהייב פון דער קייט און "שלעפּן" איין רינג נאָכן צווייטן, ביז ער דערגרונטעוועט זיך צום ערשטן רינגעלע, צום ערשטן אָנהייב, צו דער ערשטער סיבה פון דער צעטומלעניש. דער פּאַציענט זיצט אויף א קאַנאַפּע, הינטער אים זיצט דער דאָקטאָר און מען שמועסט. דער דאָקטאָר "ציט" דורך פראַגעס, האַלט אין "כאַפּן פיש", ביז ער שטויסט זיך אָן, ארונטערלאָזנדיק די ווענטקע טיפער און טיפער, צום "אמת'ן העכט". דער פּאַציענט ווערט וואָס ווייטער אלץ מער אומרואיק. ער פּראָטעסטירט, ער זידלט אפילו, ער וויל ניט צוגעבן, ער "לאָזט" זיך ניט, ער לייקנט. דער דאָקטאָר גיט ניט נאָך, דער פּאַציענט הויבט זיך אָן ביסלאַכווייז צו דערמאָנען זאַכן, וועלכע ער האָט זיך אליין נישט חושד געווען, אַז ער ווייסט. מען קען זיך אויך, דערגרונטעוועען צו א סיבה פון אלע צרות דורך טעות'ן, וואָס דער פּאַציענט מאַכט אין שמועסן, מחמת יעדער טעות איז נישט סתם קיין טעות, לערנט פרויד, דאָס האָט דער אומבאַוואוסטזיין זיך דורכגעריסן א פאַרקליידעטער. דער פּאַציענט קאָן זיך ארויסכאַפּן מיט א וואָרט, וואָס ער האָט גאָרנישט געוואָלט זאָגן; פאַרן דאָקטאָר קאָן דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס האָט זיך דורך א טעות ארויסגעריסן אָנדייטן זייער א סך.

גאָר גרויס וויכטיקייט שרייבט פרויד צו צו חלומות. פרויד ציטירט פון פּלאַטאָס "רעפּובליק" שטעלן, וואו עס רעדט זיך וועגן דעם, אַז דער ריינער געוויסנהאַפטער מענטש ווערט באַ-

פרידיקט אין חלומות מיט זאכן, וואָס דער פארדארבענער און דער פארברעכערישער באפרידיקט זיך אין לעבן. פרויד לערנט אונז, אז נישט דערלויבטע פארגעניגנס און אפעטיטן, וואָס זיי־נען קעגן דער אָנגענומענער מאָראל, אָבער וואָס זיינען נאטיר־לאך פאר יעדן מענטשן, וואכן אויף אין שלאָף און ווערן אין דעם חלום רעאליזירט און באפרידיקט. חלומות, האלט פרויד, זיינען רעאליזירונגען פון פארבאהאלטענע, סימבאָליש פאר־קליידעטע, אונטערדריקטע וואונטשן און פארלאנגען. דורות און דורות, טויזנטער און טויזנטער יאָרן האָבן מענטשן געזוכט צו געפינען א זין אין חלומות. האָבן מענטשן געהאלטן אין איין טייטשן, אויסטייטשן און אריינטייטשן אין זיי די משונה'דיק־סטע אָנדייטונגען און סימנים. געוועזן צייטן, ווען חלומות פלעגן שפילן א גרויסע ראָלע אין אָננעמען מלוכה באשלוסן. די לעצ־טע יאָרן האָט די וויסנשאפט גענומען פאָרשן דעם ענין חלומות.

יעדע זאך האָט זיך איר שכל, איר לאָגיק, איר נאטור און איר סיבה. טרערן האָבן מיר נישט נאָר צום וויינען, נאָר אויך אָפצואווישן דעם שטויב פון די אויגן. די שוויץ־דריזן רעגולירן טעמפעראטור. און זיינען נישט נאָר, כדי פאנאנדערצוויאָגן זיך מיט פולער קראפט בעת'ן כעס, צי בעת'ן פארמאטערטקייט און ניט נאָר צו עלעמינירן דעם איבערפלוס וואסער אין אונזער קער־פער. אזוי זיינען אויך פאָלקס ווערטלאך, וואָס זיינען פארבליבן אין מענטשנס זכרון פאר דורות, נישט נאָר סתם חכמות, נאָר אויך אָנדייטונגען סימבאָלן און סיגנאלן. מען זאָגט ניט סתם אזוי "וואָס חלומ'ט זיך א הון — פראָסע". מען זאָגט ניט סתם אזוי "עס זאָל זיך דיר אפילו קיינמאָל ניט חלומ'ען אזא זאך". מען האָט שוין פון פריער פארשטאנען, אז חלומ'ען, חלומ'ען זיך זאכן, נאָך וועלכע דער מענטש בענקט. אז אין חלום רעכנט זיך אָפ א מענטש מיט דעם, מיט וואָס ער האָט זיך ניט געקענט אָפרעכענען אין דער ווירקלאכקייט. אז אין חלום "באווייזט" א מענטש זאכן, וואָס ער וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט טאָן אין וואך צושטאנד. אז אין חלום זיינען נישטא קיין גרעניצן, קיין געזעצן. אז אין שלאָף איז דער מענטש גליקלאכער, מחמת

"דער גאָט פון חלומות איז גאָרנישט קיין קאַרגער" (סעגאַלאָ־וויטש).

דערציילט א פרוי דר. ברילן א חלום, אז זי איז געווען אפן שיף "טיטאַניק" בעת דער קאַטאַסטראָפע. מען שרייט, מען וויינט, מען ברעכט די הענט, מען ראַטעוועט נאָר פרויען און קינדער. זי האַלט פעסט איר מאַן. זי קלאַמערט זיך אָן אים. פלוצלונג לויפט צו אַן אָפיצער צו איר און רייסט זי מיט גוואַלד אַרויס פון די אָרעמס פון איר מאַן. ביים פאַנאַנדערפרעגן ווייזט זיך אַרויס, אַז זי איז פאַרליבט אין אַן אָפיצער. זי ווערט אָבער צעריסן פון דעם קאָנפליקט אין איר נשמה. עס קעמפט אין איר קודם איר חוב צום מאַן, און דאַן די ליבע צום אָפיצער. מיר זעען דאָ אין דעם חלום א רעאַליזירונג פון איר פאַרלאַנג, אַז דער אָפיצער זאָל איר אָפּרייסן פון איר מאַן, דער אָפיצער זאָל אַזוי צו זאָגן באַרואיקן איר געוויסן. חלומ'ט זיך א מיידל, אַז איר פּלימעניק איז געשטאָרבן, זיכער וויל זי עס ניט. אָבער, אַז אויף דער לויה פון אירן א פּלימעניק איז ער, ער, איר געליבטער נאָך געווען מיט איר — ווילט זיך איר די איבער'חזר'ונג פון יענע געפילן פון פרייד . . .

חלומ'ט זיך א ישיבה בחור, אַז דער רב רויכערט אום שבת. דער ישיבה בחור זינדיקט אַביסעלע צו, אויף אַן אַנדער געביט קאָן זיין, דאָ זעען מיר זיין פאַרלאַנג צו באַרואיקן זיין געוויסן, אויב דער רב קאָן רויכערן אום שבת, קאָן ער זינדיקן.

חלומ'ט זיך א חזן, אַז זיין קאָנקורענט איז זייער רייך געוואָרן. דאָ רעאַליזירט ער זיין פאַרלאַנג און האָפנונג פּטור צו ווערן פונם חזן, וואָס זינגט שענער פאַר אים.

חלומ'ט זיך אַן אָפיצער, אַז ער איז ביי א טיי ביים קעניג. אַלעמען, אַז מען טראָגט זיי צו די טיי "פּליט דאָס גלאָז אוועק", פון אים נישט. דאָ וויל ער, ער אַליין זאָל זיך אויסצייכענען.

חלומ'ט זיך א מיידל, אַז זי טרינקט זיך, אַן אַנדער מיידל, אַז זי איז אונטערן טיש און זי קאָן נישט אַרויס. פאַרשטייט זיך, אַז די אַדער יענע ווערט געראַטעוועט פון דעם, וואָס איז זייער "חלום" אין וואַך צושטאַנד . . .

חלומ'ט זיך א מיידל, אז א גרופע מיידלאך זיינען אריינגעפאלן אין א גרוב, און אז איר געליבטער האט איר ארויסגעשלעפט פון דארטן. אלע אנדערע מיידלאך זיינען געבליבן אין גרוב. דא רעאליזירט זי איר פארלאנג דער בחור זאל זי אויסקלייבן פון צווישן אלע אירע חבר'טעס.

ס'זיינען אויך פאראן סטימולירנדיקע חלומות. האט מען אין שלאף, למשל, א שפריץ געטאן מיט אדעקאלאן א מענטשן און אויפגעוועקט, מאמענטאל אויפגעוועקט. פרעגט שוין גארנישט. ער איז געווען אין קאירא, אין די באוואוסטע אדעקאלאן שעפער. ער האט געקאנט דערציילן פון זיינע דערפארונגען דארטן שעה'נוויז. האט מען א מענטשן א שטאך געטאן מיט א שפילקע און מאמענטאל אויפגעוועקט, ער האט דערציילט שעה'נוויז איבערלעבונגען, וואס ער האט געהאט אונטערן מעסער ביי זיין אפעראציע . . . האט מען געלאזן קלינגען א זייגער . . . און ער הערט אין א הייסן זומער טאג קלינגען דעם קלויסטער גלאק, באקאנטע פויערים און פויערטעס שטראמען אין קלויסטער אריין. אין "פסעכאלאגישע" רעוויועןהאב איך געלייענט אזא חלום: דער בעל חלומות זעט זיך אין דער צייט פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע אלם מיטגליד פון דער נאציאנאלער קאנווענץ. מען משפט גרויסע פערזענלאכקייטן, ער נעמט אנטייל אין דעם משפט. פלוצלונג ווערט ער אויך גע'משפט, ער פארטיידיקט זיך, ער ווערט פאר'משפט צום טויט, ער ווערט ארויפגעלייגט אויף דער גילאטינע, ער קריגט א קלאפ אין נאקן, ער כאפט זיך אויף, ערשט וואס ? דאס צוקאפנברעטל פון בעט איז ביי אים אויפן נאקן אראפגעפאלן. פאראן א סך סטימולירנדיקע חלומות. כאראקטעריסטיש איז אבער אויך די שרעקלאכע שנעלקייט פון א חלום. ערגעץ וואו האב איך געלייענט א חסידיש מעשה'לע וועגן א צורר היהודים. מען דערלאנגט אים א פען ער זאל אונטערשרייבן א שרעקלאכע גזירה אויף אידן. ער לייגט צו די פען צום פאפיר. עס ציט אים צום שלאף. אך, וואלט ער איצט געכאפט א דרעמל, דא "קריגט" ער אבער א קלאפ איבערן קאפ. ער ווערט פארשליידערט, א צעבלוטיקטער, א צע'ממית'טער אף א בית עולם. ער ליגט שוין

דארטן טעג. מען געפינט אים. מען היילט אים חדשים לאנג. יאָרן קאָן ער צו זיך נישט קומען. ער ווערט אָבער געזונט, ער ווערט א גרויסע פערזענלאכקייט אין יענעם לאנד. ביי א גע־וויסן צוזאמענפאַר כאפּט ער זיך ווער ער איז געווען און . . . ער דערוואכט פון זײַן סעקונדע דרעמל. ער האלט די פּען אונ־טערצושרייבן די גזירה . . .

שרעק, למשל, אין א חלום, זאָגט פרויד, איז אן אויסדרוק פון דעם מאָראלישן צענזאָר פון דעם עגאָ. חלום׳ט זיך, למשל, א מענטשן, אז ער קומט אריין צו זיין פריינט אין שטוב. קיי־נער איז נישטאָ. אפן טיש איז פול אָנגעווארפן געלט. ער שטעקט אָן פולע קעשענעס און . . . ער קאָן זיך ניט רירן פון אָרט. ער וויל גיין, אָבער די פיס זיינען ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. ער איז אין טויט שרעק, דער פריינט זיינער זאָל חלילה נישט אריינקומען, ער כאפט זיך אויף נאָס פון שרעק . . . דאָס האָט דער עגאָ אים ארויסגעהאָלפן, ער זאָל זיין פריינט ניט טאָן קיין שלעכטס. ער וויל עס טאקע נישט טאָן און אין חלום דערפילט ער דעם פארלאנג.

אָנהייבן קאָן זיך א חלום פון דער אומשולדיקסטער סיבה. א קלאַפּ, א גלאָקנקלאנג, א צו פולער מאָגן א צאָן ווייטיק, אָבער דער חלום קלעטערט גלייך אריבער אויף א פארלאנג, וועלכער טלייעט טיף אין דער נשמה פון מענטשן. דעם מענטשנס חלום־ען קאָן צוגעגליכן ווערן צום שווימען פון א פעסל אפן ים. יעדעס קלענסטע ווינטעלע בייט די דירעקציע פונס שווימען.

אפילו אין וואך־חלומות קענען מיר זען רעאליזירונגען פון פארלאנגען. בולט זעט מען דאָס אין שפּילן, וואָס קינדער פירן אָן צווישן זיך. זיי שפּילן אין לערערקעס, אין טאטע מאמע, אין באלעבאטים און ארבעטער, אין באנדיטן. איר זעט קינדערלאך וואָס ממית׳ן בפּועל ממש זייערע חברים׳לאך־קינדערלאך, וואָס זיינען איצט אין דער ראָל פון זייערע קינדערלאך. זיי רעכענען זיך אָפּ, זיי נייטראליזירן זייער כעס.

חלום׳ט זיך א קינד, אז ער שיפט זיך אין שיפעלע, מחמת נעכטן האָט די מאמע דאָס פארבאָטן. חלום׳ט זיך א קינד מע־סערלאך און מעסערלאך, מחמת עס גייט אוים.

ס'וויל עס האָבן; כאַפּט זיך אויף א קינד אינדערפרי און פאַר־גייט אין א געוויין, עס ווייסט נישט, וואָס עס האָט פארלאָרן, אָבער עפּעס וואָס האָט עס געהאט אינם חלום. וויפל קינדערלאך האָט זיך גע'חלום'ט, אז נישט אלעמאָל וועט מאָטל זיין דער "יא טעבע דאם", אז זיי האָבן אויך אינם חלום, דערלעבט דעם נחת צו זאָגן קדיש נאָכן טאטן, און קריגן קאָפּיקעס . . .

אונזער גרויסער קינסטלער, שלום־עליכם האָט בחוש דער־פילט דאָס, וואָס די וויסנשאפט זוכט איצט צו דערקלערן. אזוי מאָלט ער שמואל'ס נשמה און שמואל'ס חלומות: "די שיינע, וואונדערלאכע מעשיות פון שמואליקן דעם יתום האָבן זיין יונגן חבר אינגאנצן פאַר'כישופ'ט און געבראכט דערצו, אז די פּרינצן מיט די פּרינצעסנס זיינען אים געגאנגען צו חלום, געוועקט, געשלעפּט ביי די ארבל: "שטיי אויף, שלום, טו זיך אָן און קום מיט אונז". און ניט נאָר אין חלום — אויך אויף דער וואר האָט ער זיך געפונען כמעט שטענדיק צווישן פּרינצן און פּרינצעסנס. ערגעץ אין א קרישטאָלענעם פּאלאץ, אָדער אויף דעם פּארגליווערטן ים, אָדער אויף א ווייספּע, וואו עס גע־וועלטיקן ווילדע מענטשן, אָדער גאָר אין גן־עדן התחתון, וואו עס געפינען זיך צוועלף ברונעמס מיט קוועקזילבער, און דרייצן גערטנער פון זאפראן, און גאָלד, און זילבער וואלגערט זיך, אזוי ווי מיסט; אָדער ער הויבט זיך אויף מיטן שטיינדעלע "ישפה" גאָר אין דער הויך, אויף יענער זייט כמארעס.

"עס איז דערגאנגען אזוי וויט, אז ער האָט אָנגעהויבן די אלע זאכן צו רופן ביים נאָמען, און זען זיך מיט זיי אויף יעדן שריט און טריט. עטלאכע צענויפגעלייגטע באלקנס אין הויף, איינס אויף דאָס אנדערע, זיינען שוין געווען גענוג פאר אים, ער זאָל זיך ארויפכאפּן אויף זיי גאנץ הויך און זיך פאָרשטעלן, אז דאָס איז א ווייספּע, און ער איז דער פּרינץ, און די גענז מיט די קאטשקעס וואָס שפּאצירן ארום אין הויף, דאָס זיינען די וויל־דע מענטשן פרעסער און ער איז איבער זיי דער מלך, וואָס קאָן זיי טרייבן וואוהין ער וויל און קאָן טאָן מיט זיי, וואָס ער וויל, וואָרים זיי זיינען דאָך זיינע אונטערטעניקע. עס איז גענוג גע־ווען א שטיקל גלאָז, טאָמער האָט ער געפונען, זאָל עס ווערן

ביי אים פאַרוואַנדלט אין אַ מייערן וואונדער שטיין. אַ מין "קדקד", אַ שטיינדעלע, אַ פּראָסט, פון דער ערד אויפגעהויבן — קאָן עס זיין אפשר דאָס שטיינדעלע ישפה — ווער ווייסט? פוילט ער זיך נישט, נעמט און טוט דאָס אַ רייב, אַז קיינער זעט נישט, אָן דער רעכטער לאַץ און אַ זאָג: ווי שמואל'יק זאָגט: ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין... מער פון אַלץ אָבער האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין אים שמואל'יקס מעשיות וועגן אוצרות. ער איז געווען מער ווי זי־כער, אַז ניט היינט, איז מאָרגן, נאָר אַן אוצר מוז זיך אים אַנט־פּלעקן.

"קדקד איז אַזאַ שטיין, וואָס לייכט אין דער פינסטער, ווי אַ סטריגענע ליכט, און ישפה האָט אין זיך אַ כח, עס מאַכט פון שוואַרץ ווייס, פון רויט געל, פון גרין בלוי, פון נאַס טרוקן, פון הונגעריק זאַט, פון אַלט יונג, פון טויט לעבעדיק... מען באַ־דאַרף נאָר מיט דעם געבן אַ רייב אין דעם רעכטן לאַץ פון דער קאַפּאָטע און אַ זאָג: זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין אַ רעכ־טער אָנבייסן, גייט אַרויס אַ זילבערנע טאַץ און אויף דער טאַץ צוויי געבראָטענע טייבעלאַך מיט פרישינקע פלעצעלאַך פון גע־בייטלטער מעל, בעסטן סאָרט. אָדער: "זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין אַ גוטער וואַרעמעס!" באַווייזט זיך אַ גאָלדענע טאַץ מיט כל־ערליי מינים עסנוואַרג און פּאַשטעטן מעדני מלך, גע־בראָטענע צונגען מיט געפילטע העלזלאַך, וואָס זייער געשמאַ־קער ריח צעגייט זיך אין אַלע אברים און פרישע צוגעברענטע, געפלאָכטענע קוילעטשן וואַקסן אויס פאַר דיינע אויגן. און וויין לרוב, פּונם בעסטן סאָרט, און ניסלאַך און באָקסערן, און צוקערקעס לרוב — אַזויפיל, אַז ס'גלוסט זיך שוין אַזש ניט. שמואליק קירעוועט אָפּ דעם קאָפּ אַן אַ זייט און שפּייט אויס און זיין חבר זעט, נאָך זיינע פאַרשמאַכטע ליפּן און זיין בלאַס פּנים מיט די פאַר'חלום'טע אויגן, אַז ער וואָלט זיך נישט אָפּ־געזאָגט פון אַ שטיקל געבראָטענע צונג, אַ געפילט העלזל אָדער כאָטש אַ שטיקל קוילעטש. און ער גיט זיך דאָס וואָרט, אַז מאָרגן אם ירצה השם טראָגט ער אים אַרויס אין קעשענע עט־לאַכע ניסלאַך, אַ פּאָר באָקסערן מיט אַ צוקערקעלע, וואָס ער

וועט "ארויסלאקכענען", מחילה, ביי דער מאמען אין קליטל, און דערוויל בעט ער שמואליקן ער זאָל דערציילן נאָך און נאָך. און שמואליק לאָזט זיך לאנג נישט בעטן. ער ווישט אָפּ די ליפּן און דערציילט נאָך און נאָך. און אז דו האָסט זיך גוט אָנגע־זעטיקט מיט אלע מינים מאכלים און פארטרונקען מיט די בעס־טע וויינען, נעמסטו און טוסט א רייב מיטן שטיינדעלע און א זאָג : "זאָל מיר ארויסגיין א ווייכער געלעגער!" באווייזט זיך דיר א בעטל פון העלפאנט ביין, מיט גאָלד באפוצט, מיט אַן איבערבעט ווייך ווי פּוטער, און מיט זיידענע קישעלאך צו־קאָפּנס, און מיט אַן אטלאסענער קאָלדרע איבערגעדעקט. ציט־טו זיך אוים און ווערסט אנשלאָפן און עס חלום'ט זיך דיר מלא־כים מיט כרובים, מיט שרפים, מיטן גן־עדן התחתון . . . אָדער, אז נים, טוסטו א רייב מיטן שטיינדעלע, הייבסטו דיך גאָר אויף אין דער הויך ביז דער כמארע, און אריבער דער כמארע און דו פליסט זיך, ווי אן אָדלער הויך, הויך, ווייט, ווייט". . . דארף מען נאָך בעסערע ביישפילן פון טאָג־חלומות, דארף מען נאָך בעסערע ביישפילן, וואָס זאָלן באשטעטיקן, אז א חלום אין שלאָף צושטאנד און אין וואך צושטאנד איז א רעאליזירונג פון א דראנג, פון א פארלאנג, פון א בענקשאפט?

זעט איר דען דאָ נים הונגעריקע קינדערלאך, פאר'חלום'טע נאָך א זאטן ביסן אין מויל, נאָך אביסעלע פרייד.

וויטער לערנט אונז פרויד, אז אלע רעפרעסטע, פאר־שטופטע פארלאנגען און אימפולסן אינם אומבאוואוסטזיין באַ־זיצן נישט גלייכע שטארקייטן, גלייכע כחות. פאראן פארלאנגען, וואָס ברענען מיט א העלישן פייער, וואָס מאכן אַן א חורבן מיט זייער ווילדקייט, פאראן אזוינע, וואָס באאיינפלוסן די פער־זענלאכקייט אזוי שטארק, אז זיי דערשטיקן שיעור נישט אלע אנדערע פארלאנגען. פאראן אויך שוואכערע פארלאנגען. פון די פארלאנגען, לערנט פרויד, איז דער שטארקסטער פארלאנג דער סעקסועלער. אונטער דעם, פארשטייט פרויד, נישט נאָר געשלעכטלאכע ליידנשאפט און נישט נאָר ליבע, נאָר אויך גרייטקייט, איבערגעבנקייט, התלהבות. צווישן קאָמפּלעקסן האלט פרויד איז פאראן איין קאָמפּלעקס זייער א שטארקער,

וואָס האָט א שייכות צו אונזערע קינדער, דער אוידיפּוס קאָמפּלעקס. מירן וועגן דעם ריידן אין דריטן בריוו.

דאָס איז, אין קורצן, דער פּרווידיזם. יעדער איבערגעלעבטער איינדרוק, הייסט עס, ווערט נישט פאַרגעסן, ווערט נישט פאַרשוואונדן אָן א שפּור. מיר שטרעבן זיי צו פאַרגעסן, אויב זיי זיינען אונז אומאָנגענעם. מיר פאַרגעסן זיי אָבער אינגאַנצן נישט. מיר צוימען זיי, מיר האַלטן זיי אויף א שטריק, מיר פאַרטרייבן זיי נאָר אין דעם אומבאַוואוסטזיין. עפּעס וואָס בלייבט אונז יאָ אין דעם באַוואוסטזיין. דאָס רינגעלע, אָבער וואָס פאַרבינדט דאָס, וואָס איז פאַרבליבן אין דעם באַוואוסטזיין מיט דעם אמת'ן וואונש ווערט ווי פאַרלאָרן, מחמת דאָס פּעדימל ווערט זייער דין, קוים צו זען. די קלענסטע פּאַסירונג אָבער, וואָס האָט דעם קלענסטן פאַרבינדונגס פאָדים מיט דעם שווערן איינדרוק, מיט דער וואונד, קאָן צוריק פאַרשטאַרקן דעם פאַרבינדונגס פאָדים און קען אויפטוּיכן פון די טיפענישן פון דער נשמה די וואונד.

דעם מענטשנס נשמה איז פול מיט וואונדן וואָס באַאיינפלוסן, וואָס ברעכן, וואָס "פּרעסן" דעם מענטשנס לעבן. די וואונדן ווערן אָפט מאָל פאַרלייגט אין דער פריסטער קינדהייט. קאָנען פאַרפלאַנצט ווערן אין די ערשטע טעג, וואָכן, יאָרן פון קינדס לעבן און צעוואַקסן זיך, צעבליען זיך אין משך פון יאָרן און שטיקן און ווערגן, און טעראָריזירן א גאַנץ לעבן. אינם מענטשן קומט פאָר אָן אייביקער קאַמף. קאָן דער מענטש באַהערשן, קאָן ער אויסלאָדן זיין ענערגיע, קאָן ער סובלימירן זיינע פאַרלאַנגען, קאָן ער געפינען א גלייכגעוויכט, איז ער צווישן די גליקלאַכע, אַנדערש ליידט ער, אַנדערש צאָלט ער א שווערן פּרייז פאַר זינד באַגאַנגען פון זיינע עלטערן, עלטער־עלטערן און עלטער־עלטער־עלטערן, וואָס זייערע זינד זיינען אפשר באַשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס זיי האָבן דעם גלייכגעוויכט נישט געקאָנט געפינען, מחמת אויך זיי זיינען געווען קרבנות. יעדער כעס אויסברוך, יעדעס פאַרברעכן, יעדע האַנדלונג, יעדער וויטיק, יעדער פאַרדרוס, יעדער זעלבסטמאָרד, יעדע גייסטיקע קראַנקהייט האָט דעם אָנהייב העט־העט ווייט

אין דער פּריסטער קינדהייט און אפשר אין דער קינדהייט פון אן עלטער־עלטער זיידן מיט צען דורות צוריק.

אנדערש דיינקט אדלער. אדלער האלט, אז די טרייב קראפט פון מענטשלאכער אקטיוויטעט, אז דער שטארקסטער פארלאנג, וואָס דאָמינירט דעם מענטשנס פּסיכישן לעבן איז ניט סתם דער פארלאנג, און ניט נאָר דער סעקס פארלאנג, נאָר די שטרעבונג צו מאכט, די שטרעבונג צו א וועלכן עס איז ציל.

"מיר קאָנען נישט דיינקען, פילן, האנדלען, וועלן אָן א וועלכן עס איז ציל?" (אדלער). יעדער מענטש וויל תמיד זיין מעכטיקער, איינפלוסרייכער, העכער, שטארקער פארן צווייטן. א נאָרמאל געזונטער מענטש האָט תמיד א וועלכן עס איז ציל. ער קאָן אמאָל נישט גענוי וויסן זיין ציל. דער ציל קאָן אמאָל זיין פון אזא מין, וואָס דער צענזאָר פון באוואוסטזיין האלט אים אין איין ארונטערשטופן אינם אומבאוואוסטזיין. ער רייסט זיך אָבער אויף ארויף. פון צייט צו צייט געלינגט זיינעם א געהילף, זיינעם א מעכאניזם "דורכצושמוגלען" אים א פארקליידעטן. אָבער ווען אפילו ניט, ווען זיין, דעם צילס, מזל איז אזא, אז ער קאָן זיך נישט דורכרייסן דורך די גראטעס, באאיינפלוסט ער אָבער אלע האנדלונגען און שטרעבונגען פון דעם מענטשן, און ניט נאָר דאָס. ער ווערט די טרייבקראפט פון מענטשנס אקטיוויטעטן. ער לאָזט דעם מענטשן ניט רוען, ער רייסט פון אים פאסן ווי א נגע צרעת. ער "באארבעט" די "עפנטלאכע מיינונג" פונם באוואוסטזיין, ער באַרויאקט דעם געוויסן. אויב ס'מוז עפּעס וואָס געשאָן ווערן קעגן דער אקצעפּטירטער מאָראל פון דעם דאָזיקן מענטשן. ער קאָן אים קראנק מאכן, נוצנדיק די קראנקהייט ווי א מיטל, ער קאָן שמידן זיין מוט, ער קאָן שלייפן זיין צונג, ער קאָן . . . ער קאָן . . . ער וועט אלץ קאָנען אבי צו דערגרייכן. אזא מזיק איז דער ציל, אזא כח האָט ער אין זיך, אזא טרייבקראפט איז ער. הינטער יעדער האנדלונג פון אן עופה'לע אפילו איז פארבאהאלטן א וועלכער עס איז ציל. אפילו וויינען וויינט א קינד מיט דער כוונה צו באאיינפלוסן די מוטער. דערציילט מען דאָך וועגן א קינד, וואָס פלעגט ביים שמייסן ניט שרייען, מחמת דער טאטע איז געווען א טויבער. ס'האָט

קיין זין נים, ניטאָ קיין ציל אין שרייען. קרעכצן מענטשן, מחמת זיי זוכן מיטגעפיל. תמיד און אלעמאָל האָט דער מענטש פאַר זיך א ציל. דאָס איז די טרייבקראפט. א נאָרמאל געזונטער מענטש דערגרייכט זיין ציל דורך נאָרמאל געזונטע וועגן. אַנ־דערש איז מיט א קראנקן. דער קראנקער קוועלט זיך, פילט זיך מינדערווערטיק, פילט זיך קלענער צוליב אמת'ע אָדער אויסגע־טראכטע סיבות, פאסט זיך אָבער צו און נוצט אויס זיין שוואַכ־קייט, כדי ווידער אמאָל און אָבער אמאָל דורך דעם וועג צו דערגרייכן זיין ציל.

אויב עמיצער, למשל, וויל זיין אן ארטיסט, אויב עמיצער וויל, למשל, זיין דער אמת'ער באלעבאָס אין זיין שטוב, אויב עמיצער איז א אידעאליסט, א בעל־טובה, ליגט תמיד אין דעם דער פארלאנג צו זיין גרעסער, העכער, צו געווינען חן, איז שטענדיק אין דעם פאראן א כוונה צו זיין א שטערן, א זון, צו לויכטן העלער פארן צווייטן. וואָס מינדערווערטיקער מענטש (און אויך א קינד) פילט זיך, מחמת ער איז מיאוס, מחמת ער איז קראנק, מחמת ער איז נישט פעאיק, וואָס מינדערווערטי־קער א מענטש פילט זיך, אלץ קריינקלאכער איז זיין שטרעבונג צו סופעריאָריטעט. נים נאָר דאָס. ער וועט איינשפאנען זיין עצם מיאוסקייט, זיין עצם קראנקהייט, זיין עצם נישט פעאי־קייט און דורך זיי דערגרייכן זיין ציל. א קינד קאן מען איינ־ריידן צו עסן צוזאָגנדיק אז ס'וועט וואקסן, ס'וועט ווערן גרע־סער. די שטרעבונג צו סופעריאָריטעט ברענגט אונז צו קאמפן, צו מחלוקת, ברייננגט צו שנאה, קנאה, די שטרעבונג צו סופע־ריאָריטעט געבוירט אויך דעם דראנג צו זיין בעסער און מענטש־לאכער. יעדער מענטש קלייבט אויס זיין וועג, זיינע מיטלען צום ציל. ביי אלעמען איז אָבער דער ציל צו זיין גרעסער, העכער, באַרימטער, באַליבטער מעכטיקער און איינפלוסרייכער. ליבע, לערנט אדלער, פריינטשאפט, צארטקייט, איידלקייט זיינען נישט נאָר מיטלען צו בלישטשען, צו זיין באליבט, אויסצונעמען, נאָר אין זיי איז פאראן א כוונה דורכן בלישטשען, דורכן באליבט זיין, דורכן אויסנעמען עפעס וואָס צו דערגרייכן. יעדערער וויל ארוי־בער שטייגן, יעדער וויל אריבעריאָגן, דאָס ליגט אין אונזער נאַ־

טור. דאָס איז די טרייבקראַפט, אַזוי דיינקען די אָנהייגער פון אדלערן. דערגרייכט עמיצער חלילה ניט זיין ציל, ווערט ער א שיכור, א קאָרטנשפּילער, כדי דאָס דאָזיקע צו באַשולדיקן אין זיין אומגליק, כדי צו פאַרדעקן זיין דורכפאַל. ער ווערט א ליידנ־שאַפטלאַכער שפּילער, ער ווערט א שיכור, ווייל דאָס איז פאַר אים א מיטל צו פאַרדעקן זיין דורכפאַל אין לעבן, דאָס איז זיין באַריקאַדע. יעדער מענטש, לערנט אונז אדלער, געפינט זיך אין א דינאַמישן יאָגן זיך נאָך א ציל. דערגרייכט ער דעם ציל איז ער א העלד, דערגרייכט ער נישט האָט ער צוויי וועגן: אָדער ער דעגענערירט, כדי צו פאַרדעקן זיין דורכפאַל, אָדער ער דערגרייכט זיין ציל אין קרענקלאַכע טאָג חלומות, אין דער וועלט פון פאַנטאַזיע. ער איז טאַקע נישט דער העלד, אָבער אַז קיינער איז נישטאָ "זעט" ער ווי מען אַפּלאָדירט אים, ווי מען באַגעגנט אים, ווי ער איז דער העלד פון טאָג. ניט איינעם פירט דער דאָזיקער וועג אַוועק אין דער וועלט פון גייסטיקע קראַנק־הייטן.

ווען מיר פאָלגן נאָך די געשיכטע פון קאַמף פאַר סופּעריאָריטעט צווישן קינדער, געפינען מיר, אַז דורכן גאַנצן פּעריאָד פון זייער אַנטוויקלונג פילן זיך קינדער אינפעריאָר בנוגע צו עלטערן, בנוגע צו גרעסערע, בנוגע צו שטאַרקערע, בנוגע דער גאַנצער וועלט. דאָס דאָזיקע געפיל איז איינע פון די הויפּט סיבות פון אומרואיקייט אין קינדער. ליבע, ניט קיין אי־בערטריבענע, ליבע מיט שכל, איז פאַרן קינד א קאָמפּענסאַציע, א באַרואיקונגס מיטל. "אמת", טראַכט זיך דאָס קינד. "אמת, איך בין שוואַכער, קלענער, אָבער דערפאַר האָבן מיך אַלע ליב". די ליבע איז אין דעם פאַל פאַרן קינד א הייל־מיטל.

נעוראָזן דערקלערט אדלער אויף דעם פאָלגנדיקן אופן: ווען א געוויסער אָרגאַן אין אויג, א פוס, א ניר, א לונג ווערט מכולה, ווערט אָפּגעטויט, קומט אים צו הילף אן אנדער אָרגאַן. איי־נער נעמט איבער די אַרבעט פונם צווייטן פונם אָפּגעשוואַכטן. א בלינדער האָט א שטאַרקערן חוש השמיעה. דאַרף אָבער איין אָרגאַן טאָן די אַרבעט פון צוויי, ווערט דער געזונטער אָרגאַן אין דעם קערפּער שטאַרק אָנגעשטריינגט, מחמת די אַרבעט מוז

דאָך דורכגעפירט ווערן. דערגרייכט דער מענטש א קאָמפענסאציע אפן חשבון, פון דעם אָפגעשוואכטן אָרגאן איז גוט. ער קאָן אפילו אף דעם געביט, וואָס קאָמפענסירט, דערגרייכן געניאליטעט. אויב נישט — זינקט ער, דעגענערירט ער. פאראן אָבער א מיטל־וועג, וואָס, וואקלט צווישן די צוויי און דאָס איז א קראנקהייט, א נעוראָז. דער מענטש פארלירט מוט אין זיין נישט דערגרייכן דעם ציל. ער פילט זיך מינדערווערטיק, און פון אזוינע, געפילן קומען א סך צרות. דער מענטש דערשרעקט זיך ווי ער וואָלט געשטאנען פאר אן אָפגרונט, פאר א תהום. ער וויל אנטלויפן, ער זוכט א נייעם ציל, ער הויבט אָן, זיך צו שטעלן הויכע, נישט דערגרייכבארע צילן, ער הייבט אָן ארייבערצוכאפן די מאָס, צו וועלן, "פליען" צו הויך. וואָלט דאָס נאָך נישט געווען אזא אומגליק, ווען דאָס פליען צו הויך וואָלט נישט געפירט צום פאלן זייער נידעריק. און אזוי האלט, אזא מענטש אין איין פאלן, און פאלנדיק. פילנדיק זיך נאָך מער מינדערווערטיק, שטעלט ער זיך נאָך, העכערע צילן, דאן פאלט ער נאָך נידעריקער, און אזוי זינקט דער מענטש. קאָן אָפגעשטעלט ווערן דער דאָזיקער שפיל פארן טייוול איז גוט, קומט מען, אָפ מיט א קליינעם נעוראָז, מיט צערייצטקייט, מיט נערוויאיקייט. אויב אָבער נישט, אויב יעדעם פאלן רופט ארויס דעם דראנג צו פליען נאָך העכער, לאנדעט מען אונטער א שלאָס, וואו דער מענטש זעצט פאָר זיין יאָגן זיך נאָך, סופעריאָריטעט. ער ווערט דאָרטן א קעניג, א מלאך, א גאָט און א. וו.

פרויד וויל, געפינען שפורן פון פונקציאָנעלע קראנקהייטן אין דער פריסטער קינדהייט. ביי פרוידן זיינען חלומות א רעזולטאט פון נעכטיקע פארלאנגען. ביי אדלערן זיינען חלומות א צוגרייטונג פאר דעם מאָרגנדיקן, קאמף צו סופעריאָריטעט. ביי אדלערן זיינען קראנקהייטן א רעזולטאט פון היינטיקער אינפעריאָריטעט. שארפער איז דער אונטערשייד צווישן די צוויי שולן אין פסיכאָלאָגיע. מחמת פרויד אונטערשטרייכט דעם סעקסועלן דראנג, בעת אדלער האלט פאר דעם דאָמינירנדיקסטן, דעם דראנג צו מאכט און סופעריאָריטעט.

יאָ, די פאַנטאַזיעס קאָנען ווײַט אַוועקפירן אַ מענטשן. דער מענטש געפינט אָפּרו אין די פאַנטאַזיעס אין די "חלומות" — אָבער צאָלט צו טײַער פאַרן אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

א קינד, למשל, איז לעבעדיק, פריילאַך. פּלוצלונג ווערט עס קראַנק. דער דאָקטאָר קאָנסטאַטירט אַ האַרץ קראַנקהייט. ער גיט דעם קינד אַ גאַנצן צעטל "דו טאָרסט ניטן". דאָס קינד זעט ווי אַנדערע קינדערלאַך לויפן אַרום, שפּילן זיך, האָבן פאַרגעניגן, ס'ציט דעם קינד צו די דאָזיקע פאַרגעניגנס. ס'ווייסט אָבער, אַז ס'טאָר נישט — ליידט עס. עס זוכט אַ קאָמפּענסאַציע, מחמת אין נאַטור וויל דאָס זײַן העכער, בעסער פאַבן צווייטן. קריגט עס אַ קאָמפּענסאַציע איז גוט. קריגט עס נישט "זעט" עס זיך, שפּילנדיק פּיאַנאָ, "זעט" עס זיך אַלס העלד, "הערט" עס ווי מען באַוואונדערט אים און אַ. וו. עס אַנטלויפט פון דער וועלט פון רעאַליטעט. קינדער לעבן בכלל מער אין דער וועלט פון פאַנטאַזיע. אָט שפּילט זיך אַקינד מיט אַ לעפל. ס'איז אָבער פאַרן קינד נישט קיין לעפל. ס'איז גאָר אַ שיף, אַ וואַלדגזלן, אַ באַן און וואָס נישט? קינדער שפּילן טעאַטער מיט זיך אַליין, ריידן צו זיך אַליין. דאָס נייטראַליזירט זיי זייער דורשט צו זײַן "עמיצער". ווען אַ קינד האַלט אין איין רעדן מיט זיך אַליין, ווען עס זוכט איינזאַמקייט, ווען ס'איז שטאַרק צערייצט נאָכן שפּיל מיט זיך אַליין, קאָן עס זײַן אַ סיגנאַל פון אַ קאָנפליקט אין נשמה, קאָן עס זײַן אַן אָנזאָג פון אַ נעוראָז.

ראַזינאַ, 19 יאָר אַלט, איז אַ פּעאיקע, אַ שיינע, פול מיט לעבסלוסט און לעבנס פרייד מיידל. זי אַרבעט אין אַ גרויסן געשעפט. זי צייכנט זיך אויס אין אַרבעט, די אַרבעט ברענט אזש אונטער אירע הענט. אַ חוץ דעם איז זי צו יעדן ליב און פרײַנטלאַך, וואו זי באַווייזט זיך נאָך ברענגט זי פרייד און אויפלעבונג. דער באַלעבאָס איז עולם ומלואה פון איר. מיט 4 יאָר צוריק אָבער, האָט מיט ראַזינאַן געהאַלטן זייער שלעכט. זי איז געווען אַן איינזאַם, אָפּגעזונדערט, אומגליקלאַך קינד. זי פלעגט פאַרשאַפן אַ סך צער די לערער מיט איר תמיד'דיקער פאַרחלומט'קייט און מיט אירע תמיד'יקע, טרויעריקע זכרונות. די עלטערן זיינען געווען אינטעליגענטע מענטשן, האָבן געלעבט

זייער פריינטלאך, חבר'יש און ליב צווישן זיך. דער פאָטער פלעגט ניט געהערן צו קיין אָרגאַניזאַציע. ער פלעגט זיין א שטוביקער מענטש. ראזינען האָט ער היים ליב געהאט. "זי איז פונקט מיין מוטער", פלעגט ער זאָגן און צעקושן איר די גלי־דער. ווען ראזינא איז אלט געווען צען יאָר איז דער פאָטער גע־שטאָרבן. צו דרייצן יאָר האָט דער שול לערער זי געבראכט אין קינדער קליניק, מחמת ער האָט זיך שטארק געשראָקן פאר איר צוקונפט. זי פלעגט דורכלאָזן א סך טעג אין שול, פלעגט אָפט צוטראכטן ווייטיקן און מיט טרערן זיך אויסבעטן גיין אהיים. זי פלעגט אויסברעכן אין היסטערישע געוויינען.

אין קליניק האָט זי געזאָגט, אז זי וועט קיינמאָל ניט פאר־געסן איר פאָטער, אז זי קאָן ניט פארטראָגן קיין פרייד און קיין פארגעניגן, אז אזוי איז זי פולשטענדיק געזונט א חוץ ווען זי קריגט די צייט, דעמאָלט האָט זי שרעקלאכע ווייטיקן. צום ערשטן מאָל האָט זי די צייט געקראָגן, ווען דער פאָטער איז געשטאָרבן. זי פארלירט זיך פשוט אין חלומות וועגן פאָטער. איינמאָל האָט זי כמעט ווי געהערט זיין קול אפילו.

די שכנים דערציילן, אז זי פלעגט אָפזיצן שעה'ן ביים פענסטער, ניט רירנדיק זיך פון אָרט. אין שטוב איז תמיד גע־ווען א שטימונג פון צער, ערנסט און טרויער. לאנג האָט גע־דויערט ביז מען האָט איבערצייגט ראזינען אין דער סכנה פון איר ארט לעבן. זי האָט עס גענומען פארשטיין און היינט . . . (סיילם).

יאָ, ס'איז נאטירלאך, אז א קינד זאָל לעבן אין דער וועלט פון פאנטאזיע, אז א קינד זאָל אנטלויפן פון דער ווירקלאכקייט. מען דארף נאָר היטן עס זאָל נישט אריבערגיין איבער די גרע־ניצן פון נאָרמאל זיך אויסלעבן אין דער וועלט פון פאנטאזיע.

חיים איז א רעדנער, א וואונדערבארער רעדנער. ער ציינדט בפועל ממש אָן הערצער. ער האָט דערפון גרוים הנאה. ער איז אָבער לעצטנס קראנק. ער האָט זיך פארקילט און געקראָגן א געוויסע כראָנישע האלז קראנקהיים. ער טאָר מער נישט רעדן. ער ליידט. ער קאָן נישט געפינען קיין קאָמפענסאציע. ער הייבט אָן צו צאָלן . . . און אזוי איז אלעמאָל. פילט זיך עמיצער מינ־

דערוווערטיק, דעפּרעסט, געפאלן ביי זיך, הייבט ער גלייך אָן צו אנטלויפן פון דער דאָזיקער מינדערוווערטיקייט. ער ווענדט אָן אלערליי מיטלען, ער וועט בחוש אנטלויפן פון די ערטער, וואָס דערמאָנען אים, אז ער איז קלענער, אז ער איז שוואכער, אז ער איז מינדערוווערטיקער, ער לעבט אין תמיד'יקן שרעק. און די דאָזיקע שרעק קאָן אים ווייט פירן. האלט איך אָבער, אז ניט אלעמאָל פירט א מינדערוווערטיקייט געפיל אוועק דעם מענטשן אין דער וועלט פון חולאת'ן ס'טרעפט אויך, אז דער מענטש קאָן גובר זיין אין זיך דאָס דאָזיקע געפיל, ניט אויס־נוצן דאָס דאָזיקע געפיל ווי א מיטל צום ציל פון סופּעריאָרי־טעט, נאָר פשוט זיך צונויפלעבן מיט דעם דאָזיקן געפיל ווי מיט א חבר, זיך אזוי צו געוואוינען, אז דער מענטש זאָל גע־פינען פרייד און גליק פון יעדער קלענסטער דערהויבונג, ווי דאָס וואָלט געווען א מתנה מן השמים, ווי דאָס וואָלט אים ניט קומען.

מאָלט רבי אשר זילבערשטיין אזא טיפּ : "שטיינוואָרצל איז אויף זיין לעבן קיינמאָל אין מזרח ניט געזעסן. אפילו אין דער וואָכן, ווען דער מזרח איז אינגאנצן ליידיק, האָט ער קיינמאָל ניט געוואגט אפילו צו צוגיין אהינצו; ער האָט אויף זיין לעבן קיין "שלישי" ניט געהאט. זיין איינציקע "עליה" איז געווען "רביעי"; ער איז געגאנגען שטענדיק מיט דער לעצטער "הקפה" און דאָס אויך, ניט געווען אויסגערופן קיין "הרב ני הנגיד", נאָר גלאט "עים כל הנערים", און געגאנגען איז ער דער לעצטער, מיטן קלענסטן תורה'לע.

"שטיינוואָרצל איז געווען פון דער נאטור באליידיקט אין וואוקס : געווען אין מאָס דער נידעריקסטער אין שטאָט, גע־מאכט שטענדיק קליינע שפּאנען, מיט לאנגזאמע טריט. און וואוהין ער איז אריינגעגאנגען, האָט דאָס אויסגעזען, ווי ער גנב'עט זיך אריין, און האָט באלד פארנומען דעם לעצטן פלאץ, וואָס איז נאָר געווען. זיין אריינקומען האָט קיינמאָל ניט גע־מאכט קיין רושם. ער פלעגט נאָר ארויסרופן א שמייכל מצד די אנוועזנדע, — דעם שמייכל וואָס עס רופן ארויס אויף זיך קליי־נע, שוואכע און נישטיקע.

„ער האָט קיינמאָל קיינעם ניט באַליידיקט. און ווען מ׳האָט אים באַליידיקט האָט ער געשמייכלט. ער האָט אַלעמען „גע־אירצט", — כאָטש מען האָט אים געזאָגט „דו". און ווער עס איז נאָר פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אים, האָט ער זיך אויפגע־שטעלט, אָדער זיך געגרייט צום אויפשטעלן זיך.

„יעדערער איז ביי אים געווען אַן אויטאָריטעט; יעדערער האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען גרעסער, שטאַרקער, געלערנ־טער און קליגער פון אים. ער אליין האָט שטענדיק געהאַט צו דערציילן פון יעדן באַזונדער אַנדערע חכמות, מיט אַנדערע גבורות, אָבער קיינמאָל ניט עפּעס פון זיך, אויסער — „איך בין אַליין געשטאַנען דערביי", אָדער „איך האָב דאָס אַליין גע־הערט פון זיין מויל".

ער איז געווען צופרידן מיט אַלע זאַכן אַזוי ווי זיי זיינען, — מיט זיין לאַגע, מיט זיין באַשטאַנד, מיט זיינע יאָרן און מיט זיך אַליין.

„זיין זעלבסטצופרידנהייט איז אים געקומען פון זיין נישטיקן אויסזען ביי זיך אין די אויגן. ער האָט זיך שטענדיק גע־טראַכט, אַז אַזאַ גאָרניט ווי ער איז, און האָט אַ פאַמיליע מיט אַלע מענטשן גליך; אַזאַ לא יוצלח ווי ער איז, און ער האָט אַן אייגענע שטוב! אַז אַזאַ טויגעניכץ ווי ער איז, און עס איז ביי אים וואַרים אין שטוב, און ער האָט גאַנצע שיך מיט אַ גאַנצן ראָק! אַז אַזאַ פּראָסטאַק ווי ער איז, און שבת איז ביי אים דאָ ליכט, מיט קוילעטש, מיט פיש! אַז אַזאַ עם־הארץ ווי ער איז, און ער גייט אין שול, און דאַוונט, און בענטשט אתרג, און האָט אויך יאָרצייט, און איז מחדש די לבנה! אַז אַזאַ נאַר ווי ער איז, און האָט רעכט צו הויבן אַ האַנט אין דער „סאָסייטי", גלייך מיט אַלע פיינע און מיט אַלע קלוגע! אַז אַזאַ גאָרניט מיט נישט, ווי ער איז, מ׳שטיינס געזאָגט, און, — איז אַ איד, און אַ מענטש, און אַ טאַטע, און אַ באַלעבאָס, און אַ „מעמבער". זעט ווי צופרידן. דאָס מינדערווערטיקייט געפיל ברעכט אים ניט. ער „קריכט" ניט און שטופּט זיך ניט. אים איז גוט.

„ס׳זיינען אָבער פאַראַן גרויסע מענטשן אַזויפיל, כן ירבו. זיי זיינען הויך ווי גלית, לאַנג ווי עוג. און עס איז זיי קאַרג, —

און זיי וואקסן נאָך העכער, אויף יענעמס קליינקייט, אויף יע־נעמס שוואכקייט און אויף יענעמס נארישקייט. און — עס איז זיי נאָך קארג, — און שטעלן זיך אָף א ביינקל און זיי שלאָגן אונטער הויכע קנאפל, און זיי טוען אָן א הויכע היטל, און זיי ציען זיך, אין זייער גאנצער לייגג, זייער קאָפּ זאָל ארויס־שטעקן איבער אלע קעפּ, און זייער קול זאָל זיך הערן איבער אלע קולות.

"איר זעט זיי שטענדיק ווי, זיי שפאנען פאַראויס און ארויף; שפאנען איבער קעפּ און איבער קערפּערס, און מאכן מיט ביידע עלנבויגנס אויף רעכטס און אויף לינקס, און ברעכן אויס ציי־נער, און שלאָגן אונטער אויגן און קומען "בשלום" צום אויבן אָן, כדי זיי זאָלן קאָנען אראָפּקוקן צו יעדערן אראָפּ, און יעדע־רער זאָל דארפן ארויפקוקן צו זיי ארויף" (רבי זילבערשטיין).

זיי איז אויך גוט, זיי פעלט נים.

"ס'זיינען אָבער פאראן גרויסע, וואָס שפרינגען פון דער הויט, וואָס קריכן אויף גלאטע ווענט, וואָס קאָנען זייער קאָפּ נים ארויסשטעקן און שרייען מיט אלע כחות און זייער קול הערט זיך דאָך נים. וואָס שפאנען צום אויבן אָן און כאפן א שטויס אויף צוריק, און פאלן, און צעקלאפן זיך. און איר זעט זיי שטענדיק ארומגיין מיט צאָרן אויף זייער פנים, און מיט א קללה אויף זייערע ליפן אויף די "נאראָנים", וואָס פארשטייען זיי נים, און אויף די "בייזוויליקע", וואָס פארגינען זיי נים"... די פארביטערטקייט פירט יאָ ווייט אוועק...

אָט האָט איר דריי טיפן. איינער האָט זיך גאָר צונויפגע־לעבט מיט זיין מינדערווערטיקייט, דער צווייטער האָט קאָמ־פענסאציע געפונען, דער דריטער ווערט לאנדן ווייט־ווייט...

איך בין געווען, אַן עדות פון אזא פאל. א מאן און א פרוי לעבן צווישן זיך זייער גליקלאך. ער איז א גאָלדענער מענטש, ער האָט זי ליב דאָס חיות. ער איז בכלל א צופרידענער מענטש. זי שטייט אָבער מיט צען קעפּ העכער פאר אים אין אינטע־ליגענץ. זי האָט האלט געזעלשאפט. זי שלעפּט אים אין א העכע־רער געזעלשאפט. ער אָבער פילט זיך דאָרטן פרעמד, פארשעמט און קליין. ער קאָן נישט אנטיילנעמען אין די שמועסן. זיי זיינען

צו טיף פאר אים. ער וויל בעסער בלייבן אינדערהיים. וויל ער אָבער אויך זי אָפּרייסן פון דער געזעלשאַפט. ער וויל, און מיט רעכט, אַז זי זאָל אים געהערן, אים איין און אליין. ער וויל נישט זיין אין א געזעלשאפט, וואו ער פארלירט אין אירע אויגן. זי פארשטייטאים אָבער נישט. אים געלינגט ניט זי אָפּצורייסן פון דער געזעלשאפט. ער הייבט אָן צו צווייפלען אין איר ליבע צו אים. ער ווערט "קראנק". דאָס העלפט אויך נישט. ער ווערט פארצווייפלט. ער ווערט נערוועז. ס'העלפט אלץ ניט. ער הייבט אָן צו שטוינען, צו זוכן א דערקלערונג אין איר לײדנשאפטלא־כער צוגעבונדנקייט צו דער געזעלשאפט. אפשר איז זי גאָר אין עמיצן פארליבט. אפשר איז זי אים נישט געטריי. ער פירט דורך "סצענעס". אין שטוב איז א גיהנום. ער ווייסט נעבאך נישט, אז זיין קראנקהייט, אז זיינע חשדים, זיינען א רעזולטאט פון זיין אינפעריאָריטעט קאָמפּלעקס און א מיטל פאר זיין ציל, אָפּצורייסן זי פון דער געזעלשאפט, כדי צו פארדעקן זיין נישט אינטעליגענטישקייט. ס'איז אים ווייניק, וואָס ער האָט זיך גע־ראטעוועט פון דער געזעלשאפט, וואָס דערמאָנט אים, און וואָס פלאנצט אין אים מינדערווערטיקייט. דאָס איז אים ווייניק, ער וויל אויך זי אָפּרייסן פון דער געזעלשאפט.

ביי פרוידן איז תמיד פאראן א סיבה, וואָס האָט דעם מענטשן געבראכט אזוי אָדער אנדערש צו האנדלען. ביי פרוידן איז א נעוורא̈ז א רעזולטאט פון קאָנפליקטן, וואָס טלייען אין נשמה פון מענטשן, וואָס זיינען זיך פאנאנדערגעוואקסן, וואָס האָבן זיך צעשטורמט אין משך פון יאָרן און יאָרן. ביי אדלערן איז א נעוורא̈ז א רעזולטאט פון א דורכפאל פון היינט, פון א ניט דערגרייכטן ציל. ביי פרוידן געפינען מיר סיבות, ביי אד־לערן כוונות. פרויד זעט אין חלום א רעאליזירונג פון אן אונ־טערדריקטן פארלאנג. ביי אדלערן איז א חלום א צוגרייטונג פאר א מאָרגנדיקן, אפשר סימבאָליש פארקליידעטן, קאמף. אד־לער איז אן אָנהייננער פון שאפּענהאורס דראנג צום לעבן און ניטשעס דראנג צו מאכט. ער בויט זיין טעאָריע אף דעם נאַ־טירלאכן פארן מענטשן פארלאנג צו זיין העכער, בעסער, איינ־פלוסרייכער פאר אנדערע. אדלער זעט אין נעווראזיסן רעזול־

טאטן פון שווערקייטן פון היינט און פון שטערונגען, וואָס שטייען אין וועג היינט, אָבער נישט פון שווערקייטן פון נעכטן.

א וואונדערבארע באשעפעניש איז דער מענטש און וואונדערבאר זיינען די וועגן זיינע, די מיטלען זיינע, וואָס ער טראכט צו, כדי צו דערגרייכן זיין ציל. דערגרייכט ער נישט זיין ציל, ווערט ער קראנק "טיראנירט" ער, האָט ער טענות, דערגייט ער די יאָרן דעם צווייטן, פאָדערט ער מיטגעפיל, רחמנות, קורץ ער נוצט אוים די דאָזיקע לאגע זיינע, כדי צו קריגן מאכט איבער דעם צווייטן. זיין שוואכקייט ווערט פאר אים א "שטארקייט", ווערט פאר אים א געצייג, ווערט פאר אים א מיטל, ווערט פאר אים א כח, צו דערגרייכן דאָס פארלאנגטע.

אזוי ווערט א קינד קראנק, כדי מען זאָל אים נאָכגעבן, כדי עס זאָל קריגן די אויבערהאנט איבער דער מוטער. לערנט אונז אדלער, אז ס'איז ווייניק צו געפינען די סיבה פון א נעווראָז, אז ס'איז אויך ווייניק צו געפינען דעם ציל צו וועלכן דער נעוורא‎אָטיקער האָט זיך געצוינגן. מען דארף וויסן ביידע זאכן צוזאמען.

חיים, למשל, האָט זיך אמאָל, נאָך אלס קינד, זייער שטארק דערשראָקן. ווען ער איז אין א געוויסן אָוונט שוין געלעגן אין בעט, און געהאלטן ביים איינשלאָפן, האָט ער דערהערט, אז עפעס וואָס באוועגט זיך ביי אים אונטערן בעט. ער האָט געמיינט, אז דאָס איז דאָס קעצעלע, אז דאָס קעצעלע ליגט דארטן אף דער וואך. זי, דאָס קעצעלע, האָט משמעות אנטדעקט ערגעץ וואו דאָרטן, אונטערן בעט, א מייזעלע. ער דערפילט אָבער, אז דאָס "באשעפעניש", וואָס ליגט אונטערן בעט מוז זיין שווערער און גרעסער פאר א קעצעלע. ער ליגט שוין אין טויט־שרעק אונטער דער קאָלדרע. ער האָט אפילו מורא צו שרייען. דארף דווקא צו דער צייט זיין מאמע אויף די ציפקעלאך אריינקומען אין שלאָף־צימער. זי דערזעט, אז איר חיים'ל האָט אריבערגעשלעפט די קאָלדרע איבערן קאָפּ, דיינקט זי, אז איר חיים'ל שלאָפט שוין, פּרובירט זי שטילינקערהייט אראָפּצוציען די דעקע. פרעגט שוין גאָרנישט, וואָס פאר א קולות חיים'ל האָט אויפגעהויבן. פון דעמאָלט אָן ציטערט ער אריינצוגיין אין א

פינסטערן צימער. כאָטש ער ווייסט שוין זייער גוט, אז די מאַמע און די קאַץ זיינען עס געווען די "שדים", זיינען עס געווען די "מערדער". איר וועט אים נישט ארויסקריגן אין אָוונט פון שטוב ארויס. ער ציטערט פאַר פינסטערניש. נאָך מער, ער וועט אין צימער אפילו בייטאָג אליין נישט בלייבן. מיר ווייסן דאָ דעם עפעקט און די סיבה, אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. מיר דאַרפן אויך פאַרשטיין און זיך אָנשטויסן, אז חיים'ל האָט פון זיין שרעק געמאַכט א געצייג, א מיטל צו דערגרייכן א ציל — אלע טאַנצן ארום אים, אלע זאָרגן זיך פאַר אים, אלע ווייזן אים ארויס ליבע און מיטגעפיל. מעגלאָך, אז ארויסשלאָגנדיק דעם ציל פון זיינע הענט וועט זיך ארויסווייזן, אז די סיבה, וואָס האָט זיך אזוי צעשטורעמט אין אים, זיין שרעק קאָמפּלעקס, איז נישט געווען אזוי שטאַרק, ווי דער ציל. דער ציל האַלט איצט דעם שרעק ווי אן אבן טוב, ווי א בריליאַנט, מחמת די שרעק העלפט אים צו הערשן, צו באַהערשן, אויסצואיבן מאַכט איבער זיינע נאָענטע.

ווייסן די סיבה פון זיין שרעקן זיך איז וויכטיק, אָבער דאָס איז ווייניק. ווייסן דעם ציל, וואָס ער שטעלט זיך איצט איז וויכטיק, אָבער אויך ווייניק. מיר דאַרפן ביידע זאַכן ווייסן. פּרוּווּד באַנוגנט זיך מיטן ווייסן די סיבה, אדלער דיינקט, אז אָן דעם ווייסן דעם ציל, וועט איר נישט קאָנען אויסהיילן דעם פּאַציענט. מיר דאַרפן ווייסן אי די סיבה, אי דעם ציל, אי פאַרשטיין, אז די סיבה ווערט מיט דער צייט נאָר א באַדינער פונם ציל.

יאָ, מיר האַלטן נאָר אין איין שטרעבן צו זיין בעסער און העכער. מיר האַלטן אין איין שטרעבן צו געווינען, אריבערצויאָגן, אריבערצושטייגן. די סיבה פון אונזער פאַרלירן זיך פאַר אביסעלע חניפה און פאַר א קאַפּעטשקע קריטיק, ליגט אפשר אין דעם גרויסן שטענדיקן פאַרלאַנג אונזערן צו זיין שענער, איינפלוסרייכער, צו זיין העכער פאַרן צווייטן. מיר זיינען גרייט אָפּצוגילטן א מענטשן, ווען ער לויבט אונז, און זיינען גרייט עוקר מן השורש צו זיין ווען ער טאַדלט אונז. אויב עמיצער איז "אנדערש", אויב עמיצער, למשל, ווייזט נישט ארויס, אז ער ווערט גערירט פון חניפה, צי ער פאַרלירט זיך פון טאַדל, אויב

עמיצער איז אנדערש, שטעלט זיך העכער, איז עס ווידעראַמאָל און אָבער אַמאָל, מחמת דאָס דאָזיקע וועט אים ווידער אוועקשטעלן העכער פארן דורכשניטלאכן מענטשן. וואָס האָט ליב חניפה, בעת ער, ער דאַרף עס כלומרשט ניט. דער מענטש וואָס אנטלויפט פון כבוד איז א מענטש, וואָס האָט האָלט א גוט שטיקל פיש, וואָס האָט האָלט א גלעבע כבוד. א מענטש וואָס זעטיקט זיך אָן מיט כבוד וועט אָנהייבן "כלומרשט" צו אנטלויפן פון כבוד, מחמת דאָס אנטלויפן שטעלט אים אוועק נאָך העכער, און דאָס זוכט ער.

דער נערוועזער מענטש ווייזט מיט זיינע האנדלונגען מיט זיינע שטימונגען דעם שווערן ביטערן געראנגל, וועלכן ער פירט אָן פאר זיין ציל. אַט איז ער פול מיט ענטוזיאזם, און אַט איז ער שרעקלאך אנטוישט און געפאלן ביי זיך. אַט איז ער אָן גרעניצן פריינטלאך, און אַט איז ער פול מיט פארביטערונג און האס. אדלער דערקלערט די דאָזיקע דערשיינונג, די דערשיינונג פון שארפע עקסטרעמען מיט דעם, וואָס דער נערוועזער מענטש שפילט א דאָפלטע ראָלע אין לעבן. אַט איז ער, טאקע ער אליין, געפאלן ביי זיך, אַט זעט ער זיך קליין און די אנדערע שטארקער, העכער, און אַט איז ער נישט דער אמת'ער "ער". ער "לעבט", ער פילט זיך איצט ערגעץ וואו אנדערש סופעריאָר, העכער, שטארקער. פון דעם די עקסטרעמען אין זיינע באציאונגען צום מענטשן. ווען דער נעווראָז וואָלט געווען נאָר די סיבה פון שטיקן, פון ווערגן, פון פארטרייבן פון דעם באוואוסטזיין, די אומגעבעטענע געסט, וואָס ווערן קיינמאָל נישט שטיל, — וואָלט דער נעווראָטיקער קיינמאָל נישט ארויסגעוויזן קיין סימנים פון פרייד, רואיקייט און גוטסקייט, וואָלט דער כאראקטער פון דעם נעווראַטיקער ניט געווען פול מיט אזוינע עקסטרעם קעגנגעזעצטע שטריכן און שטימונגען. יאָ, די דאָזיקע וואקלעניש, די דאָזיקע שפרונגען פון די העכסטע הימלען אין די טיפסטע תהומות, באשטעטיקן די אנוועזנהייט פון צוויי מענטשן, דעם מענטשן פון דער רעאלער וועלט, און דעם מענטשן פון דער וועלט פון פאנטאזיע, וואָס אנטוויקלט האָבן זיי זיך א דאנק דעם קאמף פון דעם מענטשן קעגן זיין מינדערווערטיקייט

געפיל פון וועלכן ער איז, צוליב א גאנצער ריי דורכפאלן, צו ווייט אנטלאָפן און זיך פארלאָפן.

פרוידס שול אין פסיכאָאנאליז לערנט אונז, אז דער נעוו־ראָז איז א רעזולטאט פון קאמף צווישן דעם צענזאָר פון דעם באוווסטזיין און דעם ליבעדאָ אין דעם אומבאוואוסטזיין, אז די סיבה פון א פאנאנדערגעפלאקערטן געראנגל ליגט אָפטמאָל פון קינדוויז אָן פארליגט. אדלער לערנט אונז אָבער, אז עס איז צו ווינציק צו עפענען א פענסטער דער רויך זאָל פון שטוב ארוים. מען דארף פארלעשן דעם פייער, וואָס ברייננט דעם רויך, און פארמיידן די סיבות, וואָס שטארקן דעם פייער. מען דארף אנטדעקן דעם ציל, וואָס גיסט אויל אפן פייער. אדלער לערנט, אז דער פייער וואָס צינדט זיך אָן אין מענטשן, וואָס האָבן א נייגונג צו א נעווראָז, איז ניט דערגרייכבארקייט פונם ציל פון מענטשן, וואָס דער מענטש שטעלט זיך. די נישט דערגרייכבארקייט פארטיפט און רופט ארוים דעם מינדערווער־טיקייט געפיל. נאָר דער געזונטער מענטש שטעלט זיך ניט קיין צו הויכע אויפגאבן, נאָר דער געזונטער מענטש, וואָס שטעלט זיך נישט קיין צו גרויסע צילן, קאָן אָנהאלטן דעם באלאנס.

דער דריטער וועג, וועלכן מיר וועלן איצט באטרעטן איז וואַטסאָנס וועג פון רעפלעקסאָלאָגיע, פון "ביהייוויאָריזם". דאָס איז שוין גאָר אן אנדער וועג. די שול דערקלערט אונז, אז ס'איז בכלל נישטאָ אזא זאך ווי נשמה, אז ס'איז בכלל נישטאָ אזא זאך ווי זכרון, ווי געפילן, ווער האָט עס אויסגעטראכט? יעדע האנדלונג איז אן ענטפער אויף א געוויסן סטימול, אויף א גע־וויסער אָנרעגונג. כלאָראָפאָרמירט מען א מענטש, נעמט איר, הייסט עס, פון אים אוועק די פעאיקייט צו ענטפערן אף אָנרע־גונגען, אף סטימולן. אזא מענטשן קאָנט איר צעשניידן, ער וויינט נישט, ער שרייט נישט, מחמת ער פילט נישט, ס'זיינען ב ייאים טויט די חושים, וואָס ענטפערן אויף סטימולן.

שרעק? מען לערנט זיך אוים זיך צו שרעקן. אן עופה'לע קינד שרעקט זיך נאָר צו פארלירן דעם גלייכגעוויכט, ארונטער־צופאלן, שרעקט זיך נאָר פון א טומל, פון א קלאפ פון טיר און א. וו. דאָס אלץ. די מאמע לערנט אוים צו שרעקן זיך פאר פינ־

סטערניש, פאר טויטע, פאר מייזעלאך, פאר האָירקע זאכן און א. וו. מען דערציט נישט א קינד, מען ציט נישט ארויס פונם קינד פארלייגטע פעאיקייטן, מען אנטוויקלט נישט דאָס קינד, מען לערנט עס פשוט אויס.

כעס ? דאָס קאָן קומען אָדער פון דעם, וואָס איר האָט דאָס קינד צו שטארק געוויקלט, אָדער פון אן אומבאקוועמער לאגע. זכרון ? דאָס איז "ווערבאליזאציע". מיר ריידן אין ווערטער צו זיך אליין, און חזר'ן איין, לערנען אויס. דערפאר געדיינקען מיר נים קיין פאלן, לערנט וואַטסאָן, וואָס האָבן פאסירט מיט אונז, בעת מיר האָבן נאָך נישט געקאָנט רעדן. מענטשן בייטן זייערע כאראקטער שטריכן, מחמת דעם, וואָס ס'בייטן זיך סטימולן, סביבות און א. וו. וויכטיק איז דאָס, וואָס דער מענטש טוט און האנדלט. לערנט טאקע די שול צו צוקוקן זיך צום לעבן און צו האנדלונגען פון מענטשן און אויף דעם שטודירן !

וואַטסאָן האלט ,אז דער מענטש לערנט דעם גאנצן לעבן. ער לערנט, נים ער ירשנ'ט. ער האָט דרכגעפירט אזא מין עקספערימענט מיט א ווייסער מויז : ער האָט גענומען אן אויסגעהונגערטע מויז און זי ארייננעלאָזן אין א קעסטל־לאבירינט מיט פארפלאָנטערטע וועגן. אויסערן לאבירינט האָט ער אוועקגעלייגט א באַ'טעמ'טן מאכל. 17 מינוטן האָט די מויז שווער געארבעט, ביז זי האָט געטראָפן דעם איינציקן וועג, וואָס האָט זי געפירט צום מאכל. 30 אזוינע עקספערימענטן מיט פארשיידענע לאבירינטן האָט וואַטסאָן דורכגעפירט. מיט יעדן מאָל האָט די מויז געוויזן, אז זי האָט עפעס וואָס געלערנט. דעם 30טן מאָל האָט זי געטראָפן אין 5 סעקונדן. זי האָט זיך אויסגעלערנט פון דערפארונג. מיטן מענטשן איז עס, אויב איר ווילט, לערנט וואַטסאָן, פונקט אזוי, אָבער מיט איין אונטערשייד, וואָס דער מענטש, "לערנט אין קאָפּ" א דאנק זיין זכרון, און דענקונגס כח. ער מאכט א סך עקספערימענטן דורך אין קאָפּ, זעענדיק פאר זיך, אין זיין דמיון סיטואציעס, האנדלונגען און רעזולטאטן. א חיה געדענקט אויך, אָבער קאָן קיין עקספערימענטן נים דורכמאכן "אין קאָפּ", אזוי צו זאָגן.

א קינד וואָס ווערט געבוירן אין א פרימיטיוון שבט האָט אלע פעאיקייטן צו אנטוויקלען זיך פונקט אזוי, ווי א קינד געבאָרן אין איראָפּע, למשל. ווען מען נעמט א קינד פון אזא פרימיטיוון שבט און מען ברענגט עס אריין אין א ציוויליזירטער סביבה, וועט עס, א דאנק דער פעאיקייט צו קריגן דערפארונגען שוין אין דמיון אליין, קאָנען "דעריאָגן" זיין ציוויליזירטן חבר'ל און אפשר איבעריאָגן אפילו. ס'איז ניט דערוויזן געווארן, אז א קינד געבאָרן אין א ציוויליזירטן לאנד זאָל האָבן א רייכערע פּאָטענץ צו דערגרייכן זאכן. דאָס קינד געבאָרן אין א פּרימיטיווער סביבה האָט ניט די געלעגנהייטן, וואָס א קינד געבאָרן אין אן איראָפּייאישער שטאָט. דערפאר האלט וואָטסאָן, אז ווען מען גיט אָפּ א קינד, ערשט געבאָרן אין כינע, אן אמעריקאַנעם טוריסט און פארקערט, א קינד, געבאָרן אין אמעריקע, א כינעזער טוריסט, וועט דאָס אמעריקאנער קינד אויסוואקסן שטארק כינעזיש. אויב איר זעט אין איין שטוב, ביי איין טאַטע־מאַמען איין קינד א "שד" און דאָס צווייטע א "מלאך", איז דאָס א רעזולטאט פון פארשידענע צייטן, און פאר שיידענע סביבות אין דער זעלבער הויז.

איידער איך פארקערעווע אפן פערטן וועג, וועלכן מיר רופן "נמשה־וויסנשאפט", דערלויב איך מיר צו מאכן א פאָר פערזענלאכע באמערקונגען. אין א שיינעם אָוונט, בין איך מיר געגאנגען צו א לעקציע איבער פסיכאָלאָגיע פון פראָפ. שניאורסאָן. געלייענט האָב איך צו יענער צייט געהאט נאָר זיינע: "די ווירקונג פון קאטאסטראָפאלע געשעענישן אויף קינדער", "קאַראהאָד", "חיים גראוויצער" און ארטיקלען אין דער נייער שול. 5 לעקציעס זיינען דאָס געווען און . . .און ישראל בעל שם־טוב האָט זיך פאר מיינע אויגן, ווי אן אויפגעשטאנענער תחית־המתים, אנטפלעקט. אָט שטייט ער, ער, דער רבי אליין, א לעבעדיקער א באוואפנטער מיט אלזייטיקן, מאָדערנעם וויסן פון מענטש און לעבן, און אנטפלעקט פאר מיר א וועלט, אזא נאָענטע, אזא ברייטע, אזא זוניק־געטלאכע. אָט שטייט ער ישראל בעל שם־טוב פון היינט און וועקט און רופט דעם מענטשן צו

פאַרשטיין, אַז דער אמת'ער גן־עדן און דער אמת'ער גיהנום ליגט נישט ערגעץ וואו ווייט — ווייט אין די הימלען, נאָר ביי יעדן מענטשן אין האַרצן ליגט דער דאָזיקער גיהנום, ליגט דער דאָזיקער גן־עדן. אַז די לעצטע קאָנען זיין די ערשטע, אַז דער מענטש איז אומבאַגרעניצט אין זיין פאַלן און אומענדלאַך אין זיין שטייגן, אַז דעם מענטשן ציט תמיד צו הימל, צו ליכט, אַז דער מענטש איז כולו הייליקייט, כולו פראַכט און שיינקייט, און אַז גייסטיקע וויטאַמינען גיסן אריין אין מענטשן לעבנס־לוסט און לעבנס־פרייד. איך זיץ, איך הער, און טראַכט: די קבלה האָט געזוכט דורך פייניקן דעם גוף, דורך אָפּקומען, דורך פאַסטן צו פאַרגעטלאַכן דעם מענטשן, דער חסידיזם האָט גע־זוכט צו פאַרמענטשלאַכן גאָט. די נשמה וויסנשאַפט זוכט צו פאַרשן און צו פאַרשטיין דעם מענטשן אין דעם מענטשן און ווייזט, ווי מענטשלאַך הייליק, און גאַנץ, און האַרמאָניש קאָן זיין דאָס מענטשלאַכע אין דעם מענטשן. די קבלה האָט גע־לערנט, אַז דער מענטש קאָן דורך טרערן, דורך פיין, דורך באַ־העפטן זיך מיט גאָט, זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון א מלאך. דער חסידיזם האָט געלערנט, אַז גאָט דאַרף נישט קיין טרערן, אַז ער דאַרף נישט קיין תפילה, אַז גאָט, דאָס איז גוטסקייט, דערהויבנקייט, רחמנות, מיטגעפיל און מעשים טובים. די נשמה וויסנשאַפט ווייזט אָן אַף וויטאַמינען, וואָס קאָנען אויפוועקן דאָס דאָזיקע מענטשלאַכע, דאָס דאָזיקע געטלאַכע אינם מענטשן.

ב. צ. גאָלדבערג זאָגט, אַז "די מאָדערנע וויסנשאַפט האָט דעם מענטשן צעבראָקלט פסיכאָלאָגיש. די אַנאַטאָמיע האָט דעם מענטשן צעפּיצלט פיזיש, שניאורסאָן, דער שאַפער פון דער נשמה וויסנשאַפט שול, וויל לייזן די פראַגע פון מענטשן אַלס א גאַנצן". יע, די נשמה וויסנשאַפט דערקלערט, אַז א חוץ דעם נאָרמאַל באַוואוסטזיין זיינען פאַראַן אינם מענטשן ספּע־רישע אור־כחות, אינטים שעפערישע און פרימיטיוו דעסטרוק־טיווע, אַז דער מענטש דאַרף נישט געפאַרשט ווערן נאָר פון איין ווינקל, זיינע האַנדלונגען דאַרפן נישט אויסגעטייטשט ווערן, אַרויסגייענדיק נאָר פון איין שטאַנדפּונקט, נאָר מען

דאַרף באַאָבאַכטן די דינאַמישע פיל געשטאַלטיקייט פון מענטשנס נשמה שטראָם. דאָס נשמה לעבן, זאָגט פּראָפ. אַטאָ ליפּמאַן, איז, לויט דער מענטש ווינשאַפט א "אינדיווידועל צוגעפּאַסטער גלייכגעוויכט צווישן פּאַקטישן מעגלאַכן לעבנס־שטייגער און דעם ספּעריש אינערלאַכן דראַנג". פאַראַן, הייסט עס, אין מענטשן א פייערל, וואָס הייבט זיך אָן פאַנאַנדערצופלאַקערן אין לעבן. דאָס דאָזיקע פייערל באַגעגנט אָבער שטערונגען. גליקלאַך איז דער מענטש וועמעס פייערל ס׳קאָן זיך צופּאַסן צו זיין לעבנס־שטייגער, צו זיינע לעבנס־מעגלאַכקייטן.

פּראָפ. שניאורסאָן לערנט אונז, אז זיין מעטאָד איז דער עקספּעדיציע מעטאָד, וואָס "זוכט אריינצודרינגען אין די טיפענישן פון נשמה לעבן און אָביעקטיוו "בעאָבאַכטן" פּסיכישע דערשיינונגען אין זייער געגעבענער פיל־געשטאַלטיקער לעבנס־גאַנצקייט". פּסיכישע וויטאַמינען וועקן און שפּייזן דאָס הערלאַכסטע, וואָס איז פאַרלייגט פון דער נאַטור אויס אין מענטשנס נשמה. אין מענטשן זיינען פאַראַן דרייערליי כחות: אינטימע שעפערישע כחות, וואָס ציען דעם מענטשן אויף אַרויף צום הימל, צו גייסטיקייט און שיינקייט. פּרימיטיוו דעסטרוקטיווע, וואָס ציען אים אויף אַרונטער און דער כח, וואָס ווערט געשאַפן פונם צופּאַסונגס צוואַנג, פונם נאָרמאַל באַוואוסטזיין, וואָס דאַרף שאַפן א שטענדיק וויבראירנדיקן גלייכגעוויכט צווישן די ערשטע צוויי כחות. קאָן דער מענטש זיך נישט געניג הויך דערהויבן פאַלט ער, זינקט ער, ווערט ער נערוועז קראַנק — ביז אים געלינגט צו באַזיגן די שטערונגען. באַזיגט ער זי, ווערט ער געזונט.

פּראָפ. שניאורסאָן ברענגט אונז אייניקע ביישפּילן פון נערוועזיטעטן, וואָס זיינען געקומען אַלס א רעזולטאַט פון נישט קענען געפינען קיין גלייכגעוויכט. לואיזע ליידט פון א שטאַרקער הויט־בייסעניש. ביי דער אונטערזוכונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז ס׳איז נישט קיין רעזולטאַט פון אַן אָרגאַנישער סיבה. זי דערציילט דעם דאָקטאָר, אז זי איז דאָ נישט לאַנג אין לאַנד, זי גיט דאָ צופעליקע פּריוואַטע שטונדן, דאָרטן, אין דער אַלטער היים, האָט זי זיך ליידנשאַפטלאַך אָפּגעגעבן מיט שול אַרבעט.

זי האָט אָנגעשריבן אייניקע טעקסט־ביכער. ס׳ווערט פאַרדעכ־
טיקט, אַז זי ליידט פון דעם דיסאָנאַנס צווישן איר טיף איינגע־
וואָרצלטן ספּעריש אינטימען דראַנג און איצטיקן לעבנס־שטיי־
גער. זי האָט תמיד געהאַט אַ צאַרט עמפּינדלאַכע הויט. איצט
פּירט דאָס צו אַ הויט נעווראָז. דער היילמיטל איז געווען —
בייטן איר לעבנס־שטייגער. זי וואַרפט זיך אַריין מיט אימפּעט
אין אַ וויסנשאַפטלאַכער אונטערנעמונג, און ווערט געזונט.

דער כירורג, דר. פּען (באָסטאָן), האָט נישט געקאָנט אויס־
היילן אַ מוזיקער פון דער זעלביקער קראַנקהייט דורך אַן אָפּע־
ראַציע,מחמת די הויט קראַנקהייט איז געווען אַ סיבה פון אַ
פּלוצלונג אונטערבראָכענער מוזיקאַלישער באַשעפטיקונג. דער
מוזיקער האָט זיך געגויטיקט אין מוזיקאַלישע וויטאַמינען. אַ
ראַדיקאַלע היילונג אין אַזוינע פאַלן איז מעגלאַך נאָר דורך אַ
פּאַסנדיקן אויסגלייך צווישן דעם אינדיווידועל ספּערישן דראַנג
און לעבנס־שטייגער. יעדעס מאָל, ווען ס׳שאַפט זיך אַזאַ ווית־
רוצו נוצט יעדע נייגונג, יעדע עמפּינדלאַכקייט צו אַ וועלכער
עס איז קראַנקהייט, אויס די געלעגנהייט.

שרייבט ב. ריווקין, און מיט רעכט, אַז ״פּראָפ. שניאורסאָן
טוט, וואָס דער באַרימטער אַמעריקאַנער פּסיכאָלאָג, וויליאַם
דזשיימס, האָט אין זיין צייט געטאָן פאַר די קריסטלאַכע מיס־
טיקער. אין זיין בוך ״די פאַרשיידענע מינים פון רעליגיעזע אי־
בערלעבונגען״. פּראָפ. שניאורסאָן באַאַרבעט אין פּסיכאָלאָגי־
שער וויסנשאַפט די רעליגיעזע איבערלעבונגען פון די אידישע
רביים — זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס. ״ער פאַרוואַנדלט
חסידות אין אַ פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט. ער פאַר׳חסידות׳ט
די פּסיכאָלאָגיע״. ״דער חסידיזם האָט געזוכט דעם מענטשן
אינעם מענטשן. שניאורסאָן שטודירט די נשמה פונם מענטשן,
כדי אויסצוגעפינען ווי אָפּצורופן וויפל עס איז דאָ גאון, וואָס
דרעמלט אין יעדן מענטשן; ווי צו מאַכן גרעסער די התלהבות
וואָס טלייעט מיט אַ פאַרשטיקטן פייער אין יעדן מענטשן . . .

״יאָ, שניאורסאָן ברענגט אַריין אין דער פּסיכאָלאָגיע אַ
מאַטעריאַל, וואָס איז ביז אַהער פאַר די ספּעציאַליסטן ניט צו־
גענגלאַך געווען, און אים, שניאורסאָנען, דעם אור־אור־אייניקל

פון לאדיער, און אור־איניקל פון ליבאוויטשער, איז עס אזוי גאַענגט".

ס'איז נישט מעגלאך ברייט אָפּצושטעלן זיך אויף יעדער שול אין פסיכאָלאָגיע. ווען איך טו עס וואָלט עס צו ווייט פאַרפירט. פון מיין ארבעט וואָלטן באדארפט ארויסקומען ווינציקסטנס צען בענדער. דאָס וואָלט געווען, באשיידן גערעדט, וויט איבער מיינע כחות. דאָך וועל איך מוזן דערמאָנען נאָך צוויי שולן, וואָס אָן זיי וואָלט מיין אויפגאבע צו דינען די, וואָס זוכן אן ארייננפיר אין פסיכאָלאָגיע בכלל און קינדער פסיכאָלאָגיע בפרט, געווען ניט קיין פולקאָמענע.

די אנאליטישע־פסיכאָלאָגיע שול, למשל, וואָס יאָנג איז איר פאָטער, לערנט אונז, אז א חוץ אנטי־מאָראלישע אזוי צו זאָגן טענדענצן איז אינם אומבאוואוסטזיין פונם מענטשן אויך פאראן כחות, וואָס ציען דעם מענטשן צו דערהויבנקייט און שיינקייט, אָבער וואָס ווערן פונם באוואוסטזיין אָפּטמאָל פונקט אזויפיל אונטערדריקט, ווי דאָס נישט מאָראלישע, ניט עטישע אין אים. אין דער נשמה פון דעם מענטשן איז פאראן א סך גייסטיקעס, הייליקעס, וואָס באקעמפט דאָס חיה'שע. א חוץ דעם נוצט יאָנג אָט וואָס פאר א מיטל צו דערגרונטעווען זיך צו דעם אומבאוואוסטזיין פון דעם מענטשן. אסאָסיאציע מעטאָד רופט מען דאָס. ער לייענט פאָר פארן פאציענט א גאנצע רייע ווערטער, וואָס קאָנען סטימולירן, ארויסרופן, אויפטויכן אין ענטפער ווערטער, וואָס, ביים אויספאָרשן פארוואָס דער מענטש האָט געענטפערט דווקא מיט די ווערטער און נישט מיט אנדערע, קאָנען אנטפלעקן געוויסע שטימונגען, געוויסע וואונדן אין מענטשנס נשמה. געוויינלאכע ווערטער, ווערטער וואָס האָבן קיין שייכות ניט מיט דער קראנקהייט ווערן געענטפערט גיך, אָן אָפּשטעל, אָן שוועריקייטן, פארקערט ביים ענטפערן אויף ווערטער, וואָס טויכן אויף שייכות'ן צו דער קראנקהייט ווערט דער פאציענט רויט, נערוועז, אויפגערייצט, ער ענטפערט ניט אזוי גיך. ווארפן זיי פארן דאָקטאָר א שטראל ליכט אין וועלכער ריכטונג צו זוכן די קראנקהייט. וויטער לערנט יאָנג ניט צו גריבלען זיך ביים פאָרשן א קראנקן אין דער

לאנגאַניקער פאַרגאַנגענהייט, נאָר זיך נעמען צו דער אומיטל־באַרער קעגנוואַרט.

דעם פּראָפ. יאַנג געהערט אויך די טעאָריע פון אינטראָ־ווערטיזם און עקסטראָווערטיזם. מעקדוגאַל ברענגט אַזאַ בײַ־שפּיל: צוויי ברידער, וואָס אונטערשיידן זיך זייער ווייניק אין עלטער, זײַנען דערצויגן געוואָרן צוזאַמען, אונטער איין און די זעלביקע אומשטענדן, אין איין און דער זעלביקער היים. בײַ־דע לערנען זיך גוט. זײַנען נאָרמאַלע, געזונטע קינדער און גרויסע פרײַנט צווישן זיך. "ע." איז זייער געזעלשאַפטלאַך, ער פאַרברענגט גוט, פילט זיך אומעטום און מיט אַלעמען ווי אַ פרײַנט. ער איז אַקטיוו, לעבעדיק און תמיד אין אַ גוטער שטי־מונג. "אי." איז שעמעוודיק, גייט פאַרברענגען ניט מיט קיין גרויסן חשק, האָט האַלט צו זײַן אַליין, קאָן זיך שווער חבר'ן און איז בכלל גאָרנישט געזעלשאַפטלאַך. ע. איז נאָך קיינמאָל אַליין ניט געגאַנגען אױף אַ שפּאַציר. ער האָט אָפטמאָל אַנטייל גענומען אין פאָרשטעלונגען און האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון אַ טאַנץ. אי. פלעגט אַנטלויפן פון אַזעלכע זאַכן. ע. וויל זײַן זייער שיין אָנגעטאָן, אי. וויל מען זאָל וואָס ווײַ־ניקער קוקן אויף אים. ער זאָל זיך וואָס ווייניקער אָנזען. ע. האָט ליב קאָרטן, מוזיק, קונסט. אי. האָט ליב טיפקייט פון פּאָעזיע, געפילפולע פּאָעזיע. וואָרדסוואָרט איז זײַן ליבלינג . . . ניט נאָר דאָס, ער שרײַבט אַליין פּאָעזיע. ער האָט ליב נאַטור וויסנ־שאַפט, לייענט שטודירט אַ סך. ע. האָט ניט ליב זיך אָנצו־שטרענגען, האָט ליב גרינגע אויבנאויפיקע זאַכן. ע. קאָן גרינג אויסדריקן זײַנע געפילן. אי. דריקט אין זיך, ער איז שטיל און לעבט שווער איבער פּראָבלעמען. ע. פליט פון בלום צו בלום און נעמט פון אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך. טראַכט נישט וועגן דעם מאָרגן. אי. פאַרקערט, טראַכט וועגן דעם זין פון לעבן, פילט דעם וועלט שמערץ, איז ערנסט אָפט פאַרטראַכט. די צוויי ברי־דער, זאָגט יאַנג, אונטערשיידן זיך, מחמת איינער האָט גע־ירש'נט אַביסעלע עקסטראָווערטיזם, דער צווייטער אינטראָ־ווערטיזם. און אָט פאָרן זיך די צוויי טיפּן פאַנאַנדער. און כאָטש ס'איז ניט מעגלאַך שאַרף צו קלאַסיפיצירן מענטשן לויט זייער

כאראקטער, קאָן מען דאָך אָבער זיך פאָרשטעלן אָט די צוויי טיפּן, ווי צוויי קעגנגעזעצטע פּאָליוסן, וואָס יעדער מענטש איז, אַזוי אָדער אַנדערש, אין אַ געווינן זין, נעענטער צו דעם אָדער יענעם טיפּ.

כאראקטעריסטיש איז אויך דער צוגאַנג פון דער אַנאַלי־טישער שול צום פּראָבלעם פון חלומות. ביי פרוידן איז אַ חלום אַ רעאַליזירונג פון אַ אונטערדריקטן פאַרלאַנג. ביי אַדלערן איז אַ חלום אַ צוגרייטונג צו אַ וועלכן עס איז ציל, אַ פאָרשפּיל. ביי יאָנגן אין אַ חלום אַ דערהויבן בילד פון אַ פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד פון אַ מענטשן, אין וואַך צייט.

מ׳קדוגל ברענגט אַזאַ חלום: אַ פּאַטער זעט אַ געפערלאַך גרויסן אָקס מיט אַן אויסערגעוויינלאַך אַנטוויקלטן געשלעכטס אָרגאַן. אַן אַלטע פרוי קלייבט זיך צו שעכטן דעם אָקס. זי שניידט פון אים שטיקער. דעם פּאַטערס דריי זין שטייען דער־ביי. דער פּאַטער גיט זיי אַ צייכן זיי זאָלן אַוועק, מחמת ער האָט מורא דער אָקס זאָל ניט ווילד ווערן. וואָס קאָן מיינען אַזאַ חלום? ס׳איז נישט קיין צוגרייטונג און נישט קיין אונ־טערדריקטער פאַרלאַנג. יעדער פּאַטער איז פול מיט שרעק פאַרן גורל פונם זון, ווען ס׳קומט די צייט פון רייף ווערן. דער אָקס סימבאָליזירט סעקסואַליטעט, דער גרויסער געשלעכטס אָרגאַן סימבאָליזירט די לאַסט, די משא, דעם גרויסן יאָך, וואָס סעק־סואַליטעט ברענגט מיט זיך. דאָס צעשניידן דעם אָקס דריקט אויס דעם געדאַנק, אַז דאָס לעבן וואָלט באַדאַרפט באַפרייט ווערן פון די סכנה׳ס, וואָס סעקס ברענגט מיט זיך. דער שרעק, אַז דער אָקס זאָל חלילה נישט ווילד ווערן דערקלערט די זאָרג פון דעם פּאַטער, די געשלעכטס געפילן זאָלן זיך נישט צעשטור־מען אַזוי שטאַרק, אַז זיי זאָלן ניט צעברעכן דאָס לעבן פון די קינדער. דווקא דאַרף דעם אָקס שעכטן אַן אַלטע פרוי, דער סימבאָל פון די היטערן פון מאָראַל. אָט האָבן מיר אַ חלום מיט אַ דערהויבענעם געדאַנק, וואָס האָט זיכער געפּייניקט דעם פּאַ־טער אין וואַך צייט.

די 5טע שול, די געשטאַלט טעאָריע (קריסטיאַן פאָן ערענ־פעלז, קאָפקע און קעלער) לערנט, אַז מען דאַרף נישט נאָר די

עלעמענטן פון וועלכע עס ווערט צענויפגעשטעלט דאָס פּסיכישע לעבן שטודירן, נאָר יעדע איבערלעבונג דאַרף געפּאַרשט ווערן אין איר גאַנצקייט. א פיגור, א געביידע, א ניגון איז ניט נאָר א סומע פון עלעמענטן, נאָר עפּעס וואָס נייעס, עס טראָגט אין זיך א געשטאַלט, עס האָט אין זיך א נשמה. גיט איר צו א טאָן צו א ניגון גיט איר צו אן עלעמענט צו א פיגור, שטעלט איראיבער די זעלביקע עלעמענטן באַקומט זיך אן אַנדער ניגון, אן אַנדער געשטאַלט, אן אַנדער נשמה. פּאַרשן און באַטראַכטן דערשיינונגען אלס גאַנצע לערנט די געשטאַלט טעאָריע.

פּראָפ. שניאורסאָן גיט אזא דערקלערונג וועגן דער געשטאַלט טעאָריע : "ווען מיר ווילן באַנעמען, למשל, דאָס וועזן פון א שיינעם קלייד, קאָנען מיר עס דערגרייכן אויף פאַרשיידענע אופנים. מיר קאָנען באַשטימען די "עלעמענטן", אָדער די איינצעלנע פעדים, פון וועלכע דאָס גאַנצע קלייד באַשטייט און באַקומט זיין עקזיסטענץ. זיידענע, וואָלענע אָדער אַנדערע פעדים וועלן, פאַרשטייט זיך, פאַרלייען דעם קלייד א פאַרשיידענעם אויסזען. ביי א ווייטערער באַטראַכטונג, וועט מען אָבער מוזן איינזען, אז דאָס קלייד ווערט כמעט קיינמאָל ניט געמאַכט פון איינצעלנע, נאָר פון "געוועבטע" פעדים אָדער מאַטעריע (קלייד־שטאָף). מאַטעריע איז אָבער ניט בלויז א סכום פון צונויפגעוואָרפענע פעדים, נאָר א "געוועב" פון געוויסער פאָרם אָדער "געשטאַלט", וואָס באַשטימט דעם אויסוואַל און דעם סכום פון די פעדים, ווי אויך דעם אופן פון זייער פאַרוועבונג. וואָס פאַר א געוועב (אָדער מאַטעריע) מ'וויל מאַכן, אזוינע פעדים און אזא סכום פון זיי וועט מען אויסוויילן, און אויף אזא אופן וועט מען זיי פאַרוועבן. דאָס געוועב איז, הייסט עס, ניט בלויז דער סכום פון די באַנוצטע פעדים, וועלכע באַקומען דאָך ערשט געשטאַלט דורך און אין דעם געוועב. נאָך מער, יעדער איינצעלנער פאָדים פאַר זיך באַקומט "זיין" כאַראַקטער דורך דער אויפגעקומענער געשטאַלט; אין א פּלאַנטער פון פעדים אָדער אין א געוואַנט וועט יעדער איינצעלנער פאָדים דאָ און דאָרטן האָבן אן אַנדערן כאַראַקטער (פּלאָנטער־פאָדים אָדער געוואַנט־פאָדים). מיט איין וואָרט, ניט די איינצעלנע פעדים, נאָר די פון

זיי אויסגעוועבטע מאטעריע באשטימט דאָס אויסזען פונם קלייד. ביי ווייטערער באטראכטונג זעט מען אָבער קלאָר, אז אויך דאָס קלייד גופא איז ניט בלויז א סומע פון צונויפגעוואר־פענער מאטעריע (קלייד־שטאָף). נאָר די דאזיקע מאטעריע "ווערט" ערשט צוגעשניטן און פאָרמירט דורך און לויט דעם צוזאמענשטעל פון דעם גאנצן קלייד. וואָס פאר א קלייד מען וויל מאכן — (ארבעטס־קלייד, עסט־קלייד, ראָק, ווינטער־מאנטל און א. וו.) אזא מאטעריע און אזא מאָס פון איר מוז מען אויס־ויילן און אויף אזא אופן מוז מען אָט די מאטעריע צושניידן און אויפנייען. פארשיידענע שטיקער מאטעריע, וואָס זיינען פאר זיך איינצעלנע געשטאלטן, פאָרמירן זיך "אנטשיידנדיק" ערשט אין דער בילד גאנצקייט פון קלייד, וואו יעדער שטיקל געוואנט, באקומט זיין "אייגענעם" אויסזען לויט פלאץ פון פונקציע (ארבל, פאָלע, לאץ און ד. ג.) ניט די געשטאלט פון דער מאטע־ריע באשטימט דאָס קלייד, נאָר די פונקציאָנעלע "בילד" גאנצ־קייט פונם קלייד באשטימט דאָס אויסזען פונם גאנצן קלייד און זיינע חלקים: פון דער זעלבער מאטעריע קאָן מען מאכן פאר־שיידענע קליידער, אָבער אין יעדן קלייד "מוז" די מאטעריע אנטשיידנדיק צוגעשניטן ווערן לויט בילד און פונקציע פונם קלייד".

יעדעם פאָדים האָט אן אנדער פנים, אן אנדער אויסזען, וואָס עס באקומט פונם ארט, אָדער פון דער גאנצקייט. יעדער געוועב. יעדעם בלימעלע אין געוועב האָט אן אנדער נשמה, וואָס עס קריגט, מחמת עס געפינט זיך דאָ און ניט דאָרטן. יע־דער עלעמענט וואָס טראָגט צו צו דער גאנצקייט, קריגט פון דער זעלביקער גאנצקייט זיין נשמה. סתם פאָרשן עלעמענטן פון נשמה, דיינקט די שול, האָט קיין זינען ניט. מען דאַרף זי פאָרשן אין איר גאנצקייט.

איך בין זיך משער, אז פרץ האָט קיין ידיעות איבער דער געשטאלט טעאָריע ניט געהאט, דאָך געפינען מיר אייניקע גע־דאנקען אין זיין גלגול פון א ניגון, וואָס קאָנען אונז געבן א באגריף וועגן דער דאזיקער טעאָריע. די נשמה, הייסט עס, איז אין דער גאנצקייט פון א ניגון.

"נעמט א ניגון און צעשניידט אים, זינגט אים קאַפּויר, כאַפּט פריער ארוים די מיט און דערנאָך זינגט די התחלה מיטן סוף. נו, האָט איר א ניגון? בסך־הכל האָט איר אלע קולות, עס פעלט אייך קיין איינציקער טאָן ניט, נאָר די נשמה איז ארוים! איר האָט א לעבעדיקע ווייסע טויב געקוילעט און אונטערן מעסער איז ארוים די נשמה.

"עס איז געוואָרן א מת, א בר־מנן פון א ניגון!"

די געשטאַלט טעאָריע האַלט, אַז יעדער שטריך אין מענטשנס נשמה באַקומט זיין קאָליר, זיין פּנים פון דער גאַנצקייט פון דער נשמה פון דעם אָדער יענעם מענטשן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ר' ישראל בעל שם־טוב איז אַמאָל געגאַנגען אָנקוקן קונצן, וואָס א קונצנמאַכער האָט דורכגעפירט. דער קונצנמאַכער האָט איבערגעצויגן איבערן ברייט פון טייך א שטריק, און איז איבערן שטריק געגאַנגען. אַז מען האָט ישראל בעל שם טוב געפרעגט ווי קומט עס צו אים, זיך אינטערעסירן מיט א קונצנמאַכער, האָט ער געענטפערט: "איך בין געגאַנגען אָנקוקן און זען, ווי אַזוי א מענטש גייט דאָס איבער א טיפן אָפּגרונט. כ'האָב געקוקט און געטראַכט: ווען דער מענטש וואָלט אַזויפיל אַרבעטן איבער זיין נשמה, וויפל ער האָט געאַרבעט אויפן גוף, איבער וואָס פאַרא טיפע אָפּגרונטן וואָלט זי, די נשמה, געקאָנט אַריבערגיין אויף דעם דינינקען שנירעלע פון לעבן" (ש. אנסקי).

האַלט אָבער דר. לואיס בערמאַן, אַז וויפל דער מענטש זאָל ניט אַרבעטן איבער זיך וועט עס אים קליינע נוצן ברענגען. די דריזן אינעם מענטשנס קערפּער דעצידירן, האַלט ער, דעם כאַראַקטער פונם מענטשן.

ער האַלט, אַז "דער גורל פון מענטשנס פעאיקייט הייגנט אָפּ פון דעם אופן, ווי אַזוי עס פונקציאָנירן די פאַרשיידענע דריזן אין זיין קערפּער, אַז געפילן, שטימונגען, ניואַנסן, ענערגישקייט, אַקטיוויטעט, אופן פון אויסדריקן זיך, סעקסואַליטעט און א. וו. ווערן באַשטימט פון די טיראָאיד, פּאַראַטאָיראָאיד,

פיטואיטארי, אדרענאל, סעקס און אנדערע דריזן. זיי גיסן אריין זייער סאָק, וועלכן זיי פּראָדוצירן פון די פארשיידענע שפּייזן, וואָס דער מענטש עסט, אין די בלוטן און ווירקן".

מען האָט דורכגעפירט א סך עקספּערימענטן, דורך וועלכע מען האָט אויסגעפונען די ווירקונג פון דריזן אויף דער פּער־זענלאכקייט. ער, דר. בערמאַן, האַלט, אז דאָס אָפּטיילן אזוי צו זאָגן קערפּער פון נשמה, פלייש פון כאראקטער, בלוט פון פּער־זענלאכקייט האָט דער מענטשהייט אין משך פון טויזנטער יאָרן געבראַכט א סך ליידן, צרות און אומגליקן.

זעט איר שוין, ליבע מוטער, זעט איר שוין, ווי טיף דעם מענטשנס נשמה איז — יעדן ערשטן טאָג ראש השנה גייען די רעליגיעזע אידן צו תשליך. מען קערט אוים די קעשענעס און מען שיט אוים די זינד . . . וואָלט דאָך געדאַרפט זיין א סוף, אן עק. ערשט, הויבט זיך גאָר נישט אָן. דעם זעלבן אָוונט און אויף מאָרגן האַלט מען אין איין וויינען און בעטן מחילה, קומט יום־כפור — ווידער אמאָל. א סברא, אז אונזערע זיידעס האָבן פארשטאַנען, אז די זינד אין הארצן קאָן מען אזוי גרינג נים ארויסוואַרפן, מען דאַרף זיי "אויסברענען" מיט בלוט פון הארצן. מען דאַרף זיי "ארויסווייטיקן". זיי זיינען טיף־טיף פאר־ליינט, נים אזוי גרינג צו צוקומען צו זיי. "איינגעגעסענע" "שלאַנגען" זיינען זיי.

דריטער בריוו

ליבע מוטער, כאָטש מיר ריידן די גאנצע צייט וועגן דעם קינד, אָדער האָבנדיק אין אויג דאָס קינד, דאָך וועל איך דעם בריוו, ליבע מוטער, ווידמען נאָר און אויסשליסלאך דעם קינד.

אויב אין דעם ערשטן בריוו האָב איך, לויט מיינע מעג־לאכקייטן, אייך אָנגעוויזן אף די צרות, וואָס זיינען שוין גאָר קיין "צרות" ניט, אף די צרות, וואָס ברעכן און בויגן דאָס קינד, וואָס די רעזולטאטן זיינען אָפטמאָל פאטאלע; און אויב אין דעם צווייטן בריוו האָב איך אייך, מוטער, אריינגעפירט אין דעם ענין פסיכאָלאָגיע בכלל, וועלן מיר אין דעם בריוו זיך דורכשמועסן וועגן די פּראָבלעמען, וואָס רעדן פון דעם קינד איין און אליין.

ניט פון היינט פאָרשט מען, וויל מען פארשטיין די נשמה פון קינד. פארזוכן זיינען געמאכט געוואָרן אָן א צאָל אין אלע צייטן און אין אלע דורות. מיר געפינען גענוג אָנדייטונגען, ווי זיך צו באציען צום קינד, אין די סאמע עלטסטע ספרים, פון אלע פעלקער און אלע ראסן.

דערציילט אונז די לעגענדע, אז גאָט איז אזש אויפגע־שפרונגען פאר פרייד און נחת פון זיין משה'ן, ווען ער האָט דערזען ווי הארציק און ליב, מיט וואָס פאר א מיטגעפיל משה האָט זיך באצויגן צום דארשטיקן שעפעלע. "וויי צו מיר", האָט משה געזאָגט צום שעפעלע, "נישט געוואוסט האָב איך, אז דו ביסט אזוי דארשטיק, אומזיסט זיך געיאָגט און געטריבן. איצט ביסטו נעבאך מיד, קום אויפן אקסל, וועל איך דיך נעמען און צוריק אָפּטראָגן".

גאָט מאכט שפּעטער משה'ן פארן פירער פון פאָלק, פארן טאטן פון פאָלק, ווייל ער, משה, האָט רחמנות געהאט אויף א שטומער צוג, אויף א שעפעלע. סימבאָליזירט דען נישט די דאָזיקע לעגענדע, סיגנאליזירט דען נישט די דאָזיקע לעגענדע, אז נאָר דער איז א פאָטער, אז נאָר דער קאָן זיין א פירער, א

דערציער, נאָר דער, וואָס קאָן אין זיך האָבן א סך ליבע, א סך רחמנות און פארשטענדעניש צום "שטומען צונג". צום עופּה־לע. ליבע איז דער גרעסטער אוצר און דער בעסטער מיטל צו דערציען א פאָלק, א פּשוטא שוין צו דערציען א "שטומע צונג", א שעפעלע, א קינד.

דערציילט אונז ווייטער די לעגענדע, אז גאָט ווערט שטארק באגייסטערט און באשטימט דוד'ן פארן פירער פון פאָלק, מחמת זיין באציאונג צו די שעפעלאך. "דוד פלעגט פיטערן זיינע ערדן שאָף אזוי אויסגערעכנט, אז יעדן פון זיי זאָל אָנקומען אזא פיטער, ווי פאר אים בעסער און געזינטער. צום אלעם ערשטן פלעגט ער ארויספירן נאָר די אינגסטע, אָך־צייניקע נאָך שעפעלאך, זיי זאָלן אָפּעסן דאָס אויבערשטע פון גראָז, דאָס ווייכסטע, דאָס גרינגסטע צו קייען". — סימבאָליזירט דען נישט די דאָזיקע לעגענדע, אז קינדער דארף מען געבן נאָר צוגעפּאס־טע, פאר "זייערע ציינדעלאך", גייסטיקע שפּייז?

סימבאָליזירט דען נישט ווידער אמאָל אברהמ'ס צעברעכן זיין טאטנס געטער, אז צעברעכן א טאטנס אידעאָלן איז פאר א זון קיין פארברעכן נישט. פארקערט, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אברהם האָט געטאָן זיין טאטן אזא עוולה, איז ער א גאָר נאָענטער פריינט מיטן רבונו של עולם. גאָט רעכנט זיך מיט אים, גאָט גיט אים א טיטול, א "ה" צום נאָמען זיינעם, א לאָרד טיטול, א "קיי.סי.", אף היינטיקן לשון, רחמנא לצלן.

סימבאָליזירט דען נישט די לעגענדע וועגן משה'ן, וואָס אפן פּנים ביי אים זיינען פארבליבן אלע סמנים פון זיין אמאָ־ליקער בייזקייט, נארישקייט, כבוד־זוכעניש און א. וו., סימ־באָליזירט דען נישט די דאָזיקע לעגענדע, אז מען קען אויס־ברענען, אָפּטעמפּן שלעכטע מדות דורך ווענדן דעם קינדס ענערגיע אין א געזונטער ריכטונג?

הונדערטער לעגענדעס פון אלע פעלקער און אלע ראסן זאָגן עדות, אז די פראגע פון דערציאונג איז געווען א בלוטיק־ערנסט פּראָבלעם, נאָך אין די אור־אלטסטע צייטן.

די ערשטע פארזוכן אָבער, ווי אזוי וויסנשאפטלאך צוצו־קומען צום קינדס נשמה, זיינען געמאכט געוואָרן ערשט מיט 3

הונדערט יאָר צוריק. אזוי האָט דזש. אַ. קאמינאוס אין זיין "שול פון קינדהייט", וואָס ער האָט פארעפנטלאכט אין 1628, אָנגעוויזן אויף דער וויכטיקייט צו אקטיוויזירן דאָס קינד, צו פאראינטערעסירן און אריינציען אין א וועלכער עס איז ארבעט.

מיט א 50 יאָר שפּעטער קומט ארויס לאָקע מיט זיין נאַטירלאכן מעטאָד פון דערציאונג מיט זיין קאמף קעגן שארפער דיסציפּלין, מיט זיין ווארנונג ניט איינצופלאנצן אין דעם קינד אבערגלויבנס. ער איז אויך געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט גערעדט וועגן גע'ירש'נטע, וועגן פארלייגטע, נאטירלאכע נייגונגען אינם קינד. נאָך זיי טרעט ארויס זשאן זשאק רוסאָ, אין 1726, מיט זיין "עמיליא", אין וועלכער ער ווייזט אָן, אז דאָס וויכטיקסטע דארף זיין וועקן דאָס מענשלאכע אינם קינד, אז סביבה, אז אומשטענדן זיינען דער שטארקסטער פאקטאָר פאר דער פאָרמירונג פון קינדס נשמה, אז דורך ארבעט, דורך דינען דעם קינד אלס א ביישפּיל, דורך ברייינגען אונזער לעבן נעענטער צו דער נאטור, דורך געבן דעם קינד, וואָס מער פרייהייטן, קאָן מען דערציען א מענטש, וואָס זאָל זיין א כבוד פאר דער מענשהייט, וואָס זאָל זיין א גליק פאר זיינע מיטמענשן, וואָס זאָל אליין פילן פרייד, און געניסן אין דער פולסטער מאָס פונם לעבן.

נאָך רוססאָ קומט פעסטאָלאצי מיט זיין געדאנק, אז ארבעט האָט א מאָראליזירנדיקע ווירקונג אפן קינד. "ארבעט און לערן" איז געווען זיין געבאָט. די ארבעט און דאָס לערנען דארף אָבער זיין נאָענט צו די נויטן פון לעבן. פעסטאָלאצי האָט געהאלטן, אז דער מענטש איז א פּראָדוקט פון דער ארבעט, וואָס ער טוט. פעסטאָלאצי איז אויך דער ערשטער, וואָס האָט, אין משך פון א געוויסער צייט, באאָבאכטעט זיין קינד און פארשריבן יעדן ריר, יעדע באוועגונג פון קינד. זיין "טאָג בוך פון קינד" איז דער ערשטער פון דעם מין. אין 1828 האָבן מיר שוין פרעבלס אידייע פון א קינדער גאָרטן פארן קינד. פרעבל האָט געהאלטן, אז א קינד דארף דערצויגן ווערן דורך פרייע שפּילערייען, און דורך געזעלשאפטלאכן צוזאמענלעבן אין א קינדער סביבה. ער האָט געלערנט אז פריינטשאפט, לי-

בע, חבר׳שאפט, זעלבסטקאָנטראָל, מוט קאָנען אַנטוויקלט ווערן אינעם קינד דורך אקטיוויטעטן, וואָס וואַקסן אַרויס שעפעריש און פריי (שעפעריש און פריי!) פונעם קינד אַליין (פונעם קינד אַליין!).

אין 1840 האָט טשאַרלס דאַרווין געפירט אַ טאָג בוך און פאַרשריבן זיינע באַאָבאַכטונגען איבער זיין קינד. צווישן די שורות זינגט אַרויס זיין האַרציקע ליבע צום קינד, איינער פון די כאַראַקטעריסטישסטע שטריכן פון דעם גרויסן פאָרשער און גאון. היפּאָטעטיש איז ער געווען פאַראינטערעסירט אויסצופאָרשן דעם קינדס זכרון, שכל און מאָראַל. ס׳וואָלט גענומען צופיל פלאַץ אויסצורעכענען אַלע די, וואָס האָבן זייער צייט און זייערע לעבנס אָפּגעגעבן צו שטודירן, צו פאָרשן דעם אַנטוויקלונגס גאַנג פונעם קינדס גייסטיקן און פיזישן לעבן. אָנהייבנדיק פון די לעגענדעס, דורך די נביאים, דורך די גריכישע פילאָזאָפן, ספּעציעל פּלאַטאָ, וואָס האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ סך היינטיקע געבאָטן אין דערציאונג, דורך די פערסישע און אינדישע נביאים ביז אַ דזשאָן דיואי פון היינט, האָט די מענטשהייט דערגרייכט זייער אַ סך און . . . און דאָך זיינען מיר נאָך גאַרנישט ווייט אָפּגעשוואומען פונעם ברעג ים, וואָס מיר רופן דעם קינדס נשמה. אמת, מיר טאַפּן שוין ניט אין דער פינסטער, מיר האָבן שוין אַן אויסגאַנגס פּונקט. מיר זעען שוין דעם וועג, מיר פילן שוין אָפּן האָריזאָנט דעם פאַר׳כישוף׳טן פּלאַץ — דעם קינדס נשמה. און כאָטש אַ סך אמת׳ן פון היינט וועלן פאַרלירן דורך אמת׳ן פון מאָרגן, וועט אָבער איין אמת אייביק לויכטן — און דאָס איז, אַז דער וועג צום קינדס נשמה דאַרף געפּלאַסטערט ווערן נאָר מיט ליבע און גרייטקייט. און ס׳איז קיין וואונדער נישט "דאָס קינד איז דאָך דאָס שענסטע, דאָס הערלאַכסטע בלום פון מעשה בראשית, דאָס קינד איז דאָך דער סימבאָל פון הימלשער ליבע און הייליקייט, וואָס איז ווערט מען זאָל עס ליבן און פאָרשן". (סטענלי האָל).

אונזערע מאַמעס און טאַטעס ברייינגען גרויסע קרבנות פאַר זייערע קינדער. אונזערע מאַמעס און טאַטעס ווייזן אַרויס גרויסע ליבשאַפט, דאָס איז אמת. אָבער דאָס מיינט נאָך נישט, אַז

זיי ווייזן ארוים גענוג פארשטענדעניש אין דעם פראָבלעם פון דערציאונג. אונזערע מאמעס און טאטעס האָבן דאָס רוב א וואונדערבארן צוגאנג צום קינד. זיי האלטן די קינדער אין איין טיילן אויף "שדים" און "מלאכים". זיי פארטראכטן זיך נישט וועגן דעם קוואל פון דער דאָזיקער "שדיש'קייט" אָדער "מלאכ'ישקייט" און ווייסן נעבאך נישט, אז אין דעם "מלאך" ווערט אפשר געהאלטן אף קייטן א "שד", וואָס וועט זיך סוף-כל-סוף אָפרייסן, און פארשלעפן דאָס קינד אין דעם פינסטער-סטן אָפגרונט. דאָס וועט געשען אפשר נאָר דערפאר, וואָס מען האָט אים, דעם "שד", צו לאנג געהאלטן אויף קייטן, און אויף אזא אופן געשפייזט מיט גאל און רציחה, וואָס האָט זיך איצט א גאָס געטאָן ווי אין א מבול. זיי ווייסן אויך נעבאך נישט, אז אָט דער "שד", וואָס נייטראליזירט דורך זיין "שלעכטקייט" דאָס "שד'ישע" אין זיך, וועט אפשר אמאָל זיין אן אמת'ער מלאך.

מאמעס און טאטעס ווייסן נעבאך דאָס נישט, און פרייען זיך מיטן "מלאך" און וויינען פונם "שד". און ס'איז קיין וואונ-דער נישט. מאמעס און טאטעס זעען נאָר פון אויבן, זעען נישט טיף, זיי זעען נאָר רעזולטאטן, און פארטראכטן זיך נישט אי-בער סיבות. וויפל קינדער ווייזן ארוים נערוועזישקייט, וויפל קינדער זיינען אומרואיק, וויפל קינדער צינדן, גנבה'נען, ברעכן און שטעכן, לערנען זיך נישט גוט, רייסן און בייסן, טוען אָן צרות און דאָך . . . ווען די עלטערן וואָלטן זיך געקאָנט דער-גרונטעווען צו די סבות פון דער "שלעכטסקייט" פון זייערע קינדער, וואָלטן זיי דערזען, אז די דאָזיקע קינדער וואָלטן, ביי אנדערע אומשטענדן אָדער ביי אן אנדער מזל, געווען גאָר אנ-דערע. וויפל קינדער ווערן פון אונז פאררעכנט פאר מלאכים ניט ווייסנדיק זייערע חלומות, זייערע פארלאנגען, וויפל קינדער ווערן פון אונז פאררעכנט פאר מלאכים ווייל זיי קאָנען זיך צוימען, ווייל זיין קאָנען אונטערדריקן אויף א ווייל דאָס "שד'ישע" אין זיי, אמת, פאר א שווערן פרייז, וועלכן זיי וועלן שפעטער אמאָל מוזן צאָלן. יאָ, מיר זעען נאָר פון אויבן.

דערציילט אונז דר. טהאָם א פאַל מיט א קינד, עדוארד. "עס איז 2½ יאָר אלט, עס האָט אַן אומגעצאַמטן טעמפּעראַמענט, עס שלאָגט זיך, עס וויל תמיד דאָס, וואָס דער עלטערער ברודער האָט, עס איז תמיד אומרואיק און בייז. זיין ברודערל טשארלס איז א שטיל קינד, גאָר א פיין קינד. פאָטער און מוטער פירן אָבער אָפט צווישן זיך מחלוקת. די מוטער זאָגט, אז טשארלס, איר עלטערער זון, איז א "באָס". אז ער דאָמינירט, אז ער שלאָגט זיך, און אז מען קאָן אים קוים קאָנטראָלירן, ווען ער גייט ארוים פון די כלים. זי דערשרעקט זיך אזש פאר זיין שטורמישן טעמפּעראַמענט, ווען ער איז קראַנק. איז ער אָבער געזונט, איז ער ווי א טייבעלע. דעמאָלט האָט ער פאר דער מוטער אזוי שטאַרק מורא, אז עס הייבן אים אָן צו ציטערן הענט און פיס, ווען זי וואַרפט אויף אים א בייזן בליק. עדוארד האָט שלעכטע מאנדלען (טאָנסלס), אדענוידס, האָט אייניקע פארגרעסערטע דריזן, דער פאָטער זייערער איז א שיכור. ער קומט אהיים נאָר שלאָפן. זיי וואוינען ביי דער באַבען. טשארלין ווערט צוגעשריבן, אז ער האלט מיטן פאָטער, דערפאר פילט ער זיך טאַקע ניט זיכער, אומבאַהאָלפן, ווי אין א פיינטלאַכער סביבה. עדוארד פארקערט פילט זיך זיכער, ער ווייסט, אז די מוטער וועט אים ארויסהעלפן, אז זי וועט אים פארטיידיקן, אז זי וועט זיין אויף זיין זייט. אָט האָט איר אייך א "מלאך" און א "שד". מיר קאָנען מיט אונזערע האנדלונגען פון א "שד" "ארויסקוועטשן א "מלאך" און פארקערט. האָט מען אוועקגענומען עדוארדן פון שטוב איז ער געוואָרן אַן אַנדער קינד. אוים קאַפּריזן, אוים טעמפּעראַמענט אויסברוכן, מחמת נישטאָ לעבן אים די מוטער, וואָס פלעגט מיט אירע האנדלונגען דערציען איז עדוארדן א "טעראָריסט" און פון טשארלין א "מלאך". צייט צו וויסן אזוינע זאכן.

האָט זיך אמאָל א קינד פאר מיר פארטרויט, אז עס ליידט פון דעם, וואָס די מוטער איז צו פריינטלאַך צו א געוויסן מענטשן, וואָס קומט צו זיי אין שטוב אריין. "ס'מאַכט מיך פשוט קראַנק. כ'פלעג מיט אזא פרייד גיין אין א קינאָ טעאַטער. כ'פלעגט מיט אזא פרייד דערוואַרטן א שול קאָנצערט, כ'פלעג

מיט פרייד גיין אין שול, אָבער איצט . . . כ׳קאָן אפילו ביי־נאכט רואיק ניט שלאָפן". גוט וואָס דאָס דאָזיקע קינד איז געווען אַן עקסטראַווערט טיפּ, דאָס מיינט, א קינד, וואָס קאָן אויסדריקן געפילן, וואָס קאָן זיך אָראָפּריידן פון הארצן, און אויף אזא אופן נייטראליזירן א טייל פון דעם ווייטיק. וואָלט אָבער דאָס קינד געווען אַן אינטראָווערט טיפּ, א קינד וואָס דריקט אין זיך, וואָלט אזא קינד אנטלאָפן פונם צער, וואָס האָט אים געדריקט אין דער וועלט פון פּראָטעסטן און קראַנק־הייטן. אזא קינד וואָלט געוואָרן א שלעכט קינד, א "שד" און די מאמע, די מאמע וואָלט זיכער באדויערט און געשטוינט ווי קומט עס וואָס איר "מלאך" איז געוואָרן אזא "שד".

קומט א מאמע און דערציילט מיר, אז איר חנה׳לע איז אן אמת׳ע מרשעת. חנה׳לע פאָלגט נישט, חנה׳לע שלאָגט אנ־דערע קינדער, חנה׳לע איז פויל, חנה׳לע האָט תמיד סכסוכים, זי איז תמיד אומצופרידן, זי ענטפערט שאַרף, מיט גאל, זי איז אן אמתער "סם־המות". דערפאַר איז אָבער איר יאנקעלע א גאָלד, א בריליאנט, ער פאָלגט, ער איז שטיל, באשיידן, רו־איק, צופרידן, ער לערנט זיך גוט, קורץ אן אמת׳ער "מלאך". "זעט" טענה׳ט די מוטער, "זעט, איין טאטע־מאמע האָבן די קינדער געהאט, די זעלביקע היים, די זעלביקע סביבה און דאָך איז איין קינד א "מלאך" און דאָס צווייטע א "שד". אדרבא, דערקלערט מיר, ווי קומט עס?" גייט און דערציילט דער מו־טער, אז דוקא דער "שד" איז אין שול א "מלאך" און דוקא איר "מלאך" איז אין שול א "שד" — ס׳איז ארויסגעוואָרפענע אר־בעט, זי וועט זיך ניט וועלן אפילו צוהערן. זי וועט אייך פשוט ניט גלויבן. פּרובירט דערציילן דער מוטער ווי שיין, ווי אמת איידל און חבר׳יש איר חנה׳לע איז אין שול, זי וועט אייך אָנ־קוקן מיט א סארקאסטישן בליק: "און דאָס איז א לערער, א דערציער! איך, א פּראָסטע מאמע, זע מער פאר אים, זע מער פאר דעם דאָזיקן לערער, וואָס פּרעטענדירט צו פארשטיין קינ־דער". איך פּרוביר ריידן צו דער מוטער. "אפשר האלט איר אין איין לויבן יאנקעלען, אפשר ווייזט איר חנה׳לען ארויס א געוויסע "שנאה", אפשר איז איר שלעכט זיין א פּראָטעסט קעגן

אייערע אומגערעכטיקייטן קעגן איר. אפשר איז זי קראנק?" "וואָס רעדט איר? ווי קאָן דאָס א מוטער פיינט האָבן א קינד?" "יאָ", ענטפער איך איר. "יאָ, טייערע מוטער. פאראן אזא זאך ווי שנאת חנם. מאָלט אייך, אז אין אייער קינד איז פאראן א שטריך, וואָס מאכט אייך נערוועז. אָדער וואָס דערמאָנט אייך אפשר אָן אייער שווינער, וועלכע איר האָט נישט אזוי ליב . . . אפשר דערמאָנט דער דאָזיקער שטריך אייך אומבאוואוסטזיניק א פאסירונג, א בילד, וואָס איז אייך דערווידער. די דאָזיקע דערווידערקייט קאָן זיך אריבערטראָגן אפן קינד, וואָס פאר־מאָגט דעם דאָזיקן, נים אנגענעמען פאר אייך, שטריך. וואָס טויכט אויף אין אייך א וואונד. איר מעגט אפילו נישט וויסן, און דאָס רוב ווייסט מען טאקע נישט, וואָס איז עס אָט דאָס, וואָס נערווירט אייך, וואָס איז עס אזוינס אין דעם קינד, וואָס דערמאָנט אייך, וואָס טויכט אויף פון די טיפענישן פון אייער נשמה, וואָס וועקט אין אייך אויף א לאנג פארגעסענע וואונד. אייער קינדס קול, קינדס גאנג, אָדער אייער קינדס העוויה, עפעס וואָס אינם קינד האלט אייך אפשר אין איין "דערמאָנען" אָן דער ערשטער אומגליקלאכער אפשר ליבע אייערע. אָן דער ערשטער אנטוישונג אייערע, טויכט אפשר אויף א לאנג פאר־געסענעם טראגיש־וויטיקדיקן עפיזאָד, און מחמת דאָס קינד האָט געבאך דעם מזל צו זיין די אומשולדיקע "אויפטויכערן", די אומשולדיקע "דערמאָנערן", צאָלט עס פאר דעם. איר האָט ליב אייער קינד, איר האָט עס נים פיינט, חלילה, ניין, פאר קיין פאל נישט. אָבער דאָך רעדט איר צו איר אין אָן אויפגע־רעגטן טאָן, מיט כעס און דאָס רופט ארויס אין קינד א שטורעם פון פראָטעסט. איר זייט ביידע נים שולדיק, אָבער דאָס קינד איז דאָך אוודאי און אוודאי נים שולדיק. און ווייל איר ענט־פערט אפשר אייער חנה׳לען נים אזוי איידל ווי יאנקעלען, און ווייל איר האָט אפשר צו איר מער טענות ווי צו יאנקעלען, און ווייל איר צערטלט אפשר יאנקעלען, און חנה׳לען קיינמאָל נישט, קלייבט זיך, ליבע מוטער, אָן אין חנה׳לען כעס, גאל און פארדרוס, פראָטעסטירט זי אומבאוואוסטזיניק. איר רופט אומ־באוואוסטזיניק ארויס געפילן פון אייפערזוכט. די דאָזיקע גע־

פילן פירן דאָס קינד אין דער וועלט פון תמיד'דיקער צערייצטקייט און טעמפּעראַמענט אויסברוכן.

זעט אקאַרשט, טייערע מוטער, צי איז ניט די גאנצע גוטסקייט פון אייער יאַנקעלען אן אויסגערעכנטער, א גוט באצאָלטער ענין. ער ווערט דערהויבן אפן חשבון פון חנה'לעס שלעכטקייט, און וויל אַנהאַלטן זיין פּאַזיציע. מיר דערוואקסענע פארטיידיקן אָפטמאָל מיט פויסטן, אונזערע פּאַזיציעס, באוואוסטזיניק. קינדער טוען עס אומבאוואוסטזיניק. כ'האָב מורא, אז די גאנצע צרה ליגט אפשר אין דעם. וואָס אייער חנה''לען פעלט זון, פעלט ווארימקייט, פעלט ליבע. אייער חנה'לע וועט אמאָל צו טייער צאָלן פארן וואקסן אין א קאלטער פאר איר אטמאָספערע. ווייסט איר, מוטער, אז דער גורל פונם קינד הייגנט אָפּ אָן די באציאונגען צווישן מוטער און קינד?

דערציילט אונז די לעגענדע, אז עשיו איז געווען א ווילדער, א שלעכטער, א גראָבער נפש, א בייזער, אלץ וואָס אין קאָרט שטייט. און נישט נאָר דאָס. די לעגענדע דערציילט אויך אז ווען עשיו פלעגט אריין צום פּאָטער פלעגט זיך מיט זיין אריינקומען עפענען אן אמת'ער גיהנום. יצחק'ן פלעגט זיך אויסווייזן, אז דער גיהנום ברענט, און אז עשיו הייצט אים מיט פעך און שוועבל. ווייטער דערציילט די לעגענדע, אז עשיו האָט פון קיין מוטער ליבע ניט געוואוסט. אפשר ווייזט די לעגענדע אונז א טיפּ פון א מענשן, וואָס אין אים ברענט שוועבל און פעך, מחמת ער איז געוואקסן אָן ווארימקייט, אָן א שמייכל, און אָן זון שטראלן פון מוטער ליבע? אפשר פלעגט ביי זיין אריינקומען זיך עפענען א גיהנום, ווייל פול מיט גיהנום איז עשיו געווען, עס האָט אין אים געברענט און גע'שרפה'ט אויס פראַטעסט, ווי עס ברענט אין דער נשמה פון אייער חנה'לען. יאָ, ליבע מוטער, איז דער "שדיש'קייט" פון א קינד איז מער פאר אלץ שולדיק די היים. קינדער, לערנט אונז אדלער, וואָס האָבן ניט גענאָסן גענוג מוטער ליבע, זיינען גענייגט צו פילן זיך מינדערווערטיק . . . און וועגן די סכנות פון אזוינע געפילן האָבן מיר שוין גענוג גערעדט. די דאָזיקע געפילן קאָנען אוועקפירן דאָס קינד גאָר ווייט. 75 טויזנט מענטשן קומען

יאָר־איין יאָר־אויס אריין אין די הייזער פון גייסטיק קראנקע
אין די פאראייניקטע שטאטן. וויפל פון זיי זיינען קרבנות פון
מאמעס, וואָס כאפן זיך נישט אין צייט כדי צו צוימען
זייער "שנאה" ? איבער דער טיר פון א סך טורמעס איז
אָנגעשריבן, אזוי זאָגט מען : "לאָז איבער אלע דיינע האָפע־
נונגען הינטער זיך". געגנוג ביטער צו לייענען אזא אָנזאָג. טוי־
זנט מאָל טרויעריקער און בלוטיקער איז מאמעס און טאטעס,
ווען זיי ברייגנען א קינד אהין, וואו די האָפנונג איז אויסגע־
לאָשן, איידער נאָך מען איז אריבערגעטראָטן דעם שוועל. איז
דען מעגלאך משיג צו זיין אזא אומגליק ! און קומען, קומען
אָפט אָט די דאָזיקע טראגעדיעס פון קלייניקייטן, אָפטמאָל פון
זען זאכן נאָר פון אויבן. מוטער־ליבע, נישט קיין איבערגעטריי־
בענע, איז ווי טוי, ווי זון שטראלן פארן קינד. וואָס פאר א בליי־
מעלע, מוטער, מאָלט אייך, וואָלט אויסגעוואקסן, ווען עס
וואקסט אָן זון און אָן ווארימקייט ? די מאמע גייט אוועק אָן
אנטוישטע. זי האָט דערוואַרט, אז דער לערער זאָל בארעכטיקן
איר טעראָר קעגן חנה'לען, איר מיינונג וועגן חנה'לען, מחמת
אומבאוואוסטזיניק פילט זי אליין איר אומגערעכטע באציאונג
צום קינד און זוכט אן אָנשפאר. איך קאָן חנה'לען, איך זע זי
אָפט. די חנה'לאך האָבן מיך אָט וואָס געלערנט. זיי האָבן מיך
געלערנט, אז אמת, סאָציאליזם איז א וויכטיקער ענין, דער
וויכטיקסטער געבאָט פון אונזער צייט, אָבער ס'זיינען פאראן
שטילע טראגעדיעס, האָבן זיי מיך געלערנט, וואָס קאָנען נישט
ווארטן, פאראן נשמה'ס וואָס קאָנען געראטעוועט ווערן גלייך,
איצט, אין דער איצטיקער געזעלשאפט. מיר האָט בלוטיק וויי
געטאָן, ווען די דאָזיקע חנה'לע האָט אין אן אינטימען שמועס
מיט יאָרן שפעטער מיר א זאָג געטאָן : "איך געדיינק יענע
צייט, איך געדיינק די צייט, ווען מיין מאמע פלעגט האלטן
אין איין מסר'ן אויף מיר. אמאָל האָס איך מיין מוטער, און
אמאָל האָב איך אויף איר רחמנות. איך פארשטיי זי. עפעס
וואָס האָט געביטערט אין איר נשמה, זי האָט געמוזט אויס־
גיסן דעם גאל אירן, נו, האָט זי דאָס אויסגעגאָסן אויף מיר. איך
האָב אזוי געביינקט נאָך ליבע. מיין בייגקשאפט איז נאָך מער

געשטארקט געוואָרן פון מיין מוטערס טעראָר, און איצט . . . האָב איך באצאָלט מיט דער דאָזיקער בענקשאפט, וואָס מיין מוטער האָט צעפלאקערט אין מיר. איך האָב געמיינט ער ליבט מיך, אָבער ער האָט צעבראָכן מיין לעבן און זיך אָפגעקערט . . . איצט זוכט ער משמעות אן אנדער קרבן . . . איך וויים, קיינער ליבט מיך נישט, קיינער באמערקט מיך נישט, אָבער ס'איז קיין וואונדער נישט. א טיפער צער ליגט אויסגעגאָסן ביי מיר אויפן פנים. כ'ווייס. א מין טרויער, א מין פארצווייפלונג, אפשר נאָך פון יענע טעג, ווען כ'פלעג שטוינען, ווי אומגערעכט און בייז צו מיר מיין מוטער איז געווען. — יאָ, א טרויער ליגט אויסגעגאָסן אויף מיין פנים. רעדט מיר ניט איין. כ'זע, אז מען שיינקט מיר נאָר א "נדבה", אז מען שיינקט מיר נאָר אביסעלע אויפמערקזאמקייט. אוים רחמנות טוט מען עס. יאָ. ס'איז געווען א רחמנות אויף מיין מאמען, אָבער מיר איז אויך נישטאָ וואָס מקנא צו זיין". שטאָפּן מאמעס מיט באנאנעס, מיט אייער לאך זייערע קינדער, האלטן מאמעס אין איין וועגן און מעסטן זייערע קינדער. שטראלן מאמעס פאר פרייד, ווען א קינד נעמט צו וואָג. פארוואָס זאָלן אָבער מאמעס ניט פארשטיין, אז מער ווי אלץ נויטיקט זיך א קינד אין געדולדיקייט, אין רואיקייט, אין פריינטשאפט און אין ליבע מצד דער מוטער. אז האס, און כעס און געשרייען, און אונטערדריקונגען דערנידעריקן דאָס קינד און צעשטורמען אינם קינד אליידנשאפטלאכע בייינקשאפט נאָך אויפמערקזאמקייט און ליבע, וואָס קאָן שפּעטער זיין טויט־סכנה'דיק פארן קינד. איך קאָן נישט אוועק פון דער שטימונג און פון דעם טרויער, וואָס האָט ארויסגעקרעכצט פון חנה'לען. ווי ווייטיקדיק עס איז, אז אזוי דארף רעדן א קינד, וואָס וואָלט באדארפט זיין פול מיט לעבנס לוסט און לעבנס פרייד.

און יאנקעלע? יאנקעלע האָט א זאָג געטאָן אין קעגנווארט פון דער מוטער, ווען זי האָט באמערקט, אז ער איז אין כאראקטער זייער ענלאך צו איר: "עפּעס וואָס מוז דאָ ניט גלאט זיין מיט מיר, אויב איך בין ענלאך צו דיר". וואָס פארשטייט איר דאָ נישט. די מוטער איז, ווי יעדע מוטער, פול געווען מיט

מאמעשקייט געפילן. דאָס גיסן גאַל אויף איין קינד האָט אי־
בערגעבויגן צו שטאַרק דעם שטעקן פון ליבע פאַרן צווייטן קינד.
פון דעם איז געקומען יאַנקעלעס צעפּעשטשעטקייט. יאַנקעלע
קאָן שוין איצט זיין אָפן. ער דאַרף שוין איצט שווער ניט אַר־
בעטן זיך צו צוימען, כדי צו זיין בעסער פאַר חנה׳לען. חנה־
לע, זיין קאָנקורענטקע, איז שוין אומהיילבאַר שלעכט. און יאַנ־
קעלעס כאַראַקטער? ניט צו לעבן פון אים. וועגן וואָס ער זאָל
ניט רעדן איז ער, ער און ער . . . תמיד זעט איר אין זיין פּנים
דעם באַקאַנטן סאַרקאַסטישן שמייכל "עך מיר אַ מענטש, ער
ווייסט אויך עפּעס!" יעדערער איז, ביי אים, ניט ווערט, וואָס
די ערד טראָגט אים. יאַנקעלע קלייבט זיך תמיד אויס חברים
איבער וועלכע ער זאָל קאָנען הערשן, וואָס זאָלן אויף אים
אַרויפקוקן. זיין גיין, זיצן, רעדן ניט נאָר דאָס, יעדע תנועה
זיינע איז אויסגערעכנט, ס׳זאָל אויסדריקן גרויסקייט. און פויל
איז ער, און עגאָאיסטיש, אַזש ס׳נעמט אָן אַ שרעק. זיין פאַר־
אַכטונג צו יעדן, וואָס האָט ניט געניג בילדונג איז פול מיט סם.
קורץ אַ מענש, איבער וועלכן מען מעג רייסן קריעה . . .

אין פלוג גענומען אַ קליניקייט, אַביסעלע צופיל ליבע צו
איין קינד און "טעראָר" צום צווייטן, אָבער קוקט זיך צו צו די
צוויי קינדער! ס׳האַרץ וויינט. און די מאַמע האָט דאָך גוט
געמיינט. וועגן די באַציאונגען צווישן דעם ברודער און שוועס־
טער איז אָפּגערעדט, מען האָט זיך אמת׳דיק פיינט, אפילו
היינט.

זאָלן אָבער טאַטעס און מאַמעס דאָס דאָזיקע אָננעמען פאַר
אַ דין מסיני, וועט ווידער ניט טויגן. פאַרביסנקייט און פאַר־
ריסנקייט פון קינדער קומען ניט נאָר פון דעם, וואָס עלטערן
שיטן אויס צופיל זון שטאַרלן אויף איין קינד און בלאָזן צו־
פיל קאַלטע ווינטן אויפן צווייטן קינד — ס׳זיינען אויך פאַראַן
צענדליקער און הונדערטער אַנדערע סיבות, וועגן וועלכע מירן
שפּעטער רעדן.

האָבן זיך, אַט למשל, אַ פאָטער און אַ מוטער געהאַלטן
אין איין קלאָגן אויף דער עלטערער מיידל זייערער: "דאָס איז
אַ ברוטאַלע עגאָאיסטן. וואָס רעדט איר, ס׳זאָל קומען אהיים

און געפינען א פלאש מילך וועט עס אויסטרינקען די גאנצע פלאש, מיט דער איינציקער כוונה, ס'זאל גארנישט בלייבן פאר די אנדערע קינדער. ס'איז תמיד צערייצט. ס'ווארפט זיך אפי־שלאגן דער מאמען. לייגט עס אוועק די האנט אויפן גראמאפאן, וועט עס שפילן. איר וועט ניט פועל'ן ס'זאל ארונטערנעמען, סיידן איר וועט אפהאקן ס'האנט. ווערט עס אין כעס קאן מען עס פשוט ניט איינשטילן, עס ברעכט, און שטעכט, און שרייט שעה'ן לאנג. לעצטע וואך האט א שכנ'ס א מיי־דעלע איר געזאגט א שלעכט ווארט. וואס מיינט איר האט מיין שרה'לע געטאן? ס'האט אויסגעבראכן אלע שויבן און איבער א שעה צייט אפגעשטאנען ביים שטוב פון דער שכנה שילטנ־דיק און זידלענדיק. עס איז בשום אופן נישט געווען מעגלאך עס אריינצונעמען אין שטוב אריין. "פארגיט עס אייער קינד", האב איך א זאג געטאן, "אייער קינד לעבט איצט איבער א גיהנום. עס האט ערשט איצט זיך דערוואוסט, עס האט ערשט איצט דערפילט די טראגעדיע אירע. עס שטאמלט. ס'וויל אנט־לויפן פון זיך. ביז ס'וועט זיך צוגעוואוינען צו דער "צרה", היט עס, זייט עס מוחל, רינגלט עס ארום מיט א סך ליבע, היילט דאס שטאמלען, וועט די האפנונג אויסגעהיילט צו ווערן עס בארואיקן. לערנט עס פיאנא שפילן, לערנט עס מאלן, טאנצן, געפינט א קאמפענסאציע אויפן חשבון פון שטאמלען, און אייער "שד" וועט ווערן א מלאך. דאס קינד האט זיך בארואיקט, זיך צוגעוואוינט צו דער "צרה", ס'האט דערזען, אז די "צרה" איז גארנישט אזא "צרה", עס האט געפונען א קאמפענסאציע, עס איז תמיד די ערשטע אין אוניווערסיטעט. ס'וואקסט און עס איז צופרידן.

אגב מעג א פאטער און א מוטער אויך וויסן, אז אויב דאס שטאמלען איז נישט קיין רעזולטאט פון א שרעק, פון א פראטעסט, נים קיין רעזולטאט פון א נערוועזיטעט, איז זייער ראטזאם צו לערנען דעם קינד לייענען פאעמלאך, אזוי ווי ציילנ־דיק די ווערטער, צוזינגענדיק אביסעלע, רעדן וואס העכער, טאן היים ארבעט אין דער הויך, רעדן, קוקנדיק אין שפיגל, כדי זיך אפצעגעוויינען פון גרימאסן. שטעלט ניט ארוים אזא קינד צו

רעדן אין קעגנווארט פון פרעמדע, שטרייכט ניט אונטער, אז ס'טוט אייך וויי, אז איר האָט אַ סך זאָרג פון זיין שטאַמלען, דערמוטיקט עס. האַלטנדיק, אַז זיין רעדן וועט פון טאָג צו טאָג קלאָרער. אויב ס'איז אַ גרעלינקער קינד, לאָזט די זאַך אי־בער צו דער נאַטור, צווינגט ניט שרייבן דווקא מיט דער רעכ־טער האַנט, לערנט אים טראַכטן וועגן דעם קלאַנג פון וואָרט, איידער עס רעדט אויס. ניט שלעכט איז אויך דורכצופירן אַף אַזאַ אופן שמועסן: דאָס קינד זאָל אָנשרייבן דעם ערשטן אות פון יעדן וואָרט, וואָס ס'וויל אַרויסרעדן און אַזוי שמועסן. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די אמת'ע סיבה דאַרף אָן אויפהער גע־זוכט ווערן, אַז איבער־מידקייט, צערייצטקייט דאַרף פאַרמידן ווערן, אַז דאָס קינד דאַרף אָפּט אונטערזוכט ווערן פון אַ דאָק־טאָר. דאָס קינד מעג דווקא ניט וויסן, אַז איר פירט עס צום דאָק־טאָר צוליבן שטאַמלען. אייער פאַרבינדונג און קאָאָפּעראַציע מיטן דאָקטאָר מעג פאַר אים זיין אַ סוד, כדי עס זאָל ניט פילן, אַז זיין שטאַמלען לאָזט אייך ניט רוען. וואָס רואיקער איר זייט אַלץ געזינטער איז עס פאַרן קינד.

ווען איך באַגעגן די פאַרצווייפלטע עלטערן פון דעם אויבנ־דערמאָנטן פאַל קלייב איך נחת פון דעם נחת וואָס זיי האָבן היינט פון זייער אַמאָליקן "שד".

ווען מאַמעס און טאַטעס וואָלטן תמיד צוגעגאַנגען צום פּראָבלעם "שלעכט", צום פּראָבלעם "שד" פונם שטאַנדפּונקט, אַז דאָס דאַזיקע איז אַ סיגנאַל, אַ קראַנקהייט, אַ פּראָטעסט, אַז דאָס דאַזיקע איז נאַטירלאַך פּונקט ווי עס איז נאַטירלאַך, אַז ווען איר גיסט אָן אין לאָמפּ קעראָסין און צינדט אים אָן זאָל עס ברענען, וואָלטן אַ סך ליידן און טראַגעדיעס אויסגע־מידן געוואָרן.

טענה'ט צו מיר אַ מאַמע: "וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין משה'לען. ער האַלט אין איין שלאָגן קינדער. איך פיל, אַז ער האָט פון דעם גרויס פאַרגעניגן. אַז ער לויפט אַריין אין שטוב אַ צופרידענער, ווייס איך שוין, אַז ער האָט עמיצן אָנגעשלאָגן". שרעקט זיך ניט, מוטער, זאָג איך, ס'איז אַ נאַטירלאַכע דער־שיינונג צווישן קינדער. ער וועט קיין גזלן נישט אויסוואַקסן.

אמת. ס'איז אייך נישט אנגענעם. כ'פארשטיי. ס'איז אויך נישט באקוועם דער מוטער פון דעם "קרבן", וואָס קריגט די קלעפּ, און זיכער איז עס גאָר נישט באקוועם דעם "קרבן" אליין, אָבער עס איז א נאטירלאכע דערשיינונג. אויסמיידן אזוינע סקאנדאלן קאָנט איר נאָר, ווען איר וועט פאראינטערעסירן אייער קינד מיט אזוינע טעטיקייטן, וואו אים זאָל נישט אויסקומען בייצושטיין דעם נסיון פון שלאָגן. א קינד לעבט איבער א פעריאָד פון וועלן שלאָגן, ס'זאָל יענעם ווי טאָן. ס'האָט גוואלדיקן פארגעניגן פון דעם. גוט ווען א קינד לעבט נאטירלאך איבער דעם דאָזיקן "סאדיסטישן" פעריאָד. ווען דאָס דאָזיקע געפיל ווערט אָבער אונטערדריקט, ווען די ענערגיע ווערט ניט אָפּגעווענדעט אין אן אנדער ריכטונג, וועט עס שפּעטער, דעם גאנצן לעבן, האלטן אין איין ארויסרייסן זיך פון דעם אומבאוואוסטזיין, וועט דאָס דאָזיקע געפיל געבן א געוויסן קאָליר זיינע האנדלונגען אויף פארשיידענע געביטן. שלאָגן, פּייניקן, אָנטאָן ווייטיקן זיינען נישט קיין סאדיסטישע, אין פּאָפּולערן זין פון וואָרט, געפילן ביים קינד, דאָך איז דאָס סאדיזם. שרעקט זיך נאָר נישט, מחמת דאָס דאָזיקע געפיל איז פונקט אזוי נאטירלאך פארן קינד, ווי למשל, דאָס געפיל פון מעזאכיזם. א קינד האָט גרוים הנאה פון דעם, וואָס עס ליידט אליין. עס זוכט דעם דאָזיקן פארגעניגן. עס וועט, למשל, חדשים און חדשים וויינען און קלאָגן, זיך בעטן מען זאָל אים קויפן א געוויסע מתנה. די עלטערן ווייסן, אז ס'איז אויסגעשלאָסן, אז ס'איז ניט מעגלאך צו באפרידיקן זיין פארלאנג. ס'איז איבער די כחות. זיי וועלן די מתנה ניט קאָנען קויפן. אָבער, אז זיי זעען, אז דאָס קינד צערט זיך פשוט אייך, אז עס צאנקט ווי א ליכט, אז ס'גייט אויס, שטריינגען זיי זיך אָן, און מען ברייננגט עס דעם קינד. ווי דערשטוינט אָבער ווערן די עלטערן, ווען זיי באמערקטן, אז דאָס קינד איז גאָרנישט אזוי איבערראשט. אז ס'פרייט זיך גאָרנישט אזוי שטארק, ווי זיי האָבן דערוואַרט. וואָס פארשטייט איר דאָ ניט ? די מתנה האָט איצט פונם קינד אוועקגערויבט די פרייד פון ליידן, ס'האָט גוואלדיקע הנאה געהאט פון די ליידן, פון דער בענקשאפט.

אָפּטמאָל שרעקן זיך עלטערן, וואָס קינדער "שפּרינגען" פון ליבע צו האַס, פון פריינטשאַפט צו כעס, פּונקט ווי אין א "קדחת". אזוי שפּרינגען אויך קינדער פון סאַדיזם צו מעזאָכיזם און פאַרקערט. די "מלאכים" ווערן "שדים" און די "שדים" ווערן צוריק "מלאכים", זיי בייטן זיך צען מאָל א טאָג. דאָס קאָן מען גאָר פּשוט דערקלערן. דאָס געפיל פון שרעק, למשל, ווי אלע אנדערע געפילן, ווערט באַגלייט פון א פיזישן פּראָצעס. פיזיש איז שרעק א קאָנדענסירטער פּראָצעס פון גרייטן זיך צו אנטלויפן. כעס, למשל, א קאָנדענסירטער פיזישער פּראָצעס פון קאַמף. ביי א כעס מערקט מען די זעלבע מוסקול באַוועגונגען, קאָנדענסירט ווי ביי א פיזישן קאַמף. האַס איז א קאָנדענסירטער מאָרד. ליבע, א קאָנדענסירט ארומנעמען. געפילן זיינען קאָנדענסירטע, קורצע, ניט פאַרן אויג באַמערקבאַרע, מוסקול באַוועגונגען. ביי א כעס ווערט א מענטש אָפט אָפּגעגאָסן מיט שווייס, ער ווערט רויט אין פּנים. די צירקולאַציע פון בלוט הייבט אָן פאַרשנעלערט צו ארבעטן, ער ווערט מיד ווי פון אן אמת'ן געשלעג. און ס'איז קיין וואונדער נישט, ער האָט דאָך טאַקע קאָנדענסירט דורכגעמאַכט דעם פּראָצעס פון געשלעג. נו? פאַלט א מענטש אָן אויף א מענטשן און שלאָגט אים אָן, נייטראַליזירט ער זיין כעס, און באַרואיקט זיך. זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס נייטראַליזירן זייער כעס אזוי ווייט, אז זיי פאַרגיבן אינגאַנצן דעם שונא און הייבן אים אָן צו ליבן. ס'איז א געוויינלאַכע דערשיינונג, אז מענטשן זאָלן, נאָך א געשלעג, אָדער נאָך א שאַרפן "שמועס", ווערן גאָר גרויסע פריינט. זיי מיינען, אז דאָס דורכריידן זיך האָט געבראַכט פאַרשטענדעניש, אז נאָכן דורכריידן זיך האָבן זיי דערזען זייער טעות. זיי וואָלטן אָבער צו דעם אויספיר נישט געקומען ווען זיי נייטראַליזירן נישט זייער שנאה דורך כעס. וואָס אין דער אמת'ן האָבן זייערע מוסקולן קאָנדענסירט דורכגעמאַכט בעת'ן כעס, די באַוועגונג פון א געשלעג. א פּשיטא קאָן מען ווערן גאָר גוטע פריינט נאָך אן אמת'ן געשלעג. האָט זיך פאַר מיר באַרימט א מענטש, אז כדי ער זאָל קאָנען אלעמען ליב האָבן, טוט ער אזוי, ווען ער פילט א פאַרדראָס אף עמיצן, שטעלט ער זיך פאַר

אין פאנטאזיע, ווי ער זידלט יענעם אָן, ווי ער דערלאַנגט אים קלעפּ. גלייך דערזעט ער יענעמס פּנים פול מיט ליידן, דאָס דאָזיקע רופט אין אים ארויס א רחמנות געפיל, און זיין כעס פאַרשווינדט. דער דאָזיקער פּריינט מיינער ווייסט נעבאך נישט, אז ער שפּילט אויס די סצענע פון געשלעג, וואָס נייטראַליזירט זיין ווייטיק. דער איבערגאנג, די שפּרונגען קאָנען דערקלערט ווערן אויפן פאָלגנדיקן אופן: א מוסקול, למשל, וואָס זיין עובדה איז אויפצוהויבן א האנט ווערט קעגנגעשטעלט פון א מוסקול, וואָס ציט די האנט אויף אראָפּ. דאָס דערמעגלאכט פּאמעלאכערע באוועגונגען און גלייכגעוויכט. פּאמעלאך אויפצוהויבן די האנט, פּאמעלאך אראָפּלאָזן זי, זי באלאנסירן און א. וו. כעס ווערט קעגנגעשטעלט דורך ליבע; שרעק דורך זיכערקייט; מאָרד דורך פארגעבונג, אין דעם ליגט דער סוד פון איבערגאנג פון כעס צו ליבע, פון האס צו פארגעבונג און א. וו. ביי קינדער איז דער פּראָצעס נאָך א שארפערער. ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך, אויב אָבער דער פּראָצעס ביים קינד איז אן אויפפאלנד שארפער, קאָן עס זיין א סיגנאל פון א נעווראָז. אָבער די עצם שפּרונגען דארפן אונז ניט שרעקן. ס׳איז א געוויינלאכע דערשיינונג. אין פאמיליע לעבן טרעפט זיך גאָר אָפט, אז נאָך א מחלוקה, נאָך א קריג, נאָך א "מלחמה", רחמנא לצלן, זאָל זיך צעשפּילן די ליבע, דאָס לעבן זאָל אוועק ווי ביי טייבעלאך. אפשר ליגט אין דעם דער סוד. פארוואָס רוסישע פויערטעס פלעגן האלטן אז א מאַן, וואָס שלאָגט ניט זיין פרוי, ליבט זי ניט. אפשר האָבן זיי אין זייער אומבאוואוסטזיין מער געביינקט נאָך דער ליבע, וואָס צעשפּילט זיך און צעשטורעמט זיך, און וואָס פאָלגט נאָך די קלעפּ, ווי נאָך די עצם קלעפּ . . .

זעט איר שוין, טייערע מוטער, וויפל "שלעכט" עס ליגט אין שלאָגן זיך. סאיז נאטירלאך פארן קינד "אויסצולעבן" זיינע נאטירלאכע פאר אים סאדיסטישע געפילן, די געפילן פון גרויסן פארגעניגן פון אָנטאָן א חבר ווייטיקן, פונקט ווי נאטירלאך ס׳זיינען די געפילן פון ווען אליין ליידן ווייטיקן.

"קאָן עפּעס וואָס דיסציפּלין העלפן?" פרעגט איר. דיסציפּלין, ליבע מוטער, איז א בלוטיקער בייטש פאר דער נשמה פון

קינד. דיסציפלין דאָס זיינען בלוטיקע קייטן, וואָס עסן זיך אריין אין נשמת פון קינד ווי א זשאווער און צעפרעסן זי. אינם קינד קאָן איינגעפלאנצט ווערן דרך ארץ צו די עלטערן, אין דעם קינד קאָן איינגעפלאנצט ווערן דער באוואוסטזיין, אז די על־טערן זיינען תמיד גערעכט. אָבער ווען? ווען זיי זיינען טאקע גערעכט, ליידער זיינען עלטערן זעלטן גערעכט . . . ווען די עלטערן זיינען באמת ערלאך, אויפריכטיק צום קינד, אָבער ווען? ווען די עלטערן גיבן אויך צו, ווען זיי זיינען ניט גע־רעכט, ווען די עלטערן קאָנען איבערצייגן דעם קינד. לעניך, וואָס האָט געהאלטן, אז אין דיסציפלין פון דער פארטיי ליגט לעבן און טויט פון דער רעוואָלוציע, האָט אָבער געלערנט, אז דיסציפלין טאָר נישט ארויפגעצוואונגען ווערן, אז דיסציפלין דארף ארויסוואקסן פון דעם באוואוסטזיין פון די מאסן, פון זייער גלויבן, פון זייער איבערצייגן זיך, אז די פירער זיינען תמיד גערעכט. אנדערש וועט דיסציפלין ברייגען אומגליק. אויב דיסציפלין דארף ארויסוואקסן, אויב געהאָרכזאמקייט דארף מען פארדינען, אויב דיסציפלין דארף מען פלאנצן, דארף מען נערן און פלעגן, אויב דיסציפלין דארף ניט און טאָר ניט ארויפגע־צוואנגען ווערן אין באצוג צו דערוואקסענע, א פשיטא טאָרן מיר אים ניט ארויפצווינגען אויף קינדער. אמת׳ע דיסציפלין קאָן ארויסוואקסן נאָר פון גרויסן דרך־ארץ, נאָר פון טיפער ליבע. קוקט זיך צו צום לעבן פון חיות.

ביים וואָלף איז די זי־וואָלף די באלעבאָסטע, זי איז די פי־רערן, אירע קינדערלאך פאָלגן ביים קלענסטן ריר אירן. דאָס פאָלגן איז ניט קיין פועל היוצא פון ברוטאלער דיסציפלין. אין קיין פאל ניט. פון שטראָפן ווייסט א מוטער וואָלף און א קינד וואָלף בכלל ניט. זי, די מוטער, איז מער אין דער היים. דערציענדיק אירע קינדערלאך באגעגנט זי זיך מיט א סך סי־טואציעס, דאָס דאָזיקע לערנט איר, מאכט איר אינטעליגענ־טער, שטעלט איר אוועק העכער. זי קוקט זיך צו צום לעבן און שפילן פון די׳ קינדערלאך מיט גרויס אינטערעס. אגב האָט זי פאר דעם געענוג צייט . . . זי דארף ניט "סקראָבן" די מעבל . . . גיין צו טיים און א. וו. די קינדערלאך קוקן זיך צו מיט וואָס

פאַר אַ דרך־ארץ דער פאָטער באַציט זיך צו דער מוטער, באַציען זיי זיך מיטן זעלביקן רעספּעקט צו איר און צאָלן מיטן זעלביקן דרך־ארץ דעם פאָטער פאַר זיין איידלקייט און פיינקייט! יעדער פאַרשטער ווייסט פון דעם. די דיסציפּלין איז אַ געזונטע, אַ נאַטירלאַכע און ניט קיין ברוטאַלע. די מוטער שפּילט ניט מיט די קינדערלאַך. זי ליגט נאָר און קוקט זיך צו צום שפּיל און מישט זיך אריין, מאַכט דאָ און דאָרטן מיט אַ וואונק באַמערקונגען. אפשר איז ביי זיי אַזאַ מזל ברכה, ווייל די מאַמעס רעדן ניט אַזויפיל, מוסר'ן ניט אַזויפיל . . .

ס'טרעפט, אַז די קינדערלאַך ווערן עלטער און לאָזן זיך אוועק ווייט, ווייט, אינסטינקטיוו אָבער "דערהערן" זיי דער מוטערס רוף און קומען גלייך. ספּעציעל ווינטער. ווינטער קומט זיך צענויף די גאַנצע משפחה, אויב זי איז נאָר געבליבן גאַנץ. יעגער, וויסנשאַפט מענטשן און פאַרשער וואָלטן אייך קאָנען דערציילן צענדליקער פאַלן פון רירנדיקע צאַרטקייטן צו דער מוטער מצד דעם פאָטער, מצד די קינדערלאַך און פאַרקערט.

ביי אונז אָבער, אַז דער פאָטער איז פול אָנגעפּראָפּט מיט עגאָאיזם, אַז דער פאָטער איז תמיד גערעכט און הערשט; ביי אונז אָבער, אַז די מוטער האָט תמיד טענות צום מאַן (אָפּט מיט רעכט), אַז די מוטער איז תמיד אומגליקלאַך, איז תמיד "אַנדערש" פון איר מאַן; ביי אונז אָבער, אַז דאָס קינד זעט אַזויפיל "אחדות", אַזויפיל "אייניקייט", אַזויפיל "דרך־ארץ" אַרום און אין שטוב, לערנט עס זיך!

כהאָ'ב ביינעוואוינט ווי מאַניטאָבאַ אוניווערסיטעט האָט זיך געזעגנט מיטן פּרעזידענט. מען האָט אים אוועקגעשטעלט, צוגעטשעפּעט צום לאַץ אַ מעדאַל, און געגעבן אַ דאָקטאָר טיטול, ס'האָבן זיך געגאָסן לויב געזאַנגען, און אונטער דונערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן, האָט ער אָפּגעדאַנקט פאַרן כבוד.

ביי אונז איז "פּונקט אַזוי" : פּונקט אַזוי, ניט אַף אַ האָר אַנדערש. פאַרלאָזט אַ פּרינציפּאַל, אַ לערער, אַ פּרעזידענט פון אַן אָרגאַניזאַציע זיין אַמט, שטעלט מען אים אוועק, און מען גיסט אים אָפּ מיט . . . "פּאַמויניצעס". אונטער ציין קריצעניש

און אונטער א רעגן פון רכילות, ליגנס און שפיכות דמים דאנקט ער גאָט, וואָס ער קומט אָפּ מיט דעם . . . און אונזערע קינדער ליבן אונז ניט, ווייזן ניט ארוים קיין דרך־ארץ, טענה'ן מיר. פון וואנען זאָל זיי נעמען דעם דרך־ארץ, קיין "אויספּאר־קויפן" אין די גרויסע געשעפטן צו ביליקע פרייזן מאכט מען אף דרך־ארץ נישט.

דרך־ארץ דארף מען קאָנען איינפלאנצן. דרך־ארץ ווירקט זוניק און ווארים. דרך־ארץ איידלט די נשמה. דיסציפלין, ווי מיר פארשטייען דיסציפלין, פלעגט און נערט די נשמה מיט האס און פארביטערטקייט. און מחמת מיר האָבן פארלאָרן די געפילן פון טאָלעראנץ, און מחמת דרך־ארץ איז געוואָרן "א קליינבירגערלאכע צעקראָכנקייט" "האלטן זיך" (האלטן זיך, פינסטערע יאָרן ווי זיי האלטן זיך) היימען און פארטייען אויף שרעק, אויף טעראָר און אויף אייזערנער דיסציפלין . . .

ניין, דיסציפלין, וואָס איז ניט קיין רעזולטאט פון טיפן דרך־ארץ, קאָן דאָ גאָרנישט ניט העלפן.

אָבער ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך, ליבע מוטער, אייער קינד וועט חלילה קיין גזלן ניט אויסוואקסן. איך געדיינק פון מיין קינדהייט. איך בין אמאָל אין כעס געוואָרן אויף מיינער א שוועסטער, וועלכע איך האָב דוקא שטארק ליב געהאט. בעת זי האָט געטרונקען וואסער פון א גלאָז, האָב איך איר פון כעס דערלאנגט מיטן פויסט אין גלאָז און שיעור ניט איבערגעהאקט די נאָז, צווישן די אויגן. אמת, ס'איז ביי איר פארבליבן א קליי־נער סימן אפן גאנצן לעבן, ס'איז אויך זיכער פארבליבן א סימן אין מיין הארצן, אָבער קיין וואלד גזלן בין איך ניט אויסגע־וואקסן. ווען קינדער שלאָגן זיך איז עס פאר זיי געזונט. כ'האָב אמאָל געלייענט ביי האַמער ליין, אז צו אים איז אריין א קינד און, בעת ס'האָט דערזען א וואזע ביי אים אויפן טיש, א זאָג געטאָן: "אך וואָלט איך עס א שליידער געטאָן און צעבראָכן, אויף ברעקלאך וואָלט איך עס צעשמעטערט!" האַמער ליין האָט אים גלייך געזאָגט: "צעברעך, מעגסט צעברעכן". דאָס קינד האָט חרטה געקראָגן. האָט ליין אליין א שליידער געטאָן אויף דער ערד די וואזע און אויף פיצעלאך זי צעשמעטערט. "איצט",

האָט ער א זאָג געטאָן צום פאָטער פונם קינד, "איצט האָב איך אין אייער קינד נייטראַליזירט א שטיק סאַדיזם". יעדער קלאַפּ, יעדער שפּיצל, יעדער כעס נייטראַליזירט אין קינד שלעכטס, רייסט ארויס פון קינדס נשמה קראַפּעווע און גיט א מעגלאַכקייט דעם קינד, אז הערלאַכע בלומען זאָלן זיך פרייער צעוואַקסן און צעבליען. זעט איר, דיסציפּלין דאָס איז גאָר אן אנדער ענין. א קינד אונטער א שטרייננגער דיסציפּלין האַלט זיך אין איין שרעקן. מיר האָבן א טבע צו האסן א מענטשן פאר וועלכן מיר האָבן מורא, מעג זיין אן אומבאַוואוסטזיניקע מורא. הייסט עס, שרעק רופט ארויס האס. ווען מיר וואָלטן אפילו תמיד גערעכט געווען, און מיר זיינען זעלטן גערעכט, ווען מיר וואָלטן אפילו תמיד גערעכט געווען, וואָלטן מיר געדאַרפט אויסמיידן דיסציפּלין, ווייל דיסציפּלין זייט שרעק און מיט דעם האס אין דעם קינד. איר קריגט דורך דיסציפּלין פאַרקערטע רעזולטאַטן. איר האָט א באַלדיקן דערפאָלג, אָבער שפּעטער וועט איר זיך איבערצייגן, אז דער באַלדיקער דערפאָלג האָט אייך צו טייער געקאָסט.

"גוט, מען קאָן דאָך אָבער תמיד ניט נאָכגעבן א קינד", האָט מיר א מוטער א זאָג געטאָן. אמת, האָב איך איר געענטפערט, תמיד נאָכגעבן מיינט צעפּעשטשען, אָבער אז איר ענטפערט וואָס ווייניקער, וואָס זעלטענער "ניין", און אז איר זאָגט "ניין", בלייבט איר ביי דעם, אין פאַלן פאַרשטייט זיך ווען עס איז אויסגעשלאָסן, ס'מוז זיין ניין — וועט זיין — ניין. דאָס קינד וועט זיך געוואוינען צו פאָלגן, אייער אויסגעהאַלטנקייט וועט עס אים לערנען. "מאַ, קאָן איך נעמען דעם בלייער?" — "ניין, לאָז ליגן. א קינד זאָל ניט קאָנען איינזיצן, א קינד זאָל האָבן א טבע אַלץ צו טשעפּען, צו רירן פון אָרט. ליגט א בלייער זאָל ער ליגן; וואָס ס'בעט דיר עסן ? קאָנסט ניט פאַרטראָגן, אז ס'ליגט אפן אָרט, מען זאָל ניט דאַרפן זוכן, ווען מען וועט דאַרפן א בלייער ? אז נאָר ס'גייט ארום און זוכט נאָר צו ברעכן, נאָר צו שטעכן, נאָר אומצוברייננגען זאַכן; דער טאַטע האָרעוועט שווער און ביטער און ברייננגט אריין אין שטוב און ער . . . בלייערס דאַרף ער, קאָנסט דאָך סיי ווי סיי ניט שרייבן. אן אַנ־

דער קינד וואָלט . . . און א. וו אַן א סוף". . . "מאַ, כ'קאָן זיך שפּילן מיטן קישעלע פון דער קאַנאַפּע?" — א "נייער נייעס, כ'וועל דיר באַלד ווייזן קאַנאַפּע־קישעלאַך, ליגט עס, זאָל עס ליגן. נאָר א הקדש וואָלט זיך אים וועלן מאַכן אין שטוב, זעט גאָר ניט, ווי שווער די מאַמע אַרבעט צו ברייננגען אין אָרדע־נונג די שטוב און ער . . . אַנדערש פּאַסט אים ניט, מיטן זיי־דענעם קישעלע ווילט זיך אים שפּילן, קיין אַנדער זאַך האָסטו שוין ניט געפונען, משוגע פון וואָוילטאָג". . . "מאַ, קאָן איך אַריינטראָגן אין שטוב אָט די שטיינדעלאַך?" — "אַך, וואָס עס באַקט זיך מיר אויפן האַרצן פון היינט, פון נעכטן, פון איי־ער נעכטן, וועל איך באַלד אויסלאָזן צו זיין קאָפּ. א מיסט־קאַסטן פון שטוב ווילסטו מיר מאַכן?!" און אַזוי א גאַנצן טאָג . . . ביז דאָס קינד הייבט אָן צו רעוואָלטירן, צו ברעכן פּאַרבאָטן, צו רעגרעסירן. וועט איר אָבער וואָס מער זען צו דערלויבן און זיך אָפּשטעלן נאָר ביי א פאַל, וואָס דראָעט דעם קינדס געזונט און צוקונפט, וועט עס פאָלגן און פאַרשטיין, וועט עס זיין א געזונטע פאַר דער נשמה פונם קינד דיסציפּלין. דורך אַזאַ דיסציפּלין הויבט אָן מאַמע און קינד צו רעדן איין שפּראַך, אַנדערש זייט איר שרעק, און האַס, און פאַרביטערט־קייט; אַנדערש קאָנט איר קיינמאָל ניט וויסן וואָס אייער קינד קאָן פאַרשטיין אונטערן זאַץ : "כ'וועל באַלד אויסלאָזן צו דיין קאָפּ".

מעגן מאַמעס וויסן, אַז איין און די זעלביקע ווערטער, איין און דער זעלביקער טאָן פון א וואָרט, פון א זאַץ קאָן פאַרן קינד מיינען עפּעס וואָס אַנדערש, ווי פאַר אונז. האָט א מוטער א זאָגט געטאָן א קינד — "כ'וועל דיך צעשניידן אַף שטיקער". דאָס קינד האָט זיך פאַרטראַכט. דעם זעלביקן אָוונט האָט די מוטער געטראָפן דאָס קינד, צעשערנדיק און צעשניידנדיק אויף שטיקער איר קלייד. דאָס קינד, 6 יאָר אַלט, האָט ניט געקאָנט דערקלערן די סיבה פון אַזאַ האַנדלונג. די מוטער האָט מיט איר זאַץ, אָן צווייפל, פּראָוואָצירט דאָס קינד עס צו טאָן. מיר האַלטן אין איין פאַרגעסן, אַז א קינד קאָן פּלוצלונג אָן א פאַר־וואָס אָנהויבן צו רעגרעסירן, צו גיין אַף צוריק אַזוי צו זאָגן.

"עס פלעגט זיך אַנטאָן אליין, ס'פלעגט שוין קאָנען זיך פאַר־שפּילען די קנעפּלאַך פון די שיכעלאַך. עס פלעגט אזוי שיין זיך אליין וואשן אינדערפרי און היינט" — שרייט און שלאָגט א מוטער. די מוטער ווייסט ניט, אז ס'איז נאַטירלאַך פאַרן קינד, צוליב א וועלכער עס איז סיבה אַנצוהויבן צו רעגרעסירן, צו גיין אויף צוריק, צו פאַרגעסן דערפאַרונגען. און דאָס איז ניט קיין קאַפּריז, קיין שלעכטקייט פון קינד, קיין עקשנות, נאָר א לאָגישער רעזולטאַט פון א וועלכער עס איז סיבה. מעג זי זיין ווי קליין, ווי נישטיק און ווי ניט באמערקבאַר. ספּעציעל טרעפט עס ביים קינד ווי אַן אומבאַוואוסטזיניק וועלן צוריק ווערן גאָר קליין, מחמת דעמאָלט, געדיינקט עס, פלעגט עס ניט באַנגעגענען אזויפיל "ניינען"... פלעגט עס ניט ליידן פון דיס־ציפּלין...

באַקלאָגט זיך א מוטער אף איר קינד. מאַמעס האָבן אזוי־פיל פאַרגעניגן פון זייערע קינדער. קינדער זינגען, דעקלאַמירן, שפּילן. איר קינד נעמט קיינמאָל קיין אנטייל נישט אין א שול יום־טוב. כ'וויים זאָגט זי, אז דער לערער לייגט דעם קינד פאָר אנטייל צו נעמען אין א קאָנצערט. "פאַרוואָס איז עס אזוי? ס'האָט מיך משמעות, פיינט. ס'וויל מיר ניט פאַרשאַפן קיין פרייד. אָט מיין שכנה'ס קינד איז אַן אמת'ער "מלאך". נאָך א גאַנצע ריי אינטימע שמועסן ווייזט זיך ארויס, אז דער "גזלן" שעמט זיך פשוט צו זינגען, צו שפּילן, צו דעקלאַמירן. ער שעמט זיך, ער קאָן ביי זיך ניט פועל'ן ארויסצוטרעטן אויף דער בינע. "ווי קומט עס?" פרעג איך דעם קינד. "ווי קומט עס, ביסט דאָך גאָרנישט אזא שעמעוודיקער. מעגלאַך, אז דו אליין ווייסט ניט פאַרוואָס דו קאָנסט דיין מוטער ניט פאַרשאַפן דעם פאַר־געניגן. מעגלאַך, אז דו אליין ווייסט נישט די סיבה, אָבער דאָך, אפשר האָסטו וועגן דעם געטראַכט און קאָנסט מיר דערקלערן. פּרוביר געפינען די סיבה. מעגלאַך, אז דו וועסט "אויסגעפינען" א סיבה, וואָס וועט אין דער אמת'ן ניט זיין די אמת'ע סיבה, אָבער זי וועט דיר העלפן, זי וועט זיין אזוי ווי דער ערשטער פּעדימל, וואָס וועט געבן א געלעגנהייט זיך צו דערגרונטעווען צו דער, ניט פאַרשטענדלאַכער פאַר מיר און פאַר דיר, דערשיי־

נונג. מעגלאך, אז דו האָסט ניט האָלט אלע זאָלן קוקן אויף דיר. מעגלאך, אז דו פילסט די נישט נאַטירלאכקייט פון די אלע דעקלאַמאַציעס. מעגלאך, אז דו האָסט מורא, אפשר וועסטו ניט "אויפשטורעמען" דעם זאַל, און סתם בייפאַל איז פאַר דיר ווייניק. מעגלאך, אז דו האָסט געלאכט פון חברים, וואָס דעקלאַמירן, אז דו האָסט געזאָגט, אז דו וועסט קיינמאָל ניט אויפטרעטן און האלטסט וואָרט. כ'האָב געהאַט א תלמיד, א גאָלדענער בחור געווען. ער איז געווען פול מיט ענערגיע, פול מיט מוט, ער וואָלט געקאָנט בערג אוועקטראָגן און דאָך . . . דאָך פלעגט ער עפּעס תמיד שפּעט אריינקומען אין קלאַס. ער האָט נישט געקאָנט, בשום אופן ניט געקאָנט, קומען אין צייט. דווקא האָט ער שטארק ליב געהאַט די שול. ער איז געווען פאַראינטערעסירט אין לימוד, און איז געווען זייער א פאַראַנטוואָרטלאַכער. די עלטערן זיינע האָבן אין אים אנטוויקלט גרויסן דרך־ארץ צו זיי. ער וואָלט פאַר זיי געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער. ער איז שפּעטער אוועקגעפאָרן פון דער היים און פלעגט שרייבן אזוינע הארציקע פּאָעטישע בריוו, אז איך פלעג זיי אָפּט איבערלייענען פאַרן קלאַס און אפילו פאַרן מוטער־פאַראיין. ער איז געווען א ספּאָרט, אן אקוראַטנער, א גראַדליניקער, אן אויפריכטיקער, און ווי געזאָגט, א מוטיקער, מיט א שטארקן ווילן, אָבער קומען אין קלאַס אין צייט — דאָס נישט. אין משך פון א סך, א סך יאָרן, וואָס ער האָט באַזוכט די שול, איז ער קיינמאָל ניט אריינגעקומען מיט די קינדער צוזאַמען. אז מיר פלעגן שוין האָבן אָפּגעלערנט א פינף מינוטן, פלעגט זיך אויפעפענען די טיר און ויבא הבחור, דער בחור איז דאָ. איך האָב אים אייניקע מאָל באַמערקט, אז ס'שטערט דעם לימוד, ס'האָט ניט געהאָלפן. כ'האָב מיט אים אייניקע מאָל געשמועסט, ס'האָט אויך ניט געהאָלפן. האָב איך באַשלאָסן צו איגנאָרירן דעם גאַנצן ענין. מיט דער צייט האָב איך גענומען באַמערקן, אז ער קומט אין שול אין צייט, אָבער ווי נאָר דער גלאָק הייבט אָן צו קלינגען פלעגט מיין בחור פארפאלן ווערן . . . איינמאָל האָב איך אין שפּאַס אליין גענומען דעם גלאָק און, איידער איך האָב אָנגעהויבן צו קלינגען, האָב איך אים א זאָג געטאָן — באַ־

האלט זיך . . . ער האָט זיך פאַרשעמט, א פּאָר געטאָן מיט די פינגער צווישן די האָר זיינע, דאָס איז געווען זיין געוואוינהייט. און האָט מיר דווקא געפאָלגט : ער איז טאַקע פאַרשוואונדן געוואָרן אויף א 5 מינוטן. אזוי זיינען אוועק יאָרן. אפילו אויף די עקזאמענעס האָט ער פאַרשפּעטיקט אויף 5 מינוטן. יאָרן זיינען אוועק. כ׳האָב בשום אופן ניט געקאָנט אויסגעפינען די סיבה. מיט יאָרן שפּעטער האָט ער איינמאָל מיר א זאָג געטאָן : "ס׳איז געווען א שפּיל אזא ביי מיר, אז איך באַשליס עפּעס וואָס, איז עס באַשלאָסן, כ׳האָב געוואָלט אויספּרובירן מיין שטאַרקייט". אפשר האָסטו אויך אזא באַשלוס. אפשר שפּילסטו אויך א שפּיל. און ווילסט נישט אַרויסטרעטן. אפשר טראָגסטו אויף עמיצן א כעס, אפשר האָסטו, לויט דיין מיינונג, שוין לאַנג באַדאַרפט אמאָל דעקלאַמירן, האָסט דערוואַרט כ׳זאָל זיך צו דיר ווענדן און טראָגסט א כעס אויף מיר, און מיט רעכט. אפשר און אפשר. טראַכט זיך אַריין, זאָג מיר, מיך אינטערעסירט עס זייער שטאַרק. עס וועט בלייבן א סוד צווישן אונז. מיין בחור האָט זיך קודם געקווינקלט, אָבער סוף־כל־סוף האָט ער געעפנט דאָס האַרץ. א קינד האָט דאָך אזויפיל צוטרוי, אזויפיל גלויבן, א קינד איז דאָך פול מיט ליבע, דאָס הערצעלע פון קינד ווערט דאָך אזוי גיך צעשמאָלצן, ניט אומזיסט זאָגט מען, אז א דערוואַקסענער איז א געפאַלענער מלאך. די קינדהייט איז די צייט ווען דער מענטש איז א מלאך, דאָס רייסן מיר עס אַרונטער, פאַר די האָר, מיט גוואַלד, רייסן מיר עס אַרונטער פון הימל . . .

"כ׳קען נישט דעקלאַמירן אין קעגנוואַרט פון מיין טאַטן", דערלאַנגט ער מיר א זאָג. "שעמסטו זיך פאַר אים?" — "ניין, קר־מען געסט, האַלט ער אין איין ריידן פון פּרינציפּן, פון רעוואָלוציעס, פון קאַמף. וואו איז ער נישט אויסגעווען, אין סיביר, אין אַלע טורמעס, און וואו ניט ? היינט, עפּיזאָדן ! אזוינע אומגלויבלאַכע, כ׳שעם מיך פּשוט צו זאָגן, ס׳איז נישט אמת, פּשוט ניט אמת. און נישט נאָר דאָס, ווען איר ווייסט, ווי ער באַהאַנדלט די מאַמען. אייערע לידער און דעקלאַמאַציעס זיינען פון אזא גייסט. וואָס כ׳וועל נישט אויסהאַלטן אויב מיינע אויגן וועלן בעת׳ן דעקלאַמירן פאַלן אפן טאַטן. אָט חיים׳לען אַרט

עס ניט, אים ארט דאָס ניט. כ׳האָב נעכטן גערעדט מיט חיים׳ען, אז אין דער אמת׳ן האָבן מיר געדארפט א רעד טאָן מיט אונ־זערע טאטעס, אָבער אים ארט דאָס נישט. מיך אָבער ברענט עס. מיין טאטע האָט קיינמאָל אויף מיר קיין האנט ניט ארויפ־געלייגט און דאָך . . . האָב איך אים פיינט. ניין, איך קאָן נישט. כ׳וועל שוין בעסער נישט ווערן. איר וועט זען . . . איבער א יאָר וועט מען מיך ארויסווארפן פון סקול. כ׳וועל שוין בריינ־גען צו דעם. כ׳וועל אוועק פון דער היים, כ׳וועל ווערן "זעלבסט־שטענדיק". אז איך האָב דערקלערט די עלטערן דעם שטאָלצן, הערלאכן כאראקטער פון זייער קינד, זיין גראד ליניקייט, אויפ־ריכיטקייט און אמת׳דיקייט, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר די אמעריקאנער קינדער בכלל, אז איך האָב זיי אויפגעקלערט די סכנה וואָס לויערט אויפן קינד, האָבן זיי עס בשום אופן ניט געקענט פארשטיין. די לעצטע צייט האלטן די שכנים אין איין ריידן וועגן דעם דאָזיקן "שד". א קינד, טענה׳ן זיי, האָט גע־קאָנט דערגרייכן די בעסטע קאריערע, שלעכטע חברים, מש־מעות ! קיינער איז אָבער ניט חושד, אז דער שלעכטער חבר איז, אין דעם פאל, געווען דער טאטע, טאקע דער טאטע אליין . . . אָט דער טאטע, וואָס "ראטעוועט די וועלט". לעצטנס, אז איך האָב אים געפונען, ארומזוכנדיק איבערן גאנצן שטאָט, מחמת ער ווערט פארפאלן אף טעג און נעכט אין ביליארד רעסטאָראנען, האָט ער זיך צערעדט : "דאָ איז ערלאכער ווי ביי מיין טאטן אין שטוב, וואו גדולי הדור ווערן איינגעלאדן צו א מיטאָג, וואו מען קעמפט פאר קולטור און מען זאָרגט פאר דער גאנצער וועלט . . . נו ? איז דאָס א שד צי א מלאך ?

יאָ׳ ווען מיר וואָלטן געקאָנט א ווארף טאָן א בליק אין די הימען, וואו ס׳דארף אזוי צו זאגן שיינען די שכינה, די שכינה פון קולטור, די שכינה פון סאָציאליזם, פון דערציאונג און א. וו. — ווען מיר וואָלטן געקאָנט ! מיר וואָלטן געקאָנט געפינען הימען, וואָס וואָלטן א לויכט געטאָן מיט ליכט, מיט דער־הויבנקייט און שיינקייט, מיר וואָלטן אָבער אויך געקאָנט געפי־נען הימען, וואו קינדער שטוינען . . . ווי געשיקט זיך עס, קול־טור און ברוטאליטעט; סאָציאליסטישקייט און קליינלאכקייט,

ענגאַאיזם; דרעהויבנקייט און קאָרטן, בראנפן, צינישע שפּאסן און א. וו. און קינדער זעען, שטוינען און פּראָטעסטירן!

באַקלאָגט זיך א קינד פאר מיר: "מיין טאטע צעברעכט אין מיר דעם סאָציאַליזם. מיין טאטע איז פּשוט ניט ערלאך. ער האָט איבערגעטראָגן פּעק מיט סחורה אין שטוב אריין. ער גנבה'עט ביים שותף. ער שלאָגט מיך שרעקלאך און... רעדט תמיד פון סאָציאַליזם". יאָ, קינד מיינס, דו ביסט גערעכט. אָבער דער פאקט דארף דיך ניט צעברעכן, דארף ניט צעברעכן דעם סאָציאַליזם אין דיר. פאַרקערט, ער דארף אים פארשטארקן. דיין טאטע מעג זיין פאר דיר א ביישפּיל, וואָס פאר פארקריפּלטע נשמות דער קאפּיטאַליזם שאפט. דאָך איז דיין טאטע העכער פאר א דורכשניטלאכן מענטשן. ער פאלשעוועט, ער איז ניט ערלאך, אָבער דאָך זוכט ער זיך צו דערהויבן. זיין סאָציאַליזם ס'איז אפשר א רעזולטאט פון פילן זיך שלעכט, פון וועלן פארשרייען דעם געוויסן, וואָס מאָנט אין אים. אין די שטארקסטע מאָמענטן, ווען ער רעדט מיט עקסטאַז וועגן סאָציאַליזם, פארגעסט ער אָן דעם, וואָס עס איז פארברעכעריש אין אים. ערגער איז, אז דאָס שלעכטע איז נישט דורכגעזאַפּט, איז נישט דורכגעפלאָכטן מיט קיין איין פאָדים פון מענטשלאכקייט. זוך א זכות אין דיין טאטן. ער איז א קרבן. ווייס, אז אין דער טיף פון הארטסטן שטאָל קאָן מען געפינען צארטקייט. אמת, איר זייט גערעכט, האָט ער א זאָג געטאָן, איר אפּעלירט צו מיין פארשטאנד, איך פארשטיי עס, אָבער מאָרגן, מאָרגן, ווען איך וועל דערזען א פאלשע האנדלונג, וועל איך ווידער אָן אויפגעזאָדענער ווערן. מיין טאטע מוז משמעות פילן מיין גיהנום אין הארצן, ער ווייזט ארוים גרוים שנאה צו מיר.

טאטעס און מאמעס, ווי רייך זייערע פאנטאזיעס זאָלן ניט זיין, קאָנען קיינמאָל אין לעבן זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס פאר א סכנה עס דראָעט דעם קינד, ווען עס רייסט זיך אין אים אריין האס צו א פאטער אָדער צו א מוטער. נישט איין קינדער פּסיכאָלאָג ברייננגט ביישפּילן פון קינדער, וואָס האָבן געלאנדעט אין דער וועלט פון דעגענעראציע, און וואָס זיינען אויסגעהיילט געווארן דורך נייטראליזירן א שנאה, א בלוטיקן פאר-

דרום, וואָס האָט געטלייעט אין זייערע נשמות אויף די עלטערן. ארויסרופן מיטגעפיל צום פאָטער אָדער מוטער, אָנווייזן און איבערצייגן, אז אויך דער פאָטער איז א קרבן, קאָן אויסהיילן קינדער, וואָס זיינען קראנק געוואָרן, דורך האנדלונגען פון עלטערן. ווי דערשראָקן מיר ווערן, אז קינדער קריגן היץ, אז דאָס קינד האָט לונגען אנטצינדונג. אָבער, אז פאלשקייט פון עלטערן קאָנען פירן דאָס קינד אין דער וועלט פון פארברעכן, אָדער אין דער וועלט פון משוגעת, רירט אונז נישט, דערשרעקט אונז נישט, מחמת מיר גלויבן אין נסים.

נישט איין מלאך ווערט א "שד" א דאנק די עלטערנס "תלמוד־תורה׳דיקייט", "ציוניסטישקייט", "קאָמוניסטישקייט", "קולטורישקייט", וואָס קינדער דערקאָנען גלייך. כ׳בין אמאָל געזעסן אין א שטוב פון א גרויסן "ציוניסט", וואָס האָט זיך אזוי צעקאָכט אין זיין ציוניזם, וואָס איז אזוי אוועקגעפלויגן אין די הימלען, אז די 18־יאָריקע טאָכטער זיינע האָט עס נישט אויסגעהאלטן. זי האָט זיך בייז אויפגעהויבן, מען האָט עס געקאָנט מערקן, און איז אוועק פון טיש א צעקאָכטע. יאָ, אזוינע שטימונגען אין שטוב קאָנען ארויסרופן אן אמת׳ן גיהנום אין די נשמות פון אויפריכטיקע, גראדליניקע, אמת־דיקע קינדער, אזא גיהנום, אז ער זאָל מיט א העלישן פייער ברענען דעם גאנצן לעבן.

קלאָגט זיך א מוטער, אז אין איר שלמה׳לען איז פאָרגעקומען א גאנצע איבערקערעניש. שלמה׳לע, 15 יאָר אלט, פלעגט פריער א סך לייענען, ער פעלגט סיסטעמאטיש צוגרייטן זיין היים ארבעט. ער איז געווען איידל און געדולדיק. לעצטנס איז אים ניט צו דערקענען. ער קאָן פשוט אין שטוב ניט איינזיצן. ער איז תמיד אויפגערייצט, ער שרייט, ער איז פארביטערט, שלעכט און איז קיינמאָל מיט קיין זאך ניט צופרידן. ס׳איז פשוט ניט אריבערצוטראָגן. כ׳האָב מיך פאראינטערעסירט און באשלאָסן אויסצופאָרשן דעם ענין. שלמה׳לע איז געווען איינער פון מיינע בעסטע תלמידים, אויף וועלכן איך האָב געלייגט גאָר גרויסע האָפענונגען. כ׳האָב טאקע אויך באמערקט א געוויסע ענדערונג אין זיין באציאונג צו די למודים. זיין אומגעדולדי־

קיט האָט פּשוט אַרויסגעוויטיקט פון זיינע אויגן. איך האָב געוואָרט אויף א געלעגנהייט אַנצוקניפּן א שמועס מיט אים. איינמאָל גיי איך אַרויס פון קלאַס און זע אזא בילד: שלמה'לע, 15 יאָר אַלט, האָט צוגעשפּאַרט צום וואַנט זיינע א חבר'טע פון קלאַס און האַלט איר אין איין פּאַטשן און "קנייפּן". זי רייסט זיך פון אים, ס'העלפט ניט. "נו, ריים זיך אַרויס", טענה'ט שלמה'לע צו דער מיידל, "ריים זיך אַרויס! דו קאָנסט נישט. איך בין שטאַרקער פון דיר". עס שיינט, אַז ער האָט גוואַלדיקן פאַרגעניגן פונם שפּיל. איך באַשליס ניט צו ווייזן, אַז איך האָב עס באַמערקט. כ'וועל זיך נישט אַריינמישן, מחמת ער וועט זיך שטאַרק פאַרשעמען, און אפשר זיך אפילו דער־שרעקן. אזא שרעק קאָן זיין פאַטאַל. אַזאַ שרעק קאָן שלעכט ווירקן אויף דער נשמה פון א קינד. אַזאַ פאַרשעמען זיך קאָן מיינען אַן אייביקע וואַנט צווישן מיר און אים. כ'וועל שוין גע־פינען די געלעגנהייט, אין א צייט אַרום אומדירעקט, צו ריידן מיט אים וועגן אזוינע פּאַסירונגען. קיין צווייפל נישט, אַז די דאָזיקע פּאַסירונג איז אַרויסגערופן געוואָרן פון א סעקסועלן געפיל, וואָס האָט געשטורעמט אין שלמה'לען.

פרילינג פּירט דורך די שול קלאַסן־אַרויספלוגן. כ'וועל שוין געפינען די געלעגנהייט צו גיין מיט אים א פּאָר מייל אַליין. כ'וועל מיט א כיון אָפּשטיין פון דער "אַרמיי", כדי א טאָפּ צו טאָן דעם דופק. מיר גייען שוין. מיר שמועסן איבער פאַרשיי־דענע פראַגן. כ'דערצייל אים פון מיין קינדהייט. כ'פלעג עסן טעג. שבת פלעג איך זיין ביים רבי. כ'בין נאָך געווען א קינד, אפשר 7 יאָר אַלט. נאָכן קידוש־מאַכן, פריִיטיק צו נאַכטס, פלעג איך מיין חלה'לע באַהאַלטן הינטער זיך, אפּן באַנק. דעם רבי'ס טעכטערל, מיט א יאָר יינגער פאַר מיר, האָט איינמאָל אָפּגע־גנב'עט פון מיר מיין חלה'לע. האָט זיך אָנגעהויבן א חתונה. דעם רבי'ס טאָכטערל האָט געלייקנט. איך האָב געהאַלטן אין איין וויינען און פאָדערן מיין חלה'לע. סוף־כל־סוף האָב איך אויסגעפירט. כ'האָט געקראָגן נאָך א גרעסערע חלה. קינדער־יאָרן, קינדערשער שכל! שפּעטער בין איך מיטן רבי'ס טעכ־טערל געוואָרן גאָר גרויסע פריינט. מיר פלעגן זיך תמיד שפּילן

צוזאמען. איך פלעג זיין דער חזן און זי מיין משורר'ן. פאר א שלית פלעגט דינען א טישטוך. מיר פלעגן זיך אמאָל אויך צע־קריגן. כ'פלעג איר אפטמאָל אפילו אָנשלאָגן. איינמאָל, איינ־טײלנדיק אזוי איר א גוטן חלק, האָב איך דערפילט א קלונג אין מיינע אויערן, דאָס האָט דער רבי מיר משלם געווען פאר מיינע מעשים טובים . . . כ'האָב קיין פאריבל אויפן רבי'ן ניט געהאַט פארן פאטש. צו יענער צייט האָט מען נאָך נישט פארשטאנען, אז קינדער קריגן זיך, אז קינדער שלאָגן זיך איז עס נישט אוים רציחה, איז עס פשוט א שפיל, ווי אלע שפילע־רייען. ווען א קינד שלאָגט א קאץ שפילט עס אפשר איבער די נעכטיקע "שאָר", דעם נעכטיקן בילד, וואָס עס האָט צוגעזען, בעת דער טאטע האָט איינגעטײלט א חלק דעם ברודערל. ניי־טאָ קיין רציחה, ניטאָ קיין פאלשקייט, ניטאָ קיין שלעכטסקייט אין קינד, ניטאָ קיין כעס, ניטאָ קיין אומגערעכטיקייט, סיידן ס'איז קראנק, און סיידן טאטע־מאמע ברייגגען, אָדער פראָוואָ־צירן, אָדער פירן דאָס קינד דערצו. יאָ, שלמה'לע, קינדער שפילן תמיד, קינדער האָבן ליב צו שפילן, און זאָלן זיי שפילן! אינם שפיל נייטראליזירט א קינד א סך ענערגיע, וואָס האָט זיך אָנ־געקליבן אין אים. א שפיל איז שעפערישקייט. אפילו דערוואק־סענע בייגקען נאָך א שפיל. קוק זיך צו צו א סעודה, צו א חתונה, ווי די נעכטיקע ערנסט פארזאָרגטע, פון לעבן געבויי־גענע, טאטעס און מאמעס מאכן זיך "משוגע", דאָס שפילן זיי. דער צעוויטיקטער פון צרות, ווערט אין אזא פאל העכער פון אלעמען לאכן, ליידנשאפטלאכער פאר אלעמען שפילן. מענטשן, וואָס האָבן א טבע צו געפינען, תמיד אין יענעם צו געפינען חסרונות, וועלן אין אזא פאל קוועטשן מיט די פלייצעס "זעסט חיים ס'ארא קאלטער לונג און לעבער ס'איז". אזוינע מענטשן פארשטייען נישט, אז דאָס "פארלאכט" יענער אין שפיל זיין וואונד . . . פאראן אויך קינדער, וואָס שפילן כדי צו אנטלויפן פון דערווירקלאכקייט . . . אזוי אָדער אנדערש — קינדער האָבן ליב צו שפילן.

הערסט, שלמה'לע, איינמאָל שטיי איך אזוי אין קלאס און לערן, פלוצלונג דערהער איך קולות, אזוינע קולות, ווי מען

וואָלט עמיצן שחט'ן. כ'לויף צו, ערשט וואָס, אַ אינגל האָט צו־געשפּאַרט זיין חבר'טע צום וואַנט און טיילט איר איין אַ חלק. ער שפּאַסט, ער שפּילט, אָבער זי, זי פאַרשטייט עס נישט, און שרייט און מאַכט גוואַלדן. שפּעטער איז געקומען די מוטער זיך קלאָגן. מען "שלאָגט" איר קינד. כ'האָט דער מוטער דער־קלערט, אַז ס'איז בכלל נאַטירלאַך, אַז קינדער זאָלן זיך שלאָגן. פון די שלאָגענישן, זאָג איך איר, איז צו קיין אומגליקן נישט געקומען. ס'איז גאָר נאַטירלאַך, אַז אַ אינגל זאָל אַזוי "שפּילן" מיט אַ מיידל. די מאַמע האָט עס דווקא פאַרשטאַנען. דאָ האָב איך מיט אַ כיון דערזען אַ בלימעלע און גענומען מיט גרויס אינטערעס אים ווייזן די טיילן פון דעם בלימעלע. יאָ, זעץ איך פאַר דעם שמועס, ס'איז נאַטירלאַך, אַז אַ אינגל זאָל זיך גלוסטן זיך צו שפּילן דווקא מיט אַ מיידל, ס'איז נאַטירלאַך. כ'האָב ווידער קאָלט איבערגעריסן דעם שמועס, מחמת כ'האָט מיט אַ כיון פּלוצלונג זיך דערמאָנט, אַז מיר זיינען צו ווייט אָפּגעשטאַ־נען פון אונזער חברה. מען מוז זיי אָניאָגן. כ'וואַרף אַ בליק אויף מיין בחור, יאָ, ס'איז פאַראַן אַ געוויסע ענדערונג. כ'האָב עפּעס וואָס אָנגערירט. לאָמיר עס לאָזן אויף אַ צווייטן מאָל. מיר זעצן פאַר דעם שמועס.

אָט האָט מיר, שלמה'לע, אַ מיידל אַמאָל דערציילט, אַז אַ אינגל, זאָל ער הייסן חיים'ל, האָט איר שטאַרק ליב. ער זעט שוין אַלעמאָל צו זיצן לעבן איר. נאָר ער שטופּט זיך, נאָר ער שלאָגט זיך, און "לעצטנס האָט ער מיך אַרומגענומען, צו־געשפּאַרט צו דער וואַנט און אַף אַ שפּאַס געפּאַטשט און גע־שלאָגן. דריי טעג בין איך מיט אים אין כעס געוועזן. זאָגט אים זאָל ער זיין אַ מענטש". ניט געפערלאַך. האָב איך איר אַ זאָג געטאָן. אין אַ געוויסן עלטער שפּילן אַלע קינדער אַזוי. קודם שפּילן קינדער מיט זיך אַליין, זיי זיינען אַלץ אין דער וועלט: פירנצעסנס, פּרינצן, מאַמעס, עופה'לאַך, שיפן, לערערנס און וואָס ניט? קינדער האָבן גוואַלדיקע פאַנטאַזיע פליגלען. ס'קאָן אַ מענטשן קיינמאָל אפילו אין חלום ניט איינפאַלן, וואָס אַ קינד קאָן זען און פילן. ס'טרעפט, שלמה'לע, אַמאָל, אַז אַ מאַ־מע נעמט צו אַ גלעזעלע, צי אַ שטיקעלע האָלץ פון איר קינד,

ס׳טרעפט אמאָל, אז א מאמע רייסט ארויס מיט רציחה, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, פונם קינד א לעפל, מיט וועלכן דאָס קינד שפּילט זיך, דאָס קינד פארגייט זיך אין א געוויין, אין א היסטעריקע, מחמת פארן קינד איז דאָס שטיקל האָלץ ניט סתם קיין שטיקל האָלץ, ס׳איז אפשר פאר אים א שיף, א שטאָט, ווער ווייסט וואָס! צו יעדן עלטער שפּילן קינדער אנדערע שפּילערייען. אָט ברעכט אוים א מגפה פון בלאָזן פּאפּירעלאך, בלאָזן גאנצע גאסן קינדער, בלאָזן שטעט און אפשר לענדער. מיליאָנען און מיליאָנען קינדער ליגן אויסגעלייגט אף טרעפּ, אף דילן און מען בלאָזט. פּלוצלונג, צעפּלאקערט זיך, ווי א וואלד שריפה, א נייער שפּיל מיט ליימענע קייקעלאך. ליגט מען אויסגעלייגט ארום גריבעלאך און מען איז גוואלדיק פארקאָכט אין דעם נייעם שפּיל. דאָ ווערן, צו דער גרעסטער פארצוויפ־לונג פון לערער און עלטערן, אָפּגעווישט אלע מחיצות. תלמוד תורה קינדער, שול קינדער און סתם קינדער פארגעסן די תפי־לין, צי די רויטע פאָן, צי ארץ־ישראל, פארגעסן פּרינציפּן, מען איז ליידנשאפטלאך פארטאָן אינם שפּילן. מען גייט ארום מיט פולע קעשענעס געוואונענע קייקעלאד. ווי צו דער מאמען, און צו דעם קינד, און צום קינדס חלום, ווען עס קומט א ״נשרף״, א יורד נעבאך. אזוי בייטן קינדער זייערע שפּילערייען לויטן סעזאָן, לויט צייטן פון יאָר און לויטן עלטער.

כ׳געדיינק פון מיין קינדהייט, מיר פלעגן שפּילן אין קנעפּ־לאך. מען גראָבט אוים א גריבעלע, מען לייגט אוועק אויף א געוויסן שטח פונם גריבעלע א קנעפּל און מען שנעלט, מיטן גראָבן פינגער שנעלט מען פונם דריטן פינגער ארוים דעם קנעפּל אין גריבל אריין. ווייווי, וויפל שמיץ מען קריגט פארן שפּילן פונם רבין׳, וואָס האָט, אָן קיין שום צווייפל, אליין אמאָל געשפּילט. דער רבי שמייסט, קאטעוועט, אָבער ווער הערט די שמיץ, אז דאָס הארץ ווערט צעשפּרונגען פאר ווייטיק, וואָס מען האָט פארלאָרן קנעפּלאך.

פאראן אן עלטער, ווען קינדער שפּילן זיך אין מערדער, אין גנבים, אין עקספּראָפּריאטאָרם, אין רויב־פאנגער, פאראן אויך אן עלטער, ווען קינדער שפּילן זיך אין ליבעס. מען פאר־

ליבט זיך, און ס'איז אזוי ליב צו שפּילן זיך אין די דאָזיקע לי־בעס. עס ציט צו דער מיידל. עס ווילט זיך זי שלאָגן, ארונטער־ווארפן, זיך רייצן מיט איר, ארומנעמען. ס'איז נאַטירלאַך, אז מען ליבט א קינד, למשל, דריקט מען עס אויך צו צו זיך, מען קושט עס, מען האלזט עס. צענדליקער מאָל ליבט מען, צענד־ליקער מאָל בייט מען די אָביעקטן פון ליבע. פּונקט ווי קינדער בייטן שפּילערייען און צאַצקעס. ווען איך דערמאָן זיך אָן פּאַ־סירונגען פון מיין קינדהייט, שלמה, ווען איך דערמאָן זיך אָן מיינע ליבעס, און ניט אלע געדיינק איך, קאָן איך זיי ציילן אין די צענדליקער.

איך געדיינק, שלמה, ווי איך פלעג אמאָל מיט א כיון אנט־לויפן פון שטוב, וואָס פריער, אין חדר אריין, כדי צו זיין אַף דער וואך, כדי צו באגעגענען "מיין" מיידל. כ'פלעג עס טאָן אזוי : כ'פלעג זיך אוועקשטעלן אין א טויער, באהאלטן, און מיט איין אייגל פלעג איך היטן מיין "קרבן". ווי איך פלעג זי נאָר דערזען פון וויטן, פלעג איך, אומשולדיק, אזוי ווי ניט מיך מיינט מען עס, ארויס פון טויער, פון מיין באהעלטעניש, און זי "צופעליק" טרעפן . . . כ'פלעג זי באגריסן, מיין כלה, הייסט עס, וואָס איז אפשר דאמאָלט אלט געווען 11-12 יאָר. זי פלעגט, משמעות, אפילו ניט חושד זיין, אז איך היט זי. ווער ווייסט, שלמה, אפשר פלעגט זי מיך אויך אזוי היטן, מחמת ניט איינ־מאָל, ווען איך פלעג זיך נישט קאָנען דערווארטן, און די צייט איז מיר זיכער געווען לאנג, און פלעג ארויס פון מיין באהעל־טעניש — אהא, זי איז דאָ ! ווער ווייסט, פלעג איך ניט איינ־מאָל טראכטן, ווער ווייסט, אפשר פלעגט זי אויף מיר אויך ווארטן, אין א וועלכער עס איז באהעלטעניש. די דאָזיקע גע־דאנקען פלעגן נאָך שטארקער מאכן מיין ליבע צו איר, מיין שפּיל. איך פלעג גוואלדיק וועלן גלויבן אין דער דאָזיקער השע־רה. איך פלעג אלע סודות מיינע דערציילן דעם חבר מיינעם. ער פלעגט, פארשטייט זיך, דערפאר מיר דערציילן פון זיינע לי־בעס. מיינסטו, אז די סודות פלעגן בלייבן צווישן אונז? חלילה. ער פלעגט זען, אז מיין סוד זאָל דערגיין צו "מיין" מיידל, און איך פלעג אים אָפּצאָלן מיט דער זעלביקער מטבעה. כ'פלעג שוין

זען, אז זיין מיידל זאָל וויסן, אז מען ליבט זי. יאָ, נישט גער־פּערלאַך, זאָג איך דער מיידל, דו מעגסט אים אויסריידן דיין חיים׳ען דיינעם, וואָס ליבט דיך. כ׳זע אָבער, אז דיר געפעלט דער שפּיל. לייקן ניט. אויך דו האָסט אים ליב . . . ס׳איז ניטאָ וואָס צו שעמען זיך, ניטאָ אויך קיין סיבה צו זיין אין כעס. דו וועסט נאָך אמאָל קאַלט ווערן צו אים און ער צו דיר. איר וועט נאָך שפּילן צענדליקער מאָל. אויב דו וועסט אָבער צו אָפט זיך טרעפן מיט אים, אויב דו מיינסט, אז דער הימל פאַלט, וועסטו צו פרי אויפוועקן געפילן, וואָס דאַרפן זיך אנטוויקלען פּאַמעלאַך און נאַטירלאַך אין דיין נשמה. ערשט ווערט דער קאָרן גרין, דאַן געלבלאַך, דאַן גאָל־דיק. ס׳מוז דורכגיין א נאַטירלאַכן, פּאַמעלאַכן, אַנטוויקלונגס פּראָצעס. וועסטו אָבער פאַרלירן די מאָס, וועסטו ווערן אומ־געדולדיק, וועסטו נישט קאָנען זיך צוימען, איז אויך נישט גער־פּערלאַך, ס׳וועט דיר נאָר שטערן אין לערנען, ס׳וועט דיר מאַכן אומרואיק, קיין סכנה איז אין דעם ניט פאַראַן, אָבער נעמען ליבע אין אייערע יאָרן ערנסט דאַרפסטו נישט, מחמת ווען ער אָדער דו, ווען איר וועט אריבער טראַנספּערירן אייערע ליבעס צו אַנדערע אָביעקטן, וועט זיך ווידער אָנהייבן א נייע שפּיל. אזוי האָב איך, שלמה, געענטפערט אין א לייַנגערן שמועס דער דאָזיקער מיידל.

כ׳האַלט, ליבע מוטער, אז מען דאַרף מיט קינדער וועגן די דאָזיקע פּראָבלעמען ריידן קאַלט, געלאַסן און נאַטירלאַך. דער גאַנצער אומגליק ליגט אין דעם, וואָס מיר טרעטן צו צו קינדער פּראָבלעמען מיט אונזער שפּראַך, מיט אונזער שרעק, מיט אונזערע געפילן, מיט אונזער מגזם זיין סכנות, ניט פאַר־טראַכטנדיק זיך אפילו, אז איין און דער זעלביקער ענין קאָן אין אונזערע אויגן אַנדערש אויסזען, ווי אין די אויגן פון אונזערע קינדער. וואָס נאַטירלאַכער, וואָס האַרציקער, וואָס געלאַסענער איר רעדט, אַלץ נעענטער ווערט איר מיט אייער קינד, דעם ווערט פון אזא נאָענטקייט איז ניט אָפּצושאַצן! ווי גערעכט איז קאַליל גיבראַן וואָס זאָגט : ״אייערע קינדער זיינען נישט אייערע קינדער, זיי געהערן נישט צו אייך. זיי

זיינען זין און טעכטער פון דער בענקשאפט פון לעבן נאָך זיך אליין. זיי קומען דורך אייך, אָבער ניט פון אייך. הגם זיי זיינען מיט אייך, איר האָט זיי, געהערן זיי אָבער ניט צו אייך. איר קאָנט זיי האַלט האָבן, איר קאָנט זיי באשיינקען מיט אייער ליבע, איר קאָנט זיי אָבער נישט געבן און נישט ארויפצווינגען אייערע געדאנקען, מחמת זיי האָבן זיך זייערע אייגענע געפילן, מחמת זיי גייען זיך זייער אייגענעם וועג. איר קאָנט זיי ביי זיך האָבן קערפערלאך, אָבער ניט גייסטיק, מחמת גייסטיק געהערן זייערע נשמות צו דעם מאָרגן, וועלכן איר וועט ניט זען און וועגן וועלכן איר קאָנט קוים חלום׳ען אפילו. איר מעגט זיך אָנשטריינגען צו זיין אזוי ווי זיי זיינען, אָבער זוכט אונטער קיינע אומשטענדן נישט זיי זאָלן זיין ענלאך צו אייך, מחמת דאָס לעבן גייט נישט אויף צוריק, בלייבט נישט שטיין אויף אן אָרט און שלעפט זיך נישט נאָכן נעכטן". יאָ, קינדער האָבן זיך זייערע געפילן, זייער ארט דיינקען. די גרעסטע קונסט איז זיך צו צופאסן צו זיי. דער גרעסטער פארברעכן איז שלעפן זיי צוריק! ווי טרויעריק ס׳ווערט אויפן הארצן דעם קינד, ווען א טאטע הייבט אויף א געשריי וועגן א עניך, אין וועלכן דאָס קינד קאָן בשום אופן ניט זען קיין פארברעכן.

קלאָגט זיך א מוטער, אז איר 7-8 יאָריק קינד רעדט "שלעכטע" רייד, ענטפערט שארף און א. וו. די מוטער קאָן נישט פארשטיין, אז דאָס קינד האָט משמעות געהערט די דאָזיקע שלעכטע ווערטער, אָדער שארפע אויסדרוקן פונם פאָטער, פון שכנים, און אפשר גאָר פון דער מוטער אליין, און חזר׳ט זיי איבער, ניט פילנדיק, ניט פארשטייענדיק, אז ס׳זיינען שלעכטע ווערטער, אז זיי זיינען שארפע ווערטער. די מוטער קאָן ניט פארשטיין, אז דאָס קינד וועט אויפהערן צו נוצן די דאָזיקע ווערטער, ווי נאָר ס׳וועט ווערן עלטער, ווי נאָר ס׳וועט באמת פארשטיין דעם אמת׳ן זין פון די דאָזיקע אויסדרוקן. נו! זיינען דאָך אָבער פאראן שכנות אויף דער וועלט, בעלי־עצות, וואָס ווייסן אלץ, פארשטייען אלץ און ריידן מיטן טאָן פון א פראָפעסאָרשע! דערציילט א שכנה, אז איר קינד פלעגט אויך ריידן גראָבע רייד. שלעכטע ווערטער, האָט זי איר "געגעבן"...

זי האָט איר אַ 3-2 מאָל אַזוי געשלאָגן, "אַז זי וועט געדיינקען אויפן גאַנצן לעבן" — יאָ, דאָס איז אמת, זי וועט געדיינקען אויפן גאַנצן לעבן . . . זי האָט אויסגעוואָרצלט פונם קינד דאָס שלעכטע. אַן אַנדער שכנה האָט נאָך אַ "בעסערן" מיטל. זי פלעגט איר קינד "אונטערקויפן". צענדליקער שכנות פלעגן קומען צו דער "אומגליקלאַכער" מוטער מיט עצות. שפּעטער . . . שפּעטער פלעגט די זעלביקע מוטער, וואָס האָט אַקאָרשט געזוכט הילף ביי אַנדערע, טראָגן הילף צו אַנדערע. בעת ס'איז גענוג צו האָבן געדולד, בעת ס'איז גענוג צו איגנאָרירן די דאָזיקע רייד. דאָס קינד וועט אוועקוואַרפן די דאָזיקע אויסדרוקן, ווי עס וועט נאָר נעמען פאַרשטיין זייער זין. שרייען, שטראָפן קאָן נאָר איינשטיינערן אינם קינד פאַר'עקשנ'קייט. דאָס קינד קאָן אָנהויבן נוצן די דאָזיקע ווערטער ווי אַ פּראָטעסט. אמת, ס'קאָנען זיין פאַלן, וואו די שאַרפע אויסדרוקן, וואו די שלעכטע ווערטער קאָנען, אין אַ געוויסן עלטער, זיין אַ רעזולטאַט פון פאַרביטערטקייט, פון אַ פייער, קאָנען זיין אַ סימפּטאָם, אַ צייכן, אַ סיגנאַל פון אַ וועלכער עס איז קראַנקהייט. אין אַזאַ פאַל דאַרף מען זיך ווענדן צו אַ דאָקטאָר. איין מאַמע דיינקט, אַז דאָס שלאָגן האָט געהאָלפן, אַ צווייטע — דאָס אונטערקויפן, בעת געהאָלפן האָט די צייט, די נאַטירלאַכע אַנטוויקלונג פונם קינד.

דער גאַנצער אומגליק באַשטייט אין דעם, וואָס פון יעדער קלענסטער זאַך ווערט ביי אונז אַ געשעעניש, וואָס דאַרף שיעור נישט דערצעדירן, שיר נישט באַשטימען דעם גורל פונם קינד. ווען מיר שטודירן אָבער, זוכן, פאָרשן וואָלטן מיר געוואוסט וויפל צרות אונזער אומוויסנהייט פאַרשאַפט אונז, און וויפל צרות און קלאָג אונזערע קינדער. דערהערט אַ מאַמע דאָס וואָרט ליבע, דערוויסט זיך אַ מאַמע, אַז איר בחור'ל איז פאַרליבט, אַז ער טרעפט זיך מיט זיין מיידל, איז "הימל עפן זיך". און נישט נאָר דאָס, יעדע קלענסטע פּאַסירונג רופט אַרויס ביי אַ מוטער טרערן און שרעק.

כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַ מוטער, וואָס איז דריי מאָל געקומען צו מיר, זיך אַראָפּריידן פון האַרצן און . . . האָט נישט געהאַט קיין מוט. זי האָט געהאַלטן איר קינדס לעבן

פאר פארלאָרן. א קליינקייט : "מיין קינד ווייזט ארויס אומגע־ווײנלאכן פארגעניגן פון גיין מיטן מאָגן, פון שלאָגן וואסער, פון זויגן דעם פינגער׳ און, ווי צו מיינע יאָרן, עס רייבט דעם געשלעכטלאכן אָרגאַן אָן אָפּשטעל, איך פארבינד דאָס די הענ־טעלאך, ווען עס גייט שלאָפן, אינגאנצן 3 יאָר אלט, וואָס וועט פון אים אויסוואקסן, ראַטעוועט מיך, וואָס זאָל איך טאָן?" איך דערקלער דער מוטער, אז אזוינע דערשיינונגען זיינען נאַ־טירלאך פארן קינד, אז זיי וועלן פארשווינדן פונקט אזוי נישט באמערקבאר, ווי זיי זיינען געקומען. א קינד זוכט פארגעניגן. דאָס זויגן איז פארן קינד נישט נאָר א מיטל צו שטילן דעם הונגער, עס האָט פון דעם גוואלדיקן סעקסועלן פארגעניגן. דער־פאר איז אזוי שווער אָפּצוגעוויינען א קינד פון דער ברוסט און שפּעטער פון פלעשל. זוכנדיק פארגעניגן, געפינט עס אויס די געשלעכט אָרגאנען און מאסטורבירט, אנאַנירט, ס׳רופט ארויס קינסטלאכע באפרידיקונגען. דאָס זויגן דעם פינגער ברענגט דעם קינד אויך נישט ווייניק סעקסועלן גענוס. ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך. די דערשיינונגען אין דעם עלטער זיינען גאָר קיין סכנה נישט. א קינד וועט רואיק דורכלעבן די דאָזיקע צייט, דעם דאָזיקן פּעריאָד. פאראן קינדער, וואָס זיי איז שווער אָפּצוגע־וואוינען פון דעם פלעשעלע, פון נעצן זיך אין בעטעלע, מחמת זיי קלאמערן זיך לייגער צו זיין קינדער. הייבט מען אויף א געשריי, שטראָפט מען, ברענגט מען נאָר גוואלדיקן שאָדן דעם קינד. לאָזט עס. עס וועט פון זיך אליין אויפהערן. מישט זיך נאָר נים אריין, לאָזט נאָר דעם קינד נאַטירלאך איבערלעבן אלע געוואוינהייטן, וואָס זיינען פארבונדן מיט געוויסע פעריאָדן זיינע.

וועגן אנאַניזם צווישן גאָר קליינטשינקע עופה׳לאך זאָגט פּראָפ. שטעקל, אז ער האָט פיל מאָל באאָבאכטעט ביי ניי גע־באָרענע סימנים פון געשלעכטלאכער אויפרעגונג. "דער אנאַ־ניזם, די זעלבסטבאפרידיקונג פון דעם קליינוואַרג קאָן אנט־שטיין זייער פרי. א סך וויג־באוועגונגען ביי די קינדער, ריט־מישע אקציעס פון די מוסקולן, בעת וועלכע דער בליק איז פארגלאָצט און שטאר געריכטעט אין דער ווייטקייט, זענען

בלויז דער אויסדרוק פון דער ערשטער אויטאָ־עראָטישער טעטיקייט, וועלכע פעלט ניט ביי קיין שום קינד. די דאָזיקע דערשיינונג איז באַקאַנט אלס די אזוי גערופענע „אוועקפאלן" און שרעקט אויסערגעוויינלאך די מוטערס. אנדערע זויגלינגען האלטן די הענטעלאך ביים געשלעכט־טייל. ציטערדיקע מוטערס פלעגן אוועקנעמען דאָס הענטל, און אפילו איינוויקלען דאָס קינד און לאָזן אינדרויסן די הענטעלאך, כדי וואָס פריער צו באַקעמפן די „העסלאכע געוואוינהייט". מוטערס מעגן וויסן, אז דער דאָזיקער זויגלינג־אנאָניזם איז א נאָרמאל געשעעניש. קימערט זיך ניט און לאָזט דאָס קינד טאָן, וואָס עס וויל. די דערפארונג האָט איבערצייגט, אז די דאָזיקע אויטאָ־עראָטישע טעטיקייט הערט באלד אויף, פון זיך אליין, דאקעגן קאָן יעדע העפטיקע אריינמישונג דערפירן צו אומבארעכנבארע פאָלגן".

באקלאָגט זיך אן אומגליקלאכע מאמע אויף איר קינד, עס האָט גע׳גנב׳עט א ניקל. אָט אקאָרשט איז עס אוועק אין סקול און מיטגענומען דעם ניקל. האָט רחמנות, האָב איך א זאָג געטאָן דער מוטער, האָט רחמנות אויפן קינד, האָט רחמנות כאפט עס ניט ביים האנט, כאפט עס נישט! איר זייט אין אייער קינדהייט נישט בעסער געווען. איך געדיינק פון מיין קינדהייט אליין, איך בין נישט איינמאָל נישט בייגעשטאנען א נסיון און דאָך . . . דאָך בין איך נאָך פארגנבה אין תפיסה נישט געזעסן. דערמאָנט זיך נאָר, איר האָט משמעות אויך אמאָל געזינדיקט, איר האָט פארגעסן. מיר זיינען קיינער נישט קיין מלאכים. ווען איר האלט אין איין כאפן אייער קינד ביי זינד, ביי גנבות, שאפט איר א וואנט צווישן אייך און אייער קינד. די דאָזיקע וואנט קאָן זיין די גרעסטע סכנה פארן קינד. די וואנט וועט שטערן דעם קינד זיך צו ווענדן צו אייך אין מאָמענט אפשר, ווען עס וועט גיין אין לעבן . . . א חוץ דעם הויבט זיך טאקע דאָס קינד אָן צו שרעקן פאר זיין צוקונפט, דאָס קינד הויבט זיך אָן צו שעמען זיך פאר אייך, דאָס קינד הויבט זיך אָן צו פילן געפאלן, מינדערווערטיק, דאָס קינד לעבט איבער גיהנום ליידן פון שולד, דאָס קינד קאָן אייך גלייך אין די אויגן ניט קוקן. אין די הערלאכסטע מאָמענטן וועט זיין פנים פאר־

שאַטנט ווערן, מחמת איר ווייסט אַ סך זינדיקע זאַכן וועגן אים. האָבן אָבער מאַמעס אַ טבע נישט נאָר צו כאַפּן ביי גנבות, נישט נאָר אויפצוהויבן געשרייען, ביי אַ וועלכער עס איז נאַ־טירלאַכער פאַרן קינד זינד, נאָר אויך פאַרשעמען דאָס קינד, ווען זיי פאַרדעכטיקן אים, אַז עס איז פאַרליבט. "עלטערן האָבן ליב איינצופלאַנצן אין זייערע קינדער דרך־ארץ און הייליקע באַ־ציאונג צו זיי, ווי עלטערן. מען דערציט אַ קינד עס זאָל פילן, אַז די מוטער זיינע איז די בעסטע, די ערלאַכסטע פרוי אויף דער וועלט, און אַז דער טאַטע איז שיעור נישט אַ הייליקער. אַזאַ לאַגע מאַכט אויסגעשלאָסן, אַז אַ קינד זאָל וואַגן צו קומען זיך פאַרטרויען צום פאָטער, אָדער צו דער מוטער וועגן גע־פילן און ליידנשאַפטן, וואָס הייבן אָן אַנצוקעוולן, וואָס הייבן אָן אָנצופליסן אין זיין נשמה. ווי קאָן מען קומען מיט אַזוינע ניט שיינע און זינדיקע געפילן און מחשבות צו אַזוינע ערנ־סטע און שיעור ניט הייליקע עלטערן" (הייוואָוד בראַון) אַ פשיטא וועט שוין אַ קינד ניט קומען צו דער מוטער אָדער צום פאָטער וואָס ווייסט וועגן "זינד", וואָס עס איז באַגאַנגען. אַ סך געזינטער איז, אַ סך נאַטירלאַכער, און מענטשלאַכער איז קאַלט און געלאַסן, און מיטפילנד, און חבר'יש, און פאָטערלאַך צו קומען צום קינד און רעדן וועגן זאַכן, וואָס דאָס קינד האַלט אפשר פאַר זינדיק, אָבער דער פאָטער, אָדער די מוטער האַלטן עס פאַר גאָר נאַטירלאַך און מענטשלאַך. ווי גליקלאַך און צופרידן אַ קינד ווערט פון אַזאַ שמועס, וואָס פאַר אַ אומזעבאַרע היי־ליקע קרובה'שאַפט עס צעבליט זיך אינם קינד אין באַצוג צו די עלטערן, וואָס האָבן אים באַפרייט פון אַ שווערן געמיט, פון אַ משא, וואָס האָט אים געדריקט און געשטיקט.

קאַרל ליבקנעכט לעבט איבער גיהנום ליידן. ס'ברענט די מלחמה. ער קעמפט קעגן איר אָפן פראָנט. ניט געקוקט אויף דער גרויסער סכנה, וואָס לויערט אויף זיין לעבן, מצד די קוילן פונם שונא און מצד די אייגענע "ברידער", וואָס זיינען גרייט אים צו צערייסן אויף שטיקער פאַר זיין "פאַרראַט"... ניט גע־קוקט אויף די גיהנום ליידן, וואָס ער אליין דאַרף זיין אַן אומ־מיטלבאַרער עדות, וואָס ער אליין דאַרף צוזען, ווי מענטשן

שחט'ן זיך, צערייסן זיך אויף שטיקער, סמ'ען זיך מיט גאַז, נים געקוקט אויף דעם פאַרגעסט ער ניט, אַז זיין זון טרעט אריין אין אַזאַ לעבנסצייט ווען מען דאַרף מיט אים רעדן וועגן אינטימע ענינים, וואָס דאַרפן אפשר באַשטימען דעם גורל פון זיין זונס לעבן. שרייבט ער אים, דעם זון זיינעם, פון שלאַכט־פעלד (יאָ, פון שלאַכט פעלד, דעם 15טן סעפטעמבער, 1915) :

"קינד מיינס, דו ביסט שוין דערוואַקסן, כדי צו קאָנען שרייבן צו מיר, כדי צו אַנטפּלעקן פאַר מיר דיין האַרץ. און דאָס דאַרפסטו טאַקע טאָן, גאָרניט פאַרבאַהאַלטנדיק, — טאַקע דאָס קלענסטע נים פאַרבאָרגן ! דו גייסט איצט אַריין אין דעם איבערגאַנג־עלטער פון קינד צו מאַנסביל — אין דיין נשמה קומען אויף נייע באַגערן (איך הערט, באַגערן מ. ב.), וואָס קאָנען לייכט פאַרפירט ווערן אַף אַ קרומען וועג, אָדער אַליין פאַרבלאָנדזשען . . .

"האָב צוטרוי צו מיר און צו דיין מוטער. האָב פאַר אונז קיין שום סודות נים. מיר פאַרשטייען אַלץ — אַלע קרומע וועגן פון מענטשנס האַרץ האָב איך אַליין דורכגעוואַנדערט, דורכגענומען און דורכגעלעבט. עס קאָן זיך דיר נים טרעפן אַזאַ זאַך, וואָס איך זאָל נים קאָנען פאַרשטיין — און נים קאָנען און נים וועלן דיר מוחל זיין; כ'וויל זען דיין שטייגן אַרויף — צו דער זון, צו דער פּראַכט פון דער וועלט, וואָס האָט קיין סוף נים. הויך זאָל אויפאָטעמען דיין ברוסט, און כ'וויל דיך זען, ווי דו וועסט ברייט אויסשפּרייטן דיינע אָרעמס צו איר, צו דער וועלט — דאָס וויל איך זען, אַף דעם וואַרט איך. — עפן אויף דיין האַרץ — שרייב מיר האַרציק, קינד מיינס. גיך און אַ סך. אַזוי טאַקע ווי ס'איז דיר אָפן האַרצן". ווי ליב ס'איז צו לייענען אַזאַ האַרציקן בריוו פון אַ פאָטער, אַן אויסגעשפּראָכענעם קעמפער, אַ קעמפער אויף לעבן און טויט — אַ סברא, אַז מענטשלאַכקייט, שיינקייט, צאַרטקייט, נשמה'דיקייט און אמת'ע רעוואָלוציאָנערישקייט קאָנען יאָ הויזן צוזאַמען !

יאָ, ליבקנעכט, דער קעמפער, האָט אויך געפונען צייט צו זיין אַ פאָטער ! אַ פאָטער אויף דער וואַך, און פאַרשטאַנען אין צייט צו צעברעכן די "ווענט", וואָס שטעלן זיך אַפּטמאָל אויף

פון זיך אליין צווישן עלטערן און קינד. דאָס דאָזיקע האָב איך געהאט אין זינען אין מיינע שמועסן יאָר־איין יאָר־אויס מיט שול קינדער. איך האָב געפילט פאר מיין הייליקן חוב צו סובלי־מירן דאָס, וואָס ווערט פארשטופט, פארוואָרפן און פאר׳מי־אוס׳ט. כאפט ניט דעם קינד, כאפט ניט, האָט רחמנות, האָב איך דער "פארצווייפלטער" מוטער געזאָגט, עס וועט קיין גנב ניט אויסוואקסן. אונז אליין איז גרינגער צו קומען אין אן עת צרה נאָך הילף און נאָך אן עצה צו א מענטשן, וואָס ווייסט ניט פון אונזערע חטאים . . . שווער צו קומען צו איינעם, וואָס קאָן א זאָג טאָן, "זעסט, כ׳האָב געזאָגט!" שטעלט ניט אויף קיין וואנט, עלטערן !

ליבע ? האָב איך א זאָג געטאָן מיין בחור׳ל, שלמה׳ן, ביי א צווייטער געלעגנהייט, ליבע ? ווי זאָל איך דיר עס זאָגן. ווייסט ס׳איז א גרויסע עולה באגאנגען געוואָרן קעגן לעגענ־דעס און אבערגלויבנס. (איר׳ט פרעגן וואָס עפּעס לעגענדעס, וואָס עפּעס אבערגלויבנס ? איך האלט, אז ריידנדיק וועגן אזוי־נע זאכן ווי ליבע און סעקס דארף מען זיך אויפהייבן מיטן קינד הויך, הויך אין די הימלען דאָרטן איז שטילער, דאָרטן איז ליכטיקער, דאָרטן איז ווארימער, דאָרטן איז הייליקער, דארף מען זיך אויפהייבן העכער און געבן צו "טיילעפעלאך"). דער ראדיקאלער מענטש, שלמה, האלט פון לעגענדעס און פון אבערגלויבנס בכלל נישט. ס׳איז נישטאָ אין זיי קיין זין. שטי־קער נארישקייט פון אמאָליקער האלב ווילדער, פרימיטיווער מענטשהייט. דער פרומער, פארקערט, האלט שוין יאָ, האלט שטארק פון לעגענדעס, נעמט ער אָבער זיי בוכשטאבלאך און פארהייליקט זיי. ער דערשטיקט אויף אזא אופן די נשמה פון דעם דאָזיקן אבערגלויבן, פון דער דאָזיקער לעגענדע. לעגענדעס און אבערגלויבנס זיינען פאָלקס שאפונגען. אין זיי איז פאר־לייגט א סך חכמה, אין זיי זיינען פארלייגט אָנדייטונגען, סימ־באָלן, דאָס זיינען קונסט ווערק. אפילו דער יהי אור איז א סימ־באָל, שלמה. צו וואָס האָט גאָט באדארפט ס׳זאָל ווערן ליכ־טיק, האָט ער דען ניט געקאָנט זען אין דער פינסטער ? ס׳זיי־נען דאָך פאראן באשעפענישן, וואָס זעען נאָך בעסער אין דער

פינסטער. ווען מען האָט ער עס געגעבן דעם באַפעל, אַז אויסער אים איז קיינער ניט געווען, דער פינסטערניש דען? זי, די פינסטערניש, הייסט עס, זאָל עס שאַפן ליכטיקייט? איז דען עפּעס וואָס געווען פריער? אויב יאָ איז ווער האָט עס געשאַפן? דער תירוץ איז, שלמה, אַז ס׳איז אַ לעגענדע, אַ סימבאָל. גאָט האָט זיך געקליבן באַשאַפן די וועלט, און איידער מען טרעט צו עפּעס וואָס צו שאַפן, דאַרף מען זען עס זאָל קודם כל ליכטיק און קלאָר זיין די אויפגאַבע. ליכטיק, מיט אַ קלאָרן אויג און מיט אַ ליכטיקער נשמה זאָלט איר צוטרעטן צו אַן אַרבעט, צו אַ שאַפונג. קודם זאָל זיין יהי אור — וועט שוין זיין טוב, גוט! דערפאַר פלעגט עס דער רבונו של עולם נאָך יעדן באַשאַף "זען" אַז ס׳איז טוב, ס׳איז גוט.

סימבאָליזירט דען נישט משה מיט זיין הרג׳ענען דעם מצרי דעם אינטערנאַציאָנאַלן גייסט! טרעט אַרויס אַפּילו קעגן דיינעם אַ ברודער, אויב ער איז ניט גערעכט. "גערעכט צי אומגערעכט, ס׳איז מיין פאָלק, מיין לאַנד און לכן איז רעכט", וואָלט משה קיינמאָל ניט געזאָגט.

דערציילט אַן אַנדער לעגענדע:

משה האָט דערלאַנגט מיטן שטעקן אַ קלאַפּ אין שטיין און ס׳האָט זיך געעפנט אַ קוואַל. ס׳געפעלט מיר ניט די מעשה. קוואַלן טאָר מען ניט קאָנען עפענען מיט שטעקנס. ס׳מוז אָבער אויך אין דער לעגענדע פאַרלייגט זיין שיינקייט און חכמה. אַ שטיין איז דער סימבאָל פון קאַלטקייט (אַ שטיין איז אַפּילו קאַלט אין אַ הייסן זומער טאָג), דער סימבאָל פון זיכערקייט (ליגט זיך מאַסיוו "רירט מיך ניט פון אָרט"), פון האַרטקייט. ניט אומזיסט זאָגט מען אויף אַ שלעכטן מענטשן, אַז ער האָט אַ האַרץ פון אַ שטיין. האַלט איך, אַז די לעגענדע סימבאָליזירט, אַז אויב איר ווילט עפענען אַ קוואַל, עס זאָל שפּרודלען מיט גייסט און פרישקייט — "צעברעכט" אין זיך זיכערקייט, האַרטקייט, און קאַלטקייט.

לייענען מיר, אַז ווי נאָר קין און הבל האָבן צעטיילט צווישן זיך דעם רייכטום פון דער וועלט, ווי נאָר ס׳איז געוואָרן מיינס און דיינס, איז גלייך פאָרגעקומען אַ מאָרד צווישן ברידער. אַ

טייערער סימבאל פאר דורות און דורות. אברהם האט געפרואווט פארמיידן דעם אומגליק. ווי נאר ער האט זיך צעטיילט דעם רייכטום מיט לוט׳ן, זיינען זיי זיך פאנאנדערגעגאנגען. וואלטן זיי געבליבן צוזאמען, ווייסט גאט, ווער פון זיי וואלט געווען דער קין . . . די קינ׳ס, שלמה, זיינען קיין קינ׳ס ניט, זיי זיינען קינדער פון זייער סביבה. יעדע צייט האט זיך אירע קינ׳ס. יא, יעדע לעגענדע איז א סימבאל, איז א קונסטווערק. יא, לעגענדעס זיינען פאלקשאפונגען, קונסט ווערק.

ליטעראטור, זאגט מען, שלמה, איז שפיגל פון לעבן. אויב ליטעראטור וואלט נאר דאס געווען, וואלט די גאנצע ״ליטעראטור״, וואס מיר געפינען אין די פארשיידענע ביליקע זשורנאלן, וואלטן אלע ״שיינע״ ראמאנען, וואס ״גייען״ אין דער פרעסע אויך געווען ליטעראטור. וויל איך עס ניט. שמ״ר און דיקס ליטעראטור רופט מען שונד ליטעראטור, מחמת זי איז ווייט געווען פון לעבן, מחמת איר ניט קינסטלערישקייט. מ׳וואלט צו בלוטיק מבייש געווען דעם שמ״ר׳יזם, ווען מען נעמט די פרעסער ראמאנען אריין אין שונד ליטעראטור. ליטעראטור איז ניט נאר שפיגל פון לעבן. ליטעראטור איז אזא שאפן — וואו ס׳שפירט זיך נייקייט, רוף, הייליקייט, וואו ס׳פילט זיך דער מארגן. ליטעראטור ברעכט נייע וועגן, ווישט אפ אלטן שטויב, ליטעראטור איז ליכט, וואס ווערט אין מענטשלאכן חושך געווארפן. ליטעראטור מונטערט, וועקט און דערהויבט. נביאים איז ניט געשיכטע, נביאים איז ליטעראטור, אזוי זיינען אויך לעגענדעס, שלמה. ס׳איז ליטעראטור !

נו, שלמה, איז פאראן אן אבערגלויבן, אז אויב אין שטעטל איז פאראן א זינדיקער ברעכט אוים א מגפה אויף קינדערלאך; זיבן לויות, צען לויות א טאג. איז וואס טוט מען ? דארף מען געפינען דעם זינדיקן. אים ארויסטרייבן פון שטעטל, אדער באשטראפן. אויב מען קאן אים אבער ניט געפינען, דארף מען חתונה מאכן א יתומה אפן בית־עולם. אבער דאס איז נאך ניט אלץ. ס׳איז פאראן א צווייטער אבערגלויבן, אז יעדן אינדערפרי שיקט גאט אראפ א מלאך חרוב צו מאכן די וועלט, מחמת איר זינד, מחמת איר שלעכטקייט. באגעגנט אבער דער מלאך קינ־

דערלאַך און קערט זיך אום. ער קאָן נישט. אויב א מלאך האָט
אזויפיל ליבע צו קינדער, א פשיטא שוין גאָט אליין. מוז דאָך
אָבער די זינד זיין פון א שרעקלאכן מין, מחמת די שטראָף איז
דאָך אזא הארבע. און דאָ חתונה מאכן א יתומה, אזא קליינ־
קייט, נייטראליזירט די גאנצע זינד דער אבערגלויבן סיגנא־
ליזירט אונז, שלמה, אז אביסעלע גוטס, א קאַפּיטשקע פרייד,
א שטראַל פון ליבע האָט מער קראַפט ווי ימים שלעכטס און
זינד. דאָס ביסעלע פרייד, וואָס ווערט פאַרשאַפט דער אָרימער
יתומה וועגט אריבער די ימים שלעכטס, וואָס קומט פון זינד.
ליבע, איז דאָס הייליקע פייערל, וואָס איז פאַרלייגט אין יעדן
מענטשן, וואָס וואַרימט אים, וואָס זוניקט אים און לויכט אים.
אביסעלע ליבע, א קאַפּיטשקע פריינטשאַפט, א שמייכל א האַר־
ציקער קאָן צעשמעלצן הערצער פון שטיין. ליבע האָט אין זיך
א מאַגנעטישע קראַפט, א צויבער קראַפט. געדיינקסטו דעם
געוועט צווישן דעם ווינט און דער זון, דער ווינט שלעפּט,
רייסט מיט גוואַלד דעם רעקל פונם פויער און קאָן דאָס ניט
אראָפּרייסן, באַווייזט זיך נאָר די זון, דערלאַנגט זי נאָר א לויכט,
א וואַרים, און דער פויער טוט מיט פאַרגעניגן אוים זיין רעקל.
דאָס, וואָס עס איז נישט מעגלאַך צו דערגרייכן מיט קאַנאָנען,
קאָן מען דערגרייכן מיט איין שטראַל ליבע. אָט האָט מיר נעכטן
א יונגע מאַמע, א געוועזענע תלמידה מיינע, א זאָג געטאָן:
איר וואונדערט זיך, ווי קומט עס, וואָס איך, די פוילערקע, די
שטיפערקע, בין אזוי פאַראַנטוואָרטלאַך, און אזוי נישט פויל
פאַר מיין קינד? הערט, כ'פלעג אריין צו זעלדען און דערזען
ווי זי אַרבעט אזוי שווער אַרום איר קינד, כ'פלעג איר גאָר־
נישט מקנא זיין. גאַנצענע טעג און נעכט פלעגט זי פאַר־
שקלאַפט זיין צום קינד. כ'פלעג נישט דערקאָנען די נעכטיקע
טענצערקע און שפּרינגערקע. ס'פלעגט מיר אָננעמען א ווייטיק
פאַר איר גורל, פאַר איר שקלאַפעריי. ניין, האָב איך געטראַכט,
איך וועל אזוי גיך ניט חתונה האָבן. ניין, איך זיכער נישט.
כ'מוז עלטער ווערן, ערנסטער ווערן, אנדערש ווערן, מחמת ווי
איך פיל זיך היינט, וועל איך בשום אופן קיינמאָל זיך ניט קאָ־
נען צוגעוואוינען צו דער קאַריערע פון א מוטער. און היינט?

היינט, זעט איר דאָך, איך בין גליקלאך מיטן קינד. דו פאַרשטייסט, שלמה, דאָס איז זי, זי די ליבע, וואָס גיט איר אַזויפיל כח, אַזויפיל געדולד, און מאַכט איר אַזוי גליקלאך. אָן ליבע וואָלט זי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווען זי דאַרף אַזוי שקלאַפן. מיט דער ליבע איז איר די "שקלאַפעריי" זיס און ליב.

זע, שלמה, וויפל האַרציקייט און ליבע עס שטראַלט אַרויס פון מייקלס האַרצן, ווען ער זאָגט אַזוי איינפאַך און פשוט:

"כ'בין געווען, קינד מיינס, צו דיר, ווי מיינע עלטערן זיינען געווען צו מיר.

"כ'צאָל דיר אָפּ דעם חוב, וואָס כ'בין זיי שולדיק.

"כ'וואָלט וועלן דו זאָלסט פירן אַזאַ לעבן, ווי זיי האָבן געפירט...

(וואָדסוואָרט "מייקל").

יאָ, שלמה, "פאַראַן אין ליבע אַ קראַפט אַזאַ — עס קאָן מענטשן שמידן מיט אַזויפיל כח צו טאָן זאַכן, וואָס, ווען גערטאָן אָן ליבע, וואָלט דער מח זיך "איבערגעקערט", וואָלט ס'האַרץ עס ניט אויסגעהאַלטן". (וו. וואָדסוואָרט).

"ליבע", זאָגט קאַלרידזש, "איז ווי אַ גן־עדן בלום, פרייַנטשאַפט ווי אַ שאָטן־בוים אין אַן אָאַזיס".

אָבער צו דער ליבע דאַרף זיין אַ מאָס. אָט זיינען אדם און חוה געווען אין גן־עדן. זיי זיינען דאָך געווען דער ערשטער בחור'ל און דאָס ערשטע מיידל. זיי האָבן ניט געקאָנט שפּרינגען אין ליבעס. ס'איז געווען פון וועמען צו שפּרינגען, אָבער ניט אויף וועמען. זיי האָבן זיך זיכער געמוזט ליב האָבן. גאָט אַליין איז געווען דער "שדכן"... יאָ, זיי האָבן זיך זיכער געמוזט היים ליב האָבן. און ס'איז נאַטירלאַך, אַז אַ אינגל זאָל ליב האָבן אַ מיידל. גאָט אַליין האָט זיך זיינע כאַראַקטערשטריכן, זיינע מעגלאַכקייטן, זיין נאַטור און זיינע חסרונות. מעגן מיר דאָך אודאי און אודאי זיך ניט שעמען מיט נאַטירלאַכע פאַר אונז נייגונגען, און שטימונגען, און געפילן. אָט איז גאָט אין כעס געוואָרן און געבראַכט אַ מבול. געמעגט נישט אין כעס ווערן. נישקשה, אַ סימן, אַז אויך ער קאָן זיך ניט אַלעמאָל קאָנטראָלירן. שפּעטער האָט ער חרטה אויפן עסק, און שווערט, אַז ער וועט שוין זיין גוט און פרום. מעגן מיר דאָך

אוודאי מאכן טעות'ן. ווייטער דערציילט מען, אז ער, דער רבונו של עולם, האָט באשאפן דעם מענטשן אין זיין געשטאלט. כ'האלט, אז א טאטע וויל תמיד, אז זיין קינד זאָל זיין שענער, בעסער, אנדערש פון אים. איך דיינק, אז דער געדאנק פון צלם אלהים סימבאָליזירט, אז אויך גאָט איז באגרעניצט אין זיינע מעגלאכקייטן, פונקט ווי מיר. ווייטער ווייסן מיר, אז דער רבונו של עולם אליין האָט געוואָלט מען זאָל אים זאָגן א גוט וואָרט, א ברכה'לע, א קדושה'לע. ער האָט פון דעם משמעות גוואלדיקע הנאה. מעגן מיר דאָך אודאי און אודאי ליב האָבן, אז מען זאָגט אונז א גוט וואָרט און פיינט האָבן, ווען מען האלט אונז אין איין טאדלען. ס'איז נאטירלאך, שלמה, צו ליבן און וועלן געליבט צו ווערן.

די העכסטע דערהויבונג, שלמה, איז ליבע. ליבע קאָן אויף אירע פליגלען דערהויבן דעם מענטשן אין די העכסטע הימלען. ליבע איז ניט סתם א געפיל, ליבע איז די זון פון אלע געפילן, זי איז דאָס הייליקסטע געפיל. ליבע באוואָרימט אלע געפילן מיט אירע ליכטיקע שטראלן און גיט לעבן, פרייד אויף יעדן געביט, וואו זי, די ליבע, ווענדט נאָר אירע שטראלן. ליבט עמיצער קינדער, וועט ער אין זיין חוש צום קינדס נשמה קיינמאָל קיין טעות ניט מאכן. די ליבע וועט געבן איר ליכטיקן און ריינעם קאָליר אלע זיינע האנדלונגען און באציאונגען צום קינד. ליידנשאפט, וואָס איז א רעזולטאט פון הייליקער ליבע, איז נאָר קערפער, די נשמה פון דעם דאָזיקן קערפער איז ליבע. און אזוי ווי ליבע איז הייליק, איז זיכער ניט אומריין איר קערפער, די ליידנשאפט. די ליבע קאָן אָנטאָן א קערפער, אזא קערפער איז אויך ליכט. קערפער אליין, אָן נשמה, איז קאלט און פוילט. אנטלויף ניט פון קערפער, ווען די צייט וועט קומען, אָבער היט די ליבע! די גאנצע אמונה איז געבוירן געוואָרן פון דער ביינקשאפט נאָך דער הייליק-ליכטיקער ליבע. זע, שלמה, מיר האָבן שוין אייניקע מאָל געשמועסט וועגן טעזיס, אנטי-טעזיס און סינטעזיס, מיר האָבן שוין אייניקע מאָל גערעדט וועגן דעם, אז יעדע דערשיינונג האָט א טבע פארוואנדלט צו ווערן אין א קעגנזאץ, כדי ס'זאָל פון דעם קעגנזאץ

געבאָרן ווערן אַ שענערע ערשטע. אַ קערנדל ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ זאַנג, אַ קעגנזאַץ, און שפּעטער אין אַ גאַנצער ריי פרישע, ווייכינקע (ערשטע) קערנדלאַך. דער גלויבן אין גאָט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קעגנזאַץ, אין אַן אָפּלייקענונג פון גאָטהייט בכלל, אין אַ נעגאַציע, איצט פילן מיר דעם סינטעז. גאָט איז אין אַלץ אַרום אונז און אין אונז; אַלץ, וואָס וואַקסט, און בליט, און לעבט און שיינט, און שטראַלט, און פינסטערט אין אונז און אויסער אונז איז גאָט. ליבע איז די ליכטיקע נשמה פון גאָט, פון דער נאַטור אַרום אונז און אין אונז. ליבע איז פריינטשאַפט, חבר׳שאַפט, גרייטקייט, צוטרוי, צאַרטקייט, איידלקייט, דאַנקבאַרקייט, קידוש־השם, הייליקייט, דערהויבנקייט. טראַכט, שלמה, פון דער דאָזיקער ליבע. ציי זיך צו דער ליבע, וועסטו פאַרלירן דיין גאַנצן פאַרמעגן, שלמה, וועסטו אפילו פאַרלירן דיין געזונט, וועסטו קיינמאָל זיך ניט דערפילן אַזוי אָרים, אַזוי אומגליקלאַך ווי דו וועסט זיך פילן, ווען דו פאַרלירסט די געפילן פון הייליקייט און ליבע. אמת, וועסטו קיינמאָל זיך ניט דערהויבן צו דער דאָזיקער ליבע, וועסטו זי ניט קאָנען פאַרלירן, וועסט אפילו ניט פילן, אַז דו האָסט זי פאַרלוירן, מחמת דו האָסט זי גאָר קיינמאָל ניט געהאַט. איז אָבער דער ציל פון לעבן צו געפינען, אַרויסצורופן אין זיך הייליקע ליבע. —צו פליען הויך און קאָנען זיך דערהאַלטן אין דער דאָזיקער הויך. אפשר דערקלערט זיך מיט דעם די שרעק פאַר אַ "שד", מחמת ער ציט עס דעם מענטשן אין דער נידער, ער רייסט עס אָפּ דעם מענטשן פון די הימלען, און דאָס איז דער גרעסטער אומגליק. דער פינסטערסטער חורבן, וואָס אַ מענטש קאָן זיך פאָרשטעלן איז אַ חורבן אין אַ נשמה פון אַ מענטשן.

נו, גוט, וואו האַלטן מיר? יאָ. האָט חוה, הייסט עס, ליב געהאַט אדם׳ען און פאַרקערט. זיי האָט געדאַרפט זיין זייער גוט, ווי עס קאָן זיין אין אַ גאָרטן ביים טאַטן פון דער וועלט. נו, האָט חוה דערזען אַן עפּל אָדער ווייַנטרויבן, האָט זי עס פאַרזוכט. עס איז גוט, געשמאַק. פאַרשטייט זיך, אַז זי איז גלייך געלאָפן צו איר איינציקן פריינט און אים אויך געגעבן

צו פאַרזוכן. ווערט גאָט אין כעס און טרייבט זיי אַרויס פון גן־עדן און פאַרשילט זיי. זאָל מען דאָס פאַרשטיין בוכשטאַב־לאַך, וואָלט עס דעם רבונו של עולם געוויזן אין גאַרניט קיין שיינער ליכט. ער וואָלט געווען אומגערעכט. אַז חוה האָט געגעסן איז א סימן, אַז זי איז געווען הונגעריק. פאַרוואָס אַזאַ הארבע שטראָף? ווי טרייבט עס אַ טאַטע אַרויס א קינד פון שטוב פאַר נעמען ווײַנטרויבן. מעג עס אפילו זײַן ניט געד פרעגטערהייט. אפשר זאָלן מיר דאָס פאַרשטיין סימבאָליש, אַז זיי האָבן געגעסן דעם עפּל צו פרי, אָדער, אַז זיי האָבן נישט געוואוסט קיין מאָס, קיין וואָג און דערפאַר האָבן זיי פאַרלאָרן דעם גן־עדן אין האַרצן. אַזוי איז אויך מיט ליבע. גרויס און הייליק איז דאָס געפיל פון ליבע. פאַרלירט מען אָבער די מאָס, פאַרלירט מען די רואיקייט, פאַרלירט מען דעם געדולה, פאַר־לירטמען דעם גן־עדן. די דערוואַכונג פון געפילן פון ליבע איז א נאַטירלאַכע דערשיינונג, שלמה. ניטאָ וואָס צו שעמען זיך. פאַרלירט מען אָבער די מאָס פאַרלירט מען א סך. מען פאַר־לירט א טייל פון גן־עדן. מען פאַרשווענדט צופיל כחות דער־מאָלט, ווען זיי זײַנען נאָך נישט רייף. מען פאַרפאַמעלאַכט דעם נאַטירלאַכן גאַנג פון אַנטוויקלונג. מען מעג שפּאַסן, שפּילן, שטיפן, ליבן, אָבער מען דאַרף תמיד וויסן, אַז דאָס איז אַלץ פאַרבײַגייענדיק, מען דאַרף תמיד זען צו הערשן איבער דער דאָזיקער ליבע. אָבער נישט לאָזן זיך פון איר באַהערשט צו ווערן. אויב מען טוט עס נישט אַזוי, קאָן חלילה צו קיין אומ־גליק ניט קומען, אָבער מען פאַרשווענדעט צופיל כחות, אומ־זיסט און צו פרי. ס׳טרעפט אָבער, אַז א קינד איז צו היים־בלוטיק, אַלץ וואָס עס טוט איז עס מיט אימפעט, מיט שטורם, ליידנשאַפטלאַך. אַזאַ קינד לעבט אויך שטורמישער און קאָן זיך נישט צוימען. נישט געפערלאַך. אמת, בעסער וואָלט געווען ווען מען קאָן זיך יאָ צוימען.

יאָ, ליבע מוטער, כ׳האַלט, אַז דאָס דאַרף זײַן דער גייסט פון א שמועס וועגן סעקס פּראָבלעמען. דאָס קינד וועט עס אויפנעמען, איבערטראַכטן, איבערגיסן אין זײַן פאָרמע. דער אינהאַלט פון שמועס, דער גייסט פון שמועס בלײַבט אין קינד

אויף אייביק, דערפאר צו "טוי־לעפעלאר" באהויכט מיט האר־ציקייט און פריינטשאפט.

אלץ און אלע ליבן. שלמה. די פרעש האלטן אין איין קוואקן, האלטן אין איין רופן מיטן קוואקן זייערע געליבטע צו זיך. פאראן חיות, וואס בייטן דעם קול, ברומען צארטער, כדי אויסצונעמען ביי דער געליבטער. ליבע איז א נאטירלא־כער געפיל צווישן מענטשן, חיות און אפילו פלאנצן.

ביי חיות, למשל, דערוואכט דער אינסטינקט פון ליבע פלוצלונג און שטורמיש אין סעזאן־צייט, און ווערט גיך אנט־שלאפן. ביי מענטשן איז דאס א בהדרגה'דיק שטייגן. דערפאר געוואוינט זיך דער מענטש צו דעם פאנאנדערשטורמען זיך, און קריגט בישלאכווייז צוריק זיין רואיקייט, צוריק זיין גן־עדן. מען מעג, שלמה, און מען דארף וועגן די זאכן לייענען און טראכטן, אבער מיט א מאס. פון לייענען וועגן דעם צופיל ווערט מען צערייצט. פארקערט זיין א הייליקער, מיינט שטיקן און דריקן אין זיך געפילן, טויג עס ווידער ניט. בלימעלאך ליבן זון, אן זון וואלטן זיי געשטארבן, אבער פון צופיל זון ווערן זיי פארברענט. מען מעג לייענען א בוך פון ליבע, מען מעג ליבן א מיידל, ס'איז נאטירלאך, אבער מיט א מאס. דו פרעגסט מיך אבער, וואס טוט מען ווען דער שטורם איז צו שטארק, וועל איך דיר זאגן, גליטש זיך, טו גימנאסטישע איבונגען, גיי אויף ארויספלוגן, באד זיך פארן שלאף, נאר שרעק זיך נישט, דער שטורם שטילט זיך בישלאכווייז איין. ס'מעג שטורמען. דער מענטש איז שטארקער פון אייזן

פלוצלונג דערלאנגט מיר שלמה א ווארף א "באמבע" אי־בערן קאפ. "אבער ווי אזוי ווערט געבארן א קינד, וואס פאר א ראל שפילט דער פאטער אין דעם?" איך האב נישט דערוואַרט אזא פראגע היינט. זעט ווי דאס קינד איז גלויביק, זעט ווי עס איז צוגעלאזן, זעט וויפל צוטרוי עס האט. רירט איר נאר אן דאס הערצעלע רעדט עס צו אייך אזוי אפן, אזוי פריי. ניט אומ־זיסט האט ישעיהו געהאפט, אז ווען ס'וועט אמאל קומען א צייט פון אייביקן גליק, דען א וואלף וועט לעבן מיט א ציגע־לע און . . . וועט זיי א קינד פירן. יא, דאס קינד, דער סימבאל

פון צוטרוי און פון גלויבן, פון אָפּנהערציקייט און ליבע. יאָ. דאָס קינד איז דאָך כולו הייליקייט !

כ׳פאַראינטערעסיר מיך ווידער מיט א בלימעלע, כדי אויס־צוארבעטן א פּלאַן ווי צו רעדן. ניט דערוואַרט די ״באַמבע״ דווקא היינט — א חוץ דעם דאַרף איך שפּילן ״קאַלטקייט״. . .

יאָ, איצט מוז מען זיך נעמען צו דער אמת׳ער אויפקלע־רונג, אָבער נישט אַזוי גיך. ערשטנס, טראַכט איך מיר, טייע־רער שלמה, לאָמיר אוועק ווידער אין די הימלען, דאָרטן איז רואיקער און הייליקער. פון וואַנען קומען קינדער ? ווי זאָל איך דיר דאָס זאָגן, שלמה. הער, ס׳איז פאַראַן אן אבערגלויבן, אז ווען א מאַן איז זוכה צו זיצן אין גן־עדן, איז די פרוי זיינע זיין פוס־בייגקעלע. דאָס איז דאָך פשוט א באַליידיקונג. אָט די, וואָס געבוירט דאָס קינד, וואָס ליידט ווייטיקן ביים געבורט, אָט די, וואָס זי דאַרף עס אויסוואַרימען דאָס קינד אין איר קער־פּער, אָט די, וואָס זי דאַרף עס שפּייזן דעם ערשטן יאָר, דעם נפש׳ל, אָט די, וואָס געפינט זיך אַם נאָענטסטן צום קינד, אָט זי טאָר ניט זיצן מיטן מאַן, ווי גלייכע, אין גן־עדן, שרעקלאַך ! פון יעדן אָבערגלויבן און פון יעדער לעגענדע קאָן מען ארויס־שיילן א קערנדל חכמה, קאָן מען געפינען א סימבאָל, אן אָנדיי־טונג, א געבאָט. דער אָבער, אָבערגלויבן שיינט ביים ערשטן בליק צו זיין דערגאַנגען צו אונז א פאַרקריפּלטער, מחמת יע־דער אבערגלויבן, מחמת יעדע לעגענדע קומט דאָך צו אונז, איבערגעגעבן פון מויל צו מויל אין משך פון טויזנטער יאָרן. אָדער איז דער אבערגלויבן א פאַרקריפּלטער, אָדער איז ער געשאַפן געוואָרן אין א ספּעציפישער צייט, לאָמיר זאָגן, אין אַזא צייט, למשל, ווען ס׳זיינען געשאַפן געוואָרן די אבער־גלויבנס, אז די פרוי אין א שד, אן אומריינע באַשעפעניש. גע־ווען אויך א צייט פון אַזא מין קולטור. אפשר איז א פרוי צו יענער צייט באַגאַנגען א גרויסן פאַרראַט, און ארויסגערופן כעס און האַס צום גאַנצן מין. אָדער איז עס געווען די צייט, ווען די מענער האָבן גענומען ארויסרייסן ביי דער פרוי די מאַכט איבער דער פאַמיליע. א שרעקלאַכער אבערגלויבן, דאָך קאָן מען און מען מוז עפּעס וואָס ארויסשיילן פון דעם דאָזיקן

אבערגלויבן. הער, שלמה, וואָס איך דענק, דאָס הערלאַכסטע, דאָס געטלאַכסטע און דאָס הייליקסטע וואָס איז פאַראַן אין אונזער לעבן איז מאַמעשקייט — די ליבע צום קינד. ס׳טרעפט, שלמה, אַמאָל, ביים געבורט אַזאַ שווערע לאַגע, אַז אָדער דאָס קינד קאָן בלייבן לעבן, אָדער די מוטער. ווען דיר וואָלט אויסקומען צו הערן מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט אַזאַ מוטער ענטפערט "ראַטעוועט נאָר מיין קינד!" אַ מאַמע! די ליבע פון אַ מוטער איז דאָס העכסטע צו וואָס אַ מענטש קאָן זיך דערהויבן. ווען דו קלעטערסט אויף אַ לייטער האַלטסטו דיינע פיס אויף אַ שטאַפל, למשל, און מיט די הענט האַלטסטו אין דערגרייכן דעם העכסטן, דעם ווייטסטן, לויט דיין וואוקס, שטאַפל. אָבער שפּעטער וועט דאָך אָט דער העכסטער שטאַפל זיין דיין פוס שטאַפל. דער אבערגלויבן סימבאָליזירט, גלויב איך, אַז דאָרטן, דאָרטן אין גן־עדן, איז אַזוי הערלאַך, אַזוי הייליק, אַזוי זוניק, אַזוי הימלש, אַז דאָרטן אין גן־עדן, איז פאַ־ראַן אַזויפיל ליבע, אַז די העכסטע דערגרייכונג אַף דער וועלט, די ליבע פון אַ מוטער, וואָס ווערט פערזאָניפיצירט דורך דער מוטער, איז נאָר אַ אַ פוס שטאַפל, אַ פוס־ביינקעלע אויף יענער וועלט. מאַמישקייש איז דאָרטן נאָר דאָס פוס ביינקעלע. דאָס העכסטע׳ מאַמעשקייט׳ די העכסטע דערגרייכונג דאָ איז נאָר אַ פוס ביינקעלע דאָרטן.

און אפשר סימבאָליזירט די לעגענדע עפּעס וואָס אַנדערש. דער מאַן איז תמיד פאַרטאָן. ער איז תמיד פאַרנומען מיט דאגות פרנסה. די מאַמע ווארימט זיך אין זוניקע שטראַלן, אין ווארימקייט, אין איר ליבע צום קינד און אין קינדס ליבע צו דער מוטער. די מאַמע איז אין דעם פאַל האַרציקער, הייליקער און העכער פאַרן פאָטער. זי לעבט פשוט אַ גאַנצן טאָג אין אַ שענערער סביבה, אין אַ סביבה פון ליבע, פון צטרוי און אומשולד. דער פאָטער, דער מאַן, לעבט אין אַ סביבה, וואו עס איז שווער איינצוהאַלטן דאָס מענטשלאַכע אין דעם מענטשן. אפשר דאַרף די פרוי זיין אַ פוס ביינקעלע כדי צו דערהויבן, כדי דער מאַן זאָל זיך קאָנען א ו י פ ה י י ב ן אַביסעלע העכער. אָט דערציילט אונז די לעגענדע, אַז ווען אברהם איז

געקומען זען ישמעאל׳ן האָט ער געטראָפן ישמעאל׳ס פרוי. ער האָט געבעטן א שטיקעלע ברויט מיט וואסער. זי האָט זיך אָפגעזאָגט אים עס צו געבן. האָט ער געהייסן איבערגעבן דעם מאן אירן, זיין זון, אז דער שוועל איז צו נידעריק ביי אים. די פרוי, הייסט עס, דארף זיין דער שוועל. וואָס דארף דערהויבן. פארוואָס דווקא די מוטער? ווייל זי געבוירט. ווייל זי וואָרימט אוים דאָס קינד אין איר קערפער, ווייל זי פלעגט עס, און נערט עס, און היט עס! דערפאר האלט איך, אז די צייט פון רייף ווערן, די צייט ווען א מיידל ווערט רייף צו קענען געבוירן א קינד, דאָס איז די צייט, ווען א מיידל קריגט אירע מאָנאטלאכע, וואָלט באדארפט באגעגנט ווערן ווי א יום־טוב, מחמת דער טאָג דערמאָנט, אז די פרוי איז א מיטשאפערן פון מעשה־בראשית. האָט דאָך א מאמע געבוירן משה׳ן, רמב״ם׳ן, יוחנן בן זכאי, ישראל בעל שם טוב׳ן און לענינען!

א יאָ, שלמה, א קאָמוניסט וואָלט מיך דער׳הרג׳עט און א חסיד אוודאי, פארן דערמאָנען פאר דערמאָנען לענינען און ישראל בעל שם טוב אָן א להבדיל. זע איך אָבער אן אייביקע גאָלדענע קייט צווישן זייביידן. די גרויסע הייליקע ליבע צו די פאָלקס מענטשן, צו די דערנידעריקסטע און באליידיקסטע, וואָס האָט געפלאקערט אין דער נשמה פון ישראל בעל שם טוב, האָט פונקט אזוי הייליק געברענט אין דער נשמה פון לענינען.

יאָ, שלמה, כמעט די זעלבע פראָצעסן פון געבורט און פון רייף ווערן, וואָס קומען פאָר ביי מענטשן קומען אויך פאָר ביי פלאנצן און ביי חיות. אין די הויפט שטריכן זיינען זיי ביי אלעמען איינע און די זעלבע פראָצעסן. האסטו אמאָל זיך צוגעקוקט, שלמה, ווי דיין מאמע מאכט א הון? גוט, אויב אזוי האָסטו אפשר באמערקט א סך אייעלאך, גרעסערע, קלענערע, קליינטשינקע און גאָר ברעקעלאך אייעלאך? אָט וועל איך אויפעפענען קומענדיקן שבת א פראָש, וועל איך דיר ווייזן ווי אויך זי איז פול מיט אייעלאך, מיט איקרע, וועלכע זי גיסט אוים אין זומפ. דער מאן פראָש גיסט שפעטער ארויף זיין פליסיקייט אף די דאָזיקע אייעלאך. פון דעם אנשטייען פישעלאך. די פישעלאך אָטעמען מיט זשאברעס און שווימען מיט אן עקער

לע, אָבער ביסלאַכוויז אַנטשטייען ביי זיי פּיסעלאַך און לונגען ביז זיי פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַ פֿראָש. ביי אַ האָן וועסטו די דאָזיקע אייעלאַך ניט געפֿינען. פּונקט אַזוינע אייעלאַך, אָבער זייער אַ סך, זיינען פֿאַראַן אין דעם קערפּער פֿון אַ פֿרוי. מען שאַצט זיי פֿון 30 טויזנט ביז 100 טויזנט אין צאָל. זיי וואַקסן אין קערפּער פֿון דער פֿרוי. יעדן חודש ווערט פּאַרטיק, ווערט רייף אַזאַ אייעלע. זי קומט אַרויס, אַ געפּלאַצטע, אין דער פֿאַרמע פֿון אַ רויטער, בלוטיקער פֿליסיקייט, ביסלאַכוויז, שטיקלאַכוויז, אין משך פֿון אייניקע טעג. עס קומט אַרויס פֿון דאָרטן, פֿון וואַנען מען שלאָגט וואַסער. אָט שטעל זיך פֿאָר אַז, מען האָט דיר אַרויסגעריסן אַ צאָן, האַלטסטו דאָך אין שפּייען מיט בלוט, מחמת אַ סך קעמערלאַך אַרום דעם צאָן האָט דער דאָקטאָר צעריסן, ביים אַרויסציִען דעם צאָן. אַזוי פֿליסט אַרויס דאָס געפּלאַצטע אייעלע קעמערלאַכוויז. דעם מאַן האָט די נאַטור באַזאָרגט מיט אַן אַנדער מין "אייעלאַך". זיי זיינען לאַנגינקע, ווי קליינטשינקע שפּילקעלאַך, מיט קעפּעלאַך און עקעלאַך. מיר וועלן זיי אָנרופֿן מיט אַ נאָמען. עס וועט אונדז זיין באַקוועמער, מיר וועלן זיי אָנרופֿן ספּערם קעמערלאַך. אי די אייעלאַך, אי די ספּערם קעמערלאַך זיינען אַזוינע קליינטשינקע, אַז מען קאָן זיי קוים זען דורך אַ מיקראָסקאָפּ. אויך ביים מאַן קומען זיי אַרויס פֿון דאָרטן, פֿון וואַנען מען שלאָגט וואַסער. דער פּראָצעס פֿון רייף ווערן ביים מאַן איז אַנדערש ווי ביי דער פֿרוי. דער מאַן ווערט נאָר רייף אינערלאַך און דאָס אַלץ. ווי נאָר אַזאַ געפּלאַצטע רייפֿע אייעלע ביי דער מיידל אָדער ביי דער פֿרוי פֿליסט אין משך פֿון אייניקע טעג אַרויס, מערסטנס צוזאַמען מיטן שלאָגן וואַסער, הייבט אָן די צווייטע לויט דער ריי אייעלע רייף צו ווערן. געדויערט ווידער אַ חודש און אויך זי פּלאַצט. דער פּראָצעס קומט פֿאָר חודש נאָך חודש, ביז מען דערגרייכט אַ געוויסן עלטער, ביז מען ווערט, לאָמיר זאָגן, אַ 45 יאָר אַלט. דעמאָלט הייבן די אייעלאַך אָן איינצודאַרן. ווען דאָס ערשטע אייעלע ווערט רייף, לעבט דאָס קינד דורך אַ שטורמישע צייט. ס'איז נערוועז, ס'שרעקט זיך, מחמת ס'איז נישט זיכער, אַז דאָס דאָזיקע איז פּונקט אַזאַ נאַטירלאַכע דער-

שיינונג, ווי טרערן, וואָס הייבן אָן צו פליסן, בעת א פּאַרדרוס, אָדער ווי שפּייעכץ, בעת מען איז הונגעריק. יאָ דאָס רייף ווערן וואָלט באַדאַרפט באַגלייט ווערן מיט א יום־טוב. דאָס רייף ווערן איז דאָך אָן אנזאָג, אז ס'וועט אויך אמאָל זיין א מוטער, און מוטערשאַפט ווערט דאָך באַגלייט מיט אַזוינע הערלאַכע געטלאַכע געפילן פון מאַמישקייט און פון ליבע!

זייער אינטערעסאַנט זיינען די גלגולים. וואָס א זומער־פויגעלע (א באַטערפליי) מאַכט דורך. די אייעלאַך לייגט א זו־מער פויגעלע אויף די בלעטער פון א מילך־אַנקרויט. דער ערש־טער גלגול, אין וועלכן דאָס אייעלע ווערט פאַרוואַנדלט, ווען עס פּיקט זיך אויס, איז א מאַטיל־ווערימל. עס האָט אכט פּי־סעלאַך, א מיילכעלע, מיט וועלכן עס בייסט אָפּ שטיקעלאַך פון בלעטעלאַך, און ס'האָט נאָך נישט קיין פליגעלאַך. פיר מאָל ביים עס די פאַרב ביז ס'ווערט א נישט באַוועגלאַכע אינזעקטן־פּופּע, מיט א האַרטער כיטין ווענטל. פון וועלכער ס'פליט שפּעטער ארויס דאָס זומער פויגעלע. מיט טויזנטער יאָרן צוריק, האָט מען געמיינט, אז געוויסע באַשעפענישן ווערן פּלוצלונג סתם געבאָרן, פון העלער הויט געבאָרן. פליגן און אנדערע איב־סעקטן, שלמה, האָט מען געהאַלטן "שפּרינגען" פּשוט ארויס פון "מעניור" (פערד אָפּפאַל), אָדער פון מיסט. אפילו אריס־טאָטל רעדט וועגן דער דאָזיקער השערה אין זיינע ווערק. מען האָט נאָך צו יענער צייט נאָך נאָך גוט קיין מיקראָסקאָפּ און נישט געוואוסט, אז אינסעקטן לייגן זייערע אייעלאַך אין מיסט, אין אָפּפאַל, אין פוילנדיקע קערפּערס פון פאַרשיידענע באַשעפע־נישן. מען האָט נאָך נישט געוואוסט, אז די דאָזיקע אינסעקטן מאַכן דורך פאַרשיידענע גלגולים. היינט ווייסט מען שוין, אז קאָמאַרן (מאָסקיטאָס), למשל, פליען נישט סתם ארויס פון טייך, אז זיי אנטוויקלען זיך, אַזוי ווי אַלע אנדערע באַשעפענישן, פון אייעלאַך, באַפרוכפּערט פון ספּערם, אז די אייעלאַך באַפרוכ־פּערטע וואַרפט די מוטער, קאָמאַר, אריין אין טייך, אין לוזשע, וואו זי אליין איז אמאָל געלעגן, ווי אן אייעלע.

ווייסטו, שלמה, אז פיש־מאַמעס האָבן אין זיך איקרע, דאָס זיינען זייערע אייעלאַך. אנדערע פישן, די טאַטעס, האָבן די

מילך, דאָס זיינען די ספּערם־קעמערלאַך. די פיש מאַמעס גיסן אויס ערגעץ וואו אין טייך זייערע אייעלאַך, קומט דער פּאָטער פיש און גיסט דאָרטן אויס זיינע ספּערם קעמערלאַך. פונם צו־נויפגוס פון א אייעלע און א ספּערם קעמערל שאַפט זיך א ניי פישעלע, א פישעלע מיט איקרע, א מאַמע־פישעלע, אָדער א פישעלע מיט מילך א פּאָטער־פישעלע. פאַראַן פיש פּאָטערס וואָס האַלטן די באַפרוכפּערטע אייעלאַך אין מויל ביי זיך ביז ס'פּיקן זיך אויס זייערע קינדערלאַך. פאַראַן פּאָטערס פישן (דווקא פּאָטערס!), וואָס היטן צוויי וואָכן צייט די דאָזיקע באַ־פרוכפּערטע אייעלאַך, פּאַסן אויף אויף זיי און ווייזן ארויס א סך ליבע צו זייערע קינדערלאַך. פאַראַן אַזוינע פישעלאַך, וואָס פלוצלונג אין מיטן דער נאַכט, אין האַרבסט, ווערן ביי זיי די בייכעלאַך געשוואָלן, די קעפּעלאַך טיילן זיך אָפּ פון די קער־פּערס און שווימען אָפּ אין א זייט. די געשוואָלענע בייכעלאַך פּלאַצן פון די רייף געוואָרענע, שוין באַפרוכפּערטע אייעלאַך. פון די באַפרייטע אייעלאַך פּיקן זיך אויס נייע פישעלאַך. צו די אָפּגעשוואומענע קעפּעלאַך וואַקסן צו נייע בייכעלאַך. א ניי באַשעפעניש. פאַראַן פישן, וואָס בויען נעסטעלאַך פאַר זייערע אייעלאַך. דו ווייסט, שלמה, אַז פייגעלאַך זיצן, פּונקט ווי הינ־דעלאַך, איבער זייערע אייעלאַך, פון וועלכע ס'פּיקן זיך שפּע־טער ארויס פייגעלאַך־קינדערלאַך. די קראָקאָדילן, למשל, באַ־האַלטן זייערע אייעלאַך צוויי אינטשעס אין דער ערד, באַדעקט מיט פאַרשיידענע בלעטער, און ווען דאָס רייפע קראָקאָדילעלע וויל ארויס פון דעם אייעלע קלאַפּט עס אין דעם שאָלעכץ, די מוטער קומט, שאַרט אָפּ די בלעטער און די וויצעס, און מאַכט מעגלאַך דאָס אויספּיקן זיך. זעסטו, קעצעלאַך, מייזעלאַך און הינטעלאַך האָבן זייערע נעסטן, פּונקט ווי מענטשן און אַנדערע חיות, ביי זיך אין קערפּער. זייער אָפט קאָנען מיר באַמערקן, ווי א הינטעלע, אָדער א קעצעלע־מאַן גיסט אריין זיינע ספּערם קעמערלאַך דירעקט אין דער מוטער קעצעלע, אָדער מוטער הינטעלע און דאָרטן אין קערפּער ביים קעצעלע, אָדער ביים הינטעלע וואַרימט זיך אויס דאָס נייע באַשעפעניש. בעת, דאָס פישעלע־מאַמע גיסט אויס אירע אייעלאַך דאַרף דער מאַן־פּי־

שעלע, דערביי אפילו ניט זיין. ביים פראָש איז דאָס אנדערש. ביים פראָש איז עס א מיטן־סטאדיע צווישן דעם פראָצעס, ווי עס קומט פאָר ביים קעצעלע אָדער ביים מענטשן און דעם פראָצעס, ווי עס קומט פאָר ביי א סך פישעלאך. דער פראָש מאן האָט צווישן די פינגער פון די פאָדערשטע פיס הייטעלאך, וואָס גיט אים א געלעגנהייט צו האלטן זיך שטארק אויף דער מוטער פראָש, מחמת ער מוז אויסגיסן זיינע ספערם קעמערלאך גלייך אף די אייעלאך פון דער מוטער, וואָס זי גיסט אויס אין זומפ אריין.

כאראקטעריסטיש קומט פאָר דער פראָצעס פון געבורט ביי די מוראשקעס. מוראשקעס, וואָס לעבן אין א נעסט, טיילן זיך אויף דריי קלאסן : פרויען, מענער און ארבעטער. מענער און פרויען האָבן פליגעלאך. די ארבעטער האָבן קיין פליגעלאך נישט. אין א ווארימען זומער נאָכמיטאָג קאָן מען אמאָל זען מיליאָנען מוראשקעס פליענדיק. דאָס איז זייער חתונה־פליען. נאָך דער חתונה שטארבן די מענער וואָס האָבן באפרוכפערט די פרויען. די פרויען פארלירן זייערע פליגעלאך און הייבן אָן צו לייגן אייעלאך, שוין באפרוכפערטע, פון וועלכע ס׳פיקן זיך ארויס נייע מוראשקעס.

א שפין, למשל, שאפט אין הארבסט א זעקעלע פול מיט אייעלאך, ארום 500 אין צאָל. ווינטער הויבן אָן פון די אייעלאך ארויסצוקריכן שפינעלאך. אין פרילינג קומען זיי ארויס פונם איי־זעקעלע און הייבן אָן זייער זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ. ווען מען זאָל אזוינע איי־זעקעלאך עפענען אין פארשיידענע צייטן, וואָלט מען אנטדעקט אזא דערשיינונג. די צאָל שפינעלאך ווערן קלענער, אָבער יעדע, פארבליבענע ביים לעבן שפינעלע ווערט גרעסער און דיקער. דאָס עסן די שטארקערע אויף די שוואכע ביז ס׳בלייבן נאָר די שטארקסטע, וועלכע קומען צום לעבן.

צווישן בינען געפינען מיר אויך דריי מינים : פרויען־מלכה׳ס, מענער און ארבעטער. ווען די ארבעטער ווילן שאפן א נייע מלוכה, רייסן זיי פאנאנדער די אָפצאמונגען צווישן דריי קעמערלאך, אין וועלכע ס׳ווארימען זיך אויס פון אייעלאך אר־

בעטער בינען, זיי פארניכטן צוויי אייעלאך און בויען אויס א קעמערל פאר א מלכה. שפעטער קארמענען זיי די לאַרווע מיט ספּעציעלן שפייז, און אזוי ווערט געבאָרן א נייע מלכה. דער אלטער מלכה געפעלט נישט דער עסק, זי וויל טויטן די קאָנקור־רענטן, ווערט אָבער די יונגע מלכה פארטיידיקט פון די אר־בעטער. די אלטע פליט אוועק פון נעסט, מיט אירע געטריי פארבליבענע, צו שאפן א נייע קאָלאָניע.

פאראן א סך אינסעקטן, וואָס, אין אונטערשייד צו דער מערהייט אינסעקטן, ווערן זיי געבאָרן אין וואסער. זיי פאר־ברענגען זייער קינדהייט, אזוי צו זאָגן, אין וואסער. שפּעטער פליען זיי ארויס פון דעם וואסער און ווערן לופט אינסעקטן. אזוינע מאמעס לייגן זייערע אייעלאך אין וואסער, אָדער זיי ווארפן זיי פשוט אריין אין וואסער. אזוי ווערן געבאָרן מאַי־פליגן, דראַגאָן פליגן (סטרעקאָזעס) און א סך אנדערע. זיי אָטע־מען די לופט, וואָס איז תמיד פאראן אין וואסער. פאר זיי איז דאָס גענוג. אנדערע האָבן אזוינע אָרגאנען, וואָס דערמעגלאכן זיי אריינצואָטעמען אטמאָספער לופט פון איבער דעם וואסער. ווען אזא אינסעקט דערגרייכט די אנטוויקלונג, אז ס'וועט שוין באלד דארפן ארויספליען אין דער וועלט אריין, קריכט ער פון וואסער ארויס אף א וואסער פלאנץ, ווארט ביז עס שפּאלט זיך די שאָלעכץ פון קערפער, ס'עפענען זיך די פליגעלאך און ער פליט ארויס. ביי די סטרעקאָזעס גייט אוועק א יאָר צייט פון דעם מאָמענט, ווען די מוטער האָט דאָס באפרוכפּערטע אייעלע אריינגעוואָרפן אין טייך אריין, ביז דאָס קינד פליט ארויס אין דער וועלט אריין.

די "בלויע־פלעשעלאך"־פליגן לייגן זייערע אייעלאך אין פלייש. אונזער הויז־פליג לייגט אירע אייעלאך אין שטאל מיס־טיקונג, אָדער אין פוילנדיקע פרוכטן און פוילנדיקע גרינסן. פליי, למשל, לייגן זייערע אייעלאך אין שטוב מיסט. דער גע־דערים פליג פון פערד און דער געשווילאכץ פליג פון דעם אָקס לייגן זייערע אייעלאך אויף די האָר פון פערד אָדער אָקס . . . דער פערד "לעקט" אָפּ די אייעלאך און דאָרטן אינם מאָגן אנט־וויקלט זיך דער מאגאָט פונם פליג. גאנצע "משפחות" אנט־

וויקלען זיך דאַרטן, ביים פּערד אָדער אָקס אין דעם מאָגן. דער פּערד מאַגאַט קומט אַרויס, ווי א מאַגאַט מיטן פּערד אָפּפאַל, און ווערט פאַרוואַנדלט אין דער סטאַדיע פון א פּופּע און פון דעם דער פליג. דער געשוויילאַכץ מאַגאַט פון דעם אָקס שניידט זיך דורך א וועג דורכן פלייש און דורכן פעל פונם אָקס און פאַלט אַראָפּ, ווערט פאַרוואַנדלט אין א פּופּע, און פון דעם די פליג. ס'דויערט א יאָר צייט פון דעם מאָמענט, ווען די פליג האָט געלייגט איר אייעלע אף א האָר פון א פּערד ביז פון דעם אייעלע ווערט געבאָרן א פליגעלע, וואָס קאָן, ווען באַפרוכפּערט ווערן, אויך לייגן איר אייעלע אף א האָר פון א פּערד. אַזוינע מעטאַמאָרפאָזעס, אַזוינע גלגולים מאַכן דורך, שלמה, א סך באַשעפענישן און אינסעקטן.

פאַראַן אַזא מין פלאַנצן־לייזעלאַך, וואָס מוטערס געבוירן זיי, ניט זייענדיק באַפרוכפּערט. דער לעבנס קרייז פון אָט די פלאַנצן־לייז איז אַזא : אין האַרבסט קאָן מען אף די פאַרגעלב־טע עפּל־בוים בלעטער געפינען א גרויסע צאָל קליינטשינקע "פינטעלאַך", "ער'לאַך" און "זי'עלאַך". זיי פּאָרן זיך און די מוטערס לייגן זייערע אייעלאַך אין דער פאָרמע פון פּראָפּאָר־ציאָנעל גרויסע, שוואַרצע אייעלאַך אף די צווייגעלאַך. אין פרי־לינג, ווען די קנאָספּן הויבן זיך אָן צו עפענען, פּיקן זיך פון אָט די אייעלאַך אַרויס "צווייגמוטערלאַך". גרעסער אין מאָס פאַר זייערע מוטערס. פון וועמעס אייעלאַך זיי האָבן זיך אויס־געפּיקט. די צווייג־מוטערלאַך, עפּל־בוים לייזעלאַך געבוירן קינ־דערלאַך, ניט זייענדיק באַפרוכפּערט פון א מאַן לייזעלע. די אייעלאַך צעוואַקסן זיך אין דעם קערפּער פון דער מוטער, און ס'ווערן געבאָרן אַקטיווע לייזעלאַך. די דאָזיקע לייזעלאַך האָבן ניט קיין פליגעלאַך, אָבער ווען זיי פאַרמערן זיך אויף אַזויפיל אַז ס'ווערט ווייניק אָרט פאַר אַלעמען, ווערט געבאָרן א דור מיט פליגעלאַך, וואָס פליט אַריבער אויף אַנדערע בוימער. צום סוף יאָר, ערב האַרבסט ווערט געבאָרן א דור, וואָס באַשטייט שוין ווידער פון זי'עלאַך און ער'עלאַך און ס'הייבט זיך אָן א נייער לעבנס קרייז.

פון דעם פארשטייסטו, שלמה, אז די נאטור האָט שוין אזוי פארזאָרגט, אז ווען א ספערם קעמערל קומט צו צו אן אייעלע גיסן זיי זיך צענויף און ס׳ווערט פון זיי איין קעמערל. דאָס הייבט אָן צו וואקסן אין דעם קערפער פון דער פרוי. עס וואקסט, טיילנדיק זיך. פון דעם צענויפגעגאָסענעם קעמערל פונם זייגאָט ווערן צוויי, אָבער זיי זיינען צענויפגעקלעפט איינס אין ס׳אנדערע. יעדעס קעמערל פון די צוויי טיילט זיך ווידער אויף צוויי גלייכע חלקים. און ווידער אזוי ווי צענויפגעבונדן. נאָכדעם טיילט זיך יעדער קעמערל ווידער אויף צוויי און אזוי שאפן זיך 8, 16, 32, 64, 128 און א. וו. קעמערלאך. די קעמערלאך זיינען פיצינקע, ברעקעלאך. אין יעדן פון זיי איז פאראן א טראָפן געדיכטע פליסיקייט אין א הייטעלע. פון די אלע טיילונגען שאפט זיך ביסלאכווייז א קנויל פון קעמערלאך, וואָס רינגלען ארום א ליידיקן פוסטן אָרט, דער אינווייניק. די טיילונג ווערט פאָרגעזעצט אין אזא סדר: די קעמערלאך לייגן זיך אוים אין דריי רייען. איינס הינטער ס׳אנדערע. די אויסערלאכע טיילן פון די צעלן בילדן אוים למשל, הויט, האָר, ענעמאל פאר די ציינער און א. וו.; די מיטלסטע טיילן פון די צעלן בילדן אוים לונגען, דעם מאָגן; די אונטערשטע ריי פון די קעמערלאך בילדן אוים ציין, געשלעכט טיילן, ביינער און מוסקולן. צו צוויי חדשים קאָן מען שוין וויסן דעם געשלעכט פן קינד. ערשט איז דאָס קינד באוואָקסן מיט הערעלאך. פארן קומען ווארפט דאָס נפש׳ל אראָפ פון זיך די פוך הערעלאך און גרייט זיך אין וועג. ראזירט זיך, אזוי צו זאָגן, אָפּ, פוצט זיך אוים, ס׳זאָל געפעלן . . . דורך איין רער באזאָרגט די מוטער דאָס קינד מיט שפייז און דורך א צווייטן רער שיקט דאָס קינד ארוים דעם אָפפאל. דער פראָצעס קומט פאָר אין משך פון 9 חדשים. 9 חדשים ווארימט די מוטער דעם נפש׳ל און אויף דעם 10טן חודש ווערט עס געבאָרן. דאָס נייע באשעפעניש האָט שוין אין זיך, אמת נאָך נישט קיין רייפע, ספערם קעמערלאך, אָדער אייעלאך, וואָס וועלן אפשר אמאָל זיין קינדערלאך און מאמעס און א. וו. אָט אזוי גייט דער לעבנס קרייז פון א מענטשן.

פאראַן באַשעפעניש, קליינטשינקע אין וואַסער, וואָס זיי פאַרמערן זיך דורך דעם, וואָס זיי האַטן זיך אין איין טיילן אויף העלפט. נישטאָ קיין מאַמעס און קיין טאַטעס. דער מענטש פרעטענדירט צו זיין אַ באַשעפעניש מיט הייליקייט, מיט נשמה־דיקייט, מיט ליבע, פונקט ווי פייגעלאַך, ווי טייבעלאַך, ווי פליגעלאַך, ווי מייזעלאַך און אַ. וו. אויך ער האָט דעם נאַטיר־לאַכן פּראָצעס, פון באַפרוכפּערונג פאַרהייליקט דורך ליבע. און ס'איז טאַקע שיין. ווערט מען רייף, קריגט מען ליב אַ מיידל. ס'אַנטוויקלט זיך אַ געפיל צו איר, עס ציט זי אַרומצונעמען, צו זיין נעענטער מיט איר. דאָס פירט ווייטער צום פּראָצעס פון ווערן איבערגיסן די ספּערם קעמערלאַך. (אהא, איצט אַ לע־גענדע ! . .).

מען דערציילט, אַז ווען ישראל בעל שם טוב פלעגט אַלס באַהעלפער פירן קינדערלאַך אין חדר, פלעגט ער אייניקע טראָגן אויפן פלייצע, אייניקע אויף די הענט. ער פלעגט גיין מיט זיין "אַרמיי" און זינגען. זייער געזאַנג פלעגט אָנמאַכן אַ רושם אויפן הימל, ווייסטו פאַרוואָס, שלמה ? ווייל דאָס געזאַנג איז געווען אַ הייליק געזאַנג, אַ התלהבות'דיק געזאַנג, אַ געזאַנג פול מיט ליבע. איז דער פּראָצעס פון באַפרוכפּערונג פאַרבונדן מיט הייליקער התלהבות'דיקער ליבע איז עס הימל, אַנדערש איז עס קאַלט, פּרעסנע און סמ'יק פאַר דער נשמה פונם מענטשן.

קומט, שלמה, דאָס נפש'ל אויף דער וועלט, הייבט עס אָן צו מורמלען, דאָס איז אַ פיזיש פּסיכישער פּראָצעס. דאָס קומט אינם דריטן חודש פון לעבן און שפּעטער קומט די פרייד, די באַגייסטערונג, וואָס זינגט אַרויס און שטראַלט אַרויס פון יעדן ריר פון קינד. פון די דריזן הייבן אָן די ערשטע צו אַרבעטן די טרערן דריזן. שפּעטער, אַפן פערטן חודש, די שפּייעכץ דריזן. שוין ביים געבורט שפּירט דאָס קינד קעלט, וואַרימקייט, ווייטיק. זען און הערן ווי געהעריק הייבט אָן אַ קינד ערשט, ווען עס איז אייניקע וואָכן אַלט.

זע, שלמה, ווי זאָרגפול די נאַטור באַזאָרגט עס אַלץ. ווי אַ מוטער באַזאָרגט די נאַטור אַלע פלאַנצן און באַשעפענישן.

ווייסטו, שלמה, דער פרימיטיווסטער מענטש האָט געמיינט, אז דער רבונו של עולם האָט באַשאַפן בלומען מיט פאַרשיידענע ריחות און קאָלירן, כדי דער מענטש זאָל פון זיי הנאה האָבן. אין דער אמת'ן איז די זאַך ווייט נישט אַזוי. די דופטיקע ריחות און שיינע קאָלירן זיינען נאָר א מיטל צו צוציען די אויפמערקזאַמקייט, צוציען צו זיך דעם אינסעקטל. נישט נאָר מיט דעם ציט די בלום צו זיך צו דעם אינסעקטל. זי פּראָדוצירט פאַר אים א זיסע פליסיקייט, א שפּייז, נעקטאַר. אָט אַזוי ציט צו די בלום צו זיך דעם אינסעקט. צו וואָס דאַרף די בלום דעם אינסעקט? אָ, זי דאַרף אים שוין שטאַרק האָבן. דער אינסעקט קומט צום בלום, כאַפּט זיך אין אים אַריין, עסט זיך אָן און ווייסט גאָרנישט, אַז ער באַצאָלט פאַרן מאָלצייט. בעת זיין ווײַלן ביי דער בלום, האָבן זיך אָן זיינע פיסעלאַך אָנגעקלעפּט ספּערם־קעמערלאַך, וועלכע ער וועט, אַזוי נישט ווייסנדיק פון זיין דינסט, זיי ברענגען צו דער זי־בלימעלע און אויף אַזאַ אופן זי באַפרוכפערן. די ספּערם קעמערלאַך שטעקן כמעט ווי אַרוים פון די בלימעלאַך, אַזוי, אַז דער אינסעקטל קאָן זיי נישט אויסמיידן. א חוץ דעם זיינען זיי באַדעקט מיט א קלעפּיקער פליסיקייט, קלעפּן זיי זיך אָן און ווערן געבראַכט צו דער "סטיגמאַ", אַן אויבנאויפיקער טייל פון דער זי־בלום. די אַרבעט טוט אויך דער ווינט, ער רייסט און צעשטויבט.

זעסטו שוין, שלמה, ווי שיין, ווי זאָרגפול די נאַטור באַזאָרגט עס אַלץ. ווי א מוטער באַזאָרגט די נאַטור אַלע פלאַנצן און באַשעפענישן.

ווען אַנשטאָט מלחמות, ווען אַנשטאָט קאָנקורענץ, וואָלטן מענטשן געבויט זייער לעבן אויף ברידערלאַכער אַרבעט און קעגנזייטיקער הילף, ווי הערלאַך די וועלט וואָלט געווען. טויט? יעדעס טויט בלעטעלע ווערט פאַרפוילט אין דער ערד און פאַרוואַנדלט אין פּעטס און אין גאַזן, וואָס געבוירן און שפּייזן גרעזעלאַך, בלימעלאַך, וואָס האָבן זיך זייער פרייד און זייערע פאַרגניגנס. א מענטש ווערט צעלייגט אין דער ערד, זעטיקט אינסעקטן און אַנדערע באַשעפענישן, און גיט א מעגלאַכקייט פאַרשיידענע פלאַנצן און אינזעקטן געבאָרן צו ווערן. מיר שטאַרבן

קיינמאָל נישט. מיר ווערן פאַרוואַנדלט אין עפּעס וואָס אַנדערש. מיר לעבן אַ ניי לעבן, מיט נייע אינטערעסן און נייע פרייידן. די אוראַלטע מענטשן, וואָס האָבן נישט געוואוסט פון דעם פּראָצעס פון עוואָלוציע, פון אייביקן לעבן, פלעגן אויסגראָבן אַ קבר נאָך הונדערטער יאָרן און נישט געפינענדיק דעם פאַרשטאָרבענעם, פלעגן זיי פאַרצווייפלט ווערן. וואו האָט ער געקאָנט אהינקומען? זיכער אין הימל און דאָרטן אין גן־עדן, גיהנום. דערפאַר שרעק און פּחד. ניטאָ אַזאַ זאַך ווי טויט, שלמה.

אמת, פאַר קליינע קינדער, אינם עלטער פון 3 ביז 7 יאָר, דאַרף מען נישט האַלטן קיין גאַנצע לעקציעס. גענוג צו געבן קורצע ענטפערס, אַז דאָס קינד ווערט געוואָרימט אינם קערפּער פון דער מוטער, פּונקט ווי קערנדלאַך ווערן אויסגעוואָרימט אין דער מוטער ערד, פּונקט ווי קעצעלאַך מאַמעס וואָרימען אויס זייערע קינדערלאַך, פּונקט ווי הינדעלאַך בריען אויס זייערע קינדערלאַך, פון די אייעלאַך זיצנדיק אויף זיי. קינדער אינם עלטער פון 8, 9 און 10 יאָר דאַרף געגעבן ווערן ווייטערע דערקלערונגען, ווי מיט פישעלאַך, פרעש, קראָקאָדילן, פייגעלאַך. קינדער אינם עלטער פון 13, 14 און 15 יאָר דאַרף מען, נישט נאָר מעג מען, פירן שמועסן אינם גייסט פונם שמועס מיט שלמה׳ן. דערציילט נאָר נישט קיין מעשיות וועגן דעם שטאָרך, צי וועגן דעם שפּיטאָל, וואו מען שיינקט קינדערלאַך, צי וועגן געשעפט, וואו מען קויפט זיי. ווען קינדער דערוויסן זיך שפּעטער, אַז איר האָט געזאָגט אַ ליגן, וועלן זיי זיך צו פרי אָנשטויסן, אַז דער ענין איז ניט קיין גלאַטער, והא ראיה, די מאַמע האָט זיך געשעמט צו זאָגן דעם אמת. עס וועט זוכן צו געפינען דעם אמת אין גאַס. דער "אמת" וועט זיין טויט סכנה־דיק פאַר דער נשמה פון קינד. אויב אַ מאַמע געפינט קינדערלאַך, שפּילנדיק זיך נאַקעט, קאָן זי אַ זאָג טאָן "וואָס איז דאָס, נאַקעטערהייט זיך שפּילן גאָר? מען קאָן זיך צוקילן, נאַקעט זיין איז אַ ענין בעת׳ן באָדן זיך". פאַראַן אַ גאַנצע ריי קינדער פּסיכאָלאָגן און לערער, וואָס רעקאָמענדירן, אַז אינגעלאַך און מיידעלאַך אינם עלטער פון 2, 3, 4 און 5 יאָר זאָל מען אַביזיכטלאַך באָדן צוזאַמען, אַז זיי זאָלן דווקא יאָ זען די אונטערשיידן,

און שוין קריגן נאטירלאכע דערקלערונגען. "חנה'לע וועט אמאָל זיין א מאמע, זי וועט אויסוואַרימען קינדערלאך ביי איר אין בייכעלע אזוי ווי איך האָב אייך אויסגעוואַרימט, מיט ליכטיקע אויגעלאך און זיסע פּנים'לאך". די דאָזיקע שול אין קינדער פּסיכאָלאָגיע האלט, אז דאָס קאָן אָפּטעמפּן לייזנשאַפטלאַכע קוריאָזיטעט, וואָס ברענגט קינדער א סך צרות. געפינט איר, הייסט עס, קינדער שפּילנדיק זיך נאקעט און שרייט אויף זיי אָן, און מאכט א טומל, און פאַרשעמט זיי, פאַרשאַרפט איר קוריאָזיטעט אין זיי.

ס'איז איבעריק צו ריידן, ווי געפערלאך פאַרן קינדס נשמה איז אינפאָרמאציע געקראָגן פון גאס. יעקב וואסערמאן שרייבט אין זיין "דאָקטאָר קערקאָווען" : "דאָמאניעק הייבט אָן צו דערציילן זיינען דערפארונגען מיט מיידלאך, זיינע זיגן איבער זיי, פּאָסמאַקעוועדיק זיך, ווי וואונדערבאר גוט ס'איז אין אן "עפנטלאכן הויז". יוסף, 9 יאָר אלט, פאַרשטייט ניט א וואָרט פון דאָמאניעקס רייד. דאָמאניעק שיסט אוים אין א שטורמישן געלעכטער און טרעט גלייך צו צו דער סעקס אויפקלערונג. וואָס איז אין גייסט א קיצלנדיקע און א שמוציק־פאַרדארבענע. דעם 9 יאָריקן יוסף'ן ווערט שלעכט. ער הייבט אָן צו ברעכן . . . א קינד קאָן שפּעטער קיינמאָל אין לעבן ניט באפרייען זיך פון דעם געפיל, וואָס עס לעבט איבער פון אזא מין אינפאָרמאציע. ניינציק פּראָצענט מענטשן טראָגן זיך ארום דעם גאנצן לעבן מיט דעם גייסט פון אָט דער דאָזיקער דערפארונג. טראָגן זיך ארום מיט אזוינע וואונדן. עלטערן קענען קיינמאָל אין לעבן נישט וויסן מיט וואָס א קינד טראָגט זיך ארום אין נשמה. אפשר דערקלערט זיך מיט דעם דער שטאָלץ, די אָנגעצויגנקייט, די אָפּגעזונדערטקייט, מיט וועלכע קינדער באציען זיך אָפטמאל צו זייערע עלטערן און לערער". הייבט איר אָן פון דער פריסטער קינדהייט צו ריידן נאטירלאך, אָפנהארציק, קאלט, געלאסן און אָפן, עפנט איר א בלומען וועג, א זוניקן וועג צווישן אייך און אייער קינד און פארהיט אים פון "שדים" און פון "רוחות", וואָס לויערן אויף אים, אויף יעדן שריט און טריט. דערציילט איר ליגנס, פארבאהאלט איר, פארלירט דאָס קינד דעם צוטרוי צו אייך.

איר קאָנט אים מער, קיינמאָל אין לעבן, ניט געווינען. "צוטרוי איז אַ לעבעדיקע זאַך, האָט אַ נשמה, איז דיאַמאַנט, וואָס ווערט איבערגעפירט פונם קלענסטן קראַץ" (דזשייקאָב וואַסערמאַן).

איך האָב צענדליקער מאָל דורכגעפירט מיט קינדער צופע־ליקע און אַבזיכטלאַך צוגעגרייטע שמועסן אַזוינע. איך האָב אַפטמאָל ערשט דורך דעם שמועס געוואונען אַ קינד. כ'האָב ביי זיי געקראָגן אַזאַ צוטרוי דורך די דאָזיקע שמועסן באַהויכט מיט הייליקייט, האַרציקייט און נאַטירלאַכקייט, אַז אפילו היינט, ווען אייניקע פון זיי זיינען שוין 8-9 יאָר פון שול, ווענדן זיי זיך נאָך היינט, נאָך עצות איבער די סאַמע אינטימסטע פראַגן, חבר'יש פריי און נאָענט.

אנשטאָט צו צוגרייטן חתונה גאַרדעראָבן, מעבל וואָס נעמט אוועק יאָרן זיי צו דערגרייכן, וואָלט יעדער בחור און יע־דעם מיידל נגעדאַרפט בעסער שטודירן דאָס פּראָבלעם פון סעקס, דאָס וואָלט זיי פאַרשפּאָרט זייערע לעבנס זאָלן שפּעטער נישט פאַר'חושכ'ט ווערן און פאַרפינסטערט ווערן, און נישט נאָר זייערע לעבנס, נאָר אויך די לעבנס פון זייערע קינדער.

לערנען אונז, למשל, אייניקע, אַז מען דאַרף זיין וואָס קאַל־טער, געלאַסענער רעדן ווי וועגן אַ געוויינלאַכער דערשיינונג. זאָגן ווידער אַנדערע, אַז דאָס טויג נישט, רעדט בעסער מיט אַ האַרציקער, הייליקער באַציאונג צום ענין. קאָן מען דען נישט ריידן געלאַסן און הייליק, געלאַסן און האַרציק?

מיר געפינען דאָ און דאָרטן אָנדייטונגען, וואָס וואַרפן אַ ליכט אין דער ריכטונג אין וועלכער די שמועסן דאַרפן געפירט ווערן. זאָגט אונז זאַבלודאָווסקי ("נייע אידישע שול"), אַז "די דערקלערונג דאַרף געגעבן ווערן האַרציק, ערלאַך און קינסט־לעריש". לערנט דר. אייזנשטאַט, אַז "מען מוז קודם־כל פאַר־מאָגן אַ געהעריקע אינטואיציע און אַ הייליקע באַציאונג צום סעקסועלן פּראָבלעם". האַלט אָבער רייז ("נייע אידישע שול"), אַז "די בעסטע רפואה קעגן סעקסועלער אַנאָמאַליע ביי קינדער איז גאָר ליטעראַטור און קונסט". האַלט גיליגיטש, אַז "מיר טאָרן נישט וואַרטן ביז מען וועט שוין דאַרפן לעשן, נאָר זען פאַרהיטן ס'זאָל נישט קומען צו קיין שריפה. מיר טאָרן נישט

ווארטן ביז מיר וועלן שוין האָבן פּאַרטיקע דעצעפּטן, אויס־געטראָטענע וועגן, נאָר מיר דאַרפן אליין בּיסלאַכווייז אויסגע־פינען די דאָזיקע וועגן".

די דערפאַרונג האָט מיך געלערנט, אַז קינדער אין דעם עלטער פון אַרום 13-14-15 יאָר, ווילן וויסן און הערן וועגן דעם דאָזיקן פּראָבלעם דווקא פון אַ דערוואַקסענעם, דווקא פון אַן אויטאָריטעט, פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַ הייליקע באַציאונג צום פּראָבלעם, פון אַ לערער, אַ פריינט פון קינדער. כ'וועל קיינ־מאָל אין מיין לעבן ניט פאַרגעסן, וואָס פאַר רושם עס האָט גע־מאַכט אויף מיר אַ קינד, דווקא פון אַ גאָר געוויינלאַכער מוטער, וואָס האָט אַ זאָג געטאָן "איצט ערשט וועל איך וויסן ווי אָפּצו־שאַצן מיי מוטער, וואָס פלעגט מיר תמיד וועגן אַלץ דערציילן, אַזוי חבר'יש און אַזוי ליב". כ'פלעג זיך גרייטן צו אַזוינע שמו־עסן ווי צו אַ הייליקער עבודה. געוויסע זאַצן פלעג איך אויס־לערנען אויף אויסווייניק. כ'פלעג אָנהייבן מיט לעגענדעס און קודם שאַפן אַ הייליקע שטימונג. אַז די קינדער פלעגן זיך אָנ־הייבן פילן פריי און אינטים, אָט ערשט דעמאָלט, פלעג איך אַ וואַרף טאָן אַ שטיקל אינפאָרמאַציע און אַריבער ווידער אַף די הייליקע אַזוי צו זאָגן פּאָזיציעס, אויף אַ לעגענדע אָדער אויף אַ מעשה'לע. קינדער קאָנען בחוש דערפילן די ניט זעבאַרע ליבע און די בלוטיקע קרובה'שאַפט און נאָענטקייט, וואָס זינגט אַרום פון אַזאַ שמועס צווישן אַ מוטער און אַ קינד, צווישן אַ לערער און אַ קינד.

וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אַ אידישער שול ? אויב די אידישע שול שטעלט זיך פאַר איר אויפגאַבע, נאָר צו צושטעלן וואָס מער רעקרוטן, וואָס מער "נאָוואָבראַנצעס" פאַר דער פּאַר־טיי, וועלכע זי דאַרף דינען, האָבן אַזוינע שמועסן זיכער ניט צו טאָן מיט דער שול. פאַר אַ פּאַרטיי איז גענוג, אַז מען האָט וואָס מער געלט זאַמלער, בילעטן פאַרקויפער, הורא שרייער און "בלאָטע־וואַרפער" אין דעם לאַגער פון דעם "שונא". אָבער אויב די שול שטעלט זיך פאַר איר הייליקסטער אויפגאַבע צו וועקן דאָס מענטשלאַכע אין דעם מענטשן, צוצוגרייטן מענטש־לאַכע מענטשן, און דאָס איז דער באָדן, אויף וועלכן ס'קאָנען

וואקסן די הערלאכסטע בלומען, אויב די היילִיקסטע אויפגאבע פון שול איז צו דערהויבן, צו באפליגלען דאָס קינד זיינען אזוי־נע שמועסן א לעבנס־פראגע. נאָך א גאנצער ריי אינטימע פון הארץ צו הארץ שמועס מיט מאמעס, מיט קינדער און דערוואקסענע, און דורכלייענענדיק הונדערטער ביכער און וועגן טויזנטער פאלן מיט קינדער פון פארשיידענע פעדאגאָגישע, פסיכאָלאָגיע־זשורנאלן, און באריכטן פון פארשיידענע אנשטאלטן, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דער גייסט און די שטימונג, וואָס עס שאפט זיך אינם קינד, בעת ס'קריגט דעם ערשטן מאָל אין זיין לעבן געשלעכט אויפקלערונג, באשטימט דעם גורל פונם קינד אויפן גאנצן לעבן. דער דאָזיקער גייסט און די דאָזיקע שטימונג וועלן צוגעבן זייער ניגון, זייער קאָליר צו יעדער האנדלונג און וועלן אָפטמאָל דעצעדירן, און וועלן אָפטמאָל באשטימען, אָדער וועגדן דעם קינד. און שפעטער דעם מענטשן, אין דער אָדער יענער ריכטונג. דערפאר איז דאָס אזוי לעבנסוויכטיק, אז די ערשטע אינפאָרמאציע איבער געשלעכט פראגן זאָל קודם־כל און הויפטזאכלאך זיין א ריינע, א ווייסנשאפטלאכע, א נאטירלאכע און זאָל געגעבן ווערן אין גייסט פון ליבע, פריינטשאפט און הארציקייט. איר וועט אָפטמאָל הערן, אז פונקט ווי עס איז ניט ראטזאם צו געבן די דאָזיקע אויפקלערונג צו שפעט, איז אָבער נאָך ווייניקער ראטזאם זי צו געבן צו פרי. דאָס איז נישט ריכטיק. וואָס פריער דאָס קינד הערט פון דעם דאָזיקן ענין, אלץ געזונטער איז עס פארן קינד. וואָס פריער עס הערט אלץ ווייניקער רייצבאר, מיט אלץ ווייניקער סעקס קאָליר, נעמט עס אויף. ווען א דורכשניט געזונט קינד, ארום 5-6 יאָר אלט, פרעגט דעם פאָטער, צי דער מוטער פון וואנען עס קומען קינדערלאך, פרעגט עס מיט דער זעלביקער שטימונג און מיט דערזעלביקער באציאונג צו זאכן, ווי עס פרעגט, פון וואנען ס'קומט א רעגן, אָדער פון וואנען קומט ארוים די זון. פאר אונז, דערוואקסענע, איז אזא פראגע פארבונדן מיט א ביי־טעם פון סעקס געפילן. ביים קינד איז עס נישט אזוי. דאָס קינד הערט מיט גרויסן אינטערעס אוים דעם פאָטערס, אָדער די מוטערס לעקציע איבער נאטור ווייסנשאפט און

איז באפרידיקט. דער פאָטער צי די מוטער לייגט אויף אזא
אופן אינם קינד אוועק א נאטור וויסנשאפטלאכן צוגאנג צום
פראָבלעם, וואָס וועט שפּעטער זיין א געזונטער פונדאמענט,
א געזונטער באָדן, געזונט אויפצונעמען דאָס ווייטערדיקע. ״יע־
דער לערער וועט אייך דערציילן וועגן שוועריקייטן וואָס א קינד
באגעגנט, ווען עס דארף לערנען טיפע, קאָמפּליצירטע געזעצן
אין אריפמעטיק. אויב ס׳האָט נישט קיין געזונטן פונדאמענ־
טאלן וויסן אין די איינפאכסטע געזעצן פון מאטעמאטיק. אזוי־
נע שוועריקייטן באגעגנט דאָס קינד אויך אין פראגן פון בא־
ציאונג צום לעבן. אויב איר האָט ניט געקאָנט איינפלאנצן קיין
צוטרוי און נאָענטקייט אינם קינד אין באצוג צו אייך עלטערן,
וועט דאָס דאָזיקע, שפּעטער אין לעבן, זייער שטארק שטערן
דעם קינד צו געווינען און ארויסצורופן נאָענטקייט און צוטרוי״
(פרענצים ג. וויקעם). ביסלאכוויין דארף דאָס קינד צוגעגרייט
ווערן, ביסלאכוויין אין משך פון יאָרן, כדי מען זאָל ניט דארפן
ווארפן קיין ״באָמבעס״ אָדער ״פליוכען״ מיט אינפאָרמאציע.

דער גאנצער אומגליק מיטן סעקס פראָבלעם איז געלעגן
אין דעם, וואָס מען פלעגט באגעגענען גרויסע שוועריקייטן,
מחמת דער צוטריט איז געווען ניט דער. מען פלעגט ווארטן
און שפּעטער א פליוכע טאָן איבערן קאָפּ פונם 14-15 יאָריקן
אינגל א ים סעקס אינפאָרמאציע. דער לערער, צי דער פאָטער,
פלעגט אוועקגיין פון אזא שמועס מיט א זויערן ביי־טעם אין
נשמה, מחמת ס׳איז נישט געווען קיין בהדרגה׳דיקע יאָר־איין
יאָר־אוים, פון דער פריסטער קינדהייט אָן סיסטעמאטישע,
לויט צייט. עלטער און אנטוויקלונג פונם קינד, אויפקלערונג
די איינפאכסטע, געוויינלאכסטע ענטפערם צו פיר יאָר אלט
עפענען א שטימונג און א וועג צו די קאָמפּליצירטסטע צו 14
יאָר אלט און ווייטער. יאָ, א נאטור וויסנשאפטלאכער יאָר־
איין, יאָר אוים, צוגאנג לייגט א געזונטן פונדאמענט, א געזונטן
באָדן, געזונט אויפצונעמען דאָס ווייטערדיקע. אָדער וועלן די
ווייטערדיקע ידיעות נאָר באפאָרבן ווערן פון דער נאטירלאכ־
קייט פון די פריער געקראָגענע ידיעות, אָדער וועלן זיי נייט־
ראליזירן א גרויסע מאָס רייצבארקייט, וואָס האָט זיך אָנגע־

הויבן צוליב א וועלכער עס איז סיבה, אריינצורייסן אין דער נשמה פון קינד, די דערוואכטע ליידנשאפטן וועלן געפינען אין נשמה א צוגעגרייטן און א פארלייגטן כח, וואָס וועט די דאָזיקע צעשטורעמטע געפילן צוימען און באַרואיקן. דאָס קינד וועט פארשטיין די דאָזיקע שטורמס, פארשטיין מיינט מוטיק באַגעגענען, מוטיק באגעגענען מיינט — זיגן!

טויזנטער טראגעדיעס אין פאמיליע לעבנס, טויזנטער גט'ן, טויזנטער פארברעכנס, טויזנטער קראנקהאפטע געשלעכט ניי־גונגען, טויזנטער פארשלאָסענע הינטער די גראטעס אין די תפיסות, טויזנטער אין די אנשטאלטן פאר גייסטיק קראנקע, טויזנטער מאָרדן, טויזנטער און טויזנטער מענטשן, וואָס פירן מיט זיך אן אייביקן קאַמף, וואָס ברעכט זיי, וואָס בויגט זיי, וואָס פארפינסטערט זיי זייער לעבן, טויזנטער, הונדערטער טוי־זנטער, מיליאָנען אזוינע אומגליקלאכע זיינען קרבנות פון פאלשן צוגאנג, פון פארגרייזטער געשלעכטס אויפקלערונג, פון גאָס אינפאָרמאציע. בירגערשאפט דעם סעקס פראָבלעם. סעקס פראָב־לעמען וועלן ביי אונז אזוי לאנג פאררעכנט ווערן פאר ווילד, פאר בעסטיאליש ביז די אומגליקלאכע סעקסועל ווילדע, ביז די אומגליקלאכע סעקס־בעסטיעס און סעקס קראנקהאפטע וועלן אויפרייסן די אלטע מאָראל!

וואָס קאָן זיין איינפאכער, קלאָרער און אמת'דיקער ווי, ווען מען זאָגט א 6-5 יאָריק קינד, אז אלע לעבעדיקע באַשע־פענישן קומען ארויס פון אן אייעלע, אז די אייעלאך וואקסן זיך פאנאנדער אינם קערפער פון דער מוטער און שפעטער וואקסן זיי און בליען זיך פאנאנדער אינם קערפער פון דער מוטער און שפעטער וואקסן זיי און בליען זיך פאנאנדער "אָט אזוי ווי דו, מיין קינד, געדיינקסט, ביסט דאָך אקאָרשט אויך געווען "א בייבעלע" און איצט גייסטו שוין אין קינדער־גאָרטן", אז ס'זיינען פאראן באשעפענישן, וואָס וואַרפן ארויס דאָס אייעלע זייערס און פון אייעלע פיקט זיך שפעטער ארויס א נפש'ל, א פישעלע, א פליגעלע, א ווערימל, אפילו א זשאבעלע, אז אייני־קע אייעלאך דארפן א געוויסע צייט געוואַרימט ווערן, וואַרימט זיי די זון, צי דער קערפער פון דער מוטער, ווי ביי די הינדער

לאך, געגזעלאך, ענטעלאך און אנדערע, וואָס קאָן זיין איינפּאַכער, קלאָרער און אמת'דיקער, ווי אזא שמועס. קינדער הערן, רעדן און טראַכטן סיי ווי פונם סעקס פּראָבלעם.

האָט א מיידעלע, 4 יאָר אלט, א זאָג געטאָן : "כ'וויים, כ'וויים, איר בויך איז געווען געשוואָלן". האָט א מיידעלע, 9 יאָר אלט, א זאָג געטאָן : "אך, חנה איז א כלה געוואָרן ? איצט וועט זי האָבן א בייבי. מר. מ. וועט ווערן א זיידע".

האָט א קינד, 6 יאָר אלט, געזאָגט : "מיין מוטער וועט באלד האָבן א בייבי. איך בין 6 יאָר אלט, מיין שוועסטערל 9 יאָר אלט, מיין ברודערל 3 יאָר אלט. אלע 3 יאָר האָט מאמע א בייבי. די "עלטערע" האָט זיך אריינגעמישט און געזאָגט גאנץ נאאיוו, מיטן טאָן פון א ווייסערקע, "אז" מען קאָן אלע יאָר האָבן א בייבי". זיי רעדן, טראַכטן, ווייסן א סך מער, ווי מיר שטעלן זיך פאָר.

וואָס קאָן זיין ריינער, נאטירלאכער, ווען מען זאָגט א 7-8 יאָריק קינד, אז די אייעלאך דארפן קודם באפרוכפּערט ווערן, דערציילנדיק וועגן פישן, זשאבעס, קעצעלאך, הינטעלאך (איר וועט עס געפינען אין אן אנדער פלאץ פונם בוך). וואָס קאָן זיין ריינער און נאטירלאכער ? דאָס עפּנט דאָך א טירעלע, דאָס לייגט דאָך אוים א גרינגען בלומען־וועג צו דער מוטער, אנשטאָט א וואנט, וואָס קאָן זיין פאטאל פארן קינד אין ווייטערדיקן לעבן.

ס'איז א גרויסער טעות, א פאטאלער טעות צו דיינקען, אז די ערשטע צוויי יאָר פונם לעבן פון קינד זיינען נישט וויכטיק פונם שטאנדפונקט פון דערציאונג. נים נאָר די ערשטע צוויי יאָר, נאָר די ערשטע צוויי חדשים זיינען וויכטיקער, דעצעדירנדיקער ווי גאנצע צען יאָר שפּעטער.

פאראַן א גריכישע לעגענדע : מען האָט געבראכט א קינד צו א גריכישן פילאָזאָף ער זאָל עס דערציען. "ווי אלט איז דאָס קינד?" האָט ער א פרעג געטאָן. "דריי יאָר אלט". — "דריי יאָר אלט ? צו שפּעט, כ'באדויער", האָט דער פילאָזאָף געזאָגט.

אלע קינדער פּסיכאָלאָגן, וואָס דאָס קינד איז דער ליכטטורם אין זייער לעבן, דער זין, דער קוואל פון זייער פרייד און

גליק, אלע ווי איינער האלטן די ערשטע 3-2 יאר פאר די וויכ־
טיקסטע אין דער פארמירונג פון קינדס כאראקטער. אמת, די
פאר׳ירש׳ונג האט א סך צו זאגן, אבער אפטעמפן שארפקייטן,
אויפוועקן פארלייגטע נייגונגען, פאר דעם איז די בעסטע צייט,
די ערשטע חדשים, די ערשטע יארן. אמת, מיר געדיינקען קוים
עפעס וואס פון דעם, וואס האט פאסירט מיט אונז אין דעם
ערשטן חודש, למשל, אין דעם ערשטן יאר פון אונזער לעבן,
אבער אין אונז קאנען אויפגעטויכט ווערן דעראינערונגען, פא־
סירונגען, וואס מיר קאנען כראנאלאגיש נישט באשטימען גע־
נוי, ווען דאס דאזיקע האט מיט אונז געטראפן. פאסירונגען,
איבערלעבונגען, מעג זיין די אינסטינקטיווסטע, גייען נישט
דורך אן א "סימן" אין אונזער נשמה. אמת, מיר קאנען זיך
קוים געננוי דערמאנען סיטואציעס און פאסירונגען פון דער
פריסטער קינדהייט, אבער זיי ליגן "פארשריבן" און "פאר־
גראבן" אין אונזער אומבאוואוסטזיין און ווירקן. אמת, דאס
קינד פארשטייט נאך זייער ווייניק, ווען עס איז נאר וואכן
אלט, עס פארשטייט נאך זייער ווייניק, אבער עס פילט, און
רעאגירט בחוש, און געוואוינט זיך צו צו זאכן, פון וועלכע עס
וועט זיך אפשר קיינמאל אין לעבן מער נישט קאנען באפרייען.

א מוטער גיט איבער אירע שטימונגען, אירע קינדערלאך
אפילו שוין דעמאלט, בעת זיי זיינען נאך אין קערפער ביי איר,
קינדער פילן בחוש נאך אפילו אין קערפער פון דער מוטער, א
פשיטא שוין, ווען דאס נפש׳ל איז שוין א "זקן" פון עטלאכע און
פערציק שעה . . . דאס אינגסטע עופה׳לע "זעט" מיט נישט
קיין נייטראלער אויג און הערט מיט נישט קיין נייטראלן אויער.
דאס געזעענע, דאס געהערטע לאזט דאס קינד דורך דורך דעם
פראזשעקטאר פון דאס גע׳ירשנ׳טע.

פאראן א לעגענדע, אז אין זכות פון די אידישע פרומע
פרויען, אין זכות פון זייערע ליידן, זיינען אידן אויסגעלייזט גע־
ווארן פון מצרים. ס׳ווערט אין דער דאזיקער לעגענדע דער־
ציילט וועגן דער שווערער מי און הארעוואניע זייערער, וועגן
דער איבערגעבנהייט, און וועגן דער גרייטקייט זייערער מיט־
צולײדן, צו טרייסטן, און האפן. אין דער לעגענדע ווערט אויך

דערציילט, אז ווען א פרוי פלעגט דארפן גיין צו קינד, פלעגט זי זיך באהאלטן, וואו עס איז אין א פעלד, כדי פרעה׳ס דינער זאָלן נישט קאָנען געפינען דאָס קינד. אין פעלד פלעגט גאָט שיקן א מלאך, וואָס פלעגט די ערשטע טעג, אָדער וואָכן באָדן און היטן דאָס קינד. ווי נאָר פרעה׳ס משרתים פלעגן זיך דער-ווּיסן פון די דאָזיקע קינדערלאך אין פעלד, פלעגן זיי, די משרתים, זיך א יאָג טאָן אין פעלד. פלעגט אָבער די ערד איינשלינגען די דאָזיקע קינדערלאך, און אויף אזא אופן זיי ראַטעווען. די משרתים פלעגן קומען מיט אקעראייזנס און צע-אַקערן דאָס פעלד. האָט אויך דאָס די קינדערלאך ניט געשאדט. ווי יונגע גרעזעלאך פלעגן זיי דערנאָך פון דער ערד ארויס-שפּראָצן. שפּעטער, אז די אידן זיינען אריבער דעם ים, און גאָט האָט זיך פאר זיי באוויזן, האָבן די קינדערלאך אָנגעהויבן שריי-ען "זה אלי". יעדעס קינד האָט געוויזן מיטן פינגער אויף גאָט און געשריען "אָט איז מיין גאָט!" דאָס איז ער! געפעלט מיר סתם די גאנצע מעשה. ס׳געפעלט מיר, אז קינדער, וואָס וואקסן אין אונטערדריקונג און פארפאָלגונג זיינען די ערשטע צו דער-קענען א "גאָט". געפעלט מיר אויך די מעשה, אז דווקא דער-מאָלט, ווען זיי זיינען געאנגען קעגן שטראָם, ווען זיי האָבן זיך א ווארף געטאָן אין ים אריין, געגאנגען פאָראויס, אָן שרעק, מוטיק און זיכער, אז דווקא דעמאָלט האָט זיך פאר זיי באוויזן "גאָט". דאָס סימבאָליזירט פאר מיר, אז דאָס הערלאכסטע און דאָס הייליקסטע איז אין קאמף, אין מוטיקייט און אין גרייט-קייט צו גיין קעגן שטראָם. דאָרטן וואו מען גייט פאָראויס, וואו מען קעמפט מוטיק פארן מאָרגן, וואו מען מארשירט פאראויס דערפילט מען "גאָט", דעם סימבאָל פון דאָס הייליקסטע און דאָס הערלאכסטע. זאָגט דאָך הוגאָ, אז "אויף די באריקאַדן הערן זיך יובל געשרייען פון ליבע". אָבער ווי קומט עס, וואָס דווקא די קליינינקע קינדערלאך, וואָס דווקא זיי, זיינען עס גע-ווען די, וואָס האָבן די ערשטע דערקענט גאָט? ווי קומט עס וואָס דווקא זיי זיינען עס געווען די ערשטע, מיט אזא זיכער-קייט, א זאָג צו טאָן, אז דאָס איז ער, ער זייער גאָט. פּונקט ווי זיי וואָלטן שוין אים, אָדער ענלאכעס צו אים, שוין געהאט

געזען פריער. יאָ, זיי האָבן אמאָל געזען א מלאך, זיי האָבן אים געזען אין דער פריסטער קינדהייט, א מלאך, ענלאך צו גאט, פלעגט דאָך זיי באָדן, זיי האָבן אים געזען און פארגעסן. איצט גייענדיק איבערן ים, האָבן זיי אים דערקאָנט, איצט איז אויפגעטויכט געווארן אין זיי דאָס, וואָס זיי האָבן אמאָל געזען. יאָ, פון די ערשטע טעג, פון די ערשטע חדשים, פון די ערשטע יאָרן אָן הויבט דאָס קינד אריינצונעמען אין זיך דאָס ארומיקע, הויבט שוין אָן דער אומבאוואוסטזיין צו "פארשרייבן"...

די ערשטע צוויי יאָר לעבט דאָס קינד נאָר מיט זיינע געפילן. עס זוכט נאָר פארגעניגנס, און זעט נאָר אויסצומיידן ווייטיקן. עס לעבט אינסטינקטיוו; תמיד שמייכלען צום קינד, תמיד שטיל ריידן צו אים; תמיד זיך באציען צו אים מיט דער איידלסטערצארטקייט; דערציילן א שיין מעשה'לע, כאָטש ס'פארשטייט ניט דעם אינהאלט, פילט עס אָבער דעם ריטם; זינגען צום קינד, ארויסווייזן רואיקייט און געלאסנקייט, דרך־ארץ, אָבער אויסגעהאלטן, קאָן צוגעוואוינען דאָס קינד צו אזא מין ווארימקייט, צו אזא אטמאָספערע, אז ס'זאָל דאָס גאנצע לעבן בענקען נאָך אזא שטימונג און תמיד זוכן צו שאפן ארום זיך אזא שטימונג. יאָ, די ערשטע צוויי יאָר לעבט דאָס קינד נאָר מיט זיינע געפילן. עס פילט און זוכט, און זאפט אין זיך אריין אומבאוואוסטזיניק, ניט זעבאר, די שטימונג ארום. שפּעטער קומט דער צווייטער פעריאָד. דער פעריאָד, פון צופאסן זיך צו אומשטענדן, דאָס קינד הייבט אָן דורכצולאָזן ווי דורך א פּראָזשעקטאָר, דורכצוזיפּן פארלאנגען. ס'הייבט אָן צו דערפילן, אז נישט אלץ קאָן מען דערגרייכן, ס'הייבט אָן צו פילן שטערונגען, עס נעמט זיך געוואוינען צו צופאסן זיך. דער עגאָ פונם קינד, וואָס הייבט ערשט אָן זיך צו אנטוויקלען, הייבט אָן צו צוימען די קראפט פונם "יד", פון די אינסטינקטן, פון דער ליבידא, ס'הייבט זיך אָן דער שטארקער קאמף, דער אייביקער קאמף צווישן דעם ליבידאָ, דער קראפט פון די אינסטינקטן, און דעם עגאָ, דער קראפט פון שכל. ווערט פאָרגעזעצט די אויסגעהאלטנקייט, איז די צארטע שטימונג א תמיד'יקע אין שטוב, ווערט פאָרגעזעצט

די וואַרימע באַציאונג, ניט נאָר צום קינד, נאָר אויך איינער צום צווייטן אין שטוב, העלפט עס דעם קינד צו וואַקסן, צו בליִען גייסטיק און פיזיש. נישט קוקנדיק אויף "רוחות" און "שדים", וואָס לויערן אויפן קינדס נשמה, און וואָס פאַרביטערן אים זיין לעבן.

לערנט אונז, למשל, פרויד, אַז אינגלאַך קאָנען האָבן סעקסועלע געפילן צו דער מוטער און מיידלאַך צום פאָטער. דער פאָטער צי די מוטער קאָן אויפוועקן אינם קינד געשלעכט געפילן, פון 100 גאַסן מיידלאַך, וואָס די שיקאַגער זינד קאָמיסיע האָט אויסגעפאָרשט ביי זיי די סיבות, וועלכע האָבן זיי געבראַכט צו זייער צושטאַנד, האָבן מער ווי א העלפט דערקלערט, אַז די ערשטע, וואָס האָבן אויפגעוועקט אין זיי ליידנשאַפט, וואָס האָבן אָנגעצונדן אין זיי דעם פייער, זיינען געווען זייערע פאָטערס, צו וועלכע עס האָט זיי געצויגן. פאַראַן אפילו נישט באַוואוסזיניקע ליידנשאַפטן, לערנט פרויד, וואָס טלייען אין דער נשמה אפילו פון א עטלאַכע חדשים'דיק קינד.

אמת, פאַראַן אַנדערע סיבות, וואָס פירן צו פראָסטיטוציע. דאָס זיינען עקאָנאָמישע סיבות, נויט און הונגער זיינען די פאַקטאָרן, וואָס טרייבן פרויען צו שאַנד. פאַראַן אָבער טויזנטער און טויזנטער געפאַלענע, וואָס ליידנשאַפטן זיינען געווען די טרייב כחות, וואָס האָבן זיי געגעבן דעם ערשטן שטויס. פאַראַן אַזוינע, וואָס גייען פאַר דינסטן, טוען די שרעקלאַכסטע אַרבעטן, באַגייען זעלבסטמאָרד און פאַלן דאָך ניט; פאַראַן אַזוינע, וואָס האָבן נישט גענוג מוט, נישט גענוג שטאַרקייט אין זיך, ס'זיינען אָבער אויך פאַראַן אַזוינע, וואָס פאַלן גרינג, מחמת צערייצטקייט, מחמת דעם שטאַרקן שטורעם, וואָס ברויזט אין זיי. אָט אַזא שטורעם קאָן אַנטשטיין און קאָן געפלעגט ווערן, האַלט פרויד, פון א טאַטן, צו וועלכן דאָס קינד האָט סעקסועלע געפילן. טאַטעס און מאַמעס מעגן זיך וועגן דעם פאַרטראַכטן, און זיין פאָרזיכטיק. טאַטעס און מאַמעס מעגן ווייניקער דריקן צום האַרצן קינדער. דאַרפן ניט נעמען צו זיך אין בעט אריין, דאַרפן ניט לאָזן אויף זיך רייטן, דאַרפן ניט לאָזן זיצן אויפן שויס. דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון פילן א סעקסועלע נייגונג צום פאָטער,

צי צו דער מוטער, קוקן אפן טאטן צי אויף דער מאמען, ווי אויף קאנקורענטן, וואס רייסן פון זיי אוועק דעם געליבטן אדער געליבטע, קוקן אויף איינעם פון זיי מיט קנאה, פילן צו איינעם פון זיי האס, וועלן זיי שטעכן, דערמארדן, ווינשן זיי דעם טויט, און שפעטער איבערלעבן גיהנום ליידן פון חרטה געפילן, פון שולד געפילן, רופט פרויד מיטן נאמען "אוידיפוס קאמפלעקס". אמת, דאס קינד לעבט עס אלץ איבער אומבאוואוסטזיניק, אבער עס נערווירט און ברעכט דעם קינד.

סעקסואליטעט מוז שוין אינם קינד זיין פארלייגט פונם געבורט אן. ס'קאנען נישט אין א געוויסן עלטער פלוצלונג "ארויסשפרינגען" געפילן, וואס זאלן נישט געווען זיין פארלייגט אינם עמבריא, אינם ערשטן זייגאט, פון וועלכן דאס קינד האט זיך אנטוויקלט. ווען מען פארזייט, למשל, צוויי קערנדלאך, אזוינע צוויי קערנדלאך, וואס זיי איז כמעט אוממעגלאך מיטן אויג צו אונטערשיידן, ווען מען פארזייט צוויי קערנדלאך, קאן פון איין קערנדל ארויסוואקסן א טאמיטא און פון צווייטן א בוים, אויף וועלכן ס'וועלן וואקסן עפל. אין די קערנדלאך זיינען שוין געווען פארלייגט טענדענצן, וואס האבן זיך געקאנט פאנאנדערוואקסן דווקא אין אזא און נישט אין אן אנדער פרוכט. אזוי איז אויך מיטן קינד. פון הימל צי דורך פאסט קומען נישט קיין געפילן, זיי אנטוויקלען זיך, זיי "לעבן" יארן און יארן אין א דרעמלדיקן צושטאנד, און דערוואכן ווען די צייט קומט. אומ־באוואוסטזיניק פילט דאס קינד אויך די דרעמלנידקע כחות אין זיך. אט הייבט, למשל, אן דער טיימוס דריז איינצודארן דווקא דעמאלט, ווען דאס קינד ווערט תסעקסועל רייף. אפשר פירט און דערפירט אט דער דאזיקער דריז צו רייפקייט. הייסט עס, אז די רייפקייט האט זיך, אין משך פון יארן, פאנאנדערגעבליט, הייסט עס, אז עפעס וואס איז שוין געווען פארלייגט אינם קינד ביים געבורט נאך. דערציילט אונז די לעגענדע, אז איינמאל, ווען משה האט זיך געשפילט ביי פרעה'ן אויפן האנט האט ער, משה, פרעה'ן אראפגעווארפן די קרוין פון קאפ. ס'איז אויף אלעמען אנגעפאלן בעת־מעשה א שרעק. אפשר, האבן זיי גע־טראכט, סיגנאליזירט די דאזיקע פאסירונג משה'ס אויפגאבע

אין לעבן. מען באשליסט לויט דער עצה פון איינעם פון די נאָ־
ענטסטע פון פרעה׳ן אויפֿצופרובירן משה׳ן. מען הייסט ברייג־
גען צוויי שיסלען, איינע מיט גילדענע רענדלאך און איינע מיט
גליענדיקע קוילן. וועט משה זיך א ציִ טאָן צו די רענדלאך, איז
א סימן, אז ער איז קלוג, דאַרף מען אים טויטן. וועט ער אָבער
זיך כאַפּן צום פייער, איז קיין סכנה נישטאָ. געפעלט מיר סתּם
די מעשה. די מלוכה, הייסט עס, דאַרף נאָר נאַראָנים, פאַר קלו־
גע האָט זי מורא. שפּעטער האָט זיך דאָך אַרויסגעוויזן אז אין
דעם אומבאוואוסטזיין האָט זיך משה, שוין פון פריסטער קינד־
הייט, געצויגן צו פייער, צו וואַרימקייט. דאָרט וואו מען איז
נאַס יזאו מען אונטערדריקט איז קאַלט, איז ער אַנטלאָפן אהין,
וואו מען ליידט, וואו ס׳איז וואַרים. משה האָט זיך געצויגן צו
פייער, מחמת זיין באַרוף אין לעבן איז געווען צו צינדן הער־
צער. אפשר סימבאָליזירט און סיגנאַליזירט די דאָזיקע לעגענ־
דע, אז שוין אין דעם עופה׳לע איז פאַרלייגט דאָס גרויסע, וואָס
דאַרף זיך צעוואַקסן. יעדעס געפיל מוז שוין, הייסט עס, זיין
פאַרלייגט פון פריער אָן. אין משך פון יאָרן צעוואַקסן זיך, לויט
אומשטענדן און סביבה, געפילן. אזוי מוז אויך סעקסואַליטעט
זיין פאַרלייגט. איז היט זיך פאַר דעם, צערייצט נישט דאָס גע־
פיל, וואָס, ווען דערוואַכט צו פרי, איז עס טויט סכנה׳דיק פאַר
דער נשמה פונם קינד.

פאַרוואָס רופט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון סעקס געפילן
צו די עלטערן, און שולד־געפילן, וואָס פאָלגן זיי נאָך, פאַרוואָס
רופט פרויד דעם דאָזיקן קאָמפּלעקס מיטן נאָמען אוידיפּוס קאָמ־
פּלעקס ? דעם נאָמען האָט ער גענומען פון סאָפאָקלעס "קעניג
אוידיפּוס", וואו עס שפּיגלט זיך אָפּ א טראַגעדיע, וואָס וואַרפט
א שיין אויפן דאָזיקן פּראָבלעם. "אין דער גריכישער שטאָט טע־
בעי, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פונם גרויסן העלד קאַדמוסן,
דערציילט סאָפאָקלעס, קעניגט לאַיאָס, לאַבדאַקאָסעס זון. א לאַנ־
גע צייט האָט לאַיאָס מיט זיין ווייב יאָקאַסטע ניט געהאַט קיין
קינדער. ווען זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט ביים אָראַקול אין
טעמפּל פון דעלפוי, האָט גאָט אַפּאָלאָן געגעבן זיי אַזאַ תשובה :
עס וועט ביי זיי געבאָרן ווערן א זון, וואָס וועט טויטן זיין פאָ־

טער און חתונה האָבן מיט זיין אייגענער מוטער. אין א צייט ארום איז ביי זיי טאקע געבאָרן געוואָרן א זון. כדי עס זאָל נישט מקוים ווערן די שרעקלאכע נבואה פונם אָראקול, נעמען די עלטערן דאָס עופה'לע און גיבן עס אוועק צו א פאסטוך, ער זאָל דאָס אוועקוואַרפן ערגעץ אין די ווילסטע בערג. נאָר דער פאסטוך דערבארימט זיך אויפן יונגן קינד, און שיינקט דאָס אוועק אן אנדער פאסטוך פון דער שטאָט קאָרינט, מיט וועמען ער האָט זיך באגעגנט אין די בערג. דער קעניג פּאָליבאָס פון קאָרינט, וואָס האָט אליין קיין קינדער נישט, נעמט צו דאָס אינגעלע צו זיך און האָדעוועט אים אוים אין עושר און אין כבוד, ווי אן אייגן קינד. אוידיפּוס — אזוי האָט מען אים א נאָמען געגעבן — איז דער קינפטיקער יורש פון קאָרינטער טראָן.
ער איז פּאָליבאָסעס אן אמת'ער זון. נאָר איינמאָל, בעת א סעודה מיט יונגלינגען פון קאָרינט, צעקריגט זיך איינער פון זיי מיט אוידיפּוסן און כאפּט זיך ארוים מיט א וואָרט "אונטערגעוואָרפענער"... אוידיפּוס גייט אוועק צו זיינע עלטערן און פאָדערט אויפקלערונג. זיי פּליישן זיך אים צו באַרואיקן. זיי באַשטראָפן דעם באליידיקער. נאָר אוידיפּוסעס ספיקות ווערן נישט אנטשוויגן און ער לאָזט זיך אוועק בסוד צום דעלפישן אָראקול — אויף צו דערגיין ביי אפּאָלאָנען דעם סוד פון זיין אָפּשטאַם.
דער גאָט ענטפערט אים נישט אויף זיין פראגע, נאָר דערפאַר זאָגט ער אים אָן אן אנדער בשורה, נאָך א שרעקלאַכערע: אז אים איז באשערט צו טויטן זיין פאָטער און חתונה האָבן מיט זיין מוטער. אוידיפּוס ווערט פארציטערט פון דער נבואה און ער באשליסט קיינמאָל זיך נישט אומצוקערן מער קיין קאָרינט, צו זיין פאָטער און מוטער, כדי אויסצומיידן די שרעקלאכע סכנה. נאָר דווקא איצט, ווען ער שטרעבט מיט אלע כחות צו אנטלויפן פון אומגליק שטעלט זיך דאָס אומגליק אוועק פאר אים. ער וואַנדערט ביי א שייד וועג. נישט ווייט פון דעלפוי באַגעגנט ער א וואָגן. אינוועניק זיצט אן אלטער מאן מיט פינף באגלייטער. דער וואָגן פירער גיט אוידיפּוסן א שטופּ אָן א זייט. אוידיפּוס שטעלט זיך אנטקעגן און וויל פאַרבייגיין פאַר־ביי דעם וואָגן. נאָר דאָ גיט אים דער אלטער מאן א קלאַפּ

מיטן שטעקן איבער קאָפּ. ביי אוידיפּוסן צעשפּילן זיך די געבליטן. מיט איין קלאַפּ לייגט ער אוועק אויף טויט דעם זקן, דערנאָך נעמט ער זיך שלאָגן מיט די באַדינער און ער דערהרג׳עט אַלעמען אַ חוץ איינעם. אָט דער איינער אַנטלויפֿט קיין טעבעי, פֿון וואַנען ער איז געקומען און דערציילט דאָרט דעם גרויל — אַז אַ באַנדע רוצחים האָט געטויט דעם קעניג, וואָרים דער זקן איז געווען דער קעניג לאַיאָס, וואָס האָט זיך געקליבן קיין דעלפֿאַי“. אָט אַזוי האָט אוידיפּוס, ניט ווייסנדיק און ניט ווילנדיק, מקיים געווען דעם ערשטן טייל פֿון געטלאַכן שפּרוך.
אוידיפּוס וואַנדערט ווייטער און קומט צו נאָענט ביז טעבעי, זיין אמת׳ע היים־שטאָט. דאָ קלאָגט מען שוין ניט אויפֿן טויט פֿון קעניג, ווייל עס האָט זיך געמאַכט אַ גרעסערער בראָך : אַ ספֿינקס, אַ פֿאַרזעעניש, האַלב לייב, האַלב מיידל האָט באַלאַגערט די שטאָט. ווער עס גייט פֿאַרביי, דעם גיט זי אויף אַ רעטעניש און, ווער עס קאָן ניט באַשיידן די רעטעניש, דעם דערשטיקט זי. די טעבעיאַנער האָבן מודיע געווען, אַז ווער עס וועט בייקומען די ספֿינקס, דער וועט ווערן קעניג אין טעבעי און וועט חתונה האָבן מיט דעם קעניגס אַלמנה. הונדערטער יונגע טעבעיאַנער זיינען שוין געפֿאַלן אַ קרבן פֿון דעם ספֿינקס. אוידיפּוס קומט און די ספֿינקס זינגט פֿאַר אים די קשיה : וואָס איז דאָס פֿאַר אַ באַשעפֿעניש ? אינדערפֿרי אויף פֿיר פֿיס, ביי־טאָג אויף צוויי פֿיס, פֿאַרנאַכט אויף דריי פֿיס און ווען זי האָט די גרעסטע צאָל אבֿרים איז די געשווינדקייט די קלענסטע ? אוידיפּוס טרעפֿט, ס׳איז דער מענטש. אינדערפֿרי, קינדווייז, קריכט ער אויף אַלע פֿיר און דאַן רירט ער זיך פֿון אָרט גאָר פּאַמעלאַך. בייטאָג — אַ דערוואַקסענער גייט אויף צוויי פֿיס. און דאָס איז דער העכסטער שטאַפּל פֿון זיין קראַפֿט. פֿאַרנאַכט, ס׳הייסט, אויף דער עלטער — שפּאַרט ער זיך אָן אויף אַ שטעקן און האָט דריי פֿיס. פֿון גרויס פֿאַרצווייפֿלונג, וואָס איר סוד איז אַנטפּלעקט, וואַרפֿט זיך די ספֿינקס אַראָפּ פֿונעם פֿעלז. אוידיפּוס קומט צוגיין קיין טעבעי, ווי אַ באַפֿרייער און ער באַקומט זיין שכר. אָט אַזוי איז אַפּאָלאָנס שפּרוך מקוים געוואָרן. לאַנגע יאָרן הערשט אוידיפּוס צופֿרידן איבערן פֿאָלק פֿון די

טעבעיאנער, נאָר אַט שיקט אַפּאָלאָן צו א שרעקלאַכע מגפה, עס פאַלן מענטשן און דאָס פי. די פרויען קענען נישט געווינען. קיינער ווייסט נישט קיין תרופה, דאָס פאָלק קלייבט זיך דאַן צענויף ביים פּאַלאַץ פון אוידיפּוס, כדי צו בעטן ביי אים הילף קעגן דער פּעסט" (ש. באַסטאַמסקי און מ. חיימסאָן).

פון געוויסע שורות פון סאָפאָקלס "אוידיפּוס רעקס", וואָס איז געבויט אויף דער דאָזיקער לעגענדע, לייענט פרויד ארויס, אז א סך קינדער חלומ'ען און האָבן א סעקסועלן דראַנג צו זייערע עלטערן. ספּעציעל פּילט זיך דאָס אין די רעד פון דער מוטער — פרוי צו איר קינד. פרויד ווייזט אָן, אז שוין מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָבן די דעמאָלדיקע פילאָזאָפן, האָבן די דעמאָלטדיקע בחוש קינדער פּסיכאָלאָגן, געוואוסט וועגן געפילן, וואָס א קינד, א אינגל, קאָן האָבן צו זיין מוטער און א מיידל צו איר פאָטער.

גליקלאַך איז דער מאַן, וואָס איז ענלאַך צו זיין פרוים פאָטער, און גליקלאַך איז די פרוי, וואָס איז ענלאַך צו דעם מאַנס מוטער. א סך אלטע בחורים האָבן ערשט חתונה נאָכן טויט פון זייער מוטער, מחמת זיי וואָלטן נישט געקאָנט זיך שיידן מיט דער מוטער, צו וועלכער זיי האָבן געפילן. אויב א אינגל מיידט אוים מיידלאַך אין צייט פון רייף ווערן און אפילו שפּעטער, קאָן דאָס דאָזיקע זיין א סימן פון צוגעבונדנקייט צו דער מוטער און א סיבה פאַר א נעווראָז. דר. מילער, די באַוואוסטע קינדער פּסיכאָלאָגן, זאָגט, אז אן אבנאָרמאַל געזונטער, אז אן אבנאָרמאַל הויכער פאָטער קאָן צעברעכן די נשמה פון זיין קינד!

מיר קאָנען דערקאָנען און אָפּטמאָל זיך דערגרונטעווען צו דעם אומבאַוווסטזיין פון דעם קינד לויטן כאַראַקטער פון די שפּילערייען, וועלכע דאָס קינד ליבט אַם שטאַרקסטן צו שפּילן, לויטן עצם שפּיל, לויטן כאַראַקטער פון די מעשה'לאַך, וואָס אַפּעלירן צו אים און לויט די בילדלאַך, וואָס האָט ליב צו מאָלן. די פאַרשיידענע מיטלען ווי אַריינצוכאַפּן זיך אין דעם אומבאַוואוסטזיין פון דעם קינד באַשטעטיקן וואָס ווייטער אַלץ מער און מער די השערה, אז קינדער האָבן אומבאַוואוסטזיניק גע־

שלעכטע געפילן צו עלטערן, אז די דאָזיקע געפילן צעשטערן זייער רו, רופן ארויס האס, און געפילן פון שולד. א קינד, וואָס ליידט פון דעם דאָזיקן קאָמפּלעקס האלט אין בייטן באציאונגען צו די עלטערן. דאָ ליבט עס, ציט זיך עס צום פאטער, דאָ צו דער מוטער. פרויד דערקלערט דעם פאקט אזוי : די געפילן ווערן פארביטן אויף שולד, בייט דאָס קינד באציאונג. זיגט ווידער דאָס געפיל פון ליבע בייט עס ווידער די באציאונג און א. וו.

דיינקט אָבער האָמער ליין אנדערש. דער פאקט, וואָס קינדער בייטן זייערע שטימונגען, זייערע באציאונגען צום פאָטער, צי צו דער מוטער איז נישט צוליב זייערע סעקסועלע געפילן און געפילן פון שולד, נאָר צוליב דעם, וואָס ס'בייט זיך אין זייער נשמה זייער באציאונג צו פאסיוויטעט און אקטיוויטעט. לעבן זיי איבער א שטימונג פון אקטיוויטעט, ברויזט אין זיי א דראנג צו בויען, צו שאפן זיינען זיי נעענטער צום פאָטער, וואָס סימבאָליזירט מיט זיך אקטיוויטעט און ווייטער פון דער מוטער, וואָס סימבאָליזירט מיט זיך פאסיוויטעט, און פארקערט. ער לייקנט בכלל דעם גאַנצן אוידיפּוס קאָמפּלעקס.

דר. מעלאניע קליין ברענגט אונז פאָלגנדיקע פאלן. ריטא האָט דעם ערשטן יאָר פון איר לעבן ארויסגעוויזן מער ליבע צו איר מוטער, ווי צו איר פאטער. אויפן צווייטן יאָר פון איר לעבן האָט זיך איר באציאונג צו די עלטערן געביטן. זי האָט ארויסגעוויזן אס ך מער ליבע צו דעם פאָטער, ווי צו דער מוטער. די ענדערונג אין איר באציאונג צום פאטער איז געווען אזא, אז זי פלעגט ארויסווייזן שטארקע סימנים פון אייפערזיכט צו דער מוטער. ריטא פלעגט נישט קאָנען גלייכגילטיק צוזען דעם פאָטערס פריינטשאפט און ליבע־אויסדרוקן צו דער מוטער. ער האָט באדארפט געהערן אינגאנצן צו איר. ווען ריטא איז אלט געווען 15 חדשים, פלעגט זי שטארק הנאה האָבן און ווען אויספירן צו בלייבן אליין מיטן פאָטער אין צימער, זיצן ביי אים אויפן שויס, בעת ער פלעגט לייענען אָדער שרייבן. צו 18 מאָנאטן אלט האָט זיך ריטאס באציאונג צו די עלטערן ווידער געביטן. די מוטער האָט צוריק געוואונען איר ליבע. ריטא האָט גענומען ווידעראמאָל ארויסווייזן מער ליבע צו דער

מוטער, ווי צום פאָטער. משמעות האָבן שולד און חרטה גע־פילן צו דער מוטער געגומען ווירקן. צו דער צייט האָט ריטא גענומען ליידן פון נאכט־שרעקן און פון שרעק פאר חיות. וואָס ווייטער האָט זי אַלץ מער און מער גענומען ליב האָבן די מוטער און פיינט קריגן דעם פאָטער. אפן דריטן יאָר פון איר לעבן איז זי געוואָרן אזוי "שלעכט" און נערוועז, אז עס איז געווען פון איר ניט צו לעבן. צו 3¾ יאָר פון איר לעבן האָט זי שוין געליטן פון שווערע אטאקעס, פון פארשיידענע געוואָזן, האָט זי שוין ארויסגעוויזן סמנים פון מעלאנכאָלישער דעפרע־סיווקייט, איז זי שוין געווען תמיד אויפגערייצט, טרויעריק און פלעגט נישט קאָנען אריבערטראָגן די קלענסטע שטערונג אין וועג, פון א וועלכן עס איז אירן א פארלאנג. נאָך א לאנגער ריי סעאנסן האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס אלץ איז א רעזולטאט פון א שארפן אוידיפוס קאָמפלעקס, און אז די אלע צרות זיינען געווען א רעזולטאט פון שוועריקייטן, וואָס זיינען ארויסגע־וואקסן פון אירע געפילן פון חרטה און שולד, וואָס באגלייט דעם אוידיפוס קאָמפלעקס אין דעם קינד.

טרוד, איז 3¾ יאָר אלט. ביי די סעאנסן פלעגט זי האלטן אין איין טענה'ן, אז ס'איז ביינאכט, און אז זי און דער דאָקטאָר שלאָפן צוזאמען. זי פלעגט אויף די ציפקעלאך צוגיין צום דאָק־טאָר פון דער צווייטער זייט וואנט, "שפילנדיק", ווי זי וואָלט געקומען פון איר שלאָף־צימער. ווי נאָר זי פלעגט צוקומען צום דאָקטאָר, פלעגט זי שפילן אן אנדער שפיל, זי פלעגט סטראשען, אז זי צעשטערט דעם דאָקטאָר, אז זי ווארפט אים ארויס פון דורכן פענסטער, אז זי פארברענט אים, אז זי צערייסט אים און א. וו. שפעטער פלעגט זי שפילן א שפיל, וואָס פלעגט סימבאָ־ליזירן איר פארלאנג צו זוכן אין מוטערס קערפער קינדערלאך. זי פלעגט זיך באהאלטן אונטער עפּעס וואָס, זויגן דעם פינגער און זיך נאס מאכן. טרוד פלעגט אין דעם עלטער פון צוויי יאָר אָן א פארוואָס ביינאכט האלטן אין איין אריינלויפן אין שלאָף־צימער פון די עלטערן און אָפט ארויסווייזן סימנים פון נאכט־שרעק. אויך דער פאל איז געווען א פאל פון אוידיפוס קאָמ־פלעקס.

מעלאניע קליינס אפים פלעגט זיין פול מיט פארשיידנאר־טיקע קינדערשע שפיל זאכן. לויט דעם צו וועלכע שפיל געצייג א קינד פלעגט זיך כאפן, אָדער לויט דעם אופן פון שפילן פלעגט מעלאניע קליין זיך פרובירן אריינכאפן אינם אומבאוואוסטזיין פון קינד. פעטער, למשל, האָט געכאַפּט צוויי וועגעלאך און גע־האלטן אין איין דריקן זיי איינס דאָס צווייטע. אין איין אָנ־שטויסן איין וועגעלע אָן דאָס צווייטע. שפּעטער האָט ער גענו־מען פערדל און וועגעלע, אָנגעשטויסן איינס אָן דאָס צווייטע און א זאָג געטאָן: "איצט האָב איך א נייעם קליינעם ברודערל".

אז דר. מעלאניע קליין האָט אים א פרעג געטאָן, וואָס האָבן די וועגעלאך געטאָן, און וואָס האָט דאָס פערדעלע געטאָן מיטן וועגעלע, האָט ער געענטפערט "ס'איז ניט שיין צו זאָגן" ... נאָכדעם האָט ער גענומען צוויי פערדעלאך און אָנגעשטויסן איינס אָן ס'צווייטע. מעלאניע קליין האָט א זאָג געטאָן: "זע, די פערד זיינען צוויי מענטשן, וואָס שטויסן זיך איינער אין צווייטן". פעטער האָט געענטפערט: "ניין, ס'איז ניט שיין ... יאָ, דאָס זיינען צוויי מענטשן, וואָס שטויסן זיך איינס אין דאָס אנדערע, און איצט וועלן זיי שלאָפן". אומבאוואוסטזיניק באַמבלט זיך אין קינדס נשמה דאָס אלץ, וואָס סוועט אין שפּע־טערע יאָרן פאר אים ווערן קלאָר, אָבער דערווייל נערווירט עס. קינדער מאָלן אפילו נישט באוואוסטזיניק בילדער, וואָס סימ־באָליזירן געשלעכטס אָרגאנען און געשלעכטס אקטן.

פרויד האלט, אז דער סעקס געפיל צעוואַקסט זיך אָט ווי אזוי. א קינד האָט האָלט צו זויגן, ניט נאָר בעת עס איז הונ־געריק, נאָר אויך שפּעטער נאָכן עסן, ווען ס'איז זאט, געפינט א קינד גרויסן פארגעניגן אינם סתם זויגן. א קינד ווערט אנ־שלאָפן אין עקסטאז פון צופרידנקייט מיט דער מוטערס ברוסט אין מיילכעלע. מאמעס קאָנען גרינג בארואיקן א קינד ווען זיי שטופן זיי אין מיילכעלע אריין א גומענעם ניפּל. דאָס קינד זויגט שעהנ'וויז דעם דאָזיקן ניפּל, צופרידן און דרעמלט. דאָס זעען מיר ווי צוויי שטארקע אינסטינקטן ווערן גלייכצייטיק באפרי־דיקט, דער אינסטינקט פון הונגער און דער אינסטינקט פון דורשט נאָך פארגעניגנס. שפּעטער ציט דאָס קינד ארוים דעם

זעלביקן פאַרגעניגן פון דעם זויגן דעם פינגער ביז, עס געפינט די געשלעכלאַכע אָרגאַנען, וועלכע ס'רייבט (ענלאַך צום זויגן), און קריגט געשלעכטלאַכע באַפרידיקונג. האַלט אָבער דר. דייוו ליוויי, אַ באַוואוסטער פאָרשער אויף דעם געביט, אַז דאָס רוב זויגן אַ פינגער נאָך די קינדער, וואָס מען האָט זיי פרי צוגענו־מען פון דער ברוסט פון דער מוטער, און פון פלעשל. דאָס זויגן פון פינגער איז אַ מין קאָמפּענסאַציע פאַרן קינד. ער האַלט, אַז די געוואוינהייט קאָן זיך אויך אַנטוויקלען, ווען מען קאָרמעט דאָס עופּה'לע אין צו גרויסע אינטערוואַלן, ווען מען קאָרמעט זעלטענער. אמת, ס'איז לחלוטין ניט געזונט צו קאָרמענען אַ קינד יעדעס מאָל, ווען ס'שרייט; אמת, ס'איז לחלוטין ניט גע־זונט צו קאָרמענען אַ קינד צו אָפט, יעדע 2 שעה, למשל, אָבער דער פאַקט, וואָס דווקא אַזוינע קינדער זויגן אַ סך זעלטענער אַ פינגער, וואַרנט זיך צו פאַרטראַכטן. פאַראַן פאַלן, ווען קינדער פאַרציען זייער זויגן, זויגן, ריכטיקער געזאָגט שמאָטשקען, אַ לאַנגע צייט. דערלאַנגען אַ צי מילך און שמאָטשקען ווייטער. זיי האָבן גוואַלדיקן פאַרגעניגן פונם געניס. אין אַזוינע פאַלן ווערט רעקאָמענדירט אָפּצוהאַלטן אַ געוויסע צייט דאָס קינד ביי דער ברוסט און צונעמען. ס'וועט שפּעטער פאַרגיין אין אַ געוויין, מחמת ס'איז דאָך געבליבן הונגעריק, ס'שאַדט ניט. דאָס נפש'ל וועט פאַרשטיין אַ צווייטן און אַ דריטן מאָל, אַז מען דאַרף זויגן, אַנדערש בלייבט מען הונגעריק. אַזוי געוואוינט איר דעם בחור'ל אָפּ פונם תאווה'דיקן "זויגן". אפילו דער פּראָ־צעס פון שלאָגן וואַסער און גיין מיטן מאָגן איז ביים קינד ניט פרייפון סעקסועלע געפילן. אומבאַוואוסטזיניק איז עס פאַרן קינד אַ גרויסער פאַרגעניגן. פון דעם קומט אפשר די דערשיי־נונג, וואָס קינדער האָבן שטאַרק ליב צוצוזען דעם פּראָצעס ביי אַנדערע קינדער. אָט וועט איר זען אויף אַ סעודה, ווי מיידע־לאַך האַלטן גרופּעסווייז אין פאַרשפּאַרן זיך אין באָד צימער. אָפּט וועט איר זען, ווי גאַנצע גרופּעס אינגלאַך האַלטן אין איין פאַרמעסטן זיך, ווער עס קאָן אָף אַ ווייטערן שטח שלאָגן וואַסער. דאָס זיינען ניט קיין אומשולדיקע פאַרגעניגנס. דאָס געפיל פון סעקס נייגעריקייט אַנטוויקלט זיך אויך זייער פרי אינם קינד.

אמאָל צו צוויי יאָר אַלט. א אינגל צווייפלט נישט, אַז אַ מיידל האָט די זעלבע געשלעכטס אָרגאַנען ווי ער. דאָס סעקס געפיל איז ביי אַזאַ קינד אַן אומבאַוואוסטזיניק געפיל. אַ מיידל ליידט שפעטער זייער שטאַרק פון דעם, וואָס איר פעלט אַ גאַנצער טייל פון קערפּער. ס'דויערט אַ לאַנגע צייט ביז זי באַרואיקט זיך. נישט איין קינד צאָלט פאַר דעם מיט וויטיקן און ליידן און מיט אַ מינדערווערטיקייט קאָמפּלעקס. פון דעם קומט אפשר, וואָס מיידלאָך ווילן תמיד זיין בעסער אינגלאַך. דעם אינגל גייט אויך נישט גרינג דורך די דערשטוינונג, ווען ער דערוויסט זיך, אַז אַ מיידל איז אַנדערש. אינגלאַך שרעקן זיך אָפט מען זאָל זיי ניט אָפּשניידן זייער געשלעכטס אָרגאַן. דאָס פאַרשאַפט זיי גרויסע צרות און שרעק. אַ מענטש שרעקט זיך תמיד פאַר דעם, וואָס עס וויל זייער שטאַרק. אַ מענטש וואָלט זייער שטאַרק וועלן אַראָפּשפּרינגען פון אַ דאַך, אים ציט אַזש צו דעם. אפשר איז די שרעק פאַר קאַסטראַציע, פאַרן אָפּגעשניטן ווערן חלילה, אפשר ליגט אין דעם דאָזיקן שרעק אַ אומבאַוואוסטזיניקער פאַרלאַנג פּטור צו ווערן פון דעם יאָך, פון דער שווערער משא, וואָס איז פאַרבונדן מיט סעקס פּראָבלעם בכלל.

איך וואָלט ניט וועלן צווייפלען אין דעם און אין צווייפל ניט, אַז סאָציאַליזם איז דער איינציקער וועג צום מענטשלאַכן גליק. כ'וואָלט ניט וועלן צווייפלען אין דעם, און איך צווייפל ניט אין דעם, אַז אַ רעוואָלוציע, אַז נאָר זי עפנט דעם דאָזיקן וועג, אָבער אַז איך דערפיל דעם גיהנום, וואָס שטורמט און שרפה'ט אין דער נשמה פון קינד טראַכט איך מיר, אפשר וואָלט דער וועג צום גליק געפירט דורך פּסיכאָ־פיזיש געזונט צו מאַכן דעם מענטשן, אפשר וואָלט דער וועג געווען אַ גיכערער און אַ זיכערער. עס טוט דאָך אַזוי וויי, ווען מען זעט אַ קינד ליידן. ספּעציעל ווען מען ווייסט, אַז ס'ליידט, מחמת אונזער אומוויסנ־הייט זיין ביאָ־פּסיכישע נאַטור. צום גליק שטילן זיך איין אַ סך ליידן, דרעמלען איין אַ סך געפילן אין קינדער פונם 5־יאָריקן עלטער ביז 13־12 יאָריקן עלטער, ווען עס הייבט זיך אָן דער פּעריאָד פון רייף ווערן.

דער פּעריאָד פון רייף ווערן איז אָבער איינער פון די געפּערלאכסטע. גרויסע ענדערונגען אינערלאכע און אויסערלאכע קומען פּאָר אין דעם קערעפּר פונם קינד, אין משך פון זיין רייף ווערן. די דאָזיקע אינערלאכע און אויסערלאכע קערפּערלאכע ענדערונגען רופן ארויס גאנצע רעוואָלוציעס אין דער נשמה פון קינד, רופן ארויס שטורמס און פּסיכישע איבערקערענישן. א גאנצע ריי, געדרעמלטע ביז דעמאָלט, דריזן הייבן אָן צו ארבעטן.

בכלל איז דער ענין דריזן זייער א וויכטיקער ענין. מיר האָבן צוויי מינים דריזן. דריזן מיט שנויציקלאך, מיט שלויכערלאך און גאָר פּארמאכטע דריזן. די פּארמאכטע דריזן גיסן אויס זייער פליסיקייט, זייער זאפט דירעקט אינם בלוט פונם מענטשן. די זאפט פונם פּינעאל דריז באאיינפלוסט דעם וואוקס פונם סקעלעט פונם מענטשן און פון די געשלעכטלאכע אָרגאנען. די זאפט פון דעם פּיטואיטארי דריז באאיינפלוסט נישט נאָר דעם וואוקס, נאָר אויך דאָס פונקציאָנירן פון אנדערע דריזן. די פונקציע פון טאימוס גלענד איז נישט באקאנט. ער שטארבט אָפּ נאָכן רייף ווערן. דער טיירעאָיד דריז, ווען ער ארבעט נישט גענוג גוט, אנטוויקלט ער קרעטעניזם, דאָס קינד וואקסט נישט, האָט צו טרוקענע הויט, עס פארלירט די האר, ס'ווערט פעט און איז מענטאל אָפּגעשטאנען. פארקערט, א צו שטארקע פונקציע פון דעם טיירויד דריז בריינגט צערייצטקייט, נערוועזיטעט, גיכן פּולס, שוויים און א. וו. יעדער דריז האָט זיך זיין אויפגאבע.

אמשטארקסטן אנוויקלט און אקטיוו זיינען די דריזן אין דעם פּעריאָד פון רייף ווערן. געוויסע דריזן און סעקס קעמערלאך, וואָס האָבן ווי געדרעמלט, וואקסן זיך פאנאנדער און הייבן אָן צו פונקציאָנירן אין פולן שוואונג. בעת'ן רייף ווערן ווערט דאָס בלוט רייכער מיט נייע כעמישע שטאָפן, וואָס הייבן אָן צו ווירקן אויף די עמאָציאָנעלע צענטרען פון מארך און באווירקן אנדערע דריזן. די ווירקונג איז, למשל, אזא : די נישט נאָרמאלע ארבעט פון דעם פּיטואיטארי דריז קאָן ארויסרופן, אז דאָס קינד זאָל צו פרי רייף ווערן. מיט דעם זיינען פארבונדן א סך סכנות. די נישט נאָרמאלע ארבעט פון דעם דאָזיקן דריז

קאָן ברענגען, אַז דאָס קינד זאָל זיין אָפּגעזונדערט, פאַרבאַהאַלטן אין זיך, אַז דאָס קינד זאָל זאָגן ליגנס, גנב׳ענען און האָבן א נייגונג צו מאָרד. די נישט נאָרמאַלע אַרבעט פון דעם טאַיראָיד דריז קאָן ווירקן, אַז דאָס קינד זאָל זיין שוואַך אַנטוויקלט, אַז דאָס קינד זאָל שווער אָנקריגן חברים אין דער אַרבעט און זאָל זיך פילן אינפעריאָר. די שוואַכע אַרבעט פון דעם אַדרענאַל דריז קאָן אַרויסרופן פאַרמאַטערטקייט, מידקייט און קאָן שטערן דעם נאָרמאַלן פונקציאָנירן פון אַנדערע דריזן. דריזן האָבן א גרויסע ווירקונג און אפשר א דעצעדירנדיקע ווירקונג אויפן כאַראַקטער פון דערוואַקסענע מענטשן. אויף קינדער, ספּעציעל אין צייט פון רייף ווערן, קאָנען זיי זיין א גורל פּראַגע. דריזן קאָנען אויך שולדיק זיין אין דעם, וואָס דאָס קינד ווערט צו שפּעט רייף, וואָס דאָס מיידל קריגט צו שפּעט די צייט. אמת, דאָס פּאַרשפּעטיקן צו ווערן רייף קאָן אויך קומען פון דער צוגעבונדנקייט פון קינד צום פּאָטער צי צו דער מוטער, וואָס קאָן פירן צו האָמאָסעקסואַליטעט, וועגן וועלכן מיר ריידן שפּעטער. אַזוי צי אַזוי, די צייט פון רייף ווערן איז די שווערסטע, די שטורעמדיקסטע פאַר קינד. צוויי געפערלאַכסטע פּעריאָדן לעבט איבער דאָס קינד, וואָס קאָנען אים צעברעכן : דער פּעריאָד פון פרישטער קינדהייט, ווען עס מאַכט אָפּטמאָל דורך א סך סכנות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן אוידיפּוס קאָמפּלעקס און דער פּעריאָד פון רייף ווערן. ”ניטאָ וואָס מקנא צו זיין דעם דאָקטאָר, וואָס היילקט זיין לעבן פאַר אונזערע קינדער, וואָס זעט אין דערוואַקסענע, נאָר מאַמעס, נאָר טאַטעס, נאָר באַרמהערציקע שוועסטער און נאָר לערער, אַנדערע עקזיסטירן נישט פאַר אים. בישלאַכווייז לערנט ער זיך אויס צו פאַרשטיין די געפילן, די געדאַנקען פון זיינע קליינע, געטלאַכע פּאַציענטן. בישלאַכווייז דערפילט ער זיך גליקלאַך פון די זוניקע בלימעלאַך און פון די הימלישע מלאכים׳לאַך, מיט די בלויע אייגעלאַך. ער איז גליקלאַך. דאָס דאָזיקע ווערט אָבער פאַרפינסטערט, מחמת, זייט ביי זייט מיט דעם, דערזעט ער ווי פינסטער אונזערע עלטערן זיינען אין באַצוג צו די געפילן, צו די שטימונגען, צו די איבערלעבונגען, צו די סכנות, צו די בלוטנדיקע וואונדן, צו די ראַנג־

לענישן פון זייערע קינדער" (דר. פרענק ריטשארדסאָן). וויפל גיהנום ליידן טראָגט איבער א קינד בעת'ן רייף ווערן. ס'וויל זיין גוט, ס'וויל אויסמיידן די "סצענעס" אין שטוב, אָבער ס'קאָן ניט, מחמת די געפערלאכע כחות, וואָס בושעווען אין אים און וואָס זיינען שטארקער פאר אים. יעדע סצענע אזא ווארפט אָן א טויט שרעק אפן קינד, ס'טוט אים בלוטיק ווייי, און מאמעס מיינען ס'איז א "גזלן", א "שד" ! — אונזער אומוויסנהייט ! ! !

יאָ, די צייט פון רייף ווערן איז די שווערסטע און שטורמדיקסטע פארן קינד. עס הייבט אָן זיך צו ווארפן, עס הייבט אָן זיך צו שליידערן, צו גנב'ענען, עס ווערט גאליק, אוואנטיורימטיש, עס אנטלויפט פון דער היים. עס קאָן אפילו באגיין א מאָרד. קיין דאָקטאָר וועט אין די אלע פארברעכנס ניט באשולדיקן דאָס קינד, וואָס איז אפשר אין נשמה א מלאך, אָבער, וואָס דאָס איבערלעבן די דאָזיקע שטורמישע צייט, האָט אין אים ארויסגערופן א גייסטיקע אויפטרייסלונג. דערפאר איז אזוי וויכטיק, אז דאָס קינד זאָל נאָך פון פריער געוואָרנט ווערן פאר דער דאָזיקער געפאר. דערפאר איז וויכטיק, אז דאָס קינד זאָל פארשטיין די נאטירלאכקייט פון די ווילדע "טייפונען", וואָס בושעווען און ווען זיך סוף־כל־סוף איבערבושעווען אין זיין נשמה. מען דערציילט, אז א געוויסער רוימישער גענעראל האָט געשיקט א אידישן תנאי בריליאנטן. דער תנאי האָט אים צוריקגעשיקט אלס מתנה א מזוזה. אויף דער פארוואונדערונג פון דעם גענעראל האָט דער תנאי אים געזאָגט : "דו האָסט מיר געשיקט א מתנה, וואָס איך דארף עס היטן. איך האָב דיר געשיקט א מתנה וואָס וועט דיך היטן". צייטיקע און סיסטעמאטישע און נאטירלאכע סעקס אויפקלערונגען אין משך פון יאָרן קאָנען וואָרענען און פארהיטן דאָס קינד עס זאָל זיך קאָנען קאָנטראָלירן בעת'ן געוויטער. וויפל היטער איר זאָלט נישט אָנשטעלן וועט איר נישט קאָנען פארהיטן דאָס קינד פון אן אומגליק. זאָל דער שומר, זאָל די מזוזה, זיין איינגעפלאנצט אין נשמה פון קינד, וועט דאָס קינד אליין זיך היטן, וועט דאָס קינד אליין זיך פארהיטן, וועט דאָס קינד ווינציקסטן וויסן, אז עס דארף זיך קאָנטראָלירן. דאָס קינד וועט פארשטיין די נאָר־

מאלקייט און די נאטירלאכקייט פון זיין צושטאנד, און וועט ווייסן, אז ס'איז נאר אן איבערגאנגס צייט, אז די צעברויזטע כוואליעס וועלן זיך באלד איינשטילן, וועלן באלד אריין אין די ברעגעס, אז דער ים וועט זיך בארואיקן.

פאראן א סך צרות, א סך סכנות, וואס לויערן שוין פון פריער אפן קינד און ווערן נאך געפערלאכער אין צייט פון רייף ווערן. פאר דער צייט פון רייף ווערן און אין דער צייט פון רייף ווערן ווערט דאס קינד האמאסעקסועל. האמאסעקסואליטעט מיינט געפינען סעקסועלע באפרידיקונג פונם אייגענעם געשלעכט. א מיידל קאן, למשל, פארגיין אין סעקסועלע חלומות וועגן א מיידל, וועלכע זי ליבט און מיט וועלכער די "לעבט". די סיבה פון דעם איז אפטמאל א דריז. די סיבה קאן אבער זיין אויך אן אנדערע. קינדער האבן ליב צו זיין ווי עמיצער. א קינד קאן זיך יארן און יארן פילן פיקסירט אפן פאטער. קאן זיך תמיד זען ווי דער פאטער, קאן זיך אידענטיפיצירן מיטן פאטער אזוי שטארק, אז עס הייבט זיך אן צו פילן ווי א מאן, פון דעם איר סעקסועלע ציאכץ צו א מיידל, וואס איז סעקסועל ביי איר "קעגנגעזעצט". אין דער צייט פון רייף ווערן און פאר דער צייט קאנען די קינדער זיך אנהייבן באשעפטיקן מיט אנאניזם. קינדער הייבן אן צו דערפינדן מיטלען ווי אזוי ארויסצורופן א קינסטלאכע סעקסועלע באפרידיקונג. דאס איז א נאטירלאכע דערשיינונג ביי כמעט 90 פראצענט אינגלאך און כמעט ביי אזא פראצענט מיידלאך. קיין שאדן ברענגט עס ניט. שאדן קאן נאר ברענגען, ווען מען שרעקט דעם קינד אפ, און דאס קינד הויבט זיך אן פילן פארלארן, אדער צו פילן זיך שטארק שולדיק. ווען א קינד באשעפטיקט זיך מיט אנאניזם צו אפט ווערט דאס קינד מיד. די מידקייט פירט צו נערוועזיטעט און די נערוועזיטעט ווערט אין א געוויסן זין א שטערונג פאר דער גייסטיקער אנטוויקלונג פון קינד. קיין שאדן ברענגט אנאניזם נישט. דאס רוב פארשווינדט עס אזוי פלוצלונג, ווי עס איז געקומען. דר. קאטערינע בעמענט-דייווים האט דורכגעפירט אן אנאנימען רעפערענדום צווישן פרויען, צי זיי האבן זיך באשעפטיקט מיט אנאניזם. פון 1183 ענטפערס זיינען צוויי דריטל געווען פאזיטיווע.

ביי מענער איז דער פּראָצענט נאָך א גרעסערער, ביז 90 פּראָצענט. ווען אָנאניזם וואָלט געבראכט שאָדן, וואָלטן דריי פערטל פון דער מענטשהייט געדארפט זיין אין משוגעים הייזער. א קינד מעג וויסן, אז פון דעם ווערט עס אביסל פיזיש און גייםטיק אָפּגעשוואכט, אז ווען אָנגעווענדעט אָן א מאָס פארשווענדט עס רייכקייט, אָבער אז קיין סכנה איז אין דעם נישטאָ. וואָס זיכערער, וואָס גליקלאכער א קינד איז, אלץ גיכער לעבט עס איבער דעם פּעריאָד. שרעקט איר אָבער די קינדער באקומט איר פארקערטע רעזולטאטן. די קינדער גייען ארום ווי פארלאָרענע, ווי פאר׳משפּט׳ע צום אונטערגאנג. דאָס שפּייזט די געוואוינהייט און פירטצוא נעווראָז. ספּאָרט, פארנומען זיין מיט פארכאפּנדיקע פארן קינד טעטיקייטן, פרייד קאָן פארהיטן; פארקערט, אונטערדריקונג, דערנידעריקונג, אומעט, קאָן ארויסרופן און שטארקן די געוואוינהייט.

א סך זאכן וואָלטן מיר, טאטעס און מאמעס, געמעגט וויסן, געמעגט שטודירן, וואָלטן מיר פארשפּאָרט אונזערע קינדער א סך צרות. מאמעס און טאטעס וואָלטן אויך געמעגט וויסן וועגן חולאת׳ן ביי קינדער, וואָס די קינדער רופן זיי ארויס נישט באוואוסטזיניק, וואָס קינדער רופן זיי ארויס, האָבנדיק א וועלכע עס איז כוונה. אמאָל איז די כוונה זיך צו ראטעווען פון א שווערער לאגע, און אמאָל איז זי, כדי עפּעס וואָס עס איז אויסצופירן. אזוי קריגן טאקע קינדער היץ (און טאקע היץ), דווקא דעמאָלט, ווען די מאמע דאַרף אוועק צו א פארזאמלונג. מען רופט דעם דאָקטאָר, דער דאָקטאָר איז חושד א וועלכע עס איז קראנקהייט, און אויף מאָרגן איז דער בחור׳עץ אָדער די פירעריקע כלה־מויד פריש און געזונט . . . די היץ קאָן זיין איז געקומען פון שרעק. קינדער האָבן ביז א געוויסן עלטער א שווערן באגריף וועגן צייט, זיי פילן, אז די מאמע גייט אוועק מוז עס זיין שיר נישט אויף יאָרן, שרעקן זיי זיך. אמאָל קען זיין, אז די היץ איז געקומען, כדי סתם צו פארהאלטן די מוטער, דאָס קינד ווייסט אליין נישט, אז דער אומבאוואוסטזיין איז דאָ זיין רעטער, זיין באהעלפער, זיין מלאך הגואל. אזוי

ווערן סיסטעמאטיש קינדער קראנק, קריגן קינדער היץ, ספּעציעל שרעקעוודיקע קינדער, ערב אַ קאָנצערט.

דאָס רוב פילט זיך אַ קינד אינפעריאָר. ס'איז דאָך אין פאַרגלייך מיט אַלע אין שטוב קלענער, שוואַכער. פון דעם דער וואונטש זייערער צו ווערן גרעסער, צו וואַקסן. געפילן פון אינפעריאָריטעט קאָן מען היילן מיט געזונטער שׂכל'דיקער ליבע. ליבע מוטיקט און באַרואיקט. דאָס קינד פילט, אַז, אמת, ס'איז שוואַכער, אָבער דערפאַר באַליבטער. שרײַנגקייט און קלעפּ פאַרשאַרפן נאָך שטאַרקער דעם נאַטירלאַכן מינדערווערטיקייט געפיל אינם קינד. פון שטרײַנג זיין און פון אָנשלאָגן קריגט מען גיכע רעזולטאַטן, אָבער דאָס קינד צאָלט פאַר דעם מיט געפאַלנקייט און מיט מינדערווערטיקייט. דאָס געפיל פון מינדערווערטיקייט, דאָס וועלן אנטלויפן פון דער דאָזיקער מינדערווערטיקייט, רופט אַרויס היסטעריקעס, קאַפּריזן, צערייצטקייט. ס'קינד ווערט "קראַנק". אויב דאָס קינד האָט אַ נייגונג צו אַ נעווראָז רופט דער פאָטער צי די מוטער מיט איר שטרײַנגקייט, אָדער מיט אירע קלעפּ, אַרויס דעם דאָזיקן "שד". אפשר קומט פון דעם דאָס שפּריכוואָרט "דאָס איז אַ שפּיל פאַרן טייוול".

ס'זיינען אויך פאַראַן "חולאת'ן", וואָס זיינען גאָר נישט קיין חולאת'ן, דאָס זיינען "חולאת'ן", וואָס דאָס קינד טראַכט אויס, מחמת ס'וויל ציען אויפמערקזאַמקייט צו זיך, ס'וויל זיין דער געשפּרעך פון טאָג, ס'וויל, אַז אַלע זאָלן אים מקנא זיין.

ס'זיינען פאַראַן חולאת'ן — היסטעריקעס, שפּילן אַזוינע. יעדער לערער ווייסט אייך דערציילן צענדליקער פאַלן פון קינדער, וואָס קומען מיט פאַרבונדענע העלזעלאַך, ווייל מען האָט "היינט אינדערפרי זיי "אויסגעשניטן" די מאַנדלען". . . אַזא קינד דערקלערט דעם לערער, אַז ס'קען נישט רעדן, ווייל ס'טוט וויי. אַזוי קומען קינדער מיט פאַרבאַנדאַזשירטע מיט שמוציקע שמאַטקעס הענט "מען האָט זיי נעכטן אָפּערירט". . . קינדער קאָנען פאַרגיין אַזוי ווייט אין פאַנטאַזיע, אַז זיי דערציילן גענוי סמנים פון דער אָפּעראַציע. אַזא קינד וויל אַרויסרופן רחמנות, מיטגעפיל אָדער אויפמערקזאַמקייט. האָט מיר אַ מוטער אַמאָל דערציילט אַ פאַל מיט אירם אַ קינד. איר קינד, 6 יאָר אַלט, איז

ארונטערגעפאלן פון זיין דריי פיסיקן וועלאָסיפעדל. עס האָט געמאכט אזוינע גוואלדן, אז מען האָט עס געמוזט פירן צום דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט דערקלערט, אז עס האָט אפילו נישט געקראָגן קיין שטארקן קלאַפּ. דער 6 יאָריקער "פּאָליטישן" אָבער, האָט שרעקלאכע "ווייטיקן", עס קאָן די פוס נישט רירן. א גאנצע וואָך האָט זיך אין שטוב געטאָן חושך. מען האָט באשלאָסן צו נעמען אן עקסריי בילד. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס קינד איז פולקאָם געזונט. נאָכן עקסריי אָבער איז די פוס אינגאנצן "פּאראליזירט" געוואָרן . . . טאטע־מאמע זייענען געוועזן אויסער זיך. פלעגט מען נאָר פּרובירן זיך צורירן צום פוס, פלעגט דער "חולה מסוכן" מאכן הימל שרייענדיקע גוואלדן. איינמאָל איז געקומען דער דאָקטאָר "אויסצוגעפינען" געננוי דעם פלאץ, וואו דער פּאראליז "זיצט". מיט א קליין נאָדעלע האָט ער געהאלטן אין משך פון א שעה צייט אין איין שטעכן, ניט קוקנדיק אויף די גוואלדן און געשרייען. פארן אוועקגיין האָט דער דאָקטאָר א זאָג געטאָן, אז נאָך א 4-3 סעאנסן אזוינע וועט ער דארפן דורכפירן, כדי צו "כאפּן" דעם פּאראליז. אמת, יעדעס מאָל וועט ער דארפן נוצן אביסל א גרעסערע נאָדל . . . דער בחור האָט אויף מאָרגן זיך געפילט א סך בעסער . . . אין פיר טעג ארום האָט ער זיך שוין געגליטשט. קינדער האָבן האלט אזוי צו שפּילן. כדי אָפּצורייסן דאָס קינד פונם שפּילן, אויב דאָס איז א שפּילן, טאָר מען ניט שרעקן מיט ווער ווייסט וואָס. דעם דאָקטאָרס האנדלונג איז לחלוטין ניט קיין שרעק, ס'איז אן אָנדייטונג, אן אָנצוהערעניש. ס'וואָלט געוועזן א פארברעכן, ווען מיר וואָלטן א סך קראנקהייטן אָנגענומען פאר שפּילערייען. דערפאר איז דער גרעסטער פארברעכן צו קארגן אפן דאָקטאָר. יאָ, קינדער האָבן ליב צו שפּילן און זיי מעגן עס און זאָלן זיי. האָט איר נישט באמערקט, אז אפילו מיר, דערוואקסענע מענטשן, וואָס זיינען "ארטיסטן" רחמנא לצלן "קאליקעס", פון "פּערווי סאָרט", וועלן פארקויפן דעם טאטן אבי אנטייל צו נעמען אין א שפּיל. פאראן, אָבער קראנקהייטן, וואָס זעען פון אויבנאויף גאָר נישט אויס ווי קראנקהייטן, און דאָך זיינען זיי קראנקהייטן, וואָס קומען יאָ

פון א געוויסער סיבה. אזוי, למשל, קאָן א קינד האלטן אין איין קריגן היץ, אין איין קראנק ווערן, בעת מען שטעלט אוועק אפן טיש פיש. מעגלאך, אז דאָס קינד האָט געהאט א שווערן חלום. דעם חלום האָט דאָס קינד פארגעסן, אָבער דער אומבאוואוסט־זיין פארגעסט ניט. מעגלאך, אז ס'איז געפאָרן אין א שיפעלע מיט די עלטערן. ס'האָט זיך שטארק דערשראָקן, מחמת דער פאָטער, וואָס איז פונקט דעמאָלט געווען אין א גוטער שטימונג, וואָס איז פונקט דעמאָלט געווען אויפגעלייגט, למשל, האָט זיך צופיל צעשפילט מיטן קינד, אים געשראָקן, געוואָלט "צוגע־וואוינען" צו סכנות. דאָס קינד פלעגט אויפשרייען פון שרעק. די עלטערן פלעגן עס אויפנעמען מיט א שטורמישן געלעכטער. ווידער א בויג דאָס שיפעלע אין א זייט, ווידער אן אויסגעשריי, ווידער א געלעכטער און א. וו. פרעגט שוין גאָרנישט, וואָס פאר א חלום דאָס קינד האָט געהאט. ס'טרינקט זיך, ס'זיינען אים באפאלן פארשיידענע פישן, זיי שלעפן אים, יעדעס פיש כאפט דערוויילע א בים. דאָס קינד האָט פארגעסן דעם גאנצן עפּי־זאָד, דאָס קינד האָט אויך פארגעסן דעם חלום. גלייך ביים אויפשטיין אין דערפרי האָט עס פארגעסן. דער באוואוסטזיין אָבער איז אן איינגעגעסענער קערל, אן "אנטיסעמיט", ער פארגעסט ניט! אומבאוואוסטזיניק טויכט פיש אויף אינם קינד דעם דאָזיקן חלום, דעם דאָזיקן שרעק. דאָס קינד ווערט קראנק.

מעגלאך, אז אמאָל ביים באָדן איז דאָס קינד ארונטערגע־פאלן אונטערן וואסער. דאָס קינד האָט שוין לאנג פארגעסן דעם שרעק. עס האָט שוין לאנג פארגעסן דאָס געפיל פון טרינ־קען זיך, ניט פארגעסן אָבער האָט דער אומבאוואוסטזיין.

דאָס קינד האָט דערזען גאָלדענע פישעלאך אין א סלוי וואסער. די פישעלאך האָבן אומבאוואוסטזיניק אויפגעטויכט אין אים דעם שרעק, וואָס עס האָט דורכגעלעבט, בעת עס איז א סעקונדע צייט אויך געווען א פישעלע, אויך געווען אונטערן וואסער. מעגלאך אויך, אז א ריח פון פיש דערמאָנט דעם ריח פון א חיה'לע פאר וועלכן ס'האָט זיך אמאָל דערשראָקן. מעג־לאך, אז דאָס קינד האָט אמאָל צעבראָכן א באליבט צאצקעלע — א פישעלע און דעם קינד האָט דעמאָלט שטארק וויי געטאָן

פארן פישעלע. דערציילט אונז וולאדימיר מעדעם, אין זיינע זכ־
רונות, וויפל טרערן ער האָט פארגאָסן, און ווי לאנג ער איז
געשטאנען אויף די קני און תפילה׳דיק געבעטן רחמים דאָס
פארצעלייען שפסעלע, וואָס ער האָט אקאָרשט צעבראָכן, זאָל
אים פארגעבן. ביי א קינד לעבט יעדע זאך, יעדע זאך פילט און
ליידט, פונקט ווי דאָס קינד אליין. מעגלאך, אז דאָס דאָזיקע
קינד האָט צעבראָכן א פישעלע און דער ווייטיק האָט אים
אפשר געמאטערט וואָכן און וואָכן, ביז עס איז קראנק געוואָרן.
פיש דערמאָנט דעם קינד אומבאוואוסטזיניק אָן דעם דאָזיקן
ווייטיק, ווערט עס קראנק. שוין צייט צו פארשטיין, אז האס,
פיינט האָבן (מ׳האָט פיינט פיש), איז תמיד א רעזולטאט פון
שרעק. מיר האסן מענטשן, וואָס קאָנען אונזער פאָזיציע צונע־
מען. מיר האסן מענטשן, וואָס קאָנען אוועקרויבן פון אונז אונ־
זערע געליבטע, מיר האסן מענטשן, וואָס זיינען קליגער, מחמת
מיר האָבן מורא פאר זיי, זיי זאָלן אונז נישט באזיגן. האס איז
שרעק. שרעקט זיך דאָך נישט דאָס קינד סתם פארן פיש. דער
פיש מוז סימבאָליזירן אָדער אויפטויכן א שרעק. ווערט דאָס
קינד קראנק איז גאָרנישט אזוי גרינג צו געפינען די סיבה. די
סיבה קאָן ליגן זייער טיף אין דער נשמה פונם קינד. אין פלוג
גענומען וואָס איז דאָס פאר א וויכטיקער ענין. חיימ׳ל ווערט
קראנק בעת ס׳דערזעט א קעצעלע, ס׳וועט איבערגיין. ניין, מען
טאָר זיך ניט פארלאָזן אויף נסים. דאָס דאָזיקע קען זיך צע־
וואקסן, קען זיך צעשטורמען, דאָס דאָזיקע סיגנאליזירט. זאָגט
אונז דר. פיער זשאנער, אז אויב א מענטש זאָגט, אז ער איז
קראנק, בעת אין דער אמת׳ן איז ער גאָרנישט קראנק, איז דאָס
טאקע שוין איינמאָל א גוטער סימן, אז ער איז גוט קראנק. ווי
אומשולדיק א געוויסע טבע, א געוויסע געוואוינהייט זאָל זיין,
איז זי א סיגנאל פון עפעס וואָס. אמת, שווער צו געפינען די
סיבה פון דעם דאָזיקן סיגנאל, שווער צו געפיענן דעם ״חברה־
מאן״, וואָס ווינקט מיט אן אייגל — אָבער זיין אויף דער וואך
איז אונזער חוב. סוף־כל־סוף וועט מען אמאָל קומען צו דעם,
אז מירן קאָנען זיך דערגרונטעווען צו די טיפסטע טיפעניש ן
פון מענטשנס נשמה.

איך האָט ערגעץ וואו געלייענט א דערקלערונג פון א קינ־דער פּסיכאָלאָג, אז אויב איר גייט אריין אין האָספּיטאל זאָלט איר וויסן זיין, אז אין 90 פּראָצענט בעטלאך ליגן קראנקע, וואָס וואָלטן, ווען פארכאפּט אין צייט, גאָרנישט קראנק געווען, אז זייער קראנקהייט, מעג זי אפילו זיין אן אָרגאנישע, ציט זי אָבער איר אורשפּרונג פון קאָנפליקטן אין נשמה, פון דער פריסטער קינדהייט נאָך. דווקא די ניט וויכטיקע קראנקהייטן זיינען וויכטיקער, ווי אלע אנדערע חולאת'ן, מחמת שווער זיי צו אנטדעקן, און מחמת, כאָטש פון אויבנאויף אומשולדיקע, סיגנאליזירן זיי דאָך די גרעסטע סכנה. א פּאָר פאלן :

א קינד פלעגט, למשל, 12 אזייגער ביי טאָג, ביים עסן מי־טאָג, אנטשלאָפן ווערן. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די סיבה איז געווען א שטארקער ווידערווילן צו רעפּעטירן פּיאנאָ. 12 אזייגער מוז עס דאָך רעפּעטירן "אנטלויפט עס". דורך אזא גע־וואוינהייט. ווען מען וואָלט ניט געפונען די סיבה פון זיין אנט־שלאָפן ווערן — ווער ווייסט אין וואָס דער קאָנפליקט אין נשמה פון קינד וואָלט זיך פארוואנדלט.

האָט א מוטער מיר דערציילט, אז איר קינד האָט א טבע זיך צו צעוויינען אָן א וועלכן עס איז פארוואָס. מיר האָבן גע־נומען זוכן די סיבות. איך האָב געוואוסט פון אזוינע פאלן, האָב איך גע'עצה'ט דער מוטער באָאָבאכטן דאָס קינד. אפשר וויינט עס, בעת איר וואשט געפּעס, אפשר וויינט עס, בעת ס'פאלן טראָפּנס פון קראן, אפשר ווען עס לויפט אריבער ביים קאָכן, אפשר ווען עס זידט וואסער, אפשר ביי געוויסע סיטואציעס, אפשר ביי געוויסע קראנקהייטן (קאָפּווייטיק, בויכווייטיק, וויי־טיקן אין די פּיס, אין די הענט) אפשר ביי געוויסע ארבעטן, אפשר ווען עס רעגנט, אפשר ווען עס זעט פייער. איינע פון די סיבות וועט רעפלעקטירן, וועט ווארפן א ליכט צו א וועלכער עס איז פארבינדונג, וואָס ברענגט צום וויינען. ארויסגעוויזן האָט זיך, אז דאָס קינד צעוויינט זיך דווקא דעמאָלט און נאָר דעמאָלט, ווען עס זעט פייער. מען צינדט אָן א פּאַפּיראָס, מען צינדט אָן דעם אויוון, באלייכטונג און א. וו. דאָס דאָזיקע האָט

געפירט צו דער אנטדעקונג, אז געקומען איז דאָס דאַזיקע ווייּ נען פון א שרעקלאכער שריפה.

אָבער צופיל שרעקן זיך טויג אויך ניט. די קלענסטע פּאַסירונג טאָר ניט אויפגענומען ווערן ווי א וואָלקן, וואָס טראָגט זיך אויפן לעבן. א קינד קאָן, למשל, וויינען, ווען עס שטייט אויף פון שלאָף. ס'האָט זיך אים גע'חלום'ט, עס האָט געהאט אזויפיל צאצקעס, ס'האָט זיך אויפגעכאפּט און אלץ איז פאַרשוואונדן . . . דער חלום איז פארשוואונדן. דעם חלום האָט דאָס קינד שוין פארגעסן. אָבער דאָס הערצעלע נאָגט, וויינט עס. פון אזא וויינען פון אזוינע טרערן איז ניטאָ וואָס זיך צו שרעקן. ווי היילט מען אָבער אזוינע קראנקהייטן, ווי היילט מען אזוינע געוואוינהייטן, וואָס סיגנאליזירן אן אמת'ע קראנקהייט ? דאָס איז אן ענין פאר א דאָקטאָר. צו אָפט לויפן צום דאָקטאָר קאָן אָנווארפן א שרעק אפן קינד, קאָן שלעכט ווירקן, אָבער פונקט אזוי געפערלאך איז זיך צו פארלאָזן אף נסים. בעסער גיין איבעריקע דריי מאָל, איידער פארנאכלעסיקן א קראנקהייט, וואָס קאָן ברייינגען גרויס אומגליק דעם קינד. א מאמע קאָן געפינען א תירוץ ווי אריינצוברייינגען דעם דאָקטאָר אין שטוב. די מוטער קאָן געפינען וועגן און מיטלען ווי אזוי תמיד צו שטיין אין נאָענטן קאָנטאקט מיטן דאָקטאָר.

דער אומגליק מיט אונז איז, וואָס מיר האלטן אין איין לויפן צו "ספּעציאליסטן" און פאָרן אין ראָטשעסטער (די באַרימטע מאיאָ קליניק), צו א ספּעציאליסט, אויב מען דאַרף, וועט שוין דער היים דאָקטאָר שיקן, אין ראָטשעסטער — דאָס גלייכן. די וויכטיקייט פונם היים־דאָקטאָר איז ניט אָפּצושאצן. האָט מיר א מוטער דערציילט א פאל מיט אירם א קינד. דאָס קינד איז קראנק געוואָרן, זי האָט דווקא גערופן ניט דעם היים־דאָקטאָר. זי האָט זיך אפן דאָקטאָר ניט געוואָלט פארלאָזן און גענומען רופן ספּעציאליסטן, איינעם נאָכן צווייטן. שלעכט, דאָס קינד ווערט ניט בעסער. ניט נאָר דאָס. זיי קאָנסטאטירן א געפערלאכע פארן לעבן פונם קינד קראנקהייט. די מוטער רופט דעם היים־דאָקטאָר, וואָס קאָן דאָס קינד פונם ערשטן טאָג פון געבורט, וואָס ווייסט יעדן גלידעלע פונם קינד, און קאָן די

פאמיליע שוין פאר יאָרן און יאָרן. ער שטעלט זיין דיאגנאָז און . . . אין צוויי וואָכן ארום לויפט שוין דאָס קינד ארום, באָדט זיך און איז מיט אלע קינדער גלייך. דאָס איז א לעבעדיקער פאקט. כ׳וויל מיט דעם ניט מינימיזירן די באדייטונג פון ספעציאליסטן, ווען זיי זיינען נויטיק. כ׳וויל נאָר ווייזן ווי וויכטיק ס׳איז אז יעדע היים זאָל זיך האלטן ביי איין דאָקטאָר יאָרן און יאָרן, ווי וויכטיק ס׳איז אָפט צו לאָזן אונטערזוכן א קינד, ווי וויכטיק ס׳איז ניט צו קארגן אויף א דאָקטאָר.

יאָ, ניט יעדע קראנקהייט איז א קראנקהייט, אָבער ס׳זיינען פאראן קראנקהייטן, וואָס פון אויבן אויף זעען זיי אויס צו זיין אומהיילבארע, געפערלאכע, וואָס ווייזן זיך אָבער שפּעטערארויס, אז די סיבה איז געווען א נישטיקע, א קליינע. יאָ, די קלענסטע סיבה קאָן ברייגנען די גרעסטע צרות.

ברייגגט דר. אווידי דעקראָלע אזא פאל: א קינד, 12 יאָר אלט. עס פלעגט ליידן פון שרעק אטאקעס, עס איז געווען מער לאנכאָליש און געהאט א שטארקע נייגונג צו זעלבסטמאָרד. אין אינסטיטוט איז עס פולשטענדיק אויסגעהיילט געוואָרן. געקומען אהיים — ווידער קראנק געוואָרן. אזוי האָט זיך עס איבערגע׳חזר׳ט דריי מאָל. ביי א טיפערער אויספאָרשונג האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס קינד האָט גע׳ירש׳נט א שטארקע נערוועזיטעט, אז עס איז געווען שטארק צעפּעשטשעט, מחמת א בן־יחיד, ביי אן אומרואיק־נערוועזער מוטער. דער דאָקטאָר האָט געהייסן אים אוועקנעמען פון שטוב, געבן אים א סך לופט, פאראינטערעסירן אים אין א וועלכער עס איז ארבעט, עס זאָל תמיד זיין באשעפטיקט און לערנען אים אגראָנאמיע. אין משך פון זעקס יאָר איז געווען ניט צו דערקענען דאָס קינד. ס׳האָט שפּעטער געענדיקט אוניווערסיטעט, אנטייל גענומען אין מלחמה, חתונה געהאט (א צווייטע מלחמה...), און פירט היינט א שטיל איידל לעבן. צונעמען א קינד פון א שלעכטער פארן קינד היים, פאראינטערעסירן אין א געוויסער פּראָפעסיע, פארשטארקן פיזיש דאָס קינד, איז איינע פון די בעסטע מיטלען, אויב דאָס קינד נויטיקט זיך נאָר ניט אין א ספּעציעלן קורס קוראציע, צוליב

א פארלייגטער שרעק, אָדער אַן אנדער סיבה, וואָס טלייעט אין דעם אומבאוואוסטזיין פון קינד.

דערמאָנט זיך אָן דעם פאל מיטן קינד, וואָס ברעכט און שטעכט אין שטוב אוים פראָטעסט, וואָס די מאמע האָט נישט דערלעבט צו האָבן אזא היים, צו האָבן אזא לעבן. דערמאָנט זיך אָן דעם און שטעלט זיך פאָר, וואָס פאר א פארמע דער פראָטעסט וואָלט אָנגענומען ספעציעל אין דער צייט פון רייף ווערן, ווען דאָס קינד ווערט נית אין צייט אויסגעהיילט.

דערציילט אונז מערי בועלסיילם אזא פאל : ליאָן קערן, 5 יאָר אלט, ווערט אין כעס, פארוואָרפט זיך פון יעדער קלייניקייט, האלט זיך אין איין שווערן, זאָגט ליגן, פונקט ווי זיין מוטער און גנב'עט אוועק צאצקעס, און וואָס ער קאָן נאָר, פונקט ווי זיין פאָטער פלעגט עס טאָן אין זיינע יאָרן. די באבע האָט עם דעם תכשיט געבראכט צום דאָקטאָר. אין ווארט־צימער איז ליאָן געווען אזוי אומרואיק, אז ער האָט אלעמען פארמאטערט. איינעם פון די אָנגעשטעלטע איז איינגעפאלן צו געבן ליאָנען אַן עלעקטרישן לעמפעלע. מער האָט מען נית געדארפט. די באבע האָט געמוזט עפענען איר מויל, ס'האלטן פאר מינוטן ברייט אויפגעריסן, מחמת ליאָן דארף "אונטערזוכן" די ציינער. ביים קלענסטן פארזוך אירן צו פארמאכן דאָס מויל, פלעגט ליאָן סטראשען צו געבן קלעפ. די אומגליקלאכע באבע נעבאך האָט פראָסט און פשוט מורא געהאט פארן "טעראָריסט".

זי דערציילט דעם דאָקטאָר, אז אפטמאָל שליידערט ער, וואָס עס פאלט אים נאָר אין האנט אריין, אין זיין קליינעם ברודערל. "גאָט מיין גאָט", טענה'ט די אלטע זיך ווייטער אוים פארן דאָקטאָר, "וואָס קאָן מען צו אים האָבן, אז די מוטער זיינע (איר שנור) שפילט זיך ארום, צאצקעט זיך ארום מיטן עופה'לע מיט ליאָנס קלענערן ברודערל, ווי מיט א פאָפקע. נית זי וויל, און נית זי קאָן ליאָנען פארשטיין, נאָר זי שרייט אויף אים, נאָר זי שלאָגט אים, נאָר זי פאר'מסר'ט אים פארן פאטער, וואָס דערלייגט אים נאָך א פאָר קלעפ, ווען ער קומט אהיים.

"די שנור מיינע, קאָן אזוי קאָכן און נייען ווי א 14־יאָריק קינד, זי האלט אין איין לויפן אין די קינאָ־טעאטערס און פאר־

נאכלעסיקט די היים. ווען מיין זון קומט, א פארהארעוועטער, א היים האט ער אפילו ניט וואס צו עסן. ווי נאר זיי הייבן זיך אן צו קריגן, מישט זיך ליאן אריין, שלאגן זיי אים ביידע אן און שיקן אים שלאפן. מיין זון ארבעט שווער און איז פון אזא לעבן זייער נערוועז. איר אבער, דער שנור מיינער, גייט עס גארניט אן. א חוץ דעם ווייסט זי ניט דעם ווערט פון געלט, זי האלט אין איין איינקויפן נארישקייטן אין שטוב, קלעקט ניט אויף אפצוגעבן ליאנען ערגעץ וואו, מען זאל בעסער אויף אים אויפפאסן. איך בין צו שוואך צו נעמען אים צו זיך. ליאן איז אונזער ערשטער איניקל, ער איז א טייער קינד. די מו־טער זיינע מוז אים משמעות שטארק פיינט האבן. ווען זי שלאגט אים אן, גייט ער ארוים פון די כלים. ער ווערט אזוי אין כעס, אז ער קאן זיך פשוט ניט קאנראלירן, ערווארפט אין איר געפעס, מעסערס, גאפלען, ער קאן איר אפילו אפגיסן מיט הייסן וואסער, ער ווערט ווי משוגע, מיין ארימער ליא.ן ווען די מוטער וואלט געווען א גוטע באלעבאסטע, און וואלט אים ניט געשלאגן, וואלט אלץ גוט געווען, האט רחמנות דאקטאר, העלפט אים!"

מר. קערן, דער פאטער פונם קינד, איז אלס קינד געווען א פראבלעם קינד. ער פלעגט גרינג בא'גנב'ענען די חברים'לאך און פונקט אזוי "גרינג" אפטראגן די גע'גנב'עטע זאכן צוריק. ער האט זיך ניט געוואלט לערנען און איז אנטלאפן פון שטוב. זייענ־דיק אליין, פאר זיך, האט ער געגנוג "געזינדיקט". ער האט אפילו ניט איין מאל אויפגעבראכן קאסעס . . . ער האט פרי חתונה געהאט און . . . אין דעם ערשטן יאר האט ער דריי מאל אוועק־געווארפן זיין יונג ווייבל. די מוטער זיינע פלעגט זיי ווידער צונויפברענגען.

דאס ווייבל האט דערציילט, אז זי איז זייער נערוועז, אז זי ליידט פון שטארקע קאפווייטיקן, אז ליאן שליידערט אין איר זאכן אפילו דעמאלט, ווען זי האלט דאס קינד אויפן האנט. "איינמאל האט ער געוואלט טויטן דאס קינד, ער האט עס צו־געדעקט מיט א ליילאך און געטאנצט אויף דעם. די באבע צע־פעסטשעט אים, זי גיט אים אלץ, וואס אים פארווילט זיך. זי

פּאַרט מיט אים אין אויטאָ־טעקסיס. ווען אים פאַרווילט זיך דאָס, זי נעמט אים אין צירק, זי וואָלט זיך אוועקגעלאָזן טאַנצן און שפּרינגען אין מיטן גאַס. ווען ליאָן זאָל עס ביי איר פאַר־דערן. שוין זעקס חדשים, זינט דאָס קינד איז געבאָרן געוואָרן, בין איך טאַקע ווי אין אַ טורמע. כ׳קאָן ניט אריבערטראָגן פון די צוויי קינדער. ווען איך קאָן זיך נאָר פון זיי באַפרייען און אריינכאַפּן זיך אין אַ קינאָ־טעאַטער, וואָלט איך געפילט אַ סך בעסער. היים איך עפּעס וואָס טאָן ליאָנען, הייסט אים די באָבע ניט פאָלגן. נאָר זי סטראַשעט אונז, ווען זי קומט צו אונז, נאָר זי טענה׳ט, אַז מיר דאַרפן וואו עס איז אָפּגעבן ליאָנען, אַז כ׳וועל אים פאַרטרייבן אין משוגעים הויז, אַז כ׳ליב דעם אינגערן קינד שטאַרקער און א. וו. זעט באַוועגט וואָלטערן, ער זאָל כאַטש אַ פּאָר אוונטן אין שטוב בלייבן. כ׳זאָל קאָנען גיין אין אַ קינאָ־טעאַטער. דאָס וואָלט באַרואיקט מיינע נערוון״.

ליאָן איז געווען זייער אַ קלוג קינד. איינמאָל, אַז דער פאָ־טער האָט אים אָנגעשלאָגן, און ער האָט אָן אויפהער געהאַלטן אין איין וויינען און דער פאָטער האָט אָנגעשריען אויף אים ער זאָל שוין אויפהערן צו וויינען, האָט ער געענטפערט: ״דו האָסט דיינס שוין געטאָן, דו האָסט מיך געשלאָגן, איז לאָז מיך כאָטש וויינען, ווילסטו כ׳זאָל ניט וויינען איז שלאָג מיר ניט״. ליאָן פלעגט ארויסווייזן פרייד און גליק, ווען די עלטערן פלעגן זיצן און שמועסן, נאָך מער, ווען דער פאָטער פלעגט ארויסווייזן ליבע און פריינטשאַפט דער מוטער, פלעגט ער ווערן גוט, ווי אַ מלאך. פאַרקערט, בעת אַ קריג, פלעגט ער זיך אריינמישן, קריגן דערפאַר קלעפּ, און זיך בעטן זיי זאָלן זיך באַרואיקן.

קינדער פּסיכאָלאָגן מישנזיך אריין אין דעם לעבן פון דער דאָזיקער אומגליקלאַכער פאַמיליע. דער באָבען מאַכט מען אויפמערקזאַם, אַז איר ליבע איז סם־המות פאַר ליאָנען, אַז זי טאָר זיך ניט אריינמישן אין דער דערציאונג, אַז אירע גערעכטע טענות וועלן גענומען ווערן אין אַכט. זי פאָלגט. ליאָנען פירט מען אוועק אין אַ קינדערגאָרטן. דאָס קינד איז גלייך געווען ניט צו דערקענען. ער פלעגט אויפשטיין, זיך אַליין אָנטאָן, זיך אַליין

ארומוואשן, און לויפן אין קינדערגאַרטן, וואו ס׳פלעגט זיך פילן ווי אין א גן־עדן.

מרס. קערן האָט געדאַרפט דורכמאכן אן אָפּעראַציע, זי איז געזונט געוואָרן, די אָפּעראַציע האָט באַזייטיקט פון מרס. קערנס נשמה א סך ברען־שטאָף. האָט אָבער אין מר. קערן אויך געברענט א שריפה: "א מאן, וואָס וואוינט אנטקעגן האלט אין איין טעלעפאָנירן, זי באגעגנט אים, זי איז אזוי קינדיש און נאריש, זי קאָן אונז אומגליקלאך מאכן"... "און זי, מרס. קערן, זי האָט אויך א טענה, זי איז אים חושד מחמת זי איז קראנק געוועזן און... ווער ווייסט..." דער דר. האָט באַזייטיקט די דאָזיקע חשדים און געבראכט צו שלום.

ס׳זיינען נאָך פאָרגעקומען א סך מאָל סכסוכים צווישן די עלטערן, צווישן ליאָן און דער מוטער, צווישן דער שוויגער און דער שנור, אָבער א סך ברען־שטאָף איז באַזייטיקט געוואָרן, דאָס ווייטערדיגע ווערט איבערגעלאָזן דער נאַטור. אויב אין שטוב איז פאראן א פּראָבלעם קינד און מען געפינט די סיבה, טאָר מען זיך קיינמאָל ניט אָפּשטעלן ביי דעם. איין סיבה האָט א טבע ארויסצורופן צען אנדערע, קלענערע צרות, וואָס ווערן ווידער סיבות און א. וו.

מען זאָגט אז א ליגן האָט א טבע צו זיין הונגעריק. זאָגט מען א ליגן מוז מען גלייך דעם ליגן "אָנקאָרמען", מען מוז גלייך זאָגן א צווייטן ליגן, כדי צו פארזיכערן דעם ערשטן ליגן. דער נייער ליגן וויל ווידער, ווי אן עופה׳לע עסן, מוז מען גלייך זאָגן א דריטן ליגן, כדי צו באַשטעטיקן דעם צווייטן ליגן און א. וו.

מיט א צרה אין שטוב איז פונקט אזוי. איין צרה רופט ארויס אָדער וועקט אויף נייע צרות, די נייע צרה וועקט אויף נייע שוועבל־קוואלן... גיסט נייעם אויל אויפן פייער... און א. וו. אויב א קינד איז "שלעכט" — זוכט אומעטום סיבות, אמווינציקסטנס זוכט אָבער אינם קינד גופא. דאָס קינד איז נאָר דער אומשולדיקער קרבן, וואָס ליידט און צאָלט.

דיקלענסטע איבערלעבונג, די קלענסטע פאסירונג קאָן אין דעם קינד פארלייגן אן אָנהייב צו א קאָנפליקט, וואָס קאָן אים שטערן, וואָס קאָן אים ברייגנען א סך צרות, און קראנקהייטן.

דר. פיפסטער ברענגט א פאל, וואָס כאראקטעריזירט, וואָס פאר א ווירקונג אינם קינד עס לאָזט איבער א שטארקע איבערלע־בונג. ער האָט אויסגעפאָרשט א מענטשן, וואָס איז תמיד גע־ווען אין א צושטאנד פון פאלן, פון איין עקסטרעם צום צווייטן. דאָ איז ער געווען א פייערדיקער אנארכיסט, א אטעאיסט און דאָ א פאנאטיש רעליגיעזער מענטש. אָף יעדן שריט און טריט, אין יעדער טאָג־טעגלאכער פראגע, פלעגט ער האלטן אין איין פאלן פון איין פאָליוס צום צווייטן. דער שורש פון אלע זיינע צרות האָט זיך ביי אן אונטערזוכונג ארויסגעוויזן שטאמט נאָך פון דער קינדהייט אָן. ער האָט צוגעזען א סצענע צווישן א בחור און א מיידל. די דאָזיקע סצענע האָט ארויסגערופן אין אים שטארקע געפילן פון האס און ליידנשאפט, פון ליבע און עקל און האָט געלייגט א שטעמפל אויף זיין נשמה.

ווען מיר וואָלטן פארשטאנען, אז די היים איז דער אוני־ווערסיטעט פארן קינד, ווען מיר וואָלטן פארשטאנען, אז מיר מעגן האָבן די בעסטע שולן, וואו מען זאָל באפליגלען דאָס קינד מיט דערהייבנקייט און שיינקייט, וועלן די פליגלען גע־בראָכן ווערן, אויב די היים איז נישט קיין היים. ווען מיך וואָלטן פארשטאנען! ווען מיר וואָלטן פארשטאנען, אז פרייהייט איז נים קיין ציל, אז פרייהיים קאָן נים געגעבן ווערן, קאָן נים גע־שאָנקען ווערן, אז פרייהייט איז נאָר א מיטל צום ציל, און אז קודם־כל מוז איינגעפלאנצט ווערן אין דעם קינד, אז ס'איז פריי, וואָס פאר א שעפערישע כוחות וואָלטן זיך געעפנט אין דער נשמה פון קינד. אזוינע כוחות זיינען דאָך די היילבארסטע פאר אלע מיינם נעווראָזן. מחמת אקטיווישעט און ארבעט איז נים נאָר געזונט פארן קינד, נאָר אויך די בעסטע רפואה פארן קראנקן קינד.

טאטעס און מאמעס וואָלטן געמעגט וויסן, אז א קינד האָט האָלט און קאָן פארשטיין דעם פראָצעס פון א וועלכער עס איז ארבעט און נישט דעם ציל, אז מיר, דערוואקסענע, האָבן ליב, פארקערט, האָבן אין זינען, פארקערט, דעם ציל און נים דעם פראָצעס. ווען איך בין געווען א קליין קינד פלעגט ביי אונז אויפן הויף שטיין א וואָגן און א פערד. בעת דער פערד פלעגט

שטיין צוגעבונדן צום וואָגן און עסן זיין האָבער, פלעג איך זיך אריינזעצן אין וואָגן, נעמען די בייטש אין האנט און "פאָרן"... כ'פלעג אראָפּ פון וואָגן, כ'פלעג כלומערשט "אויס־לאדן" די סחורה, און פאָרן ווייטער. כ'האָב קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געהאַט דעם גוואַלדיקן פארגעניגן, וואָס איך האָב געהאַט פונם פּראָצעס פון פאָרן. פאָרן בעל־עגלה אָבער איז אזא פּראָצעס גאָר קיין פארגעניגן נישט, אים איז וויכטיק דער ציל, אָבער ניט דער פּראָצעס. ווען מיר וואָלטן פארשטאנען און אויפ־געהערט צו ווייזן דעם קינד צילן און ווארימער אים מאכן די פּראָצעסן, וואָס פאר א שעפערישקייט וואָלט זיך געעפנט אין דער נשמה פון קינד. געפינען פרייד אין פּראָצעסן פון ארבעט איז הימלש־געזונט פאר דער נשמה פון א געזונט קינד און הימלש־היילבאר פאר א נערוועז קינד.

ווען מיר וואָלטן פארשטאנען, אז א קינד איז א שטיק נא־טור, פונקט ווי א פייגעלע, ווי א בלימעלע, אז א קינד איז א לעבעדיק ווען, וואָס איז אונטערוואָרפן געזעצן פון זיין נאטור, אז זון דאַרף עס, ווארימקייט, אז די היים דאַרף עס אים געבן, ווען מיר וואָלטן עס פארשטאנען וואָלטן קינדער ניט גענדאַרפט שפעטער צאָלן א שווערן פרייז. יאָ, ווען טאטעס און מאמעס וואָלטן פארשטאנען, וואָלטן געהאַט א חוש ווי צו צוגרייטן דעם קינד צום לעבן !

צוגרייטן צום לעבן מיינט ביי אונז ניט אלעמאָ צוגעוואוי־נען, דורך ביישפּין מיט זיך איין, אומבאמערקבאר, צו טבע'ס, וואָס זאָל זיין פיזיש און גייסטיק געזונט פארן קינד, נאָר דאָס רוב באשטייט אונזער "דערציאונג" פון "געבאָטן", פון "אָנזאָ־געניש" פארן גיין צו גאסט. "דו זאָלסט זאָגן א דאנק, דו זאָלסט זיך וואשן די הענטעלאך פארן עסן, דו זאָלסט זיצן שטיל און רואיק, דו זאָלסט ניט רעדן, זאָלסט נאָר ענטפערן, אויב מען וועט דיך עפּעס פרעגן, דו זאָלסט ניט "כלאַבן" קיין זופּ, דו זאָלסט ניט עסן מיט די הענט, דו זאָלסט ניט כאַפּן פון טיש, דו זאָלסט ניט בעטן נאָך, דו זאָלסט ניט... און דו זאָלסט ניט!" אזוינע אָנזאָגענישן "קלאַפּט" די מוטער אריין אין דעם קינדס קעפּעלע אריין. און ניט נאָר דאָס. מען זאָגט צו מתנות פארן זיין

גוט, און שטראָף פאַרן ברעכן דיסציפּלין. כ׳האָב געזען א העפּ־טעלע, וואָס א פּאָטער האָט מיר באוויזן, וועלנדיק משמעות ציען מיין אויפמערקזאַמקייט אויף זיין אָפּגעבן זיך מיט די קינדער. אינם העפטעלע איז געשטאַנען בפירוש אזוי : פאַרן זאָגן א ליגן — 1 שעה אין ווינקל; פאַר שלאָגן דעם ברודערל — 5 שמיץ; פאַרן צופיל רעדן ביים טיש — גיין שלאָפן מיט צוויי שעה פריער און א. וו. אזוינע "קלוגע" עלטערן קריגן אָפּטמאָל זייער פאַרדינטן שכר פון אמת קלוגע קינדער. אזוי, דערציילט מען, האָט א קינד א זאָג געטאָן פאַרן אוועקגיין פון "צוגאַסט", אז "ווען רופט איר אונז ווידער צו גאַסט?" היינט האָב איך פאַרן ניט שנייצן די נאָז אין טישטוך "פאַרדינט" א נייע פּילקע, איצט דאַרף איך א וועלאָסיפּעדל ! . . מילא די שמיץ, ווי די שמיץ, ס׳איז איבעריק צו רעדן וועגן דעם דערציערישן ווערט פון שמיץ, אָבער פאַרן שטעלן א קינד אין ווינקל בכלל און נאָך אַף א שעה, וואָלט שוין יאָ געקומט שמיץ, און אַן רחמנות טאַקע!

מיינט איר דען, אז נאָר עלטערן צייכענען זיך אוים מיט זייער "חוש" פאַר דערציאונג, לערער, יאָ, לערער, ווייזן אויך ניט זעלטן ארוים זייער פעאיקייט אין אָנוואַרפן א שרעק אַפן קינד, אין שטראָפן אין שטעלן אין ווינקל, אין א זידל טאָן, און אין אָנרופן אפילו מיט א צונאָמען . . . און ניט נאָר דאָס. כ׳האָב געלייענט אין א זשורנאַל אויף אַן אויסשטעלונג ביי א שול צוזאמענפּאַר א ריי קאָמפּאָזיציעס געווידמעט א מוטער־טאָג. שרייבט א קינד, אומגעפער אזוי, "ווען די מוטער שטאַרבט איז דאָס קינד א גאַנצער יתום, ווען א פּאָטער שטאַרבט איז דאָס קינד א האַלבער יתום . . . אז די מאַמע איז א מומע (שטיף־מוטער) איז דער פּאָטער נאָר א פעטער . . . מיט א מוטער איז גוט צו לעבן, מיט א פּאָטער נאָר צו וואוינען". . . און א. וו., אין דעם דאָזיקן גייסט. כ׳בין מוחל דעם פּאָטער דעם געפיל, וואָס ער האָט געהאַט ביים לייענען "דאָס ווערק" פון זיין קינד. כ׳בין זיכער מוחל דעם קינד, וואָס האָט זיך ניט אריינגעטראַכט אין דעם, וואָס ס׳האָט געשריבן, ספּעציעל דערפאַר, וואָס עס האָט זיכער די דאָזיקע באמת נאַרישע און ניט דערציערישע זאַצן געלייענט צווישן אָפּגעלעבטע "פאָלקס"ווערטלאַך. אָבער כ׳קאָן

בשום אופן ניט מוחל זיין דעם לערער פאר זיין "חוש" און דעם שול־טוער־דעלעגאט פארן "שטאָלצירן". פאראן א סך שיינע עפּיזאָדן, פאלן, ליטעראטור פערל, וואו דער הערלאכער גייסט פון א מוטער ווערט קינסטלעריש אָפּגעשפּיגלט. פאראן בעסערע און אפשר אמתע פאָלקס ווערטלאך, וואָס הויבן די מוטער ניט אפּן חשבון פון "פּאָגראָמירן" דעם פאָטער; אָבער, אז מען פאַרמאָגט א גוואלדיקן "חוש" פאר דערציאונג איז דאָך ניט שייך! כ'האָב זיך לאנג ניט געקאָנט באפרייען פון דער שטימונג פון דער דאָזיקער "קאָמפּאָזיציע". "זאָל דאָס קינד אויך זען שאָטן זייטן פון לעבן", האָט מיר דער דעלעגאט א זאָג געטאָן. זיינען עס שאָטן־זייטן? דאָס איז פשוט ליגן, ניט שאָטן־זייטן. אין זייער מערהייט האָבן פאָטערס געענוג און געענוג "טאַטעשקייט", וואָס איז ניט ווייניקער הייליק און ווארים, ווי מאמעשקייט. א "טאַטע" — א פעטער איז אן אויסנאם, איז א קראנקער טאַטע און א קראנקער מענטש. זיינען אָבער אויך פאראן אזוינע "קראנקע" קאלטע מאמעס.

קומט אריין א שכנה אין שטוב. זי טראָגט א פעלץ. דאָס צוויי יאָריקע קינד האלט אין איין גלעטן דעם פעלץ. דער מאַמען געפעלט ניט, וואָס איר "אומדערצויגן" קינד באלעסטיקט יאר שכנה. דאָס קינד קריגט קלעפּ. עס פארגעסט אָבער באלד, עס האלט ווידער אין גלעטן, פון וואָס ס'האָט גוואלדיקן פאַרגעניגן, עס קריגט ווידער א פּאטש. דאָ קומט אריין דער פאָטער: "אָ, א נייעם פעלצל, זייער שיין. וואָס קאָסט ער?" ער טאַפּט עס, ערגלעט עס. דאָס קינד שטוינט. פארוואָס פאטשט די מאמע דעם טאטן ניט אָן? שפעטער קריגט עס א צוקערקע פון א זעקעלע מיט צוקערקעס. עס קומט צו, עס בעט נאָך א צוקערקע, די מאמע זאָגט "טאָ, טאָ", "ניטאָ", אָבער, אז עס דערגייט די יאָרן, נעמט די מאמע א צוקערקע גיט דעם קינד און זאָגט "ניט אויסצוהאלטן פון אים". די מאמע האָט דעם קינד איצט געגעבן א גוטע לעקציע... שפעטער זעט דאָס קינד, ווי זיין פאָטער האלט אין איין שפּילן זיך, אין איין ארויסווייזן אויפמערקזאמקייט דער שכנה'ס מיידעלע. אים, ווייסט דאָס קינד, גיט דער פאָטערע דאָס רוב נאָר קלעפּ און שרייט אויף אים

דאָס קינד זעט די נישט גערעכטיקייט, די נישט ערלאכקייט, די ליגנערישקייט פונם טאטן און פון דער מאמען, לערנט זיך און פארלירט צוטרוי צו די עלטערן. ווען מיר וואָלטן דאָס פארשטאנען.

אונזערע שטראָפן, אָדער פארקערט, אונזער באציאונג צום קינד ווי צו א שפיל זאך רויבט אוועק פונם קינד זיין איניציאטיוו, זיין מוט. מוט איז די לעבנס ענערגיע. א קינד מיט א דערשלאָגענעם מוט, וועט אויסמיידן שווערע סיטואציעס, וועט מורא האָבן צו באגעגענען זיך מיט שווערע פראָבלעמען פנים אל פנים, וועט ווען אנטלויפן פון זיין דערשלאָגנקייט און מוטלאָזיקייט, און קאָן לאנדן אין דעם לאנד פון נעוראָטיקער און זעלבסטמערדער. טאטעס קאָנען דאָס דאָזיקע פארפלאנצן. טאַטעס און מאמעס קאָנען אָבער אויך אָנוואָרימען, קאָנען אָבער פארלייגן אין דעם קינדס נשמה אזוינע שטימונגען, אז עס זאָל שטראָמען ליכט, און פרייד, און גליק, קאָנען עפענען אוצרות גייסט און גליק פון די טיפסטע רעזערוואוארן, וואָס זיינען פארלייגט אין קינדס נשמה.

ביי עלוואוד וואָרטשעסטער און סעמועל מעקאָמב אין זייער "קערפער, געדאנק און גייסט" געפינען מיר א פאראגראף איבער טיף פארלייגטע כוחות אינם מענטשן, אין וועלכן זיי ציטירן פראָפ. וום. דזשיימס, וואָס זאָגט, אז יעדער מענטש פארמאָגט טיף אין נשמה גאנצע אוצרות כחות. וועלכע דער מענטש קאָן נוצן אין נויט. ער ברענגט אזא ביישפיל, א אינגל לויפט א געוועו לויף "ער האָט זיך שוין ארויסגעשלאָגן פון אלע כחות. דאָס הארץ קלאפט שוין ביי אים צו שטארק און ניט רעגולאר, ער קאָן שוין קוים כאפן דעם אָטעם. ער קרעכצט שוין אָטעמענדיק, די פיס זיינען שוין ביי אים, ווי פון בליי, ער קאָן זיי קוים אויפהויבן, ער פילט, אז ער מוז זיך אונטערגעבן און ארויספאלן פונם געוועט". ער לויפט אָבער, ער גיט זיך ניט אונטער, "דער שד טראָגט אים", זאָגן מיר אף אונזער לשון, א קלייניקייט ער קאָן נאָך געווינען, ער וועט געלויבט ווערן, זיין נאָמען, זיין בילד אין צייטונג — דאָס טראָגט אים. און וואונדער איבער וואונדער, וואָס מער ער טראכט, לויפנדיק, פונם שיינ־

בארן גליק, ווערט דער פולס ביי אים נידעריקער, דער אָטעם־צוג גרינגער, דאָס הארץ קריגט דעם נאָרמאלן ריטם — ער קריגט נייע פליגלען! ער האָט צוגעקראָגן פרישן כח, ארויסגע־שלעפט פרישע ענעריגע פון ערגעץ וואו, פון די טיפענישן פון דער נשמה, פון רעזערוואַרן.

ווען סאָלדאטן וואָלטן געדארפט אין שלום צייט אזויפיל הונגערן, ליידן, לויפן, ארבעטן, ווי אין מלחמה צייט, וואָלט א האלבע ארמיי אויסגעשטאָרבן יערלאך. ווען א פרוי וואָלט באַ־דארפט אזויפיל שלאָפלאָזע נעכט דורכמאכן סתם אזוי, ווי זי מאכט דורך פאר איר קינד, וואָלט זי געשטאָרבן פון איבער־מידקייט.

איר קאָנט גיין דורכן וואלד, ווען עס איז א זומער טאָג, קוים מיט די כחות גייט איר, איר פילט אזא מידקייט, אז אָט־אָט וועט איר פאלן. פלוצלונג באגעגנט איר א בער צי א וואָלף, א ים כחות דערלאנגט אין אייך א שטראָם, איר לויפט, איר קלע־טערט, איר ווייזט ארויס אזויפיל ענערגיע, אז איר אליין שטוינט. פון וואנען איז דאָס צו אייך געקומען? א סימן, אז אין דעם מענטשן איז פארלייגט א רעזערוואואר, פון וועלכן ער קאָן נוצן, ווען דער ווילן צו נוצן איז שטארק און מעכטיק. לערנט דאָס דאָזיקע דען אונז ניט, אז אומדערשעפבאר וואָלט געווען דער מענטש, ווען מיר שטארקן נאָר זיין ווילן, און לער־נען אים צו נוצן זיינע כחות פאר זיין און פאר דער וועלטס וואוילזיין. טאטעס און מאמעס קאָנען עפענען אוצרות, א היים סביבה קאָן אויפוועקן שעפערישקייט.

פארקערט קאָן א היים סביבה, קאָנען באציאונגען ארויס־רופן פון קינדס נשמה א שטורמישן שטראָם, א כח, וואָס קאָן שאפן אן אָפּאָזיציע רעגירונג אין דעם קינדס נשמה. די דאָזיקע אָפּאָזיציע רעגירונג קאָן ווערן שטארקער און שטארקער און קאָן ווערן די סיבה פון נעווראָז פון גנבה'שקייט, גזלנישקייט, ליגנערישקייט און א. וו. באָן אייפער האָט אויסגעפארשט פאר־ברעכער אין דעם עלטער פון 25יאָר אלט און האָט צווישן זיי געפונען 70 פראָבענט דעפעקטיווע, אָדער פסיכיש אומנאָרמא־לע. הייסט עס, אז זייער פארברעכן איז באשטאנען ניט אין

זייער "פאַרדאַרבנקייט". נאָר איז געווען א רעזולטאַט פון אַן אָפּאָזיציע רעגירונג אין דער נשמה, וואָס איז געקומען פון א וועלכן ס'איז קאָמפּלעקס, וואָס איז זיך פאנאנדערגעוואַקסן און האָט געבראָכן דעם גלייכגעוויכט. יאָ, גליקלאַך איז דאָס קינד, ווען לערער און עלטערן כאַפּן אויף אין מאָמענט געוויסע אינ־סטינקטיווע אימפּולסן, ענערגיעס און קאָנען זיי דירעקטירן אין א גוטע רריכטונג. י. ל. פּרץ זאָגט: "ווי צו דעם וועכטער, וואָס האָט אַן אויג פארמאַכט און ערשט דערוואַכט אין בראַנד" — ניין, ניט דעם וועכטער, וואָלט איך געזאָגט, נאָר ווי צו די, וואָס ער האָט געדאַרפט באַוואַכן...

ווי אַנטוויקלט זיך א קאָמפּלעקס בכלל?

א גאָר פּשוט'ער קאָמפּלעקס אין דער נשמה פון א קינד קאָן זיך שאַפן, לאָמיר זאָגן, אויף אַזא אופן: א קינד קומט, למשל, אריין דעם ערשטן מאָל אין שול. דער לערער האָט דאָס קינד צו "ערנסט" באַגעגנט. קאָנצעליאַריש געפרעגט דעם נאָ־מען, ווי אַלט און אָנגענומען גאַנץ "האַרט" פאַרן הענטל און אוועקגעזעצט אויף א ביינקל. די "שכנים" האָבן אַן א פארוואָס זיך אַזוי ווי אָפּגערוקט. דערלערער האָט באמערקט, אַז א קינד רעדט צו א חבר'ל און אָנגעהויבן שרייען אַפּן "בעל־חטא". דער לערער געהערט אפשר צוב מין "שרייער" צום מין פאַרליבטע אין דיסציפּלין און... ביים קינד האָט זיך שוין געשאַפן א שטימונג. וועלכע איר וועט מיט קיין אייזערנע בייטשן ניט ארויסטרייבן. די פּאַסירונג וועט דאָס קינד פאַרגעסן, פאַרגעסן אָבער — וועט ניט דער אומבאַוואוסטזיין, דאָס קינד וועט זיך תמיד געפינען אין א געדריקטער, אין א שווערער שטימונג ניט נאָר אין שול, נאָר אפילו ווען מען וועט רעדן וועגן שול. ער גייט אין שול, די שול מאַכט אים אָבער מיד און קראַנק, מחמת ער "האַסט זי" — צו דעם פייערל קומען צו נאָך פייערלאַך. זיי גרופּירן זיך דאָרטן אין נשמה, זיי ווערן גרויסע ארמייען און א. וו.

אַזוי קען זיך אינם קינד שאַפן א פרעמדע באַציאונג אפילו צו א פאָטער, ווען דער פאָטער איבט אוים אין א ברייטער מאָס זיין "מאַכט" אין שטוב, אפילו אין די קורצע שעה'ן, וואָס ער איז אין דער היים. אין קינדס נשמה שאַפט זיך א פאַרבינדונגס

פאַדים פון די שטימונגען, וואָס ער ברענגט אַריין אינם קינד. די אַקטועלע פּאַסירונגען, סיטואַציעס ווערן פאַרגעסן, די שטימונגען אָבער בלייבן און ווערן פאַרבונדן אויף אייביק מיטן פאָטער.

שווערע שטימונגען ליגן אין דער נשמה פונם מענטשן און טראָגן פון צייט צו צייט צו זייער חלק שווערקייט. ביי אַ קריזיס אין לעבן דערוואַכן אַזוינע שטימונגען ווי הונגעריקע, ווי היישעריקע, נוצן אויס דעם גינסטיקן פאַר זיי מאָמענט, און נעמען איבער די "מאַכט"... איבערן מענטשן.

"מיט וואָס דערקלערט איר פוילקייט?" פרעגט איר, ליבע מוטער. פוילקייט? ביי קינדער איז ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי פוילקייט. קינדער זיינען נישט פויל. קינדער קאָנען זיין קראַנק, אָבער נישט פויל. אַמאָל ליגט די סיבה פון "פוילקייט" אין קראַנקע ציינער, אין שוואַכע אויגן, אין מאַנדלען, אין אַדענאָידס, אין אַ כראָנישן האַרטן מאָגן, ס'איז תמיד פאַראַן אַ פיזישע סיבה, וואָס מאַכט דעם קינד פויל. אמת, ניט אַלעמאָל איז גרינג אויסצוגעפינען די דאָזיקע סיבה. פּראָפ. דזש. וואַלים, פון סט. לואיס, ברענגט אַזאַ פאַל: ביי 27 קינדער פון קליוולאַנדער פּאַבליק סקול, וואָס זיינען געווען שטאַרק אָפּגעשטאַנען אין די למודים, האָט מען אויסגעפונען, אַז די צרה פון זייער "פוילקייט" איז געלעגן אין זייערע קראַנקע און פאַרנאַכלעסיקטע ציינער. איידער מען האָט זיך גענומען זיי צו היילן, בעת'ן היילן, און בעת'ן געזונט ווערן, האָט מען דורכגעפירט איבער זיי פּסיכאָלאָגישע אונטערזוכונגען. פאַרגלייכנדיק די רעזולטאַטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער זכרון זייערער איז, ביים געזונט ווערן, שטאַרקער געוואָרן אויף 19 פּראָצענט. זייער אויפמערקזאַם פעאיקייט — אויף 60 פּראָצענט. זייער פעאיקייט אויפצונעמען אַריפמעטיק אויף 25 פּראָצענט, זייער פייאיקייט צו אַסאָציאירן ווערטער, וואָס האָבן אַ קעגנגעזעצטע מיינונג, אויף 129 פּראָצענט. אַלע, חוץ איין קינד, האָבן זיך אָנגעהויבן אַ סך בעסער צו לערנען. דאָס איינציקע קינד, אויף וועלכן די קוראַציע האָט קיין ווירקונג ניט געהאַט, האָט וואַרשיינלאַך געהאַט נאָך אַ קראַנקהייט, וואָס מען האָט משמעות ערשט גע־

דארפֿט אויסגעפֿינען. 6 קינדער האָבן דורכגעמאַכט 38 וואָכן שול אַרבעט אין 24 וואָכן, איין קינד האָט דורכגעמאַכט צוויי יאָר שול אַרבעט אין איין יאָר. אַלע אַנדערע האָבן אָנגעהויבן זיך צו לערנען זייער גוט. די צײַנער פֿלעגן זיי מיד, און קראַנק, און נערוועז, און פֿויל מאַכן. ס׳איז קיין וואונדער ניט. די בלוטן פֿלעגן פֿול זײַן מיט סם, מיט מאַטעריע פֿון די שלעכטע צײַנער. נו ? זײַנען די קינדער געווען פֿויל ? עדינגטאָן ברום ברענגט פֿאַלן מיט קינדער, וואו די סיבה פֿון זייער פֿוילקייט און אָפּגעשטאַנענקייט איז געלעגן אין די אויגן. אַזוינע קינדער זײַנען תּמיד לעבעדיק, פֿריילאַך, קלוג שפּילן זיך אָפֿן גאַס אַקטיוו, אָבער אומעטיק, מיד און פֿויל זײַנען זיי נאָר אין סקול, וואו מען דאַרף אָנשטרענגען די אויגן. פֿאַראַן פֿאַלן, וואו קינדער צעוויינען זיך אָדער ס׳ציט זיי שטאַרק צום שלאָף, בעת מען רופֿט זיי אוים לייענען. זיי ווייסן נעבאַך אַליין ניט פֿאַרוואָס ס׳ווייגט זיך זיי. זיי האָבן שוין אַ פֿאָרגעפֿיל, אַז זיי וועלן באַלד טויט־מיד ווערן.

געגוג צו דערמאָנען, אַז טשאַרלס דאַרווען, הענריך היינע, וואָודסוואָירט, דזשיימס ראַסל לאָוועל, סעמועל דזשאָנסאָן, באַלזאַק זײַנען אין זייער קינדהייט געווען זייער פֿוילע קינדער. פֿאַראַן פֿאַלן, וואו אַ קינד בייט זיך פּלוצלונג איבער. ס׳ווערט אַקטיוו, מחמת ס׳האָט אפֿשר אַריבערגעוואַקסן די פֿיזישע סיבה, אָדער מחמת ס׳איז אפֿשר צוגעפּאַסט געוואָרן צו אַ פּאַסיקערער אַרבעט.

דזשאָנעס לערנט, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַן אמת׳ע דירעקטע שייכות צווישן מידקייט און נערוועזיטעט. מידקייט און נערוועזיטעט איז פֿוילקייט. פֿאַראַן אַ גאַר נאָענטע ענלאַכקייט, האַלט ער, צווישן אונזער שטימונג ביי שטאַרקער מידקייט און דער שטימונג, ביי אַ נערוועזן צוזאַמענברוך. דר. קלייטמאַן, פֿון שיקאַגאָ, האָט דורכגעפֿירט אַזאַ עקספּערימענט. ער האָט געבעטן אייניקע שטודענטן צו טאָן שווערע אַרבעטן און אַ דרייפֿיר נעכט נאָך דער ריי ניט צו שלאָפֿן. שוין אויפֿן צווייטן טאָג האָט ער באַמערקט אין זיי סימפּטאָמען פֿון אַבנאָרמאַלקייט. מאָלט דר. י. נ. שטיינבערג אין זײַן ״דער וועג פֿון פֿיין״ אַזאַ

עפּיזאָד : ״עמיץ האָט איינמאָל נישט דרייסט אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר. ס׳איז אריין אַן אָרים־געקליידעטער זקן און האָט מיר דערציילט א פּשוט׳ע, זייער פּשוט׳ע געשיכטע. זיין ניינצן־יאָריקער זון איז אויפֿן פֿראָנט באַשולדיקט געוואָרן אין פֿאַרבינדונגען מיטן שונא און איז פֿאַר׳משפּט געוואָרן צו תּפֿיסה. אים, דעם פֿאָטער, האָט מען גאָרנישט מודיע געווען. ערשט אין א צייט ארום האָט ער זיך דורכן דאָקטאָר פֿון א משוגעים־אַנשטאַלט דערוואוסט, אַז זיין זון האָט זיך נאָך דער פֿאַר׳משפּט׳ונג ארויסגעוויזן פֿאַר קראַנק, און געפֿינט זיך אין תּפֿיסה שפּיטאָל. דער אַלטער האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין פֿאַר זיינע לעצטע פֿאַר גראָשן. אונטערוועגס האָט ער נאָכגעדאַכט און געקומען אויפֿן געדאַנק : אויב מיין זון איז איצט משוגע, איז דאָך מעגלעך, אַז ער איז פֿון תּמיד אָן קראַנק געווען. מיט דער דאָזיקער פֿראַגע איז ער געקומען צו מיר. אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. דערנאָך האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל אים באַגלייטן צו זיין זון. מיר זיינען אַוועקגעפֿאָרן צו אים. — ווען מען האָט דעם זון ארויסגעפֿירט צום פֿאָטער, האָט זיך דער בחור לאַנג ארומגעקוקט — ערגעץ ארויסגעבליקט דורכן פֿענסטער. דער אַלטער איז געווען אויסער זיך — פֿאַרשטיינערט פֿון ווייטיק. מען האָט זיי געזעצט ביי א טיש, און אָן אן אויפֿהער האָבן זיי זיך ביידע אָנגעקוקט, ניט פֿאַרשטייענדיק לחלוטין גאָרנישט. ביי דער זייט איז געשטאַנען די קראַנקען־שוועסטער. איבער זיי ביידע האָט ערגעץ־וואו געשטשירעט זיין גיהנום׳שע מויל דער טייוול. ביידע זיינען זיי געווען ווי קליינע, נישטיקע קרישקעלאַך אין מויל פֿון דעם דאָזיקן קריג. איך האָב אָפּגעקערט מיין פּנים — כ׳האָב נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם צער פֿון דעם דאָזיקן שטומען בליק. א גאַנצע אייביקייט איז, דוכט זיך, פֿאַרביי, און פּלוצלונג האָב איך געהערט א שאַרפֿן געשריי. כ׳האָב זיך אומגעדרייט און דערזען, ווי א לאַווע פֿון פֿייערדיקע, ביטערע טרערן האָט א גאָס געטאָן פֿונם זונס אויגן. דער אַלטער איז זיך פֿאַרגאַנגען — ער האָט זיך איינגעקראַמפּט אינם זונס הענט און בלויז געקאָנט הילפֿלאָז שעפּטשען : די מאַמע לאָזט דיך גריסן ! די מאַמע לאָזט דיך גריסן!״

טראגיש, ניט אמת? ווער ווייסט, אפשר איז די טראגעדיע געקומען פון איבערמידקייט, פון דער אָנגעשטריינגטקייט פון מלחמה... אויב ניט אלע קינדער גייען אזוי ווייט אויס מידקייט — איז שרייט ניט אויף זיי "ביסט משוגע", זיי זיינען טאקע אָפּטמאָל אפשר אביסעלע ניט נאָרמאַל פון אָנשטריינגונג. פּיאַנאָ, פידל, היים־ארבעט פון דער פאָלק־שול, שול און היים־ארבעט פון דער שול, צוהעלפן אין שטוב — איז אַן אמת שווערע האַרעוואַניע, פונקט אזוי און אפשר שווערער פאַר דער האַרעוואַניע פונם טאַטן און דער מאַמען צוזאַמען. ניט צו א שלאָפלאָזע נאַכט, צוליב א וועלכער עס איז סיבה און... דאָס קינד האָט רעכט צו זיין אביסעלע משוגע. גיסן אָבער מאַמעס און טאַטעס אויל אפן פייער!

יאָ, שוין אויפן צווייטן טאָג האָט דער דאָקטאָר באַמערקט סימפּטאָמען פון אבנאָרמאַלקייט. אפן פערטן טאָג האָבן די דאָזיקע געזונטע שטודענטן, טויט־מידע פון א ריי שלאָפלאָזע נעכט, ארויסגעוויזן אמת'ע סימפּטאָמען פון נישט נאָרמאַלקייט אין זייערע שריפטלאַכע ארבעטן, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן אלס טעסט־סעאנסן, געוועזן זיינען עס שטודענטן, וואָס פלעגן זיך תמיד פריער אויסצייכענען. נו? שטעלט זיך פאַר, ווי מיד, פארמאַטערט א קינד קאָן זיין אין אָוונט, פארנאַכט, און אפילו אינדערפרי נאָך א שלעכט געשלאָפענער נאַכט? שרייען מאַמעס, אז דאָס קינד איז פויל און שטראָפן עס. זיי פארשאַרפן מיט דעם צערייצטקייט, פון דעם — מידקייט און אין רעזולטאַט פוילקייט. פארקערט, מיטגעפיל און פארשטענדעניש קאָן א סך העלפן.

יאָ, אפילו א חלום פארמאַטערט א קינד, מאַכט מיד א קינד, ווען עס ווייסט אפילו, אז עס איז נאָר א חלום געווען. ס'פילט פשוט פארמאַטערט פון דער "אקטיוויטעט" אין חלום, מחמת ס'האָט אין חלום שווער געארבעט, געשלעפּט שטיינער, געגראָבן אויף א בארג צי גאָר געבויט א הויז. אין דעם זיינען זיי ענלאך צו אלע פרימיטיווע, ספּעציעל צו די אינדיאַנער אין אמעריקע. א אינדיאַנער קאָן אמאָל אינדערפרי בלייבן אין בעט, נישט אויפשטיין, מחמת "ער איז פארמאַטערט". ער האָט זיך

אין חלום לאנג געיאָגט נאָך א חיה. דער חלום האָט אים פארמאטערט. איז אויב דאָס קינד קאָן מיד ווערן פון א חלום, אין וועלכן עס האָט שווער געארבעט, ווי מיד קאָן א קינד ווערן פון אזוינע חלומות, וואָס צערייצן אים?

יאָ, ווען דאָס קינד איז פארמאטערט, ווען דאָס קינד איז מיד, ווען עס איז אין א שווערער שטימונג, ווען עס איז צערייצט איז עס נערוועז, און קאָן סיסטעמאטיש נישט טאָן קיין שום ארבעט. מאמעס און טאטעס, וואָס פארשטייען דאָס דאָזיקע נישט, אָדער וואָס ווילן פון דעם ניט וויסן, פארשאפן זיך און דעם קינד אומזיסטע צרות. מעג דאָס קינד ווי צוגעוואוינט זיין צו א געוויסן ענין, מעג דאָס קינד ווי גוט קענען א זאך, וועט עס, ווען עס איז פארמאטערט, ווען עס איז מיד, ווען עס איז אין א שווערער שטימונג, פארגעסן און נישט קאָנען. שרייט א טאטע: "גוואלד, כ'ווארף מיין געלט אין בלאָטע. ס'גייט שוין אין שול דריי חדשים און קאָן נישט איבערלייענען א בריוו פון דער באבען"... ווי קאָנען מיר פארשטיין א פאָטער, וואָס פלוצלונג האָט זיך אין אים צעשפילט די ליבע צום קינד, וואָס פלוצלונג האָט דערוואכט אין אים פאראינטערעסירטקייט אינם קינדס למודים. פלוצלונג און דווקא דעמאָלט, ווען דאָס קינד האָט אָפּגעטאָן א שפיצל, פלוצלונג און דווקא דעמאָלט, ווען דאָס קינד האָט שוין גענוג געקראָגן? ווען עס איז אין א שווערער שטימונג. מישט אזא פאָטער אויף פארן "צעבראָכענעם", פארן צעשראָקענעם, האלב פארשלאָפענעם, טויט מידן יאנקעלען, וואָס איז מיד פו סקול, פון שול, פון פידל, פון חברים, און מען שרייט " לייען, לייען "פויער"!" וועלכער טאטע וויל עס פארשטיין, אז דווקא איצט, אין אזא שטימונג, וועט דאָס קינד, ביים בעסטן ווילן און בעסטן קאָנען, מוזן לייענען שלעכט, ניט מחמת ס'איז פויל אָנצושטרייגען זיך, נאָר מחמת דער שטימונג, נאָר מחמת די צרות. "אין צושטאנד פון איבערמידונג, פון ארויפגעצוואונגענער האלטונג, אָדער פון אונטערדריקטער שטימונג ווערן ביים קינד פארשוואונדן פארשיידענע געוואוינהייטס פראָצעסן. אין אזא צושטאנד לייענט דאָס קינד א סך ערגער, ווי עס קאָן דאָס אייגנטלאך, בשעת עס איז אין א פרייען נאטירלאכן צושטאנד.

א קינד לייענט לאנגזאמער, איינטאָניקער מיט א פאלשער אָדער גאָר אָן אינטאָנאַציע, עס היבט איבער אותיות, ווערטער, שורות, עס פּלאָנטערט זיך און א. וו.״ (פּראָפ. שניאורסאָן).

ניין, קינדער זיינען ניט פויל, קינדער ווערן ניט געבאָרן פויל. קוקט זיך צו צו זייער אקטיוויטעט. זיי זיינען דאָך פול מיט ענערגיע, פול מיט אונטערנעמונגס גייסט. זיי האָבן דאָך אזויפיל געדולד און אויסדויער, זיי האָבן דאָך אזוי ליב צו אר־בעטן, זיי ברענען דאָך אזש, אָבער, אז ס׳הייבן זיך שפּעטער אָן צו ווייזן סימנים פון פוילקייט איז נישט דאָס קינד אין דעם שולדיק, נאָר די קראנקהייט, אָדער די שטימונג, אָדער א פאר־לייגטע אין דעם אומבאוואוסטזיין, אָדער א גע׳ירש׳נטע סיטו־אציע, וואָס מאכט דעם קינד מיד. ניט פויל איז דאָס קינד, נאָר קראנק, אָדער מיד. און מאמעס ? מאמעס פארשטייען דאָס נישט און שלאָגן דאָס קינד, און פּאטשן. מען האָט שוין גע־מעגט וויסן, אז א חוץ די דערנידעריקונג, וואָס אפּאטש רופט ארויס, א חוץ דער פארביטערונג, מחמת דאָס קינד איז דאָך אומשולדיק, איז א פּאטש געפערלאך פון נאָך א שטאנדפּונקט. שרייבט דר. מאריא מאָנטעמארי : ״מיר איז באקאנט, אז אין דייטשלאנד שלאָגט מען קינדער און דערוואקסענע מיט פאר־שיידענע אויסריידן. איך בין פארוואונדערט. איך בין פשוט דערשטוינט צו הערן, אז מען שלאָגט נאָך דערביי אין פּנים און אין קאָפּ. און אז ס׳איז נאָך פאראן אזא קערפּערלאכע שטראָף, וואָס מען רופט — א פּאטש. אין איטאליע ווייסט מען נישט פון קיין פּאטשן. אז איינער וואָלט ווען געגעבן א פּאטש אין מיטן גאס, וואָלט מען זיך צוזאמענגעלאָפן, ווי ס׳וואָלט פאָרגעקומען אן אומגליק מיטן טראמוויי. אויב א לערער וואָלט אין דער שול געגעבן א פּאטש א קינד, וואָלט ער תיכף אָפּגע־זאָגט געוואָרן, אויב אפילו ער וואָלט זיך אנטשולדיקט מיט דעם, אז ער איז ארויסגעפירט געוואָרן פון געדולד. יעדע קערפּער־לאכע שעדיקונג איז פארווערט, ווייל דאָס איז אן אומאכטונג״. פון מעדיצינישן שטאנדפּונקט טרעט ארויס קעגן א פּאטש דער באקאנטער בערלינער פּראָפעסאָר פון דעם האלז, אויער און נאָז קליניק, דר. צ. פ. אייקען : ״א פּאטש איז איינע פון די

געוויינלאכסטע שטראָפן. מיט ווייניקע אויסנאמען האָט כמעט
יעדער פון דער מענלאכער יוגנט ווען עס איז אליין באקומען
אזא שטראָף. בכלל איז אזא קלאפ ניט שעדלאך (?), בפרט נאָך
ווען דער, וואָס דארף באקומען א פאטש באווייזט באצייטנס צו
באשיצן זיין אויער מיט דער האנט. אָבער די עלטערן און לע־
רער דארפן וויסן, אז פון דעם כלל זיינען דאָ פילע אויסנאמען.
פון א פאטש אין אויער קאָן דאָס צארטע פויק־הייטל אין גע־
הער גאנג פלאצן, און ארויסרופן א שטערונג ביים הערן. היות
אָבער, ווי דאָס רוב מענטשן זיינען רעכט "הענטיק", און ביים
שלאָגן שטייען זיי פנים לפנים צו דעם, ווען מען גיט א פאטש,
זעען מיר טאקע דאָס רוב ריסן אין לינקן אויער . . . ס'פאר־
שטייט זיך, אז מען גיט א פאטש פון הינטן, ווערט געשעדיקט
דער רעכטער אויער. אין מאָמענטן, ווען דאָס פויק־הייטל ווערט
איינגעריסן, דערפילט דער מענטש פלוצלונג א קנאל און בא־
באקומט אמאָל אזא שווינדל, אז ס'פארדרייט זיך ביי אים די
קאָפ. ער פאלט אנידער און שלאָגט זיך שטארק אָפ. א קליינער
ריס מאכט א קליינעם וויטיק, אָבער אויב דער קלאפ ווערט
געגעבן מיט א גרויסער קראפט, קענען געשעדיקט ווערן אויך
אינווייניקסטע טיפערע טיילן צו געהער אפאראט" (פאָלקס גע־
זונט). דער זעלבער דאָקטאָר גיט אויך צו, אז א פאטש קאָן
אויך אמאָל זיין לעבנס געפערלאך. אונזערע מאמעס וואָס האלטן
זייער שטארק פון שלאָגן, פארגעסנדיק, אז קלעפ ווארפן אָן א
שרעק און פלאנצן האס אינם קינד, פארגעסנדיק. אז מען דרע־
סירט שוין היינט קיין חיות אפילו ניט דורך קלעפ. אז קינ־
דער־חיה'לאך קריגן קיינמאָל ניט קיין קלעפ פון זייערע מאמעס
חיות, אונזערע מאמעס, וואָס האלטן זייער שטארק פון שלאָגן,
פון שטראָפן, האָבן אויך געמעג וויסן, אז קינדער געוואוינען
זיך צו צו פארשיידענע מיינם שטראָפן. קינדער געוואוינען זיך
צו צו די מוסר־טענות, פונקט ווי דער קערפער פון מענטשן
געוואוינט זיך צו צו פארשיידענע סם'ען. מען גיט דעם מענטשן
געוויסע דאָזעס פון א געוויסן סם אין משך פון א געוויסער צייט,
ביז דער קערפער געוואוינט זיך צו צו אזוינע דאָזעס סם, וואָס,
ווען געגעבן גלייך אין אנהייב, וואָלט ער, דער סם, גרינג "דער־

פאַרטירט" דעם מענטשן אהין, "פון וואנען ער איז געקומען". מען האלט אין איין פארשעמען קינדער, אין איין מוסר'ן, אין איין אָפּזאָגן אין זאכן אלס שטראָף, אין איין פּאטשן, שלאָגן און א. וו. ביז דאָס קינד מעסט א האנדלונג זיינע ניט מיט דער מאָס פון עטיק און מאָראל, נאָר מיט דער מאָס, מיט דער וואָג פון דער שטראָף, וואָס עס וועט קריגן פאר דער אָדער יענער האנדלונג. מאמעס און טאטעס מיינען, אז זיי שלאָגן אויף דעם אופן ארוים עקשנות, שלעכטע מידות, בעת אין דער אמת'ן שלאָגן זיי פונם קינד ארוים די נאטירלאכע נייגונג פונם קינד ס'זאָל מעסטן און וועגן האנדלונגען לויט דעם. צי זיי זיינען מענטשלאך, ערלאך און שיין, און צי וועט חלילה עמיצער איבער די דאָזיקע האנדלונגען דארפן ליידן, צי האָבן פארדרוס און א. וו. אויב דאָס קינד געוואוינט זיך חלילה צו צו די שטראָפן און ליידט, וועט עס שפּעטער טייער צאָלן פאר אונטערדריקן אין זיך געוויסע דראנגען, מרא האָבנדיק פאר שטראָף.

האָט ר' בערל, דער רבי, געשלאָגן דעם יתום'ל, יאָסעלען (דינענזאָן) ער זאָל אויסזאָגן, ער זאָל זיך מודה זיין. האָט ער מער ניט געקאָנט אריבערטראָגן די קלעפּ און זיך "מודה געווען" — אויסגעטראכט, אז דאָ און דאָ האָט ער ס'מעסערל פארגראָבן, בעת אין דער אמת'ן האָט ער נאָר אָפּכאַפּן דעם אָטעם געוואָלט.

זאָגט טאקע עלוואוד וואָרטשעסטער און סעמועל מעקאָמב אין זייער "קערפּער, געדאנק און גייסט" — אז "די קינדהייט פון אלע נעוראָטישע פּערזאָנען איז געווען אן אומגליקלאך־טרויעריקע, הויפּטזאכלאך דערפאר, וואָס די אונטערדריקונג ארום האָט געפירט דעם קינד צו אנטלויפן פון דער ווירק־לאכקייט אין דער וועלט פון חלומות און פאנטאזיעס, כדי דאָ זיך אָפּצורוען פון די געשרייען, פון די טענות, פון די שטראָפן, פון די קלעפּ, פון תמידיקן שרעק פאר טאטע־מאמע". "מיר ליידן מער פון די ליידן פון אונזער פריסטער קינדהייט, ווי פון די, וואָס מיר באגעגענען שפּעטער אין לעבן". א וואָרט איז א וואָרט, צוגעזאָגט איז צוגעזאָגט, געזאָגט ניין איז ניין, אויס־געהאלטנקייט, ערלאכקייט, גערעכטיקייט, דרך־ארץ צום קינדס

נשמה, קאלטקייט אין באצוג צו טרערן און סצענעס (מחמת טרערן און סצענעס זיינען קודם פראָבעס צי דאָס וועט העלפן); שלום־בית, אויפריכטיקייט און גראַדליניקייט — קאָן ארויסרופן דרך־ארץ, קאָן איינפלאַנצן דרך־ארץ, און קאָן ווערן דער שטאַרקסטער כח. וואָס "דיסציפּלינירט" מיט א קוק, מיט א וואָרט, ווען מען דאַרף. אָבער ווען פּאָטער און מוטער זיינען ניט קיין באַלעבאָטים איבער זיך אליין; אָבער ווען פאָטער און מוטער האָבן ניט קיין דרך־ארץ צו זיך אליין, צו זייער וואָרט, צו זייערע באַשלוסן; אָבער, אז אין שטוב איז א שיף אָן א רודער — קאָן א מאַמע אנדערש ניט, ווי נאָר מיטן שרייען ברענגען אמאָל א וועלכע עס איז אָרדנונג. ווער־ווער דאָס קינד צאָלט אין וויטערן לעבן זייער א טייערן פּרייז פאַר אזא דערציאונג.

פאַרקערט, דער צווייטער עקסטרעם, צופיל נאַכגעבן, פּעמפּערן, טשען ברענגט נאָך מער שאָדן.

צעפּעסטשעטקייט ברענגט דעם קינד א סך שאָדן. דאָס קינד הייבט אָן צו פילן, וואָס פאַר א וויכטיקע פּערזענלאַכקייט עס איז; עס נעמט זיך ארין אין קאָפּ, אז אַלץ עקזיסטירט צוליב אים אליין, ס'פאַרוואַרפט זיך, ס'ווערט יעדע רגע אין כעס, ס'האָט תמיד טענות און ווערט ביז משוגעת צערייצט, ווען ס'פירט עפּעס וואָס ניט אויס. פּראָפ. בריל ברענגט אין זיין בוך "פּסיכאָאנאַליז" א שווידערלאַכע סטאַטיסטיק פון איינציקע זין אָדער טעכטער, וואָס א דאַנק זייער פּאָזיציע אלס איינציקע קינדער אין משפּחות, זיינען זיי צעפּעסטשעט געווען. "פון 400 פאַלן (172 מענער און 228 פרויען) אינם עלטער פון 18 ביז 68, וואָס דר. בריל האָט אונטערגעזוכט, זיינען 36 פּראָצענט (144 מענטשן) געווען סוקסועל אבנאָרמאַל. די גרעסטע צאָל פון אָט די זיינען געווען אָדער האָמאָסעקסועל, אָדער מיט פּסיכישער אימפּאָטענץ (מענער) אָדער סעקסועל גלייכגילטיק (פרויען), איניקע זיינען געווען עקסיבישאָניסטן (געשלעכלאַכער געוואוים פון דעמאָנסטרירן די סעקס אָרגאַנען), וואויעריסטן (געשלעכטלאַכער געוואוים פון קוקן אויף יענעמס געשלעכט אָרגאַנען), סאַדיסטן און מאַזאָכיסטן (געשלעכטלאַכער געוואוים פון שלאָגן יענעם אָדער געשלאָגן צו ווערן); 18 פּראָצענט (72 מענטשן) האָבן

געליטן פון פאַרשיידענע מינים דעמענטיאַ פּרעקאָקס (גייסטיקע קראַנקע). די אַנדערע זיינען געווען מיט פאַרשיידענע פּסיכישע אַבנאָרמאַלקייטן. דאָס זיינען אַלץ עקסטרעמע ביישפּילן. אָבער אַז צעפּעסטשעטקייט ברענגט אַ געוויסע מאָס אַבנאָרמאַלקייט איז קיין צווייפל נישט. דאָס צעפּעסטשעטע קינד דאַרף דאָך אַמאָל אַרויס אין לעבן, קריגט עס "קלעפּ" נאָך "קלעפּ", נערווירט עס. אַ חוץ דעם ווירקן די באַפרידיקונגען פון פאַרשיידענע פאַרלאַנגען און קאַפּריזן שלעכט אויפן קינד, מחמת ס'ווערט צו זאַט, און פון דעם קראַנק. דאָס לעבן ווערט נמאס און פון דעם גייסטיקע אַבנאָרמאַלקייטן.

ליידער קאָנען מאַמעס און טאַטעס נישט געפינען דעם נאָרמאַלן מיטן־וועג אין האַלטן דאָס רוב ביזן עלטער פון 3-4-5 יאָר אין פעסטשען און שפּעטער אין ממית'ן . . . ספּעציעל ממית'ן מאַמעס קינדער, ווען זיי דערזעען אין זיי שטריכן פון פוילקייט. וואָס איז עס אַזוינס פוילקייט ?

פאַראַן מענטשן, וואָס דיינקען, אַז פוילקייט איז אַ רעזולטאַט פון אַ שוואַכער ווילנסקראַפט. קוקט זיך אָבער צו ווי גאָר נישט פויל, און פול מיט ווילנסקראַפט, זייענען אָט די "פוילע" ביים שפּילן זיך אויפן גאַס. אָבער אויב אַפילו אַזוי, איז דאָך שוואַכע ווילנסקראַפט אַ סיבה פון פיזישער און פּסיכישער אָפּגעשוואַכטקייט. איז דאָס דאָך ווידער קיין געוואוינהייט נישט און זיכער קיין פאַרברעכן נישט, קיין עקשנות נישט.

איז אייער קינד פויל, זוכט די פוילקייט אין אַ קראַנקהייט, אין אַ שטערונג, אין שוואַריקייטן, אין קאָנפליקטן, פאַר וועלכע דאָס קינד איז גאָרנישט שולדיק. פּראָפ. סוויפט ברענגט אונז אַזוינע פאַלן: א) אַ מיידל, 14 יאָר אַלט. מען האָט איר אויסגעשניטן די אַדענוידס, האָט זי אַ וואַקס געטאָן אויף דריי אינטשעס אין משך פון זעקס חדשים. אַ חוץ דעם האָט זי זיך גענומען גוט לערנען, זי איז געוואָרן לעבעדיק און פריילאַך, און עס איז פאַרשוואונדן אין איר יעדע שפּור פון פוילקייט און מידקייט. ב) אַ מיידל, 11 יאָר אַלט, האָט אַ וואַקס געטאָן אויף זעקס אינטשעס אין פיר חדשים, און האָט זיך איינגאַנן געביטן. זי איז געוואָרן אַקטיוו, און אַרבעטסזאַם. בעת פריער איז זי געווען

שרעקלאַך פויל. ג) אַ אינגל, 12 יאָר אַלט, וואָס איז געווען שטאַרק אָפּגעשטאַנען, האָט זיך געביטן גאָר אין אַ קורצער צייט, פיזיש און גייסטיק, נאָך אַן אָפּעראַציע. נו ? זיינען דאָס געווען שלעכטע אָדער פוילע קינדער ? ניין, די אַדענאָידים האָבן זיי געשטערט פריי צו אָטעמען און פאַרקלענערט דעם סכום זויערשטאָף, וואָס האָט געדאַרפט צוקומען צו די לונגען, פון דעם די פאַרמאַטערטקייט, די מידקייט, די אַפּאַטישקייט און אין רעזולטאַט פוילקייט.

מ. וו. אַ—שי זאָגט, אַז "אַ פויל קינד איז אַ קרבן פון אַ פיזישן חסרון, פון אַ פאַרבאָרגענער קראַנקהייט, צי פון אַ צו שטאַרקער טענדענץ צו לעבן אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיע" אַז "אויב דער טאַיראָיד דריז, למשל, איז צו שטאַרק אַקטיוו, און ווערט ניט קאָנטראָלירט דורך דער אַקטיוויטעט פון אַנדערע דריזן, ווערט אַ קינד אומרואיק, אויפגערייצט און נערוועז". "פאַרקערט, ווען דער טאַיראָיד דריז אַרבעט צו שוואַך איז דאָס קינד פויל, פלעגמאַטיש און איז אַ צייט פאַרטרייבער". גערעכט איז דר. האַמאַקער, וואָס זאָגט, אַז "שלעכטע" קינדער, וואָס על־טערן און לערער קלאַסיפיצירן זיי אונטער פאַרדאַרבענע, ניט ערלאַכע, פוילע, זיינען אין דער אמת'ן קינדער, וואָס האָבן אַ שוואַכע אויפנאַמס פעאיקייט, וואָס רעוואָלטירן, וואָס ברעכן און שטעכן, מחמת זיי זיינען קראַנק, כאָטש ס'איז שווער און אָפטמאָל ניט מעגלאַך צו געפינען די דאָזיקע קראַנקהייט. די דאָזיקע פוילקייט, פלעגמאַטישקייט, שוואַכע אויפנאַמס פע־איקייט, דאָס דאָזיקע רעוואָלטירן, ברעכן, שטעכן, וואַרפן זיך, שליידערן זיך, איז אַ סיגנאַל, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט.

פאַראַן אָבער מאַמעס, וואָס שרייען אויף זייערע קינדער, אַז זיי זיינען פויל, בעת אין דער אמת'ן אַרבעטן זיי אפשר מער פאַר טאַטע־מאַמען. פאַראַן קינדער, וואָס גייען אין סקול, אין שול, נעמען פּיאַנאָ שטונדן, געהערן צו אַ קלוב, העלפן אין שטוב, וואַשן, גייען אַ גאַנג און . . . דאָך שרייט די מאַמע אַז ס'קינד איז פויל. פאַראַן מאַמעס, וואָס פאַר 12 אַזייגער ביינאַכט גייען ביי זיי די קינדער ניט שלאָפן, און שפּעטער האָבן זיי טענות צום קינד, וואָס ס'איז פויל . . . פאַראַן מאַמעס, וואָס, ווי זיי

עפענען נאָר די אויגן, האלטן זיי אין איין שרייען, אין איין קאַמאנדעווען, האלטן זיי אין איין דערגיין די יאָרן. קינדער ווערן מיד פון אזא שטימונג און פויל. פאראן טאטעס, וואָס האלטן אין איין מוסרן, וואָס מאכט מיד דעם קינד. פאראן קינדער, וואָס זיינען געצוואונגען צו זיין גוט, דאָס קומט זיי זייער שווער אָן, דאָס מאכט זיי, ווידער אמאָל, מיד, און פון דעם פויל.

אז א קינד איז נאכלעסיק און אָפּגעלאָזן זאָגן מיר, אז עס איז פויל. אז א קינד איז אָפּגעשטאנען אין למודים זאָגן מיר, אז עס איז דעפעקטיוו, ניט אויפנאמספעאיק. אז א קינד זאָגט ליגן זאָגן מיר, אז עס איז אומערלאך און פארדארבן. אז א קינד האָט ניט קיין שיינע מאניערן זאָגן מיר, אז עס איז וואולגאר, אז א קינד פאָלגט נישט, רעוואָלטירט קעגן דעם אויטאָריטעט פון פאָטער, אָדער מוטער, אָדער לערער, זאָגן מיר, אז עס איז א געמיין קינד. אזא באציאונג צום קינד איז א פאלשע באציאונג. מיר דארפן תמיד זען צו געפינען די אמת'ע, די טיפע און נישט די אויבנאויפיקע סיבה פון אזוינע האנדלונגען, פון אזוינע שטימונגען, פון אזוינע נייגונגען אין קינד. אפשר ווערט דאָס קינד ניט גענוג נארהאפט געשפייזט; אפשר קריגט דאָס קינד נישט קיין פאסיקע פארן קינד שפייז; אפשר רויכערט עס אריין סמ'ן; אפשר שלאָפט עס צו וויניק; אפשר האָט עס ביי שלאָפן צו וויניק לופט; אפשר טוט עס אן ארבעט, וואָס איז צו שווער, צו לאנגווייליק, צו דערווידער דעם קינד; אפשר ווערט עס פארמאטערט, מחמת עס דארף צו שווער זיך אָנשטריינגען פון אן ארבעט, אין וועלכער עס איז גאָרנישט פאראינטערעסירט; אפשר ווערט עס צעטומלט פון צופיל פליכטן אין משך פון טאָג, אזא לאגע קאָן פשוט פאראליזירן דעם מארך ביים קינד; אפשר שטערן דעם קינד געפילן פון שרעק, פון דערשלאָגנקייט, פון מינדערווערטיקייט און אפשר גאָר פון האלטן זיך צו גרויס, צו וויכטיק פאר געוויסע ארבעטן און טעטיקייטן, וואָס עס איז געצוואונגען צו טאָן; אפשר האָט עס צופיל זאָרגן, פארדרוסן, אנטוישונגען און צרות. צווישן צענדליקער און צענדליקער סיבות דארפט איר זוכן, און איר וועט געפינען די אמת'ע סיבה. נאָר א מאך טאָן מיטן האנט, נאָר א זאָג טאָן ס'איז פויל איז

דער גרעסטער פארברעכן, דער בלוטיקסטער און שוידערלאכ־סטער, וואס ווערט באגאנגען קעגן קינד. "געזעצן פון וואקסן, געזעצן פון לעבן אין דער גאנצער נאטור, דעם מענטשן ארייג־געדעכט, איז אומעטום, איבער דער גאנצער וועלט, איין און די זעלביקע" (ווילהעלם פאולסאן). מענטשן, זאגט מאריעטא דזשאנסאן, ווערן נים אלט, זיי הערן נאר אויף צו וואקסן, דאס אלץ. קינדער זיינען נים שלעכט זיי וואקסן נאר נים גוט. דאס אלץ. מען דארף פון דעם בלימעלע באזייטיקן אלץ, וואס שטערט דעם נארמאלן וואוקס און צוברייננגען אלץ, וואס העלפט אים וואקסן און בליען, אבער דאס מוז געטאן ווערן לאגיש, וויסנ־שאפטלאך און מים הייליקער פארזיכטיקיים.

סימא נעוואדאווסקי דערציילט, אין איר "ווייסער ליליע", וועגן א ליליע, וואס האט געלעבט אין מיטן פון א גרויסן וואַ־סער. פריי און גוט האט זי זיך געפילט. איבער איר הימל, און אין וואסער א צווייטער הימל. די ליליע האט ליב געהאט דאס וואסער, אין וועלכן ס'האט זיך אפגעשפיגלט די זון, די לבנה, די שטערן און די בוימער. מער פאר אלץ האט זי ליב געהאט די זון פאר איר ליכט און ווארימקיים. א אינגל האט ארויסגע־ריסן די ליליע פון איר גן־עדן, זי געבראכט אהיים און אריינ־געשטעקט אין א פלאש מיט וואסער. עלנד, צעבראכן, פול מיט צען און בענקשאפט איז זיך פאר'יתומ'ט די ליליע געשטאנען אפן טיש. איינמאל האט די ליליע פלוצלונג דערפילט א וואַ־רימקיים. די ווארימקייט האט איר דערמאנט אן דער ווארימ־קייט פון דער זון. די ליליע האט זיך אזש א צאפל געטאן פאר פרייד. זי האט זיך גענומען צובויגן צו דער ריכטונג, פון וואנען די ווארימקייט האט געשטראמט. דא האט זי ווידער פלוצלונג א צאפל געטאן זיך, אבער דאס מאל פון ווייטיק. שווארצע פלעקן האט דאס אינגעלע געפונען אויף די בלעטעלאך פון זיין ווייסער. טויטער ליליע. דאס ליכט, די ווארימקייט פונם לאמפ האט זי אנגענומען פאר דער ווארימקייט פון דער זון. נים אלץ, וואס אונז דוכט זיך, אז עס איז ווארים, אז עס איז זון — איז באמת זון פארן קינד. אך! וויפל אזוינע זונען פאר'שרפה'נען דאס לעבן פונם קינד?

דער דאָקטאָר דאַרף און וועט מיט בלוט פון הארצן פאַרשן די פיזישע זייט פון קינדס לעבן. מיר האָבן גענוג דאָקטוירים קדושים וטהורים, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס דורכצו־פירן עקספּערימענטן אויף זיך אליין, עקספּערימענטן. וואָס האָבן געבראַכט ברכה דער מענטשהייט. דער דאָקטאָר פון איין זייט און דער לערער און קינדער־פּסיכאָלאָג פון דער צווייטער זייט וועלן אין פּנים פון קינד געפינען וועגן און מיטלען, וואָס וועלן מעגלאַך מאכן ס׳זאָלן וואקסן קינדער בלומען, מען זאָל סוף־כל־סוף טאקע באמת קאָנען רעדן לעגן א גליקלאַכער קינד־הייט.

וואָס מער אידייאישער איניציאַטיוו, וואָס מער באַגייס־טערונג, וואָס מער פייער, וואָס מער גלויבן, וואָס מער ווארימע, טיפע ליבע צום קינד, וואָס מער מירן זוכן, פאַרשן און עקספּע־רימענטירן, וואָס מער אומרו, אלץ גיכער וועלן מיר ארויס־קומען אפן וועג, וואָס פירט צום גליק פאַרן קינד, און מימלא פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

ווען מען נעמט צונויף דאָס בלוט און די טרערן, וואָס מאַ־מעס און טאַטעס פאַרגיסן אפן גורל פון זייערע קינדער, וואָלט מען געקאָנט די וועלט דערטרינקען. איז לאָמיר טאקע געפינען דעם העכסטן זין, די שכינה פון אונזער ארבעט אין דעם קאַמף פאַר דער נייער דערציאונג, וואָס ציטערט און פלאַטערט פאַר דאָס אייגנארטיקע אין דעם קינד, פאַר דאָס מענטשלאַכע אין דעם קינד, מחמת דאָס מענטשלאַכע איז דער בעסטער באָדן אויף וועלכן ס׳קאָנען זיך צעוואקסן די הערלאַכסטע בלומען. זאָל די מעדיצינישע וועלט פאַרשן דעם נייעם געביט, דעם גע־ביט פון דריזן, זאָל די מעדיצינישע וועלט פאַרשן דעם געביט פון חלומות און דעם געביט פון געשלעכט און זאָל דער לערער און קינדער־פּסיכאָלאָג פאַרשן די וועגן, וואָס קאָנען געבן דעם קינד די מעגלאַכקייט צו זעלבסט אויסדרוק, צום נאַטירלאַכן וואוקס, צו נאַטירלאַכער בליאונג.

אָט האָט באַקולע (פּראַג) געמאכט א פּראָבע אויפצואוועקן אין די אָרימסטע און פאַרקריפּלטסטע קינדער ליבע צו ארבעט, צו אידעאַליזם און שעפערישע כחות פאַר זעלבסט אויסדרוק.

זיין כאַר פון די דאָזיקע פאַרקריפּלטע קינדער האָט געמאַכט א טורמע איבער דייטשלאַנד, דענעמאַרק, שווייצאַריע און אמע־ריקע. ער האָט בפועל ממש אויפגעשטורעמט די לענדער. וועגן זיין עקספּערימענט האָבן זיך פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן אָפּגערופן מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג. און נישט נאָר דאָס. ער לערנט אויך די קינדער פאַרשיידענע קונסט ארבעטן. בכלל האַלט מען, אז קונסט דאַרף און מוז ווערן דאָס געביט, וואָס זאָל דערמעגלאַכן אויפצואַוועקן אין דעם קינד שעפערישקייט און פאַראינטערעסירטקייט. סקולפּטור (בערגעמאַן און קוני־צער), מאַלעריי (דר. שומאַן), ספּעציעל מאַלעריי מיט קאָלירן (קרוטוועל), און געזאַנג, האַלט מען, גיט א געלעגנהייט דעם קינד צו אַנוויקלען און אויפצואַוועקן זיין פערזענלאַכקייט. פאַרן לערער גיט אזא אופן פון דערציאונג די געלעגנהייט אריינצו־קוקן אין די טיפסטע טיפענישן פון קינדס נשמה. זאָלן די דאָק־טוירים און דערציער זיך אויסלערנען צו פאַרשטיין אָט די דאָ־זיקע קונסט שפּראַך פון אונזערע קינדער. דאָס געזאַנג פון די אויבנדערמאָנטע פאַרקריפּלטע קינדער איז פון קריטיקער כאַ־ראַקטעריזירט געוואָרן אזוי : ״פאַר די צוהערער איז דאָס גע־ווען א גן־עדן געזאַנג. פאַר די זינגער איז עס געווען א נשמה אויס־דרוק״. דווקא קינדער, וואָס וואָלטן באַדאַרפט לויט אַלע השע־רות און לויט אַלע דערוואַרטונגען זיין פוילע, געמיינע, פאַר־ביטערטע, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גייסטיק דערהויּ־בענע נשמות. דאָס איז מעגלאַך געוואָרן, מחמת באַקולע האָט פאַרשטאַנען, אז פוילקייט איז א רעזולטאַט פון א קראַנקהייט און א סיבה פון נישט קאָנען ריכטן אין א געזונטער ריכטונג דעם קינדס ענערגיע, וואָס ברויזט מיט דורשט און בענקשאַפט נאָך אקטיוויטעט און ארבעט

באַקולע האָט געגלויבט אין די אומבאַגרעניצטע, שעפערי־שע כחות, אין דער ברויזנדיקער ענערגיע, וואָס איז פאַרלייגט אין קינדס נשמה, ער האָט פאַרשטאַנען צו עפענען דעם קוואַל וואָס פאַר א דור קינדער וואָלטן מיר דערלעבט, ווען יעדער מענטש וואָלט זיך געלערנט צו פאַרשטיין די שפּראַך פון קינד.

די לעקטארן פון קאליפארניער אוניווערסיטעט, פרענצים גידינגס, ברייננגט אונז אייניקע ביישפילן, וואס כאראקטעריזירן אונטערנעמונגס גייסט און שעפערישקייט אין קינדער. טשארלס, 5 יאר אלט, האט געפונען א הילצערנעם שטעקעלע און א ראד. ער האט מיט טשוועקעלאך צוגעשלאגן דעם שטעקעלע צום ראד. ווען ער איז פארטיק געווארן מיט דעם, האט ער צוגעבונדן און צוגעשלאגן דעם שטעקעלע, אף וועלכן ס'האט זיך געהאלטן די ראד צו א קעסטעלע און צוגערופן זיין חבר, דזשעק, וועלכן ס'איז געלונגען צו מאכן פון א פאפיראסן קעסטעלע א פידעלע און א זאג געטאן: "קום, קום אהער, כ'האב אמיקראפאן, מירן דורך דער לופט איבערגעבן דיין שפילן אפן פידל, דאס וועט זיין אונזער ראדיא סטאנציע". זיכער האט טשארלס אין זיך פארלייגטע נייגונג צו שאפן, צו בויען, צו קאמבינירן, צונויפצושטעלן, צונויפצופאסן זאכן. קיין צווייפל, אז די היים האט צוגעגרייט א באדן פאר אזא איינפאל, אפשר שפילט דער פאטער פאר דער ראדיא, אפשר האט דער פאטער א וועלכע עס איז פארבינדונג מיט דער ראדיא, און אפשר האט דער פאטער געגנוג צייט געהאט צו דערקלערן און פאראינטערעסירן דעם קינד מיטן ענין ראדיא, בעת דאס קינד האט אים געשטעלט אזא פראגע. וועט דאס דאזיקע קינד געפינען א גינסטיקע סביבה פאר זיינע נאטירלאכע נייגונגען, פעאיקייטן, וועט עס זיין גליקלאך. וועט אבער דער לערער אין שול האלטן אזא קינד אין איין שטאפן אין אים אבסטראקטע אידייען, וועט די מאמע אדער דער טאטע וועלן דאס קינד זאל ווערן א ווירטואז, וועט עס רעדן קעגן דעם גליק פונם קינד.

מיר איז אמאל אויסגעקומען צו זען א קינד אין א קינדערגארטן, וואס האט אויסגעשטעלט אלע קינדער ביינקעלאך אין א ריי. דאס קינד האט זיך אוועקגעזעצט אויפן ערשטן ביינקל, געהייסן א קינדשטיין אף אלע פיר, עס זאל, הייסט עס, זיין דער לאקאמאטיוו. אנדערע קינדער האט עס אויסגעזעצט אף ביינקעלאך, זיי זאלן זיין פאסאזשיר־וואגאנען, אייניקע קינדער זייענען געלעגן אויף די רוקנדלאך מיט די הענטעלאך און פיסעלאך אויסגעשטרעקט אויף ארויף — פראכט וואגאנען.

א צווייטן מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זען אזא שפּיל. א מיידעלע שפּילט די ראָל פון א בעקער: א ווייסער פאַרטוך (א טישטוך), א ווייסע היטל (א האנטוך), פאַרקאַטשעטע אַרבל. דאָס פּנים איינגעריבט אין מעל, שווארצע פלעקן אפן באַק פון רויך, א לאָפּעטע (א פיש־ברעטל צוגעבונדן צום הענטל פון א בעזעם). כ'האָב נאָר געקאָנט באַוואונדערן דעם אונטערנעמונגס גייסט, דעם שאַפונגס גייסט און באָאבאַכטונגס קראַפט פון דער פיר יאָריקער "כלה־מויד". אזוי "פויל" זיינען קינדער צו טאָן אזוינע זאכן, אין וועלכע זיי זיינען פאַראינטערעסירט. וואָס קאָן אפעלירן צו זיי. דערציילט פרענצים גידינגס, א פאל מיט א צען יאָריק קינד עלענאָר. עלענאָר האָט געזאָלט דערציילן די קינדער פון איר קלאס וועגן שפּינען. מיט א טאָג פריער אין אָוונט האָט עלענאָר געקראָגן א שטייגעלע אריינגעלייגט אין שטייגעלע מיסט, אלטע שמוציקע זאכן און איר שפּין. זי איז אָפּגעזעסן א גאנצע נאכט ביי דעם שטייגעלע און באָאבאכטעט ווי די שפּין האָט געבויט איר היים. אויף מאָרגן, פאַרשטייט זיך, האָט זי וועגן איר דערפאַרונג דערציילט אירע חברים און חבר'טעס אין קלאס. פאַראַן א סך קינדער, וואָס אין זיי איז פאַרלייגט א נייגונג צו פאַרשן, צו שטודירן, צו עקספּערימענטירן. קינדער מיט אזא נייגונג ווייזן אַרויס גוואַלדיקן אויסדויער, אַרבעטזאַמקייט, איניציאַטיוו, אונטערנעמערישקייט, געדולד און גרייטקייט. גליקלאך זיינען די קינדער וועמעס דערציער עס קאָנען אויפכאַפּן די פאַרלייגטע נייגונגען, די פאַרבאַהאַלטענע כחות אינם קינד און געבן זיי א מעגלאַכקייט די דאָזיקע כחות צו אנטוויקלען. צענדליקער און אפשר טויזנטער קינדערשע "צרות" קאָנען און ווערן טאַקע אויף דעם אופן געלייזט. קוקט זיך צו ווי איבעראַשט עס ווערן קינדער פון שיינע בלומען, פון א שיינעם הימל, פון א מאָרגן רויט. קוקט זיך צו צו זייער ענטוזיאַזם. מען דאַרף נאָר קאָנען אויפהאַלטן די דאָזיקע באַגייסטערונג, דעם דאָזיקן ענטוזיאַזם.

נישט דאָס קינד איז שולדיק, וואָס עס ווערט מיד און פויל. מיר האָבן שוין פריער גערעדט וועגן דעם, אז א קינד קאָן ניט פאַרשטיין קיין ציל, אז עס האָט ליב דעם פּראָצעס פון א וועל־

כער עס איז ארבעט. וויפל לײדן, און וויפל ווערן מיד, און פאר־שטײט זיך פויל פון דעם. וואָס זיי דארפן תמיד טאָן זאכן, נאָר צוליב דעם, וואָס "דיר וועט עס צונוץ קומען, ווען דו וועסט עלטער ווערן", וואָס זיי מוזן טאָן, מחמת מיר לעבן אין א גער זעלשאפט, וואו קינדהײט איז נישט קײן נאטירלאכער פעריאָד אין מענטשנס לעבן, וואו קינדהײט איז נישט קײן פעריאָד מיט זײנע פריידן, מיט זײנע אינטערעסן, מיט זײן גליק, נאָר א צײט, ווען מען דארף זיך גרייטן פאר א וועלכן עס איז ציל אין לעבן. דאָס איז קעגן דער נאטור פון א פויגעלע, פון א פליגעלע, פון קעלבעלאך און קעגן דער נאטור פון אונזערע "קעלבעלאך", וואָס זאָרגלאָזיקײט וואָלט פאר זיי געווען דער זוניקסטער און דער ווארימסטער וויטאמין.

ווי מיד ווערט א קינד, ווען עס דארף אונטערדריקן אין זיך דעם נאטירלאכן דראנג אין דעם קינד פאר ספּאָנטאנער אקטי־וויטעט. א קינד פאלט פלוצלונג אריין אין אזא שטימונג, אז עס שפרינגט, טאנצט, עס קולעמט זיך, עס מאכט העוויות און א. וו. מאמעס קאָנען דאָס ניט פארטראָגן. "וואָס ביסטו משוגע געווארן, וואָס?" בעת פארן קינד איז דאָ דאָזיקע א נאטירלאך אויסלאָדן זײן ענערגיע. ווי מיד ווערט דאָס קינד, און פון דעם פויל, אז עס מוז זײן ערנסט, עס מוז זײן שטיל, עס מוז זיצן ווי א סטאטועק. מיר לאכן צוזאמען מיט שלום־עליכם׳ען, וואָס מאָלט ,ווי שלמה׳לעם פאָטער שרייט צו אים : "א בחור׳עץ פון 7 יאָר אלט". און מיר אליין ווילן נישט פארשטײן, אז אויך א בחור׳עץ פון 10 און 13 יאָר אלט מעג און דארף איבערלעבן אזוינע דראנגען, ווי געזונט עס איז פארן קינד ! און ווי אומגע־זונט עס ווירקט די אונטערדריקונג.

ווי מיד און פויל פון דער מידקייט ס׳ווערט א קינד, מחמת עס איז קיינמאָל נישט פריי. עס איז תמיד אָנגעצויגן, עס מוז זיך תמיד היטן, אָט גײט עס ארוים אפן גאס זיך שפּילן. ס׳שפּילט מיט א פּילקע. עס מוז זיך היטן פאר קארס, ס׳מוז זיך היטן פאר די הונדערטער שויבן ארום אים, ס׳מוז האָבן אין זינען זײן היים־ארבעט, פּיאנאָ, שול, העלפן דער מוטער, בעת מיר דאַרטן, אין דער אלטער היים, האָבן מיר זיך שוין יאָ

אמאָל ארויסגעריסן ארויסגע׳גנב׳עט פון חדר אויפן לאָנקע, צי צום טייך, האָבן מיר דאָך דערפילט די פולע פרייקייט און גע־נאָסן זי פון פולער האנט.

ווי מיד ווערט א קינד פון מוזן זיך לאנג קאָנצענטרירן אויף עפעס וואָס, ווי למשל, פון א שעה צי צוויי א טאָג רעפעטירן פיאנאָ, צו פון שווערער היים־ארבעט. א קינד קאָן זיך לאנג נישט קאָנצענטרירן אויף איין זאך, דאָס איז קעגן דעם קינדס נאטור. ווי מיד ווערט א קינד פון די פארבאָטן זיך ניט צו "רויען" אין שאפע, צי אין שופלאָד, צי אין קאסטן. ס׳איז נאַ־טירלאך פארן קינד צו וועלן עפעס וואָס תמיד אנטדעקן, אויס־געפינען. ווי גליקלאך אין דעם זינען זיינען מיר אמאָל געווען אין דער אלטער היים. הינטערן שטוב, הינטערן בית־מדרש, אויפן בארג, וואו מעןווארפט ארויס אלטע קליידער, אלטע זאכן האָבן מיר באפרידיקט אונזער נאטרילאכן, קינדערשן דראנג צו זוכן און פאָרשן. ווי מיד, און פון דעם פויל, ווערט א קינד פון דער מאָנאָטאָנקייט פון לעבן. אלע הייזער האָבן איין פנים, אלע עס־צימערן, אלע קיכן, אלע גאסן און אלע שטעט — אזוי מאָנטאָן! אנדערש איז געווען אין דער אלטער היים.

ווי מיד א קינד ווערט פון שווערע בילדער, וואָס עס זעט אין די קינאָ־טעאטערס. "א קינאָ־טעאטער בילד מאכט נישט נאָר א טיפן איינדרוק אויף דער נשמה פון א מענטשן (א פשוי־טא שוין א קינד). א קינאָ־טעאטער בילד קאָן ניט נאָר באאיינ־פלוסן, א קינאָ־טעאטער בילד שמעלצט איבער די נשמה, קנעט זי בפועל ממש איבער אין א געוויסער פאָרמע" (הענרי דזשיימס פארמאן). דער זעלביקער הענרי דזשיימס פארמאן שרייבט אין "טשיילדהוד עדיוקיישאָן", אז 80 פראָצענט בילדער, וואָס ווערן געוויזן אין די קינאָטעאַטערס זיינען מיט א סעקסועלן מיט א פארברעכערישן, צי מיט א "ליבע" אינהאלט. "דאָס קינד ווערט פון אזוינע בילדער, פון אזוינע איבערלעבונגען מיד, טויט מיד, און פארשטייט זיך פויל. ניט ווייניקער וויכטיק זיינען אויך אנדערע פאקטן, וואָס ער ברייינגט אין דעם ארטיקל, וואָס איז געשריבן אפן סמך פון אונטערזוכונגען, וואָס א גאנצע ריי וויסנ־שאפטמענטשן און פסיכאָלאָגן האָבן דורכגעפירט איבערן לאנד

אין משך פון 4־5 יאָר צייט. "אין 1930", שרייבט ער, "האָט מען פון 500 בילדער אין 137 געוויזן פאַרשיידענע פאַרברעכנס, אין 44 מלחמה עפּיזאָדן, דאָס מיינט, אַז אין 40 פּראָצענט בילדער האָט מען געוויזן פאַרשיידענע סצענעס פון פאַרברעכנס און גוואַלד. שטעלט זיך פאָר מיט וואָס מען האָט אָנגעלאָדן די נשמות פון די קינדער! פון 115 בילדער האָט מען געוויזן 54 מאָרד אַקטן, 59 אויסגערעכנטע אויף פריער מאָרד פאַרזוכן, 17 עקספּראָפּריאַציע סצענעס, רויב אָנפאַלן, 21 רויב־קינדער אַקטן, און אַ גאַנצע ריי אַנדערע פאַרברעכנס מיט אַרום 71 מאָרדן דורך גוואַלד. סך־הכל 406 באַגאַנגענע פאַרברעכנס און 43 פאַרזוכן צו באַגיין אַזוינע!" 449 "שיינע מעשים" אין 115 בילדער!

ווי צערייצט און מיד ווערט אַ קינד פון אַזוינע בילדער, וואָס פאַר אַ חלומות עס חלום'ט ביינאַכט, און ווי עס פילט זיך אויף מאָרגן איז איבעריק צו שרייבן. און קינאָ־טעאַטער בילדער ווירקן און ווירקן פאַטאַל שטאַרק. "ע סאיז אויסגעפונען געוואָרן, אַז קינדער פון דעם עלטער פון 8־9 יאָר געדיינקען 60 פּראָצענט פון דעם, וואָס מיר דערוואַקסענע געדיינקען. דער דורכשניט, וואָס אַזאַ קינד געדיינקט פון אַ מעשה'לע אין טעקסט בוך אין אַ חודש אַרום איז נאָר אַרום 30 פּראָצענט. דער דורכשניט וואָס אַ קינד געדיינקט אויף מאָרגן פון אַ בילד איז 70 פּראָצענט. וואָס שפּעטער געדיינקט עס (דערמאָנט עס זיך) מער. אַזוי געדיינקט אַ קינד מיט 3 חדשים שפּעטער פון דעם געזעענעם בילד אין קינאָ־טעאַטער 100 פּראָצענט".

די פּסיכאָלאָגן האָבן דורכגעפירט אַזאַ עקספּערימענט: זיי האָבן צוזאַמענגעקליבן אַ גאַנצע גרופּע פון אייניקע הונדערט קינדער, וואָס האָבן געהאַט אַ שלעכטע באַציאונג צו כינעזער און זיי געגעבן בילעטן צו גיין זען אַ בילד "דער זון פון די געטער", וואו מ'ווייזט די כינעזער אין אַ שיינער ליכט. אַ גאַנצע איבערקערעניש איז פאָרגעקומען אין די נשמות פון די קינדער. פון כינעזאָפאָבן זיינען זיי געוואָרן וואַרימע כינעזאָפילן. מען האָט דורכגעפירט פּונקט אַזאַ עקספּערימענט מיט קינדער, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געזען קיין נעגערס, מיט קינדער, וואָס

זייער באציאונג צו די נעגערס איז געווען אמעטנשלאכע און א עטישע. נאָכדעם ווי זיי האָבן געזען דאָס בילד "די געבורט פון א נאציע", וואָס ווייזט די נעגערס אין א שלעכטער ליכט, זיינען די קינדער פון נעגראָפילן געוואָרן אמת'ע נעגראָפאָבן". אזא טיפע ווירקונג, אזוינע איבערקערענישן מאכן בילדער אויף די נשמות פון די קינדער. ס'איז איבעריק צו רעדן וועגן דעם, ווי שווער א קינד לעבט איבער אזוינע איבערקערענישן, ווי מיד דאָס מאכט א קינד. דער זעלביקער פּאָרמען ברייננט א דער־קלערונגפון א גנב אז "די אידייע פון לעבן א גרינג לעבן האָב איך געקראָגן פון די קינאָ־טעאטער בילדער. איך פלעג זען ווי גוט ס'לעבט זיך אזא מענטשן. אלע פּרויען לויפן אזא איינעם נאָך, ער האָט סך געלט אויסצוגעבן, ס'איז מיר געפעלן געוואָרן אזא לעבן".

"20 פּראָצענט בחורים פון פיינע היימען האָבן זיך מודה געווען, אז די קינאָ־בילדער האָבן זיי אויפמערקזאם געמאכט און באוואויגן און געלערנט ווי גרינג גצו קריגן געלט". "50 פּראָ־צענט פּראָבלעם בחורים'לאך האָבן דערקלערט, אז קינאָ־בילדער האָבן זיי געבראכט צו זייערע צרות. 31 מעטאָדן, ווי צו באגיין פארברעכן האָבן זיי געלערנט פון די מואווי־בילדער".

"א העלפט פון די מיידלאך אין אן אינסטיטוט פאר פארברע־כערישע קינדער האָבן זיך מודה געווען, אז די מואווים האָבן זיי גערופן און געלערנט צו "לעבן א טאָג". 25 פּראָצענט האָבן דערקלערט, אז קינאָ־טעאטער בילדער זיינען שולדיק אין דעם, וואָס זיי דארפן זיין פארשפּארט אין אזא אינסטיטוט".

יאָ, דער קינאָ־טעאטער, וואָס וואָלט געקאָנט ווערן דער מעכטיקסטער פאקטאָר צו דערהויבן און באפליגלען איז היינט דער מלאך־המות פאר דער נשמה פון קינד. ווי צערייצט, קראנק, טויט־מיד, און פויל א קינד ווערט פון די "בילדער" וואָס 80 פּראָצענט פון זיי זיינען פון אזא גייסט, וואָס ברייננט אומגליק.

די אמעריקאנער פּרעסע האָט איצט אויפגעהויבן א גרויסן אלארם איבער דער שרעקלאכער געשלעכטלאכער פארדארבנ־קייט, וואָס הערשט צווישן די אינגסטע שול־קינדער אין די פאר־אייניקטע שטאָטן. די עפנטלאכע מיינונג זעט אין דעם, און

מיט רעכט, א געפאר פאר דער פיזישער און מאראלישער גע־זונטהייט פון דעם אמעריקאנישן פאלק. די דאזיקע סכנה איז ניט סתם קיין אויפגעבלאזענע זאך פון מאראליסטן, אדער פון סענסאציע־דורשטיקע צייטונגסלייט. פאקטן רעדן. א מיידעלע, מערי קאוואלא, האט זיך מודה געווען אין דערמארדן איר 13־יאריקע חבר'טע, דזשאזעפין וואראפעי. מערי אליין ווערט ערשט 13 יאר אלט. זי האט דערמארדעט איר חבר'טע, ווייל יענע האט זי בארעדט, אז זי זאל האבן געהאט צו טאן מיט אינגלאך. אז מען האט זיך געגומען אויספרעגן ביי מערי קאוואלע וויפל אמת עס איז דא אין די זאכן, וואס דזשאזעפין האט אף איר אנ־גערעדט, האט זי צוגעגעבן, אז א טייל פון דעם איז געווען אמת. זי האט טאקע געהאט צו טאן מיט אינגלאך, אבער ניט זי אליין, נאר אנדערע מיידלאך אויך. דער עצם פאקט פון בא־ציאונגען צווישן קליינע מיידלאך און אינגלאך האט אין אמע־ריקע נישט ארויסגערופן קיין גרוים איבערראשונג. מען האט זיך שוין כמעט ווי צוגעוואוינט דערצו. ערשט אין די לעצטע פאר וואכן האבן די צייטונגען געבראכט אן ענלאכע ידיעה פון צפון־דאקאטא. דארט איז א מיידעלע פון 13½ יאר שוואנגער געווארן. ווען די עלטערן האבן זיך געכאפט איז שוין געווען צו שפעט צו באפרייען דאס מיידעלע פונם קינד. מען האט גע־וואלט דערגיין ווער עס איז דער טאטע פונם קינד. זי האט נישט געזאגט. זי ווייסט נישט, ווייל זי האט געהאט צו טאן מיט עטלאכע אינגלאך, זי האט געהערט צו דעם קלוב "ניו־יארק", וואו עס פירט זיך, אז א מיידל אנטזאגט ניט א אינגל, און האלט זיך ניט צו לאנג מיט איינעם. אין וועסט־ווירדזשיניא איז ווידער פארגעקומען א סענסאציע. א גלח'ס א מיידעלע האט ניט געוואלט גיין אין שול. ווען די מאמע האט זי גע־פרעגט פארוואס, האט זי געענטפערט, אז זי האט מורא. וואס האט זי מורא ? זי האט מורא, דזשים וועט זי פארפירן. האט מען גענומען דעם דזשימין אפן צימבל, לאזט זיך אויס, אז ער האט גאר קיינמאל נישט א קוק געטאן אף דעם גלח'ס מיידעלע, ער האט מיט איר אין לעבן קיין ווארט ניט גערעדט. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס מיידעלע ווייסט אפילו נישט געגוי,

וואָס אזוי עס אזוינס פארפירן. נאָר זי האָט געהערט אירע חבר'טעס רעדן, אז דזשימי פארפירט מיידעלאך, איז עס איר פאָרגעקומען ווי עפּעס א בייזער וואָלף, וואָס פארצוקט"... (די פּרעסע). טויזנטער און טויזנטער פאלן אין דער טאָג־טעגלאַכער פּרעסע איבער דער גאנצער וועלט סיגנאליזירן די סכנה פאר דער מענטשהייט, וואָס לויערט פון די בילדער אין די קינאָ־טעאַטערס. פון דעם "איבערקייען" וועגן פארשיידענע אזוינע בילדער, און פון די "נייעסן" אין דער פּרעסע און אין דער היים, אין קעגנווארט פון קינדער. ווי מיד, ווי פארמאטערט און פויל א קינד ווערט פון דעם. מיינט נאָר ניט חלילה, אז אין אייראָפּע איז א סך בעסער. אויך דאָרטן האָט זיך ארייננגעכאַפּט די מגפה, אויך דאָרטן זינקט מען ... די קינאָס טוען אויך דאָרטן זייער "ארבעט"... באריכטעט די "פאָלקסצייטונג" (נו. 231), אז "צו דער פּאָליציי אין ס. (ניט וויכטיק אָנצוגעבן דאָ דעם נאָמען), האָט דער לייטער פון דער ארטיקער קראנקען־קאסע געמאָלדן, אז 50 פּראָצענט פון מאנסבילן אינם שטעטל זיינען אָנגעשטעקט מיט ווענערישע קראנקהייטן"... "א מוסטער" סביבה אין דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט פאר קינדער ... די קינאָס וואָס ווייזן נאקעטקייט ווערן פשוט פארפלייצט. טראָגן זיי טאקע חורבן! יאָ, די קינאָס פון היינט זיינען סם המות פאר דערוואקסענע, א פּשיטא פאר די קינדער, וואָס ווערן טויט מיד פון צערייצטקייט.

ווי מיד ווערט א קינד פון קאָנקורענץ געפילן, וואָס מאמעס אנטוויקלען, מחמת מען האָט פון דעם באלדיקע רעזולטאטן. אייפערזוכט צעפרעסט א קינדס נשמה. מאכט אים נישט נאָר מיד, און קראנק, און פויל, נאָר פירט אים אין דער וועלט פון פּראָטעסט־חולאת'ן. אייפערזוכט איז פארן קינד סם־המות.

יאָ, דבורה'לע איז גרעסער פאר מיר, באקלאָגט זיך פייגעלע, 5 יאָר אלט. ווייסט, מיין קינד דבורה'לע איז 10 יאָר אלט. זי וועט וואקסן ביז 17, 18 יאָר אלט און אויפהערן. דו וועסט דעמלאָט ערשט זיין 12־13 יאָר אלט, וועסט נאָך האָבן 5 יאָר צו וואקסן — וועסט איר דעריאָגן. דאָס קינד בארואיקט זיך. זעסט אָבער, פייגעלע האָט שיינע אויגעלאך, ביי מיר איז

איין אייגעלע ניט גליך, באקלאָגט זיך דבורה׳לע. שרעק זיך ניט, מיין קינד. קודם, מעגלאך אז דיין אייגעלע וועט נאָך אמאָל געזונט ווערן. און אויב ניט איז זע ! ס׳קומט אריין יאנקל, זע ווי מיאוס ער איז, אָבער ווי קלוג, אלע האָבן אים אמת׳דיק האָלט, פאר זיין חכמה. אָט קומט אריין מאָטל, ער איז דאָך אויך קיין שיינער ניט. זע זיין נאָז, זיינע אויגן און דאָך — אלע וואָלטן זייערע לעבנס אָפּגעגעבן פאר אים — פאר זיין גוטס־קייט און פאר זיין איידלקייט, די נאטור גיט יעדערן עפּעס וואָס שיינעס. אלץ קאָן זי ניט געבן — מענטשן וואָלטן זיך צומאָל אפשר צו פיל איבערגענומען . . . און גרויסהאלטער האָט מען ניט ליב. האָסט גענוג אנדערע שיינע שטריכן.

וואָס נעענטער און געפּילפּולער דאָס עלטערע קינד איז צו דער מוטער, אלץ שטארקער איז ביי אזא קינד, וואָס אָט אקאָרשט איז עס פון דער ברוסט פון דער מוטער, דאָס געפיל פון אייפערזוכט צום נייעם "גאסט", וואָס פארנעמט זיין אָרט. אזא קינד וועט פלוצלונג זיך אָנהייבן צו נעצן אין בעט, גיין מיטן מאָגן אין די הייזעלאך . . . עס רעגרעסירט, מחמת אומ־באוואוסטזיניק וויל דאָס קינד צוריק ווערן קליין, כדי צוריק צו קריגן די פּריווילעגיעס, כדי צו ציען דער מוטערס אויפמערק־זאמקייט. וואָס איז אינגאנצן איצט געווענדעט צום נייעם "גאסט", צום עופה׳לע. דאָס איז דעם קינדס קאמף קעגן זיין "שונא". אזא קינד וועט מאכן סצענעס, וועט "קראנק" ווערן, קאפּריזנע, וועט זיך האלטן אין קלאָגן אויף "ווייטיקן", וועט גענעצן, וועט זיין מיד, פויל, וועט ניט עסן גוט, וועט טאָן אלץ אין דער וועלט אין קאמף קעגן זיין קאָנקורענט פאר דער מו־טער. אָט פאָרעט זיך אָן עלטערע מיידעלע מיט גרוים חשק ארום איר עופה׳לע־שוועסטערל, אָט לייגט עס מיט פארגעניגן שלאָפן, אָט פארוויגט עס, טוט עס אָן, טוט עס אויס. די מאמע איז מלא שמחה, קלייבט נחת פון איר "גוט" קינד, בעת אין דער אמת׳ן טוט עס עס אפשר דאָס קינד מיט דער כוונה אָפּצורייסן כאָטש אויף א ווײַלע דעם "גאסט" פון דער מוטער, בעת אין דער אמת׳ן טוט עס א קינד, כדי צו געווינען מער ליבע ביי דער מוטער און אָפּרייסן א שטיקעלע כאָטש ליבע פונם קאָנקורענט, בעת אין

דער אמת׳ן איז דאָס קינד "גוט" מחמת ס׳דעמאָנסטרירט, אז עס איז עלטער ! אמת, אמאָל קאָן אזא האנדלונג פון א קינד זיין א רעזולטאט פון וואָס מער מאמעשקייט, וואָס ס׳שטראָמט שוין פונם קינד. די קאָנקורענץ געפילן קאָנען אויך זיין שטארק אינם אינגערן קינד. דאָס קאָן טרעפן אויב דאָס עלטערע קינד איז עלטער מיט א סך יאָרן (4־5) פאַרן אינגערן קינד. דאָס עלטערע קינד האָט אין אזא פאל אנדערע אינטערעסן, עס איז ניט אזוי נאָענט און געפילפול צו דער מוטער. דאָס אינגערע קינד דערפילט די "אומאָפהייגיקייט" פונם עלטערן קינד, שאפט זיך א געוויסע "שנאה", א מין ניט פארגינען. כמעט פריי פון קאָנקורענץ געפילן זיינען קינדער, וואָס דער אונטערשייד אין עלטער איז א יאָר און עפּעס מער און צווישן צווילינגס. זיי געוואוינען זיך, אזוי צו זאָגן, צו טיילן ליבע און פריווילעגיעס.
די דאָזיקע קאָנקורענץ געפילן קאָנען ברעכן נשמות פון קינדער און לאָזן איבער שטריכן אפן גאנצן העבן. עלטערן קאָנען אָפּטעמפּן די דאָזיקע געפילן, ארויסווייזנדיק גלייכע באציאונג צו אלע קינדער, ניט שטעלנדיק איינס אלסביישפיל דעם צווייטן קינד, ארייגברייגנענדיק זייטיקע אינטערעסן אים לעבן פון זייערע קינדער, תמיד געפינענדיק א זכות פארן קינד, וואָס שטייט אָפּ אין פעאיקייטן און אין אנטוויקלונג, ספּעציעל ניט נוצנדיק קאָנקורענץ געפילן, אלס מיטל צו פועל׳ן עפּעס וואָס ביים קינד, מחמת דאָס דאָזיקע איז דער אמת׳ער סם־המות פאר דער נשמה פון קינד. זעט ווי אונזערע נביאים ישעיהו, ירמיהו, עמוס, יחזקאל און אנדערע פלעגן קיינמאָל ניט סטראשען מיט ניט אויפשטיין תחית המיתם, מיט גיהנום, ווי זיי פלעגן קיינמאָל ניט צוזאָגן קיין גן־עדן אפן הימל. דאָס וואָלט דאָך געווען א וואונדערבארער מיטל צו צוימען און באוועגן זיי האָבן זיך אָבער ניט געיאָגט נאָך א ביליקן דערפאָלג, ווי אונזערע מאמעס און טאַטעס טוען עס אזוי אומפאראנטוואָרטלאך. זיי האָבן געלערנט דורך משלים, דורך זעאונגען, דורך "איר וועט בויען הייזער און איז זיי ניט לעבן". דאָ אפן אָרט האָבן זיי פאַראויסגעזאָגט ליידן פאר זינד. ניט יעדן מיטל קאָן מען נוצן, מעג ער אפילו ברייגען גלענצנדיקע רעזולטאטן, מאמעס און טאטעס האָבן זייער

ליב צו צוימען און צו באוועגן מיטן מיטל פון לויבן איין קינד און טאדלען דאָס צווייטע. מיט דעם גיסן זיי אויל אָפן פייער און בלאָזן אויף שריפות, פון וועלכע זייערע קינדער, זיי אליין און זייערע קינדס־קינדער און אלע מיט וועלכע זייערע קינדער וועלן קומען אין בארירונג, וועלן צאָלן אַ ביטערן פרייז.

האלט אָבער דזשאנעט רעגנסבורג דעם געפיל פון אייפער־זוכט פונקט פאר אזא נאטירלאכן, ווי דעם סאדיסטישן און מע־זאכיסטישן. זי זאָגט, אז "א מוטער, וואָס האָט ניט אויסגע־לעבט, וואָס האָט ניט נייטראליזירט, אלס קינד, איר אייפער־זוכט צו א שוועסטערל, קאָן טראנספערירן איר פארבליבענעם געפיל פון אייפערזוכט און "שנאה" צו איר טאָכטער, צום זון, אָדער זי קאָן, פארקערט, ארויסווייזן גאָר ניט קיין קארגע ליבע. זי קאָן אים ליבן אָן גרעניצן, שוין צו שטארק".

האָט אָבער דר. אלעקסאנדר אן אנדער מיינונג. ער ברענגט אזא פאל: א מאן, 42 יאָר אלט, א פעדאגאָג, ליידט פון א מאָד־נער "קראנקהייט". ער קאָן קוים דערשטיקן אין זיך דעם דראנג צו דערלאנגען מענטשן מיט א האק איבערן קאָפּ. די ערשטע צייט, ווען ער האָט דערפילט דעם דאָזיקן דראנג, פלעגט ער אַן אויפגעקאָכטער ווערן, ווען ער פלעגט דערזען א האק, צי ווען ער פלעגט פארבייגיין אַן אייזן געשעפט. ער פלעגט דערפילן אזא דראנג צו כאפן א האק און דערלאנגען עמיצן איבערן קאָפּ, אז ער פלעגט קוים אנטלויפן פון דער האק. שפּעטער פלעגט אים אויפרייצן יעדע זאך, וואָס האָט געהאַט די קלענסטע ענ־לאכקייט צו א האק, אפילו דער אות " L ". ער ליידט פון דער דאָזיקער פארפאָלגונג אין זיך שוין איבער 25 יאָר. ער באַ־שליסט אויפצוגעבן זיין לערערישע פּראָפעסיע. ער נעמט אָן א שטעלע ביי זיין ברודער, וועלכער באהאנדלט אים גאָרניט גוט. ער גיט אים זייער נידעריקע שכירות. אין זיין קינדהייט האָט דער דער "קראַנקער" ברודער געהאַט אַן עלטערן ברודער און א אינגערע שוועסטער. די אינגערע, האָט גע־האַט צוגענומען ביי אים אלע פריווילעגיעס, וועלכע ער האָט געהאַט, איידער זי איז געבאָרן געוואָרן. דער עלטערער ברודער האָט פארשטייט זיך "פארכאַפּט" די פריווילעגיעס פון אַן על־

טערן. ער קריגט פיינט זיין ברודער, האסט אים בלוטיק, וואָס ער ווינשט זיין ברודער אין אומבאוואוסטזיין, זאָל פאַלן אין ימים . . . אנטוויקלט זיך אין אים שפּעטער אַ געפיל פון שולד, וואָס מאַטערט אים. צו די צרות — אַ נייע צרה. איינמאָל, ווען ער איז 6 יאָר אַלט געווען, האָט ער "געהאָלפן" זיינעם אַ פריינט, אַ חבר'ל, וואָס האָט מיט אַ יעט־העקל געגראָבן קאַר־טאָפל. ער האָט, ניט ווילנדיק, פּלוצלונג דערלאַנגט זיין חבר'ל איבערן קאָפּ. זיין חבר'ל, אָן אָפּגעגאָסענער מיט בלוט, איז גע־בליבן ליגן אין חלשות. מורא האָבנדיק, זיין חבר'ל זאָל חלילה ניט שטאַרבן, הויבט ער אָן צו פילן גיהנום ליידן פון שולד. דער קלאַפּ זיין חבר'ל איבערן קאָפּ האָט אומבאוואוסטזיניק גע־מיינט פאַר אים אַ רעאַליזירונג פון זיין פאַרלאַנג צו דערלאַנגען דעם עלטערן ברודער . . . יאָרן ליידט ער פון דער דאָזיקער קאָמ־פּולסיע. ער באַפרייט זיך פון דער דאָזיקער "צרה" ערשט דער־מאָלט, ווען ער דאַרף לעבן אָן אַרימען לעבן. ער "צאָלט" אַזוי צו זאָגן פאַר זיין זינדיקן קעגן זיין ברודער. פריער האָט ער נייטראַליזירט זיין געפיל פון שולד דורך שרעק פאַר זיין דראַנג צו פּלעטן מחות. ווען ער איז געזונט געוואָרן האָט ער זיך ווי־דער גענומען צו זיין פּראָפעסיע. האָט זיך די קראַנקהייט צוריק אומגעקערט . . . אַזוי ליידט און צאָלט אַ קינד פון קאָנקורענץ געפילן. וויפל מערדער האָבן אפשר אומזיסט באַצאָלט מיט זיי־ערע לעבנס פאַר "חטאים", פאַר וועלכע זיי זיינען גאָר ניט שולדיק געווען.

מיט וואָס פאַר אַ כח אַ מענטש קאָן פאַרפאָלגן אַ דראַנג עפּעס וואָס צו טאָן, קאָן אונז דינען אַ פאַל, וואָס דער זעלביקער דר. פּ. אַלעקסאַנדער ברייננגט פון אַ מענטשן, וואָס פּלעגט אַלע ווײַלע מוזן אַרויסנעמען פון קעשענע זיין געלט און איבערציילן, צי די סומע שטימט. ער פּלעגט מוזן אין מיטן וועג, מעג עס זיין וואו עס זאָל ניט זיין, זיך אָפּשטעלן, אַרויסנעמען דאָס ביי־טעלע מיטן געלט און איבערציילן, און ניט איינמאָל. ווי נאָר ער האָט איבערגעציילט, אהא, ער ציילט שוין ווידער, ער מוז שוין ווידער איבערציילן. אפילו אָפּן פראָנט אין מלחמה, אין די סכנה'דיקסטע מאָמענטן, בעת ס'פּלעגט פון אַלע זייטן

קראַנק, ווען דער טויט פלעגט "טויט־מיד ווערן" קאַסנדיק לעבנס. ווען יעדע סעקונדע איז זיין לעבן געווען אין סכנה, פלעגט ער מוזן ארויסנעמען פון קעשענע זיין מאַגערן פארמעגן און ציילן, אין טויט שרעק . . . צי די סומע שטימט!

אין סעגאלאָוויטשעס "תפיסה" געפינען מיר אזא פאל: מען ברייגט אריין אן ארעסטירטן. ער איז אן אנארכיסט. ווי קומט ער צו דעם? ער שטאמט פון רייכע עלטערן. אים האָט גאָרנישט געפעלט — ווי איז ער עס דערגאנגען צו באָמבעס און א. וו.? אמת, פאראן אויסנאמען. איז ער אן אויסנאם, צי איז געווען אן אנדער וועג. וואָס האָט אים געפירט צום אנארכיזם? "ער איז געווען אן בן־יחיד׳ל און אים האָט מען זייער ליב געהאט אין דער היים, אויף די הענט האָט מען אים געטראָגן. מען האָט אים איינגעזונגען, אז ער איז אן איינציקער, אז ער איז דער בעסטער, דער טייערסטער. נאָר זיין פריציש לעבן האָט זיך געענדיקט, ווען ער איז געוואָרן צען יאָר אלט. עס איז דאַן געבוירן געוואָרן נאָך א פרינצל און א טייל פון די עלטערנס ליבע האָט זיך איבערגעטראָגן אויף דעם צווייטן זון . . . דאָס האָט דערלאנגט דעם ערשטן שטויס. ער איז געוואָרן אוים יחסן און דאָס האָט אים געקרענקט. אין יעדער קלייניקייט האָט ער דערזען אן אומרעכט קעגן זיך און ער האָט אָנגעהויבן אלעמען צו טאָן להכעיס . . . ער איז געווארן בייז, אויפגערעגט, געזוכט נקמה. ער האָט גענומען לייענען ביכער. די ביכער זיינען געווען פון אזא מין, וואָס האָבן אים "פאראייניקט מיט אלע באליידיקטע און פארשקלאפטע". ער איז אוועק קעמפן און אויסגעקליבן האָט ער דעם געפערלאכסטן וועג. דאָס איז א סובלימירט אויס־לעבן, נייטראליזירן א וואונד פון אן איפערזוכט געפיל". ער האָט פונקט אזוי געקאָנט ווערן א קאָמוניסט, אָדער גאָר א "דילינדזשער" (א באוואוסטער באנדיט אין אמעריקע, וואָס האָט געשטעלט איוף די פיס גאנצע שטאטן אים צו כאפן...). ער האָט אויך געקאָנט לאנדן אין א היים פאר גייסטיק קראנקע. זייער ווייט קאָן איפערזוכט אוועקפירן א קינד!

פאראן מיליאָנען סיבות, וואָס מאכן א קינד מיד. גליקלאך איז דאָס קינד וועמעס עלטערן, לערער, עס קאָנען זיך דער־

גרונטעוועןָ וועמעס עלטערן ס'קאָנען אויסגעפינען סיבות, וואָס מאכן אים מיד. גליקלאַך איז אויך דאָס קינד וועמעס עלטערן ס'פארשטייען כאָטש, אז א קינד קאָן מיד ווערן. אומגליקלאַך זיינען קינדער וועמעס עלטערן פארשטייען דאָס נישט. נאָך אומגליקלאַכער זיינען קינדער סענסעטיווע, וואָס דער צוגאנג צו זיין דארף זיין כמעט, ווי צו קראנקע. אזוינע קינדער ווערן מיד פון דער קלענסטער סיבה. אזוינע קינדער פילן זיך תמיד געטראָפן, אזוינע קינדער ציטערן תמיד, אזוינע קינדער דוכט זיך תמיד אוים, אז מען איז זיי חושד. סענסיטיווקייט איז א קראנקהייט. דאָס רוב קינדער זיינען סענסיטיוו. ווען א מוטער און פאָטער און לערער פארשטייען דאָס נישט, קאָן דאָס קינד, ספּעציעל דאָס סענסיטיווע קינד, צאָלן א צו טייערן פרייז.

כ'האָב אמאָל בייגעוואוינט אזא פאל אין א שול אין ניו־יאָרק. כ'קום אריין באזוכן די שול. כ'שמועס מיט די לערער. פּלוצלונג קומט אריין דער פּארוואלטער און דערלאנגט א זאָג: "עמיצער האָט ארויסגענומען פון מיין טיש־קעסטעלע צוויי דאָ־לאר קליינגעלט. כ'מוז אויסגעפינען ווער דאָס האָט געטאָן". כ'פּרוביר זיך אריינמישן אין דעם ענין, זאָגנדיק, אז "לאָזט עס אָפּ, קודם איז נישט אין כבוד פון שול, אז א שול־קינד זאָל באַ־גנב'ענען א לערער. מאמעס און טאטעס נעמען דאָס גנב'ענען אנדערש ווי מיר, לערער. איר ווייסט דאָך, אז ווען א קינד גנב'עט איז דאָס אפטמאָל א שפּיל. עס ווערט "איינקויפן" סחורה, — עס ווערט "אָפּזעצן" די סחורה, צעטיילן; אמאָל איז דאָס קינד א געבאָרענער מעצענאט, א בעל־צדקה, אמת, נישט אויף זיין חשבון. מעצענאטעווען דאָך אָבער די אמת'ע "מעצענאטן" אויך נישט אויף זייער חשבון. אָבער ניט נאָר דאָס. ס'ווערט זיך אָנ־הייבן א פראגע, ווער האָט גענומען דאָס געלט. מאמעס און טאטעס און קינדער וועלן אָנהייבן צו ווארפן חשדים. אנדערע קינדער וועלן אריינגעמען אין קאָפּ אריין, אז מען קאָן נעמען . . . נאָך ערגער ווערט זיין מיט סענסיטיווע קינדער אין שול. אָט ווערט איר אזא קינד, פארטראכטערהייט אפשר אמאָל ענטפערן מיט א קאלטן "א גוטן טאָג". אזא קינד ווערט גלייך א טראכט טאָן, דער לערער איז אין כעס, ער מוז מיך חושד זיין. אזא קינד

וועט שוין די נאכט ניט שלאָפן. עס וועט פּרובירן באַווייזן אַז עס איז נישט שולדיק. דאָספּרובירן ווייזן, וועט אַרויסרופן אַ חשד. קורץ דאָס סענסיטיווע קינד, וועט אומשולדיקערהייט ליידן גיהנום ליידן. די אונטערזוכונג אייערע וועט, פון דערציערישן שטאַנדפּונקט, ברייגנען אַ סך שאָדן. אויב איך וועט אפילו גער לייגנגען צו כאַפּן דעם "גנב", שאַפט איר דאָך אַ וואַנט צווישן אייך און אים. אפשר וועט דאָס דאָזיקע קינד אייך אַמאָל דאַרפן, — די וואַנט קאָן אים ברייגנען פאַטאַלן שאָדן. די וואַנט קאָן אים פינסטערן זיין לעבן. פאַרברעכנס ווערן ניט אָפּגעשטעלט פון דעם, וואָס מען שטראָפט, פאַרקערט. איר זאָגט, אַז איר ווילט גלאַט וויסן, דאָס וויסן אייערס קאָן צו טייער קאָסטן דעם קינד און אַנדערע קינדער. געגוג פאַרברעכנס באַגייען מאַמעס מיט זייער חושד זיין און מיט זייער כאַפּן. די וואַנט וואָס מאַ־מעס שטעלן אויף צווישן זיך און דעם קינד קאָסט זיי שפּעטער טייער. ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך. פון גנב'ענען אַ ניקל און אפּי־לו אַ דאָלאַר ווערט מען קיין גנב נישט. כ'ווייסט פון צענדליקער פאַלן, פון פאַרצווייפלטע מאַמעס, וואָס האָבן זיך געשראָקן (און אָפט מיט רעכט, מחמת די קינדער פלעגן "נעמען" אָן רחמנות), כ'ווייס פון צענדליקער פאַלן פון צענדליקער מאַמעס, וואָס האָבן זיך געשראָקן, אומזיסט געשראָקן. די קינדער זיינען אויסגע־וואַקסן ערלאַכע, גראַדליניקע, ריינע, ערלאַכער פאַר אונז". ס'האָט ניט געהאָלפן. דער לערער האָט זיך געטאָן זיין "חוב".

באַגעגנט מיך אַ קינד און זאָגט : "געדיינקט איר מיט אַכט יאָר צוריק האָב איך אויפגעהערט צו גיין אין שול ? ס'האָט נישט געהאָלפן, מען האָט מיך ניט געקאָנט איינרעדן. כ'וועל אייך איצט דערציילן די אמת'ע סיבה. איך בין געשטאַנען מיט משה'ן לעבן אַ טישעלע מיט צוקערקעס. פאַלט פלוצלונג משה'ן איין אַ כאַפּ צו טאָן אַ פּאָר צוקערקעס און אַנטלויפן. מיר לויפן. דער קרעמער לויפט אונז נאָך. מיר לויפן אַריין אין שול, גלייך שאַקע אין קלאַס אַריין. ס'עפנט זיך די טיר . . . דער קרעמער איז דאָ ! און גלייך צו משה'ס ביינקל. דער לערער מישט זיך אַריין : "ר' איד, וואָס טוט איר." אָבער דער ר' איד האָט שוין די צוקערקעס פון . . . מיין ביינקל אַרויסגענומען. משה האָט

דאָס ארייננעלייגט צו מיר אין ביינקל. איך הייב זיך אויף און גיי אהיים. כ'לויף אהיים א פארביטערטער. כ'קאָן מער אין שול ניט גיין. כ'קאָן זיך אויך ניט טרעפן מיט משה'ן. כ'האָב דאָך ניט געקאָנט ארויסגעבן מיין חבר. אָבער ער, משה, האָט גע־מעגט זיין מוטיקער און זיך מודה זיין, אראָפנעמען די שולד פון אן אומשולדיקן". משה האָט אפשר ניט געהאט קיין מוט דאָס צו טאָן, אָבער ווי ערלאך יאנקל איז געווען, ווי מענטש־לאך! יאָ, קינדער זיינען ערלאכער פאר אונז! יאָ, סכסוכים מיט לערער, אָדער "כאפעניש", חשדים פון לערער, פון טא־טעס, פון מאמעס, צעברעכן סענסיטיווע קינדער, מאכן זיי מיד, פויל און קראנק.

קינדער קאָנען אפילו פארזוכן צו גנב'ענען "אָרים צו מאכן", אזוי צו זאָגן, דווקא די, וועמען זיי האָבן נישט ליב, אָדער ווער עס דערגייט זיי די יאָרן. דאָס רעכענען זיי זיך, אזוי צו זאָגן, אָפ. דר. דאָגלאס א. טהאָם ברייננט אזא פאל: "מערי, א יונג קינד, א שוואך קינד, פלעגט האלטן אין איין גנב'ענען פון די ביינק־לאך און פון די קעשענעס פון קינדער. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי פלעגט גנב'ענען נאָר פון די, וועלכע זי פלעגט פיינט האָבן, אָדער וועלכע פלעגן איר דערגיין די יאָרן". הענרי, א בחור'ל, 8 יאָר אלט, אן אנטוויקלט קינד, פון א שיינער היים, האָט אָנגעהויבן צו גנב'ענען. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס האָט ער געטאָן, כדי צו האָבן א מעגלאכקייט אונטערצוקויפן א גרופע חברים, כדי צו זיין פאָפולער.

סעם, אן אויסערגעוויינלאך אנטוויקלט, אינטעליגענט און גוט קינד, האָט אָנגעהויבן גנב'ענען, כדי צו האָבן א מעגלאכ־קייט צו קויפן מילך צוזאמען מיט אנדערע חברים אין שול בעת'ן איבעררייס. די מאמע פלעגט דאָס אים אָפזאָגן. פאר אים איז דאָס אָבער געווען א גוואלדיקער פארגעניגן. טאָמי, ווידער, גנבע'ט, כדי צו לייגן אין באנק, אריבערצושטייגן אין דער סומע אנדערע קינדער אין קלאס, מחמת דער לערער שרייבט יעדע וואָך אויף די סומעס פון דעם אָפגעשפאָרטן געלט פון אלע קינדער אויפן טאָוול. ווער וועט באשולדיקן אין פאר־ברעכערישקייט אָט די אלע קינדער?

ניט ווייניקער מיד און פאַרמאַטערט ווערט דאָס קינד פון עלטערן, וואָס האַלטן אין איין שטאָפּן דעם קינד אין איין לער־נען דעם קינד און גיבן אים נישט די געלעגנהייט צו זיין זעלבסטשטענדיק. ווען אַזאַ קינד ווייזט אַרויס נערוועזישקייט, ווען אַזאַ קינד פּראָטעסטירט דורך אַ חולאַת אָדער דורך "שלעכט" זיין, שטוינט דער פּאָטער. עלטערן ווילן נישט פאַר־שטיין, אַז די מערהייט קינדער ווילן זיין זעלבסטשטענדיק. אמת, גאָר זעלבסטשטענדיק קאָן מען אַ קינד ניט לאָזן, אָבער שטיין איבערן קאָפּ, ניט אַראָפּנעמען די אויגן, שלעפּן שיעור נישט פאַר די האָר, האַלטן אין איין דערציען און "איבערדערציען" ברענגט פאַרקערטע רעזולטאַטן. לערנט אונז וויליאַם ווהייט, אַז "אין דעם גאַנצן פּראָצעס פון קינדס אַנטוויקלונג איז דער ציל זיינער זיך צו באַפרייען פון די עלטערן. דער אמת'ער פאַר־באַדינג פאַר אַ פרייער אַנטוויקלונג, פאַר אַ פולסטער אַנטוויק־לונג איז געבן דעם קינד, וואָס מער פרייהייט. די דאָזיקע עמאַנ־סיפּאַציע פון קינד פאַרזיכערט, אַז עס וועט נישט האָבן קיין שטערונגען, וואָס איז אומפאַרמיידלאַך, אַזוי לאַנג, ווי דאָס קינד איז צוגעבונדן צו שטאַרק צו היים, צו עלטערן. אַ קינד שטרעבט צו אומאָפּהענגיקייט, גיט עס אים אין אַ געוויסער מאָס. אַ פולע און אַ פרייע אַנטוויקלונג פון דעם קינדס פּערזענלאַכקייט איז מעגלאַך נאָר דעמאָלט, ווען דאָס קינד איז פריי פון אַ וועלכער עס איז אָפּהענגיקייט". "אַ קינד דאַרף וואַקסן און בליען ווי אַ ביימעלע, שטיל, אויף זיין אָרט און לויט זיין נאַטור".

קינדער לערנען מער פון זיך אַליין, ווי פון דעם, וואָס מען לערנט זיי. ווען מיר וואָלטן דער נאַטור געגעבן מער פרייהייט (יאָ, דער נאַטור!), ווי פּאַראַדאָקסאַל די השערה זאָל ניט קלינ־גען, וואָלטן אונזערע קינדער אַ סך מער און בעסער געלערנט. אַ קינד האָט גוואַלדיקן פאַרגעניגן פון אַנטדעקונגען, וואָס עס מאַכט אַליין, אָן דער הילף, אָן דער אָנווייזונג, אָן דער "קנע־לונג" פון עמיצן אַנדערש, מעג עס אפילו זיין די באַליבסטע מו־טער. ביי לאָרענס מאַוזמאַן, אין זיין "פּרונעלאַ", זאָגט אַ גערט־נער, אַרומשניידנדיק די ביימעלאַך אַרום דעם פּלאַנקן (פּלויט) פון הויף: "כ'לערן די נאַטור צו וואַקסן, ווי עס באַדאַרף צו

זיין". . . אזוי לערנען מיר דער נאַטור, מחמת מיר זיינען אומ־גערולדיק, מחמת מיר ווילן "בלישטשען" מיט אונזערע קינדער, און מחמת מיר ווילן דורכן קינד דערלעבן פרייד און נחת פון לעבן, אין וועלכע די אומשטענדן האָבן אום'ברחמנות'דיק אונז פאַרזען. אויב איר וועט אוועקלייגן אַפן טישעלע א צאַצקע, וועט א קינד אַרום 2-3 חדשים אַלט אַפילו ניט קוקן אויף דעם; צו 4-5 חדשים אַלט, וועט עס אויף דעם קוקן; צו 6 חדשים וועט דאָס קינד זיך ציען מיט די הענטעלאַך צו דער צאַצקע; צו 7 חדשים וועט דאָס קינד מאַכן דעם ערשטן פאַרזוך באַוואוסט־זיניק עס אָנצונעמען; צו 8-9 חדשים וועט עס פון די פינגער באַ־וואוסטזיניק מאַכן אַזאַ קאָמבינאַציע, אַז ס'וועט פּרובירן אָנצו־נעמען די צאַצקע און א. וו. ווער האָט עס געלערנט דעם קינד? דאָס איז א רעזולטאַט פון נאַטירלאַכן וואוקס און פון א נאַטיר־לאַכער אַנטוויקלונג. די געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג פון היינט צווינגט אונז צו "שטאָפּן" אינם קינד, צו "רייסן גרינס", נאָך ניט פאַרטיקערהייט, מחמת אונזער שרעק פאַר דער עקאָנאָ־מישער צוקונפט פונם קינד. וואָס פאַר א דור פּולבלוטיקע, לעבנסלוסטיקע און גליקלאַכע מענטשן ס'וועלן אויסוואַקסן אין אַן אָרדנונג פון זוניקייט, רואיקייט און שלום. אָבער שוין אין דער איצטיקער שלאַנגיש־וועלפישער געזעלשאַפט מעגן מיר זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם, אַז א סך שרעקן מעגן אָפּגעטעמפּט ווערן, אַז א סך געפאַרן דאַרף מען ניט מגזם זיין, אַז מען מעג געבן וואָס מען פרייהייט, און האָבן וואָס מער גערולדי, אונטער די אומ־שטענדן, צום קינד. דאָס קינד קאָן פון פרייהייט נאָר געווינען, פאַרלירן, פאַרלירט עס נאָר פון "שלעפּן", פון "שטאָפּן", פון האַלטן אים אין איין לערנען. דער חיה'שער מעטאָד צו לערנען יעדע זאַך דורך דערפאַרונג, דורך אַריינגעמען אין זכרון די דער־פאַרונג און עס אויסצונוצן ביי א גוטער געלעגנהייט, איז דער מעטאָד פון קינדס לערנען. וואָס עלטער לערנט זיך א קינד אַלץ מער אויס דורכצומאַכן די דאָזיקע דערפאַרונגען אין קאָפּ, דורך באַטראַכטן, אויסרעכענען, דורך דענקען. ווער האָט עס גע־לערנט? ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל דעם וואוקס, די נאַ־טירלאַכע אַנטוויקלונג.

שוין סאָקראַט און פלאַטאָ האָבן געצווייפלט, צי מען קאָן גוטסקייט, פיינקייט, איידלקייט בכלל לערנען. א קינד קאָן זיך עס אויסלערנען אָן דעם מען זאָל עס לערנען. עס לערנט, וואַקסנדיק, פון ביישפילן, פון לעבן, פונם ארום. כ׳פאָר מיט מיין פאמיליע יעדן יאָר ארוים אויף צוויי חדשים אויף א זומער פלאַץ. אין דער צווייטער הויז פון אונז וואוינט אן איסלענדער. ער האָט סך הכל 7 קינדערלאך. דאָס עלטסטע איז 11 יאָר אלט. האָבן זיינע קינדער א טבע צו שלאָגן זיך, צו שרעקן מיינע קינדער. כ׳פלעג רעדן מיט די שטיפער, זיך בעטן ביי זיי, דער פאָטער און די מוטער פלעגן, פון צייט צו צייט, אפילו באַשטראָפן די "שלעגער". ס׳פלעגט אָבער ניט העלפן. איין יאָר האָב איך באשלאָסן ניט צו רעדן, ניט צו בעטן, נאָר "אונטערצוקויפן" זיי. כ׳פלעג אלעמען דערציילן שיינע מעשה׳לאך און טיילן צוקערקעס. א שעה נאָך דער מעשה׳לע, נאָכן טיילן צוקערקעס, נאָכן ווערן גוט־ברודער פלעגט שוין מיין פייגעלע, 4 יאָר אלט, אריינלויפן מיט א בייל . . . פאראיאָרן האָב איך באַשלאָסן מער ניט צו פאָרן אין דער הייזקע לעבן די "גזלנים". היי־יאָר האָב איך, צוליב אומשטענדן ווידער געמוזט דינגען די דאָזיקע הייזקע, וואו כ׳בין אָפגעזעסן פינף זומערס נאָך דער ריי. צו מיין גרעסטער פרייד האָבן זיך איינגעשטעלט די בעסטע באציאונגען צווישן אלע קינדער. מען האָט זיך פשוט ליב. ניט קלעפ, ניט לעקציעס, ניט צוקערקעס האָבן געקאָנט העלפן. זיי זיינען עלטער געוואָרן, פארשטענדיקער, קליגער. זיי האָבן נאַטירלאך איבערגעוואקסן דעם פעריאָד פון הנאה האָבן פון שפיל זיך צו שלאָגן. זיי זיינען אריבער אין אן אנדער פעריאָד, אין פעריאָד פון הנאה האָבן צו שפילן צוזאמען, צו האָבן פריינט און א. וו. קינדער לערנען אליין טיפער.

שפילט פייגעלע, 5 יאָר אלט, מיט מירעלען, 3 יאָר אלט, א שפיל. זיי זיינען מאמעס. פייגעלע איז חבר׳טע בלאָשטיין און מירעלע חבר׳טע קופ. "האלא, חבר׳טע קופ, וואָס מאכט איר?". "א דאנק, מען איז געזונט, מיר גייען היינט צו איטאָנס". "און איך קלויב זיך וואשן גרעט. וואָס מאכט חבר קופ?" "פיין". "וואָס מאכט ליוסי?" "פיין". "וואָס מאכט אייער מי־

רעלע?" — "איך בין ניט מירעלע, כ'בין חבר'טע קופ!" "כ'וויים, כ'וויים, אָבער וואָס מאכט מירעלע?" — "איך בין ניט מירעלע, איך בין חבר'טע קופ". "אָבער די אמת'ע חבר'טע קופ האָט דאָך א מיידעלע מירעלע, דו ביסט עס, אָבער איצט ביסטו דאָך חבר'טע קופ, קאָן איך דאָך פרעגן, וואָס מאכט מירעלע". — "כ'בין ניט מירעלע, איך בין א לײדי (א פרוי), חבר'טע קופ". די דריי יאָריקע האָט בשום אופן ניט געקאָנט פארשטיין, אז מען קאָן די אמת'ע מירעלע, וואָס איצט איז זי "חבר'טע קופ", פרעגן אויף איר "טעכטערל". — מירעלע איז א זעלטן קלוג, אנטוויקלט קינד, עס זינגט א סך לידעלאך, עס ווייסט ווען צו ליבן, אָבער עס איז נאָר דריי יאָר אלט. מיינט איר חלילה, אז די מוטער וועט זיך אוועקזעצן ארײנקלאפן אין קאָפּ ארײן איר טעות — ניין, זי וועט עס דערלערנען פון זי אליין, עס וועט דערגיין אליין צו דער חכמה. — קינדער לערנען אליין.

"נישט איין קינד וואָלט דערגרייכט דעם ווייטסטן אינטער־לעקטועלן פּראָגרעס, ווען ניט די אומגעדולדיקייט פון די על־טערן און פון די לערער צו האלטן אין איין געבן און פון צופיל געבן מיט אמאָל" (בערטראם ראָסל). דאָס מאכט דאָס קינד נער־ווועז און מיד און קראנק און פויל.

איצט, ליבע מוטער, א פּאָר ווערטער וועגן דעם, וואָס איר פרעגט מיר, ווי אויסצולערנען די קינדער ניט מורא צו האָבן. אין איינעם פון מיינע בריוו צו אייך, ליבע מוטער, האָב איך אײך שוין געשריבן וועגן די געפארן, צו וועלכע דאָס קינד איז אונטערוואָרפן, ווען מ'ברענגט אין אים דעספּאָטיש דאָס געפיל פון מורא האָבן. א מענטש קאָן מורא האָבן פאר אָפענע פלעצער, פאר פארמאכטע פלעצער, מחמת דאָס דערמאָנט אים נישט באַ־וואוסטזיניק וועגן א וועלכן עס איז פאל פון העט־העט ווייט, פון דער פריסטער יוגנט אפשר. דער אָפענער פלאץ טויכט אין אים אויף עפּעס וואָס, וואָס האָט פּאסירט מיט יאָרן און יאָרן צוריק. צווישן דער פּאסירונג אין דעם געגעבענעם מאָמענט און דער פּאסירונג, וואָס האָט געטראָפן מיט צענדליקער אפשר יאָרן צוריק שאפט זיך א געוויסע שייכות, א פאדים. לאָמיר זאָגן, אז בעת ער איז געווען דריי יאָר אלט איז אים א הונט

באפאלן. ער האָט זיך אלס קינד שטארק דערשראָקן. דאָס האָט געטראָפן אין גאָרטן. אמת, דער מענטש וועט זיך ניט שרעקן פאר א גאָרטן, אָבער דער גאָרטן טויכט אויף אין אים דאָס גע־פיל פון שרעק. וועקט אויף אין אים א וואונד. מיט דעם דער־קלערט זיך, וואָס אָפטמאָל קלאָגן זיך מענטשן אז "אים נאָגט דאָס הארץ, אז אים טוט עפעס דאָס הארץ וויי", ניט ווי֗סנדיק פארוואָס. מען שרייבט דאָס צו צו א פאָרגעפיל. אין דער אמת'ן האָט א וועלכע עס איז קעגנשטאנד, קול, סיטואציע, זאַך אָדער ענלאכקייט אויפגעוועקט אינם מענטשן א וואונד פון אפשר פאר צענדליקער יאָרן צוריק.

נעמט אזא פאל : אין פלוג גענומען איז עס א קלייניקייט. דער פאָטער האָט פארלאָרן זיין שטעלע. געמוזט אריבערציען זיך אין א גרעסערער שטאָט. דאָס קינד קומט אריין אין א נייער ענגלישער שול. סארא טומל, ווי גרויס די געביידע איז, אלץ אזוי פרעמד. דאָס קינד שרעקט זיך. יעדן אוונט, ווען עס גייט שלאָפן איז עס נערוועז — מאָרגן וועט עס ווידער אריינפאלן אין "גיהנום". עס שטייט אויף — עס איז ווי צעטומלט — גוט, ווען א מאמע כאפט עס אויף. גוט, ווען א קינד האָט אין זיך גענוג כחות איבערצולעבן, צו נייטראליזירן די שרעק. גוט ווען דאָס קינד האָט אין זיך ניט קיין נייגונג צו נעווראָזן, אנדערש ליידט דאָס קינד גהינום ליידן פון שרעק. אנדערש איז אזא ענ־דערונג אין לעבן טויט — סכנה'דיק פאר דער נשמה פון קינד.

אך, מיט וויפל שרעקן אונזערע קינדער גייען ארום. וואָס וועלן זיך אין זיי אפשר ביי "גינסטיקע" אומשטענדן שפּעטער אָפּרופן. שרעק קאָן קומען פון שרעקן דאָס קינד מיט א "בוגי־מען", מיט א אלטן זיידן, וואָס וועט קומען מיט א זאק, מיט א טאָרבע. א קינד קאָן זיך דערשרעקן פון א שריפה, פון צוויי־גען דאָס קינד צו זען דעם לעצטן מאָל דעם פאָטער אָדער די מוטער. פון צווינגען דאָס קינד ארייננצוגיין אין א צימער וואו עס ליגט א מת, צוליב א סגולה. וויפל מענטשן האָבן באצאָלט מיט זייערע לעבנס פאר דעם אבערגלויבן. אז אָנרירן מיטן האנט פון א טויטן א קינדס בעקעלע מאכט אים גליקלאך. וויפל קינדער לעבן איבער שרעקן נאָכן טויט פון אן אלטער באָבען,

ביי זיי אין שטוב. איז מיר אויסגעקומען צו צוהערן זיך צו א שמועס, וואָס א מאמע האָט געהאלטן מיט אירע צוויי קינדער נאָכן טויט פון איר אלטער מוטער. "זעט איר, קינדערלאך, ווען איר זאָלט באערדיקן א פויגעלע און אויפעפענען דעם קבר'ל אין א 4-3 יאָר ארום, וועט איר דאָרטן גאָרנישט ניט געפינען. דאָס פויגעלע האָט זיך צעלייגט. דאָס פויגעלע האָט זיך אויפגעלייזט אין דער ערד און באפרוכפערט די ערד. ס'זיינען אויסגעוואקסן אפשר בלימעלאך צי גרעזעלאך, וואָס האָבן זייערע פארגעניגנס אין זייער לעבן. דאָס פויגעלע איז נישט ארויפגעפלויגן ערגעץ וואו אפן הימל. דאָס פויגעלע איז נישט געשטאָרבן. דאָס פויגעלעאיז איצט געוואָרן א בלימעלע, א גרעזעלע. מיט טויזנטער און טויזנטער יאָר צוריק, אז א מענטש פלעגט שטארבן און מען פלעגט אים באערדיקן און שפעטער, דורך א צופאל דארפן עפענען דעם קבר. פלעגט מען דאָרטן גאָר נישט ניט געפינען. די דעמאָלטדיקע מענטשן האָבן נישט פארשטאנען די געזעצן פון אייביקן לעבן. האָבן נישט געוואוסט, אז קיין זאך ווערט נישט פארלאָרן אין נאטור און אין לעבן. דאָס הערלאכע, דאָס גרויסע, דאָס גייסטיקע בלייבט איבער די דורות, וואָס פאָלגן נאָך, דאָס קערפערלאכע ווערט פארוואנדלט אין עפעס וואָס אנדערש, וואָס נערט און פלעגט לעבנס, אָדער וואָס שאפט לעבן. אָבער, אז דער דעמאָלטדיקער מענטש פלעגט אין קבר גאָרנישט ניט געפינען פלעגט ער דענקען אז דער מענטש גייט משמעות פון קבר ארויס און פליט ארויף אויפן הימל. אפשר קומט ער צוריק. אפשר כאפט ער זיך אמאָל אריין. קיין נסים טרעפן אָבער איצט נישט. דאָס, וואָס האָט געטראָפן מיט א שעה צוריק, ערגעץ וואו אין דרום אפריקע, קאָנען מיר באלד זיך דערוויסן דורך דער ראדיאָ, אָדער דורך דער פרעסע. פאר די לעצטע 50 יאָר, אז עס ווערט ערגעץ וואו אין אוסטראליע געבאָרן א קעלבעלע מיט צוויי צינגער, למשל, ווייסט עס גלייך די גאנצע וועלט. ווען עס וואָלט געוועזן אזא פאל ווי קומען פון "יענער וועלט" צוריק, וואָס עס איז דאָך אויסגעשלאָסן, איר פארשטייט דאָך, וואָלט די גאנצע וועלט געוואוסט". די מוטער האָט אין משך פון א לייגנערער צייט געפירט סיסטע-

מאטישע שמועסן אזוינע מיט אירע קינדער, און אַף אזא אופן אָפּגעטעמפּט ביז א געוויסן גראד די שארפקייט פון שרעק פארן טויט.

כ'וואָלט אייך רעקאָמענדירט צו דערציילן קינדער וועגן טויט צווישן חיות. יעגער און וויסנשאפט מענטשן דערציילן פון זייער דערפארונג, ווי זיס און רואיק א חיה שטארבט. די חיה דרייט זיך צענויף, ווי ס'וואָלט גיין שלאָפן, פארלייגט דעם קאָפּ אָן א זייט, באקוועם, און דרעמלט איין אין אן אייביקן שלאָף, שטיל, רואיק און זיס.

וויליאם דזש. לאָנג דערציילט אין זיין "מוטער נאטור", א פאל, וואָס האָט געטראָפן טאקע מיט אים אליין. אין א שרעקלאכן פראָסט האָט ער מיט זיין געהילף, אין א ווינטער־נאכט, ארומגעוואנדערט אין די ווילדערנישן פון א וואלד. זיי, ער און זיין געהילף, זיינען געווען טויט מיד און הונגעריק. דער שניי איז געווען א ווייכער, האָט דאָס נאָך שווערער געמאכט זיי דעם וועג. שלעפנדיק זיך אזוי, קוים מיט די לעצטע כחות, איז זיי באפאלן א שרעקלאכער שלאָף, און האָט זיי נאָך שטארקער געמאכט די פיין פון הונגער און איבערמידונג. קיינמאָל אין זייער לעבן האָט דער שניי זיי ניט אויסגעזען אזוי ליב, אזוי זיס, אזוי ווייך און אזוי צוציענד־לאָקנד, ווי דאָס מאָל. דער שניי האָט אזוי ווי גערופן און פאָרגעלייגט א ווייכע בעט. די אויגן האָבן זיך געהאלטן אין איין פארמאכן, די פיס אין אָפּזאָגן זיך צו דינען, און דער שניי רופט, לאָקט און זאָגט צו. לאָנג האָט א זאָג געטאָן צו זיין באגלייטער : "איך וועל מיך צולייגן אביסעלע. דו צייל אָפּ 30 און וועק מיט אויף. אויב כ'וועל מיך ניט אויפכאפן, שלאָג מיך מיטן שטעקן". די ערשטע קלעפּ, דערציילט לאָנג, האָט ער געהערט, די וויטערדיקע ניט. ער איז איינגעזונקען געוואָרן אין א ווארימען, זיסן חלום. פארשטייט זיך, אז דער באגלייטער האָט מיט די לעצטע כחות זיינע אויפגעוועקט לאָנגן. זיי האָבן זיך געשלעפּט ווייטער. ניט איינמאָל האָט זיי געצויגן אנידערצופאלן אין שניי און איינצושלאָפן. אלע געפילן, אלע פארלאנגען זיינען אטראפירט געוואָרן, ס'האָט געברענט איין פארלאנג, דער פארלאנג נאָך א ווארימען אָפּ־

דאך, וואו מען זאָל קאָנען שטילן דעם הונגער, אריינפאַלן אין א וואַרימער בעט און שלאָפן, מעג עס זיין דער לעצטער שלאָף, דער אייביקער שלאָף, פון וועלכן מען שטייט שוין ניט אויף וואָס מיר טויט, וואָס מיר שרעק, — שלאָפן! ווי זיס דער שלאָף איז! זיי שלעפן זיך, פלוצלונג זעט לאַנג, אז זיין באַגלייטער איז פארשוואונדן, ער קערט זיך אום זוכן זיין געטריישן דינער. ער געפינט אים. יענער ליגט אין א זיסן—טויטן־שלאָף. אפילו מיט א שמייכל אפן פנים. לאַנג וועקט אים, רייסט פון אים שטיקער, שלאָגט אים, ממית'ט אים. דער באַדינער כאַפּט זיך אויף און שילט, שלאָגט צוריק, איז בלוטיק בייז פאר אָפּרייסן אים פון אזא זיסן שלאָף. אלע געפילן זיינען טויט; ער וויל קיין זאך ניט; זאָגט אים צו די גרעסטע גליקן, ער ווארפט אייך אלץ אין פנים. ער וויל שלאָפן, ס'איז דאך אזוי זיס דאָס שלאָפן. טויט? וואָס מיר טויט — וואָס מיר שרעק — שלאָפן! אזא זיסער שלאָף באַפאַלט די חיות פארן טויט. זיי שלאָפן איין, זיס, שטיל, פריי און רואיק. ניט האָבנדיק צו קיינעם קיין טענות און ניט פארלאַנגענדיק קיין זאך ניט, א חוץ שלאָפן.

קוקט זיך צו צום טויט פון א הונט. ער איז ביים לעבן געווען אייער פריינט. ניט אָפּגעטראָטן פון אייך. איצט האָט איר אים געפונען ערגעץ וואו ווייט פון שטוב, אין א ווינקעלע איינגענורעט, צוזאַמענגעדרייט, ווי ער וואָלט געשלאָפן זיין זיסן אייביקן, שלאָף. אזוי זוכן אלע חיות אָפּ אן איינזאַמען ווינקעלע, ווען זיי דערפילן אומבאַוואוסטזיניק, א זיסן דראַנג צום שלאָף, וואָס איז שוין דער לעצטער שלאָף.

חיות וואָס שטאַרבן פון הונגער, אָדער פון אַלטקייט, פאַרלירן פארן טויט יעדן שפּור פון שרעק. זיי וואַנדערן ארום, ווי אין א חלום, געפינען א רואיקן שטילן פּלאַץ און שלאָפן איין. אזוי וואַנדערט ווי אין א חלום ארום אויך א מענטש, ערגעץ וואו אין א מדבר, געפייניקט פון הונגער. קודם פילט ער א שוואַכקייט, שפּעטער א טויטע מידקייט, און צום סוף הייבט אים אָן צו ציען צום שלאָף אזוי זיס, אזוי ליב. משמעות איז דער טויט דאך א זיסער שלאָף.

מען האלט אז אפילו חיות, וואָס ווערן צעריסן פון אנדער־רע חיות, פילן ניט קיין ווייטיקן. זיי ציט נאָר צום שלאָף. די לעצטע מינוטן זייערע זיינען מינוטן פול מיט כעס, פול מיט רציחה, מיט שיינבארע ליידן, מחמת מען שטערט זיי איינצו־שלאָפן דעם זיסן שלאָף.

אז א סך מעשיות פון ליידן, ווייטיקן און פיינען ביי חיות זיינען איבערטריבן איז קיין צווייפל ניט. ווען איר איבער־שניידן א וואָרים אין צווייען, וועט צו דער קאָפּ־העלפט צוואוואקסן א נייער עק, און צו דעם עק־זייט א נייער קאָפּ. איר שערט אָפּ פון א סטרעקאָזע איר קערפּער בעת׳ן עסן, די מויל זעצט פאָר ס׳עסן. מען האלט אפילו, אז ווען אמייזעלע איז אין די נעגל פון א קאַץ פילט עס מער ניט קיין שרעק. ס׳מייזעלע פילט ניט קיין שרעק און קיין פיין אפילו דעמאָלט, ווען ס׳קע־צעלע שפּילט מיט דעם. ס׳מייזעלע איז ווי אין א חלום. עס ציט דעם מייזעלע צום שלאָף און ווען ס׳קאָן רעדן, וואָלט עס געבעטן דער קאַץ, וואָס גיכער עס צו פארצוקן, ס׳וויל שלאָפן. שלאָפן איז דאָך אזוי גוט, אזוי זיס, אזוי ליב.

די נאטור אליין האָט פארזאָרגט, אז דער מענטש און די חיה זאָל קאָנען גרינג, און רואיק, און זיס אריבערגיין פון איין עקזיסטענץ אין א צווייטער. ווער ווייסט, אפשר איז דאָס גוסס׳ן, דאָס ביטערע גוסס׳ן, א רעזולטאט פון שרעק פארן ״ביטערן״ טויט, וואָס איז אין דער אמת׳ן גאָר זיס. פון קליינווייז אָן שרעקן מיר דאָס קינד מיטן טויט. דער טויט ווערט אומעטום און תמיד אידענטיפיצירט מיט דאָס שרעקלאכסטע, מיט דאָס גרויזאמסטע, בעת אין דער אמת׳ן איז דאָס אפשר א זיסער פּראָצעס פון איבערגאנג פון איין עקזיסטענץ אין א צווייטער. הייסט דאָך דער מלאך המות אויך מ ל א ך און ניט שד. א מלאך ברייננגט דאָך פרייד, גליק, גוטס. דאָס שטעלן מיר זיך פאָר דעם מלאך־המות פאר טויט שרעקלאך. דער אומגליק איז נאָר, וואָס קיינער האָט ניט געקאָנט צוריקקומען און דערציילן, ווי ליב ער איז דער סוף און ווי זיס. אויך מיר, מענטשן, זיי־נען א שטיק נאטור. אויך מיר פארלירן זיך ״שלאָפן איין״, ווען מיר באגעגענען זיך פנים־אל־פנים מיטן טויט, מיט א שלאנג,

למשל, מיט א בער און א. וו. מיר פילן ניט קיין ווייטיקן און קיין שרעק, בעת מיר זיינען אויפגערעגט; אזוי דערפליט א מענטש ווייניקן, א "לאנגע" צייט ערשט נאָך דעם ווי ער האָט צעבראָכן זיין פוס.

מיט 20 יאָר צוריק איז עס געווען. כ׳געדיינקט עס אָבער ווי היינט. פאַראַן מאָמענטן אין לעבן, וואָס איר קאָנט זיי בשום אופן ניט פאַרגעסן. ס׳ברענט די שלאכט. מענטשן פאַלן, ווי פליגן. אָט ליגט מיין פעלדפעבל, אויסגעצויגן, מיטן פנים צום הימל. כ׳זע אין מיין געדאַנק זיין קינד טאַשע, מיינס א תלמידה. ניט פאַרגעשטעלט זיך, אז כ׳וועל אַמאָל זען אָט דעם אמת־פאָלקסטימלאכן, גוטמוטיקן, גאָלדענעם מענטשן, דעם גיבור — טויט. אָט קרעכצט מיין חבר זשיטאָמירסקי. ניטאָ אָבער קיין צייט און קיין מעגלאַכקייטן צו צולויפן, העלפן. מען טרייבט, מען יאָגט. אָט ליגט א בארג הרוגים, אָנגעוואָרפן, ווער ווייסט, אפשר שלאָגט נאָך אין אייניקע פון זיי לעבן, אפשר שעפּטשען זייערע ליפּן א תפלה, אפשר טרערן נאָך זייערע אויגן. עס קראַכט, עס בליצט, עס דונערט, מענטשן פאַלן, מענטשן קאָרטשן זיך, מענטשן לויפן און בלוט גיסט זיך פון זיי, ווי פון עמערס — און די בלימלאַך בליען, די זון שיינט, דער הימל איז אזוי ליכ־טיק און ריין . . . וואָס ליג איך דאָ ? עפּעס קאָן איך זיך פון אָרט ניט רירן . . . ליג איך שוין לאַנג אזוי ? אפשר בין איך פאַרוואונדעט, אָבער וואו ? כ׳זוך, כ׳קאָן ניט געפינען, פלוצלונג, אַי, מיין האַנט . . . מער געדענק איך ניט. כ׳האָב זיך אויפגע־כאַפּט אף א פור, מען פירט אונז ערגעץ וואו. יאָ, דער קלאַפּ האָט משמעות מיך פאַרשטיינערט, נאָר פאַרשטיינערט, כ׳האָב ניט געפילט קיין ווייטיקן, ווי נאָר כ׳האָב דערזען די פאַרבלו־טיקטע האַנט, האָב איך גע׳חלש׳ט פון . . . שרעק און משמעות זיך איינגעשלאָפן. אמת׳ע ווייטיקן, אמת׳ע ליידן האָב איך ערשט געפילט אפן וואָגן. ווי, ווען איך שטאַרב אזוי — כ׳וואָלט זיכער געשטאָרבן מיט א זיסן טויט.

טויט ! אויך מיר א ענין ! אמת, ווען דער מלאך המות זאָל גלייך צוקומען מיט א באַפעל־צעטעלע פונם רבונו של עולם אריבערצוציען מיין נשמה אין אן אנדער דירה, מעג די דירה

זיין אַ וואָרימערע, אַ ליכטיקערע, מעג זי אַפֿילו זיין אין גן־עדן, וואָלט איך דאָך געזען אונטערצוקויפֿן דעם מלאך המות, ער זאָל אָפּלייגן די אַרבעט אויף שפּעטער . . . און ווען דער "שפּעטער" זאָל אַפֿילו קומען, אין יאָרן און יאָרן אַרום, וואָלט איך אויך געזען, אַז ער זאָל זיך ווידער אומקערן מיט ליידיקן, אָבער, אַז אַ פֿאָטער זאָגט, "ווען מיין טאָכטער הויבט אָן שפּילן, בין איך אין די הימלען, כ׳וואָלט זיך גרינג קאָנען אויפֿלייזן אין די דאָזיקע הימלען, אַך ווי זיס וואָלט אַזאַ טויט געווען". . .; אָבער, אַז אַן עלטערע פֿרוי, וואָס וויל לעבן און פֿאַרגייט זיך אין נחת און פֿרייד, וואָס אירע קינדער זיינען אַזוינע ערלאַכע, גראָדליניקע, כאָטש זיי גייען אין אַנדערע וועגן, ווי זי וואָלט געוואָלט אָבער, ווען אַזאַ פֿרוי דערציילט, אַז "כ׳האָב קוים איבערגעלעבט די נאַכט, ס׳איז מיר אַזוי שווער געווען, כ׳האָב אָן אַלץ און אָן אַלעמען פֿאַרגעסן, כ׳האָב פּשוט געוואָלט שטאַרבן, זיך באַפֿרייען פֿון די ליידן, דער טויט וואָלט מיר באמת געווען זיס". טראַכט איך, אַז ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך פֿאַרן טויט. אָדער שלאָפֿט דער מענטש איין אין אַ זיסן געשמאַקן שלאָף, אָדער אַטראָפֿירט די נאַטור אינם מענטשן אַלע זיינע ליידנשאַפֿטן, אַלע זיינע בענקשאַפֿטן און ליבעס אַזוי, אַז דער טויט איז גאָר ניט ביטער, ביטער איז נאָר פֿאַר די, וואָס בלייבן איבער. אפשר דערקלערט רזיך מיט דעם, וואָס רעליגיעזע מענטשן זאָגן וועגן אַ מת, אַז "א״ם איז שוין גוט". . . מיר, פֿרייע, לאַכן פֿון דעם . . .

אַזוינע שמועסן מיט קינדער קאָנען אָפּטעמפּן אין זיי זייערע שרעק־געפֿילן. ליידער אָבער פֿאַרשטייען עלטערן נאָך ניט גענוג וואָס פֿאַר אַ ווערט ס׳האָט פֿאַרן קינד די אָפּטעמפּונג, די נייטראַליזירונג פֿון מעג זיין אַ האָרעלע שרעק. שרעק איז דער שד, וואָס האַלט אונז אין זיינע בלוטיקע נעגל און חושכ׳ט, און פּייניקט, און ברעכט און פֿינסטערט ס׳לעבן, און פֿאַרשטערט גליק און רו.

פֿאַראַן מעשה׳לאַך וואָס מען קאָן דורך זיי אָפּטעמפּן די שאַרפֿקייט פֿון שרעק פֿאַרן טויט. אַזוי לייענען מיר ביי ענדערסאָן וועגן דעם בוימעלע, וואָס דערשרעקט זיך אויף טויט, ווען עס דערזעט, אַז מען האַקט אַרונטער אַ בוים. אַז ס׳דערוויסט

זיך אָבער, אז עס וועט זיין א טייל פון א שיף, א מאסטבוים, אז ס׳וועט שווימען איבער טייכן און ימים, אז ס׳וועט אויסזיין אין שטעט און לענדער — קאָן זיך עס ניט דערוואַרטן, ווען מען וועט עס אראָפּהאַקן, עס זאָל האָבן דעם פארגעניגן, וואָס ס׳וועט באלד האָבן דער בוים, וואָס איז אָט אקאַרשט געפאַלן. די צייט איז געקומען, עס ווערט אָבער א "קריסמעס בוימעלע". מען פוצט עס אויס, מען באהיינגט עס מיט צאצקעס — א מחיה, א פארגעניגן, א פרייד, א יום טוב (מערקט אייך, נאָכן טויט). מען שלעפּט עס נאָך יום־טוב ארונטער אין קעלער, מען ווארפט עס ארויס אויפן הויף — א מחיה, ווידער זון, ווידער הימל; מען צעהאַקט עס, מען ווארפט עס אריין אין אויוון — אך, ווי גוט. ווי שיין עס פלאַקערט, און ברענט. און קינדערלאך ווארימען זיך — ניטאָ קיין טויט! מען מעג ענדערן אביסעלע דעם אינ־האלט פון א מעשה. א סך פון אונזערע מעשה׳לאך בעטן זיך אזש, בעטן זיך רחמים, מען זאָל דעם אינהאלט זייערן אבי־סעלע ענדערן. לייען איך א מעשה׳לע: זיצט א שניידער און נייט. יעדן טאָג גייט פארביי א העלפאַנט. דער שניידער טראַק־טירט אים מיט א שטיקעלע צוקער. איינמאָל, דער שניידער איז אין א שלעכטער שטימונג, ער טרייבט אוועק דעם העלפאַנט, ניט נאָר דאָס, ער דערלאַנגט אים א שטאָך מיט א נאָדל אין נאָז אריין. דער העלפאַנט זופּט אָן פון לוזשע בלאָטע און באַ־שפּריצט דעם שניידער . . . זייער דערציעריש. ניטאָ וואָס צו רעדן. ס׳וואָלט א סך קינדערשער און עטישער געווען, ווען דער העלפאַנט זאָל אוועק, אויף מאָרגן קומען, בלייבן שטיין און מיט די אויגן "שטעכן", אזוי צו זאָגן, דעם שניידער . . . דער שניידער גיט אים ווידער א שטיקל צוקער — ער נעמט אָבער ניט. ענדערט ווי איר ווילט, נאָר שפּריצט ניט מיט בלאָטע, נאָר נעמט ניט קיין נקמה, נאָר "צאָלט" ניט אָפּ . . . און א. וו.

פאראן נאָך א סיבה, וואָס רופט ארויס שרעק אינם קינד. די דאָזיקע סיבה אָבער וועלן מיר נישט קאָנען פארשטיין, אויב מיר וועלן זיך נישט באקאָנען מיט שרעק, וואָס אנטשטייט ביי א מענטשן, צוליב א נישט באפרידיקטן, א נישט נייטראליזירטן סעקסועלן דראנג. פרויד לערנט אונז, אז אויב א מאן אָדער א

פרוי ווערט, למשל, סעקסועל אויפגערייצט און באפרידיקט נישט געגוג שטארק דעם דראנג, פאלט ער אדער זי אריין אין א שטימונג פון שרעק. פרויד דערציישל פון זיין פראקטיק, אז אים פלעגט גרינג געלינגען אויסצוהיילן אזוינע פאציענטן. ער פלעגט זיי עצה'ן אנצוהויבן לעבן געשלעכטלאך נארמאל, מחמת דאס איבעררייסן אינמיטן, דאס ניט ענדיקן דעם געשלעכטס פארקער, כדי צו פארהיטן פאלגן, פירט צו שרעק קאמפלעקסן.

ווען א קינד קאן ניט באפרידיקן א ווילכן עס איז פארלאנג, ווען א קינד קאן ניט נייטראליזירן דעם ליבידא (די טרייב־קראפט פון אן אינסטינקט), ווען א קינד וויל עפעס וואס, ווען א קינד וויל עפעס וואס זייער שטארק קריגן און קריגט עס נישט, ווערט דער דאזיקער פארלאנג, דער דאזיקער דראנג אויפגע־לייזט אין א שרעק שטימונג. וואס צעפעסטשעטער א קינד איז, אלץ גרעסער די אנטוישונג פון א ניט באפרידיקטן פארלאנג, אלץ שטארקער די שרעק. ווען א קינד ווארפט זיך ארונטער אויף דער ערד, קריגט היסטעריקע איז עס געזונט פארן קינד, מחמת ס'נייטראליזירט דעם שרעק.

קינדער שרעקן זיך, לערנט פרויד, ניט אזוי פאר פינסטער־קייט, ווי פאר איינזאמקייט. ס'האט מורא צו בלייבן אליין. א קינד ווען עס האט א רייכע פאנטאזיע, ווען עס לעבט זיך אויס זייער א סך נישט רעאל, שרעקט זיך תמיד מען זאל דאס ניט אפרייסן פון זיין "שפיל".

"א קינד ווערט געבארן פון "זינד", האט מען אונז געלערנט, דערפאר איז יעדעס קינד שלעכט. פון דעם קומט דער חוב פון דער "סביבה ארויסצוקלאפן" פון קינד דאס שלעכטע. שרעק איז דער בעסטער מיטל געווען. שרעקן דאס קינד, אז עס וועט זיין אויף אייביק פארשאלטן, אויב ס'וועט . . . שרעקן דאס קינד, אז ס'וועט געברענט ווערן אין גיהנום, אויב ס'וועט . . . שרעקן דאס קינד, אז דער שד וועט איבער אים האבן די גאנצע שליטה אויב ס'וועט . . . איז געווען דער צוגאנג צום קינד פון נעכטן און איז אין א גרויסער מאס ליידער אויך דער אויסגאנג פונקט אין דערציאונג פון היינט. דער אונטערשייד איז נאר, וואס מען שרעקט דאס קינד ניט מיט קיין גיהנום אויף יענער וועלט, איז

מיט א גיהנום אויף דער וועלט. אויב דו וועסט ניט זיין גוט וועט . . . אויב דו וועסט זיך ניט גוט לערנען וועט . . . דער דרעסירער פון חיות ווייסט שוין היינט, אז דער בעסטער מיטל צו לערנען חיות איז נישט דורך שרעק און נישט מיט בייזן, נאָר דורך רואיקייט און ליבע. וויפל מאַמעס ווילן נאָך היינט ניט שיינקען די דאָזיקע פּריווילעגיע זייערע קינדער, וועלכע זיי פּרעטענדירן, אז זיי ליבן זיי.

ווילט איר נאָר האָבן טענות צו א מאַמען, קומט זי גלייך מיט ירושה'שאַפט, זי איז נעבאך ניט שולדיק. ירושה'שאַפט איז א וויכטיקער ענין אָבער ניט אַלץ. דערציילט סיילם פון אזא פאל: דער זיידע איז געווען א לערער, אָבער א גזלן, זייער א בייזער, שלעכטער מענטש . . . דער טאַטע זייער א שווערער מענטש. די מוטער האָט שטענדיקע קאָפּ-ווייטיק. נישט איינמאָל האָט זי אויך געהאַט נערוועזע צוזאַמענברוכן. אין שטוב האַס, שנאה, מחלוקת און קלעפּ. ער איז געווען א סאָציאַליסט און זי א פרומע. ער פלעגט זי באַשולדיקן אין קעגנוואַרט פון קינדער אין אומטרייקייט. נאָענטע מענטשן, וואָס האָבן אים געקאַנט, פלעגן זאָגן, אז ער איז א גוטער און, אז זי איז משוגע. נאָענטע מענטשן, וואָס האָבן געקאַנט די מוטער פלעגן זאָגן, אז זי איז א גוטע און, אז ער איז משוגע. דאָס אינגל ווייזט ארויס סימנים פון דעפּעקטיוויקייט. די עלטערן גט'ן זיך. דער פאָטער וויל צונעמען די שטוב. האָט דאָס קינד גע'ירשנ'ט עפּעס וואָס פון טאַטן, וואָס איז געווען א שווערער מענטש, פון זיידן, וואָס איז געווען א "גזלן", פון דער מוטער, וואָס איז זיכער געווען נערוועז? ביי א לאַנגער פאָרשונג האָט דער דאָקטאָר געגומען פאַרטיידיקן דעם פאָטער. ער איז נעבאך ניט שולדיק, ער איז קראַנק, אפשר ארבעט נישט נאָרמאַל ביי אים א דריז, זיין לעבן איז אים אויך נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. וואָס מער דער דאָקטאָר האָט נייטראַליזירט דעם ווייטיק, דעם וואונד אין הארצן פון קינד, וואָס איז געווען א רעזולטאַט פון זיין האַס צום פאָטער, אַלץ רואיקער, אַלץ געזינטער איז געוואָרן דאָס קינד. אזוי איז געראַטעוועט געוואָרן א לעבן. סתם שרייען ירושה-שאַפט — ברענגט נישט קיין נוצן.

יאָ, ירושה'שאַפט אָבער מגזם זיין די באַדייטונג פון ירו־שה'שאַפט ביז אַן אַבסורד איז פונקט אַזוי געפערלאַך, ווי אוועקמאַכן זי מיטן האַנט. מגזם זיין ירושה'שאַפט מיינט אַריינ־פאַלן אין פאַטאַליזם, מיינט זיך פילן פאַרלאָרן, מחמת "ס'איז דאָ פון וועמען צו ירשה'נען"...

אַט שווימען אַריין די סעמען־פיש פונם שטילן אָקעאַן אינם קאָלומביא טייך אַריין, כדי אויסצוגיסן דאָרטן זייערע ספּערם־קעמערלאַך. דער שטראָם אינם קאָלומביא טייך איז אַ שרעקלאַך גיכער. דער שטראָם רייסט אָפּ שטיקער פלייש פונם סעמען. מיט די לעצטע כחות שווימט דער פיש פאַר טויזנט מייל קעגן דעם שטראָם און געפינט דעם זאַמדיקן ברעג, וואו ס'לייגט די אייעלאַך. די קינדערלאַך פישעלאַך האָבן דאָך געמעגט ירשה'נען דעם שרעק פון דער מוטער און זוכן אין משך פון דורות אַ רו־איקערן פּלאַץ — אָבער ניין.

אָדער קוקט זיך צו. אַט איז דער האָניק בין אַן גרעניצן אַרבעטזאַם. בעת דער פאָטער פון אַזאַ בין איז פויל ווי אַ קלאָץ, און די מוטער, די קעניגן, ווייסט בכלל ניט פון אַרבעט. זי ווערט אפילו געקאָרמעט גלייך אין מויל אַריין מיט פאַרדייטע שוין שפּייז. אַלע דריי מינים בינען ווערן געבאָרן פון איין און די זעלביקע אייעלאַך, זייערע אונטערשיידן קריגן זיי פון עסן פאַר־שיידענע שפּייזן. וואו איז דאָ ירושה'שאַפט ?

ווען אַ קינד ירש'שנט אפילו אַ נייגונג צו אַ נעוראָז, צי אַ נייגונג צו אַ פּסיכאָז, קאָן עס דאָך אָפּלעבן דעם גאַנצן לעבן מיט דער דאָזיקער נייגונג און קיינמאָל ניט האָבן קיין אָנפאַל, אויב ס'שאַפן זיך נאָר ניט קיין גינסטיקע אומשטענדן, אויב ס'מיידט, אַ דאַנק אומשטענדן, אוים די "גריבער", וואָס זיינען אַ גרויסע סכנה פאַר זיי. מחמת די טענדענצן, וואָס אַזוינע קינדער טראָגן אין די בלוטן. דר. וויליאַם ע. בלאַץ זאָגט, אַז "נאָך 10 יאָר אונטערזוכונגען אין שולן און אינסטיטוציעס האָב איך קיינמאָל ניט באַגעגנט אַ פאַל, וואו די אומשטענדן, די סביבה, זאָלן ניט זיין די שולדיקע אין דער אָדער יענער "צרה" מיטן קינד".

אויב פון די פריסטע יאָרן אָן וואַקסט דאָס קינד אין א ראַציאָנאַלער און געזונטער, און א נאָרמאַלער פאַרן קינד סביבה, וועט דער לעבנסוועג פון אַזאַ קינד זיין געזיכערט פון אַזוינע צופאַלן, וואָס פירן אים אין טורמע, צי אין א היים פאַר גייסטיק קראַנקע". "45 בחורים'לאַך, אונטער 20 יאָר אַלט, האָט דר. בלאָץ עקזאַמענירט אין קינגסטאָנער (אָנטעריאָ, קאַנאַדע) תפיסה און אויסגעפונען, אַז אומשטענדן האָבן זיי געבראַכט אַהין", אָבער בשום אופן נישט, ווייל זיי האָבן גאָר עפּעס וואָס גע'ירש'נט פון זייערע עלטערן, צי פון זייערע אור־עלטערן". אומשטענדן רופן אַרויס און קאָנען "פאַרשיטן" דאָס גע'ירש'נטע.

כ'קאָן מיך נישט אַריינלאָזן אין געבן עצות אויך איבער דער פיזישער זייט פון דערציאונג. כ'וועל אָבער דאָך ברענגען א פּאָר ביישפּילן כדי אָנצוצייגן, כדי צו ציען אויפמערקזאַמקייט פון עלטערן און דערציער, כדי צו ווייזן, אַז אויך דאָס דאָזיקע געביט איז היבשלאַך פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. אין דעם זין וואָלט איך גרייט געווען צו באַשולדיקן אונזערע דאָקטוירים, וואָס פירן נישט אָן קיין גענוגנדיקע אויפקלערונג אַרבעט.

עלטערן שרעקן זיך, וואָס זייער א קינד שוויצט א סך. נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך. די הויט פון אונזער גאַנצן קערפּער איז אָנגעפּיקעוועט מיט שוויץ דריזן. זיי זיינען אין די מיליאָנען. יעדער דריז האָט א קאַנאַלכעלע, וואָס זיין עפענונג קומט אַרויס "אין דרויסן". טראָפּנס שווייס איז א פליסיקייט, וואָס איז "צענויפגעלאָפן", "צענויפגעפלאָסן" פון אַלע שוויץ־דריזן־מיילכעלאַך. דאָס איז וואַסער, 99 פּראָצענט וואַסער. דער פּראָצעס פון שוויצן נעמט אַוועק פון קערפּער א סך היץ, מען פילט זיך א סך בעסער נאָך אַזאַ "באָד". דער מענטש עלעמינירט א סך וואַסער פון זיין קערפּער דורכן שוויצן. פּראָפּאָרציאָנעל כמעט פּונקט אַזוי פיל, וויפל מיטן נאַטירלאַכן שלאָגן וואַסער. שוויצן עלעמינירט איבעריקן וואַסער, איבעריקע היץ, רעגולירט, הייסט עס, די טעמפּעראַטור פון קערפּער, און נישט נאָר דאָס. מיטן שוויצן עלעמינירט דער מענטש א סם אַזאַ — יוריאָ. איז טאַקע נויטיק אַז די הויט פונם קערפּער זאָל תמיד

זיין ריין, כדי דער שמוץ זאָל ניט פאַרשטאָפּן די "מיילכעלאַך" פון די קאַנאַלעכלאַך.

מעגן מיר אויך וויסן, ספּעציעל איז דאָס וויכטיק פאַר אונז אין אַמעריקע, וואָס דאָס לויפן איז ניט נאָר א ספּאָרט, נאָר שיעור ניט א משוגעת, אַז לויפן איז געזונט, אָבער לויפן איבער די כחות איז גאָר ניט געזונט. פון לויפן איבער די כחות שאַפט זיך אין קערפּער פונם מענטשן א געוויסער סם. שוחטים און בהמות־הענדלער, וואָס ווייסן פון דעם, לאָזן א בהמה זיך גוט אויסרוען איידער זי שחט'ן זי, אויב זי איז שטאַרק פאַרמאַמערט. אפשר דערקלערט זיך מיט דעם דער פאַקט, וואָס אָקסן, וואָס זיינען ניט געוווען אין דער אַרבעט, און בהמות, וואָס האָבן זיך נאָך ניט געקעלבט קאָסטן טייערער, משמעות איז זייער פלייש געזונטער, אָן א שפּור פון דעם דאָזיקן סם. אפשר האָט מיט דעם זעלביקן געזעץ צו טאָן דער פאַקט, וואָס אונזערע באָבעס פלעגן געבן א הון טרינקען, איידער מען פלעגט זי קוילענען — זאָל זי זיך אויסרוען, זאָל זי עלימינירן דעם סם, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבן בעת'ן יאָגן זיך נאָך איר. יאָ, דאָקטוירים האָבן געמעגט פירן א ברייטערע אויפקלערונג. דאָך מעג אונדאַרף דער דאָקטאָר ווערן אייער נאָענטסטער, נאָכן לערער, פריינט.

כ'קום צום סוף פונם דריטן בריוו צו אייך, ליבע מוטער, איז זעט, כ'בעט אייך, אויב איר באַמערקט אין אייער קינד א "שלעכטע" לויט אייער מיינונג, געוואוינהייט, מאַכט בעסער פון דעם גאָר קיין וועזן ניט, רעדט גאָרניט וועגן דעם, איידער איר זייט געוווען מיטן קינד ביים דאָקטאָר. שרעקט ניט ס'קינד, ווען איר באַמערקט א שלעכטע געוואוינהייט, שטראָפט ניט, סטראַשעט ניט, בייט סביבה, אומשטענדן, וואָס האָבן אפשר געבראַכט צו דער געוואוינהייט. באַשולדיקט קיינעם ניט אין דער צרה, ספּעציעל טוט עס ניט אין קעגנוואַרט פון קינד, דער־ציילט ניט דעם לערער. סיידן ער אָדער זי איז אַן אויסנאַם מענטש און האָט א געבאָרענעם חוש פאַר דערציאונג. מוטיקט דאָס קינד, "באַמערקט", אַז ס'ווערט בעסער, איבערצייגט, אַז

ס׳וועט עלטער ווערן וועט דאָס פארשווינדן, פאראינטערעסירט דעם אין וועלכער עס איז ארבעט, רעדט מיטן קינד וועגן דער שלעכטער געוואוינהייט (מאכט אָבער ניט קיין ווערן פון דעם), אָבער אין א מאָמענט, ווען דאָס קינד איז גענייגט אייך צו הערן, און ענדיקט דעם שמועס מיט ליבע און צוטרוי צום קינד. שטעלט נאָר ניט קיין אנדערע קינדער ארויס, ווי מוסטערן. וועט איר אָבער עס אָנהייבן צו פעסטשען, מחמת איר ווילט מיט גוטן אָפּגעוואוינען עס פון דער שלעכטער געוואוינהייט, וועט איר ארויסווייזן צופיל ליבע, וועט דאָס קינד זיך אָנהויבן צו קלאמערן אין דער געוואוינהייט, וואָס ברענגט אים פארגעניגן, וועט דאָס קינד אויסנוצן זיין שלעכטע געוואוינהייט פאר זיך, וועט דאָס קינדאין דער געוואוינהייט זען אן אבן־טוב, א בריליאנט און ציען פון דעם "פראָפיטן". דערציאונג איז א קונסט, דערציען דארף מען מיט שכל, גערעכט איז פאול מ. פיטמאן, וואָס שטעלט ארויס די פאָלגנדיקע עשרת הדיברות:

1) דו זאָלסט ליב האָבן דיין קינד מיטן גאנצן הארצן, מיט דער גאנצער נשמה, אָבער פארליר ניט דיין שכל, פארליר ניט דיין קאָפּ אינדער דאָזיקער ליבע.

2) קוק ניט אויף דיין קינד ווי אויף דיינס אן אייגנטום, נאָר ווי אַף מענטשן.

3) באטראכט ניט זיין דרך־ארץ און זיין ליבע ווי א מוז, נאָר ווי עפּעס, וואָס ס׳איז ווערט זיך צו פארדינען.

4) יעדעס מאָל, ווען דיין קינד האלט אין ארויסברייגנגען דיך פון געדולד דערמאָן זיך, אז אויך דו ביסט אמאָל געווען א קינד, אויך דו האָסט געהאט קאפריזן און געמאכט טעות׳ן, וועלכע דו דערמאָנסט איצט מיט א שמייכל.

5) זיי א העלד אין דיין קינדס אויגן.

6) געדיינקט, אז דיין ביישפיל רעדט מער, ווי דאָס בעסטע מוסר זאָגן און די גלענצנדסטע מאָראל דרשות.

7) סטארע זיך צו זיין א מייל־שטיין, א וועג־ווייזער אין וועג פון לעבן אנשטאט, א שטעקן אין ראָד.

8) לערן דיין קינד צו זיין זעלבסטשטענדיק און פריי.

9) לערן דיין קינד צו דערזען שיינקייט, צו זיין איידל, צו ליבן אמת און צו לעבן אין פריינטשאפט, דורך ביישפילן פון דיין אייגן לעבן.

10) פארוואנדל דיין היים אין א גן־עדן פון גליק, שטילקייט און צארטקייט פאר דיר, פאר דיין מאן, פאר דיינע קינדער, פאר דיינע פריינט און פאר די פריינט פון דיינע קינדער".

אנשטאט שרעק ברענגט בעסער וואָס מער רואיקייט דעם קינד. רואיקייט איז זון און טוי פאר דער נשמה פון קינד.

א רואיק און ריטמיש דערציילטע מעשה'לע קאָן בארואיקן דאָס קינד און פארזיכערן א זיסן געזונטן שלאָף. האָבן שוין אונזערע עלטער זיידעס און עלטער־עלטער באָבעס בחוש געפילט דעם ווערט פון רואיקייט און זיכערקייט. דאָס קריאת־שמע "לייענען", די מזוזה קושן פארן שלאָפן, דאָס זינגען דעם קינד א שיין לידעלע פארן שלאָפן דייטן עס אָן. א שיין צארט לידעלע, בארואיקט, באגייסטערט דאָס קינד, ברענגט עס אריין אין א דערהויבענער שטימונג, און וועקט אינם קינד אויף אוצרות פרייד און גליק. בכלל אונטערשאצן דערציער, טאטעס און מאַמעס דעם ווערט פון מוזיק, פון נגינה. זינט די קינאָ־טעאַטער האָבן גענומען ווייזן רעדעוודיקע בילדער, זינט ס'זיינען אין די קינאָס אָפּגעשאפט געוואָרן די ארקעסטרעס־מוזיק, האָבן 90 פּראָצענט און אפשר נאָך א גרעסערער פּראָצענט טאטעס און מאַמעס אויפגעהערט צו געבן קינדער מוזיקאלישע דערציאונג. דאָס תכלית־געפיל איז עס פריער געווען דער פאקטאָר, וואָס טאטעס און מאמעס פלעגן זיך שניידן אָני האלז און קויפן פּיאַנאָס און פידלען. היינט שטייען די דאָזיקע מוזיקאלישע אינסטרומענטן פאר'יתום'ט . . . שוין צייט אָפּצושאצן דעם ווערט פון מוזיק און טענץ פאר דער נשמה פונם קינד. כ'האלט, אז אין דער אידישער שול דארף נגינה פארנעמען פונקט אזא בכבוד'יקן פלאץ, ווי אידיש, ווי געשיכטע, ווי ליטעראטור און א. וו. יעדער לערער און יעדער שו טוער, וואָס באזוכט אָפּט א שול, וועט אייך דערציילן פון הונדערטער פאלן, אין אזוינע שולן, וואו די לערער פארענדיקן יעדן טאָג לימוד מיט א לידעלע, האלטן די קינדער אין איין זינגען אפן וועג אהיים, לויכטן קינ־

דער אויף, ווען מען הייבט אָן זינגען לידעלאך. כאַראַקטעריס־טיש איז אויך דער פֿאַקט, וואָס, ווי ווייט אַ קינד זאָל ניט זיין פֿונם אידישן לעבן, זינגט עס אַ חסידישן ניגון מיט ברען און מיט פֿרייד. כ׳קאָן אַ שול, וואָס איז יאָרן געווען אַ טענדענציעז־סאָציאַליסטישע שול, וואו דער לערער פֿלעגט אָבער יאָר־איין, יאָר־אויס זינגען מיט די קינדער זייער אַ סך חסידישע לידער, צופּאַסנדיק צו די ניגונים פּאַסיקע פּאַרן גייסט פֿון דער שול ווערטער. די דאָזיקע לידער פֿלעגן זיין פֿון די באַליבסטע, און אפֿשר האָבן זיי געפּלאַנצט אַ סך מער גייסט, ווי די לימודים . . .

הערבערטספּענסער איז טאַקע געווען אַ גרויסער פֿילאָזאָף און פּסיכאָלאָג, אָבער פֿאַר זיין צייט. אַ חוץ דעם מעגן מיר ניט אַלץ נעמען, אפֿילו פֿונם גרעסטן פֿילאָזאָף. הערבערט ספּענסער האָט מוזיק, האָט נגינה ניט צוגעטיילט דעם בכבוד׳יקן אָרט צווישן לימודים, וואָס דאַרפֿן אַ קינד געגעבן ווערן. פּלאַטאָ האָט געהאַט אַן אַנדער מיינונג. פּלאַטאָ האָט געהאַלטן, אַז מו־זיק דאַרף זיין דער וויכטיקסטער קעגנשטאַנד אין אַ שול. ער האָט געהאַלטן, אַז ניגונים האָבן זייער אַ שטאַרקע ווירקונג אױף דער נשמה פֿון אַ קינד און גע׳עצה׳ט, אַז מען זאָל זינגען מיט קינדער נאָר אַזוינע ניגונים, וואָס דריקן אויס און וועקן מוט, גרייטקייט, פֿרייד און דערהויבענע געפֿילן. פּלאַטאָ האָט גע־לערנט, אַז אונזער לעבן איז פֿול מיט ניגונים און ריטם. יעדער מענטש ענטפֿערט אויף יעדער סיטואַציע מיט פּאַסיקע פֿאַר דער סיטואַציע ריטמישע באַוועגונגען מיטן פּנים, מיטן קערפּער און אַ. וו. ניט נאָר דאָס. ביי געוויסע סיטואַציעס רעדט דער מענטש מיט פּאַסיקע פֿאַר דער דאָזיקער סיטואַציע ניגונים. אין אַ שטי־מונג פֿון טרויער ווערלן פֿריילאַכע ניגונים נערווירן אַ מענטשן און טרויעריקע צערטלען און באַרויקן, דער מענטש ווערט פֿון זיי שטאַרקער ווינען, גיסן מער טרערן און אַזוי נייטראַליזירן זיין ווייטיק, זיין טרויער

יאָ, גערעכט איז דריידן, וואָס זאָגט, אַז "מוזיק קאָן דער־הויבן אַ לעבעדיקן מענטשן ביז צו די הימלען און קאָן אַראָפּ־ברענגען אַ מלאך פֿון הימל" (דריידן). מוזיק קאָן אויפֿוועקן אינעם קינד די צאַרטסטע סטרונעס. גערעכט איז קיטס, וואָס

זאָגט, אז "אַן אויסגעזונגענער ניגון איז זיס, נאָך זיסער איז א נאָך ניט אויסגעזונגענער ניגון, וואָס יורט אין נשמה פון א מענטשן" (קיטס).

כ'האָב אמאָל דעמאָנסטרירט און באוויזן פאר א בעל מנגן און מוזיקער א קינד, 18 חדשים אלט, וואָס פלעגט זיך צעוויינען, ווען מ'פלעגט פאר אים אויפזינגען א טרויעריקן ניגון. כ'האָב צענדליקער מאָל געזונגען פארשיידענע ניגונים פארן קינד, עס פלעגט ארויסווייזן גוואלדיקן פארגעניגן, ווי כ'פלעג נאָר אויפזינגען א טרויעריקן ניגון פלעגט דאָס קינד זיך גלייך צעוויינען. כ'בין חושד געווען, אז דער אָדער יענער ניגון וועקט אפשר אויף א געוויסן קאָמפלעקס אין דער נשמה פונם קינד, א געוויסע סיטואציע, א געוויסע שרעק, פלעגט אָבער דאָס קינד זיך צעוויינען ביי יעדן טרויעריקן ניגון. יאָ, ניגונים האָבן א שטארקע סטימולירנדיקע ווירקונג אויף דער נשמה פון קינד. יאָ, א גינון! זינגט דאָך א ניגון ארויס פון יעדער האנדלונג אונזערער, פון יעדן ריר אונזערן.

זאָל אָבער אונזער "היים-ניגון", אונזער היים-גייסט, זיין א מוטיקער. א מענטשלאך-זיכערער. ס'איז קיינמאָל ניט שפעט! זאָל דער גייסט פון טעניסאָנס "יוליסעס" זיין פאר אונז א פאָר בילד. זאָל זיין רוף צו א נייער וועלט ווערן אונזער רוף צו שאפן א נייע היים, א נייעם גייסט אין שטוב. "קום, מיין פריינט, ס'איז קיינמאָל ניט שפעט! שטופּ אָפּ דיין שיפעלע (דאָס לעבן) פון ברעג, שטעל זיך אויף, דערלאנג מיט דער וועסלע איבער די שוימיקע כוואליעס, — און מוטיק, בראוו פאָראויס, פאראויס אין די העכסטע הימלן". "מעגלאך, אז די כוואליעס זאָלן אונז איינשלינגען, מעגלאך, מירן לאנדן אין די טיפסטע תהו-מות", מחמת מיר האָבן שוין ניט די כחות פון אמאָל: — לאָמיר אָבער שמידן אונזער גרייטקייט און אייניקן אונזער דראנג און די בענקשאפט — זאָל קיין וועג ניט פירן אָפּ צוריק, לאָמיר קעמפן, זוכן און מיר ווען זיגן! ("יוליסעס", טעניסאָן).